STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00321

MAYN LEKSIKON

Melech Ravitch

Permanent preservation of this book was made possible by
Harriet Wasserman Literary Agency, Inc.
in honor of
Hildegarde Zuckerman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מײַן

לעקסיקאָן

★

ייִדישע שרײַבערס, קינסטלערס, אַקטיאָרן, אויך כלל־טוערס אין די אַמעריקעס און אַנדערע לענדער

פון

מלך ראַוויטש

ביכער־סעריע פון וועלטראַט
פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור

ישראל — תל־אביב 1982

מײַן לעקסיקאָן

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון:

קרן־זכּרון פאַר ייִדישער קולטור, ניו־יאָרק;

נאַציאָנאַלער קאָמיטעט פאַר ייִדיש בײַם קאַנאַדער ייִדישן קאָנגרעס.

וועלט
ראַט
פאַר ייִדיש
און ייִדישער
קולטור

מלך ראַוויטש

מײַן לעקסיקאָן

ייִדישע שרײַבערס,
קינסטלערס, אַקטיאָרן,
אויך כלל־טוערס,
אין די אַמעריקעס
און אַנדערע לענדער

* * *

באַנד IV

בוך II

פאַרלאַג י.ל. פּרץ ישראל

אַרויסגעגעבן פון וועלטראַט פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור

תל־אביב — 1982

MY LEXICON
by Melech Rawitch

Pen portraits of Jevish Writers and Artists
in the Americas and other Countries

I. L. Peretz Publishing House, 14, Brener Str., Tel-Aviv

פאַרלאַג י. ל. פרץ, ברנר 14, תל־אביב

געבראַכט צום דרוק:
ישראל רודניצקי

הילע, שער און טיטלען —
ווי די ערשטע דריי בענד

©

Printed in Israel 1982

דפוס „אורלי" — פרידמן, תל־אביב, טלפון: 332062

זוכצעטל

זײַט

7 זישאַ לאַנדוי
11 רייזל לאַנדוי
13 הרב הכולל פּראָפ׳ ד״ר יהודה לייב לאַנדוי
16 א. לוצקי
20 מלכּה לי
23 חיים ליבערמאַן
28 ה. לייוויק
32 אַ. ליעסין
35 פּראָפ׳ סאָלאָמאָן ליפּצין
38 לייבוש לעהרער
40 ליפּע לעהרער
42 מלך לעוו
45 יוסף הלל לעווי
48 יעקב לעווין
50 שמעון לעווין
52 אַ. לעיעלעס
56 יוסף לעפּטוויטש
59 דוד לערמאַן
62 פּראָפ׳ אַרטור לערמער
66 יעקב לעשטשינסקי
69 זוני מאָוד
72 איידע מאַזע
75 מאַני לייב
79 ד״ר שמואל מאַרגאָשעס
82 יודל מאַרק
84 אַברהם מאָשקאָוויטש

זײַט

87 ישראל מדרש
89 ד״ר א. מוקדוני
92 לואי מיולסטאַק
94 שלמה מיכאָעלס
97 דער בלינדער מינץ
100 הערש מינץ
104 נחום ברוך מינקאָוו
108 פּרץ מיראַנסקי
111 אַברהם מענעס
114 יעקב מעסטעל
117 קלמן מרמר
120 משה נאַדיר
123 פּראָפ׳ ד״ר עזריאל נאַקס
125 שמואל ניגער
130 מענדל נייַגרעשל
132 אַהרן ניסענזאָן
134 בן — אַ. סאָכאַטשעווסקי
138 ד״ר מענדל סודאַרסקי
141 י. י. סיגאַל
145 ד״ר אַהרן סינגאַלאָווסקי
147 יואל סלאָנים
150 משה עובד
153 מענדל עלקין
156 ישראל עמיאָט
160 ד״ר עמנואל פּאַט
164 אַהרן פּאַטקין
167 ראָזע פּאַלאַטניק

זײַט

169 גרשון פּאָמעראַנץ
172 חיים פּעט
175 דניאל פּערסקי
179 לעאָ־לײב פוקס
182 לײב פײַנבערג
184 לײבל פעלדמאַן, רחמיאל פעלדמאַן
187 איציק פעפער
190 דוד פּראַם
193 ד״ר הערמאַן פראַנק
196 ד״ר פיליפּ פרידמאַן
199 צביון (ד״ר בן־ציון האָפמאַן)
202 סטעפאַן צווײַג
205 לײזער צוקער
207 א. ב. צעראַטאַ
210 לעאָן קאָברין
213 אב. קאַהאַן
218 יאָסל קאָטלער
221 שמערקע קאַטשערגינסקי
224 אַרטור קאָלניק
227 מאַנע קאַץ
230 פּיניע קאַץ
233 ד״ר אַברהם קאַראַלניק
236 ה. מ. קײזערמאַן
239 יקותיאל קיסין
242 ד״ר יוסף קיסמאַן
244 קעהאַס קליגער
247 אַ. מ. קלײן
251 בערטע קלינג
254 אסתּר קרײַטמאַן
257 לעאָן קרישטאָל
260 פּראָפ׳ ד״ר אַברהם אַהרן ראָבאַק
264 ישראל ראַבינאָוויטש
267 משה ראָזענבערג

זײַט

269 יונה ראָזענפעלד
272 לײזער־לעאָן ראָזענשטײן
276 שמואל ראָזשאַנסקי
279 יוסף ראָלניק
282 יהושע ראַפּאָפּאָרט
284 משה רובין
287 רות רובין
289 י. ח. רובינשטײן
292 ה. רויזענבלאַט
297 ב. ריווקין
200 אַברהם רײזען
302 שכנא סאָלאָמאָן רעזניק
305 לאַמעד שאַפּיראָ
308 משה מ. שאַפּיר
311 ד״ר יעקב שאַצקי
315 ד״ר חיים שאָשקעס
317 י. י. שוואַרץ
322 מאָריס שוואַרץ
327 מאַרק שווייד
331 אסתּר שומיאַטשער־הירשבײן
335 א. ל. שוסהײם
338 אַנשל שור
341 אַבא שטאָלצענבערג
344 ד״ר יצחק נחמן שטײנבערג
347 נח שטײנבערג
351 אַ. נ. שטענצל
355 מרדכי שטריגלער
357 שלמה שמולעוויץ
360 זלמן שניאור
364 לײב שפּיצער
366 צבי שפּיצער
369 משה שמואל שקלאַרסקי
371 יצחק שרײַער
374 תּלוש

זישאַ לאַנדוי

געבוירן אין יאָר 1889 אין פּלאָצק. אין יאָר 1906 געקומען קיין אַמעריקע. געשטאָרבן אין יאָר 1937.

אין די ערשטע יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, בשעת דעם לאָנ־דאָנער „בליץ", האָט אַן עראָפּלאַן געבראַכט אַ טראַנספּאָרט קינדער־פּליטים קיין מאָנטרעאָל. האָט מען די קינדער אויסגעפרעגט וועגן זייערע טאַטעס. האָט מען איין בלאָנדהאָריקן, דיקלעכן, קלוגאויגיקן, פון דער זײַט אויף אַלץ קוקנדיקן ייִנגל געפרעגט:

— און וואָס טוט דײַן פאָטער?

דער ייִנגל האָט זיך אַ ביסל באַליידיקט און געענטפערט מיט ווערדע:

— מײַן פאָטער טוט גאָרנישט, מײַן פאָטער איז אַן אַריסטאָקראַט...

זײַן אַן אַריסטאָקראַט אַן קיינעמס שאָדן, אַן עקספּלואַטירן, אַן צו זײַן אַ ציניקער — האָט אין זיך אַ טיפע פילאָסאָפישע שליחות. אַ טיפע, מאָראַלי־זירנדיקע שליחות. עס דערמאָנט, אַז אייביק האָוען, שמײַען, זײַן פאַרנומען, שטרעבן, גיין, שטויסן, קעמפן איז נישט דאָס סאַמע קליגסטע. מען דאַרף דאָך אַ מאָל געניסן אויך. ווי יענער קלוגער רבי האָט געזאָגט: „אַז דו וועסט אייביק לערנען — ווען וועסטו צײַט האָבן צו קענען?

זישאַ לאַנדוי איז געווען דער אַריסטאָקראַט פון דער ייִדישער ליטעראַטור. איר ערשטער אַריסטאָקראַט, און — שטראָף מיך נישט גאָט — ביז איצט נאָך אַלץ דער איינציקער. אויך נאַדיר האָט זיך געשניטן אויף אַן אַריסטאָ־קראַט, אָבער ער האָט פאַרבלאָנדזשעט, זיך פאַרפּלאָנטערט. זישאַ לאַנדוי האָט קיין מאָל נישט געבלאָנדזשעט, זיך נישט פאַרפּלאָנטערט — ער איז געבוירן געוואָרן אַן אַריסטאָקראַט בפועל־ממש — רביש בלוט פון שענסטן פּוילישן ייִחוס — און ער איז געשטאָרבן אַן אַריסטאָקראַט.

טאָמאַס מאַן, אין זײַן יוסף־סעריע, באַשרײַבט אונדזער מאַמע רחל, בת לבן, ווי אַן אַריסטאָקראַטקע, צוליב איר מיטגעבוירענעם געפיל, אַז איר איז באַשערט צו לעבן קורץ. אויך זישאַ לאַנדוי איז — איצט פאַרשטייען מיר עס ערשט — מיט דעם געפיל געבוירן געוואָרן. און גורל האָט געהאַלטן וואָרט. האָט זיך שטאַרק געאײַלט אים צוצונעמען. אַ פאַלנדיקער שטערן לאָזט איבער נאָך זיך אַ זילבער־שטראַלנדיקן שטריך דורך אַ האַלבן הימל. כאָטש געדויערן געדויערט עס אַ רגע — אין אונדזער אינערלעכער ראיה לײַכט עס לאַנג־לאַנג. אַזוי איז עס מיט דעם זילבער־שטראַלנדיקן פּאַס ליכט, וואָס עס לאָזט איבער נאָך זיך אַ פּרי געשטאָרבענער אמתער דיכטער. און אַזוי לײַכט און לײַכט און וועט לײַכטן, ווי לאַנג דאָס ייִדישע ליד וועט לײַכטן, דער פּאַס פון

זילבער־ליכטיקער שײנקײט, װאָס עס האָט איבערגעלאָזן אין דער ייִדישער ליטעראַטור — זישאָ לאַנדוי.

אַן אַריסטאָקראַט.

ער האָט געקענט זײַן זײער בײז צוליב אַ נאַרישקײט. איך האָב אים אַ מאָל, אין אַ געזעלשאַפט אין אַ קאַפע, צוגעשיקט אַ צעטל און צוליב אַ קאַפּריז אַדרעסירט אומישנע גרײַזיק: זישע לאַנדע. ער איז געװאָרן אש־להבה און האָט — מײַנענדיק, אַז איך װײס נישט װי מען לײגט אױס זײַן נאָמען — מיר דעם צעטל, אײַנגעקנײטשטערהײט, אַ װאָרף געטון צוריק. איך האָב צוריקגעשיקט אַן אַנדער צעטעלע: — נאַרישער חכם װאָס איר זענט, זישאָ לאַנדוי, װי האָט אײַך אין אײַער שלמה המלך־אחשורוש־קאָפּ געקענט גאָר אײַנפאַלן, אַז איך װײס נישט װי מען לײגט אױס אײנעם פון די שענסטע דיכטער־נעמען אין דער ייִדישער ליטעראַטור? זישאָ לאַנדוי איז געװען אין זיבעטן הימל פון די זיס־זאַלציקע קאָמפּלימענטן, װאָס האָבן אַזױ צוגעטראָפן צו זײַן קוהלתישער אײדל־אײטלקײט, אַז ער האָט זיך אַזש מיט מי, מיט זײַן גאַנצער לײַביקער — און אױך מילד־לײַבישער — שװערקײט דורכגעשטופּט דורך די ענגע שטולן און מיך איבערגעבעטן און געקושט. ער האָט אַזױ װוּנדערלעך געקענט פּײַנט האָבן אָן שינאה, ליב האָבן אָן פּאַרליבט זײַן, בײזערן זיך אָן כּעס, לױבן אין הימל אַרײַן אָן חניפה און אָן דער פּאַרזיכערונג, אַז מאָרגן װעט ער עס נישט צוריקציִען. אַריסטאָקראַטן זענען פול מיט קאַפּריזן און קענען עס נישט פאַרטראָגן, אַז מען איז מסופּק מכּוח דער דאָזיקער פּריװילעגיע זײערער.

אין זײַן ניו־יאָרקער שטוב, פול מיט ביכער פון חברים — אָבער נאָר פון יענע, פון װעלכע ער האָט געהאַלטן — און פול מיט ספרים פון זײדעס און עלטער־פּעטערס, רבישע מחברים — האָט זישאָ לאַנדוי געהאַט אױך אַ שלל מיט רעליקװיעס און טראַדיציאָנעלע מכשירים און אױך סתּם טראַדי־ציאָנעלע צאַצקעס, חנוכּה־לעמפּלעך און בשׂמים־ביקסלעך, און אױך אולטראַ־מאָדערנע עקספּרעסיאָניסטישע בילדער און קונסטזאַכעלעך. און ער פלעגט גערן זײַנע געסט װײַזן דאָס אַלץ מיט אַ שמײכל — װי אַ רעגן־בױגן איבער אַ האַלבער װעלט מיט שטח און מיט צײַט — הכּל הבל. אַז סײַ װי װעט מען שטאַרבן יונג... און אַז מען װעט אַפילו לעבן אַזױ לאַנג װי מתושלח, איז עס אַלץ נאָך אַ צל עובר קעגן דעם אמתן אמת. װוּ איז טאַקע דער אמת? איז ער בכלל דאָ? דער אמת איז אין הײַנט, איצט, אותו רגע... ער האָט עס נישט געמײנט, ער האָט געשפּילט אַזױ. און ער האָט זיך אָנגעטון אַ װײַס פאַרטעך און האָט גענומען פּרעגלען לאַטקעס פאַר די געסט — און גײן קיך־אַרײַן און קיך־אַרױס און מיט אים זײַן רײזל, און אַז אַ סך געסט זענען געװען, און לרובֿ זענען געװען אַ סך געסט, האָבן אױך די חנװדיקע טעכטער געמוזט שפּילן

קוכערקעס און קעלנערקעס. און זישאָ לאַנדוי האָט אַזוי געמעגט הנאָה האָבן פון אַ סך און זיס און פעט עסן, פונקט ווי אַלע האַרץ־קראַנקע מעגן עס. און ער האָט געוווּסט דערפון. אָבער סײַ ווי איז געווען גורל — און די שפּיל סײַ ווי אַ פאַרלוירענע...

ער האָט ליב געהאַט — זישאָ לאַנדוי — צו געבן עצות חברים שרײַבער, ווי אַזוי אָפּצונאַרן דעם מולך פון פּרנסה, וואָס פרעסט מענטשן לעבעדיקערהייט אין אַמעריקע בכלל און יידישע שרײַבערס בפרט — אַ קאָפּ אַ טאָג. און אויך זיך אַליין האָט ער אַזאַ עצה געגעבן. אין איין שיינעם טאָג איבערגעלאָזן דאָס זינגעוודיקע פּאַך פון אַ שטובן־מאָלער און לײַטער־קריכער און געוואָרן אַ פּובליסיטי־שרײַבער — דער ערשטער צווישן חברים — פאַר יידישע ווילטע־טיקע געזעלשאַפטן. און אויך מיר האָט ער געוואָלט פאַרשאַפן אַזאַ גרינגע פּרנסה און האָט מיט מיר אַפילו וועגן דעם איבער ימים קאָרעספּאָנדירט. דאָס איז געווען אַזאַ ספּאָרט בײַ אים. ער פלעגט ליב האָבן צונויפפירן שרײַבערס מיט רעדאַקציעס. ער — און נישט קיין אַנדערער — האָט צונויפגעפירט י. י. זינגערן מיט אב. קאַהאַנען. אַ ליטעראַריש־רעדאַקציאָנעלער זיווג, וואָס האָט געמאַכט יידישע ליטעראַטור־געשיכטע.

און כאָטש צו אַ פערזענלעכער כאַראַקטעריסטיק געהערן אפשר נישט ליטעראַרישע מעלות און חסרונות — לאָמיר פון דעסטוועגן צוגעבן אַ פּאָר זישאָ לאַנדוישע יידיש־ליטעראַרישע ערשטנס:

(און ער האָט דאָס אַלץ געטון אַזוי דרך־אַגבדיק — מיט אַזאַ גאַלאַנטן זשעסט).

ווער האָט דער ערשטער געוואַגט צו רעדוצירן מאָריס ראָזענפעלדן צו איין בלעטל אין אַן אַנטאָלאָגיע — נישט רעדוצירנדיק פאַקטיש דעם גאון פון ליד, אָבער אויפהויבנדיק דערמיט צו געהעריקער הייך און ווערדע דעם נײַעם דור דיכטער, די יונגע? — זישאָ לאַנדוי.

ווער האָט דער ערשטער אַרײַנגעפירט אין הויכקינסטלערישן ליד דעם חסידישן מאָטיוו, געבנדיק דערמיט אַ מין אייביקן קונסט־תיקון דער גרויסער טעמע? — ז. ל.!

ווער האָט אין טיפסטן נאַציאָנאַלן צער דערזען דעם אומקום פון דער יידישער ציוויליזאַציע, וואָס איר נאָמען איז שטעטל, יאָרצענדליקער פאַרן דריטן חורבן? — ז. ל.!

און לאָמיר אויך צוגעבן אַ שאָטן, אַ חסרון:

ווער האָט נישט באַנומען די געשטאַלט פּרץ און אים אָנגערופן „דער וואַרשעווער ליטעראַט"? — ז. ל.!

אין סך־הכל:

— וואָס האָט ער געטון, זישאָ לאַנדוי, אין די דרײַסיק יאָר זײַנע אין ניו־יאָרק?

— ער האָט גאָרנישט געטון, ער איז געווען אַן אַריסטאָקראַט — — —

אָבער מיט זײַן גאָרנישט טון האָט ער מער באַווירקט דעם גאַנג פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט, ווי איינער וואָס מויערט אָן יעדן טאָג אַ טויזנט ציגל אין אַ בנין.

ער האָט עס געטאָן מיט חכמה, וואָס שפּילט אַ קינד.
און מיט ליבע, וואָס שפּילט גלײַכגילטיקייט.

1953

רייזל לאַנדוי

די אַלמנה נאָך זישאָ לאַנדוי — געשטאָרבן 31סטן אָק־טאָבער 1974 אין ניו־יאָרק.

זישאָ לאַנדוי, וואָס איז געווען קליגער פון זײַנע קליגסטע לידער, אינטע־רעסאַנטער ווי די אינטערעסאַנטסטע אַנעקדאָטן, וואָס קורסירן וועגן אים, איז געשטאָרבן צו די 46 אין יאָר 1936 אין ניו־יאָרק. ער איז געווען אַ רינג אין אַ גאָלדענער קייט פון רבנישן יחוס און האָט איבערגעלאָזן נאָך זיך גאָלדענע רינגען — צוויי טעכטער, חיהלע און אסתּר, געראָטענע מיידלעך, ווי ס׳פּאַסט אין אַ משפּחה מיט טראַדיציע.

זישאָ לאַנדוי איז געווען אַ גרויסער און אַ דיקער און אַ חנעוודיקער און יאָרן לאַנג אַ האַרץ־קראַנקער און אַ פּוילישער, אַ פלאַצקער, און אַ באַרע־דעוודיקער און זייער אַ האַרציקער. ער האָט ליב געהאַט צו געבן אַ גוטע עצה און ער פלעגט די עצה געבן אַזוי ווי אַ רבי — אַן עצה מיט אַ ברכה: גיי און טו, אַזוי ווי איך הייס דיר, און דער רבונו־של־עולם וועט שוין העלפן. ער איז פול געווען מיט טראַדיציע, מיט נעכטן — נאָר לידער האָט ער געשריבן פון איבערמאָרגן... אַזוי האָט ער זיך נוהג געווען.

זישאָ לאַנדויס שטוב האָט געדאַרפט אַ פירונג און צו פירן אַזאַ שטוב איז נישט לײַכט געווען. דערצו האָט זישאָ לאַנדוי ליב געהאַט געסט און ליב געהאַט אַליין דאָס גענוס־רײַכע עסן און האָט ליב געהאַט, אַז אויך די געסט זאָלן עסן — איז דעריבער טאַקע נישט לײַכט געווען צו זײַן די פרוי פון זישאָ לאַנדוי. איז געקומען אַ ליטוואַטשקע דווקא — רייזל — און פונקט אַזוי אויפפאַלנדיק דראָבנע און קליין ווי זישאָ לאַנדוי איז געווען צעוואַקסן און גרויס, און געוואָרן די פערפעקטע פרוי פון דעם דיכטער. אין דעם קרײַז פון איר משפּחה האָט רייזל לאַנדוי אויסגעזען ווי די מיזינקע. און נאָר אַ דאַנק דעם אפשר — צוליב איר לײַכטקייט און פלינקייט איז זי אין שטאַנד געווען צו פירן אַזאַ שווערע שטוב. און נישט נאָר צו פירן די שטוב כּל־זמן זישאָ האָט געלעבט, נאָר זי אַרויסצופירן אויך פון דעם כאַאָס, אין וועלכן אַ שטוב פאַלט אַרײַן נאָך דעם טויט פון דעם געליבטן ראש פון דער משפּחה. זי האָט שוין מיט מזלביידע טעכטער צו דער חופּה געפירט. און געטרײַ צו דער טראַדיציע פון דער שטוב האָט מען אונטער די חופּות געלייענט פּסוקים פון די לידער פון זישאָ לאַנדוי — אַ נייער מינהג, און אַ שיינער דערצו.

זישאָ לאַנדויס שטוב האָט מען געהאַלטן פאַר אַ קלוגע און אַ טאַקטישע. דאָרט טאָר מען נישט רעדן קיין נישט איידעלע רייד, סיידן אין אַ העכסט ליטעראַרישן שמועס, ווען עס איז קינסטלעריש. דאָרט רויטלט מען זיך נאָך,

אַז מען זאָגט צופעליק אַרויס אַן איבעריק וואָרט. און כאָטש מער ווי דרײַ צענדליק יאָרן זענען די לאַנדויס געווען אין ניו־יאָרק און די טעכטער — נאַטירלעך דאָ געבוירן, דאָ באַקומען העכערע אויסבילדונג, האָט מען אין לאַנדויס שטוב גערעדט און מען רעדט נאָך נאָר יידיש. נישט צוליב שאָוויניזם, נאָר צוליב — ווײַל אַזוי און נישט אַנדערש איז דאָס.

און ווײַל טאַקע איז דאָ אין דער שטוב דאָס אייבערשטע געבאָט, האָט רייזל לאַנדוי געשריבן אירע לידער פאַר זישאָ לאַנדוי אין דער שטיל און בסוד־סודות. און אַזוי ווי עס וואָלט נישט טאַקטיש געווען צו פרעגן — צי זישאָ לאַנדוי האָט וועגן אָט די לידער געוווּסט — האָב איך קיין מאָל וועגן דעם נישט געפרעגט. באַקומען האָב איך די לידער פון איינער אַ פרוי צו איינעם אַ מאַן, אָבער איך האָב באַלד דערקענט, אַז די פרוי איז רייזל לאַנדוי און דער מאַן איז געווען זישאָ לאַנדוי, אָבער אַ צײַט לאַנג האָב איך מיך נישט־וויסנדיק געמאַכט. די לידער אַליין — לרוב עכטע פאָלקסלידער, און נאָך מער: עכטער מאַטעריאַל פאַר פאָלקסלידער. איצט איז שוין אַ טייל פון די לידער דערשינען אין דרוק, איז דאָס שוין אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד.

אַ קלוגער דיכטער דאַרף — בשעת ער פאַרליבט זיך און האָט חתונה — באַלד אַ טראַכט טון, ווי מען טוט אַן אַ ווײַסן קיטל צו אַ שׂימחה, — ווי אַזוי וועט עס אויסזען אַ טאָג נאָך זײַן טויט. און זישאָ לאַנדוי האָט — ווײַזט אויס — אַ טראַכט געטון. זײַן נאָמען לעבט ווערדיק מיט מיט רייזל לאַנדוי און וועט אַזוי זיך אויסלעבן ביז צום סוף פון אירע „הונדערט און צוואַנציק יאָר".

1939

הרב הכולל פּראָפעסאָר דאָקטאָר יהודה לײב לאַנדױ

געבוירן 1866 אין אַ שטעטל לעבן בראָד, געשטודירט און געװױנט אין אַ סך גרױסשטעט פון מערב־אײראָפּע און זינט 1903 אין יאָהאַנעסבורג, דרום־אַפריקע. געשטאָרבן דאָרט — סוף אויגוסט 1942.

פישל שניאורסאָן האַלט זייער שטאַרק פון פּױלישע ייִדן, ער זאָגט, אַז פּױלישע ייִדן זענען אַזוי ווי סענץ צו טיי. איין טראָפּן דערפון און אַ גאַנץ גלאָז וואַסער פאַרוואַנדלט זיך אין פײַנער, שמעקנדיקער טיי. דערפאַר — לויט דער טעאָריע פון שניאורסאָן — זענען אַזוי פיל פּױלישע ייִדן גײַסטיקע פירערס און רבנים אין די ווײַטסטע ייִדישע קהילות פון דער וועלט. שניאורסאָן איז אַ היסטאָרישער אולטראַ־אידעאַליסט און עס איז אים דעריבער אַפילו אין חלום נישט אײַנגעפאַלן, אַז דאָס איז דערפאַר ווײַל פּױלישע ייִדן, ווי אַלע ייִדן און מענטשן, זענען מאַטעריאַליסטן און זוכן פּרנסה, און אַזוי ווי בײַ די פּױלישע ייִדן איז געװען אַ היפּערפּראָדוקציע פון גײַסטיקייט און כּלי־קודש, האָבן זיי, פּשוט, געזוכט אַ שטיקל ברויט, אײַ דאָס איז געװען אַזאַ מין ברויט, וואָס כּבוד האָט זיך צו דעם אויך געקלעפּט — האָבן זיי זיך פון כּבוד אויך נישט אָפּגעזאָגט.

אויב יעדער פּױלישער ייִד איז אַ טראָפּן סענץ, איז פּראָפעסאָר דאָקטאָר יהודה לײב לאַנדױ, דער רב הכּולל פון יאָהאַנעסבורג, געװען אַ גאַנץ טשײַניקל מיט סענץ. פערציק יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער פאַרוואַנדלט די ייִדן פון דרום־אַפריקע — אין יאָר פון לאַנדױס טויט זענען זיי זיך שוין צעוואָקסן אין אַ ייִשוב פון אַריבער הונדערט טויזנט — אין גײַסטיקן גאָלדענעם טיי — און די ייִדן פון זייער זײַט האָבן פאַרוואַנדלט די גאָלדענע מעגלעכקייטן פון דעם גאָלד־צענטער פון דער וועלט אין אַ גוט, זאַט לעבן מיט אַזוי ווייניק גײַסט ווי מעגלעך.

י. ל. לאַנדױ איז אײגנטלעך נישט געװען קיין פּױלישער ייִד, ער איז געװען מער ווי דאָס, ער איז געװען אַ גאַליציאַנער. און דערצו אַ גאַליציאַנער אָנגע־שטאָפּט מיט גאַליציאַנער ייִחוס ביז אין זיבעטן דור אַרײַן. דער דרום־אַפריקאַנישער ייִדישער ייִשוב באַשטייט פון מער ווי נײַנציק פּראָצענט ליטוואַקעס, און ווי אַזוי די דאָזיקע נײַנציק פּראָצענט ליטוואַקעס — וועלף אין די אויגן פון אַ גאַליציאַנער שעפּעלע, און פאַרקערט — האָבן זיך געלאָזט פירן פון ד״ר לאַנדױ, איז אַ רעטעניש, וואָס דער נביא זאָגט פאַר אַזעלכעס נאָר אין די משיחס צײַטן. האָט אָבער גאָלד אַזאַ קראַפט ווי שניי — עס פאַלט און עס פאַלט און עס גלײַכט אַלעמען אויס.

אין יאָר 1931 בין איך געקומען קיין דרום־אַפריקע אין שליחות פון די ייִדישע פאָלקסשולן אין פּױלן. די ייִדישע פאָלקסשולן פון פּױלן זענען צוליב

אומפאַרשטענדלעכע סיבות געװוען אַלע מאָל אַ דאָרן אין אויג סײַ פון ציוניסטן און סײַ פון יאַהודים אין די װײַטע לענדער. און אַזוי װי לאַנדוי איז געװען אי אַ יאַהודי און אי אַ ציוניסט האָבן מיך חברים באַלד אויף דער ערשטער סטראַטעגישער זיצונג װעגן אָנפירן די קאַמפּאַניע אין דרום־אַפריקע געװאָרנט, אַז אונדזער ערשטע אויפגאַבע װעט זײַן צו נייטראַליזירן דעם רב הכולל. טון אַלץ, אַז ער זאָל נישט אַרויסטרעטן קעגן אָנפירן די אַקציע לטובת די ייִדישע פאָלקסשולן. און װי איבעראַשט זענען מיר געװוען, אַז דאָס פּרעזידיום פון דעם קאָמיטעט האָט מיך נאָך דער זיצונג באַגלייט צו דער שטוב, װוּ איך האָב געװוינט, װען די באַלעבאָסטע פון דער דירה איז אונדז אַנטקעגנגעלאָפן מיט גרויס כּבוד און פאַרסאָפּעט דערציילט:

— נאָר װאָס איז דאָ געװען דער פּראָפעסאָר לאַנדוי אײַך אָפּצושטאַטן אַ װיזיט און צו באַגריסן אין שטאָט — װי הייסט איר, מיסטער ?...

זי האָט גאָרנישט געװוּסט, װאָס פאַר אַ װאָזשנעם קװאַרטיראַנט מען האָט אָנגעדונגען בײַ איר. און זי האָט אויך נישט געװוּסט, די באַלעבאָסטע, אַז דאָס האָט נישט דער רב הכולל פון יאָהאַנעסבורג באַזוכט דעם פאָרשטייער פון די פּראָלעטאַריש־ייִדישיסטישע שולעס פון פּוילן, נאָר דאָס האָט אַ קאָלעגע באַזוכט אַ קאָלעגע — קאָלעגעס דיכטערס...

לאַנדוי האָט געהאַט — נאַטירלעך — זייער אַ גרויסן װיסן און ער איז געװען אַ מחבר פון אַ סך װערק אין אַלערליי שפּראַכן אויף אַלערליי ייִדישע געביטן. דאָס זענען נישט געװען װערק פון אַ שרײַבער, נאָר װערק פון אַ מענטש, װאָס האָט אַ סך װיסן און אַז ער זעצט זיך אַװעק, שרײַבט ער. אָבער אַזוי װי אַ געהיימע יוגנט־ליבע — איז אים נאָכגעגאַנגען זײַן חלום צו װערן אַ ייִדישער פּאָעט און דראַמאַטורג.

מײַנע חברים האָבן באַשלאָסן, אַז איך מוז װאָס גיכער אויסנוצן די סטראַטעגישע סיטואַציע און צוריקשטאַטן אַ העפלעכקייט־װיזיט דעם רב הכולל. און אויף צו איבער מאָרגן בין איך געװען אין זײַן רײַזיקער װילע. אַזעלכע װילעס האָט אין יאָהאַנעסבורג כּמעט יעדער ייִד, װאָס עס גייט אים גוט. עס איז געװען נאָך מיטאָג און אַלץ אַרום איז געװען זייער זאַט. דער זייער דיקער פּראָפעסאָר מיט דעם היפּשלעך פּעטן, שטאַרק ייִדישן הדרת־פּנים, און אויך די באָרד אַזאַ זאַטע, װי אַ גוט געפלעגטער בוים אין אַ רײַכן גאָרטן אין מיטן זומער. און אויך דאָס ביבליאָטעק־צימער, אין װעלכן לאַנדוי האָט מיך אויפגענומען, האָט ממש געפּלאַצט פון די בעסטע ביכער פון גאָטס װעלט, פול מיט גאָלדענע רוקנס, װי אַ האַרבסטיקער זאַטער שײַער פון גײַסט. און אַפילו דער נעגער־דינער בײַ דער טיר איז געװען אויסגערוט און זאַט און עס איז אים שוין אַפילו נישט לאַנגװײַליק געװען, אַזוי האָט ער זיך צוגעװוינט צו דער לאַנגװײַליקייט.

און נאָך אַ קורצן געשפּרעך וויל מיר לאַנדוי ווײַזן זײַנע ייִדישע דיכטערישע ווערק. ער פּרוּווט קריכן אויף אַ לייטער צוצוקומען צו יענעם ווינקל אין שאַפֿע וווּ עס דרימלט זײַן יוגנט־חלום. ער פֿאַרסאַפּעט זיך אָבער שוין אויפֿן ערשטן טרעפּל, רופֿט ער צו דעם נעגער און יענער גיט זיך פֿלינק אַ כאַפּ אַרויף און ברענגט אַראָפּ איינס נאָך איינס די ייִדישע דראַמעס פֿון דעם רב הכּולל... און דער רב דערציילט מיר אַפֿילו וועגן די אַקטריסעס, וואָס האָבן איינע פֿון די דראַמעס געשפּילט. אַקטריסעס וואָס נאָך איך האָב געטראָפֿן אויף דער בינע אין לעמבערג אין יאָר 1910.

א. לוצקי

געבוירן אין יאָר 1893 אין דימידאָווקע, ביי לוצק. אין יאָר 1914 געקומען קיין אַמעריקע. דעביוטירט אין 1917. אַרויס־געגעבן פיר לידער־זאַמלונגען. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק, דעם 13טן סעפּטעמבער 1957.

א. לוצקי — ווער איז ער? אויב נישט דער אָריגינעלסטער פון אַלע יידישע פּאָעטן, וואָס האָט די אָריגינאַליטעט פאַרוואַנדלט אין אַ טוגנט. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן זיין נאָמען באַגעגנט אין יאָר 1919, אין די „שריפטן", וואָס דוד איגנאַטאָוו האָט אין ניו־יאָרק רעדאַגירט. מיר האָבן די לידער זיינע געלייענט אין אַ קרייז פון יונגע שרייבערס און זיי האָבן ממש אַ בליאַסק געטון מיט נייזקייט. אַזעלכע לידער האָט נאָך ביז דעמאָלט קיינער נישט געשריבן — נישט אַזוי גוט, נאָר אַזוי אַנדערש. אַזאַ ראַפינירטע בילדערישקייט. אַ ליד וועגן אַ בוים און אַ בוימעכע אין פעלד, אָדער אַ זון מיט אַ רעגן — אין ליד אַזוי באַשריבן: „דער רעגן אין דער זון — אַ וועלט מיט גלעזערנע שטאַכעטן"... און אָט שטעלט זיך דער רעגן אין גאַנצן אָפּ און די זון קומט אַרויס און לאַאַאַכט: — ס'וועט נישט זיין קיין רעגן, בלויז געמאַכט אַ שפּאַס — — —

דער ערשטער איינדרוק איז אַ דעצידירנדיקער און ער איז געבליבן. די פּערזענלעכע באַגעגענישן האָבן אים בשום־אופן נישט געקענט מער אָפּווישן. אין אָט די פּערזענלעכע באַגעגענישן — אַלע אין ניו־יאָרק — האָט זיך לוצקי באַוויזן אין גאַנצן אַן אַנדערער. אַנדערש מיט וואָס? איך ווייס אַליין נישט. אַנדערש.

ביי לוצקין איז דאָ אַ ליד וועגן אַ שטיין אין פעלד, וואָס איז איין שטיק אומבאַוועגלעכער פּעסימיזם, וואָס רירט זיך נישט פון אָרט און וואַרט, אַז אַלץ זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין שטיין... און נעבן אים אַ שפּראָץ פון אַ בלימעלע, וואָס איז איין שטיק יום־טוב, ס'גאַנצע קורצע לעבן אירס. מיר האָט זיך געדאַכט — לויט דעם ערשטן רושם, אַז לוצקי איז פּערזאָניפיצירט אין דעם בלימעלע — דערווייל איז פאַרקערט. עפּעס אַן עגאָצענטרישע גרויקייט איז אַלע מאָל מיט אים מיטגעגאַנגען. עפּעס ווי ער וואָלט זיך אַליין פאַרשפּונען אין אַ קאָקאָן פון גרויע פּעדעם — אַזוי לאַנג ביז פּלוצלינג גיט אַ פּלאַטער פון אים אַן אויסטערליש פאַרביק זומער־פייגעלע, זיין אָריגינעל ליד... און געווען איז ער נישט קיין הויכער, און אַ ביסל אַ שווייגער און געהאַט האָב איך דעם איינדרוק, אַז ער שיקלט דאָ און דאָרט מיט די גרוילעכע אויגן און ער האָט אַ פּאָר פּאָקן־שטופּלען אויפן פּנים, און אַז ער מאַכט אַ וויץ — איז אַזוי ווי כּלאחר־יד און

ער לאַכט קיין מאָל נישט דערבײַ. צום מײנסטן אינטערעסירט אים אַ שמועס וועגן... לוצקין.

מײַסטערלידער בײַ אַ דיכטער זענען זייער זעלטן — און אויך בײַ לוצקין איז עס אַזוי געווען. אין דעם זינען קען אַפילו דער אָריגינעלסטער דיכטער נישט זײַן אָריגינעל... ער האָט כּסדר געטראַכט וועגן זײַנע לידער און זיי אַזוי ווי אין געדאַנק צונויפגעלייגט וואָרט בײַ וואָרט. צו ערשט איז בײַ אים פּאַרטיק געווען דאָס גאַנצע ליד און ערשט שפּעטער האָט ער עס אײַנגעטונקט אין געפיל — דאָ און דאָרט צוגעגעבן אַ ליריש וואָרט. אָט הערט און זעט און באַוווּנדערט ווי מען קען פּאָרן אָריגינאַליטעט מיט אַבסאָלוטער פּשטות און דערצו מיט טיפסטן געפיל:

אַז איך וועל שוין גאָרנישט האָבן וואָס צו שרײַבן —
וועל איך שרײַבן שטילערהייט דעם אַלף־בית,
פּאַמעלעכן,
פּרוּם:
אות בײַ אות: א, ב, ג, ד.

אַפילו בײַ די אומות־העולם, אין די גרויסע ליטעראַטורן, איז שווער „צו מאַכן אַ לעבן" פון לויטער לידער. און אין דעם זינען איז לוצקי געווען אָריגינעל, ממש אין אַ וועלט־ליטעראַרישן פּאַרנעם. ער האָט איין מאָל פאַר אַלע מאָל באַשלאָסן, אַז מער ווי לידער שרײַבן קען ער נישט און ער וועט נישט. אמת — ער האָט זיך אַ ביסל צוגעהאָלפן מיט רעציטירן — אָבער נאָר זײַנע אייגענע לידער. גאָט האָט אים געשאָנקען אויך דעם טאַלאַנט פון אַ רעציטאַטאָר. אייגנטלעך מער אַ שוישפּילער, ווי אַ רעציטאַטאָר. פלעגט ער זײַנע לידער אויסשפּילן אין עטלעכע שטימען, זשעסטיקולירן פאַר אַ גאַנצן אַנסאַמבל, אַ גאַנצער טרופּע. און אַזוי ווי לוצקיס לידער באַלעבן זאַכן, פאַר־מענטשלען זיי — פלעגט זיך טון בײַ די לוצקי־אָוונטן ממש אויף טיש און אויף בענק. פאַר און נאָך די אָוונטן האָט לוצקי אַליין זײַנע ביכער פאַרקויפט. און כּדי די ביכער זאָלן בעסער „גיין" — האָט ער זיי געגעבן „גאַנגבאַרע" טיטלען: „נעמט עס — עס איז גוט פאַר אײַך!" — האָט איינס פון זײַנע ביכער געהייסן. און עס איז טאַקע געווען גוט — ווײַל נישט געקוקט אויף דער אָפטער ממש פילאָסאָפישער טיף פון זײַנע לידער, זענען זיי אויך אונטערהאַלטעוודיק — אַנדערע אַפילו פּשוט הומאָריסטיש.

אַז לוצקי האָט אָנגעשריבן איינס פון זײַנע קליינע מײַסטערווערק, „אַ שטיין", האָט ער געהאַט דעם סאַמע אָריגינעלסטן אײַנפאַל: צו נעמען בײַ זײַנע פרײַנד הסכּמות אויף דעם ליד... ער האָט געקויפט אַ שיין באַטיצביכל מיט גרינע, לעדערנע טעוועלעך, אַרײַנגעשריבן דאָרט אויפן ערשטן זײַטל

דאָס װוּנדערלעכע ליד און זיך אַװעקגעשטעלט בײַם קאַפּע ראָיאַל, דעם ליטעראַרישן קאַפּע. און װען נאָר אַ חבר איז אַרײַן, אָדער אַרויסגעגאַנגען פֿון קאַפּע, האָט ער אים אָפּגעשטעלט און איבערגעלייענט דאָס ליד. נאַטירלעך איז יעדער געװען אַנטציקט. געדאַנקט און געװאָלט װײַטער גיין. אָבער נישט בײַ לוצקין: — האָסט אַ מיינונג — שרײַב זי אַרײַן אין נאָטיצביכל... און גיי זאָג אָפּ.

אויך מיך האָט לוצקי אַ מאָל אַזוי אָפּגעשטעלט מיט דעם „שטיין" זײַנעם. האָב איך געלייענט, באַגײַסטערט געװאָרן און — איידער איך האָב אַרײַנגעשריבן, האָב איך דורכגעקוקט דאָס ביכעלע. זע איך דאָרט י. י. זינגער. — זינגער, זאָג איך לוצקין, פֿלעגט זיך אַלע מאָל שװערן בײַ באָרד און פּאות, אַז ער פֿאַרשטייט זיך נישט אויף לידער... „בײַ מיר װערן זיי אַלע מבינים אויף פּאָעזיע"... האָט געזאָגט לוצקי מיט דעם גרויען, כאַראַקטעריסטישן פּנים־אויסדרוק, אַן אַ שאָטן פֿון אַ שמייכל. אויב עס איז ערגעץ דאָ אַן אַרכיװ פֿון דעם אָריגינעלן דיכטער — איז דאָס דערמאָנטע גרינע ביכעלע זיכער דאָרט דער אָריגינעלסטער דאָקומענט, פּונקט װי „דער שטיין" איז אפשר לוצקיס שענסט און טיפֿסט ליד.

װי יעדער מענטש מיט אַ טאַלאַנט פֿאַר דער בינע האָט אויך לוצקי געקענט גוט אימיטירן מענטשן און דערצו די אימיטאַציע אויפֿשרײַבן אין ריטעם און גראַם. ער פֿלעגט לאַנג, לאַנג און שװײַגנדיק — צײַט האָט ער דאָך געהאַט, ער איז דאָך געװען נאָר אַ דיכטער כמעט דאָס גאַנצע לעבן זײַנס — אָבסערװירן אַ חבר, ביז ער האָט אים אויפֿגעכאַפּט. איז געבליבן אַ קליינער לעקסיקאָן מיט אַזעלכע מיניאַטורן פֿון די דיכטערס און קולטור־טוערס אין ייִדישן װעלטל אין אַמעריקע. ממש אַ גאַנצער מאַריאָנעטן־טעאַטער. אַז לוצקי פֿלעגט טרעפֿן אַ חבר אין גאַס, אָדער אין בידערמאַנס בוכגעשעפֿט אויף דער צװייטער עװעניו, װוּ ער פֿלעגט אָפֿט אַרײַנקומען, איז קודם־כּל קאָמפּלימענטן אויף אַ זילבערן טעצל און צום פֿאַרבײַסן אַ שיסל מיט חברישע שטעכװערטלעך. און — כּדי שלום זאָל הערשן אין די רייען פֿון די שרײַבערס — צום געזעגענען װידער אַ זילבערן טעצל מיט קאָמפּלימענטן. אַזוי האָט ער זיך נוהג געװען.

לוצקי דער שױשפּילער האָט לוצקין דעם דיכטער אַװדאי גוט אינטערפּרעטירט.

אָבער לוצקי דער דיכטער האָט צו זײַן תּיקון געדאַרפֿט אַ רעציטאַטאָר.

און דער רעציטאַטאָר איז הערצ גראָסבאָרד. אָבער ביז דעם יאָר 1948 האָט נישט דער רעציטאַטאָר זײַן בעסטן דיכטער און נישט דער דיכטער זײַן בעסטן רעציטאַטאָר געזען... און זיי האָבן װי מורא געהאַט פֿאַר דער באַגעגעניש. אַז איך האָב לוצקין אַ מאָל געהערט רעציטירן אין ניו־יאָרק אויף אַן

אָונט פֿון זײַנע לאַנדסלײַט, די לוצקער, און אים נאָך דעם לידער־אויסשפּילן זײַנעם גראַטולירט מיט אַן אומשולדיקן „אָבער״ — אָבער גראָסבאַרד איז נאָך בעסער — איז ער געװאָרן מוראדיק אומעטיק מיט עפּעס אַ מיסטישן אומעט. און ער האָט מיך געגומען אין אַ װינקל און מיר געזאָגט, אַז זינט מען דערציילט אים פֿון גראָסבאַרדן, דאַכט זיך אים, אַז ער איז נישט איין איך, נאָר צװיי איכן... װי אַזוי די באַגעגעניש איז פּאַקטיש פּאָרגעקומען און צי טאַקע אַזוי מיסטיש װי די באַגעגעניש פֿון גילגולים, אָדער צװיי איכן — װייס איך נישט. אַגב האָט זיך צו די צװיי איכן נאָך אַ דריטער איך באַװיזן, און דאָס איז דער מאָלער אַרטור קאָלניק, װאָס האָט פֿון גראָסבאַרדס אינטער־פּרעטאַציעס פֿון די לוצקי־געשטאַלטן „בײַם רבינס טיש״ געמאַכט אַ גאַלעריע אין האָלצשניטן.

לוצקי איז איינער פֿון די װייניקע יִדישע דיכטערס, װעגן װעמען עס איז אַ גאַנץ בוך אויפֿגעשריבן געװאָרן און געשריבן האָט עס דער איבערזעצער פֿון דער „עטיק״ ספּינאָזאַס אויף יִדיש — װיליאַם נאַטאַנזאָן. איין מאָל האָב איך געזען װי אַזוי אַברהם רייזען — װאָס האָט געהאַלטן, אַז לוצקי איז דער גרעסטער פּענאָמען אין דער יִדישער ליריק — קלערט אויף לוצקין אַ האַרבע שטעלע אין נאַטאַנזאָנס בוך װעגן לוצקין... לוצקי האָט זיך כּסדר געמאַכט פֿאַרשטייענדיק, אָבער רייזען האָט נישט געגלייבט און װײַטער מסביר געװען װי אַ האַרבן רמב״ם...

1957

מלכה לי

געבוירן 1904 אין מאָסטריטש, גאַליציע. 1914—1919 געוווינט אין ווין, זינט 1922 אין אַמעריקע. געשטאָרבן דעם 3טן מאַרץ 1976.

אין גאַנצן עפּעס מער ווי הונדערט יאָר האָט עסטרײַך געהערשט איבער גאַליציע, דעם לענדעלע, וואָס שטרעקט זיך ברייט אַרײַן אין מיטן אייראָפּע פון מיזרח צו מערב און פון מערב צו מיזרח. איך האָב עס מיט אַ כוונה געזאָגט אַהין און אַהער — ווײַל אַזוי איז גאַליציע געווען נישט נאָר גע־אָגראַפיש, נאָר אויך אין דער טיפער נשמה. און אויך דאָס וואָרט „געווען" האָב איך געזאָגט מיט אַ כוונה, ווײַל 1914 האָט זיך גאַליציע פּאַקטיש געענדיקט און עס זעט זיך נישט פאָר, אַז עס זאָל ווען עס איז ווידער אויפ־שטיין פון טויט און לעבעדיק ווערן. אַ סך קולטור־בליטן האָט די הונדערט־יעריקע פאַרבינדונג מיט עסטרײַך — און דער עיקר מיט ווין — געשאַפן. אָבער אונדז אינטערעסירט דאָ נאָר די מאָדנע קולטור־בליט, וואָס רופט זיך גאַליציש ייִדישע ליטעראַטור. און אַז איך האָב שוין געזאָגט „בליט" — לאָמיך שוין ווײַטער זאָגן.

פאַראַנען אין נידער־עסטרײַך אַ בלום, זי בליט נאָר אין האַרבסט, זי איז פּיאָלעט און פּראַכטפול ווי אַ פּיאָלעטע ליליע אין איר פאָרעם. איבער נאַכט איז זי דאָ און איבער־איין־טאָג האָט זי גענוג געהאַט פון לעבן און פאַר־שווינדט. און אַזוי ווי זי האָט נישט קיין סך צײַט אויף דער וועלט, וואַקסט זי נישט אַרום און נישט אַרויס פון קיין בלעטער, נאָר דירעקט פון דער מאַמע ערד אַרויס ווערט זי געבוירן. אויף אַ לאַנגן שטענגל אָנגעשפּאַרט, גיט זי אַ קוק באַלד אַן אומעטיקע אויף דער טרויעריקער וועלט, וואָס פאַרגייט, און צו פאַר נאַכט צו נייגט זי זיך אַן און פאַרגייט אויך. די בלום — כאָטש שענער ווי נישט איין זומערדיקע בלום — ווייסט נישט פון קיין פרילינג און פון קיין ווינטער, פאַר איר איז די וועלט — האַרבסט. זי ווייסט אויך נישט פון קיין רעגן אין האַרבסט, ווייל אין אַ רעגנדיקן טאָג וואַקסט זי נישט אויס — זי ווייסט נאָר פון אומעטיקער, האַרבסטיקער זון. און זי רופט זיך מיט אַ מאָדנעם נאָמען: האַרבסטצײַט־לאָזע... אפשר האַרבסטצײַט־ראָזע — האָב איך געפרעגט, אַז איך האָב דעם נאָמען געהערט דאָס ערשטע מאָל. ניין, נאָר האַרבסטצײַט־לאָזע... און פאַר וואָס האָט זי נישט קיין בלעטער, די בלום? האָט מען מיר געענטפערט, אַז די בלעטער זענען דאָ פּאָטענציעל אין דער ערד און אין דער לופט און עס איז שווער דאָס צו פאַרשטיין...

און אַזוי שווער איז צו פאַרשטיין אָפּט די גאַליציאַנישע ייִדישע דיכטערס.

אויך זיי זענען — נישט אַלע — אָט אַזוי ווי די בלום אין אַן אייביקן האַרבסט אויסגעוואַקסן, און איינטאָג־בלומען זענען זיי — נישט אַלע — לויט זייער נאַטור, און אויך זייערע בלעטער זענען דאָ גײַסטיק... אין דער לופט, אין דער ערד.

אַנטקעגן מלכּה לי?

יאָ, אויך אַנטקעגן מלכּה לי. אַנטקעגן אונדז אַלע גאַליציאַנער, וואָס האָבן אָנגעהויבן שרײַבן צווישן 1900 און 1920. מאַנכע פון אונדז זענען געבליבן אייביקע גאַליציאַנער, געשטאָרבן אַזוי, אַנדערע האָבן זיך אַרויס־געראַטעוועט פון גאַליציאַנערטום, נאָר אין גאַנצן דערפון פּטור געוואָרן איז קיינער נישט. דאָס גייט נאָך, ווי אַן איבערלעבונג, פון דער קינדערשטוב.

וואָס דאָס איז? דאָס איז מישונג פון וועלט־פאַרגעסנדיקן ראָמאַנטיציזם מיט בירגערלעכער סטאַטעטשנער אויסגערעכנטקייט, פּעסימיזם מיט אָפּטי־מיזם, פילאָסאָפישער קלוגשאַפט מיט נאַרישן, יאָ, נאַרישן אומזין, ציניזם מיט פײַנפילנדיקייט, עטיק מיט אַ ביסל הפקר, נייגונג צו אַסימילאַציע, שמד אַפילו, מיט האַרציק־פאַלקסטימלעכן, עכטן נאַציאָנאַליזם, נייגונג און אָפּנייגונג צו גלײַך צו אַ ברוטאַל לשון.

אַנטקעגן מלכּה לי? יאָ, אַנטקעגן מלכּה לי אויך.

עפּעס ציט מיך צו צו איר און שטויסט מיך אָפּ — פּערזענלעך און אויך ליטעראַריש. און ווי אָפט מיר באַגעגענען זיך, איז אָדער מיר זענען זיך די בעסטע גוטע פרײַנד, אָדער מיר קריגן זיך און באַליידיקן זיך מיט אַלערליי שטעכווערטלעך. אַלע גאַליציאַנער זענען אַזוי. עפּעס פאַמיליעדיקס איז פאַראַנען אין זייער, אין אונדזער קריגן זיך און אויך צוזאַמענהאַלטן.

זי איז אַ בלאָנדע און דערווײַל אַ גאַנץ שלאַנקע און האָט גרויסע פּנים־שטריכן, אַלץ אַ ביסל גרעסער און לענגער אין פּנים און אויך די אויגן אַזוי און די ברעמען איבער די אויגן באַזונדערס צעבויגנט. און דערצו האַלט זי די אויגן אַלע מאָל אַראָפּגעלאָזן און דאָס מאַכט די ברעמען נאָך גרעסער און העכער ביזן האַלבן שטערן כּמעט. און דערצו רעדט זי אויך אַלע מאָל מיט אַ ביסל אַן אַראָפּגעלאָזטער שטים, אַזוי ווי זי וואָלט נישט גערעדט, נאָר וואָלט זיך כּסדר אין עפּעס מודה געווען. אָבער זי האָט זיך אין גאָרנישט וואָס מודה צו זײַן — מלכּה לי — זי האָט אַ גוטן מאַן, דעם דיכטער אַהרן ראַפּאָפּאָרט, און אַ זון אַ שלאַנקן און אַ טעכטערל אַ יונגס, און זי רעדט כּסדר וועגן די קינדער און זי מיינט עס מיט אַן אמת. זי איז פול מיט היימישער טראַדיציע. אַ מאָל האָבן מיר צוזאַמען פאַרבלאָנדזשעט אין אַ גרויסן קאַטוילישן קלויסטער. מלכּה לי האָט אויפריכטיק געבעטן וואָס גיכער דעם קלויסטער צו פאַרלאָזן. איר מאַמע איז קיין מאָל אין אַ קלויסטער נישט געווען, איר באָבע אויך נישט — ווײַל זי אָנהאַלטן די טראַדיציע. נאָר אַז עס קומט צו דיכטונג

פאַרגעסט זי די טראַדיציע און שרײַבט פּלוצלינג מיט אַזאַ מין ברוטאַלן נאַטוראַליזם (איר פּאָעמע „געבורט" — אפשר די שענסטע אירע), וואָס נאָר גאַליציאַנישע ראָמאַנטיקערס מיט די פײַנע מאַנירן קענען זיך דערויף פאַר־גינען אין זייער אייביקן גאַנג אויף פּאַראַדאָקסן ווי אויף שטאָלצן.

אַזוי ווי יעדער ייִדישער דיכטער אין 20סטן יאָרהונדערט מוז, אַזוי ווי אַ גזשיב, זײַן צוגעוואַקסן צו עפּעס אַ פּאַרטייוואַנט, איז אויך מלכּה לי לרוב פון איר ליטעראַרישער טעטיקייט צוגעשפּאַרט צו דער לינקער וואַנט. אָבער זי האָט נישט ליב מיטצומאַכן די מחלוקתן און אַז מען שטעלט איר האַרבע פראַגעס, לאָזט זי אַזוי טיף אַראָפּ די אויגן, אַזוי ווי זי וואָלט אויף אַ רגע אין גאַנצן אײַנגעדרימלט געוואָרן, און אַז זי הייבט זיי צוריק אויף, רעדט זי וועגן בלומען און וועגןביימער און וועגן קאָלירן און וועגן איר טעכטערל און וועגן איר זון און וועגן אירע סעדער און גערטנער און וועגן די דאַטשע־שטיבלעך אין די בערג בײַ ניו־יאָרק, וואָס זי פאַרמאָגט צוזאַמען מיט ראַפּאָ־פּאָרטן און רופט זיי מיט דעם ראָמאַנטישן נאָמען „לי—ראַ" — און דערווײַל זענען אַלע האַרבע פראַגעס אויסגעוועפּט געוואָרן... אַזוי גייט זי דורך דעם לעבן דיכטנדיק ראָמאַנטיש און פּראַקטיש און שיין. ווי לאַנג געדויערט דען דאָס אַלץ... אַלץ איז דאָך, נאָך אַלעמען, האַרבסטצײַט...

1948

חיים ליבערמאַן

געבוירן אין יאָר 1890 אין אַ דאָרף אין וואָלין. זינט 1905 אין אַמעריקע. פון 1924 שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „פאָרווערטס". אַוועק פון דער וועלט דעם 16טן מײַ 1963.

גרויסע ביכער וועלן וועגן אים, וועגן חיים ליבערמאַנען, געשריבן ווערן. גרויסע ביכער האָט ער אַליין געשריבן. ער האָט דורכגעמאַכט אַלערליי גילגולים סײַ אַלס מענטש און סײַ אַלס ייִד און סײַ אַלס שרײַבער. ער האָט דאָס גאַנצע לעבן זײַנס געזוכט, געזוכט מיט אַ פלאַקערדיקן שטורקאַץ אין מיטן טאָג. אַפילו ווען ער האָט געפונען, האָט ער אין דער אמתן געזוכט. וואָס ער האָט געזוכט? קודם־כּל זיך אַליין. אין די ערשטע צײַטן פון זײַן ליטעראַרישן שאַפן — און אָנגעהויבן האָט ער גאַנץ יונג — האָט ער נאָך געזוכט דעם מענטש סתם, דאָס שליחות פון דער ליטעראַטור. שפּעטער האָט ער שוין געזוכט נאָר דעם פּערפעקטן ייִד און דאָס אָרט פון ייִד אין דער וועלט. אויב ערלעכער ייִדישער שאָוויניזם האָט ווען עס איז געהאַט אַ גרויסן פירשפּרעכער, איז עס געווען חיים ליבערמאַן. זײַנע ביכער האָבן אין דער ערשטער צײַט אין די 20ער און 30ער יאָרן געהאַט אַלגעמיינע ליטעראַרישע טעמעס און דווקא פון דער אייראָפּעיִשער און אַמעריקאַנישער ליטעראַטור. שפּעטער האָט ער געשריבן אויסשליסלעך אויף גלײַענדיקע ייִדישע טעמעס. נישט נאָר ביכער האָט ער ארויסגעגעבן — נאָר אויך פּאַמפלעטן אין קלאַסישן זינען פון דעם וואָרט. אַז ער האָט — דער עיקר אין דער לעצטער צײַט — געשריבן, האָט ער געטונקען זײַן פּעדער אין פײַער. אַז ער האָט פּאָלעמיזירט — זענען דאָס געווען פראָנטאַטאַקן מיט אַרטילעריע־באַראַזש! און שטורעם־אָנגריפן מיט דעם שאַרפן וואָפן, מיט דעם וואָרט. און אַ פּאַטש פאַרגייט, אָבער אַ וואָרט באַשטייט.

אַ לעגיאָן זענען געווען זײַנע קעגנערס, אָדער די, וואָס ער האָט געמאַכט פאַר קעגנערס, אָפט מאָל צוליב אומפאַרשטענדלעכע סיבות, פאַר אים אַליין אפשר אומפאַרשטענדלעך. האָט ער אויפגעהויבן עמעצן, אָדער עפּעס — און ער פלעגט פונקט אַזוי פיל אויפהויבן, — ווי שלײַדערן — איז עס געווען עד לב השמים; האָט ער געוואָרפן עמעצן, אָדער עפּעס, איז עס געווען עד לב פון דער שאול־תחתיה. אַלץ נאָר עקסטרעם.

וואָלט חיים ליבערמאַן צונויפגענומען אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן, וואָלטן עס זיכער געווען הונדערט ביכער. און ער האָט געהאַט אַזאַ פּערפעקטן סטיל און געשריבן אין אַזאַ ריטמישער און בילדערישער, קינסטלערישער שפּראַך, אַז אַלץ וואָס ער האָט געשאַפן האָט מען געקענט אַרײַננעמען אין

ביכער־טאָוולען. אָבער נאָר אַ טייל פֿון זײַנע שריפֿטן איז דערשינען אין ביכער. לאָמיר אויסרעכענען אַ פּאָר: אַ בוך וועגן יודזשין אָניעל; „שדים אין מאָסקווע״; „ווען די וועלט האָט געברענט״; צוויי בענד, אַן אויסקלויב פֿון די אַרטיקלען פֿון די יאָרן פֿון דריטן חורבן — דאָס פֿאַרנעמיקסטע ווערק זײַנס, „שלום אַש און דאָס קריסטענטום״; „וואַכט אויף — דאָס ייִדישע הויז ברענט״. אָבער דער וואָס וועט שרײַבן דאָס בוך פֿון חיים ליבערמאַנס לעבן און שאַפֿן וועט דאַרפֿן זיך דורכגראָבן דורך אַלע זײַנע אַרטיקלען. כמעט אַלע געדרוקט אין „פֿאָרווערטס״. וועט ער אין דעם דאָזיקן גאַנץ־בילד געפֿינען דעם שפּיגל פֿון די צעטומלטע צײַטן אונדזערע? ניין. ער וועט אָבער יאָ געפֿינען די צעטומלטע צײַטן אונדזערע אין שפּיגל פֿון אַ דינאַמישער — און פֿונקט אַזוי עקסטרעם־אײַנזײַטיקער פּערזענלעכקייט: חיים ליבערמאַן.

און לאָמיר איצט זען דעם מענטש, דעם ייִד פֿון דער נאָענט. איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט פּנים־אל־פּנים ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געווען אין ניו־יאָרק, סוף 1933. ליבערמאַן פֿלעגט זײַן דאַנקבאַר פֿאַר אַ גוטער קריטיק וועגן זײַנע ווערק און איך האָב ביז דעמאָלט שוין עטלעכע מאָל געשריבן מיט באַגײַסטערונג וועגן זײַנע ביכער, באַזונדערס דעם אָניעל־בוך. ליבערמאַן האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז זיך נוהג אַ גאַסט צו געבן אַ „גוד טײַם״ אויף אַ גאַנצן אָוונט. אויך אויף דעם געביט פֿון גאַסטפֿרײַנדי־שאַפֿט — עקסטרעם. ליבערמאַן האָט מיך גענומען צו אַן ערשטקלאַסישן קאָנצערט אויף די בעסטע פּלעצער, שפּעטער אין עלעגאַנטן קאַפֿע און מיך צוגעפֿירט צום האָטעל, דעם לאַנגן וועג צוריק, אין אַ טעקסי. אָבער אַז איך האָב אין פֿאַרלויף פֿון אָוונט דערמאָנט מיט לויב דעם שרײַבער... אין וואַרשע, האָט זיך דער מילדער גאַסטגעבער פֿאַרוואַנדלט אין אַ שאַרפֿצונגיקן סאַטיר און זיך ממש נישט געקענט באַרויִקן. אין אַלץ עקסטרעם. די זיסקייט פֿון „גוד־טײַם״ איז מיר געוואָרן פֿאַרביטערט. שפּעטער האָב איך מיט ליבערמאַנען קיין מאָל די דערפֿאַרונג נישט געהאַט. ער האָט געביטערט אויף מענטשן — און נאָך ווי — אָבער מער נישט מיט דעם וואָפֿן פֿון לעבעדיקן וואָרט און נײַערט מיט דעם געדרוקטן.

די באַגעגעניש פּנים־אל־פּנים מיט אַ מענטש האָט עפּעס אין ליבערמאַנען דערוועקט די אַלטע ייִדישע מידת־הרחמים און ער פֿלעגט רעדן מילד און אָפֿט דורכוואַרפֿן דאָס וואָרט „טײַערינקער״ און מיט אַן אויפֿריכטיקן אמתן טאָן, אָבער די באַגעגעניש מיט דעם זעלבן מענטש אויף דעם געביט פֿון אידעען אין געדרוקטן וואָרט פֿלעגט אין אים תּיכּף אָנצינדן דעם מידת־הדין, די מידה פֿון קנא ונוקם.

אָפֿט איז עס אין פֿאַרלויף פֿון יאָרן אויסגעקומען צו רעאַגירן אויף ליבערמאַנס אַרויסזאָגונגען, אַלע מאָל צו באַוווּנדערן זײַן עקסטרעמען — אַלץ

עקסטרעם — שרײַבערשן טאַלאַנט, זײַן רײַך ייִדיש לשון, זײַן קענען מסביר זײַן מיט ק״ן טעמים זײַן שטאַנדפּונקט — אָבער זעלטן ווען איז עס אויס־געקומען מיט אים מסכּים צו זײַן. אָפּט פֿלעג איך דאָס אַלץ באַטאָנען אין נאָטיצן און אין פּריוואַטע בריוו. און אָט איז אַן ענטפֿער ליבערמאַנס אויף מײַן באַוווּנדערונג פֿאַר דער פֿאָרעם פֿון אײנעם פֿון זײַנע מאמרים און קעג־נערישקייט צום אינהאַלט. דער בריוו ליבערמאַנס איז פֿון 25סטן אויגוסט 1941: „יעדער דור שטאַרבט אין זײַן אייגענעם מידבר. און גאָר געציילטע גייען אַרײַן אין צוגעזאָגטן לאַנד. איר זײַט פֿון די, וואָס שטאַרבן אין מידבר״.

מדינת־ישׂראל — 1956. אַ קאָנצערט אין תּל־אבֿיבֿ פֿון אַן אַרגענטינישער ייִדישער זינגערין. פֿון דער ווײַטן זע איך חיים ליבערמאַנען און זײַן גוטע פֿרוי, די פֿריִערדיקע אַקטריסע פֿון מאָריס שוואַרצס קונסט־טעאַטער — סאָניאַ גורסקאַיאַ. איך האָב זי נאָך געקענט פֿון ווין, וווּ זי האָט שטודירט. אָט איז ליבערמאַן: נישט צו הויך, פֿעטלעך, די טיפּישע געשטאַלט פֿון אַן אײבּיקן יושבֿ אוהלים. אַ סעמיטיש פּנים, די אויגן שמייכלען שטענדיק — און אָפּט מאָל, גלײַכצײַטיק, אַ ביסל סאַרקאַסטיש. אַ צופֿאַל האָט געוואָלט, אַז אין זעלבן זאַל האָט זיך אויך געפֿונען שלום אַש און זײַן פֿרוי מאַטילדע. עמעץ האָט מיר אַרײַנגערוימט אין אויער: צוויי פֿײַערן אין איין שטרויִשײַער... עפּעס וועט דאָ געשען. געשען וועט גאָרנישט, האָב איך געענטפֿערט, ייִדישע גזלנים. איך בין צוגעגאַנגען צו די אַשעס. אַש איז געזעסן פֿאַרזיכטיק און שטײַף נישט צו באַגעגענען זיך מיט די בליקן מיט חיים ליבערמאַנען — דעם שאַרפֿ־סטן קריטיקער פֿון זײַנע נוצרי־ביכער. אויך ליבערמאַן האָט זיך געהיטן אין די באַוועגונגען... אַש זאָגט מיר: „איך ווייס, אַז ליבערמאַן טראָגט לעצטנס אַן ארבע־כּנפֿות, דאַרף דאָך די פֿרוי טראָגן אַ שייטל, זײַט אַזוי גוט און זעט צי עס איז אַזוי״. און אַש האָט זיך שטילערהייט צעלאַכט — ווי זײַן שטייגער — פֿון זײַן אייגענער הלצה.

גראָד האָט ליבערמאַן מיט עטלעכע יאָרן צוריק מיך גאָר שאַרף קריטיקירט אין זײַן „פֿאָרווערטס״־קאָלום. די נאָטיצן האָבן זיך גערופֿן „דער אמתער צדיק״... קיין קאָמפּלימענטן זענען דאָרט נישט געווען. אָבער מיר גלוסט זיך קיין מאָל נישט לאַנג צו געדענקען אַזעלכע זאַכן און געגלוסט האָט זיך יאָ זיך דורכ־צורעדן פּנים־אל־פּנים מיט דעם גײַסטרײַכן שרײַבער. צוגיין? אפֿשר וועט ער זיך נישט אָנרופֿן? אפֿשר וועט ער לאָזן הענגען די אויסגעשטרעקטע האַנט? האָב איך געבעטן אַ חבֿר ער זאָל סאָנדירן דעם באָדן. האָט חיים ליבערמאַן געענט־פֿערט: נאָך ווי אַזוי. ער וויל זיך טרעפֿן מיט מיר. מיר האָבן זיך געטראָפֿן און אָפּגערעדט אַ מאָדנעם אינטערוויו, אַן אינטערוויו אַ דיאַלאָג. ליבערמאַן וועט זאָגן אַלץ, וואָס ער וויל און איך וועל עס איבערגעבן וואָרט־אין־וואָרט, אַפֿילו עס זאָל מיר ווי טאָן ביז ביין, אָבער איך וועל אויך איבערגעבן מײַנע ענט־

פערס און אויך וואָרט־אין־וואָרט. דער דיאַלאָג איז דערשינען אין צײַטונגען און ליבערמאַן האָט געגעבן זײַן באַשטעטיקונג, אַז קיין זאַך איז נישט געפעלשט געוואָרן. קאָעקסיסטענץ און טאָלעראַנץ — כאָטש ליבערמאַן האָט נישט איין מאָל געשריבן בפירוש קעגן טאָלעראַנץ מיט זײַנע קעגנערס.

און זאָלן פאַרשריבן ווערן עטלעכע שבחי ר׳ חיים ליבערמאַן:

אין ניו־יאָרק איז אַ מאָל פאָרגעקומען אַ חבריש געריכט צוליב אַ ליטעראַ־רישער עוולה. דער וואָס האָט זיך געדאַרפט פאַרטיידיקן באַלאַנגט לעצטנס צו אַ גרופּע, וואָס ווערט פון ליבערמאַנען גאַר שטאַרק באַקעמפט, אָבער דער זעלבער איז אַ מאָל געווען אַ חבר־לערער ליבערמאַנס און האָט מיט אים געלערנט גמרא. באַווײַזט זיך אויפן געריכט ליבערמאַן. אַלע זענען זיכער, אַז ער גייט צולייגן נאָך אַ פּאָר קינדלעך צום פײַער פון דער באַשולדיקונג. אָבער אויסגעלאָזן האָט זיך, אַז ליבערמאַן איז גאָר געקומען פאַרטיידיקן. זענען אַלע דערשטוינט. אָבער דער נײַער פאַרטײַדיקער האָט איין פאַרענט־פערונג: ער איז געווען מײַן רבי...

און נאָך אַן עפּיזאָד: אין די ניו־יאָרקער ליטעראַרישע קרײַזן קומט אָפט אויס צו זאַמלען פאָנדן פאַר חברים, וואָס זענען אַרײַנגעפאַלן אין נויט. דערציילט מיר איינער אַ חבר, וואָס טוט אָפט די מיצוות פון דער שווערער אַרבעט פון זאַמלען: „אַלע מײַנע ליסטעס עפנט — און מיט אַ ברייטער האַנט — חיים ליבערמאַן״. דער שווערסטער אין ליטעראַרישן אומגאַנג און דער גרינגסטער מיט דער קעשענע. און קיין גביר איז ער דאָך נישט. און „טאָמער האָט ער אַ מאָל געגעבן פאַר אַ קעגנער, האָט ער פאַרשריבן דעם נאָמען אַנאָנים״.

און נאָך עפּעס — דאָס לעצטע, עס איז פּערזענלעך: ליבערמאַן האָט אָפט מעדיטירט איבער דער ראָלע פון מאַמע־לשון. וועלכער ייִדישער שרײַ־בער טוט עס נישט? אַזוי אויך דער שרײַבער פון די שורות. אין איינעם אַזאַ מאַמר האָב איך מעדיטירט וועגן דעם טראַגישן מיטאָס פון ייִדיש, דעם לשון, וואָס איז ווי די לאַאָקאָאָן־סקולפּטור פון רוים דורכגעפלאָכטן מיט דעם לשון פון דעם פאָלק פון די שפּעטערדיקע נאַציס. ליבערמאַן האָט אין אַ קאָלום אינטערפּרעטירט און מיר אַליין בעסער מסביר געווען מײַן אייגענעם געדאַנק — פּשוט דערפאַר ווײַל ער האָט געהאַט אַ טיפערן וויסן אויף דעם געביט ווי איך. איז אים אַ געדאַנק געווען צום האַרצן, האָט ער אים געגעבן דעם גרעסטן פּירסום. און זײַן קאָלום איז געלייענט געוואָרן שטאַרק.

עס איז ליבערמאַנען באַשערט געווען צו פאַרענדיקן זײַן לעבן אין אַ רגע. מען זאָגט, אַז עס איז אַ זכות... און עס איז אים באַשערט געווען זײַן שרײַבן צו פאַרענדיקן מיט צוויי מאַמרים „די נײַע רייניקייט״ און „שווערע געדאַנקען״, וואָס זענען ממש אַ קווינטעסענץ פון זײַן, אים אַליין ווײ־טוענדיקן שאָוויניזם

אויפֿן געביט פֿון ייִד און קריסט. דעם צווייטן מאמר האָט ער פֿאַרענדיקט אָ שעה פֿאַר דער פּטירה. אויך דאָס איז אַ זכות. יאָ מסכּים, אָדער נישט מסכּים...

אַ מענטש און אַ ייִד אַ גייזער, אַ הייסער קוואַל, ווי די גייזערס אין נײַ־זעלאַנד, וואָס לויט עפּעס אַ טיפֿן נאַטור־געזעץ, אַ פּאַטום — מוז ער יעדע עטלעכע שעה עקספּלאָדירן מיט אַ הייסן שטראָם פֿון... ווערטער.

ביכער וועלן וועגן אים אַ מאָל געשריבן ווערן און אפשר אַפֿילו גאָר בקרוב.

1963

ה. לייוויק

געבוירן אין יאָר 1888 אין איהומען. יאָרן 1908—1912 אויף סיבירער פאַרשיקונג. 1913 אַנטלאָפן קיין אַמעריקע. באַזוכט ארץ־ישראל, פוילן, רוסלאַנד, מערב־אייראָפּע, דרום־אַמע־ריקע. אַוועק פון דער וועלט 23סטן דעצעמבער 1962.

מער ווי וועגן וועלכן נישט איז אַנדערן יידישן שרײַבער — חוץ יצחק לייבוש פּרץ — איז ביז איצט געשריבן געוואָרן וועגן ה. לייוויקן. איז דאָ אין דעם אַ געזעצמעסיקייט? איז עס אַ צופאַל? עס איז דאָ אין דעם אַ געזעצ־מעסיקייט! עס איז נישט קיין צופאַל!

ערגעץ ווו — אין די געדיכטעניש פון אַ וואַלד — וואַקסט אַרויס אַ גרופּע פון העכסטע ביימער. ערגעץ ווו אין אַ קייט פון בערג איז אַלע מאָל דאָ אַ גרופּע פון די העכסטע פעלדזן. איז עס אַ צופאַל? עס איז נישט קיין צופאַל! איז דאָ אין דעם אַ געזעצמעסיקייט? עס איז דאָ אין דעם אַ געזעצמעסיקייט!

ווי אַזוי ביימער וואַקסן? נו, מיר ווייסן, אָדער עס דאַכט זיך אונדז, אַז מיר ווייסן. ווי אַזוי פעלדזן פאָרמירן זיך? אויך דאָס — דאַכט זיך אונדז — אַז מיר ווייסן. נאָר פאַר וואָס וואַקסן און פאָרמירן זיך — העכסטע ביימער, העכסטע פעלדזן? אַט — אַזוי ווי קלאַסיקערס צווישן שרײַבערס?... פאַר וואָס דאָ און נישט דאָרט? פאַר וואָס דער און נישט יענער?

דאָס קען מען נישט מישפּטן פּראָספּעקטיוו. דאָס קען מען נאָר מישפּטן רעטראָספּעקטיוו. און אויך אויף דעם וועג זענען דאָ גרויסע שקלא וטריאס. די צײַט, דאָס פאָלק און אַלע שרײַבערס בײַ יידן אין דער לעצטער צײַט האָבן שוין — דאַכט זיך — באַשלאָסן, אַז די קלאַסיקערס פון דער יידישער ליטעראַטור אין דער תקופה צווישן 1890 און 1918 — זענען מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם. אָבער נישט רויִק איז דער קאַטאַפאָלק פון קלאַסיקער אַפילו אויף יענער־וועלט, און די זיכערסטע לאָרבערקרוין קען פּלוצלינג אָנהויבן צו דערנערן... פּלוצלינג שטימען: לאָמיר רעווידירן דאָס אָרט פון די קלאַסיקערס.

מיט דרײַ מטבעות באַצאָלט אַ שרײַבער זײַן אָרט צווישן די קלאַסיקערס:

אַלף — מיט אַלע זײַנע ווערק ביזן סאַמע, סאַמע לעצטן.

בית — מיט דער קלאַסיק פון זײַן לשון, זײַן אייגן לשון, וואָס איז דאָס סובלימירטע לשון פון זײַן פאָלק.

גימל — מיט דעם היקף פון זײַנע אינהאַלטן, וואָס אינטעגרירן אים און זײַן געפיל און מחשבה אין דער גאַנצקייט פון זײַן פאָלק, און דורך זײַן ווערק — די גאַנצקייט פון זײַן פאָלק אין דער מענטשהייט.

לויט דעם ערשטן באַדינג פון אַן אָרט פון אַ קלאַסיקער ווילן מיר און ועלן מיר נאָך לאַנג, לאַנג וואַרטן, אין דעם פאַל, ביז די פולע פאָלקסטימלעך־קלאַסישע מאה ועשרים.

מיט בית און גימל איז ה. לייוויק איינער פון די זיכערסטע — די דרײַ־פיר זיכערסטע — קאַנדידאַטן אויף אַן אָרט פון אַ קלאַסיקער אין דער ייִדישער ליטעראַטור אין דער תּקופה צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, דעם דריטן חורבן, דער דריטער עצמאות.

אַן אומצאָל זענען מײַנע אַרטיקלען, נאָטיצן און פּאָלעמיקעס וועגן און מיט ה. לייוויקן זינט דעם יאָר 1920, ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל וועגן אים געשריבן אין דער ווינער צײַטשריפט „קריטיק״, וואָס איר רעדאַקטאָר איז געווען משה זילבורג. 32 איז דעמאָלט געווען לייוויק און 27 — דער רעצענזענט פון זײַן ערשטער לידער־זאַמלונג.

נישט שייך זיך אַליין צו ציטירן. נאָר זאָל עס דאָ געטון ווערן, און זאָל ציטירט ווערן פון אַ ליד, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1935 אין אַ שיף אויפן אינדישן אָקעאַן. דאָס ליד רופט זיך: „פאַר ייִדישע פּאָעטן — אַ פאַרטאָג־תּפילה אויפן ים״. אָט איז דער פראַגמענט:

פאַר אונדז אַלע, אַלע,
פאַר אונדזער לעצטן און פאַר אונדזער ערשטן;
פאַר לייוויקן, דעם פּאָעט,
וואָס איז ווײַס ווי אַ טויב געוואָרן פאַר דער צײַט,
וואָס זײַן קאָפּ איז, ווי דער קאָפּ פון אַ הייליקן, געפּײַניקטן פון סיביר,
ליגן געבליבן אויף דעם וועג אין עטאַפּ
און פאַרשנייט
פאַר דער צײַט.
נאָר ער לעבט, ער לעבט צווישן אונדז און פאַר אונדז,
זײַן שטים מאָנט פון טיפן האַרץ — נעבן דײַנע ווײַסע לידער רײַטן
קאָזאַקן אויף ווילדע פערד,
זײַן שטים קומט פון לעצטע מענטשלעכע טיפן און ווײַסטסטע
סיבירישע ווײַטן,
זײַנע ווערטער קומען גלײַך פון זײַן האַרץ,
יעדעס רײַסט זיך אָפּ מיט דער גאַנצער קראַפט, ווי באַפרײַט
פון קייטן.

זען אין אַ ליד, הייסט זען מיט אַלע חושים, פאַרשאַרפטע חושים, זען אינטואיטיוו. וואָס זשע דאַרף איך דאָ נאָך צוגעבן, וואָס וועט נאָך עפּעס צוגעבן — לויט די בידנע כּוחות פון דעם שרײַבער פון די שורות?

*

אַ באַגעגעניש אין וואַרשע. ערשטע יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. לייוויק איז נאָך בלאָנד־רויט געווען, ווי לרוב כּוהנים. און ער איז אויך אַ כּוהן לויט זײַן טעמפּעראַמענט — און גוט אַזוי. שטרענגע גוטסקייט איז ייִדישע גוטסקייט. אָבער צוריק קיין וואַרשע פון יעמאָלט: לייוויק איז אַרומגערינגלט מיט כּמעט אַלע צאָלרײַכע ייִדישע שרײַבערס פון אַרום טלאָמאַצקע 13. אָבער איך האָב מיר עפּעס גענומען אין קאָפּ אַרײַן, אַז נאָר איך זאָל אים פירן אויף קבר־אָבות צום אוהל־פּרץ. און איך האָב עס אויסגעפירט. מיר זענען דאָרט געווען זאַלבע צווייט.

עס איז אויסגעקומען מיט לייוויקן זינט דעמאָלט אַ סך שעהען צו פאַרברענגען אין ניו־יאָרק און טאַקע דעמאָלט אין וואַרשע, און אין פּאַריז און אין מאָנטרעאָל. אָבער יענע שעהען האָבן זיך טאַקע אײַנגעקריצט. און עס איז געווען מער שווײַגן ווי רעדן.

אַז מיר זענען צוגעקומען צום אוהל — בין איך אַוועק — צוועלף מצבות ווײַטער — געלאָזן לייוויקן אין אָט דער באַגעגעניש אויף אַ פערטל שעה אַליין. אַליין און נישט אַליין — מיט זײַן גרויסן חבר אין דער אייביקייט פון דער ייִדישער וועלט־ליטעראַטור.

אַז מיר זענען אַוועק פון בית־עולם — און אַוועק צו פוס איבער די געדיכטע און אָרעמע ייִדישע גאַסן — גענשע, סמאָטשע און נאַוואָליפּקי — זענען מיר פאַרבײַ דעם הויז, וווּ איך האָב געוווינט, אין אַ דאַך־דירה אויפן פינפטן שטאָק. לייוויק וויל מיך דווקא באַזוכן און טאַקע שוין. בײַם טרינקען אַ גלעזל טיי — הייבט זיך לייוויק אויף פון טיש און הייבט אָן צו מעסטן די דאַך־קרומע ווענט פון דער דירה. מיר וווּנדערן זיך. לייוויק לייגט פאַר אויסצוטאַפּעטירן מײַנע ווענט. ער קען די מלאָכה. עס איז זײַן פאַך. ער וועט אויך דאָס פּאַפּיר פון די טאַפּעטן געבן אַ מתּנה. מיר האָבן נאַטירלעך נישט דערלאָזט צו דעם אַלעמען — אָבער דער שמועס, אויפריכטיק געמיינט ביזן לעצטן אות, איז געבליבן ווי אַן אייביקער גרונט־טאַפּעט, אויף וועלכן איך זע אַלע מאָל לייוויקס געשטאַלט.

*

אַ באַגעגעניש אין ניו־יאָרק. 1934. 16טער גאָרן. פאַר נאַכט. מיר רעדן — רעדן לאַנג אין נאַכמיטיק אַרײַן, אין פאַרנאַכט אַרײַן. דאָס האָטעל־צימער, וווּ איך וווין, האָט אַ קליינעם באַלקאָן. לייוויק איז אַרויס אויף אָט דעם באַלקאָן. איך בין געבליבן אין אַ ווינקל פון צימער. דער הימל פאַרכמורעט און שוין פאַרנאַכטלעך־פינצטערלעך. די הימל־ליניע פון די וואָלקנהײַזער ווערט אַלץ בולטער און בולטער — צינדט זיך מיט אַן אומצאָל ליכטער. און אויפן פאָן פון אָט דעם הימל און פון אָט דער ליניע דערשײַנט דער שאַרפער

פּראָפֿיל פֿון ה. לייוויק. די אַ ביסל אָנגעצויגענע ברעמען, וואָס בלײַבן כאַ־ראַקטעריסטיש אַזוי — אַפֿילו אין פּראָפֿיל. דאָס דינע מויל, דער דײַטלעכער קינביין. דער הויכער שטערן.

לייוויק איז אַזוי לאַנג, לאַנג געשטאַנען פֿאַרקוקט אויף ניו־יאָרק.

און איך — פֿאַרקוקט אויף לייוויקס פּראָפֿיל — אויפֿן פֿאָן פֿון דער הימל־ליניע פֿון די ניו־יאָרקער וואָלקנהײַזער.

די צוויי בילדער — ווי דאָ דערציילט — זענען דײַטלעך געשטאַנען פֿאַר די אויגן אין יענער פֿאַרטאָג־שעה אויפֿן אינדישן אָקעאַן, ווען די „פֿאַרטאָג־תּפֿילה פֿאַר ייִדישע פּאָעטן" איז געשריבן געוואָרן.

*

איז דעם דיכטערס וועג דאָס גרויסע זוכן, דאָס גרויסע פֿאַרויסגיין?

איז זײַן וועג דאָס גרויסע געפֿינען, דאָס גרויסע מיטגיין, נאָכגיין?

אַלע די וועגן זענען זײַנע, אַלע די וועגן זענען געווען און זענען ה. לייוויקס. די געפֿילן גייען אויף און אָפּ, די זוכנדיקע געדאַנקען אין שטענדיקן זיגזאַג, אָבער די הויכע בויגנליכט־ליניע אויבן איז די ליניע פֿון האָריזאָנט צו האָריזאָנט — פֿון אייביקן אויפֿגאַנג, אייביקער האָפֿענונג, אמת.

אַנדערש איז ד ע ר פֿענפּאָרטרעט אין „מײַן לעקסיקאָן". עס איז נישט קיין צופֿאַל.

1958

אַ. ליעסין

געבוירן 1872 אין מינסק. 1897 זיך באַזעצט אין אַמעריקע. עטלעכע רײַזעס קײן אײראָפּע. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 5טן נאָוועמבער 1938.

אַ סאָציאַליסט כּל־ימיו, ריכטיקער — אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט. אָבער אַן אַריסטאָקראַט נאָך פֿריִער, הונדערטער יאָרן אײדער ער איז געבוירן געוואָרן, איז געווען אַברהם וואַלט־ליעסין, דער גרויסער יידישער דיכטער און נאָך גרעסערער יידישער פּובליציסט. יחוס איז געווען אַ כאַראַקטער־שטריך אין זײַן גאַנצן וועזן. ער האָט כּסדר אונטערגעשטראָכן זײַן יחוס, הגם ער האָט עס אַלע מאָל געמוזט טון מיט דער זעלבפאַרשטענדלעכקייט פון דעם באַרימטן „איך בין דאָך עפּעס רב דודל עניו״. ווײַל טאַקע, וואָס איז יחוס פאַר אַ סאָציאַליסט. נאָר אַזוי ווי ליעסין איז כּל־ימיו געווען אַ סאָציאַליסט, איז זײַן סאָציאַליזם גופא באַלד געוואָרן זײַן יחוס־בריוו. ער איז געוואָרן אַ יחסן, וואָס האָט זיך געייחוסט מיט זיך אַליין.

אינדיווידועל האָט ער כּסדר געדענקט זײַנע דורות אין די יאָרהונדערטער אַרײַן, שפּעטער זײַן אייגענע געשיכטע אין די יאָרצענדליקער אַרײַן און אין נאַציאָנאַלן זינען האָט ער יעדעס וואָרט וועגן יידן באַזירט אויף דעם געפיל, אַז הינטער אונדז שטייען נישט ווייניקער ווי פיר טויזנט יאָר — שוואַרץ אויף ווײַס.

אין יאָר 1934 בין איך געווען אין ניו־יאָרק. אַזוי ווי איך פלעג אָפּט מיטאַרבעטן אין „צוקונפט״, די צײַטשריפט, וואָס ליעסין האָט מיט גרעסטן דערפאָלג צענדליקער יאָרן לאַנג רעדאַגירט, איז נישט מער ווי רעכט געווען צו באַזוכן ליעסינען. ער האָט געוווינט דעמאָלט אין די גרויסע קאָאָפּעראַטיווע הײַזער, אַ ביסל אויסערן שטאָט און נאָך דער אַרבעט פלעגט ער גערן פאַרברענגען מיט אַ גאַסט. אָבער באַזוכן ליעסינען איז געווען אַ קליינער צערע־מאָניאַל. אַוודאי האָט מען געקענט אַרײַנפאַלן צו אים בלויז דורך אָנקלאַפּן אין טיר, בעסער איז אָבער געווען, ווען יעקב קרעפּליאַק, דער שריפטשטעלער און לאַנגיאָריקער געטרײַער סעקרעטאַר ליעסינס, האָט באַשטעלט די באַגע־געניש, און נאָך בעסער איז געווען אויב עמעץ האָט דיך צוגעפירט צו ליעסינען. אַזוי איז טאַקע געווען אין מײַן פאַל. דער דיכטער יקותיאל קיסין, דער גלײַענדיקער ענטוזיאַסט ליעסינס, האָט מיך צוגעפירט צו אים און געבליבן די גוטע עטלעכע שעה פון באַזוך.

ליעסין האָט געהאַט אַ פּנים פון איינעם פון די שאַפערס פון דער חכמת־ישראל, אַזוי פון אַרום 1780 ביז 1820 אין דײַטשלאַנד. אַ פּנים פול מיט חכמה

און מיט אַלערלײ קנײטשן און אַזאַ מאָדנעם שטערן, אַזױ װי אַ קישעלע װאָלט הינטער דער שטערנהױט געװען. פאַראַנען אַזעלכע שטערנס צװישן די גרױסע געלערנטע לרוב. פון הינטער אַזאַ קישעלע אָפּיר װעפּט נישט אױס די תּורה און די חכמה און מחשבות װאָרעמען זיך לאַנג אױס אײדער זײ קומען אױף דער װעלט. האָט טאַקע ליעסין געדענקט אַ סך און געלערנט אַ סך. אַזױ דאָס גאַנצע לעבן. און אונטער אַזאַ שטערן זענען שױן די אױגן במילא אױך אײַנגעבעטע אין שװערע אױגנדעקלעך און דאָס גאַנצע פּנים איז אי אױסדרוקספול מוסקוליעז און אי אָפּגעלאָזן און די פעסטע האָר אױפן קאָפּ זענען אי ציכטיק מיט אַ שרינט פאַרקעמט און אי פּראָפעסאָריש צעװאָרפן. אַז איך האָב ליעסינען געזען איז ער שױן גרױ געװען, זײַן פּנים גלאַט ראַזירט. און אַז ער רעדט, רעדט ער אי זײער צוגעלאָזן און אי זײער צוריק־געהאַלטן. אי פון אױבן אַראָפּ און אי פון אונטן אַרױף, און גלײַך אױף גלײַך, חבריש. אָבער אַ סך מער פון אױבן אַראָפּ. ער קען זיך נישט העלפן. ער װײסט מער און ער האָט נישט קײן גרונט צו שפּילן דעם צדיק. אָבער ער שפּילט גערן אַ קדוש דאָס גאַנצע לעבן זײַנס און ער שרײַבט גערן װעגן קדושים און מאַרטירערס. אפשר אַ העלפט פון זײַנע לידער און באַלאַדעס זענען װעגן קדושים.

ליעסין װױנט אין אַ היפּשער דירה און די דירה איז פול מיט געקליבענע ביכער און מיט געקליבענע קונסטבילדער פון ניו־יאָרקער ייִדישע מאָלערס. ער האָט זיך עס געקענט פאַרגינען און האָט די בילדער געקױפט מיט אַ ברײטער האַנט. די דירה איז אױך פול מיט אַ זײער איבערגעגעבן, זײער סודותדיק פאַמיליע־לעבן, און אױך דאָס איז ייִחוסדיק. די שטוב איז כּסדר פול מיט זאָרג װעגן ליעסינס אײנציקער טאָכטער, װאָס איז שטענדיק קראַנק, הגם זי האַלט אין אײן לערנען. און פאַר דער משפּחה זאָרגט זיך — נאָכן טױט פון ליעסינס פרױ — איר שװעסטער, און די גאַנצע שטוב אירצט זיך. אַלע פאַר אײנעם און אײנער פאַר אַלע זענען זיך דאָ מקריב. אין אַ שטוב, װוּ עס הענגען אַ סך קונסטבילדער, הענגען נישט קײן סך פּאָרטרעטן, אָבער אײן מאָדנער פּאָרטרעט, און זײער ענלעך צו אַ ליעסין־פּאָרטרעט הענגט דאָ יאָ אױף זײער אַן אַנזעעװדיק אָרט. דאָס איז אַ פּאָרטרעט פון גבריאל ריסער, דעם דײַטש־ייִדישן אַמאָליקן קעמפער פאַר עמאַנציפּאַציע. ער איז ליעסינס אַ װײַטער קרוב און ליעסין ייִחוסט זיך דערמיט מער װי מיט אַלע איבעריקע צװײַגן פון זײַן ייִחוס־בױם. בשעת איך שטײ בײַ דעם בילד איז באַלד ליעסין נעבן מיר און ער נעמט מיך שױן עקזאַמינירן װעגן ריסערן; װײס איך, נאַטירלעך, אָבער איך װײס װײניק און ליעסין נעמט זיך ממש בײזערן אױף מיר: סטײַטש, אַ ייִדישער שרײַבער זאָל נישט זײַן בקי אין גבריאל ריסער, כאָטש װי אַ ייִד אין אשרי. בין איך אָבער אין אשרי אַלײן

אויך נישט שטאַרק בקי. אַ נײַער דור. ליעסין קען עס מיר נישט מוחל זײַן, ער צינדט זיך אָן מיט אַ הייליקן פײַער פון אַ שײַטער־הויפן קעגן דעם דאָזיקן נײַעם דור. — — —

פון צו פיל שטאָלץ און נישט זײַענדיק זיכער צי וועט ער פאַרנעמען דעם סאַמע ערשטן מיזרח־פּלאַץ, האָט ליעסין זײַנע לידער און באַלאַדעס — און צווישן זיי אַ סך מײַסטערווערק, דער עיקר די, ווו עס האָט אים פאַרלאָזט די האַרב־האַרטקייט פון זײַן קנאַפּ מוזיקאַלישער שפּראַך — בײַם לעבן נישט געדרוקט אין ביכער. און כבוד האָט ער אָפּיציעל אויסגעמיטן, נאָר עטלעכע מאָל האָט מען אים „פאַרגוואַלדיקט" מיט יובלדיקע אויסגאַבעס.

ליעסין האָט גערן קאָרעספּאָנדירט מיט זײַן גרויסער האַנטשריפט ווי די האַנטשריפט פון אַ קינד אין ערשטן חדר־יאָר. נאָר צום ליבסטן און גיכסטן פלעגט ער ענטפערן אויף בריוו, אין וועלכע עס זענען געווען קאָמפּלימענטן אויף זײַנע לידער. אַ מענטש בלײַבט אַ מענטש. זײַן טאָכטער און זײַנע לידער האָט ער צום שטאַרקסטן אין דער וועלט ליב געהאַט און צום שטאַרקסטן זיך איבער זיי געזאָרגט. און זײַן לעבן איז געווען זייער לײַכט און זייער שווער. צענדליקער יאָרן לאַנג האָט ער געהאַט די בעסטע אַרבעטס־באַדינגונגען. זײַן שטענדיק לייטאַרטיקל פאַר דער „צוקונפט" פלעגט ער אין דער לעצטער רגע דיקטירן זײַן סעקרעטאַר אויפן טעלעפאָן — — —

פּראָפעסאָר סאָלאָמאָן ליפּצין

געבוירן אין יאָר 1901, אין סאַטאַנאָוו, בעסאַראַביע. זינט 1910 אין אַמעריקע. די לעצטע יאָרן אין ישראל.

זײַן אַקאַדעמישע ספּעציאַליטעט איז: פאַרגלײַכנדיקע ליטעראַטור. און נאָך איז זײַן ספּעציאַליטעט: גערמאַנישע ליטעראַטורן. זינט זײַן פריִער יוגנט איז ער אַ לעקטאָר און אַ פּראָפעסאָר און אַ דאָקטאָר פון פילאָסאָפיִע. ער האָט אפשר זיבן טיטלען און האָט שוין געלערנט אפשר אויף זיבעצן קאַטעדרעס אין אַמעריקע און אויף איין קאַטעדרע אין מדינת־ישראל, אין דער בר־אילן אוניווערסיטעט אין רמת־גן. ער איז אַן אינטעגראַלער ייִד — וואָלט איך געזאָגט — מיט אַ שטאַרקן אַפעקט פאַר ייִדיש. פון וואַנעט דער דאָזיקער שטאַרקער אַפעקט צו ייִדיש קומט צו אים, דאָס ווייס איך אויפריכטיק — נישט. נישטאָ קיין שום באַזונדערע סיבה. זײַן נאָמען איז סאָלאָמאָן ליפּצין. אַ מיטלהויכער, נישט קיין דיקער, זייער אַ באַוועגלעכער, קוים וואָס ער קען אײַנשטיין אויף אַן אָרט. זײַנע האָר האָבן אַ טענדענץ זיך צו דריידלען און זײַן גאַנץ פּנים וואַרט כּסדר מיט צעשמייכלטע אויגן — צו דערציילן דיר עפּעס וווּנדערלעכס...

בײַ זײַן ענטוזיאַסטישער באַוועגלעכקייט איז ער זייער פּראָפעסאָריש־מעטאָדיש. ער האָט מיר אַ מאָל געזאָגט, אַז נאָר צוליב דעם איז ער אין שטאַנד אַזוי פיל צו אַרבעטן, ווײַל ער האָט זײַן טאָג גענוי אײַנגעטיילט. (אפשר נעמט זיך עס דערפון ווײַל ער האָט אַזוי פיל שטודירט דעם מעטאָדישסטן פון אַלע דיכטערס פון דער וועלט — יאָהאַן וואָלפגאַנג פאָן געטהע...) ער — ליפּצין — וווינט ווײַט אויסער שטאָט. ער נוצט אָבער אויס די צײַט פון פאָרן אין דער סאָבוועי דורך גרינטלעך דורכדענקען די זאַכן, וואָס ער האָט נעכטן געלייענט און דאַרף הײַנט אין אָוונט וועגן זיי שרײַבן. וווּנדערלעכע מעטאָדיק — צו פאַרוואַנדלען אין סאַמע פּראָדוקטיווסטע בייטן יענע טיילן פון גאָרטן פון דער צײַט, וואָס אַנדערע באַלעבאַטים באַטראַכטן פאַר וויסט לאַנד.

פּראָפעסאָר ליפּצין איז געקומען צו דער ייִדישער ליטעראַטור שפּעט אין זײַנע יאָרן לפי־ערך. דעריבער האַלט ער אין איין אַנטדעקן און זיך וווּנדערן איבער זאַכן, וואָס מיר אַלע האַלטן זיי פאַר אַ זעלבפאַרשטענדלעכקייט. אָבער האַלטנדיק זיי אַזוי — פאַרגעסן מיר, אַז דערשײַנונגען דאַרפן פון צײַט צו צײַט ווידער אַנטדעקט ווערן. ליפּצין טוט אָפט די אַרבעט פאַר אונדז. — — — אַז ליפּצין האָט אַנטדעקט פאַר זיך די ייִדישע ליטעראַטור, איז ער באַלד צוגעקאָכט געוואָרן צום ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט

ייִוואָ, און זײַן אַקאַדעמיש דענקענדיקער מוח האָט זיך באַלד אַ פּרעג געטון: האָט ייִדיש אַ קאַטעדרע ערגעץ ווו אין אַמעריקע? לאָזט זיך אויס, אַז טאַקע נישט. און ליפּצין האָט נישט גערוט ביז ער האָט אַזאַ קאַטעדרע געשאַפן, טאַקע אונטער זײַנע פליגלען, אַלס הויפּט פון דער גערמאַנישער דיוויזיע אין ניו־יאָרקער „סיטי־קאָלעדזש". און אַזוי ווי עס איז נישט געווען גרינג — האָט דער ענטוזיאַסטישער קאָפּ פון סאָל. ליפּצין אויסגעטראַכט אַ טריק: ייִדיש קומט אין אַ גרויסער מאָס פון דײַטש און מען דאַרף עס פאָרשן און פאַרגלײַכן... (פאַרגלײַכנדיקע ליטעראַטור — אויך דאָס איז דאָך ליפּצינס ספּעציאַליטעט). און מיצווה גוררת מיצווה — נאָך „סיטי קאָלעדזש" איז געקומען די קאָלומביאַ־אוניווערסיטעט — נאָך מאַקס ווײַנרײַך — זײַן זון אוריאל ווײַנרײַך און עס וועלן קומען נאָך און נאָך. און אַלץ אַ דאַנק דעם גלויביקן ענטוזיאַזם ליפּצינס און אַ דאַנק זײַן שטורמישן התלהבות פאַר ייִדיש, וואָס קיינער קען די סיבה נישט פאַרשטיין.

שטיל און בלאַנד און הויך איז די פּרוי ליפּצין, געוועזענע אַנגעשטעלטע אין דער ייִדישער קהילה אין ווין. עס איז געווען אַ ליבע אויפן ערשטן בליק — ליפּצין האָט עס ליב צו דערציילן, מעג מען עס איבערדערציילן. אַ דאַנק ליפּצינס ענטוזיאַזם האָט זיך אויך פרוי ליפּצין אויסגעלערנט ייִדיש און — — — אויפריכטיק ליב האָבן ייִדישע ליטעראַטור. מחמת דאָס כאַראַקטעריסטישע פון ליפּצינס ענטוזיאַזם איז זײַן אויפריכטיקייט.

אַ זיגזאַג צווישן דײַטשער און ייִדיש־דײַטשער ליטעראַטור זענען די ווערק פון פּראָפעסאָר ליפּצין, וואָס ער שרײַבט זיי אין ענגליש. דאָ האָט איר נאָוואַליס און ניטשע און היינע — ער איז ממש אַ היינעלאָג — און שניצלער און ריכאַרד בער־האָפמאַן און פּרץ און — — אליקום צונזער און אַ מערקווער־דיק בוך וועגן די ייִדישע שטיפקינדער פון דער דײַטשער ליטעראַטור — אַ טראַגיש יסוד־ווערק וועגן אַ סיטואַציע אין דער וועלט־ליטעראַטור בײַ ייִדן וואָס קומט און גייט בכל דור ודור...

אין זײַן דראַנג נאָך מעטאָדישער פאָרמולירונג, און מעטאָדיש דענקענדיק יעדן טאָג שעהען נאָכאַנאַנד, האָט פּראָפעסאָר ליפּצין זיך דערטראַכט צו מערקווערדיקע קלאָרקייטן אויפן לאַבירינטישן געביט פון ייִדישקייט אין אַמעריקע. באַזונדערס זײַנע קלאַסישע מעדיטאַציעס וועגן דער נייטיקייט צו דערציִען דאָס ייִדנטום אין אַמעריקע, צו לעבן באַוווסטזיניק אין אַמעריקע. נישט שטח, אָבער אין ייִדישער צײַט... נישט אין דעם פּערזענלעכן פּאָרטרעט איז דאָס אָרט דעם געדאַנק געענוי פונאַנדערצוּוויקלען.

דאָ אַנומלט האָב איך געהערט פּראָפעסאָר ליפּצינען רעדן וועגן יעקב גלאַטשטיינען. אויף זײַן נאַיִוון אופן האָט ער צוגעגעבן, אַז ער האָט גלאַט־שטיינען ערשט נישט לאַנג אויף אַן אמת אַנטדעקט. אָבער איין מאָל אַנטדעקט

אַ נײַע גרויסקייט — האָט ער שוין מעטאָדיש און גרינטלעך דורכגעשטודירט אָט דעם נײַ־אַנטדעקטן פּאַר אים פּלאַנעט... ער האָט אָנגעהויבן זײַן רעדע אין ייִדיש, אָבער אַריבער אין ענגליש. און זײַן ענגליש איז ענטוזיאַסטיש, און יעדעס וואָרט — אַזוי דאַכט זיך, אַז מען הערט אים — האָט פֿליגעלעך. ווירקן זיי ווי אַ געזעמל בינען — זײַן געזעמל ווערטער אין אַ רעדע. און יעדעס וואָרט זוכט אַ בלום און יעדעס וואָרט געפֿינט אין איר אַ טראָפּנדל האָניק. אָבער ליפּצין איז נישט צופֿרידן נאָר מיט זײַן ענטוזיאַסטישער רעדע, ער וואָלט וועלן זאָגן נאָך מער, נאָך מער. און ער זאָגט, און אַלע פֿילן, אַז עס איז עפּעס נײַס: שפּראַכן זענען משפּיע איינע די אַנדערע — אַזוי ווי ליטעראַטורן — „פֿאַרגלײַכנדיקע ליטעראַטור" איז דאָך ליפּצינס רײַטפֿערד — און ענגליש לשון אין אַמעריקע איז איצט אין פּראָצעס פֿון אויפֿנעמען ייִדיש־השפּעות, רײַכער ווערן, זאַפֿטיקער ווערן. נו, דערווײַל האָב איך אַזוי פֿיל געקענט זאָגן וועגן דעם דיכטער. אָבער ווען ענגליש וועט שוין געהעריק אויפֿנעמען די ייִדיש־השפּעות, אין אַ פּאָר צענדליק יאָר אַרום, וועל איך קענען זאָגן מער.

הלוואַי וואָלטן מיר כאָטש אַ טוץ אַזעלכע ייִדיש־אַמבאַסאַדאָרן געהאַט אין די אוניווערסיטעטן פֿון דער וועלט.

אָט אַזוי — אין קורצע שטריכן — זעט אויס אונדזער ערשטער אויף דעם געביט — פּראָפֿעסאָר סאָלאָמאָן ליפּצין.

1957

לייבוש לעהרער

געבוירן אין יאָר 1887 אין וואַרשע. פון 1906 ביז 1909 אין בריסל און פּאַריז. פון דעמאָלט אין ניו־יאָרק. געשטאָרבן דעם 17טן סעפּטעמבער 1964.

זײַן משפּחה־נאָמען „לעהרער”, און ער לייגט אים אויס לויט דער משפּחה־טראַדיציע מיט אַ „ה”. ווי אַ סך יונגע־לײַט, וואָס זענען נישט קײַן פּאָעטן און וועלן קיין פּאָעטן נישט בלײַבן, און דאָך הייבן זיי אָן זייערע שרײַבערישע קאַריערעס מיט לידער, אַזוי האָט אויך לעהרער אָנגעהויבן, און גענומען האָט ער זיך אַ פּסעוודאָנים: ל. מאַגיסטער, וואָס דער טײַטש דערפון איז ווידער לערער. אַפילו זײַן פּנים האָט געהאַט אין זיך די שטרענגקייט און גלײַכצײַטיק סבלנותדיקע געדולד פון אַ לערער. שאַרפע פּנים־שטריכן, דורכדרינגענדיקער בליק. פון דער שטים איז שוין אָפּגערעדט. ער האָט קיין מאָל נישט גערעדט סתּם. רעדט ער צו אַ גרופּע מענטשן — איז ווי פון אַ קאַטעדרע אין אַ שול־קלאַס. רעדט ער צו אַ יחיד — איז ווי צו אַ תּלמיד, וועמען ער גיט אַ פּריוואַטע לעקציע. דאָס איז דער גאָט־געבענטשטער פּעדאַגאָג לייבוש לעהרער, וואָס האָט — ממש ווי מיט אַן אָנגעגליטן, פּאַרצײַטישן קופּער־חותם אַרײַנגעחתמעט זײַן נאָמען אין דער געשיכטע פון אַ האַלבן יאָרהונדערט געראַנגל פון דעם וועלטלעכן יידישן שולוועזן אין יידישן לשון, בעיקר אין אַמעריקע.

לייבוש לעהרער האָט זיך אַ סך אָנגעלערנט אין חדרים, ישיבות, גימ־נאַזיעס און אוניווערסיטעטן און נאָך מער האָט ער זיך אָנגעלערנט און אָנגע־לייענט ווי אַן אויטאָדידאַקט. זײַן מוח איז געווען ווי יענע לעגענדאַרע ציס־טערנע, וואָס פאַרלירט נישט קיין טראָפּן וואַסער אומזיסט. ער האָט אַלץ געדענקט. און ער האָט געהאַט אַ טבע אין יעדן אַרטיקל אַרײַנצושרײַבן אַלע מעגלעכע אַרגומענטן און אַזוי אויך אַרײַנצורעדן אין יעדער רעדע אַלץ, אַלץ, וואָס האָט נאָר געקענט באַגרינדן זײַן טעזע. ער איז געוואָרן אַ דעמאָקראַט פון די שפּיץ פינגער ביזן שפּיץ קאָפּ, און האָט מיט סבלנות און ערנסט אויסגעהערט דעם צד שכּנגד, אָבער זעלטן ווען איז דער דאָזיקער צד שכּנגד געקומען צום וואָרט אין לייבוש לעהרערס אָנוועזנהייט, ווײַל ער איז געווען אַ לאַנגרעדנער און לאַנגשרײַבער אָבער מען האָט אים גערן לאַנג געהערט און לאַנג געלייענט צוליב זײַן הייליקן ערנסט, מיט וועלכן ער האָט באַהאַנדלט אַלע פּראָבלעמען, וואָס ער האָט אָנגערירט. און געווען זענען עס קיין מאָל נישט סתּם פּראָבלעמען, נאָר אַלע מאָל די פּראָבלעמען פון יידישן קיום און המשך אין אַמעריקע.

און אַלס לערער־פּראַקטיקער, און נישט סתּם לערער בעל־מחשבות, האָט לייבוש לעהרער ליב געהאַט צו זען לעבעדיקע אימאַזשן פון זײַנע טעאָריעס.

איז ער צוגעשטאַנען צו דער ייִדישער שלום־עליכם שול־באַוועגונג אין אַמע־ריקע און האָט דערצו געגרינדעט דעם יערלעכן בוֹיבעריק־קעמפּ. אַ וואָרשטאַט — פֿון איין זײַט צו עקספּערימענטירן מיט געוויסן און פּראַגנטוואָרטלעכקייט און פֿון דער אַנדערער זײַט אויפֿצוטאָן ממש, דערציִען אין איין ווינקל פֿון ייִדישן אַמעריקע דעם נײַעם ייִדישן מענטש נוסח לייבוש לעהרער. געניי וואָס דער דאָזיקער נוסח איז — איז שווער צו באַשטימען. און שווער צו באַשטימען איז עס דערפֿאַר, מחמת מיר לעבן אין אַן אוניווערסאַלער איבער־גאַנגס־צײַט בכלל און ייִדיש־אוניווערסאַלער בפרט. די וועלט לעבט איצט איבער אויף אַלע געביטן „פּערמאַטיווע" יאָרן. (אַנטשולדיקט, פּעדאַגאָגן, וואָס איך האָב מיר אויסגעבאָרגט אַ וואָרט פֿון אײַער ספּעציעלן וואָקאַבולאַר). אין יאָר 1914 איז די וועלט — די אַלטע וועלט פֿון די פֿריִערדיקע 19 יאָרהונדער־טער — געשטאָרבן און איז דעם זעלבן יאָר נײַ־געבוירן געוואָרן און איצט איז זי אין אירע פּאָרמאַטיווע יאָרן.

צוויי פּעסטונגען האָט לייבוש לעהרער געהאַט אין אַמעריקע, ווו זײַן השפּעה און אָנפֿירערשאַפֿט איז געווען שטאַרק בולט: דעם שלום־עליכם־פֿאָלקס־אינסטיטוט און דעם ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט. ער האָט געשריבן אַן אומצאָל לאַנגע, אַרגומענטירטע אַרטיקלען אין די בעסטע זשור־נאַלן — ער האָט געשריבן ענגליש, ער האָט געהאַלטן לאַנגע רעדעס און אַרויסגעגעבן פּילזײַטיקע ביכער. אַלע אויף איין און די זעלבע טעמעס: רעליגיע און טראַדיציע, גאָט און מענטש, מענטש און ייִד, ייִד און ייִדישקייט, ייִדיש און אַנדערע לשונות בײַ ייִדן, פּאָעטיש לעבן — רעאַל לעבן, לערערײַ און פּסיכאָלאָגיע, לערער און תּלמיד, הײַנט און מאָרגן פֿון ייִד אין אַמעריקע. אויסצושעפּן די טעמעס — דאַרף מען דרײַ לעבנס האָבן. און לייבוש לעהרערס ענערגיע... אַגב איז געווען צו באַוווּנדערן זײַן אַרבעטזאַמקייט אין די לעצטע יאָרן, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געוואָרן שוואַך ווי זײַן אייגענער שאָטן...

אַ בלעטער געטאָן אין מײַן אַרכיוו און געפֿין אַ בריוו פֿון לעהרערן צו מיר קיין אויסטראַליע, ווו איך האָב דעמאָלט אָנגעפֿירט אַ ייִדישע נאָכמיטאָג־שול. ער גיט מיר אַלערליי עצות. אַ סימן, אַז זײַן זאָרג וועגן אַ מאָדערנעם ייִדישן מאָרגן איז געגאַנגען ווײַטער ווי די גרענעצן פֿון ניו־יאָרק. זײַן חלום וועגן אַן אידעיִש באַזירט ייִדיש פֿאָלקסלעבן האָט אַרומגענומען דעם כּדור־הארץ און די אייביקייט.

ארץ־ישראל, תּפֿוצות, ייִדיש, העברעיִש, רעליגיע, טראַדיציע — לעהרער האָט אַ לעבן לאַנג געזוכט די כעמישע פֿאָרמולע דאָס אַלץ צו אינטעגרירן. געשטאָרבן מיט דעם גלויבן, אַז ער האָט די פֿאָרמולע געפֿונען...

1964

ליפּע לעהרער

געבוירן אין יאָר 1890 אין וואַרשע, געקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1910. אַלע יאָרן אין ניו־יאָרק. געשטאָרבן דעם 16טן אויגוסט 1963.

איינער פון די דרײַ ברידער: לייבוש לעהרער — דער ייִדישער דענקער און פּעדאַגאָג; דוד לעהרער — דער זשורנאַליסט, פריִער אין בעלגיע, איצט אין ניו־יאָרק, און ער, ליפּע לעהרער ע״ה. וואָס איז ער געווען? ווי אַזוי באַצייכנט מען אים? איין זאַך איז זיכער, עס איז זיך שווער פאָרצושטעלן דעם שטראָם פון דער ייִדישער ליטעראַטור און ייִדיש־קולטור אין אַמעריקע אין די לעצטע פופציק יאָר אָן ליפּע לעהרער. ער האָט אייביק געשמייכלט, חוץ דעמאָלט ווען ער האָט זיך צוליב עפּעס געבייזערט, און געבייזערט האָט ער זיך קיין מאָל נישט צוליב פּריוואַטע סיבות און נײַערט אַלע מאָל צוליב כּלל־זאַכן, לשמה, אַזוי צו זאָגן. ער איז — ליפּע לעהרער — אומעטום בײַגעווען אין ניו־יאָרק, וווּ און ווען מען האָט נאָר גערעדט ייִדיש בפּומבי. און טאָמער איז געווען אַ וויכּוח, האָט ער אַלע מאָל געבעטן אַ וואָרט. און ער האָט אַלע מאָל געהאַט עפּעס צו זאָגן, עפּעס לטובֿת אַ בעסערער דאָליע פון ייִדיש־לשון און ייִדישער קולטור. ער איז געווען אַן אַקטיווער פאַרוואַל־טונגס־מיטגליד אין די ייִדישע קולטור־אינסטיטוציעס אין ניו־יאָרק. אַז ליפּע האָט גענומען אַ וואָרט איז דאָס פאַר אים געווען אַ גרעסערע אָנשטרענגונג ווי בײַ יעדן אַנדערן, מחמת ער האָט געליטן פון אַ קליינעם מום — ער האָט געשטאַמלט. אָבער פּובליקום האָט אים געקענט — ווער האָט נישט געקענט ליפּע לעהרער אין ניו־יאָרק? — און מיט חבֿרישער דיסציפּלין און ליבשאַפט זיך צוגעהערט צו אים.

ליפּע לעהרער האָט אַלע זײַנע יאָרן געלעבט אין אַ מין ייִדישן קולטור־צעליבאַט, ווי אַן אייביקער רווק, אַ בחור אין איינזאַמע האָטעל־צימערן. ער האָט געלעבט אין אַ מין ממש רעליגיעזער אייביקער פאַרבינדונג מיט אַ חוט־המשולש פון דרײַ ייִדישע קולטור־אינסטיטוציעס: שלום־עליכם־פאָלקס־אינסטיטוט, וואָס פירט אָן מיט אַ נעץ ייִדישע שולן אין אַמעריקע; פאַרלאַג „מתּנות״, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ שלל מיט ערשטקלאַסיקע ביכער אין ייִדיש — און „קינדער־זשורנאַל״, וואָס דערשײַנט שוין כּמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט. אָט די דרײַ אינסטיטוציעס האָבן איין אַדרעס. ליפּע לעהרער איז געווען זייער נשמה און זייערע הענט צו גלײַך. וואָרעם פאַר ליפּע לעהרערן איז פּאַקן ביכער־פּעקלעך און טראָגן זיי צו דער פּאָסט געווען פּונקט אַזאַ הייליקע אַרבעט ווי שרײַבן אַ מאמר, האַלטן אַ רעדע אויף אַ קולטור־קאָנפערענץ,

אָדער גאָר רעדאַגירן דעם „קינדער־זשורנאַל", וואָס די ליטעראַרישע מלאָכה האָט ער איבערגענומען און זייער גוט דורכגעפּיט נאָך דער פּטירה פון שמואל ניגער ז"ל.

מיר האָבן דאָ אויבן געפרעגט: וואָס איז געווען ליפּע לעהרער? ווי אַזוי באַצייכנט מען אים? וואָס פאַר אַ נאָמען האָט זײַן פאַך, וואָס ער האָט אים אַזוי געטרײַ אויסגעפירט אין פאַרלויף פון אַ האַלבן יאָרהונדערט? און עס דאַכט זיך אונדז, אַז דערויף איז דאָ איין ענטפער, איין וואָרט: ליפּע לעהרער איז געווען אַ „קולטור־טוער". אָבער וואָס איז אַ קולטור־טוער? איז דאָס אַ פאַך, וואָס איז באַקאַנט אויך אין דער נישט־ייִדישער וועלט? אונדז דאַכט זיך, אַז נישט. עס איז אַן אויסשליסלעך ייִדיש פאַך, און נישט נאָר דאָס, און נײַערט אַ ייִדיש־לשון־פאַך. ווארעם אַ גרויס וועלט־לשון, אַ גרויס קולטור־לשון, וואָס האָט נישט קיין קולטור־מיניסטעריום, וואָס זאָרגט פאַר זײַנע נויטן, מוז האָבן אַ בריגאַדע פון קולטור־טוערס. עס האָט אַפילו שוין איינער פאַרגעלייגט, אַז מען זאָל דאָס וואָרט רעפאָרמירן און זאָגן קורץ: קולטוער. יאָ, ליפּע לעהרער איז געווען אַ קלאַסישער טיפּ פון אַ קולטור־טוער, און ער וועט — צוזאַמען מיט זײַנס גלײַכן — פאַרנעמען זײַן אָרט אין דער געשיכטע פון דעם וועלטגאַנג פון דער ייִדישער קולטור.

אָט בלעטער איך מיט טיפן סענטימענט און אומענדלעכן אומעט אין מײַן אַרכיוו צענדליקער בריוו פון צענדליקער יאָרן פון ליפּע לעהרער. אומעט — אומעט — מחמת אַזעלכע געשטאַלטן אין ייִדישן לעבן גייען שוין נאָר אַוועק, אָבער קומען נישט מער... וויפל ענערגיע און חברישע ליבשאַפט איז דאָ אין ליפּעס בריוו. ער האָט זיך ליב געהאַט צו וויצלען און שרײַבן אָט די בריוו אין אַ וואַרשעווער דיאַלעקט און מיט פּוילישע ווערטער געניצט בײַ ייִדן. איין בריוו פאַרענדיקט ער „דאָ ווידזעניאַ!" — — דאָ ווידזעניאַ — גוטער פרײַנד...

1963

מלך לעוו

געבוירן 1902 אין רעדים, גאַליציע, געשטאָרבן 7טן נאָ־ װעמבער 1971 אין װאַרשע.

עס קען אפשר זײַן, אַז אַט דער „פּענפּראָפּיל" פון מלך לעוו באַלאַנגט נישט צו די ראַמען פון „מײַן לעקסיקאָן". ער באַלאַנגט אָבער אָן שום באַװאָ־ רענישן צו די ראַמען פון מײַן האַרץ און מײַן נשמה. מלך לעוו איז אויך אַ קרוב מײַנער, באַלאַנגט מיט מיר אין אײנעם צו מײַן משפחה. זײַן מוטער — מײַן ערשטע קוזינע. ממילא ער אַלײן מײַן קוזין — צווייטע מדרגה. זײַן ערשטער נאָמען „מלך" און מײַן ערשטער נאָמען „מלך" — האָבן קײן שום שײַכות נישט.

מלך לעוו איז געבוירן געװאָרן אין רעדים — דאָרט האָט גאָט פאַרבונדן די נשמה מיט דעם גוף זײַנעם. דאָס יאָר 1902. ער איז געשטאָרבן דעם 7טן נאָװעמבער 1971 — צו זײַנע 69 יאָר. צוריקגעגעבן גאָט זײַן נשמה, אַזוי שטראַלנדיק ריין, ווי גאָט האָט זי אים געגעבן. געשטאָרבן איז מלך לעוו אין װאַרשע.

די 69 יאָר פון זײַן לעבן איז ער געבליבן אין פּוילן. געאָגראַפיש — ביז נאָך דער ערשטער װעלט־מלחמה אין גאַליציע און בעיקר אין פּשעמישל, אָדער פּרעמיסלע, ווי ייִדן פלעגן רופן די דאָזיקע מיטל־גרויסע גאַליצישע שטאָט. נאָך דער ערשטער װעלט־מלחמה אין װאַרשע. מיטגעמאַכט אַלץ, װאָס אַ פּוילישער ייִד האָט מיטגעמאַכט אין די יאָרן פון דריטן חורבן. מיט מוח און מיט האַרץ. נישט אַלע מאָל אין אָט אַ די יאָרן האָב איך געוווּסט ווו ער געפינט זיך. אָבער ער איז אַלע מאָל געװען אויף זײַן פּאָסטן — — און זײַן פּאָסטן האָט געהאָט אַ נאָמען: גליקלעך מאַכן די װעלט — אַלע מענטשן אויף דעם פּלאַנעט, וווּ גאָט האָט זײַן נשמה אַראָפּגעװאָרפן און אָנגעזאָגט: איך אַנטלײַ דיר אַ נשמה, טו װאָס דו קענסט מיט איר, דערנענטער די גרויסע אויסלייזונג פון מין מענטש.

און מלך לעוו האָט דעם אָנזאָג פון גאָט געדענקט.

אין דעם אוצר פון ייִדישע לעגענדעס איז דאָ אַ לעגענדע, אפשר די שענסטע אין איר מין — די מעשה פון די ל"ו צדיקים. ער, מלך לעוו, איז אָן שום ספק געװען אײנער פון זיי. זײַן שליחות איז געװען צו טאָן גוטס און עס תיכף פאַרגעסן. זיי האָבן געטאָן אַלץ, אויסגעמישט מיטן אָרעמסטן און פּשוטסטן פאָלק, מען זאָל זיי נישט דערקענען, אַז זיי באַלאַנגען צו די ל"ו. און טאָמער איז מען געװאָר געװאָרן, צוליב אַ סיבה, אַז דער און יענער איז

אַ לאַמעד־וואָווניק, איז ער תיכף נעלם געוואָרן. זייער שליחות איז צו טאָן, אָבער נישט צו דערוואַרטן דערפאַר דאַנק און פירסום.

צווישן די גאָלדענע געדאַנקען־קערנער פון יצחק לייבוש פרץ, וואָס דער גרויסער דיכטער האָט צעזייט אין זײַנע ווערק, איז דאָ אַזאַ מין געדאַנק (נישט ווערטערלעכער ציטאַט): דער ציל איז דער מענטש, אַלע פעלקער גייען צו אים. יעדעס פאָלק אויף זײַן אופן. דער וועג אין דער קירצסטער. און מיר, ייִדן, אויף דעם ייִדישן וועג. וואָס פאַר אַ וויזיע פרץ האָט געהאַט אין דעם לעצטן ציל, דעם „מענטש", וואָס אַלע פעלקער גייען צו אים — דאָס האָט ער קיין מאָל דורך זײַנע כתבים נישט דערזאָגט.

ווי אָפט מיר פלעגן זיך טרעפן — און אָט דער „אָפט" איז געווען זייער זעלטן — פלעג איך מיך אײַנהערן צו מלך לעווס שווײַגן; און אײַנקוקן אין זײַן גוטמוטיק פנים — און מיטשווײַגן. און אַ געדאַנק האָט אַ בליץ געטאָן: אפשר איז דאָס דער „מענטש" דער לעצטער ציל: מענטש. און וואָס איז ווײַטער פון דעם מיסטעריעזן ציל? גוף און נשמה — די צוויי סובסטאַנצן פון מענטש. פון שטויב קומט דער גוף און צו שטויב גייט ער צוריק. פון קאָסמאָס איז געקומען די נשמה און צום קאָסמאָס גייט זי צוריק — צו די שטערן אין בלויען הימל. אפשר ווייסט מלך לעוו איצט אַן ענטפער.

אַז מיר פלעגן זיך טרעפן — מיר, די צוויי מלכים... פלעג איך אַרײַנוואַרפן דאָ און דאָרט אַ וואָרט וועגן פאָלק, נאַציע, נאַציאָנאַלע קולטור — פלעגט לעוו זיך שווײַגנדיק צוהערן, געדולדיק, ווי די סבלנות אַליין און געענטפערט גאָרנישט. ער האָט געלעבט אין וועלטן — טויזנט יאָרן פאָרויס.

איך האָב אים — מלך לעוון — געקענט זינט ער איז געבוירן געוואָרן. אָבער פאָרט יאָרן לאַנג אַפילו נישט געוווּסט, ווו מיר זענען ערגעץ אויף דעם כדור הארץ. אָט שטייט ער מיר איצט פאַר די אויגן — אַ הויכער, אַ שווײַגער, גרייט גוטס צו טאָן אייגענע און פרעמדע. וואָס איז דער חילוק, אַבי מענטשן. אַ זעלטן שיין קינד געווען — שוואַרץ־חנעוודיק און אייביק אַ ביסל שמייכלדיק, אַפילו ווען ער האָט געווייינט...

זײַן נאָענטע משפחה איז אַ גאַנץ צאָלרײַכע געווען. 7 ברידער און שוועסטער. איינציקע דאָ און דאָרט זענען נאָך דאָ — אַ שוועסטער אין ענגלאַנד. מיטגעמאַכט דעם דריטן חורבן. אַנטלויפנדיק פון די נאַציס — איז אים איין מאָל אויסגעקומען עטלעכע טעג און נעכט צו שטיין אין אַ שאַפע באַהאַלטן. אין אַ הויז פאַרנומען דורך די נאַציס.

ער איז געווען אַ זשורנאַליסט, יאָרן אַ מיטאַרבעטער פון אַ קאָאָפּעראַטיווער טאָגצײַטונג אין וואַרשע. צו דער פּאָליטיק לינק־רעכט האָט ער זיך נישט געמישט. ער האָט אָבער אין אַזעלכע קאָמפּליצירטע באַדינגונגען באַוויזן צו זײַן ער און נאָר ער.

אין אײנעם פון זײַנע לעצטע בריוו — פון שפּיטאָל — האָט מיר לעוו געשריבן: „מיך אינטערעסירט נישט דאָס, וואָס איך האָב נעכטן געטאָן — מיך אינטערעסירט דאָס וואָס איך קען מאָרגן טאָן. אָבער מאָרגן וועל איך איצט שוין גאָרנישט קענען טאָן... איך האָב אים נישט מער...״ ער האָט יאָרן לאַנג לעצטנס געקרענקט.

אגב האָבן מיר קאָרעספּאָנדירט אין דער פּוילישער שפּראַך.

זײַן געטרײַע פרוי לאָלאַ און זײַן זון מיכאַש האָבן מיר נאָך דעם טויט פון מלך לעוו (ער האָט זיך גערופן פּאַוועל לעוו מאַרעק — צוליב אַרישע פּאַפּירן אין די נאַצי־יאָרן) צוגעשיקט אַ פּאָר נעקראָלאָגן פון די צײַטונגען נאָך זײער מאַן און פאָטער.

אָט זענען ציטאַטן פון אַ נעקראָלאָג פון דער טאָגצײַטונג „גלאָס פּראַצי״ ווו לעוו איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער:

...אַ שווערע קרענק האָט אים שוין יאָרן געפּײַניקט,
...ער אָבער איז געבליבן אַקטיוו און גרייט צו העלפן,
...צו זײַנע 17 יאָר האָט ער די סאָציאַלע אַרבעט אָנגעהויבן און
דאָס גאַנצע לעבן זײַנס געגעבן פון זיך אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט.
...ער האָט נישט נאָר געהאָלפן, ער האָט זיך אין גאַנצן מקריב געווען.
...ער האָט געגלייבט אין דעם כּוח פון גוטע אידעען, ליב געהאַט מענטשן.
...אַליין שווער קראַנק, פלעגט ער באַזוכן קראַנקע אין שפּיטעלער —
געבראַכט זיי ווערטער פון טרייסט.
...אַ גוטער, אַן איידעלער מענטש — אַ מענטש און אַ חבר.

1972

יוסף הלל לעווי

געבוירן 1891 אין קראָקע. זינט 1918 געוווינט אין מינכען. 1937 אַנטלאָפן און נאָך פיל וואַנדערונגען אָנגעקומען קיין לאָנדאָן. געשטאָרבן 25סטן אַפּריל 1955.

קראָקע איז אַלט, אוראַלט, קראָקע איז שיין, שיין אָן אַ גרענעץ. קראָקע האָט אַלטע קירכן און פונקט אַזעלכע אַלטע שולן, קראָקע האָט אַלטע טויערן און די בלויע ווײַסל שלענגט זיך ממש דורך דער מיט פון שטאָט. דער אַלטער פּוילישער קעניגשלאָס וואַוועל שטייט אויף אַ בערגל אין מיטן שטאָט, אַ סך טורעמשפּיצן שווימען דאָרט אין די וואָלקנס אָדער טונקען זיך אין ליכטיקן בלוי, און איינער פון די וואַוועל־דעכער איז פון ריינעם גאָלד. אויף דעם גרויסן פּלאַץ אין קראָקע שטייט די מאַריע־קירכע מיט די צוויי אומגלײַכע טורעמס און פון איינעם פון די טורעמס טרומייטערט מען אַלע זעקס שעה מיט אַ לאַנגן טרומייטער דעם „העינאַל”. זייגער זעקס אין דער פרי דאָס ערשטע מאָל און דאָס בת־קול פון דעם טרומייט צעטראָגט זיך ווײַט און ברייט איבער דער שטילער שטאָט אַפילו צו מיטאָגצײַט, מכּל־שכּן זייגער צוועלף בײַ נאַכט. און האָרט אָן די הויכע באַרגווענט פון דעם וואַוועל־שלאָס שפּאַרט זיך אָן דער ייִדישער שטאָט־טייל. אַ מאָל איז דאָ געווען די געטאָ, געשטאַנען דירעקט אונטער דער שוץ פון די פּוילישע מלכים.

דאָ איז געווען שיינקייט און רײַכטום און פרומקייט אָן אַ שיעור. אמתע פרומקייט. דאָ איז געבוירן געוואָרן יוסף הלל לעווי, אַ זון פון אַ סופר, וואָס איז געווען ממש הויט און ביין שוין פון כּסדר טובלען זיך פאַר יעדן שם־המפורש־כּתיבהנען. און אַ צעשראָקן בלאַס און קײַלעכדיק פּנים האָט ער געהאַט, יוסף לעווי, גרויסע, אָפענע אויגן גרוילעך־בלוילעכע, און אַליין איז ער מאָגער און דאַר געווען ווי אַ דאָן־קישאָט אין דער צײַט פון זײַן גרעסטער ליבע צו דולציינעאַ. אַזוי האָב איך יוסף לעווין צום ערשטן מאָל געזען אין קראָקע אין יאָר 1912. משה זילבורג, דער ווילנער פאַרשיקטער אין אויסלאַנד איז דעמאָלט אויך געווען אין קראָקע. און זאַלבע דריט זענען מיר נעכט לאַנג אַרומגעגאַנגען איבער די שיינע קראָקעווער פּלאַנטן, וואָס נעמען אַרום דעם צענטער שטאָט, וואָס זענען פאַרפלאַנצט דאָרט, ווו עס זענען אַ מאָל געווען די וואַסערגריבער, דער לעצטער שוץ פון דער קראָקעווער פעסטונג קעגן די טאָטערן... און יוסף הלל לעווי האָט מיט זײַן אומעטיקער שטים געזונגען און געזונגען אָן אַ סוף פאָלקסלידער, ליבעסלידער. דער „העינאַל” האָט שוין לאַנג גערופן די לעצטע פּלאַנטן־שלעפּערס אַהיימצוגיין שלאָפן און עס איז שוין באַלד נעכטער געווען צום פרימאָרגן־העינאַל.

און צו דעם אַלעמען איז קראָקע געווען די שטאָט, וווּ עס האָט זיך יאָרן לאַנג געדרוקט דער „יוד", וואָס האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין דער ייִדישער ליטעראַטור און רייזען האָט דאָ רעדאַגירט אַלערלײ צײַטשריפטן און דערצו נאָך איז קראָקע געווען דער צענטער פון דער פּוילישער ליטעראַטור, „מלאָדאַ פּאָלסקאַ" איז דאָ געבוירן געוואָרן.

אונטער אַזעלכע אומשטענדן וואָלט מען באמת געמוזט זײַן פון אײַזן און האָבן אַ האַרץ פון שטיין נישט צו ווערן אַ ייִדישער דיכטער. איז טאַקע יוסף הלל לעווי געוואָרן אַ דיכטער. און אין מאַנכע פון זײַנע לידער, ווי אין זײַן אויטאָביאָגראַפישער, אָדער ריכטיקער טאַטנס־ביאָגראַפישער סעריע „מײַן טאַטע, דער סופר" האָט ער זיך דערהויבן צו דינסטער און שענסטער ליריק. נישט נאָר זײַן אייגענעם טאַטן האָט ער דאָ געשטעלט אַ פּאַפּירענע — און דערפאַר מער דויערנדיקע ווי אַ שטיינערנע — מצבה, נאָר אויך אַלע שיינע ייִדישע סופרים פון פּוילן און ליטע פון נײַנצנטן יאָרהונדערט.

און אָט איז ער פאַרשוווּנדן, ריכטיקער געזאָגט מגולגל געוואָרן — יוסף לעווי, אויסגעוואַקסן אין מינכען גאָר מיט אַ ווײַב און אַ סך קינדער און אַ געשעפט פון בעטן און מאַטראַצן. און אין איין שיינעם טאָג איז ער גאָר אַרײַנגעפאַלן קיין וואַרשע — אַרום 1930. דאָס זעלבע צעשראָקענע קײַלעכדיקע פּנים מיט די גרויסע, ברייט־אָפענע אויגן, נאָר שוין נישט מער אַזוי דאַן־קישאָטיש־מאָגער, און דערצו מיט אַ פײַנעם אייבערמלבוש. אַזוי פײַן, אַז די גוט־אָרגאַניזירטע חברה פון די וואַרשעווער ייִדישע „דאַליניאַזשעס" (קעשענע־גנבים) האָבן אים אַרויסגעגנבעט דעם פּאַס, דאָס געלט און די לידער פון זײַנע קעשענעס אַ שעה פאַרן אָפּגיין פון זײַן צוג קיין מינכען. די לידער האָבן זיי באַלד צוגעשטעלט צוריק אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין... דאָס געלט האָבן זיי זיך גענומען פאַרן אומקערן די לידער אַזוי גיך... צום שווערסטן איז עס אָנגעקומען מיטן פּאַס. פאַרן פּאַס האָבן זיי געפאָדערט עקסטרע אויסלייז־געלט און האָבן אויך באַקומען. דער פּאַס, האָבן זיי געטענהט, איז גאָלד מיט זילבער אין זייער פּראָפעסיע, עס איז געווען אַן אויסלאַנדפּאַס פון אַ פּוילישן בירגער מיט זייער אַן אַלטער, אָפּגעריבענער פאָטאָגראַפיע. „שראַבן", האָבן זיי געטענהט, איז אײַער פּאַך, האָבן מיר אײַך תּיכּף אומגעקערט דאָס שרײַבעכץ, נאָר גנבענען איז אונדזער פּאַך און צו דעם דאַרפן מיר אַ פּאַס, אַזוי ווי איר, להבדיל, דאַרפט האָבן אַ טינט־און־פּעדער.

און יאָרן זענען אַוועק און היטלער איז געקומען צו דער מאַכט און יוסף הלל לעווי איז נאָך אַלץ געזעסן אין מינכען, נאָר פּלוצלינג האָבן אָנגעהויבן צו קומען פון אים אַלאַרמירנדיקע בריוו, געשריבן מיט כּלערליי רמזים און אָנצוהערענישן אויף דער ביטערער לאַגע. עס איז געוואָרן אַלע מאָל ענגער און ענגער צווישן די מאַטראַצן און די בעטן, זיי האָבן געדראָט זיך צו פאַר־

וואַנדלען אין אַ מאַטראַצן־קבר (הייַנעס באַרימט וואָרט וועגן זייַן קראַנקנבעט) פאַר זייַן גאַנצער פאַמיליע, האָט לעווי געשריבן.

און וואָס אַ טאָג און וואָס אַ וואָך זענען די בריוו געוואָרן נאָך צעשראָ־קענער און נאָך פאַרצווייפלטער און אין איין שיינעם טאָג האָבן זייַנע אַדרעסן געגומען וואַנדערן איבער גאַנץ אייראָפּע. דערכאַפּן מיט אַן ענטפער אָדער מיט אַ ביסל חברישער הילף האָט מען אים שוין געקענט נאָר טעלעגראַפיש. דאָ איז ער אין בעלגיע און דאָ אין פראַנקרייַך און ער לויפט מיט די צעשראָקענע אויגן און היטלער לויפט אים ממש נאָך.

יוסף הלל לעווי האָט געשריבן זייער אַ סך און אַרויסגעגעבן אַ גאַנצע ריי ביכער מיט לידער און פּאָעמעס. ער איז געווען אַ גוטער פּאָרעם־קינסטלער און געשריבן גרויסע סעריעס סאָנעטן. אָבער די בענטשונג פון זייַן מערקווער־דיקער סעריע לידער „מייַן טאַטע דער סופר" — האָט זיך סוף־כּל־סוף פאַר־וואַנדלט אין אַ מין צוים, איבער וועלכן ער האָט נישט געקענט אַריבער־שפּאַנען, ווייַטער שפּאַנען, העכער שפּאַנען... דאָס איז געוואָרן זייַן גרויסע דערגרייכונג און ווען נאָר מען פלעגט לייענען אַ ליד זייַנס, האָט מען אַ טראַכט געטון שטילערהייט: צו די לידער „מייַן טאַטע דער סופר" קומט עס נישט... אָבער אָט די סעריע איז אַ פּערלשנור אין דעם צירונג־קעסטל פון דעם ייִדישן ליד. זי וועט שיין און שטיל און מיט קראַקעווער פרומען ייִדישן געטאָ־חן פון אַ מאָל, אַ מאָל, אַרויסזינגען פון יעדער ייִדישער אַנטאָלאָגיע ווו זי וועט אַרייַנגעשטעלט ווערן. אַגב האָט זיך יוסף הלל לעוויס ערשטער לידערבוך גערופן „פרומע געזאַנגען".

און ווידער זענען יאָרן אַוועק — עס איז 1950. מיר זעען זיך אין לאָנדאָן. יוסף הלל לעווי בעמט אַ וואָרט אין אַ וויכּוח, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט נאָך מייַנעם אַ רעפעראַט. ער אָפּאָנירט — ער איז שטאַרק פרום געוואָרן. אַליין שוין אַ מין „טאַטע דער סופר". אָבער נישט קיין סופר אויף פּאַרמעט, נישט קיין סופר סתם — נאָר, ווי אַלע מאָל, אַ סופר פון פרומע געזאַנגען. ער רעדט מיט היץ, ער פייַערט, ער גליט, ער רעדט ווי אַ פלאַמענדיקער מגיד — און — אין מייַן דמיון זע איך דאָס דינבע ייִנגל פון די פלאַנטן פון 1912 אין קראָקע.

אָפּגערעדט און אָפּגעפייַערט און אָפּגעמוסרט זייַן חבר פון אַ מאָל גייט ער אַוועק פון עמוד און צעקושט זיך מיט זייַן אַלטן חבר און זייַן שטים ציטערט, און טרערן אין די אויגן...

ער האָט לאַנג געקרענקט אויפן האַרץ, איבער זייַנע לעצטע בריוו האָט געשוועבט דער פליגל פון לעצטער שרעק און פון נאָענטער באַהעפטונג מיט דער רייַנער נשמה פון זייַן טאַטן, דעם סופר.

די לעצטע ידיעה איז נישט געקומען אומגעריכט. כאָטש יאָרן, יאָרן צו פרי.

1955

יעקב לעווין

געבוירן 1884 אין טאָלטשין, מאָהילעווער גובערניע. שטו־דירט אין פעטערבורג. 1911 באַזוכט ארץ־ישראל. 1912 ביז 1915 אין וואַרשע. זינט דאַן אין אַמעריקע. געשטאָרבן 6טן דעצעמבער 1958.

אַ רעליגיעזער פאַנאַטיקער פון דער וועלטלעכקייט. אַ נוסעי־הצלב מיט אַ הילצערנער שפּיז, מיט אַ קײַלעכדיקן שפּיץ פון ווייכן מאַטעריאַל — מחמת ער איז אַ גוטמוטיקער און אַלעמען מוחל זײַענדיקער רודף־שלום. אַ קעמפער מיט אַרטיקלען אין צײַטשריפטן מיט אַ קליינער צירקולאַציע, קעגן די מאַכטיקע ווינטמילן פון דער אַסימילאַציע אין אַמעריקע. אַ מיליאָנער פון די בעסטע פּראָגראַמען פאַר יעדן ייִד אין אַמעריקע באַזונדער, און אַלע פינף מיליאָנען צוזאַמען — ווי אַזוי זיך אויסצולעבן ייִדיש. יעקב לעווין האָלט מער פון „אויסלעבן זיך”. די ייִדן פון אַמעריקע האַלטן מער פון „לעבן” און דערפאַר הערן זיי זיך נישט צו צו יעקב לעווין.

אַז ער איז נאָך אַליין געווען אַ יונגער און פול מיט פלאַם־פײַער האָט ער אָנגעהויבן צו פּריידיקן פאַר מענער און פרויען אין זײַן עלטער. ער האָט ביז איצט דעם פלאַם־פײַער נישט פאַרלוירן און ער רעדט נאָך אַלץ און שרײַבט נאָך אַלץ צו די זעלבע יונגע־לײַט, וואָס זענען שוין דערווײַל זייער אַלט געוואָרן, אָט אַזוי ווי די צײַט וואָלט זיך אָפּגעשטעלט. פאַנאַטיש אײַנגע־גלייבט, אַז ער איז גערעכט — און ער איז גערעכט! — פילט ער נישט דעם גאַנג פון דער צײַט.

יהושע בן־נון האָט אָפּגעשטעלט די זון אויף איין טאָג — אין בעסטן פאַל. יעקב לעווין קעמפט קעגן דעם גאַנג פון דער צײַט שוין אַ דור לאַנג און מער.

יעקב לעווינס פּראָגראַמען און רעצעפּטן ווי אַזוי זיך אויסצולעבן ייִדיש און וועלטלעך אין אַמעריקע האָבן אַ מאַקסימום לאָגיק אין זיך — זיי זענען שוין גאָר קיין אוטאָפּיעס נישט, אָבער יעדער זאָגט, אַז זיי זענען אוטאָפּיעס.

לעווין איז אַ גרויסער אָנהענגער פון דער נאַציאָנאַלער ייִדישער טראַ־דיציע. ער איז אָבער אַ גרויסער קעגנער פון דעם גרויסן קאָנווענציאָנעלן ליגן, וואָס איז מיט אָט דער טראַדיציע פאַרבונדן — די נישט־פרומע פרומ־קייט. וואָלט ער וועלן, אַז מען זאָל די פרומקייט אין גאַנצן עלימינירן. מען דערציילט אַפילו מעשׂיות, אַז לעווין האָט אַ מאָל צונויפגעשטעלט אַ נאַציאָנאַל־טראַדיציאָנעלן עשׂרת־הדיברות, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „איך בין די נאַטור, וואָס האָט אײַך אַרויסגעצויגן פון מצרים, פון דעם הויז

פון קנעכטשאַפט..." אויף לעווינען איז עס צו גלייבן. און דער אמת איז, אַז אין אַזאַ ווערסיע איז פאַראַנען סך מער באַוויַיזלעכער אמת, ווי אין דער אורווערסיע. אָבער אַזוי איז שוין די וועלט.

זינט איך קען יעקב לעווינען — זינט דעם יאָר 1934, זיַיענדיק דאָס ערשטע מאָל אין אַמעריקע, דאָס ערשטע מאָל אים געטראָפן — איז ער דער זעלבער. ער קוקט דיר גליַיך אין די אויגן, ווען ער רעדט וועגן זיַינע פּלענער, און ווען דו נעמסט אָן זיַינע טעזיסן — רויטלט ער זיך אַזש פאַר פרייד. און דעמאָלט איז ער באַלד גרייט דיר אויך איבערצוגעבן אַ הילצערנע שפּיז פון דער קליינער אַרמיי פון זיַינע נוסעי־הצלב. הייבסט זיך אָן צוריקצוציִען, דו ביסט נישט קיין פּראַקטיקער, די אידעען זענען טאַקע גוט, אָבער וווּ נעמט מען אָרגאַניזאַציע־כּוחות אין אַזאַ ריזיקן אַמעריקע? יעקב לעווין בליַיבט אָבער נישט אַנטוישט, מחמת אַנטוישונג איז ביַי אים שוין די צווייטע נאַטור געוואָרן...

ווו אַ גערעכטע אידעע, אַן אומפּאָפּולערע מיניאַטור־באַוועגונג, למשל — דער טעריטאָריאַליזם — זיַי זיכער, אַז דו וועסט דאָרט געפינען יעקב לעווינען, און ער שטעלט זיך נישט אָפּ בלויז אין די ייִדיש־רעדנדיקע קריַיזן, ווו נאָר אַ טיר איז אָפן ביַי ענגליש רעדנדיקע ייִדן — און מען קען פּראָפּאַגירן אידעען פון ייִדיש־ייִדישקייט און פּרינציפּיעלער וועלטלעכקייט — לעווין וועט דאָרט זיַין. ערשט לעצטנס אים געטראָפן אין דריַישפּראַכיקן ייִדישן ביכער־ראַט. מיט זיַין ווערדיקן רעדן ייִדיש אַלע מאָל און פּרינציפּיעל, שפּילט ער די ראָלע פון יענעם „סלאָבאָדקער ישיבה־בחור, צוליב וועלכן ראָטשילד אין פּאַריז קען זיך נישט שמדן"... הלוואי וואָלטן הונדערטער טויזנטער יעקב לעווינס אין אַמעריקע געווען — מיר וואָלטן באמת די ווינטמילן אָפּגעשטעלט... אָבער עס איז נאָר פאַראַנען אפשר אַ האַלבער טוץ.

1958

שמעון לעווין

געבוירן אין רוסלאַנד אין יאָר 1886. 1905—1920 אין לעמבערג, שפּעטער אין מאָסקווע. געשטאָרבן 18טן אויגוסט 1967.

שמעון לעווין — ווער איז ער? אַ שרײַבער? אַ מאָלער? אַן אַקטיאָר? — ניין. אַלע דרײַ — נישט. אין מײַנע לעמבערגער יאָרן, 1910—1913, בין איך געווען פאַרחבֿרט מיט אים. אַזוי אויך דער פּראָזע־מײַסטער א. מ. פוקס. שמעון לעווין איז געווען אַ העברעיִשער לערער. אַ פּליט פון רוסישן מיליטער. פיזיש אַ גיבור. שוואַרצע, געקרײַזלטע האָר. גערדיכטע וואָנצעס. אַ טיפּישער רוסישער ייִד. אַז מיר — פוקס און איך — האָבן באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אונדזערע ערשטע ביכלעך, איז דאָס נאָר נאַטירלעך געווען, אַז שמעון לעווין זאָל זײַן דער פאַרלעגער. סתם אַזוי. פוקסעס ביכל דערציילונגען „איינזאַמע" און מײַן ביכל לידער „אויף דער שוועל". שמעון איז צו אַלע אַנדערע מאָדנע מעלות זײַנע געווען אַ פאַנטאַזיאָר. האָבן זיך אָנגעזאַמלט בײַ אים אַ פּאָר הונדערט קראָנען, האָט ער געפונען אַ פּאַסיקן וועג פּטור צו ווערן פון זיי. און מיר — פוקס און איך — האָבן אים ערלעך צוגעהאָלפן. איך האָב דעמאָלט געאַרבעט אין אַ באַנק.

פאַר וואָס איז לעווין דווקא געוואָרן אַ פאַרלעגער? אויף יעדער שאלה איז דאָ אַ תּירוץ. אָט איז ער: אין יענע יאָרן איז געווען אַן אַנדערער העברעיִשער לערער אין לעמבערג. האָט ער אַרויסגעגעבן אַ פּאָר העברעיִשע ביכלעך און פאַרדינט געלט. אפשר הונדערט קראָנען. האָט זיך לעווין פאַרקוקט... הקיצור, מיט אונדזערע ביכלעך האָט זיך שמעון לעווינס פאַרלעגערײַ אָנגעהויבן און מיט זיי האָט זיך עס געענדיקט.

און פאַרט האָט ער די דערפאַרונג פון דער פאַרלעגערײַ אויסגענוצט יאָרן שפּעטער. ער איז געווען אָנגעשטעלט אין אַ גרויסן סאָוועטישן פאַרלאַג ביזן סוף פון זײַנע יאָרן. און יאָרן האָט אים דער אייבערשטער דווקא נישט געקאַרגט. און אויך אונדז נישט — לעווינס פּרנסה־געבערס. פוקסן און מיר.

אַ מאָל האָט מיך לעווין אָפּגעזוכט מיט אַ בריוול אין וואַרשע, אין יאָר 1922. אַזוי זאָגט מיר דער בריוו, וואָס האָט זיך אָפּגעפונען אין מײַן אַרכיוו. און זינט דעמאָלט האָבן מיר זיך פאַרגעסן. פאַרגעסן — אָבער נישט אויף אייביק. ווײַל וואָס עס איז באַשערט — איז באַוווּרט. אין יאָר 1960 האָט מיך לעווין ווידער אָפּגעזוכט מיט אַ בריוו קיין מאָנטרעאָל אויף אַ ריכטיקן אַדרעס. און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ בריוו־שרײַבערײַ — אפשר אַ פופציק אין צאָל ביז דעם יאָר 1967. איך בין געוואָרן דאָס געהיימע פאַרבינדונגס־דרעטל צווישן

אַ פֿאַרבענקטער נשמה פֿון פֿאַר דער ערשטער װעלט־מלחמה און אַ ייִדישן שרײַבער אויף דעם אַמעריקאַנישן קאָנטינענט. שמעון לעווין האָט זיך אין פּאָליטיק נישט געמישט, אַזוי אויך זײַן קאָרעספּאָנדענט אין קאַנאַדע. אָבער פּאָרט האָבן מיר זיך געהיטן — אַפֿילו מיט אַ רמז, אַ דוגמא, אַ קרישעלע, אַ שאָטן פֿון אַ שאָטן פֿון פּאָליטיק. מיר האָבן אין די בריוו געשוועבט אין דער לופֿטן — אַזוי צו זאָגן. און פּאָרט האָט זיך לעווין נישט אײַנגעהאַלטן כמעט יעדן בריוו צו פֿאַרענדיקן מיט איין און דעם זעלביקן פּסוק: נצח־ישׂראל לא ישקר — — מיט אָט דעם פּסוק האָט ער, אַזוי װי אַ פֿרומער ייִד מיט אַ קוש דער מזוזה — זיך געזעגנט ביזן קומענדיקן בריוו. לעצטנס, סוף 1966, זענען אָבער די בריוו געוואָרן שטאַרק זעלטן. פֿאַרדעכטיק זעלטן. ער האָט געליטן פֿון די אויגן. דער סאַמע לעצטער בריוו איז געווען פֿון חודש מײַ, געשריבן מיט דער האַנט פֿון אַ חבֿר. דער פֿאַרלעגער — 13 יאָר עלטער פֿון זײַן אויטאָר — איז געוואָרן כמעט אין גאַנצן בלינד. דעם 30סטן אויגוסט — זאָגט מיר מײַן אַרכיוו — האָב איך לעווינען געשריבן אַ לאַנגן בריוו, מיט פּרטים וועגן אַלע נײַעסן אין דער העברעיִשער און ייִדישער ליטעראַטור, אַזוי װי ער האָט ליב געהאַט, דאָס האָט אויפֿגעהאַלטן זײַן נשמה ביז זײַן טיפֿן עלטער... אָבער דער בריוו איז מער נישט דערגאַנגען צום אַדרעסאַט אויף דער דאָזיקער זינדיקער וועלט. דעם דאָזיקן בריוו האָב איך שוין געשריבן צו אַ בר־מינן — זינט דעם 18טן אויגוסט 1967. הײַנט האָב איך די ידיעה באַקומען דורך לעווינס אַ פֿרײַנד. נצח־ישׂראל לא ישקר...

אַ. לעיעלעס

געבוירן אין יאָר 1889 אין וולאָצלאַוועק, קינדהייט אין לאָדזש. 1906 אין לאָנדאָן. 1909 אין אַמעריקע. געשטאָרבן דעצעמבער 1966.

אַהרן טוביה גלאַנץ — איז זײַן אמתער נאָמען, און אַ. לעיעלעס איז זײַן פּסעוודאָנים, אָבער נאָר אויף די לידער — מחמת דעם לעגיאָן אַרטיקלען זײַנע, וואָס ער שרײַבט זינט אַ האַלבן יאָרהונדערט, שרײַבט ער אונטער: אַ. גלאַנץ. און זייער אָפט נוצט ער גאָר בײדע נעמען צוזאַמען: אַ. גלאַנץ־לעיעלעס. און דאָס אַלץ איז נישט קיין צופאַל. אין יעדן פון אונדז לעבן צוויי. אָפט זענען די צוויי אַ סתירה — לכל־הפחות שטאַרק אַנדערש. אָבער די צוויי, וואָס לעבן אין אַ. לעיעלעסן, זענען צווילינג־ברידער. אין עלטער — אויסגעגליכט. אין די נאַטורן — נישט. און פּאָרט נישט קיין סתירה־צווילינג, ווי יעקב און עשׂו. זיי זענען אָבער דאָך אַן אומגלײַך־צווילינג.

נישט קיין הויכער, אָבער אַ קרעפּקער און אַ זשוואַווער (לעיעלעס האָט ליב צו נוצן אויסטערלישע ווערטער — אימיטירן מיר אים דאָ, פון זײַן כּבוד וועגן). ער איז דינאַמיש. אַז זײַן פּנים און זײַן מויל בייזערן זיך צוליב עפּעס אַ סיבה — און ער איז אַ נוח לכעוס און נוח לרצות — שמייכלט זײַן בליק. און אַז זײַן בליק בייזערט זיך — שמייכלט זײַן מויל. ער האָט בכלל אַ גוט־מוטיקן חן פון אייביקער יוגנטלעכקייט אין זײַן פּנים — אַ פּנים, וואָס גריסט זיך אייביק. אַז גלאַנץ בייזערט זיך — בעט זיך שוין לעיעלעס איבער, און אַז לעיעלעס ווערט ברוגז — איז בײַ גלאַנצן שוין דער כּעס אָפּגעגאַנגען. אָבער דאָס אַלץ נאָר אין מינער־וויכטיקע זאַכן וואָרעם גלאַנץ־לעיעלעס איז אַ מענטש פון פעסטע פּרינציפּן, סײַ אַלגעמיינע, סאָציאַלע, און סײַ ייִדישע, נאַציאָנאַלע.

לעיעלעס האָט ליב צו רעדן, סײַ בעת אַ מסיבה מיט חברים, סײַ אויף שפּאַצירן, און דער עיקר בײַ אַן עמוד. ווער פון אונדז האָט עס פײַנט? נאָר מיר צערעדן זיך פּאַוואָליע — ווי די באַנען פּלעגן זיך פונאַנדערפּאָרן אַמאָליקע צײַטן. און לעיעלעס איז אין דעם זינען אַ דזשעט־עראָפּלאַן. באַלד מיטן ערשטן וואָרט איז ער אין די הימלען און ער פּײַערט שוין זײַן טעזע. און זײַן טעזע איז אַלע מאָל אַ גרייטע — ווײַל ער איז אַ מענטש פון פעסטע איבערצײַגונגען. עס איז אים גוט צו הערן, ווײַל ער האָט אַ וואַרעמע חברישע שטים און די לײַכטע הייזעריקייט אירע גיט איר צו אַן אייגענעם לעיעלעס־טאָן און אַ חן. באַהאַוונט אין אַ סך געביטן פון וויסן — מער אַלגעמיינעם ווי ייִדישן — באַהאַוונט, און אַפילו אַ בקי אין דער וועלט־ליטעראַטור, רעדט ער אַלע מאָל מיט אַרגומענטן, ציטאַטן, שעפּט פון אַ טיפן און פולן פאַס. צעפלאַקערן זיך

אָפּט װיכּוחים מיט לעיעלעסן — אין װאָרט און אין שריפֿט. ער האָט עס ליב, ער שװימט אין דעם. ער האָט ליב צו זײַן אַקטועל, אָבער ער האָט ליב די אײביקײט אַרײַנצוציִען אין הײַנט אַרײַן. אַזוי אין זײַנע פּובליציסטיש־זשורנאַליסטישע שריפֿטן און אַזוי אין זײַן פּאָעזיע. „אינזיכיזם" איז בעיקר זײַן אויפֿטו אין דער ייִדישער פּאָעזיע: קוק אַרײַן אין זיך — דו ביסט די גאַנצע װעלט. און דו, װעלט, קוק אַרײַן אין יעדן יחיד און די װעסט זען, אַז דו ביסט נאָר אַ ביליאָניפֿיצירטער איך... סאָציאַלע פּאָעזיע איז אויך אינדיװידועלע, יחידישע; און יחידישע, אינדיװידועלע — איז סאָציאַל. אָט דאָס שנירל לויפֿט אַדורך דורך אַלע ביכער מיט לידער לעיעלעסעס.

לעיעלעס איז אַן אויסגעשפּראָכענער אורבאַניסט. נישט אומזיסט איז די געאָגראַפֿיע פֿון זײַן ביאָגראַפֿיע (אימיטירנדיק גלאַנצישן סטיל...) געגאַנגען דורך לאָדזש, דעם אַמאָליקן רוסישן מאַנטשעסטער, לאָנדאָן און ניו־יאָרק... כאָטש ייִדישע ליטעראַטור און שטעטל זענען װי אַ בלום מיט אַ בײט, און לעיעלעס אין ייִדיש־לשון איז װי אַ האָרץ אין אַ ברוסט — איז אָבער דער שטעטל־מאָטיװ כּמעט לא בנימצא אין לעיעלעסעס װערק. שױן גיכער דאָרף װי שטעטל. זומערדיקער דאָרף — דאָרף װי דאַטשע, זומער־אָפּרו פֿון דעם גרויסשטאָט־מענטש.

לעיעלעס האָט אַ קאָמערציעלע העכערע אויסבילדונג, אָבער זינט זײַן פֿריִער יוגנט איז ער נאָר שרײַבער, אין דעם זינען, אײנער פֿון װײניקע אין דער ייִדישער ליטעראַטור. שױן אַ האַלב יאָרהונדערט באָדט ער זיך אין ייִדישע װערטער און אַלע מאָל מיט דעם זעלבן נחת. װי אַ פֿיש אין װאַסער, װאָס גיט זיך אין די טיפֿן אַלע מאָל אַזאַ לאָז צו אַ שװים אַהין און אַהער, װי אָט נאָר װאָס װאָלט ער אין װאַסער, אין זײַן עלעמענט אַרײַן. ער איז פֿאַרגלײַכט אין דער ייִדישער ליטעראַטור און האַלט אַ פֿאַרליבט און װאַך אויג אויף די פּרחי כּהונה פֿון ייִדישן ליד. לעיעלעס גרויסט זיך מיט האָבן אַרײַנגעפֿירט אין די געצעלטן פֿון ייִדישן ליד אַ גאַנצע שורה יונגע משוררים, און צװישן זײ — אַברהם סוצקעװערן. ער איז אַזוי דורכגענומען מיט דער זאָרג װעגן דער צוקונפֿט פֿון ייִדישן ליד — װאָס דאַרף אין אײן שײנעם מאָרגן אויפֿטרײסלען דעם אוניװערס... (כּמעט אַ לעיעלעס־ציטאַט) — אַז דאָ אַנומלט, בשעת אַ באַזוך בײַ אים, האָב איך אים צװײ שעה נאָכאַנאַנד געמוזט דערצײלן גענוי װעגן דער גרופּע יונגע ייִדישע שרײַבערס אין מדינת־ישׂראל און גאָר פֿאָדראָבנע האָב איך אים געמוזט דערצײלן װעגן אַברהם סוצקעװערן, װאָס איז — אַגב — אַ מין עלטערער ברודער פֿון „יונג־ישׂראל"־פּאָעטן.

װוּנדערלעך איז געװען די לעיעלעס־הײם אין ניו־יאָרק, װען זײַן פֿרוי פּאַניע האָט געלעבט — אַ חוט־המשולש פֿון אײדלקײט, חכמה און געצוימטער רו. יאָרן לאַנג און גורלדיק האָט פּאַניעס לעבן געצאַנקט און אײַנגעטונקט

די לעיעלעס־שטוב אין אַ ציטער־שײַן פֿון אַ יום־כּיפּור־ליכט צו נעילה. אָבער אויך אין די אַלע יאָרן איז די איידלקייט, די חכמה און די רו פֿאַניעס נישט געמינערט געוואָרן. מיט אַ זאַמלשריפֿט — פֿאַניע — האָט לעיעלעס מיט לידער און דערציילונגען, זײַנע און חברימס, זיך געזעגנט און באַגלייט צו אירע אייביקע וועלטן איינע פֿון די איידלסטע, וואָס האָט ווען עס איז אויף דער וועלט, אַ לעבן לאַנג, באַגלייט אַ ייִדישן דיכטער.

— — — און דער וועג מוז געגאַנגען ווערן ביזן האָריזאָנט. סאָפּי איז איצט לעיעלעסעס באַגלייטערין אין וועג. און ווידער איז דאָ אומענדלעכע אַכטונג און ליבע אין אָט דער היים צום ייִדישן בוך, צום ייִדישן וואָרט און צו דער שליחות, וואָס דאָס וואָרט טראָגט אין זײַנע באַהאַלטענע פֿליגלען.

די לעצטע צו שרײַבן מײַן לשון, מײַן ייִדיש —
זיי וועלן געהערן צום נאָבעלסטן שטאַם.
זיי וועלן אויף איטלעכן אות מאַכן קידוש,
באַטעמען דאָס וואָרט מיט דעם גלוסטיקסטן טעם.

פֿרילינג 1957. מאָנטרעאָל. לעיעלעס האָט נאָר וואָס גערעדט פֿאַר אַ טויזנט אירע אין אַ גרויסן זאַל אויף אַ געטאָ־אַזכּרה. ער איז אַ ביסל מיד, אָבער נישט אויסגעשעפּט. ער קען אַ מאָל מיד ווערן — אָבער ער שעפּט זיך קיין מאָל נישט אויס. איך באַגלייט אים צום האָטעל. שוין לאַנג נאָך חצות. מיר זיצן אין גרויסן וואָרטצימער און אַ שווײַגן קומט איבער אונדז. מינוטן לאַנג. און כמעט ווי גלײַכצײַטיק זאָגן מיר: איך ווייס וואָס איר האָט געטראַכט — — און אָט, וואָס איך האָב געטראַכט: אָט זיצט פֿאַר מיר אַ מאַן, אַ ייִדישער וועלטמענטש, יוגנטלעך נאָך — כּאָטש נאָענט שוין צו די זיבעציק, צען ביכער מיט לידער און דראַמעס זײַן אייגנס, און אַ לעגיאָן אַרטיקלען, וואָס האָבן געוועקט און גערופֿן און וועקן און רופֿן נאָך אַלץ צו ייִדישער אידענטיטעט, ייִדישן קאָלעקטיוון „איך" אין דעם גרעסערן קאָלעקטיוון „איך" פֿון דעם מין מענטש. און עס דערמאָנען זיך לעיעלעסעס צוויי זאַצן פֿון דעם דיאַלאָג — טאַבאַטשניק—לעיעלעס, וואָס איז געשטעלט ווי אַ הקדמה צו לעיעלעסעס בוך „בײַם פֿוס פֿון באַרג":

„איך האַלט שטאַרק פֿון דער משיח־אידעע, אָט די ייִדישסטע פֿון אַלע אונדזערע אידעען". און: „אַז איך שרײַב, דאַרף איך כאַפּן בײַ די גריוועס די כוואַליעס פֿון ווערטער, וואָס רײַסן זיך צו מיר — — ווו איז דער זינען פֿון דעם אַלעמען?"

און לעיעלעס ענטפֿערט פֿלוצלינג מיט זײַן פֿאַטעטישער שטים אויף מײַן שטומער פֿראַגע: — און איך זאָג אײַך, אַז דאָס אַלץ האָט פֿאַרט אַ זינען — —

און אויף לעיעלעסעס שטומער פראַגע ענטפער איך: — יהיה טוב!
1951

*

יאָ, יהיה טוב! — אַזוי האָט זיך געדאַרפט פאַרענדיקן אַ פענפראַפיל פון איינעם פון די דינאַמישסטע דיכטערס און פובליציסטן פון דער ייִדיש־ציוויליזאַציע — אַהרן גלאַנץ־לעיעלעס. אָבער העכערע כּוחות האָבן צוגע־טראַכט אַן אַנדערן פינאַל. לעיעלעס איז מער נישטאָ — געבליבן איז דער בת־קול פון זײַנע דינאַמישע און טיף ייִדישע לידער, עסייען און רעדעס. און אונדזער לעצטע באַגעגעניש — יוני 1966 — אין ניו־יאָרק בעת דעם אינטערנאַציאָנאַלן פען־קאָנגרעס. אויפגעקומען איז די פראַגע ליטעראַטור און פּאָליטיק, אין שײַכות מיט דעם אומברענגען אין רוסלאַנד די גאַנצע מיזרח־וואַנט פון ייִדישע שרײַבערס. און אָט באַקומט לעיעלעס — דער פּרעזידענט פון ייִדישן פען־קלוב — דאָס וואָרט. זײַן רעדע איז קורץ ווי אַ בליץ. די גרויסע אוידיטאָריע פון שרײַבערס און קינסטלערס — אַזוי ווי זי וואָלט זיך איבערגעוועקט... ער האָט גערעדט ענגליש און ווי אַזוי! — דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל מײַן זען און הערן אים — דעם האַרציקסטן פון אַלע האַרציקע שרײַבערס אין ייִדיש. אויב עס איז דאָ אַ הימל — וועט ער אויך דאָרט וואַכן איבער דעם גורל פון דער ייִדישער ליטעראַטור. זי איז זײַן גלויבן און האָפן אין מענטש און אין ייִד.

1967

יוסף לעפטוויטש

געבוירן אין שטעטל זוטפען אין האָלאַנד, אין 1892. קינדווײַז מיט די עלטערן געקומען קיין ענגלאַנד און וווינט ביז הײַנט אין לאָנדאָן.

מאָדנע, און אָפט ווונדערלעך זענען די געַנג פון מאַמע־לשון און זײַנע שעפערס און חסידים. איינער פון די ייִדיש־אָבות, אליהו בחור, איז געווען אַ מלמד פון אַ קאַטוילישן בישאָף אין איטאַליע און דער עלטער־זיידע פון דער ייִדישער ליטעראַטור איז געווען אַ דאָקטאָר אין זאַמאָשטש, קליין־פּאַריז פון פּוילן, און דער ענגלישער העראָלד פון דער ייִדישער שפּראַך און ליטע־ראַטור איז אַ ייִד, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין האָלאַנד. אָבער זײַנע טאַטע־מאַמע קומען פון פּוילן. זײַן נאָמען איז יוסף לעפטוויטש — זײַן טאַטנס נאָמען איז געווען מיט אַן אַלף לענגער: לעפּטאָוויטש. איך קען אים שוין צענדליקער יאָרן — לעפטוויטשן. מילד, ווי די מילדיקייט אַליין, און צוגעלאָזן צו יעדן איינעם, איז ער אָבער אויך ענערגיש ווי די ענערגיע אַליין. אַ צו־געשאַרפט פּנים, אייביק וואַך; וואָלט ער נישט געווען אַזוי מילד, וואָלט איך געזאָגט, אַז עפּעס רויבפויגלשס איז דאָ אין זײַנע געזיכטשטריכן. דער אמת איז, אַז דאָס אייביקע וואַכן אין לעפטוויטשעס פּנים האָט קיין שום שײַכות נישט מיט קיין שום „רויב", חלילה, דאָס איז נאָר דאָס אייביקע וואַכן איבער אַן אויסגעצערטלטער און — אין דעם פאַל — אַדאָפּטירטער מאַמען: ייִדיש און ייִדישע ליטעראַטור. טאָמער, חלילה, האָט ווער וואָס שלעכטס אין זינען און מען דאַרף פאַרטיידיקן און טאָמער איז פאַראַנען אַ מעגלעכקייט גוטס צו טון און מען דאַרף נישט דורכלאָזן די געלעגנהייט.

אַליין אַ פּאָעט פון לירישע לידער אין ענגליש — האָט לעפטוויטש זײַן אייגענע מוזע פאַרראַטן און געוואָרן אַן אַנטאָלאָגיסט פון דער ייִדישער ליריק, און בכלל פון דער ייִדישער ליטעראַטור. ער איז אויך אַן עסייִסט אויפן געביט פון די טויזנט און איינס ייִדישע תּפוצות־פּראָבלעמען. אַ פרײַנד פון זאַנגוויל און ד"ר יצחק נחמן שטיינבערג — גראַוויטירט ער צו דער אידעע פון טעריטאָריאַליזם. אָבער לעפטוויטשעס כמעט גאַנץ פרוכטפערדיק, שעפעריש לעבן איז לרוב געווידמעט דער ליטראַטור אין ייִדיש און אויך דער ייִדיש־ליטעראַרישער געזעלשאַפטלעכקייט. איינע פון די הויפּט־דערגרייכונגען פון זײַן ליטעראַרישער אַרבעט איז זײַן אַנטאָלאָגיע „דהי גאָלדן פּיקאָק" — אין ייִדיש: די גאָלדענע פּאַווע. שיר נישט טויזנט אָנגעפּראָפּטע זײַטן ייִדישע לידער אין ענגליש, געסדרט מיט שׂכל און מיט ליבשאַפט און אין אַ גרויסער מאָס אַליין איבערגעזעצט. און געזעלשאַפטלעך: זינט צענדלי־

קער יאָרן איז ער דער אײראָפּעיִשער רעפּרעזענטאַנט פון דעם ייִדיש־צענטער פון פּען־קלוב. אַ מאָל איז דער צענטער געװען אין װילנע — הײַנט אין לאָנדאָן. אױף אָט דעם געביט איז לעפּטאָװיטש אַ מין דיפּלאָמאַטישער רעפּרעזענטאַנט. און דער פּען־קלוב, אָט װי פול ער איז מיט פּאָעטן און נאָװעליסטן, אַזױ פול איז ער אױך מיט פּאָליטיק און מיט דיפּלאָמאַטיע. כאָטש דאָס איז אײגנטלעך קעגן זײַן טשאַרטער. נאָר אַזױ איז שױן די װעלט געבױט און אַזױ פונקציאָנירט זי: צו שאָקלען מיטן קאָפּ אױף ניין און צו זאָגן מיטן מױל יאָ און צו טון פּאַקטיש מיט די הענט דאָס װאָס דער מאָמענט זאָגט אונטער... אױף אָט דער דרײַ־אומאײניקײט שטײט דאָך די דיפּלאָמאַטיע. צו זען לעפּטאָװיטשן אין פולן שװונג אױף אַ קאָנגרעס פון די פּען־קלובן איז ממש אַ נחת, כאָטש אױך אַ מיטלײד אױף אַ חבר אין דער זעלבער צײַט. דעמאָלט איז זײַן פּנים שיר נישט צעגליט פון שאַרפער אָנגעשטרענגטקײט. דעמאָלט איז ער ממש אַלקעגנװאַרטיק. אָט איז ער געזעסן נעבן דיר און דו האָסט אים, אָדער ער דיך, ממש געהאַלטן בײַם לאַץ פון רעקל און איר האָט זיך װעגן עפּעס געסודעט דיפּלאָמאַטיש. נאָר אָט האָט ער אַ פלי געטון װי אַ גײַסט, און דו זעסט אים שױן זיך סודן מיט דעם פּראָפעסאָר דאַגלאַס יאָנג פון סקאָטלאַנד, מיט זײַנע זיבן פוס הײך, מיט זײַן ג. ב. ס.־בערדל און סקאָטישן פּאַרביקן קלײדל, מחמת באַלד דאַרף געשטימט װערן עפּעס אַ װיכטיקע רעזאָלוציע און סעקונדעס שפּילן אַ ראָלע... און אַלץ פאַר ייִדיש. איך האָב אַ מאָל אײנעם פון די באַרימטע פראַנצײזישע שרײַבערס געהערט אין אַ שמועס מיט לעפּטאָװיטשן, אַזױ געלױפיק אַרױסרעדן אַ גאַנצע רײ נעמען פון ייִדישע דיכטערס — בערגעלסאָן, מאַרקיש, סוצקעװער, פּינסקי, חיים גראַדע — אָט אַזױ װי ער װאָלט זײערע װערק געקענט, װי ער קען די װערק פון באַדלער און סאַרטער. כאָטש אין דער אמתן איז דאָס אָנרופן די נעמען געװען נאָר אַ בת־קול פון די באַגײַסטערטע רײד פון דעם פּ.ע.נ.־אַמבאַסאַדאָר פון ייִדיש־לאַנד אין לאָנדאָן.

װי אַלע אײַנגעשטעלטע און אײַנגעאָרדנטע לאָנדאָנער װױנט לעפּטאָװיטש אין אַן אַלט דרײַשטאָקיק אײן־משפּחה־הױז מיט פײַער־קאָמינען אין יעדער שטוב און מיט אַ שאָטנדיקן, הױכגראָזיקן גאָרטן שטאָט אַ הױף. זײַן פרױ איז אַ פּױליש־ייִדישע טאָכטער און זײַן אײביקע גוטע־עצה־געבערין און אױך אַרױסהעלפערין אױף דער שרײַבמאַשין, װײַל לעפּטאָװיטשעס שריפט קען אַפילו ער אַלײן מיט שװעריקײט לײענען. דערבײַ שרײַבט ער שנעל װי אַ זינגער־נײמאַשין. זײַן שײנע טאָכטער איז אַ קינסטלערין און זי האָט ליב ייִדיש און רעדט ייִדיש. אין זײַן הױז האָט לעפּטאָװיטש דרײַ אַרבעט־צימערן, אױף יעדן שטאָק — אײנעם. און אַלע זענען זײ פול מיט ביכער און צײַטונגען און כּתבֿי־יד, און בריװ פון באַרימטע שרײַבערס פון דער װעלט

און בעיקר ייִדישע שרײַבערס. מחמת לעפּטוויטש האָט אויך, חוץ די אַנטאָ־לאָגיעס, איבערגעזעצט אַ סך פּראָזעביכער.

צופעליק, אָדער גישט־צופעליק זענען מיר אין אַ פּרײַטיק־פאַרנאַכט פאַרפאָרן אויף ווײַטשעפּל. לעפּטוויטש קען דאָ יעדעס שטײן־געבליבענע הויז נאָכן נאַצישן „בליץ" און עס טוט אים וויי יעדער חורבן־הויפן פון אַ באָמ־באַרדירטן הויז, ווי אַ ווונד אין לײַב. און איך לאָז אים רעדן — און ער האָט עס ליב, ווי יעדער שרײַבער — און מיר גייען איבער די פּוסטלעכע גאַסן און לעפּטוויטשעס רייד זענען אי די געשיכטע פון דער גלאָריע פון אַמאָליקן ווײַטשעפּל און אי דער איכה־ישבה־בדד פון זײַן איצטיקן מצב...

1951

דוד לערמאַן

געבוירן אין יאָר 1888 אין קיִעוו. געקומען קיין אַרגענטינע אין יאָר 1925. געשטאָרבן אין בוענאָס־אײַרעס דעם 12טן דעצעמבער 1951.

פרײַנדשאַפט איז אַ מיסטישע זאַך. דורך פרײַנדשאַפט אַנטפּלעקן זיך פאַרבאָרגענע און אומאויסגעפאָרשטע טיפענישן פון דער מענטשלעכער נשמה. אַנטפּלעקן זיך און בלײַבן ווײַטער נישט אויסגעפאָרשט. אַוודאי איז ליבע נישט ווייניקער מיסטיש ווי פרײַנדשאַפט, נאָך מער אפשר, אָבער זי איז אַן אַן ערך מער פּאָפּולער, פּרזיִער אָדער שפּעטער טרעפט זי יעדערן פון אונדז, און עס דאַכט זיך אונדז — עס דאַכט זיך בלויז — אַז זי איז ווייניקער מיסטעריע. זינט מענטשלעכע געשיכטע און מענטשלעכע טווּנגען ווערן פאַרצייכנט מיט ווערטער, ווערן פאַלן פון פרײַנדשאַפט פאַרשריבן. אָבער כּדי נישט אַרײַנצופאַלן דאָ אין איבערטרײַבונגען — וויל איך דאָ קיין נעמען נישט אָנרופן. און איינע פון די מערקווערדיקסטע פרײַנדשאַפטן אין מײַן בידנע לעבן איז געווען די פרײַנדשאַפט מיט דוד לערמאַן, וואָס האָט זיך פון זײַן זײַט געענדיקט — אויב עס איז נישטאָ קיין לעבן נאָכן טויט — דעם 12טן דעצעמבער 1951. פון מײַן זײַט וועט זי זיך ענדיקן, ווען מײַן לעצטער טאָג וועט קומען — און ווידער: אויב עס איז נישטאָ קיין לעבן נאָכן טויט.

אָנגעהויבן האָט זיך עס אַזוי: אָנהייב 1938 בין איך געקומען קיין אַרגענטינע אין שליחות פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע. דער דאָרטיקער אָפּטייל — וואָס האָט שוין אַ מאָל געהאַט אויפגעבליט בשעת זלמן רייזען ז״ל איז דאָרט געווען — איז צו יענער צײַט געווען אין אַ צושטאַנד פון פאַרגעסנקייט, מילד גערעדט. דער ביכערסקלאַד און די קאַנצעלאַריע זענען געווען פאַרדעקט מיט אַ דיקער שיכט שטויב. די ערשטע הו־האַ־טעג זענען אַריבער און מען האָט זיך געדאַרפט נעמען צו דער אַרבעט. נאָך אַ זיצונג מיט דעם קאָמיטעט באַגלייט מיך אַהיים אַ יונגער־מאַן, אונטער מיטל־געוואַקסן, שטאַרק געבויט, אַ פּנים צווישן ייִד און גוי, רוסישע ייִדן האָבן אַזעלכע פּנימער אָפט, רעדט זייער גוט ייִדיש, זייער אָפּגעהיטן, די רישן קומען אַרויס בײַ אים טאָפּל — בײַ דער טיר פון דער שטוב זאָגט ער מיר, אַז ער וועט מאָרגן אין דער פרי אַרײַנקומען אין לאָקאַל פון ייִוואָ. אין דער פרי — ער איז שוין דאָ און וואַרט, וואָס מען דאַרף דאָ טון. ווער איז ער, ווי הייסט ער און וואָס איז ער — ווייס איך נישט.

עס איז אַ הייסער טאָג — אין בוענאָס־אײַרעס זענען זיי נישט זעלטן. טו איך אויס דאָס רעקל, זוך אויס שמאַטעס, בעזעמער און איך נעם מיך

פֿאַוואָליע צו דער אַרבעט. געהאַט האָב איך צוויי וויכטיקע אינסטרוקציעס: צוריק אײַנשטעלן דעם טראַדיציאָנעלן אויסלייג פֿון די העברעיִזמען אין אַרגענטינער ייִוואָ־אָפּטייל און אַקטיווירן אים, ווי ווײַט מײַנע כּוחות וועלן גרייכן. אַזאַ אַרבעט הייבט זיך אָן — לויט מײַן אויסגעפּרוווטן סיסטעם און נישט חלילה צוליב עניוות, אָדער צידקות — פֿון בעזעמער און שמאַטעס... און וואָס איך טו, טוט מײַן נאָמענלאָזער פֿרײַנד אויך. און אַזוי קערן מיר און מיר ווישן די שטויבן שעהען, טעג. מיר מאַכן זיך אימפּראָוויזירטע מאָלצײַטן, ברויט, קעז, פּרוכט, טיי. מיר רעדן וועגן אַלץ אין דער וועלט און עס איז אונדז זײַער פֿריילעך — דעם נאָך אַלץ נאָמענלאָזן ייִד און מיר. וואָס לענגער מיר אַרבעטן אַזוי צוזאַמען — און עס איז שוין אַלץ אײַנגעשטעלט און ריין, כאָטש גיי און זײַ בודק חמץ — אַלץ מער טראַכט איך: ווער איז דער דאָזיקער מענטש, וואָס נישט נאָר זײַן נאָמען ווייס איך נישט, נאָר זײַנע יאָרן זענען אויך עפּעס צווישן דרײַסיק און פֿופֿציק? עס מוז זײַן — האָב איך מיר געטראַכט — אָדער דער אליהו הנביא פֿון בוענאָס־אײַרעס, אָדער אַ לאַמעד־וואָווניק, אָדער פּשוט: דער אָנגעשטעלטער פֿון אַרגענטינער ייִוואָ. ער איז נישט געווען אַלע דרײַ, ער איז געווען דער אָפּטיקער דוד לערמאַן, וואָס האָט צופֿעליק געהאַט אַ סך צײַט און אַלע מאָל האָט ער געהאַט אַ גרויסע, ליכטיקע ליבע צום ייִדישן וואָרט און דער ייִדישער ליטעראַטור און ממילא אירע טרעגערס און מײַן ווייניקייט איז אין זײַנע אויגן אַרײַנגעפֿאַלן אין אָט דער לעצטער קאַטעגאָריע.

פֿון יענע טעג אָן מיט די בעזעמער און די שמאַטעס איז שוין לערמאַן אין יעדער פֿרײַער מינוט געווען צו דער הילף בײַ דער ייִוואָ־אַרבעט. און אַלע מאָל טוט ער אַלץ לפֿנים משורת־הדין. וויפֿל איך האָב מיך געמיט אים צו איבערצײַגן, אַז ער האָט אַ טעות אין מיר, האָט עס נישט געהאָלפֿן. און וויפֿל אַנדערע האָבן זיך באַמיט מיך צו איבערצײַגן, אַז איך האָב אַ טעות אין דוד לערמאַנען — און געווען זענען אַ סך אַזעלכע — האָט עס אויך נישט גענוצט. זײַנע קעגנערס האָבן זיך גענומען פֿון זײַן גוואַלדיקער אײַנגעשפּאַרטקייט אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. ער איז געווען אַ מוראדיקער מחמיר אין געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט, כאָטש אַ מקיל אין פּריוואַטן לעבן. דערפֿון זײַנע קעגנערס. ער האָט געקענט אין אַ געזעלשאַפֿט שווײַגנדיק אָפּאַרבעטן ווי אַן אייזל ממש יאָרן, צוטראָגן זײַן אייגענעם לעצטן גראָשן — ער איז געווען נישט קיין שלעכטער פֿאַרדינער בײַ זײַן פֿאַך פֿון אַן אָפּטיקער — פּלוצלינג אָבער האָט ער געקענט אַוועק מיט אַזאַ קלאַפּ אין דער טיר, אַז אַלע פֿענצטער האָבן אַ ציטער געטון. און אויב אַ קלאַפּ מיט דער טיר, איז אויף אייביק. אַוודאי זענען געווען אַלע מאָל סיבות.

פֿאַר מײַן אָפּפֿאָרן פֿון אַרגענטינע זאָגט מיר לערמאַן: זאָל אונדזער

פֿרײַנדשאַפֿט ערגעץ ווו פֿאַרצייכנט ווערן, איך וויל ווערן אײַער פֿאַרלעגער. איך האָב געשפּאַסט: איר הייסט דוד, איך הייס מלך — ווען מיר רופֿן דעם פֿאַרלאַג „דוד המלך־פֿאַרלאַג". אָבער לערמאַן האָט נישט געשפּאַסט און האָט געגרינדעט גראָד אַ דוד לערמאַן־פֿאַרלאַג און האָט אַרויסגעגעבן ביכער. וואָס האָבן לרוב קיין שום קאָמערציעלן פֿאַרלאַג־ווערט נישט, און האָט אויך אַרויסגעגעבן צוויי ביכער פֿון מײַנע ביכער. אין זײַנע פֿאַרלאַג־פּלענער זענען געווען ביכער נאָך און נאָך און אַלץ נאָר ביכער, וואָס זענען כּולה היזק... סוף 1938 בין איך אַוועק פֿון אַרגענטינע, אָבער די פֿרײַנדשאַפֿט האָט זיך נישט איבערגעריסן, עס פֿלעגן גיין אַהין און אַהער לאַנגע און האַרציקע בריוו, פֿולע מיט אַלערליי פּראָגעס — און אין די לעצטע יאָרן פֿולע מיט עקשנות נישט אונטערצוגעבן זיך דעם מלאך־המוות, וואָס האָט געקרײַזט נענטער און נענטער אַלץ אַרום מײַן פֿרײַנד. דער לעצטער בריוו איז געווען אַ דײַטלעכער, און אַפֿילו רויִקער געזעגן־בריוו. איך האָב אים אַרויפֿגעלייגט פֿון אויבן אויף דעם בערגל פֿון די לערמאַן־בריוו בײַ מיר — זייער מצבֿה צו זײַן... אַלץ ענדיקט זיך. פֿרײַנדשאַפֿטן בלײַבן ערגעץ אייביק לעבן. דורך דער מיסטעריע פֿון פֿרײַנדשאַפֿטן אַנטפּלעקן זיך פֿאַרבאָרגענע געשעענישן פֿון די אורבענקשאַפֿטן אין מענטשלעכע נשמות.

פּראָפעסאָר אַרטור לערמער

געבוירן אין קראָקע אין יאָר 1908. שטודירט אין פּוילישע אוניווערסיטעטן אין וואַרשע. 1924—1929 אין ווילנער ייִדישן לערער־סעמינאַר. אָנהייב צווייטער וועלט־מלחמה — דורך יאַפּאַן — געקומען קיין קאַנאַדע. וווינט אין מאָנטרעאָל.

די אַסטראָלאָגן (נישט צו פאַרבײַטן מיט אַסטראָנאָמען) לערנען, אַז דער לעבנוועג פון יעדן מענטש איז פאַרשריבן אין די שטערן. מען מוז נאָר קענען לייענען די דאָזיקע געטלעכע שריפט... זיי, די אַסטראָלאָגן, זאָגן, אַז זיי קענען די דאָזיקע שריפט לייענען. און נישט נאָר די שטערנשריפט. די אַסטראָלאָגן האָבן נאָך אַנדערע סימנים אויף פאָרויסצוזאָגן די צוקונפט פון אַ מענטש. וויל דער שרײַבער פון די שורות ווערן אויף אַ פּערטל שעה אַן אַסטראָלאָג און געפינען אַ געהיימען סימן אין דער געבוירן־דאַטע פון אַרטור לערמער — הײַנט פּראָפעסאָר סאָציאָלאָג אויף דער „סער דזשאָרדזש וויליאַמס אוני־ווערסיטעט״ אין מאָנטרעאָל. ער איז געבוירן געוואָרן אַקוראַט אין די טעג פון דער ערשטער ייִדישער שפּראַך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ. (האַרבסט 1908). און די ביאָגראַפיע פון אַרטור לערמער האָט באַשטעטיקט דעם אַסטראָ־לאָגישן שײַכות. אויך די פינף יאָר ווילנער לערער־סעמינאַר האָבן דאָ געשפּילט אַ נישט קליינע ראָלע.

אַרטור לערמער — זײַנע ייִדישע ערשטע נעמען: אַברהם, גרשון — האָט באַוויזן, אַז מען קען זײַן אין גײַסט אַ וועלטבירגער, מיטן האַרץ אַ קינד פון אייגענעם פאָלק, און גלײַכצײַטיק אַ געטרײַער בירגער פון אַ מלוכה, ווו מען לעבט פון דור־דורות, אָדער אַפילו בלויז איין דור. און הלוואי זאָלן אַלע מאָל די דאָזיקע מלוכות זײַן דורכויס און ערלעך דעמאָ־קראַטישע.

דאָס אַלץ שטימט דאָך מיט דער בונדישער אידעאָלאָגיע. און אַרטור לערמער איז נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג אַ בונדיסט, כאָטש עס איז שוין כמעט קיין בונדישע פּאַרטיי מער נישטאָ פאַראַנען. ער איז געוועזן אַ מיטגליד פון לאָדזשער שטאָטראַט, ווו ער האָט אַ צײַט לאַנג געווירקט, אַלס רעפּרע־זענטאַנט פון דער בונדישער פּאַרטיי. נישט זײַענדיק קיין מאָל בײַ דער מאַכט — איז פון דער בונדישער פּאַרטיי געבליבן אַ סענטימענטאַלע אידעאַ־ליסטישע געשיכטע. און לערמער איז פול מיט אָט אָ די סענטימענטן און בענקשאַפטן.

אָבער סענטימענטן און בענקשאַפטן מוזן דאָך אויך האָבן כאָטש אַ ביסל

רעאַליטעט אין זיך און אַרום זיך. און דאָ קומען מיר צוריק צום יאָר 1908. צו דער גײַסטיקער ירושה וואָס די ייִדיש־קאָנפֿערענץ האָט געלאָזן פֿאַר אַלע ייִדישע תּפֿוצות איבער גאָר דער וועלט. אָבער אַ גײַסטיקע ירושה קען דאָך נישט זײַן און בלײַבן נאָר אַ וואָרט, זי מוז זײַן אָנגעפֿילט מיט אינהאַלט. אין דעם פֿאַל איז דער דאָזיקער אינהאַלט — נאַציאָנאַלע קולטור. און נאַציאָנאַלע קולטור מוז האָבן אַ פֿאָרעם, און פֿאָרעם אין דעם פֿאַל איז לשון. פֿאַרן ייִדישן וועלטפֿאָלק — ייִדיש לשון.

און אָט אַזוי איז עס מעגלעך, אַז אַ פּראָפֿעסאָר פֿון אַ גרויסער אוניווערסיטעט אין דער מעטראָפּאָליע פֿון קאַנאַדע — מאָנטרעאָל — זאָל זײַן דער ייִדישיסט נומער איינס — אַרטור לערמער. אָבער נישט ייִדישיסט־נאַציאָנאַליסט, נישט שאָוויניסט, אַ קולטורמענטש, וואָס באַלאַנגט צו אַ פֿאָלק מיט אַן אוראַלטער נאַציאָנאַלער געשיכטע, וואָס האָט געהאַט אַ השפּעה אויף אַלע פֿעלקער פֿון כּדור־הארץ.

כאָטש אַרטור לערמער האָט מיך געזען אַ פּאָר מאָל אין וואַרשע, האָבן מיר זיך נאָר געזען, אָבער נישט געווען פֿערזענלעך באַקאַנט. אַגב האָט ער אין זײַנע ערשטע קאַנאַדישע יאָרן געוווינט אין טאָראָנטאָ. אָבער ווי נאָר לערמער האָט זיך באַזעצט אין מאָנטרעאָל זענען מיר געוואָרן גוטע חברים און גוטע פֿרײַנד. עס איז דאָך אַנדערש גאָר נישט מעגלעך. ער לעבט און פֿירט זיך אויף לויט דעם פּרינציפּ: טו יענעם גוטס — און דײַן שאָדן, טו דיר גוטס און יענעמס שאָדן. ער לעבט אין אַן אייביקן גלײַכגעוויכט מיט זײַנע סאָציאַלע איבערצײַגונגען.

זײַן פּנים האָט אַ טענדענץ צו קײַלעכדיקייט, און קײַלעכדיקייט צו אָפֿנקייט. אַן אָפֿן פּנים. אַ פּנים מיט אַן אייביקן שמייכל. נישט אַ שמייכל פֿון איראָניע אָדער סאַרקאַזם. עס איז אויך נישט אַ שמייכל פֿון חנפֿענען, נײַערט געווינען אַ פֿרײַנד. און געווינען אַ פֿרײַנד איז באַזירט אויף קעגנזײַטיקייט. און אַזוי איז אויך מאַניע, לערמערס גוטע פֿרוי. זי איז אויך געזעלשאַפֿטלעך אַקטיוו, באַזונדערס אין די וועלטלעכע ייִדישע קולטור־קרײַזן — ווי אַרטור. זיי האָבן ביידע ליב צו זײַן אַרומגערינגלט מיט גוטע און געטרײַע פֿרײַנד. זיי האָבן ביידע ליב צו גלייבן אין מענטשן. אַ סימן־מובהק פֿון אַן אָפּטימיסט. נישט אומזיסט רופֿן מיר אַרטורן אין חברישע קרײַזן: מיסטער אָפּטימיסט...

לערמער שרײַבט זעלטן און ווייניק. אַ מאָל האָט ער אויך געשריבן אין פּוילישע ייִדיש־סאָציאַליסטישע זשורנאַלן. איצט שרײַבט ער נאָר אין ענגליש און ייִדיש. בעיקר איז די טעמע פֿון זײַנע כּתבֿים סאָציאַל־עקאָנאָמישע. און עס איז אַ שאָד דאָס ווייניק שרײַבן. קליין און קלענער ווערט דער קרײַז פֿון שרײַבערס אין ייִדיש אויף וויסנשאַפֿטלעכע געביטן.

כּדאַי דאָס צו דערמאָנען לערמערן. ער איז אָבער פּאָרט אין תּוך מער לערער, לעקטאָר, אָראַטאָר. ער הייבט אָן צו רעדן שטיל — אָבער באַלד באַװײַזט זיך ‏אים זײַן אייגענער טעמפּעראַמענט און אָפּטימיסטישער ענטוזיאַזם. און כאָטש עס איז שווער מיטצופֿליִען מיט אַן ענטוזיאַסט — איז אָבער גוט, וואָס אין אונדזער אומעטיקן קרײַז חברים און פֿרײַנד געפֿינען זיך אויך אַ פּאָר אָפּטימיסטן. פּראָפֿעסאָר אַרטור לערמער איז אין זײַן אַקאַדעמישן סטאַטוס קודם־כּל אַן עקאָנאָמיסט־סאָציאָלאָג.

לויט עניוות־דעתּי האָט דער אידעאַלער מענטש אין דער סאָציאָלאָגיע דרײַ מדרגות, דרײַ אַטריבוטן: ער איז אַ קינד פֿון זײַן פֿאָלק, דורכגעדרונגען מיט זײַן קולטור, וואָס ער וויל זי ממשיך זײַן; ער איז אַ געטרײַער בירגער פֿון דער מלוכה ווּ ער וווינט; ער איז אַ מענטשלעכער מענטש. (אייגנטלעך וואָלט דער דאָזיקער דריטער אַטריבוט געדאַרפֿט שטיין אויף דעם ערשטן אָרט. מחמת מענטשלעכער מענטש שליסט אײַן אין זיך אינטעגראַל אַלע אַטריבוטן צוזאַמען).

און אין אַלע די דרײַ מדרגות זוכן סאָציאָלאָגן־עקאָנאָמיסטן צו פֿאָרשן און פֿאַרשטייט דעם גרינגסטן וועג צו דער נשמה פֿון מענטש־יחיד און מענטש אין דער מאַסע.

און — — מיט אַלע סאָציאַל־עקאָנאָמיסטן פֿון אַלע לענדער און פֿעלקער זוכט דעם דאָזיקן, נאָך נישט גאַנץ דורכגעפֿאָרשטן וועג — אונדזער סאָציאָלאָג, עקאָנאָמיסט און ייִדישיסט — לערמער.

*

וואָס האָט אונדז באַוויגן דווקא איצט צו שרײַבן דעם פּענפּראָפֿיל פֿון לערמערן — פֿרעגט איר? אָט האָט איר דעם ענטפֿער:

ווי ערנסט עס באַציִען זיך צו אונדזער לערמער די אַקאַדעמישע קרײַזן פֿון דעם אוניווערסיטעט, ווּ ער איז לעקטאָר — זאָל אונדז דינען דער פֿאַקט, וואָס מען האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו פֿאַרברענגען אַ האַלב יאָר, מאַרץ—סעפּטעמבער 1970 — אַלס פֿאָרשער און לערער אויף דעם סאָציאָ־לאָגישן פֿאַקולטעט אין דער עלטסטער אוניווערסיטעט אין אייראָפּע, אין איטאַליע, אין דער שטאָט פּאַוויאַ.

איז לאָמיר אים, אַרטורן און זיך אַליין, ווינטשן אַז עס זאָל אים אין דער כּמעט טויזנט־יעריקער אוניווערסיטעט פּאַוויאַ געלינגען צו געפֿינען די מיס־טעריעזע שליסלעך צו די קעסטלעך, ווּ עס ליגן באַהאַלטן די סודות פֿון די רעצעפּטן בעסער צו מאַכן די נשמה פֿון מענטש־יחיד, וואָס דאָס איז דער עיקר — און אויף דעם אופֿן ראַטעווען די וועלט מיט איר גאַנצער ביליאָניקער מענטשהייט.

סאָציאַל־עקאָנאָמיע אין דער העכסטער מדרגה. עקזאַקטע װיסנשאַפט מיט אַ הומאַניסטישער שליחות.

און — פאַרגעסט נישט, פּראָפעסאָר לערמער, אַז איר זענט געבױרן געװאָרן אין די טעג פון דער טשערנאָװיצער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ. און אויך אויף דעם געביט האָט איר אַ שליחות.

1970

יעקב לעשטשינסקי

געבוירן אין יאָר 1876 אין האָראָדישטשע, קיִעווער גוב־ בערניע. שטודירט אין דער שווייץ, געאַרבעט, געוווינט אין אַלערליי אייראָפּעיִשע הויפּטשטעט, בעיקר אין בער־ לין. פון 1938 — אין ניו־יאָרק, פון 1959 אין מדינת־ ישראל. געשטאָרבן אין ירושלים 21סטן מאַרץ 1966.

אַפילו איידער נאָך די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, אַפילו נאָך איידער דער אמת סתם איז אויף דער וועלט געקומען, האָט זיך שוין אין דעם תוהו־ובוהו אַרומגעדרייט דער מאַטעמאַטישער אמת, אַז צוויי־מאָל־צוויי איז פיר... ציפערן זענען די רעאַלע ניכטערקייט אַליין, אָבער אין דער זעלבער צײַט זענען זיי פול מיט כּישוף און מיסטעריע. און אויב צווישן די יידישע שרײַבערס, דענקערס, וויסנשאַפט־לײַט איז געווען אַ יחיד, וואָס ציפערן זענען געווען דאָס כּישוף־שטעקעלע, מיט וועלכן ער האָט שיר־שיר אַ גאַנץ יאָרהונדערט געזוכט דעם אמת וועגן דעם וועלטפאָלק — איז דאָס געווען יעקב לעשטשינסקי. ער איז געווען אַ גאָט־געבענטשטער סטאַטיס־ טיקער. און ווײַל איך האָב שוין געזאָגט „גאָט־געבענטשטער" — לאָמיך שוין וואָגן נאָך אַ פּאַראַדאָקס: ער איז געווען אַ דיכטער־סטאַטיסטיקער. דאָס מיינט נישט, אַז ער האָט געדיכטעט, אָדער פאַנטאַזירט ציפערן. די ציפערן — און בעיקר ציפערן אין שײַכות מיט אַלערליי פענאָמענען אין דער געשיכטע פון יידישן וועלטפאָלק — האָבן געמוזט זײַן פּרעציז און פּינקטלעך. דאָס איז דער יסוד, די באַזע. געדיכטעט האָט לעשטשינסקי מיט די סטאַטיסטישע רעזולטאַטן פון זײַנע פאָרשונגען. ציפערן זענען געווען זײַנע כּלי־זין מיט וועלכע ער האָט געקעמפט פאַר דעם ווױלזײַן פון זײַן יידיש פאָלק.

טויזנטער מאמרים, הונדערטער עסייען, צענדליקער ביכער — אין יידיש, העברעיִש, ענגליש, דײַטש — האָט ער פאַרפאַסט. און היות זיי זענען פול מיט סטאַטיסטישע ציפערן — וועלן זיי קיין מאָל נישט פאַרלוירן ווערן, זיי וועלן איבערדויערן די וועלט. דער מאַטעמאַטישער אמת איז געווען אמת, איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן און וועט ממילא זײַן אמת נאָך איר אונטערגאַנג.

ווו האָב איך אים דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט? מסתמא אין וואַרשע. היות ווי יעקב לעשטשינסקי האָט זייער אַ סך געלייענט — האָט עס מיך נישט געוווּנדערט, וואָס ער קען מײַן נאָמען. און דאָ קומט באַלד אַ מאָמענט פון גרויסער שטוינונג, סײַ פון לעשטשינסקיס און סײַ פון מײַן זײַט: נישט

נאָר קען דער עקאָנאָמיסט־סטאַטיסטיקער גאַנץ היפּשלעך די כּתבים פֿון דעם פּאָעט, נאָר דער פּאָעט אָריענטירט זיך היפּשלעך אין די כּתבים פֿון דעם סאָציאָלאָג.

— ווו נעמט איר צײַט און געדולד? — פֿרעג איך אים.

— ווו נעמט איר צײַט און געדולד? — פֿרעגט ער מיך.

— איך זוך אין אײַערע ווערק דעם אמת, און איך געפֿין אים — ענטפֿער איך אים.

— פּאָעזיע איז צימצום — ענטפֿערט ער מיר — זוך איך אים אין דער פּאָעזיע פֿון יענע דיכטערס, וואָס האָבן סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע מאָמענטן אין זייערע לידער. און איר האָט זיי. זוך איך — אָבער נישט אַלע מאָל געפֿין איך.

אַ מאָדנער שמועס געווען. ער איז געבליבן אין זכּרון. און געבליבן אַ גוט געפֿיל, אַז ערגעץ ווו שפּאָרן דײַנע לידער אָן אין די הויכע פֿענצטער פֿון דער עקזאַקטער וויסנשאַפֿט.

און נאָך אַ כאַראַקטעריסטישער מאָמענט: דאָס יאָר איז 1939. דער דריטער חורבן האָט זיך שוין אָנגעהויבן. איך אַרבעט אַ געוויסע צײַט אין ציק"אָ (צענטראַלע ייִדישע קולטור־אָרגאַניזאַציע, ניו־יאָרק). שמואל ניגער לייגט פֿאָר דאָס אָרגאַניזירן וואָכנטלעכע, אָפֿנהאַרציקע שמועסן פֿון ייִדישע שרײַבערס. איך דאַרף עס דורכפֿירן טעכניש. די מערסטע פֿאַרבעטענע האָבן אַ נעגאַטיווע באַציִונג צו די שמועסן. נו יאָ, מען וועט רעדן, רעדן. טאָן קען מען דאָך סײַ ווי גאָרנישט. אײנער, וואָס האָט די שמועסן גענומען האַרציק־ערנסט, פֿלעגט דער ערשטער קומען און דער לעצטער אַוועקגיין — איז געווען יעקב לעשטשינסקי.

און נאָך אַ מאָמענט. ערב דעם דריטן חורבן. דאָס יאָר געדענק איך נישט. אויפֿן יסוד פֿון דער „פֿרײַהייט פֿון וואָרט", דרוקט יעקב לעשטשינסקי אין דער בונדישער פּרעסע אַ מוראדיק־טראַגישן אַנאַליז פֿון דער ייִדישער סיטואַציע אין די מיזרח־אייראָפּעיִשע לענדער. און דער אויספֿיר איז אַזאַ: אַזוי זעט עס אויס אין ליכט פֿון פֿאַקטן און ציפֿערן. איצט ווילט איר דאָך — לייענערס — פֿרעגן: וואָס איז דער אויספֿיר פֿון מײַנע ווערטער און וואָס פֿאַר אַן אויסוועג לייג איך פֿאָר. ענטפֿער איך אין עטלעכע געציילטע ווערטער: איך ווייס נישט — איך האָב נישט קיין אויסוועג. — — דאָס זענען דעמאָלט געווען טראַגישע, נביאישע רייד פֿון אַ סאָציאָלאָג־סטאַטיסטיקער מיט אַ צעריסן געמיט און אַ צעבראָכן האַרץ.

זיי האָבן ביידע געהאַט פֿנימער מיט אַ טענדענץ צו שמייכלען: יעקב לעשטשינסקי און זײַן ברודער יוסף כמורנער. (כמורנער איז געווען זײַן פּסעוודאָנים — מסתּמא צוליב דער טענדענץ צו פּעסימיזם). ווי ס'לעבן האָבן

זיי זיך ליב געהאַט די דאָזיקע צוויי ברידער. און וואָס מער זיי האָבן זיך באַקעמפט אידעיִש — אַלץ מער האָבן זיי זיך ליב געהאַט ווי ברידער. ווי אָפט איך האָב זיי באַגעגנט צוזאַמען, איז עס אַלע מאָל געווען פּאַרטיפט אין אַ וויכּוח — און אַלע מאָל האָט איין ברודער דעם צווייטן געגלעט דעם אַקסל, אָדער די האַנט — גרינגער צו מאַכן די אַרגומענטן. יעקב איז אַלע מאָל געווען אין אַ בעסערער סטראַטעגישער פּאָזיציע. די שווערע אַרטילעריע איז דאָך געווען אויף זײַן זײַט — די סטאַטיסטישע ציפערן...

דאָס יאָר איז 1947. ניו־יאָרק. דער ייִוואָ האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט צו האַלטן אונטער זײַן השגחה אַ רעפעראַט אויף דער טעמע: „פּראָבלעמען פון אַ המשך פון ספר־הספרים פון דער ייִדישער מחשבה און מעשׂה פון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר"? אַ געוואַגטע טעמע — און איך טראַכט מיר, גייענדיק צום רעדנערס־שטענדער: זאָלן כאָטש נישט זײַן קיין גרויסע פּערזענלעכקייטן צווישן די צוהערערס. און אָט שטיי איך שוין בײַם שטענדער — און איך הייב אָן לייענען — און קוק אַרויס פון מײַנע פּאַפּירן אַ רגע — און וועמען דערזע איך? יעקב לעשטשינסקי... נאָך דער לעקציע איז ער אַ רגע צוגעגאַנגען צו מיר און מיר געזאָגט אַפילו אַ גוט וואָרט. — אָבער מיט וואָס קענט איר עס באַגרינדן? — פרעגט ער. און איך ענטפער: מיט אײַערע ציפערן און סטאַטיסטיקעס... — ווי אַזוי? — דאָס מאָל ווייס איך נישט...

איך נעם אַרויס — צום פאַרענדיקן דעם דאָזיקן פּענפּראָפיל — פון מײַן אַרכיוו די טעקע מיט דער אויפשריפט: יעקב לעשטשינסקי. עס זענען בלויז עטלעכע בריוו. די יאָרן 1940, 1944. אָבער וואָס פאַר אַ חברישע, וואַרעמע, מענטשלעכע בריוו. זאָל דאָס מעגלעך זײַן, אַז אַזעלכע בריוו שרײַבט אַ סאָציאָלאָג, אַ סטאַטיסטיקער, וואָס איז און מוז אַלע מאָל זײַן טרוקן־רעאַליסטיש? זעט איר דאָך, אַז עס איז מעגלעך, אָבער נאָר בײַ אַזעלכע פאָרשערס ווי יעקב לעשטשינסקי.

ווי דאָס לעבן האָט ער ליב געהאַט זײַן אַרבעט — יעקב לעשטשינסקי. און ווי זײַן אַרבעט האָט ער ליב געהאַט זײַן לעבן. אָבער אָן קיינעמס שאָדן. ווי אָפט איך פלעג אים טרעפן און אים זאָגן, אַז ער זעט אויס ווי זײַער יוגנטלעך — און עס איז טאַקע אַזוי געווען אין דער אמתן — פלעגט ער אַ האַרציקן שמייכל טאָן און דאַנקען. מסתּמא האָט עס גאָט געוווּסט און האָט דעם האַר־ציקסטן בעל־חשבון פון ייִדישן פאָלק געשענקט לאַנגע יאָרן — ביז נײַנציק. ווען גאָט וואָלט נאָך אַ קליין ביסל גנעדיקער געווען — וואָלטן עס געוואָרן פולע הונדערט. דער גרויסער ציילער פון אונדזער פאָלק האָט עס פאַרדינט. און אפשר וואָלטן מיר — זײַן פאָלק — באַקומען נאָך אַ ווערק פון יעקב לעשטשינסקי. און דאָס מאָל — אַן אָפּטימיסטיש ווערק.

1966

זוני מאָוד

געבוירן 1891 אין וואַשילקאָוו, גראָדנער קרײַז. 1905 אין אַמעריקע. רײַזעס איבער אייראָפּע און ראַטן־פֿאַרבאַנד. געשטאָרבן 26סטן אַפּריל 1956.

דעם מאָדנעם נאָמען זוני מאָוד (מועד הייסט ער אין דער אמתן אויף ייִדיש און אַנדערע רופֿן אים גאָר נאָך מער מאָדנע: מויד) האָב איך דאָס ערשטע מאָל געהערט פֿון א. מ. פֿוקסן אַרום 1912, ווען ער איז נאָך אַ קורצער דאַן־קישאָטישער רײַזע קיין אַמעריקע צוריקגעקומען פֿון דאָרט קיין ווין. פֿוקס איז געווען פֿול מיט באַגײַסטערונג וועגן מאָודן. מאָוד איז אַ מאָלער און אין יענער צײַט האָט ער נאָר געמאָלן און געצייכנט און פֿוקס האָט געמיינט, אַז קיין גרעסערע מאָלערס זענען אויף דער וועלט נישטאָ. חוץ דעם האָבן אים אימפּאָנירט מאָודס אַלערליי קונצן און ער האָט מיר שעהען לאַנג וועגן דעם געקענט דערציילן. מאָוד איז צו יענער צײַט געווען דער הויפּטמאָלער פֿון דער דינאַסטיע פֿון די „יונגע״. זײַנע — אין דער אמתן — גלענצנדיקע צייכענונגען פֿלעגן באַצירן די מיינסטע ביכער, וואָס די יונגע האָבן אַרויסגעגעבן. אין דער ערשטער ריי איז מאָוד אַ גראַפֿיקער און מיטגייענדיק מיט אַ גרופּע, וואָס האָט לײַדנשאַפֿטלעך אַרויסגעגעבן אַלערליי ביכער, איז ער כּסדר געווען אין זײַן עלעמענט. אַ גראַפֿיקער איז דאָך אין דער ערשטער ריי אַן אילוסטראַטאָר פֿון ביכער. צו יענער צײַט איז מען סײַ אין אַמעריקע און סײַ אין אַמאָליקן רוסלאַנד געוווינט געווען צום סקאָרבאָוון אויסזען — אין גראַפֿישן זינען — פֿון די ייִדישע ביכער. און דאָס דאָזיקע סקאָרבאָווע איז גראָד געווען זייער העסלעך. עס האָט בישט געהאַט דעם אַלטן טעם פֿון די אַלטע רעליגיעזע ספֿרים און עס האָט איג־נאָרירט דאָס אויסזען פֿון אַ מאָדערנעם אייראָפּעיִשן בוך. און נישט אין אַ קליינער מאָס האָט מאָוד, מיטגייענדיק מיט די יונגע כּסדר, בײַגעטראָגן צום דערפֿאָלג, וואָס זיי האָבן געהאַט. די יונגע האָבן געבוירן די נײַע פֿאָרמען אין אונדזער ליטעראַטור און מאָוד האָט געלערנט ווי אַזוי אָט די פֿאָרמען אָנצוטון אין נײַע בוכפֿאָרמען. זײַנע צייכענונגען, זײַנע אותיות האָבן געהאַט אין זיך ייִדישע טראַדיציע און מאָדערנעם גײַסט. און אַזוי אויך זײַנע אילוסטראַציעס. און דער עיקר — אין יעדן שטריך פֿון זײַן שטיפֿט איז דאָ הומאָר. אַפֿילו אין די אותיות.

דעם נאָמען מאָוד האָב איך גוט געקענט און זײַנע צייכענונגען נאָך בעסער און וועגן זײַנע קונצשטיק און באַהעמישע אויפֿטועכצן האָבן מיר חברים אַ סך דערציילט.

דאָס איז געווען אַרום 1930. מאָוד און זײַן קינסטלערישער שותּף יאָסל קאָטלער מיט וועמען ער האָט צוזאַמען געגרינדעט און אָנגעפירט דעם מאַריאָ־נעטן־טעאַטער „מאָדיקאָט", האָבן גערדאַרפט אָנקומען קיין פּוילן. מאָוד פריִער — קאָטלער שפּעטער. טעג ווי ער האָט שוין געדאַרפט זײַן און ער איז נישטאָ. די אויפפירונגען פון טעאַטערל זענען שוין אָנאָנסירט אויף אַ געוויסער דאַטע אין זאַל פון ליטעראַטן־פאַראיין — נאָר הילד איננו. קיין אַדרעס האָבן מיר אין ערגעץ ניט געהאַט, פרעגן, טעלעגראַפירן איז נישט געווען ווו. קומט צו מיר אַרײַן די זאַל־באַדינערין און מעלדעט מיר אַזוי: פון אין דער פרי אָן האָט זיך אין שאָך־צימער פון פאַראיין אַרײַנגעכאַפּט אַ מאָדנער יונגער־מאַן, אַ שוואַרצער, מיט גרויסע אַרויסגעזעצטע אויגן און שמייכלט קיין מאָל נישט, מיט אַ שטים, אַזוי ווי אַ באַס וואָלט געריפּעט אויף אַלע פיר סטרונעס אויף אַ מאָל, מיט אַ בלאָנדן מאַנטל (קיין אַנדערן קאָליר האָט די פרוי אויף דעם מאַנטל נישט געקענט געפינען, נאָר בלאָנד, און זי איז געווען גערעכט) זייער אַ לאַנגן, לענגער ווי דער יונגער־מאַן, ער איז נישט קיין הויכער, און אויפן קאָפּ זייער אַ קליין קאַפּעליטשל, וואָס זיצט נאָר אויף איין שפּיץ פון זײַן געדיכטער טשופּרינע מיט גלאָט־שוואַרצע האָר. און זינט אין דער פרי האַלט דער יונגער־מאַן אין איין רייכערן ציגאַרעטן, און אין איין טרינקען טיי און אין איין שפּילן שאָך. ער האָט שוין אַלעמען אָוועקגעלייגט אויף די לאָפּאַטקעס...

און אַז זי גייט צו צו דעם יונגן מאַן און פרעגט אים ווער ער איז און וואָס ער וויל דאָ — גיט ער אַ זעץ אַרויס אויף איר זײַנע גרויסע אומעטיקע אויגן און גיט אַ זיפץ מיט אַלע פיר סטרונעס פון זײַן באַס, אַזוי ווי אַ בער. דערשרעקט ער אַלעמען אַרום און ער שפּילט שוין ווײַטער... „עפּעס האָב איך מורא פאַרן יונגן מאַן", זאָגט די פרוי, „קומט אַרויס און העלפט מיר". בין איך צוגעקומען צום יונגן מאַן און זיך באַלד אַרומגעכאַפּט מיט אים, ווײַל איך האָב אים דערקענט געענוי לויט פּוקסעס שילדערונגען פון פאַר צוואַנציק יאָר. עס איז געווען מאָוד. און באַלד האָבן מיר גערעדט אויף דו. איך ווייס אַליין נישט פאַר וואָס. וואָרעם אַפילו מיט זײַן שותּף קאָטלער איז מאָוד נישט געווען אויף דו. זיי פלעגן זאָגן, אַז זיי זענען אַזוי פאַרנומען מיט די לאַלקעס פון זייער „מאָדיקאָט", אַז זיי האָבן נישט קיין רגע צײַט צו זאָגן זיך דו...

— מאָוד, גאָט איז מיט דיר, וואָס ביסטו נישט אַרײַנגעקומען אָנזאָגן, אַז דו ביסט דאָ?

גיט מאָוד אַ קוק מיט זײַנע אומעטיקע אויגן־קוילן, וואָס שמייכלען קיין מאָל נישט און מאַכן אַלעמען פלאַצן פון געלעכטער, און גיט אַ זיפץ און אַ פּאַטש מיט די הענט און ער רעדט מיט נישט אַרטיקולירטע קלאַנגען

און גײ װײס. דער גאַנצער ענין האָט אַזױ אױסגעזען, אַז אַרום צװײ הונדערט פֿאַרשטעלונגען האָבן זײ בײַ אונדז געגעבן.

און עס איז אַװעק אַ סעזאָן „מאָדיקאָט״ און בײדן האָבן מיר גלײַך ליב געקראָגן אין װאַרשע. מיר האָבן זײ פֿאַרװאָרפֿן מיט רעצענזיעס און מיט אײַנלאַדונגען און פֿון גײן שלאָפֿן פֿאַר פֿיר פֿאַר טאָג איז אין יענע טעג גאָר קײן רײד נישט געװען. מאָודס ספּעציאַליטעט איז געװען צו פֿאַרמישן די לעפֿל—גאָפּל—מעסער פֿון זײַנע גאַסטגעבערס. װוּ ער איז געװען האָט ער קונציק אין זײַנע לאַנגע קעשענעס אַרײַנגעװאָרפֿן אָט די כּלים און אױף צו מאָרגנס זענען זײ אױסגעװאַקסן אױף די טישן פֿון די מאָרגנדיקע גאַסט־געבערס... עס איז געװען ליהודים.

מאָוד איז די פֿעיִקײט אַלײן און בײַ זײַן אַבסאָלוטער באָהעמישקײט און גאָרנישט טון איז ער אײביק שעפֿעריש און טעטיק װי אַ מוראַשקע, ער שניצט פֿון האָלץ און ער צײכנט און ער קלעפּט און ער שרײַבט און ער דעקלאַמירט און ער זינגט און ער זאָגט װיצן און ער מאַכט װיצן, און ער רוט נישט קײן רגע. און אַלע זײַנע קונסטן, געמישט מיט קונצשטיק, האָבן געפֿונען אַן אױסדרוק אין דעם „מאָדיקאָט״־טעאַטערל.

װאָס זשע טוט גאָט? הרגעט ער אים אַװעק, קאָטלערן, אין 1935 — און קײן קלאַנגפֿילם פֿון די קלײן־געניאַלע לאַלקעשפּילן האָט מען נישט אױפֿגענומען און װער װײסט; װער װײסט — צי עס װעט נישט אַװעק אַן אַ שפּור פֿון דער װעלט די שענסטע ייִדישע טעאַטער־קלײנקונסט...

1943

אײדע מאַזע

געבוירן 1893 אין אַ דאָרף אין רוסלאַנד. אין פרי̇ער יוגנט געקומען קיין קאַנאַדע. געוווינט אין מאָנטרעאָל. אַוועק פון דער וועלט אין 1962.

אונדזערע פּאָעטן האָבן אַלע — אָדער כּמעט אַלע — אָנגעהויבן צו שרײַבן זייערע לידער שיר נישט אין זייער קינדהייט נאָך. אָפּט באַגעגנסטו אַ נאָטיץ אין דער פּרעסע, אַז דער און דער שרײַבער פּײַערט זײַן דרײַסיק־יאָריקן שריפטשטעלער־יובל. דו וווּנדערסט פאַרחידושט, דו קענסט אים דאָך גוט און האָסט אַלע מאָל געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז ער אַליין איז קוים דרײַסיק יאָר אַלט — אַ פּשיטא זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט. אײדע מאַזע איז אַן אויסנאַם אין דער ייִדישער דיכטונג אין דעם זינען. זי האָט אַזוי לאַנג געלעבט מיט לידער פון אַנדערע, ביז זי האָט זיך אין איין שיינעם טאָג אָנגעהויבן אויסצולעבן אין אייגענעם ליד. נישט איין מאָל האָב איך דעם אײַנדרוק, אַז אײדע מאַזען האָבן שוין פּשוט פאַרפעלט לידער אין דער אַלגעמיינער און אין דער ייִדישער פּאָעזיע. אַזוי לידער־באַלעזן איז זי, אַז זי האָט געמוזט אויספילן דעם בלויז אין איר לעבן מיט איר אייגן ליד.

דרײַ קליינע לידערביכער האָט זי ביז איצט אַרויסגעבראַכט — איינס הייסט „אַ מאַמע״, דאָס צווייטע „לידער פאַר קינדער״ און דאָס דריטע „נײַע לידער״. אויב עס איז אמת, אַז דאָס לעבן איז פול מיט פּאָעזיע און ממילא איז די פּאָעזיע פול מיט לעבן — איז דאָס באַזונדערס אמת אין אײדע מאַזעס לידער. לעבן און דיכטונג, דיכטונג און וואָרהייט איז אַזוי אויסגעמישט אין אירע קליינע און אַלע מאָל אויפריכטיקע לידער, אַז אַפילו דיכטערישע לידער־פאָרעם איז אין איר פּאָעזיע אָפּט אויסגעמישט מיט אַזאַ מין פּראָזע אין ריטמישע שורות.

מען זאָגט, אַז פּאָעזיע באַשטייט פון דרײַ עלעמענטן: איבערלעבונג, מענטשלעכע מיטטיילונגס־נויטווענדיקייט, פּאָעטישע מיטטיילונגס־פעי̇קייט. אין אײדע מאַזעס לידער דערשײַנען די דערמאָנטע דרײַ עלעמענטן אָפּט אָפּגעטיילטע איינער פון אַנדערן, אָפּט אין אַלערליי טאָפּל־קאָמבינאַציעס און נישט זעלטן טאַקע אַלע דרײַ צוזאַמען. דעמאָלט ברענגט זי אַרויס אַזוי פּשוט און נאַטירלעך אירע בעסטע לידער. און אָט די לידער לייענען זיך אַזוי לײַכט און פּשוט, אַזוי ווי זיי וואָלטן נישט אויפגעשריבן געוואָרן מיט פּאָעטישער אָנשטרענגונג, נאָר אַזוי ווי זיי וואָלטן שוין דאָ געווען און די דיכטערין האָט זיי נאָר פאַרצייכנט. ווען איך וואָלט וועלן דאָס אויסדריקן פּאַראַדאָקסאַל, וואָלט איך געזאָגט, אַז דאָס זענען אַזעלכע אינדיווידועלע

פאָלקסלידער... שטאַרק, צום שטאַרקסטן זענען אירע טויטן־לידער נאָך אַ קינד.

אַ מאָדנער פּנים בײַ אײדע מאַזע. איך האָב אַ בילד אירס געזען מיט אַריבער אַ צענדליק יאָרן צוריק און אַז איך האָב זי דאָס ערשטע מאָל געזען האָב איך זי באַלד פון עטלעכע צענדליק פּערזאָנען אַרויס דערקענט. ווען זי וואָלט געווען געבוירן אין קאַנאַדע וואָלט מען געקענט טראַכטן, אַז עסקי־מאָסן זענען געווען צווישן אירע עלטער־זיידעס, אָבער ווי קומען עסקימאָסן צווישן רוסישע ייִדן? עסקימאָסן זענען דאָך מאָנגאָלן און מיט מאָנגאָלן זענען מיר דאָך פּלימעניקעס דורך די כאַזאַרן פון פאַר טויזנט יאָר. און ווי די זאַך זאָל נישט זײַן, האָבן מיר אַ ייִדישע דיכטערין מיט אַזאַ אָריגינעל אויסזען, וואָס פאַרגעדענקט זיך באַלד און אויף שטענדיק.

אײדע מאַזע איז נישט בלויז אַן ענטוזיאַסטישע לייענערין פון ייִדישן ליד, זי איז פאַנאַטיש פאַרגלייבט אין דער ייִדישער פּאָעזיע. פאַר איר עקסיס־טירט נישט קיין אײנער, אָדער כאָטש אַ דרײַאײניקייט פון ייִדישע פּאָעטישע נעמען — אין וועלכע זי זאָל גלייבן, זי גלייבט אין אַלע. וואָלט איך ווידער דאָס וועלן אויסדריקן מיט אַ פּאַראַדאָקס, וואָלט איך געזאָגט, אַז זי איז אַ געצן־דינערין אין דעם טעמפּל פון ייִדישן ליד... און אפשר איז דאָס נישט קיין געצנדינסט, אפשר איז דאָס אַזאַ מין בודיסטישער גאָטדינסט. אויך בודדאַ — דער אײנציקער שבאײנציקער — דערשײַנט דאָך אין זײַן טעמפּל אין פינף הונדערט געשטאַלטן און פינף הונדערט פּנימער...

ווי די זאַך זאָל נישט זײַן — מאָנטרעאָל, די גרעסטע ייִדישע שטאָט אין קאַנאַדע, ווו אײדע מאַזע פירט שוין אָן זיבנט צענדליקער יאָרן די אומדער־מידלעכע פּראָפּאַגאַנדע פאַר ייִדיש לשון און זײַן קרוין, זײַן בלום, זײַן זיס־הימלישע פּרוכט — דאָס ייִדישע ליד — געניסט דערפון. אַ דאַנק איר, ווערן אין מאָנטרעאָל פאַרקויפט, אין די הונדערטער, ביכער פון ייִדישער פּאָעזיע, און ס׳ווערט, אפשר מער ווי אומעטום אין קאַנאַדע, דאָס ייִדיש ליד געלייענט.

מאָדנע איז די שטוב פון אײדע מאַזע. טרעט מען אַריבער די שוועל, איז אַזוי ווי מען וואָלט אַריבערגעטרעטן די שוועל פון אַ ייִדישן בית־המדרש, ווו שטאָט גמרא לערנט מען פּאָעזיע. מען זיצט אין די ווינקעלעך, בײַ די טישן, אויף די זאָפעס, אויף די טישן און כּסדר ליגן צענדליקער פּאָעזיע־ספרימלעך אָנגעוואָרפן און מען לערנט און לייענט אויף אַלערליי קולות. אַלט און יונג מישט זיך דאָ אויס, דאָ קענט איר געפינען קלאַסיקערס, וואָס זייערע געזאַ־מלטע ווערק פילן אָן פּאָליצעס פון ביבליאָטעקן און „ייִדעלעך קוים פון די אייעלעך”, וואָס זענען ערשט געקומען בײַ אײדע מאַזע פרעגן אַן עצה ווי אַזוי שרײַבט מען פּאָעזיע... און אײדע מאַזע באַהאַנדלט אַלע מיט גלײַכן ערנסט. פאַרקערט, די מיט געלע פעדערלעך — נאָך צאַרטער, ווײַל די קלאַ־

סיקערס קענען זיך שוין מער נישט אַנטוויקלען און די יונגענקע קענען נאָך ווערן סופּער־קלאַסיקערס — ווער ווייסט.

און פול מיט פּאַטישן וויסן און ענטוזיאַזם זענען איידע מאַזעס צוויי שלאַנקע זין, דער דריטער איז מיט יאָרן צוריק אַרויסגעריסן געוואָרן פון אַט דער צוזאַמענגעזונגענער פאַמיליע. און געדולדיק איז דער מאַן פון דער דיכטערין אַל. מאַזע, אַ הויכער און אַ בלאָנדער און אַ סלאַוויש־נאָרדישער טיפּ. ער טאָלערירט מיט ליבשאַפט דעם אייביקן פּאַטישן יריד, אָבער אים אינטערעסירט מער די פּאָליטיק — ער ווייסט, אַז די פּאָעזיע איז אַן אינדזל אין דער רעאַלער וועלט־פּאָליטיק, איידע מאַזע מיינט פאַרקערט, אַז די פּאָליטיק איז אַן אינדזל אין דער פאַנטאַסטישער וועלט־פּאָעזיע...

אומדערמידלעך איז איידע מאַזע ווען עס קומט צו טון אַ טובה — פּאָעט, עם־הארץ, ייִד, גוי — אַלץ אײנס. דעמאָלט לויפט זי, טעלעפאָנירט זי, קערט זי וועלטן, ווערט זי קריגעריש אַפילו, ביז זי פירט אויס — און זי האָט עס ליב צו דערציילן מיט מאַמעשער באַרימעריי: אָט דעם האָב איך חתונה געמאַכט, יענעם אַהער אַראָפּגעבראַכט, אַ דריטן אַ שטעלע פאַרשאַפט — הײַנט דערזעען זיי מיך קוים, אײַלן זיך עפּעס אַזוי, זענען עפּעס אַזוי פאַרנומען...

אַזוי זענען מענטשן. איידע מאַזע האָט נישט קיין פאַריבל און איז אַלע מאָל גרייט מיט נײַעם גלויבן צו טון אַ טובה, און ווייל איז איר, אויב דער טובה־באַדאַרפער איז אַ פּאָעט, אַ ייִדישער פּאָעט, די קרוין פון די קרוינען פון דער וועלט...

1942

מאַני לייב

מאַני לייב בראַהינסקי. געבוירן אין ניעזשין אין יאָר 1883. 1902 אין לאָנדאָן. 1905 אין אַמעריקע. געשטאָרבן אָנהייב אָקטאָבער 1953.

מאַני לייב איז געווען שיינקייט — — און מיר וועלן אָנהייבן מיטן שטילן און אײַנגעהאַלטענעם פּאַטאָס פון אַ משנה־מאמר: אַז מאַני לייב איז געשטאָרבן, איז געשטאָרבן די שיינקייט אין דער ייִדישער ליטעראַטור... נישט אַלץ וואָס ער האָט געטון, און נישט אַלץ וואָס ער האָט געשריבן, איז געווען שיין — אָבער ער אַליין, זײַן גאַנצער מהות איז געווען די שיינקייט. ער האָט פאַרמאָגט דעם זעקסטן חוש — פאַר שיינקייט. ער איז געווען ווי יענע בלוילעך־ראָזלעך־פיאָלעטע כוס־פאַרמיקע קלעטערבלום, וואָס „דעם מאָרגנס גלאָריע" איז איר נאָמען — און וואָס גיט זיך אַן עפן מיט דעם ערשטן שטראַל אויף טאָג און גיט אַ גוטן קוק אויף דער פּראָזע, וואָס וואַרט אויף איר דאָ — און זי פאַרמאַכט זיך און פאַרוויאַנעט. אַ מאָל אויף איבער טאָג — און אַ מאָל אויף אייביק. וויפל חן עס איז געווען אין מאַני לייבס פּנים און גאַנצער הויכער געשטאַלט, און דינע הענט און גרינלעכע, לענגלעכע אויגן, און ברוין־שוואַרצע געדיכטע, גלאַטע האָר, אַז ער האָט גערעדט וועגן גוטע לידער, אָדער סתּם קונסט, אַזוי פיל גרימיקע גרימאַסע האָט זיך באַוויזן אויף זײַן מויל, וואָס האָט בכלל אַלע מאָל עפּעס גרימיקס געהאַט אַרום זיך, ווען עפּעס האָט אים נישט געשטימט אין אַ ליד, אָדער אין אַ חבר, וואָס ער האָט ליב געהאַט.

פון וואַנעט האָט ער זיך גענומען אין דער ייִדישער ליריק? וואָס פאַר אַ ראַפינירטע מישונגען פון גופים און גײַסטערס האָבן באַשאַפן אָט די דאָזיקע גאַנצקייט?

זײַנע לידער זענען מיר שוין פריִער געווען באַקאַנט, שוין לאַנג פריִער, אָבער דאָס גאַנצע ליד אין פּראָזע וועגן מאַני לייב האָט מיר געבראַכט א. מ. פוקס קיין ווין, נאָך אין יאָר 1913, נאָך זײַן ערשטער רײַזע קיין אַמעריקע. אָן אַן אויפהער פלעגט ער דערציילן וועגן מאַני לייבן — אַזוי ווי מאַני לייב וואָלט געווען גאַנץ אַמעריקע אָדער, לכל־הפּחות, די גאַנצע ייִדישע ליטעראַטור אין אַמעריקע. פוקס איז געווען פון מאַני לייבן פאַרכישופט און איז אַזוי געבליבן זײַן גאַנץ לעבן. און ער איז נישט דער איינציקער. און דעריבער איז מאַני לייב פון איין זײַט איבערגעשאַצט, און פון דער אַנדערער זײַט ניט דערשאַצט געוואָרן אין דער ייִדישער ליטעראַטור. און זײַן אייגענע באַציִונג צו זיך אַליין — איז אויך אַזוי געווען. דער אמת איז, אַז ער איז

געוועזן אַ דערשײַנונג, אַ פענאָמען אין דער יידישער ליטעראַטור — און אַזוי האָט מען אים געדאַרפט שאַצן און באַנעמען. אַ קאָמעט...

(„קאָמעט״ — „מאָרגן־גלאָריע״... — ראַוויטש, ראַוויטש! — הער איך פון וויַיט־ווײַט די טונקל־ברוינע שטים מאַני לייבס, אַזאַ שטים, וואָס איז אַלע מאָל אי ליידנשאַפטלעך און אי מיד פון ליידנשאַפט, — מלך! וואָס פאַר אַ באַנאַליטעטן...).

מאַני לייב איז אַ פענאָמען, אַ קאָמעט — נאָך אַ מאָל. מען האָט זיך נישט געדאַרפט אויף אים אָריענטירן, ווי מען אָריענטירט זיך אויף אַ שטערן. נישט אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז אַ ליטעראַטור פון „גוט איז שיין!״. און מאַני לייב האָט באַלאַנגט צו אַ וועלט פון „שיין איז גוט!״.

אין דעם יאָך פון גרויער קליינקייט —
צו דעם מינדסטן בין איך גלײַך;
נאָר אין לײַדן פאַר דער שיינקייט
בין איך אויסגעטיילט פון אײַך.

עס געדענקט זיך 1921, ווין. די „יונגע״ אין ניו־יאָרק אויפן שפּיץ טורעם פון דעם וואָלקן־קראַצער פון זייער דערפאָלג. מאַני לייב — די פאָן אויף אָט דעם שפּיץ טורעם. מײַן זאַמלונג „שפּינאָזאַ״ האָט אויסגענומען בײַ די „יונגע״. מען פאַרבעט מיך אין זייערער אַן אויסגאַבע. איך שיק אַ פּאָר סאָציאַלע לידער. זיי רופן זיך „מענטש״. מאַני לייב שיקט זיי מיר צוריק מיט כּעס: לא זו הדרך. איר בלאָנדזשעט. איר וועט סוף־כּל־סוף שרײַבן ווי עדעלשטאַדט... דעמאָלט בין איך ברוגז געוואָרן. הײַנט פאַרשטיי איך, באַנעם איך (כאָטש דאָס האָט נישט קיין שײַכות צו הסכּמה). עס האָט גענומען לאַנג צו באַנעמען דעם נס בתוך נס — מאַני לייב אין דעם סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן וועלטבילד פון דער יידישער וועלט־ליטעראַטור.

מײַן פאַנצער, מײַן שווערד — מײַן וואָרט און מײַן בלוט,
מײַן צייכן — דאָס גרין פון צעדער;
מײַן הויכער הימל — מײַן בלויער הוט,
די זון — מײַן גאָלדענע פעדער.

מאַני לייב האָט אונדז מיט זײַן פאַרשײַט־נאַיוון שמייכל אײַנגעוויגט אין אַ מעשה, אַז דער הויכער הימל איז זײַן בלויער הוט און ממילא איז זײַן קאָפּ אין די וואָלקנס... אָבער אַזעלכע זאַכן זענען נישט מעגלעך בײַ גרויסע קינסטלערס. קונסט איז אינטויציע מיט באַוווסטזײַן געפּאָרט. און אָט איז די גרויסע פאַרזאַמלונג פון יידישן קולטור־קאָנגרעס אין יאָר 1948, און מאַני לייב דאַרף רעדן וועגן סאָציאַלע מאָטיוון אין יידישן ליד. חברים צוקן מיט די אַקסלען — מסתּמא וועט ער זיך שטעלן פאַרן עמוד, זיך חנדלען און זאָגן

מיט זײַן טונקל־ברוין־ליידנשאַפטלעכער שטים און מיט זײַן אוקראַיִניש־ליטווישן דיאַלעקט: — וואָס ווילט איר פון מיר, איך וועיס גאָארניט וועגן די אַלע זאַכן, איך וועל אײַך בעסער לעזן אַ ליד... אָבער ווי איבערראַשט און פאַרכאַפּט איז דער עולם געווען, צו הערן אַ רעפעראַט פון אַ גרויסן קענער פון דער ליטעראַטור און אַפילו פון אַ היפּשלעכן בקי אין דער ייִדישער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער געשיכטע פון די לעצטע יאָרצענדליקער.

קאָמפּליצירט דאָס פּערזענלעכע, פּריוואַטע לעבן מאַני לייבס, קאָמפּליצירט זײַנע באַציִונגען צו חברים. בין איך אַ מאָל אויף אַ חברישער מסיבה בײַ אַ מאָלער. מען שושקעט זיך. חברים האָבן פּלאַנירט אַ סטראַטעגישן צוג — מכלומרשט צופעליק צונויפפירן דוד איגנאַטאָוון און מאַני לייבן — נאָך יאָרן ברוגז. איגנאַטאָוו איז שוין דאָ. מאַני לייב דאַרף אָרײַנקומען. ווער ווייסט, ווער ווייסט... טירן וועלן קנאַקן, בייזע רייד וועלן פּלאַצן, ווי גלעזער אין ווענט. נאָר געשען איז, אַז אַזוי גיך מאַני לייב האָט זיך באַוויזן זענען זיך די ביידע חברים געפאַלן אין די אָרעמס און זיך שטיל צעוויינט — און אַלע האָבן זיך שפּעטער אַ פערטל שעה געשעמט צו קוקן איינער אין אַנדערנס אויגן, ביז מען האָט זיך צעטרונקען, צערעדט און פאַרגעסן. אַ העלעניִשער קינסטלער פון וואָרט — מאַני לייב — אַוודאי. אָבער בײַ יענע שפּריצן טראָפּנס בלוט — און בײַם ייִדישן העלענער שפּריצן ריינע, דימענטענע, סענטימענטאַלע טרערן.

ערגעץ ווו אין די הימלען, ווו גורלות ווערן באַשטימט און פערציק טעג פאַרן אַראָפּקומען פון דער נשמה פון קינד פאַרשריבן, איז די דיכטערין ראָשעל וועפּרינסקי באַשטימט געוואָרן צו זײַן דער זיווג פון מאַני לייבן. אירע חנען און שיינקייטן מיט זײַנע צו מישן. אָבער אין די זעלבע הימלען זענען פאַר ביידן געווען פאַרשריבן שיבעה־מדורי־צער, וואָס ביידע האָבן געדאַרפט דורכגיין ביז צו יענעם טאָג און אויך נאָך יענעם טאָג.

דין ווי אַ צווײַגל אַ גרינס, פון זעלבן מין וואָס בליט אָפּט אויף אויפן שטאָם פון אַן איבערגעבליבענעם פון אַ בליץ־צעבראָכענעם בוים — בליִען די אַלמנה־לידער פון ראָשעל וועפּרינסקי מיט מאַני־לייבישער שיינקייט אַרום זײַנע געדענקטעג.

אַ מאָל בין איך אַרײַנגעקומען צו מאַני לייבן אין שטוב. ער איז גראָד אַראָפּגעגאַנגען קויפן אַ צײַטונג. אויפן טיש ליגט אַ ליד. גלײַכע שורות, צאַרטע שריפט, ווי די האַנט וואָס האָט עס געשריבן, די טינט — נאָך פריש. ראָשעל וועפּרינסקי ווײַזט מיר מיט ליבע און באַוווּנדערונג דעם כּתב־יד. — אָט אַזוי גרינג שרײַבט ער.

און וואָס גרינגער אַ ליד איז אים אָנגעקומען — אַלץ בעסער איז עס געווען. און אויך דאָס איז געווען אַ פענאָמען בתוך פענאָמען. וואָרעם לרוב

קומען די פּשוטע און גרינגע לידער אָן שווער. און וואָס געניאַל פּשוטער — ווי צוויי מאָל צוויי — אַלץ שווערער די אַלגעברע פון באַשאַפן דאָס ליד... אָבער אַזוי איז געווען מאַני לייב. עפּעס אַזוי ווי זײַנע געניאַלע לידער וואָלטן מיט אים שוין פאַרטיקע געבוירן געוואָרן און ער האָט נאָר געדאַרפט אָפּמעקן דעם פינגערקלאַפּ פון מלאך און זיך דערמאָנען... עפּעס אַזעלכע הימלישע דערמאָנונגען זענען אָפט זײַנע לידער...

איך האָב קיין מאָל מאַני לייבן נישט געזען בײַ זײַן מלאכה ווי אַ שוסטער. אָבער שרײַבן אַ מאַני לייב־פּענפּאָרטרעט און עס אין גאַנצן נישט דערמאָנען — ווי איז עס מעגלעך? אגב איז ער אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר פון זײַן לעבן מער קיין שוסטער נישט געווען. און אפשר איז דער גאַנצער ענין שוסטערײַ באָר נייטיק געווען, אַז ער זאָל אונדז אַרײַן אין דער ליטעראַטור־געשיכטע מיט אַזאַ חן און אַזאַ שיינקייט אויך:

און מײַן נאָמען זאָל זײַן ווײַט און ברייט אַ באַוווסטער,
אין בראָנזוויל, יעהופּעץ און ווײַטער — העט — —
און אַ דאַנק, וואָס איך בין נישט קיין פּאָעט־אַ־שוסטער,
וואָס איך בין אַ שוסטער — אַ פּאָעט.

און אפשר איז רבי יוחנן הסנדלר, אַלס סנדלר, געווען מער משל צוליב מאָראַל, און אַזוי אויך מאַני לייב אַלס שוסטער מער משל צוליב פּאָלקס־טימלעכער שיינקייט.

ד״ר שמואל מאַרגאָשעס

געבוירן אין יאָר 1887 אין יוזעפאָוו, בײַ טאַרנע, מערב־גאַליציע. אין אַמעריקע זינט דעם יאָר 1905. געשטאָרבן 23סטן אויגוסט 1968.

צוויי מאָל אַ דאָקטאָר און איין מאָל אַ רב און אַלע מאָל אַ גאַליציאַנער, וואָס דאָס איז שוין אויך אַ שטיקל טיטל, און דערצו אין פאַרלויף פון לעבן — אַ זיבעצן וויכטיקע אַמטן, מיט און אָן טיטלען, צווישן זיי יאָרן: פּרעזידענט פון דער מעכטיקער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע און דערצו, נאָך פאַר אַ צולאָג, האָט גאָט צוגעגעבן אַ שטרענג און מאַרקאַנט פּנים פון אַ מענטשן, וואָס אָט, אָט זאָגט עס „ניין!״. מיר — יידישע שרײַבערס — קענען אים לרוב פון זײַנע יאָרן אַלס רעדאַקטאָר פון „טאָג״ אין ניו־יאָרק און פון זײַנע פיל צענדליקער יאָרן שרײַבן דאָרט אַרטיקלען אין צוויי לשונות — יידיש און ענגליש. צום שטרענגן פּנים מיט די גרויסע ברילן האָט מאַרגאָשעס אויך אַ שטרענגע שטים. רעדט ער יידיש, איז מיט אַ שמץ ענגלישן אַקצענט — שוין כּמעט פון דער פריער יוגנט אין אַמעריקע, און רעדט ער ענגליש, איז מיט אַ שמץ יידישן אַקצענט. ער איז דאָך כּסדר צווישן יידיש־רעדנדיקע. און ער איז בכלל אַ ציוניסט־אַמעריקאַניסט, העבּ־רעיסט־יידישיסט. און עס דאַכט זיך מיר, אַז די פיר ווערטער זאָגן אַלץ וועגן ד״ר שמואל מאַרגאָשעס.

ווו האָב איך אים אַלץ באַגעגנט? אין וואַרשע, אין ניו־יאָרק, אין מאָנטרעאָל, אין ירושלים. אָבער דאָס ערשטע מאָל טאַקע אין וואַרשע, באַלד נאָך די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. געקומען דעמאָלט אַהין מיט אַ מיסיע — ווי דען? און מיר, דער עיקר מיר פּאָעטן, האָבן געוווסט, אַז מיר האָבן פון די דאָזיקע „מיסיאָנערן״ גאָרנישט צו דערוואַרטן — חוץ ביטול. און דערצו נאָך אַ רעדאַקטאָר פון אַ גרויסער טאָגצײַטונג. ווער דאַרף אונדז? — פלעגן מיר זיך ווערן מיט פאַראַכטונג קעגן ביטול... נישט אַ קוק טון פלעגן מיר אין דער זײַט פון די גרויסגעסט. ווי פאַרווונדערט זענען מיר געווען, אַז עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז שמואל מאַרגאָשעס זוכט גאָר אונדז, אַז ער איז גאָר אין אונדז פאַראינטערעסירט. ער קען און לייענט אונדז, ער איז נישט מסכּים מיט אונדזער דרך, אָבער ער אָנערקענט אונדזער רעכט אויף אָן אייגענעם דרך. און זינט דעמאָלט איז געבליבן אין מיר עפּעס אַזאַ מין אָנגענעם דאַנקגעפיל צו דעם דאָזיקן, שטרענגן כּלפּי חוץ און מילדן כּלפּי פּנים, שמואל בן־יוסף.

רב יוסף מאַרגאָשעס, אַ שרײַבער מיט אַ סך פּאַרנעם אין ייִדישן שטח און אין ייִדישער צײַט, איז געווען שמואלס פֿאָטער, אין גאַנצן צוואַנציק יאָר עלטער פֿון זון, און האָט אַרײַנגעלעבט אין טיפֿן, טיפֿן עלטער, קיין אַמעריקע געקומען פֿיל יאָרן פֿאַר זײַן זון. איך געדענק דעם חומשדיקן רושם, וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט די באַגעגעניש פֿון דעם טאַטן און דעם זון צוזאַמען אין אַ ניו־יאָרקער ליטעראַרישער קאַפֿעטעריע. לו יהי יעקב אבינו און ראובן ערגעץ אין די געצעלטן פֿון אַ מאַרק אין גושן. דער אַלטער איז יאָרן לאַנג געווען אַ פֿאַרזאָרגער און זאָרגער פֿאַר ייִדישע שרײַבערס איבער גאָר דער וועלט. משגיח — לאָמיר עס רופֿן היימישלעך־פּאַטריאַרכאַל — פֿון פּרץ־שרײַבער־פֿאַראיין אין ניו־יאָרק.

אין אָנהייב פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די צערודערונג איז געווען אָן אַ סוף, און נישט נאָר טוליען האָט זיך איין ייִדישער שרײַבער געוואָלט צום צווייטן, נאָר ממש קלאַמערן, פֿלעג איך אָפֿט קומען צו די מאַר־גאָשעסעס. זײַן פֿרוי, פֿון דער משפּחה קירשענבוים, פֿלעגט אַליין פֿון צײַט צו צײַט זיך צוכאַפּן צו דער פֿען מיט אַ ליד און האָט גערן געהאַט אָט אָ די אומענדלעכע שמועסן וועגן דיכטונג און דיכטערס. (און אָט רעדן מיר וועגן שמואל יעקב אימבער. שמואל מאַרגאָשעס פֿאַלט ממש אַרײַן אין אַ כּעס און הייבט אָן שפּאַנען איבער דער שטוב. — אַוודאי קען מען נישט ראַטעווען אַלעמען, אָבער כאָטש יחידים, און דו, שמואל יעקב, ביסט געווען עטלעכע מאָל אין אַמעריקע און צוליב אַ נאַרישן קאַפּריז ביסטו צוריקגעפֿאָרן אין תּהום אַרײַן...) מיר איז גוט געווען צו זען אַזוי פֿיל חברישע זאָרג. און נאָך בעסער איז מיר געווען, ווען עס איז נייטיק געווען צו שרײַבן „אַפֿידעווידס” פֿאַר משפּחה־מיטגלידער פֿון שרײַבערס און — ווען נאָר איך האָב אַ קלונג געטון צו ד״ר מאַרגאָשעס, האָט ער איבערגעלאָזן אַלע עסקים און געלאָפֿן וווּ מען האָט אים געשיקט.

שווער צו זײַן אַפֿילו אַ קליין ביסל אַנדערשדיק אין דער אָפֿט קנאַישער, אין דער אָדער יענער ריכטונג, ייִדישער פּרעסע. אָבער מאַרגאָשעס איז אין זײַנע, אַלע מאָל קלאָרע און גרונטאָווּנע, עסייען, זייער אָפֿט אַנדערשדיק. און ער האָט אַ גרויסע פּעריפֿעריע לייענערס, ער שרײַבט דאָך, אַזוי צו זאָגן, מיטביידע הענט — ייִדיש און ענגליש. בײַ ציוניסטן איז ער אָפֿט שיר נישט אַ גלות־אידעאָלאָג, און בײַ העברעיִסטן — אַ ייִדישיסט — און דאָס איז ער טאַקע... און וויצע ווערזאַ. און ער האָט ליב, ניין, ער איז פֿאַרליבט אין ייִדישער דיכטונג, און אָפֿט פֿאַרסירט ער אַרײַן, אין העכסט־פּאָליטישע טעג, צווישן העכסט פּאָליטישע קאָלומס אין ענגליש — אַ מין שיר־השירים וועגן שירים אין ייִדיש. און קורץ און שאַרף איז ער מסביר אָפֿט אַ שווערן פּאָעט, אַז עס ווערט ממש ליכטיק אין די אויגן. דערפֿאַר ווײַל מאַרגאָשעס

האָט אויף אַן אמת ליב דיכטונג — און, ווי אַ סך פּובליציסטן, האָט ער אַנטדעקט דעם סוד, אַז מען קען פון דיכטונג שעפּן אינספּיראַציע אַפילו פאַר קאָמפּליצירטסטע פּאָליטישע טעמעס. און — זאָל מיר דערלויבט זײַן אַן אחרון־אחרון — איך בין אים טיף דאַנקבאַר, וואָס ער האָט זיך מיט אַזאַ ערנסט באַצויגן צו מײַנע מעדיטאַציעס וועגן אַ צווייטן ספר־הספרים...

1953

יודל מאַרק

געבוירן אין יאָר 1897 אין אַ שטעטל פּאַלאַנגע — אין דער ליטע. ביזן יאָר 1934 — שטודירט, געווען טעטיק ווי אַ לערער און שרײַבער אין אַלערליי לענדער און לענדלעך אין מיזרח־אייראָפּע. אין יאָר 1936 אויסגעוואַנדערט קיין ניו־יאָרק. זינט 1971 — אין ירושלים. געשטאָרבן בעת אַ נסיעה אין אַמעריקע 1טן אויגוסט 1975.

מיר קענען זיך שוין — יודל מאַרק און איך — מסתמא אַ יאָר 35. באַגעגנט זיך פּנים־אל־פּנים אין עטלעכע לענדער, געביטן זיך מיט בריוו פֿון נאָך מער לענדער און שטעט.

ער איז אַ הויכער, זײַנע אויגן שמייכלען שטענדיק מיט אַן אויפֿריכטיקן שמייכל. זײַן פּנים איז אַלע מאָל זייער רויק, גרייט דיך שוויַיגנדיק אויס־צוהערן. לויט זײַן רו האָט ער אַן אַ שיעור צײַט. אָבער דאָס דאַכט זיך נאָר אַזוי. אין דער אמתן איז ער שטענדיק פֿאַרנומען. יעדע שעה פֿון טאָג האָט זיך איר פּלאַן און דער פּלאַן ווערט אויסגעפֿירט. ווי דען אַנדערש וואָלט עס מעגלעך געווען, אַז איין מענטש זאָל זײַן אַ רעדאַקטאָר פֿון צײַטשריפֿטן און צײַטונגען, מחבר — אָדער מיט־מחבר פֿון יידישע לערנביכער, רעדאַקטאָר פֿון אַ פּעדאַגאָגישן בולעטין, לערער אין שולעס, לעקטאָר אין העכערע יידישע לערן־אַנשטאַלטן, רעדאַקטאָר פֿון דער ייוואָ־צײַטשריפֿט „יידישע שפּראַך״, פֿאַרכאַפּנדיקער אָראַטאָר, און דאָס לעצטע נאָך: רעדאַקטאָר פֿון גרויסן ווערטערבוך פֿון דעם יידישן לשון.

יודל מאַרק האָט אַ טבע נישט לאָזן פֿאַלן זײַנע פּלענער אין מיטן, נאָר זיי אויסצופֿירן ביזן לעצטן אות. זײַן איבערנעמען די רעדאַקציע פֿון גרויסן ווערטערבוך גיט אונדז צוויי גאַראַנטיעס מיט אַ מאָל — ערשטנס, אַז יודל מאַרק וועט אונדז בלײַבן אַקטיוו און שעפֿעריש נאָך אַ סך יאָרן — צווייטנס, אַז דאָס דאָזיקע ווערטערבוך וועט דערפֿירט ווערן ביזן לעצטן אות.

יודל מאַרק וואָלט די דאָזיקע אַרבעטן נישט געקענט אויספֿירן — ווען ער וואָלט נישט אַזוי האַרציק ליב געהאַט די עיקר־טעמע פֿון אַלע זײַנע אַרבעטן. און דאָס איז: יידיש־לשון. צו הערן זײַנס אַ רעדע — און אפשר בעסער עס רופֿן פֿאָלקסטימלעכער: דרשה — איז ווי מען וואָלט זיך צוגעהערט ווי אַ פּאָעט לייענט זײַנע לידער. און אפילו זײַן שטים איז אַזוי האַרציק און מעלאָדיש. זײַן איינציקע טעמע — שוין זינט אַ האַלבן יאָרהונדערט איז: יידיש. אַזוי אין שריפֿט און אַזוי אין לעבעדיקן וואָרט פֿון אַן אָראַטאָר, אָדער שמועסער אין אַ חברישער מסיבה. און פֿאָרט ווערט קיין מאָל נישט

לאַנגוויַיליק — לײַענענדיק און הערנדיק יודל מאַרקן. ער איז אַלע מאָל עפּעס מחדש. ער איז — מיט איין וואָרט — נישט קיין יחיד, יודל מאַרק, ער איז אַן אינסטיטוציע: יודל מאַרק. און ווי וווּנדערלעך עס פּאַסט אים דער ערשטער נאָמען: יודל. אין אָט די פֿיר אותיות איז דאָ העברעיִש און ייִדיש אינטעגרירט. אַגב איינע פֿון די באַליבטסטע טעמעס יודל מאַרקס — די צונויפֿשמעלצונג פֿון עברית און ייִדיש.

אָט בלעטער איך אין מײַן אַרכיוו פֿון בריוו און איך זע, אַז איך האָב אַ היפּש בינטל בריוו פֿון יודל מאַרקן. אַפֿילו אין די פּריוואַטע בריוו אַזאַ לשון־אָפּגעהיטנקייט, אַלע מאָל זאַכלעך און אַלע מאָל האַרציק. און אַלע מאָל די טעמע און די ענינים: ייִדיש לשון — אין דער צײַט אַ יאָרטויזנט, און אין שטח, אַלע פֿינף קאָנטינענטן.

אַ מאָל איז אין מײַן קאָפּ געבוירן געוואָרן אַ געדאַנק, אַז די מערכה פֿון ייִדיש איז אַזוי ווי זי איז — נאָר דערפֿאַר ווײַל דער קאַמף לטובת ייִדיש האָט נישט קיין פּלאַטפֿאָרמע — ווי אַלע פּאָליטישע און קולטור־באַוועגונגען, און האָט אויך נישט אַ קלאָר פּרעציזירטע אידעאָלאָגיע. געשריבן וועגן דעם טאַקע יודל מאַרקן — אָבער אָן אַ האָפֿענונג, אַז ער וועט דעם פּלאַן אָננעמען און באַמיִען זיך אויסצופֿירן — מיט דער הילף פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט אָדער דעם ייִדישן קולטור־קאָנגרעס. ווי איבערראַשט בין איך געווען, ווען איך האָב באַקומען אַן ענטפֿער און אַ צוזאָג זיך אַקטיוו צו באַטייליקן אין אַזאַ פּלאַן. די נישט־דורכפֿירונג פֿון דעם פּלאַן איז טאַקע געווען ווייטיקדיק, אָבער די צושטימונג פֿון יודל מאַרק האָט געטרייסט: כּל־זמן עס איז דאָ אַ יודל מאַרק, קען און וועט די מערכה פֿון ייִדיש זײַן דראַמאַטיש, אָבער נישט טראַגיש.

1966

אַברהם מאָשקאָוויטש

געבוירן אין יאַס אין יאָר 1894. געקומען קיין אַרגענטינע אין יאָר 1911. געשטאָרבן אין מאַרץ 1968.

קוים־קוים — דאָ און דאָרט אַ נאָטיץ אין אַ פּאָר צײַטונגען, אַז עס איז געשטאָרבן אין אַרגענטינע דער ייִדישער דיכטער אַברהם מאָשקאָוויטש. אָבער ווער איז ער געווען דער דאָזיקער דיכטער? וואָס האָט ער געשריבן, וואָס פאַר אַ ביכער האָט ער אַרויסגעגעבן? וועגן דעם קיין וואָרט. אַרגענטינער ייִדישע צײַטונגען האָבן, נאַטירלעך, געבראַכט גרעסערע נאָטיצן.

בעת מײַן וווינען אין אַרגענטינע אַ יאָר צײַט — 1937 — האָב איך מאָשקאָוויטשן אָפּט באַגעגנט. נישט קיין הויכער — אַ גוטמוטיק פּנים, וואָס האָט ליב אין חברישער געזעלשאַפט אַ סך צו שווײַגן און ווייניק צו רעדן. עס איז נישט קיין שווײַגן מיט אַ פאַרכמורעט פּנים — עס איז אַ שווײַגן מיט אַ שמייכל. באַגעגנסטו אים אין גאַס — נעמט ער דיך באַלד אונטערן אָרעם און גייט מיט מיט דיר — ווו דו זאָלסט נישט גיין — און ער קוקט דיר אין פּנים אַרײַן און איז גרייט צו הערן.

געבוירן אין יאַס, דער שטאָט אין רומעניע, מיט אַ טראַדיציע פון ייִדישע פאָלקסלידער, דיכטערס און זינגערס — איז מאָשקאָוויטש אין אַרגענטינע געוואָרן אַ פאָלקסדיכטער — אָבער שוין נישט מער אַ נאָמענלאָזער, נאָר אַזאַ, וואָס שרײַבט אונטער זײַן נאָמען אונטער דעם ליד. ער איז אַפילו אין אַרגענטינע געוואָרן אַ שנײַדער, כּדי אויך אין דעם פּרט אײַנצוהאַלטן די יאַסער טראַדיציע פון ייִדישע פאָלקספּאָעטן. זייער ייִחוס איז דער געקרוינטער פאָלקסדיכטער: איציק מאַנגער.

ער איז געוואָרן אַ שניידער — אַברהם מאָשקאָוויטש — אין אַרגענטינע, אָבער דאָס ליד זײַנס האָט ער דאָ נישט געווידמעט דעם שנײַדערפאַך און נײַערט די ייִדישע קאָלאָניסטן. קיינער — ווי ער — פאַר אים, אין זײַן צײַט און אויך נאָך אים, אָדער נאָך זײַנע ערשטע, בעסטע קאָלאָניסטן־לידער — האָט אָט דער טעמע אַזוי עכט און פּשטותדיק נישט געגעבן אַ תּיקון.

און לאָמיר טאַקע דאָ תּיכּף געבן אין עקסטענסאָ איינס פון די שענצטע לידער, וואָס מאָשקאָוויטש האָט געשריבן — באַזינגענדיק דעם שבת אין אַ קאָלאָניע.

שבת אין קאָלאָניע
און שבת אויך אין פעלד.
שבת, שבת אומעטום —
אַ שבתדיקע וועלט.

הייליק איז דער טאָג דאָך הײַנט,
עס אַרבעט קיינער ניט.
אין קאָלאָניע איז דאָך
פרום איעדער ייִד.
זעט מען הײַנט נישט אויפן וועג
קיין סימן פון קיין פור —
רוט דער שליאַך זיך רויִק שטיל,
פון רײַטערס נישט קיין שפור.
ווען נישט ווען נאָר פאָרט אַדורך
אַ גאַוטשאָ רײַטנדיק,
זינגט זיך שטיל און נחתדיק
אַ ניגון פײַפנדיק.
פאָרט דער גאַוטשאָ נאָר פאַרבײַ,
קומט ווידער רו צוריק — און בלײַבט.
פון ווײַטן נאָר אַ שייגעצל
אַ סטאַדע קי צום פּאַשען טרײַבט.
לייגן זיך די קי אויף דר'ערד
און מעלה־גרהן פויל,
מעקן שטיל די קעלבלעך
און דרייען מיטן מויל.
לייגט זיך אויך דאָס שייגעצל
אין טיפן גראָז אַראָפּ.
און די זון אין הימל הויך
ברענט אים דאָס פּנימל אָפּ.
ווײַל אַפילו אויך די זון
ליגט שבתדיק צעשפּרייט;
טיילט אירע שטראַלן — שבת־אויפּס
צו יעדן בוים און גראָז און קווייט.
און בלומען לייגט זי — בינטלעך שטראַלן
בײַם שוועל פון יעדן ייִדיש הויז.
און בײַ יעדן שילעכל
הערט זי פרום די תּפילות אויס.
זיצן ייִדן אַלטיטשקע
מיט זילבערבערד ווי שניי —
שײַנט אויף זיי די שבת־זון
און דאַוונט מיט מיט זיי.

שבת אין קאָלאָניע,
איז שבת אויך אין פעלד;
שבת, שבת אומעטום —
אַ שבתדיקע וועלט.

אַ צעטרייסלטע וועלט — האָבן זיך אויך די תּפוצות־ישׂראל איבער גאָר דער וועלט אַ טרייסל געטאָן. און אַוודאי אויך דער אַרגענטינער ייִדישער ייִשוב מיט זײַנע 450 טויזנט ייִדן, וואָס 280 טויזנט זייערע וווינען אין בוענאָס־אײַרעס. אַ מינאָריטעט פון דעם גרויסן ייִשוב איז געבליבן אין די קאָלאָניעס.

דער קאָלאָניסטישער אידעאַל פון יאָר 1880 — איז הײַנט רעאַלע און קאָנקרעטע ווירקלעכקייט. הויך ערגעץ ווו אין די הימלען שוועבט די געשטאַלט פון באַראָן משה הירש, וואָס האָט זיך פאַרנומען דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק צו ראַטעווען דורך קאָלאָניזירן עס אין אַרגענטינע. דער אמת וואַקסט פון דער ערד — זאָגט דער תּהילים. אָבער די לעגענדע ווערט געבוירן אין הימל. דאָרט שוועבט אויך די לעגענדע — באַראָן הירש. ער האָט דער פאַרווירקלעכונג פון זײַן אידעאַל אָוועקגעגעבן זײַן גאַנץ מיליאָנען־פאַרמעגן.

אַן אידעאַל דאַרף אויך אידעאַליסטישע באַזינגערס. אַברהם מאָשקאָוויטש איז איינער פון זיי — דער ערלעכסטער, גלויביקסטער.

צו זײַנע 75 איז ער אַריבער פון דעם טאָל פון טרערן אינעם גן־עדן פון דער אייביקייט. דער דאָזיקער לעצטער גאַנג איז אים נישט אָנגעקומען גרינג. ער האָט לאַנג אין יסורים געקרענקט.

געבליבן זענען די לידער פון דעם באַזינגער פון דעם אידעאַל פון באַראָן משה הירש.

און איינס פון אָט די לידער האָבן מיר דאָ אַרײַנגעוועבט אין דעם אינטימען פּענפּראָפיל פון אַברהם מאָשקאָוויטש.

ישׂראל מדרש

געבוירן אין לעכעוויטש, מינסקער געגנט, אין יאָר 1894. געקומען קיין קאַנאַדע אין יאָר 1910. געשטאָרבן דעם 2טן אויגוסט 1964.

ער איז געווען אַ לעכעוויטשער לאַנדסמאַן, אָבער נאָר לויטן דאָקומענט. לויט דעם געמיט איז ער געווען אַ מאָנטרעאָלער לאַנדסמאַן — ישׂראל מדרש. צונויפגעוואַקסן מיט דער מאָנטרעאָלער ייִדישער פֿאָלקשאַפֿט און לאַנדשאַפֿט. נאָך לאָקאַלער און נאָך ענגער אַפֿילו — ער איז געווען אַ לאַנדסמאַן פֿון „קענעדער אָדלער". נישט נאָר אַ מיטאַרבעטער אין דער דאָזיקער לאָקאַלער צײַטונג פֿון מאָנטרעאָל, נאָר עפּעס טאַקע ווי אַ לאַנדסמאַן, מחמת דער „אָדלער" — אָדער דער „פֿויגל", ווי דאָס פֿאָלק רופֿט די צײַטונג היימישער, איז אַ מין שטעטל פֿאַר זיך.

זעלטן צו געפֿינען אַ ייִדישן זשורנאַליסט, וואָס זאָל זיך אַזוי אויס־געצייכנט און אויך טאָלעראַנט באַציִען און אָריענטירן אין דער וועלט־פּאָליטיק בכלל און ייִדישער וועלט־פּאָליטיק בפֿרט — ווי עס האָט זיך אָריענ־טירט ישׂראל מדרש — און אין דער זעלבער צײַט זאָל אָט דער שרײַבער זיך צופֿרידנשטעלן מיט באַדינען בלויז לאָקאַלע לייענערשאַפֿט. גערן פֿלעגן די ייִדישע צײַטונגען פֿון דער וועלט איבערדרוקן מדרשעס אַרטיקלען, אָבער אים האָט אינטערעסירט נאָר דער מאָנטרעאָלער ייִד פֿון דער גאַס און טאַקע פֿון דעם סאַנקט לאָרענס בולוואַרד, ווו עס געפֿינט זיך די רעדאַקציע פֿון „קענעדער אָדלער" און ווו עס האָט אַ מאָל געזאָטן מיט ייִדישן לעבן און ייִדישע געשעפֿטן, ווי אויף די נאַלעווקעס אין וואַרשע.

אָט די גרויסע גאַס, אָט דעם בולוואַר, אָדער די „מעין־סטריט", ווי מען רופֿט זי, האָט מדרש געקענט און ליב געהאַט ווי זעלטן ווער. דאָ האָט ער דאָך אָפּגעלעבט אַ האַלבן יאָרהונדערט מיט אַ שמיץ אַריבער, דאָ האָט ער קודם־כּל יאָרן לאַנג געהאָרעוועט מיט שער־און־אײַזן און שפּעטער מיט דער פּעדער אויפֿן פּאַפּיר. ער האָט געשריבן גרינג און פֿאָלקסטימלעך־הומאָרפֿול, ער פֿלעגט מסביר זײַן אַ שווערן פּאָליטישן ענין ממש ווי אויף דער האַנטפֿלאַך — אַזוי און אַזוי, און ייִדן האָבן באַנומען. מען פֿלעגט מדרשן פֿירוואַרפֿן די פֿיל אַנגליציזמען אין זײַן שטייגעריש־פֿאָלקסטימלעכן לשון. אָבער דאָס איז דאָך טאַקע געווען דאָס לשון פֿון די ייִדן אויף די מאָנטרעאָלער „נאַלעווקעס". און מדרש האָט נישט נאָר געהאַט אַן אויער פֿאַר דעם סוחר און פֿאַבריקאַנט בײַ ייִדן אויף דער מעין־סטריט, נאָר נאָך מער פֿאַר דעם ייִדישן אַרבעטער אין די פֿאַבריקן פֿון דער גאַס און דעם

געגנט, כּל־זמן דער ייִדישער אַרבעטער און נישט דער פֿאַבריקאַנט זענען דאָרט געווען די מאַיאָריטעט.

אין טיפֿן האַרצן פֿלעגט מדרש בענקען צו יענע יאָרן, די אמתע, יונגע און גרינע יאָרן, וואָס האָבן געהאַט אַן אייגענע פּאַרב און אַן אייגענעם קלאַנג און — דער עיקר — אַ שײנעם, ווײַטן אידעאַל פֿון אַ וועלט־דערלייזונג. צו אָט די יאָרן פֿלעגט עס אים ציִען און גערן האָט ער געשריבן זכרונות פֿון יענע צײַטן.

מדרש איז געווען אַ חברישער און געמיטלעכער שמועסער. ער האָט זיך אין אָט די שמועסן אויסגעלעבט, אפֿשר נאָך מער ווי אין דעם שרײַבן זײַנע פֿעליעטאָנען, אין וועלכע ער פֿלעגט נישט נאָר מסביר זײַן די וועלט־פּאָליטיק, נאָר זי ממש אויסמשלען. באַגעגנט ער אַ חבר אין גאַס, אין רעדאַקציע, אויף אַ פֿאַרזאַמלונג — מחמת ער איז אויך געווען אַ רעפּאָרטער — איז באַלד דער חבר מילד צוגעהאַלטן געוואָרן בײַ אַ קנעפּל פֿון רעקל און מדרשעס פּנים האָט זיך צעשמייכלט און ער האָט אַלע מאָל געהאַט עפּעס צו דערציילן, עמעצנס אַ טאַט צו קריטיקירן, אַלע מאָל טאָלעראַנט און גוטמוטיק, קיין מאָל נישט קיין בייזע רכילות. און האָט זיך אויסגעשעפּט די טעמע פֿון הײַנט — איז די טעמע פֿון נעכטן, פֿאַר אַ יאָרן, פֿאַר צוואַנציק, פֿאַר פֿופֿציק יאָרן געווען אַן אַ דנאָ...

פֿון אָט דעם קוואַל האָט מדרש אָנגעשעפּט די איינציקע צוויי ביכער, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן: „מאָנטרעאָל פֿון נעכטן", וואָס האָט זוכה געווען צו אַ הקדמה פֿון דעם גרויסן דיכטער י. י. סיגאַל און „צווישן צוויי וועלט־מלחמות" — 45 רעפּאָרטאַזשן פֿון 40 יאָר פֿרייד און לייד, האָפֿענונג און ייִאוש פֿון ייִדן אין דער מעטראָפּאָליע פֿון קאַנאַדע. אַ לעבעדיקער בילדערישער אוצר פֿאַר אַ קומענדיקן נאָוועליסט פֿון אָט דעם ווינקל פֿון תּפֿוצות־ישׂראל.

צום טאָג ווען עס האָט געדאַרפֿט געפּײַערט ווערן מדרשעס ווערן אַ בן־שבֿעים איז ער געוואָרן האַרץ־קראַנק. צום טאָג, ווען ער האָט זיך געדאַרפֿט אומקערן צו זײַן באַליבטער אַרבעט איז ער געשטאָרבן.

ער האָט איבערגעלאָזן אַ טאָכטער, זין און אַפֿילו שוין אייניקלעך — פּראָפֿעסאָרן און פּראָפֿעסיאָנאַלן — און אַ מחנה געטרײַע לייענערס פֿון צענדליקער יאָרן, וואָס וועלן לאַנג זוכן זײַנע גוטמוטיקע פֿעליעטאָנען, אָבער זיי שוין קיין מאָל מער נישט געפֿינען.

מיט מדרשן איז אַוועק אין דער אייביקייט אַ שטיק האַרציק ייִדיש מאָנטרעאָל פֿון נעכטן...

1964

ד״ר אַ. מוקדוני

געבוירן 1878 אין לעכעוויטש. 1908 דאָקטאָר־טיטל אויפן יורידישן פאַקולטעט אין בערן. 1909 אין וואַרשע. רײַזעס איין טיף רוסלאַנד. 1920 אין קאָוונע. 1922 — בערלין. 1923 — ניו־יאָרק. געשטאָרבן 7טן סעפּטעמבער 1958.

דאָס זאַמלבוך „די יִדישע יוגנט" איז דערשינען אין וואַרשע אין יאָר 1910, אַן ערך אין דער זעלבער צײַט ווען עס זענען דערשינען פּרצעס זאַמלביכער „יִדיש". איך האָב דעמאָלט געלערנט אין אַ האַנדלסשול אין סטאַניסלע, אין מיזרח־גאַליציע, און אין מײַן נשמה איז שוין דעמאָלט געוואַקסן גרינער און רײַפע דער התלהבותדיקער געדאַנק פון דער יִדישער ליטעראַטור, וואָס איז אין מיר אַרײַנגעפּלאַנצט געוואָרן סוף 1908, ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן בײַגעווען אויף דער העכסטער טעאַטער־גאַליאָרקע אַ ליטעראַרישן אָוונט מיטן אָנטייל פון פּרץ, נאָמבערג, רייזען און אַש.

דאָס זאַמלבוך „די יִדישע יוגנט" האָט געהאַט אַ הילע פון דעם מאָלער בער קראַטקאָ, אַ מאָלער וואָס האָט געזוכט און געפונען אייגנאַרטיקן יִדישן סטיל, פּרץ־סטיל. פיאָלעט און גאָלד זענען געווען די פאַרבן אויף דער הילע פון דעם זאַמלבוך, אין מײַנע אויגן און דעמאָלט — אַ סימפאָניע פון קאָלירן. און אַ סימפאָניע פון געפילן דער אינהאַלט פון יענעם בוך, די לידער, די דערציילונגען און די אַרטיקלען. דאָס בוך איז רעדאַגירט געווען דורך ד״ר אַ. קאַפּעל. אָבער צום שלוס פון בוך איז דאָ אַן אַרטיקל פון ד״ר א. מוקדוני.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך דעמאָלט דעם נאָמען געזען און נאָך נישט געוווסט, אַז ער איז אידענטיש מיט אַלעקסאַנדער קאַפּעל, וואָס האָט שוין דעמאָלט עטלעכע יאָר דעם נאָמען אַלס פּסעוודאָנים גענוצט. פון אַלעקסאַנדער קאַפּעל, וואָס דערמאָנט אַ באַנק אין אַ בית־המדרש, ביז אַלעקסאַנדער מוקדון, אָדער מוקדוני, דעם באַזיגער פון קאָנטינענטן אין אַלטערטום, איז פאַלג מיך אַ גאַנג. און זיכער שטייט הינטער דעם נעמען־בײַט אַ ראָמאַנטישע יוגנט־איבערלעבונג, עס איז אָבער אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם גאַנצן קומענדיקן קאָנקוויסטאַדאָר פון נײַע יִדישע טעאַטער־קאָנטינענטן.

דער אַרטיקל בײַם סוף פון יוגנט־זאַמלבוך האָט זיך גערופן „געדאַנקען איבערן טעאַטער". און בײַ דער געלעגנהייט פון שרײַבן די ווערטער — אין יאָר 1947 — צום פּראָווען (אַ ביסל צו פרי, און אויך דאָס איז כאַראַקטער־ריסטיש) דעם זיבעציקסטן געבורטסטאָג פון ד״ר מוקדוני — האָב איך אויפגעזוכט דאָס זאַמלבוך. איך האָב עס געדענקט כמעט פון אויסנווייניק.

יעדעס װינקעלע אין בוך איז מיר אַזױ באַקאַנט געװען, אַזױ װי איך װאָלט עס ערשט נעכטן פֿון דער האַנט אַרױסגעלײגט. און אָט איז מוקדוניס אַרטיקל. זײַן סטיל האָט זיך אױף אַ האָר נישט געביטן ביז הײַנט צו טאָג. אָפּגעהאַקטע זאַצן. אָפּט אײנציקע װערטער. קורצע פּאַראַגראַפֿן. אַ מאָל זעט דאָס אױס װי נאָטיצן בלױז, װי טעזן צו אַן אַרבעט און נישט נאָך די אַרבעט גופא. געדאַנק שלענגלט זיך אין געדאַנק. שטײַגט העכער און העכער. אָט איז דער קולמינאַציע־פּונקט און באַלד װידער אַן אָנהױב. אַ רעדע. און אַזױ שרײַבט מוקדוני ביזן הײַנטיקן טאָג.

איז אַז דו לײענסט זײַנע אַן אַרבעט, איז די ברירה בײַ דיר. אַז דו ביסט נישט מסכים, פֿאַרמאַכסטו דאָס בוך אָדער לײגסט אַװעק די צײַטונג. אַנדערש אָבער אין פּערזענלעכן געשפּרעך מיט דעם טעמפּעראַמענטפֿולן מוקדוני.

אַ מאָל איז געװען אַ קולט פֿאַר בילדער פֿון ייִדישע שרײַבערס. מען האָט זײ פֿאַרקױפֿט אױף קאַרטלעך און אינטעליגענטע ייִדישע יונגע מענטשן פֿלעגן זיך דורכשרײַבן אױף אַזעלכע בילדער־פּאָסטקאַרטלעך. חוץ דעם בילד איז דאָרט אַלע מאָל געװען אַ קלײנגװאָרט פֿון דעם שרײַבער, זײַנס אַ ליד, אױב אַ פּאָעט. און אַ מאָל האָב איך באַקומען פֿון אַ מײדל אַ פּאָסטקאַרטל מיט מוקדוניס בילד. אַ שאַרף פּנים, אַלץ שאַרף, אַ לאַנגע נאָז, צעפֿליגלט װי אַ צװײשנײַדיקע שװערד, טיפֿע, גרױסע אױגן, בײזלעך, איראָניש אָנגעשפּיצט און דערצו די שװועליורע פֿון די האָר אױפֿן קאָפּ, אַזױ װי אַ צעצװײַגטער בױם, אַ צװײַג אַרױף און אַ צװײַג אױף רעכטס און אױף לינקס, אַזאַ מין ראַזמאַך אין אָט די האָר, אַז די עקן אירע זענען מער נישט אַרױף אױפֿן פּאָסטקאַרטל. און אָט אַזױ האָב איך צענדליקער יאָרן לאַנג געזען אין מײַן דמיון דעם ד״ר מוקדוני. אַזױ נאָכגעפֿאָלגט זײַנע מלחמות פֿאַר אַ שענערן ייִדישן טעאַטער און טיפֿערער ייִדישער דראַמע. און כאָטש איך האָב שױן זינט דעמאָלט אַנדערע מוקדוני־בילדער געזען, דאָס ערשטע איז געװען אײַנגעקריצט און איז כּסדר אַרױף פֿון אױבן.

און אָט איז 1939, אין ייִװאָ אין ניו־יאָרק. עס קומט אַרײַן אַ מיטל־הױכער יונגער־מאַן, בפֿירוש יונגער־מאַן, און עפּעס װאַרפֿט זיך אין אים אין די אױגן באַלד בײַם ערשטן אָנבליק. דער יונגער־מאַן גײט צו צו אַ שאַפֿע פֿון ביכער, נעמט דאָרט אַרױס אַ בוך און נעמט לײענען שטײענדיקערהײט. איך טראַכט מיר: װאָס װאַרפֿט זיך אין דעם מענטשן אַזױ שטאַרק אין די אױגן? ער קוקט נישט אױף מיר, איך קען אים איצט גוט באַטראַכטן. עס איז די עלעגאַנץ פֿון זײַן קלײדונג. טיפּ־טאָפּ. אַ ייִדישער פּרינץ־אָװ־װעילס. — װער איז דאָס? פֿרעג איך דעם נאָענטסטן צו מיר. — איר קענט נישט ד״ר מוקדונין? — ענטפֿערט מען מיר מיט אַ פֿאַרחידושטער פֿראַגע. — —

די ענלעכקייט מיט יענעם פּאָסטקאַרטל האָט די צײַט אַ ביסל פֿאַרווישט, נאַטירלעך, אָבער די הויפּטשטריכן זענען געבליבן. נאָר די טעאַטראַלישע ווײַס־שוואַרצקייט איז דעפֿיניטיוו נישטאָ. אַ געזונט־זוניקע רויטלעכקייט אין פּנים, און די פֿעכשוואַרצקייט פֿון די האָר און אויגן פֿון יענעם ערשטן בילד שטימט אויך ניט מער. אַ פּאָר טעג שפּעטער בין איך געווען אַ גאַסט בײַ די מוקדונים אין ברוקלין.

זײַן פֿרײַנדלעכע פֿרוי — אַ דאָקטאָרשע. אַ זיווג צווישן צוויי פֿאַקולטעטן. עפּעס האָט מײַן ווייניקייט מוקדונין פֿאַראינטערעסירט, אָבער נישט איך, ווי איך בין, נאָר איך, ווי ער האָט זיך מיך פֿאָרגעשטעלט. שטעלט ער מיר זייער אַ סך זײַטיקע פֿראַגעס און איז כּסדר אומצופֿרידן מיט מײַנע ענטפֿערס און ענטפֿערט זיך כּסדר אַליין. עס ווילט זיך אים שטאַרק פֿון מיר אַרויסקריגן מײַנע ליטעראַרישע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס און איך פֿיר מיך, אַז בײַ פֿרעמדע טישן רעד איך נאָר גוטס אָדער גאָרנישט אויף חברים. אָבער דאָס איז נישט אין גוסט פֿון דעם אייביק יוגנטלעך, טעמפּעראַמענטפֿול־קעמפֿערישן אַלעקסאַנדער. ער מוז כּסדר לויבן אָדער זידלען. מה דאָך עס איז אין טעאַטער אַזוי — אין לעבן אַוודאי. רעפּליקעס, טעאַטער־רעפּליקעס. קורץ, שאַרף, אינהאַלטלעך. עס זאָל דערגיין ביז צו דער העכסטער גאַלעריע. מוקדוני איז אַנטוישט אין מיר. ער קען זיך נישט אײַנהאַלטן. ער זאָגט עס מיר אָפֿן, כאָטש איך בין זײַן גאַסט. ער אָבער אַנטוישט מיך גאָרנישט. ער איז גאַנץ. אַ פּערזענלעכקייט. אַ פּרק־תּלמיד אין אַלע באַצי̇ונגען. אין סטיל, אין מוט, אין טעמפּעראַמענט, אין אומאָפּהענגיקייט, און — מען זאָגט אויך — אין אינדיווידועל־פּערזענלעכער גוטסקייט לגבי חברים אין נויט. ער קעמפֿט, ער קעמפֿט כּסדר, מיט בייזקייט, אַ מאָל אַפֿילו מיט בייזוויליקייט, אָבער קיין מאָל נישט מיט האַס.

1956

לואי מיולסטאַק

געבוירן אין נאַראַיעוו אין יאָר 1904. אין יאָר 1911 גע־
קומען מיט טאַטע־מאַמע קיין מאָנטרעאָל.

דער דאָזיקער פּענפּראָפּיל, און ער איז דער 536סטער פון דער סעריע: „מײַן לעקסיקאָן", גייט אַ ביסל אַראָפּ פון דרך־המלך פון די אַנדערע הונ־דערטער פּראָפילן. ער גייט אַוועק אויף אַ שטילער סטעזשקע פון אַ שטיל לעבן פון אַ באַרימטן ייִדישן מאָלער. זײַן נאָמען איז לייזער — אָדער לואי מיולסטאַק. פון זײַן זיבעטן לעבנסיאָר וווינט ער אין מאָנטרעאָל, דאָ איז ער געגאַנגען אין חדר און אין שול, דאָ האָט ער באַקומען זײַן מאָלעריש־קינסטלערישע אויסבילדונג. פון דאַנעט איז ער אָפּגעפאָרן אויף אַ פּאָר יאָר הונגערן און גרויס־חלומען אין פּאַריז — ווי אַלע אַנדערע פופציק טויזנט מאָלערס פון אַלע פיר עקן פון דער וועלט. אין זײַן מהות איז ער אַ נאַטור־מאָלער, אַ מאָלער פון שטילע לאַנדשאַפטן, אַ מאָלער פון שטיל־לעבנס, פון פּאָרטרעטן, פון בעלי־חיים, דער עיקר פון ווײַסע ציגעלעך און לעמעלעך, אויך שטילע געסלעך פון די אָרעמע קוואַרטאַלן אין גרויסע שטעט. ער האָט אויך ליב צו מאָלן אָרעמע טירן. אָבער פון וואַנעט קומט אָט די לירישע שטילקייט אויף זײַן פּאַלעטע און אין זײַן פּענדזל? ווי קומט עס, וואָס לעבנדיק אין דער צוויי מיליאָנען מענטשן ציילנדיקער מעטראָפּאָליס פון קאַנאַדע — לעבט אין זײַן אימאַזש פון דער וועלט — אַ קליין שטעטל אין גאַליציע: נאַראַיעוו?

דאָרט אין נאַראַיעוו זענען לייזער־לואי מיולסטאַק און משה נאַדיר לאַנדסלייט. טאַקע אמתע לאַנדסלייט פון זעלבן שטעטל — כאָטש זיי האָבן זיך אין לעבן קיין מאָל נישט באַגעגנט. נאַדירס שענסטע און עכטסטע לידער, מעשהלעך, לירישע מעדיטאַציעס שטאַמען פון זײַן אייביקער בענק־שאַפט נאָך זײַן קינדהייט און זײַנע יונגע יאָרן. זיי זענען דער אמת פון זײַן לעבן. די גרויסע שטעט זענען שקר. פאַר זיי האָט ער בלויז סאַטירע וואָס רײַסט און בײַסט.

שטילער און אַפילו מער אוניווערסאַל איז לואי מיולסטאַקס וועלט פון ביימער, גראָזן, געסעלעך, שטילע בעלי־חיים, אָרעמע שכנים, בלומען. אין מיולסטאַקס בילדער זענען נישטאָ קיין גרענעצן צווישן מענטש און מענטש, אַפילו נישט צווישן חיה און חיה, אָדער גאָר בוים און בוים. עס איז נאָר דאָ אַ פאַרבענקט פרעגן: די וועלט פון דער נאַטור איז אַזוי שיין — פאַר וואָס ביסטו אַזוי שלעכט, מענטש?

מיולסטאַקס משפחה, ברידער און שוועסטער — אינטעלעקטואַלן מיט

טיפער פאַרשטענדעניש פאַר ליטעראַטור און פּלאַסטישער קונסט. ער אַליין האָט קיין „הויז אין ישׂראל״ נישט אויפגעבויט. ער וווינט אין אַ סטודיאָ אין אַלטן געגנט אין מאָנטרעאָל, דאָרט מאָלט ער, דאָרט איז דאָ קינסטלערישע אַטמאָספער, אפשר די איינציקע אין איר מין אין דער קאַנאַדער מעטראָ־פּאָליס. אַלץ איז דאָ קינסטלעריש. דאָ איז אויך דאָ אַ גרויסער הויף מיט אַ באַסיין. זומער שווימען אין דעם באַסיין קאַטשקעס, וואָס באַנעמען זיך ווי הינטלעך. אַזוי גיך זיי זעען דעם באַלעבאָס גייען זיי אים נאָך, אַפילו אויף דער גאַס. אין איינעם פון די צימערן פון דער סטודיאָ האָט דער קינסטלער אַ סובלאָקאַטאָר — אַ מאַלפּע. אַלץ און אַלעס — אַ קליינער גן־עדן.

כּדי מיטצוהאַלטן שריט מיט דער משוגענער וועלט האָט מיולסטאָק אַ געוויסע צײַט געמאָלן אַבסטראַקטע בילדער. זיי זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אין גרויסן מאָנטרעאָלער מוזעום — און געהאַט דערפאָלג. אָבער דער קינסטלער האָט אַליין באַשלאָסן אויפצוגעבן דעם מאָדערנעם וועג און זיך אומקערן צו זײַן שטילער סטעזשקע, וווּ ער איז אין זײַן היים פון קינסט־לערישן אמת.

ווילט איר וויסן ווי אַזוי דער מאָלער זעט אויס? ווי אַלע גוטע, מילדע, קינסטלערישע מענטשן. ער רעדט אַלע מאָל שטיל און אַלע מאָל מיט שטילן הומאָר.

קאַנאַדע אָנערקענט מיולסטאָקן ווי איינעם פון אירע בעסטע מאָלערס. אין זײַן פּריוואַטן לעבן איז ער בעיקר אינטעגרירט מיט דער ייִדישער קולטור־סביבה. אין זײַן קונסט איז ער אוניווערסאַל ווי דער בוים אין פעלד, דער פויגל אין הימל.

1969

שלמה מיכאָעלס

געבוירן 1890 אין דווינסק. ריכטיקער נאָמען: וואָפסי. 1918 געענדיקט יורידישע שטודיעס אין פּעטראָגראַד, אָבער געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר. רײַזעס איבער אייראָפּע. זומער 1943 — איינער פון די דעלעגאַטן — מיט פעפערן — פון די סאָוועטישע ייִדן צו די אַמע־ריקאַנער ייִדן. אומגעבראַכט דורך די סאָוועטן דעם 13טן מײַ 1948.

אין די טעג פון 6טן ביז 7טן סעפּטעמבער 1943 האָט מיכאָעלס, צוזאַמען מיט פעפערן, געווײַלט אין מאָנטרעאָל און ווי נאָר עס איז געווען אַ מעג־לעכקייט אים צו זען אָדער הערן, האָב איך דאָס אויסגענוצט. אַרויסגעטראָטן איז ער אין די צוויי טעג אַרום 10 מאָל, אָבער איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט צו הערן אים בלויז זיבן מאָל. איך האָב דאָס מיט אַ כּוונה איבערגעציילט און פאַרצייכנט, ווײַל דאָס איז כאַראַקטעריסטיש. נישט דאָס ערשטע מאָל זע איך אַ סאָוועטישן מענטש, אַליין אַפילו געווײַלט אויף אַ דורכרײַזע, לענג־אויס דעם ראָטן־פאַרבאַנד, צען־צוועלף טעג אין דעם ריזיקן לאַנד. אָבער דאָס ערשטע מאָל האָב איך געזען אַ סאָוועטישע ייִדישע דעלעגאַציע. דאָס איז אפשר אין דער גאַנצער ייִדישער געשיכטע די ערשטע דעלעגאַציע פון אַזאַ מין. סײַדן נאָר די דעלעגאַטור פון עזרא און נחמיה האָט געהאַט אי די בענטשונג פון אַ מלוכה און אי אַ ספּעציעל ייִדישן כאַראַקטער — אַ דעלעגאַטור צווישן די גרעסטע ייִדישע קיבוצים פון זייער צײַט...

אָבער איך וויל מיך דאָ נישט אַרײַנלאָזן אין היסטאָרישע פּאַראַלעלן און אויך נישט אין פּאָליטישע מעדיטאַציעס. איך וועל מאָלן מיכאָעלסן אַזוי ווי איך האָב אים געזען. און גערעדט האָב איך מיט אים נאָר אַ דריי ווערטער, אייגנטלעך נאָר פאַרגעשטעלט געוואָרן פאַר אים. נאָר דאָס איז נישט וויכטיק. מיכאָעלס איז אַן אַרטיסט. און די איבערלעבונגען פון אַ גרויסן אַקטיאָר דאַרפן זײַן אינערלעכע, נאַטירלעך, אָבער די אויסלעבונג זײַנע איז אַ דורכויס אויסערלעכע. מיכאָעלס האָט די מיסיע זײַנע נישט נאָר אויסגעפירט, ער האָט זי אויך כּסדר אויסגעשפּילט. און איך זאָג עס אין בעסטן זינען פון דעם וואָרט.

אָט די אַרויסטריטן זענען אפשר געווען די סאַמע גרעסטע ייִדישע טעאַטראַלישע איפּטוען זינט ייִדיש טעאַטער לעבט. אַלע מאָל שטרעבט דאָך טעאַטער צו אַ מיסיע, צו אַ שליחות, צו זײַן עפּעס מער ווי פאַרשטעלונג. מען זאָגט, אַז אין סטאַניסלאַווסקיס טעאַטער פלעגן זיך די אַקטיאָרן לאָזן

וואַקסן לאַנגע, נאַטירלעכע בערד, כּדי צו קענען נישט שפּילן, נאָר לעבן זייערע ראָלעס. און בײַ אָט דער שליחות איז עס באַשערט געווען אַ ייִדישן אַקטיאָר צו לעבן חדשים לאַנג אַ ראָלע, וואָס ער האָט — ווי אַ ייִד און ווי אַ סאָוועטישער בירגער — אַזוי טיף איבערגעלעבט. די ראָלע פון אַ קעמפער קעגן דעם פאַרניכטער פון זײַן פאָלק און פאַרניכטער פון זײַן פאָטערלאַנד. און נישט אַ קעמפער מיט אַ געווער, וואָס באַלאַנגט נישט צו זײַנע טאָג־טעגלעכע מכשירים, נאָר אַ קעמפער מיט דעם געווער, וואָס איז פון אַלע מאָל אָן זײַן טעגלעך ברויט — אַ קעמפער מיטן וואָרט. מיטן לעבעדיקן וואָרט אין לעבעדיקע אויערן פון פּובליקום.

ווען מען וואָלט געמאַכט אַ חשבון פון דעם פּובליקום פון די אַלע אַרויסטרעטונגען פון מיכאָעלס אין אַמעריקע, וואָלט זיכער אויסגעקומען — אויב נישט מער — אַ צאָל פון אַ 150 טויזנט מענטשן און לרוב אַלע מאָל אַנדערע. דאָס הייסט אָן ערך 150 געפּאַקטע הײַזער — צו טויזנט אין אַ זאָל. מיכאָעלס האָט — און דאָס איז קלאָר געוואָרן פון יעדן זשעסט זײַנעם, יעדן גערעדטן וואָרט זײַנעם — טיף באַנומען דעם היסטאָריש־קינסטלערישן און נאַציאָנאַלן אויפטו פון זײַנע אַרויסטרעטונגען. — ער איז אַ קליין־געוווקסיקער, זייער אַ קרעפּקער, מיט זייער אַ מוסקולעזן פּנים, אַ ברונעט, מיט געקרײַזלטע האָר בײַ די זײַטן פון קאָפּ און אַ סאָקראַטישער ליסינע. די געקרײַזלטע האָר קנוילן זיך בײַ די זײַטן פון קאָפּ, מאַכן דעם אײַנדרוק פון הערנער און גיבן דעם גאַנצן אי זייער שטרענגן און אי זייער מילדן פּנים אַ ביסל דיאַבאָלישקייט. אַ צעאַקערט פּנים, טיף צעאַקערט דער שטערן, נישט סימעטריש די נאָז, אַ מויל פול מיט אויסדרוק און גרימאַס, ברעמען איינע געדיכט און אויפגעהויבן, און איינע שיטער און נאָכגעביק, און צוויי באַזונדערע אויגן, איינס מילד און לײַדנדיק און דאָס אַנדערע שטאַר און כּסדר ברייט אָפן און קוקט כּסדר מיט טויטן ערנסט אויף אַלץ. צו דעם אַלעמען איז מיכאָעלס נאָך געגאַנגען אויף צוויי קוליעס, ווען איך האָב אים געזען, ווײַל ער האָט זיך ערגעץ צעבראָכן אַ פוס, געהאַט אים אין גיפּס.

ער רייכערט איין ציגאַרעט נאָכן צווייטן, אָט דאַרף ער ענטפערן אויף פראַגעס פון זשורנאַליסטן. ער דאַרף אַרבעטן טאָפּלט אויף די ענטפערס, נישט נאָר אין אינהאַלט דאַרף ער זיי אַרויסברענגען פול און רײַך און אויסגעהאַלטן מיט דער מיסיע און מיט די זייער שטרענגע אינסטרוקציעס, נאָר ער דאַרף זיי אויך אין פאָרעם אַרויסברענגען אַרטיסטיש. און ער וויל נישט זײַן לאַנגווײַליק. ער שפּילט איין גרויס נאַציאָנאַל שטיק אין צענדליקער, הונדערטער סצענעס, אויף צענדליקער בינעס, און ער שפּילט די הויפּטראָלע, ער שפּילט און לעבט דעם טראַגיקער. ער רעדט אַן אַבסאָלוט ריינעם ייִדיש, אויך זײַן ייִדיש איז אַ טייל פון זײַן שליחות, ער באַטאָנט די ווערטער, טאָפּלט

די רישן אין זיי, אָפּט האָט ער רעפּרעגעען אין זײַנע רעדעס. בײַ דער גרויסער רעדע פֿאַר איבער צען טויזנט מענטשן איז די גאַנצע רעדע געווען דורכגעפֿלאָכטן מיט דעם מוראדיקן רעפֿרען: „אַ טויט, אַ טויט די נאַצי־פֿאַשיסטן!“. צו יעדער רעדע פֿלעגט ער אויפֿשטיין ממש אַ ציטערנדיקער און וויברירנדיק אין גאַנצן מיט אויפֿרעגונג — זי ענדיקן. אָט שטייט ער פֿאַר צען פּרעגערס, אָט פֿאַר הונדערט אויף אַ באַנקעט, אָט פֿאַר טויזנט אויף אַ קלײנער פֿאַרזאַמלונג, און אָט פֿאַר צען טויזנט אויף אַ גרויסער פֿאַרזאַמלונג, אָבער ער רעדט אומעטום מיטן גאַנצן האַרץ. און ער איז אַזוי קאָנצענטרירט אין זיך, אַז ווען ער גייט צו אויף די קוליעס צום רעדנערפּולט, גייט אַ זיכטבאַרער קרײַז פֿון דלת־אמות־איינזאַמקייט מיט אים...

מיכאָעלס איז אַ גרויסער קענער, ער איז אויך אַ למדן, ער ווײַזט עס אַרויס, אָבער ער שיט נישט מיט פּסוקים סתּם. ווי אַ גרויסער רעזשיסאָר, האָט ער אַלע מאָל דאָס גאַנצע פּובליקום אין זינען. ער וויל דערגיין מיט יעדן וואָרט, יעדן אות, יעדן געפֿיל, יעדער בענטשונג, יעדער קללה צו אַלעמענס הערצער — פֿון דעם ערשטן אין דער ערשטער ריי, ביזן לעצטן אויף דער העכסטער גאַלעריע.

בײַ איינער פֿון זײַנע רעדעס, בשעת שילדערן די ליידן פֿון די ייִדן אונטער נאַציס, וויינען כמעט אַלע צוהערערס, וויינען שטיל, ווישן די טרערן, נאָר איין פֿרוי קריגט פֿלוצלינג אַ היסטערישן אָנפֿאַל. דער רעזשיסאָר און שליח אָריענטירט זיך מאָמענטאַל, אַז דאָ דאַרף זײַן דער פֿינאַל כאָטש דער צופֿאַל האָט אים געבראַכט. ער שרײַט אויס: נישט מיט טרערן, נאָר מיט טאַט וועט קומען דער טויט, דער טויט צו די נאַציס — — און פֿלוצלינג פֿאַרענדיקט ער די רעדע.

1943

דער בלינדער מינץ

אַהרן מינץ. געבוירן אין בריסק 1870. דאָס ערשטע מאָל אין אַמעריקע אין 1888, דאָס צווייטע מאָל זינט 1905. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק 1940.

„דער בלינדער מינץ", — זינט ער איז געקומען צום צווייטן מאָל קיין אַמעריקע און אין עטלעכע יאָרן אַרום בלינד געוואָרן, — איז געווען אַ שטענ־דיקער יוצא־ונכנס אין די ייִדישע ליטעראַרישע קאַפעען פון ניו־יאָרק. זינט ער איז בלינד געוואָרן האָט ער געהאַט אַ שטענדיקן באַגלייטער, דעם נאָוועליסט וויינריטש, וואָס האָט זיך געעלטערט מיט דעם בלינדן צוזאַמען און האָט אים באַדינט בײַ טאָג און בײַ נאַכט. די פרײַנדשאַפט פון די צוויי מענטשן איז געווען און געבליבן אַ רעטעניש. קיינער האָט אין מיטן פון אַ וועלט פון „האַרי־אַפּ" און ביזנעס, אין נאַציאָנאַל־אַמעריקאַנישן זינען, זיך ניט געקענט דערקלערן, פאַר וואָס אַ יונגער מענטש — וויינריטש — האָט זיך לעבעדיקערהייט גענומען און זיך אַוועקגעלייגט אויפן מיזבח פאַר איין איינציקן אַנדערן מענטש און אַזוי געברענט אויף דעם מיזבח העכער דרײַסיק יאָר. מינצן האָבן געפעלט אויגן. איז געקומען אַ פרײַנד און האָט אים אַוועקגעגעבן זײַנע אויגן. אָבער אויגן זענען אַזאַ מין זאַך, וואָס אַז מען גיט זיי אַוועק, מוז מען צוגעבן דאָס לעבן פאַר אַ צולאָג. האָט מינצעס פרײַנד אים אַוועקגעגעבן די אויגן און דאָס לעבן פאַר אַ צולאָג. דאָס איז רעטעניש נומער איינס. רעטעניש נומער צוויי איז ווי אַזוי דער הויך אידעאַליסטישער מינץ האָט — אַפילו בלינדערהייט — אַזאַ קרבן אָנגענומען.

מסתמא וועט אויך דאָס מערקווערדיקע מענטשלעכע רעטעניש אַ מאָל קלאָר ווערן, דער עיקר איצט, נאָך דעם טויט פון מינצן. עס קען זײַן, אַז די אויפקלערונג וועט זײַן אַ זייער פּשוט־פּראָזאַישע און עס קען זײַן, אַז זי וועט זײַן אַ מיסטישע און עס קען זײַן, אַז פון דעם גאַנצן וועט אַרויסוואַקסן אַ דראַמע אָדער אַ ראָמאַן מיט דעם נאָמען: „דער בלינדער מינץ" — און דאָס ליטעראַרישע ווערק וועט אַלץ אויפקלערן.

אין פאָרלייען־זאַל פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ניו־יאָרק, אויף אַ זײַטיק ווענטל, הענגט אַ פאָטאָגראַפיש בילד פון צוויי שיינע יונגע־לײַט אין אַ פרײַנדלעכער פּאָזע. איינער פון זיי באָרוואָרן, און דער צווייטער איז מינץ. ביידע זענען בלינד געוואָרן — איינער האָט צענדליקער יאָרן לאַנג געליטן פון גײַסטיקער נאַכט און אין אָט דער נאַכט אויסגעגאַנגען, און מינץ האָט געליטן פון אייביקער פיזישער נאַכט און אין איר געשטאָרבן.

פּערטל־שעהען לאַנג פלעג איך אָפּט אָפּשטיין בײַ דעם בילדל, ווי אָפּט איך האָב עס געזען.

מינץ האָט קעגן זײַן אייביקער נאַכט העראָיש געקעמפּט. די בלינדקייט, — האָט מיר אַ מאָל אַ דאָקטאָר געזאָגט, — איז בײַ מינצן געקומען פון ניקאָטין־פאַרגיפטונג. ער האָט מיט דער הילף פון זײַנע קינסטלעכע אויגן, אַרײַנגעזעצט אין קערפּער פון זײַן פרײַנד ווײַנריטש, מער געלייענט ווי וועלכער בישט איז זעענדיקער. ער האָט דאָך אין זײַן אייביקער נאַכט אומ־ענדלעך צײַט געהאַט. ער האָט געהאַט דאָס אָנזען פון אַ מענטשן, וואָס איז אַ מאָל געווען פיזיש איבערמעסיק צעוואַקסן. זײַן אײַנגעהויקערטע פּלייצע האָט אָבער אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן געמאַכט דעם אײַנדרוק, ווי נישט נאָר די גאַנצע וועלט וואָלט געלעגן אויף אים, נאָר ווי ער אַליין וואָלט געווען עפּעס אַזאַ מין ערדקײַלעך, אַ מין באַרגמענטש...

זײַן הויט האָט אין די לעצטע יאָרן אָנגענומען עפּעס אַ מאָדנעם קאָליר און מאָדנע געמאָרשטשעט איז זי געווען, עפּעס אַזוי ווי הויט אַליין וואָלט אויך בלינד געווען. און אַזוי די לאַנגע, שטײַפע, מאָדנע־ברוינע האָר פון זײַן קאָפּ. מען האָט מיר דערציילט, אַז ער איז אין זײַנע יונגע יאָרן געווען אַ באַ־גײַסטערטער רעציטאַטאָר פון יידישער פּאָעזיע. אַ ביסל טעאַטראַלישקייט איז אים געבליבן אין זײַן נאַטירלעכער טראַגיק, וואָס האָט זײַנס גלײַכן נאָר אין דער טראַגיק פון אַנדערע בלינדע. ער האָט אַ ביסל צוגעשפּילט טעאַטער... ער איז געווען מער באַהאַוונט אין דער יידישער ליטעראַטור, ווי וועלכער בישט איז זעענדיקער. ער האָט אָבער אויסגעמיטן צו זײַן קריטיש. ער האָט אַלץ געלויבט. אָט צוליב דער באַלייענטקייט זײַנער האָט מען אים בישט נאָר טאָלערירט אין די ליטעראַרישע קרײַזן פון ניו־יאָרק, נאָר בפירוש אים געאַכפּערט און ליב געהאַט. זײַנע מיינונגען זענען זייער זעלטן געווען אָריגינעל, אָבער מען האָט זייער גערן געכאַפּט אַ שמועס מיט אים. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ קעמפערישער אַנאַר־כיסטישער פאַרגאַנגענהייט, אָבער די פּאָליטיק האָט אים ווייניקער אינטערעסירט ווי די ליטעראַטור. די וועלט איז פאַר אים געוואָרן — וואָרט. כאָטש ער האָט אַלע מאָל געזאָגט: איך האָב אײַך שוין לאַנג נישט געזען... האָט ער אָבער אין דער אמתן די וועלט נאָר געהערט.

אין דער וועלט פון יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, וואָס פאַרלירט אירע לייענערס פון טאָג צו טאָג מיט אַ שנעלקייט פון אַ שווערן קעגנשטאַנד, וואָס פאַלט פון אַ באַרג, איז דער בלינדער מינץ, דער בעסטער און פּערפעקטער לייענער אירער, געווען ווי עפּעס אַ גראָטעסקער און אומפאַרשטענדלעכער סימבאָל — אַזוי אומפאַרשטענדלעך און גראָטעסק, ווי עס ווערט אַלע מאָל מער און מער די גאַנצע יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע, אַ ליטעראַטור פון בלויז שאַפערס, אָן געניסערס; אַ ליטעראַטור, וואָס דערמאַנט די אַרבעט פון די

געפֿאַנגענע אין אַ לאַנדאָנער מיטל־עלטערלעכער תּפֿיסה, וואָס האָבן געדאַרפֿט יעדן טאָג, פֿון זון ביז זון, בלאָזן לופֿט אין דער לופֿט אַרײַן פֿון גרויסע קאָ־וואַלסקע בלאָז־זעק... איצט איז דער סימבאָל געשטאָרבן.

איך בין זיכער, אַז אַ ליאַדע טאָג וועט דער בלינדער מינץ אויפֿשטײַן תּחית־המתים אין אַ דראַמע אָדער אַ ראָמאַן. איך בין זיכער, אַז ער האָט אין דעם תּחית־המתים געגלייבט און זיך אים געווונטשן, ווי אַ פֿרומער ייִד דאָס אויפֿשטײַן אין ארץ־ישׂראל אין משיחס צײַטן. נישט בלויז צוליב די פּאָר טוץ נעקראָלאָגן נאָך זײַן טויט האָט ער דאָך געלעבט און אַזוי לאַנג אויסגעהאַלטן. אַז מינץ האָט געלעבט נאָר און מיט דער ייִדישער ליטעראַטור, איז קיין ספֿק נישט, און אָפֿט מאָל, קוקנדיק אויף מינצן אין „ראָיאַל" אָדער „מילערס", האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די ייִדישע ליטעראַטור לעבט אויך — נאָר צוליב אים.

1940

הערש מינץ

געבוירן אין קרינעק, מיזרח־פּוילן, אין יאָר 1906. שטודירט אין לעמבערג, סידנעי, מעלבאָרן, אַדעלאַיד אין די יאָרן 1928—1936. זינט 1928 פּערמאַנענטער תּושב אין אויסטראַליע. געשטאָרבן 22סטן אַפּריל 1979.

גאַנץ אויסטראַליע קען אים — הירש מינצן. און אַז איך זאָג „גאַנץ אויסטראַליע" מיין איך עס: גאַנץ, מחמת דער ייִדישער ייִשוב פון אַרום 67 טויזנט נפשות אויף דעם אַזוי גערופענעם „פינפטן קאָנטינענט" קען אים פונקט אַזוי צום גוטן, פאַרשטייט זיך, ווי דער נישט־ייִדישער. אין קליינינקייט, רב הערשל מינץ. (אויב מען איז אַ ליטוואַק, רופט מען אים הירש מונץ, און איז מען אַ פּוילישער, רופט מען אים הירש מינץ.) נישט ווייניק מינץ (עס מיינט מטבע) האָט ער גורם געווען, אַז עס זאָל אַרײַנפאַלן אין דעם אויסטראַלישן אוצר. ווי אַזוי? ווען מיר אַ פּאָר שורות שפּעטער דערציילן.

*

אויסטראַליע האָט אַ באַפעלקערונג פון עלף און אַ האַלב מיליאָן נפשות (אַן ערך). כן ירבו. זיי האָבן חלילה נישט געטאָן קיין שלעכטס דעם דאָרטיקן ייִדישן ייִשוב. וואָס זשע האָט דאָס פאַר אַ שײַכות צו אונדזער הערש מינץ? עס האָט. קינד־און־קייט, וואָס האָט אַ מאָל געלערנט געאָגראַפיע ווייסט, אַז אויסטראַליע איז דער גרעסטער וואָל־פּראָדוצענט פון גאָר דער וועלט. די סטאַטיסטיק לערנט, אַז דרײַסיק פּראָצענט פון דער אויסטראַלישער אינדוסטריע איז וואָל. נאָענט צו צוויי ביליאָן פונטן אַ יאָר! מיט אַזוי פיל וואָל וואָלט מען געקענט מאַכן אַ גוטע וואַרעמע קאָלדרע און באַדעקן מיט איר גאַנץ סיביר...

אַגב — אַז מען רעדט וועגן אויסטראַליע אויף ייִדיש טאָר מען נישט פאַרגעסן דעם נאָמען סער דזשאָן מאָנאַש. ער איז געווען דער גענעראַליסימאָ פון דעם אויסטראַלישן חיל אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. און זײַן ייִחוס — אַ נאָענטער קרוב פון גרויסן ייִדישן היסטאָריקער היינריך גרעץ.

מיר האַלטן שוין אַזוי פאַוואַליע בײַ וואָל, בײַ שעפּעלעך, וואָס זענען דער סימבאָל פון געדולד און לאָזן זיך שערן טאַקע ווי שעפּעלעך — איז ווי זשע קומט שוין דאָ אַרײַן אונדזער הערש מינץ?

ער איז דאָ. ער איז נישט פאַרגעסן געוואָרן אין אָט דעם פּראָפיל. דער שרײַבער פון די שורות האָט דאָס ערשטע מאָל זיך באַקענט מיט הערש מינצן אין יאָר 1937, אין מעלבאָרן, אויסטראַליע, און שפּעטער ווידער אַ מאָל אין דער שטאָט אַדעלאַיד. אַ הויכער, אַ בלאָנדער, אַ געזונטער, אַ לאַכנדיקער בײַ יעדער

געלעגנהייט. נישט נאָר האָבן די אויגן הינטער די ברילן געלאַכט, נאָר די ברילן אַליין אויך. און מינץ האָט מיך תיכף געוואָלט איבערצײַגן, אַז מיר האָבן זיך שוין מיט יאָרן צוריק געטראָפן — אין קריניק. דעמאָלט האָט ער מיך געהערט רעדן אויף אַ ליטעראַרישער טעמע. מילא — געדולדיק ווי אַ שעפּעלע — האָב איך סוף־כּל־סוף נאָכגעגעבן. מיר זענען באַלד געוואָרן אויף „דו" — און צו רעדן איז געווען וועגן וואָס.

שוין דעמאָלט, אַרום די דרײַסיקער פון אונדזער יאָרהונדערט איז דער אַרום דרײַסיק־יעריקער הערש מינץ באַקאַנט געווען אין דער וואָל־פּראָדוקצירנדיקער וועלט ווי אַן עקספּערט פון וואָל. און אַזוי יעדעס יאָר מער און מער — ביז ער איז געוואָרן איינער פון די גרעסטע קענערס פון דעם פּראָדוקט, וואָס יעדער מענטש אין גאָר דער וועלט האָט אַ שײַכות דערצו. ווער האָט עס נישט כאָטש אַ פּאָר לויט וואָל אין זײַן הלבשה. אָבער וואָס, ווער און ווען — ווי אַזוי די וואָל שפּרינגט אַרײַן אין דער הלבשה — ווייסט הערש מינץ. און ווי אַזוי קומט דער עקספּערט פון וואָל אַרײַן אין אָט דעם לעקסיקאָן מײַנעם — ווייס איך, און עס ווייסט דער גאַנצער ייִדישער ישוב אין אויסטראַליע. מינץ איז אַ שרײַבער און ער האָט ליבשאַפט און קענטעניש צו ייִדיש און ייִדישער קולטור.

אַן אַנדערש מאָל — אויך אין די דרײַסיקער יאָרן, האָבן מיר זיך באַגעגנט אין אַדעלאַיד, דרום־אויסטראַליע. פאַרברענגט דאָרט עטלעכע טעג. די פּאָר טעג אין אַדעלאַיד — געוווינט אין מינצעס בחור־דירה. יעמאָלט האָב איך אין אויסטראַליע געפירט אַ קאַמפּאַניע פאַר פאַנדן פאַרן ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע. מינץ איז אַן אַ שיעור פאַראינטערעסירט אין ייִוואָ. און איך רעד, דערצייל און דערצייל. ער זיצט און שלינגט יעדעס וואָרט. זײַן פּנים — אַ מישונג פון דער סלאַווישער און סעמיטישער ראַסע. בלאָנד און גוטמוטיק, און די טשופּרינע קאַרבירט ווי די לאָקן פון אַ שעפּעלע. דאָס גאַנצע פּנים נײַגעריק, וויל וואָס מער האָבן נחת. ביז — איך בין מיד פון רעדן און בעט אים מיר דערציילן עפּעס וועגן דער וועלט פון וואָל.

און איצט בין איך פאַראינטערעסירט און שלינג יעדעס וואָרט זײַנס. און איך טראַכט: מיר לעבן און אַ וועלט פון אומרו — פיר קאָנטינענטן ממש דערטרונקען אין בלוט, אָבער דער פינפטער קאָנטינענט — ווי עפּעס אויף אַן אַנדערן פּלאַנעט פון אַ מאָדנער רו — באַפּעלקערט פון מיליאָנען שעפּעלעך וואָס פּאַשען זיך דאָ און באַזאָרגן די גאַנצע וועלט מיט וואָל. און אָט זיצט דאָ נעבן מיר אַ ייִדישער שרײַבער און דערציילט מיר וווּנדער־איבער־וווּנדער פון אַ קאָנטינענט וואָס די וועלט קען אים נאָך נישט ווי עס דאַרף צו זײַן. און אָט ליגט דאָ פאַר מיר אַ פּעקל בילדער פון שעפּעלעך, פון לעמער, פון באַראַנעס, וואָס זייער איינציקע שליחות איז — צו לאָזן זיך שערן. און הירש

מינץ גיט אַ זוך אין דעם פּעקל און ווײַזט מיר בילדער פון באַראַנעס מיט הערנער, געדרייט ווי פּאות. אַנדערע — ווי שופרות. און איך רוף מיך אָפּ, ווי פאַרכאַפּט פון אַ מיסטישער אידעע: אפשר זענען די דאָזיקע באַשעפענישן מיט פּאות און שופרות — ייִדישע שאָף.

און ווער קען אַזאַ וועלט פאַרשטיין?

אפשר איז דאָס מעקען פון די שעפּעלעך — אַ מין געזאַנג זייערס?

הערש מינץ זעט מײַן פאַרוווּנדערונג איבער די בילדער זײַנע אין זײַנע ווערק, עסייען, אַרטיקלען. אַלערליי מינים פון שעפּעלעך, שעפּסעלעך, באַראַנעס, בעק און ווידערס — און אַלץ אויף צו באַקליידן די דאָזיקע נאַקעטע וועלט אונדזערע. שעפּסן, וואָס זענען אויס ווי זעק מיט וואָל, נאָר דער פּיסקעלע איז אָפן, אויף צו קענען זיך פּאַשען און פאַרוואַנדלען די גראָז אין וואָל.

און עס מישן זיך אין מײַן דמיון — עסייען וועגן ייִדישע שרײַבערס, דער עיקר אויסטראַלישע, מיט ריזיקע באַלעמס וואָל, גרייט צו ווערן געשיקט איבער גאָר דער וועלט. עס איז נישט קיין גרינגע זאַך צו זײַן אַ הערש מינץ — איינער פון די וועלט־קענערס אויף דעם וואָלגעביט. שוין גרינגער צו זײַן אַ קענער פון דער ייִדישער ליטעראַטור. מינץ איז עס ביידע.

און קוקנדיק אויף די באַשעפענישן פון אַלערליי מינים שאָף — פאַלט מיר אײַן אַ מאָדנער געדאַנק. ענטוזיאַסטיש רוף איך אויס: הערש מינץ, דו ביסט דאָך אַ תלמיד־חכם נאָך פון קרינקע, איז דיר נישט אַ מאָל אײַנגעפאַלן, אַז אין חומש, פּרשה וישלח, איז דאָ אַ מעשה, וואָס האָט אַ שײַכות צו 550 באַשעפענישן און צווישן זיי דער גרעסטע טייל — שעפּעלעך? די שעפּעלעך, וואָס דו קענסט זיי בעסער ווי זיי זיך אַליין. דאָס האָט יעקב אָבינו, לויט אַ סטראַטעגישן פּלאַן, מיט די שעפּעלעך איבערגעבעטן זײַן ברודער עשו. די שעפּעלעך שפּילן דאָך אַ גרויסע ראָלע אין אונדזער געשיכטע. מחמת, וואָלט עשו זיך נישט געלאָזט איבערבעטן מיט דער ריזיקער מחנה, ווער ווייסט ווי אַזוי מיר וואָלטן הײַנט אויסגעזען. אפשר זענען גאָר די אויסטראַלישע שעפּעלעך — אור־אור־אור־אייניקלעך פון יענער מחנה שעפּסעלעך פאַר עשון. אָבער ווו נעמט מען הײַנט אַזאַ אמתן שלום־סטראַטעגיקער ווי יעקב אָבינו?

און דאָ פאַרענדיקן מיר דעם פּענפראָפּיל פון הערש מינץ. פאַנטאַסטיש? אמת, אָבער הײַנט צו טאָג זענען און קענען אַלע פאַנטאַזיעס זײַן רעאַל.

און איצט הערט און שטוינט: אין דעם לעקסיקאָן פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, אַרויסגעגעבן פון דעם אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס ציק״אָ, ניו־יאָרק, איז דאָ אַ קורצע ביאָגראַפיע פון דעם שרײַבער הערש מינץ. עס ווערט דאָרט צימצומדיק דערציילט דער גאַנג פון זײַנע יאָרן און די עסייען

אויף ליטעראַרישע טעמעס, וואָס ער האָט געשריבן און שרײַבט. בעיקר וועגן ייִדישע שרײַבערס אין אויסטראַליע.

יאָ, אָבער עס ווערט דאָרט נישט דערמאָנט אַפּילו מיט אַן אײנציקן אות וועגן הערש מינץ דעם וועלטעקספּערט פון וואָל און מחבר פון באַדײַטיקע ווערק אין ענגליש אויף דעם געביט. אַ לעקסיקאָן פון שרײַבערס דאַרף דאָך געבן כאָטש מיט עטלעכע ווערטער דעם גאַנצן מענטש, און דער עיקר וועגן אַזאַ פּראָמינענטער פּערזענלעכקייט ווי ס׳איז הערש מינץ. אַ לעקסיקאָן דאַרף געבן גאַנצע געשטאַלטן פון שרײַבערס און נישט פראַגמענטן. אונדזער ייִדישע ליטעראַטור איז אַ וועלט־ליטעראַטור בזעיר אַנפּין.

און לאָמיר שליסן מיט אַ טשיקאַווען עפּיזאָד, וואָס איז — בשעת איך שרײַב אָט די ווערטער — נישט מער ווי אַ וואָך אַלט.

דאָ אַנומלט זיך איך בײַ אַ דריטן סדר. מען רעדט, מען זינגט, מען עסט מצה און כשרע קיכלעך און מען הערט זיך אײַן אין דרשות און מאָנאָלאָגן און געזאַנגען. און צווישן איין ליד און אַ צווייטן רופט דער פאָרזיצער אויס אַ מעלדונג: איך האָב דאָ נאָר וואָס באַקומען אַ צעטל פון אַ חבר פון עולם — און אָט וואָס ער בעט מיטטיילן: אויב אין זאַל איז דאָ מ. ראַוויטש, איז דאָ פאַר אים אַ גרוס פון אויסטראַליע, פון דעם דאָרטיקן שרײַבער און געלערנטן הערש מינץ.

איך בין צוגעגאַנגען צו דער עסטראַדע און אָפּגענומען דעם גרוס און געטראַכט: וואָס פאַר אַ מאָדנע פאָלק מיר זענען אין גאָר דער וועלט. איין גרויסע משפחה צעזייט און צעשפּרייט איבער גאָר די קאָנטינענטן. אויסטראַ־ליע — קאַנאַדע — אַ שיינע ייִדישע וועלט און זי וואָלט געקענט נאָך שענער זײַן, ווען, — יאָ, ווען זי וואָלט זיך געפירט לויט די פּלענער פון יעקב אָבינו.

1972

נחום ברוך מינקאָוו

געבוירן 18טן נאָוועמבער 1893 אין וואַרשע. 1914 אין ניו־יאָרק. לעקטאָר און פּראָפעסאָר אין הויכשולן אין אַמעריקע און אין מעקסיקע. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק, דעם 14טן מאַרץ 1958.

נ. ב. מינקאָוו איז געווען אַן אינסטיטוציע פאַר־זיך אין יידישן קולטור־ און ליטעראַטור־לעבן אין ניו־יאָרק. אַן אינסטיטוציע מיט סתירות, מיט קאָנ־טראַדיקציעס. די ערשטע סתירה: ער איז איינער פון די פּאַרטיפּסטסטע יידישע פּאָעטן, און אין דער זעלבער צײַט איינער פון די אומפּאַרשטענדלעכסטע. זײַנס אַ ליד מוז מען טײַטשן. מען ווייסט, אַז ער שרײַבט נישט סתם ווערטער, אַז יעדעס וואָרט איז קודם־כּל דורכגעפּילט און שפּעטער דורכגעטראַכט. נישט איין מאָל בלײַבט מען שטיין פאַר אַן אָפּגרונט — נישט אַריבערצושפּרינגען... נאָר איבער דעם זעלבן אָפּגרונט איז דער דיכטער אַריבערגעפלויגן מיט די פליגל. צו פאַרשטיין מינקאָווס אַ ליד מוז מען אָפּט מאָל האָבן פליגל. אָבער פליגלען קען מען הײַנט צו טאָג גרינגער האָבן פאַרן גוף ווי פאַר דער נשמה. מיר לעבן דאָך אין צײַטן פון פליִען.

אָט אַזוי לייענען זיך די ערשטע צוויי סטראָפעס אין מינקאָווס ליד „אַ שטערן בליט״, אין זײַן לידערבוך מיט דעם זעלביקן נאָמען:

ברויט און וואַסער און די שטילע ברכה,
דאָס איז אַלץ, וואָס מיר פאַרמאָגן.
אַ שטערן בליט אין לערן שײַער,
ווערט פאַרשווונדן גלײַך בײַם טאָגן.
דער דיל איז גרייט... די לײַכטער צוויי...
דאָס ביסל שטרוי... די טיר איז אָפן...
זײַט שטילער... טראָגט אַרײַן די דעק...
דער תהילים־ייִד, זאָל ער נאָך שלאָפן.

אָבער אין דער זעלבער צײַט איז מינקאָוו דער קלאָרסטער אויסטײַטשער פון די סאַמע פאַרשטענדלעכסטע יידישע פּאָעטן. ער האָט אַ סך ווערק אויף דעם געביט געשריבן. זײַנע דרײַ בענד „פּיאָנערן פון דער יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע״ זענען אַליין אַ פּיאָנעריש ווערק. פיל צענדליקער פּאָעטן האָט דאָ מינקאָוו ממש אויפגעהויבן תּחית־המתים, געגעבן זייער לעבן און זייער ליד. מער ווי דאָס: ער האָט דורך די פּאָרטרעטן פון אָט די דיכטערס אויפגעלעבט

פּאַר דעם געשיכטע־שרײַבער און קומענדיקן בעלעטריסט די גרויסע תּקופה פון דער געבורט פון דעם מעכטיקסטן ייִדישן ייִשוב פון אַלע צײַטן — אַמעריקע.

טראַכט זיך טיף אַרײַן אין דער סתּירה: מינקאָוו, איינער פון די קאָמפּלי־צירטסטע פּאָעטן אַליין — ווי דער אויסטײַטשער פון די סאַמע פּשוטסטע פּאָעטן און איר וועט אײַנזען, אַז עס איז ממש אַ טאָפּל־סתּירה...

און נאָך אַ סתּירה: ער איז באַשיידן — מינקאָוו — און חבריש ביז גאָר. אָן עניו, ער גייט אַנטקעגן יעדן חבר מיט גרויס דרך־ארץ, אָבער ער שטרײַכט אונטער טאַקטיש בײַ יעדער געלעגנהייט זײַן סיסטעמאַטישע און אַקאַדעמישע אויסבילדונג, און ער האָט זייער ליב צו רעדן וועגן זײַנע קורסן פּאַר ייִדיש און ייִדישער ליטעראַטור אין הויכשולעס. אַז ער זעט זײַן נאָמען מיט אַ טיטל־צוגאָב, און זײַן נאָמען איז דאָך סײַ ווי גענוג פּאָפּולער — פּילט מען ממש ווי עס גלעט זײַן אויג.

מיטל־הויך. די שטריכן פון זײַן פּנים שאַרפלעך — מיט אַ טענדענץ צו מיניאַטור. אויף די בילדער זעט מען עס נישט אָן, ווײַל מינקאָוו פּאַרטרײַבט יעדן שמייכל פון זײַן פּנים, ווען ער פאָטאָגראַפירט זיך. פאַרבײַסט אַ ביסל די ליפּן און קוקט אַ ביסל ווי פון אַ קאַטעדרע. אָבער אין באַגעגענישן מיט חברים רעדט ער שוין גאָרנישט ווי פון אַ קאַטעדרע. ער באַמיט זיך יעדן חבר — און נישט נאָר חבר, נאָר סתּם באַקאַנטן — באַלד צו דערקענען און צו דערמאָנען זיך אַלע קלענסטע פּרטים פון פריִערדיקע באַגעגענישן. טייל מאָל קומען אַרויס פּלאָנטערנישן דערבײַ. פּראָפּעסאָרישע צעשטרײַטקייט.

מינקאָוו איז אַ בקי אויף אַ סך געביטן. עטימאָלאָגיע איז אים נאָענט. און פילאָסאָפיע איז אים נאָך נענטער. און דאָס לשון אָן ווערטער, וואָס זײַן נאָמען איז מוזיק — איז אים צום נאָענטסטן. מינקאָוו האָט ליב צו זײַן דערפינדעריש, ממש סענסאַציאָנעל דערפינדעריש, באַזונדערס אויף דעם געביט פון אַנטדעקן ווידער לאַנג־פּאַרגעסענע פּאָעטן. און מינקאָוו האָט ליב צו דערציילן וועגן די ליטעראַרישע אַנטדעקונגס־עקספּעדיציעס זײַנע.

און אָט אַזוי זענען מיר אַ מאָל געזעסן אין מײַן שטיבל אין מאָנטרעאָל בײַ אַ „טרוקן גלעזל טיי״. געווען זענען מיר זאַלבע פערט. און מינקאָוו האָט דערציילט מיט דעם גאַנצן נחת פון אַ מעשה־דערציילער און מיט טויזנט און איינס פּרטים, ווי אַזוי ער איז נאָכגעגאַנגען די שפּורן פון אַ פאַרגעסענעם ייִדישן פּאָעט אין אַמעריקע. אַן אמתע שערלאָק האָלמס־געשיכטע איז עס געווען. און די מעשה האָט זיך געקייטלט פון קעלער צו קעלער אין די אָרעמע קוואַרטאַלן אין ניו־יאָרק און פון שטעטל צו שטעטל אַרום ניו־יאָרק, און אַזוי איז פון זכרונות פון האַלב־טויטע מענטשן, פאַרגעלטע פאָטאָגראַפיעס, צעריסענע שטיקלעך־צײַטונגען, אָפּגעבליאַקעוועטע אַלטע בריוו אויפגעשטאַנען די גע־

שטאַלט פון אַ טובערקולאָזן ייִדישן פּאָעט פון אַמעריקע אין די אַכציקער יאָרן, וואָס איז געשטאָרבן צו זײַנע עטלעכע און צוואַנציק... און ווען נישט הגיע זמן קריאת־שמע של שחרית — וואָלטן מיר אַזוי אַרײַנגעהערט ביז מיטאָג...

אין אַ געוויסן זינען איז מינקאָוו אַ מאַרטירער פון זײַן פּאָעטישער טיפקייט, און וואָס מיט דעם גייט אין דער פּאָר: ווייניק פאַרשטענדלעכקייט. צוזאַמען מיט יעקב גלאַטשטיין און אַ. לעיעלעס האָט ער אין יאָר 1920 אויפגעשריבן דעם מאַניפעסט פון די א״ג „אינזיכיסטן" — אָבער בשעת די אַנדערע צוויי האָבן זיך אין פאַרלויף פון די יאָרן, פּאַדעם בײַ פּאָדעם, אָפּגעבונדן פון דעם מאַניפעסט, האָט זיך מינקאָוו אין גאַנג פון די יאָרן, פּאָדעם בײַ פּאָדעם, אין אים נאָך מער אײַנגעבונדן. ער ווייסט אַז זײַנע שירים זענען נאָר פאַר יחידים און ער האָט נישט קיין טענה. נאָר טאָמער שרײַבט מען אים, אַז מען האָט דעשיפרירט און גרויס־דערהויבענע הנאה געהאַט פון זײַנס אַ ליד — וועט מינקאָוו ענטפערן גליקלעך און נאָך געניויער קאָמענטירן. ער איז — אין אַ געוויסן זינען — אונדזער טי. עס. עליאָט. נאָר עליאָט האָט באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע פאַר זײַן אומפאַרשטענדלעכקייט און מינקאָוו האָט באַקומען עטלעכע וויכטיקע פּרעמיעס פאַר זײַן נאָך פאַרשטענדלעכער מאַכן די פאַרשטענדלעכע פּאָעטן פון סוף 19טן י״ה.

און נאָך אַ זײַטיקער צוגאָב־פּאַראַדאָקס: איינער פון די בעסטע פּאַר־שטייערס און אויסטײַטשערס פון מינקאָווס לידער איז דווקא דער זשורנאַליסט־פּובליציסט־פּאָליטיקער ד״ר שמואל מאַרגאָשעס. דאָ אַנומלט האָט ער אין זײַן ענגלישן קאָלום ווונדערלעך קאָמענטירט מינקאָווס לידער־זאַמלונג „אַ שטערן בליט" — ממש ברה כחמה — קלאָר ווי די זון.

זינט דעם יאָר 1941 איז נ. ב. מינקאָוו געוועזן דער פאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר פון דער „צוקונפט". און עס איז נישט קיין גרינגע אויפגאַבע צו אַרבעטן אין אַ שטוב, וואָס איז פול מיט צוגווינטן. און אַזוי איז דאָך אַ רעדאַקציע פון אַ צײַטשריפט אין די דאָזיקע צײַטן. צוגווינטן ליטעראַרישע און אַפילו פּאָלי־טישע. מוז מען באַלאַנסירן און קאָנטראַבאַלאַנסירן — און אַן אייגענע מיינונג האָט מען דאָך אויך. און מינקאָוו האָט זי אין אַ פולער מאָס. און ער האָט אויך ליב צו פאַרמירן נײַע און אַנדערשדיקע טאַלאַנטן. מוז מען שרײַבן אַן אומצאָל בריוו. אָבער גיי שרײַב לאַנגע בריוו. פלעגט מינקאָוו שרײַבן כאַראַקטעריס־טישע, קורצע קאַרטלעך מיט אַ מיניאַטורן־כתב און מיט מאַקסימום ליבשאַפט חברישער.

איין מאָל האָט ער מיר געזאָגט, אַז אין איין טאָג האָט ער אַ הונדערט אַזעלכע קאַרטלעך געשריבן. און צוליב אַן איבעריקער מאָס פון חברישן טאַקט האָט מינקאָוו דער רעדאַקטאָר ממש אַכזריותדיק זיך באַצויגן צו דעם פּאָעט און עסייִסט נ. ב. מינקאָוו... נישט נאָר האָט ער אים אַליין נישט געלאָזט

קומען צום וואָרט אין דער „צוקונפט״, נאָר ער האָט אויך אַנדערע אָפּגעהאַלטן צו שרײַבן וועגן אים אין דער צײַטשריפט.

מוטיק און חבריש שמייכלענדיק פלעגט אין די לעצטע יאָרן מינקאָוו רעדן וועגן זיך ווי וועגן איינעם, וואָס ווייסט, אַז ער האָט שוין באַקומען דעם ערשטן רוף־צעטל פון אויבן... אַוודאי גייט יעדער שרײַבער בכלל און יידישער בפרט אַוועק אַ נישט־אויסגעזונגענער ביזן לעצטן ליד. אָבער מינקאָוו דער דיכטער און דיכטונג־טעאָרעטיקער און אויסטײַטשער פון יידישער דיכטונג האָט איבערגעלאָזן טיפע שפּורן אין דער יידישער ליטע־ראַטור, צווישן אַנדערע האָט ער אויך אויסגעטײַטשט מיט אַ גאַנצן בוך דעם אדם־הראשון פון יידישער פּאָעזיע — אליהו בחור — עפּעס אַזוי ווי צו דאָקומענטירן דעם מהלך רב, וואָס דאָס יידישע ליד איז אָפּגעגאַנגען ביז דעם מאָדערנעם נ. ב. מינקאָוו.

ד״ר כאַסיע קופּערמאַן, איינע פון די געציילטע, אין אַמעריקע געבוירענע יידישע דיכטערינס, איז געווען די געטרײַע לעבנס־באַגלייטערין פון נ. ב. מינקאָוו. אויך זי: נישט נאָר אַ דיכטערין, נאָר אויך אַ לעקטאָרין פון ליטע־ראַטור, וואָס האָט זיך באַמיט צו אינטעגרירן די יידישע ליטעראַטור אין דעם גאַנץ־בילד פון דער וועלט־ליטעראַטור.

פּרץ מיראַנסקי

געבוירן אין ווילנע אין יאָר 1908. דעביוטירט מיט משלים אין יאָר 1934. די מלחמה־יאָרן געוואַנדערט איבער מיזרח־אייראָפּע. פון 1945 אין פּליטים־לאַגערן. 1949 אין קאַנאַדע, אַ יאָר אין מאָנטרעאָל, זינט 1951 אין טאָראָנטאָ. יאָרן פאַר דער מלחמה באַלאַנגט צו דער גרופּע „יונג־ווילנע".

פּרץ מיראַנסקי איז איינער פון די גאָט־געבענטשטע יידישע פּאָעטן. פון איין זײַט אַ טיפער ליריקער, פול מיט טראַגישן פּאַטאָס, פון דער אַנדערער זײַט אַ משלים־שרײַבער, פול מיט הומאָר און מוסר־השׂכּל.

זינט איך שרײַב — שרײַב איך רעצענזיעס וועגן ביכער. און בעיקר שרײַב איך וועגן לידערביכער. און דער נוסח פון מײַנע רעצענזיעס איז האַלב אויף האַלב. האַלב אינטימער פּראָפיל פון דעם פּאָעט, און האַלב ציטאַטן פון זײַנע ביכער. אָבער נישט ציטירטע שטיקלעך און ברעקלעך, נײַערט איין גאַנץ ליד. צימצום — אָבער מיט אַ טאַלק. איין גוט ליד ציטירט פון אלף ביז תּו.

אָבער בײַ מיראַנסקין ווערט אַ פּראָבלעם: ער איז דאָך אַ משלים־שרײַבער און דערצו אַ פּאָעט. אָדער פאַרקערט. דאַרף מען שוין ציטירן אי אַ ליד און אי אַ משל.

אַגב — עיקר־שכחתי: כאָטש אַ פּאָר ווערטער ביבליאָגראַפּטע וועגן רעצענזירטן בוך. דער טיטל — „שירות שירה". אויף 250 זײַטן פון דער זאַמלונג זענען דאָ אַן ערך 150 לידער און משלים. דער פאַרלאַג „י. ל. פּרץ", תּל־אביב, דאָס יאָר 1974.

די אָריגינעלקייט פון דער זאַמלונג הייבט זיך אָן אויף דעם טיטלבלאַט: „שורות שירה". עס איז לשון־קודש און אי יידיש. מיר וועלן שוין מוזן אָנהייבן מיט אַ פּשרה, ציטירן אי אַ ליד און אי אַ משל. נאָר איידער איך ציטיר — אַ כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד. דאָ אַנומלט אין אַן אָוונט קומט מיראַנסקי אַרײַן צו מיר מיט אַ בקשה. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ נײַע זאַמלונג שירים, גלוסט זיך אַ שמועס טאָן וועגן דעם מיט אַן עלטערן חבר. פרעגט ער — צי וואָלט ער געקענט רעציטירן טאַקע דאָ אַ פּאָר לידער פון דעם נײַעם בוך.

אַדרבה, אָבער מיר האָבן נאָך נישט דאָס בוך, סײַדן איר האָט עס מיט זיך אין די קעשענעס — —

— עס וועט שוין זײַן גוט — זאָרגט אײַך נישט.

און מיראַנסקי רעציטירט ליד נאָך ליד — משל נאָך משל — און ער

שמייכלט און זאָגט: אַ דיכטער וואָס האָט ליב זײַנע לידער, מוז זיי קענען אויסנווייניק. דער עיקר איז, צי די לידער געפעלן?

אַן אַנדערש מאָל, צוריק מיט אַ היפּש ביסל יאָרן, בין איך געווען אויף אַ חברישן צונויפקום פון דיכטערס — האָט גראַדע געגומען דאָס וואָרט און דערציילט און גערימט די אויפטוען פון דער גרופּע „יונג־ווילנע״, און פּאַטעטיש אויסגערופן: „אַ ליטעראַטור איז דעמאָלט ערשט אַ ליטעראַטור ווען זי האָט אַ משלים־דיכטער, אָבער אַן אמתדיקן — און מיר אין ווילנע האָבן געהאַט אַן אמתן משלים־דיכטער — פּרץ מיראַנסקי. אונדזער אליעזר שטיינבאַרג...״

פֿאַראַנען פּאָעטן, וואָס שרײַבן בעסערע לידער — און אַפילו די בעסטע, און פֿאַראַנען פּאָעטן, וואָס שרײַבן נאָר גוטע שירים. ווי זאָגט מיראַנסקי אין טיטל פון נײַעם בוך? — שורות שירה.

איבערגעלייענט דאָס בוך מיראַנסקיס מיט די לויטער גוטע לידער און געטרײַ מײַן נוסח אין רעצענזיעס מוז איך אין דעם פאַל מאַכן אַ יוצא־מן־הכלל: ציטירן צוויי, איינס פון די לירישע לידער און איינס פון די משלים.

און אָט איז אַ משל: קרויט.

דאָס הייפּטל קרויט איז זייער שטאָלץ:
אַזאַ מין קאָפּ! אַ דאַנק דעם בורא.
מען זאָגט, וואָס גרעסער ס׳איז דער קאָפּ,
אַלץ מער איז דאָרט פאַראַנען תּורה.
דערפאַר נוצט זי אַ הויכע שפּראַך,
מיט גרויסע ווערטער און רמזים.
און ס׳ברעכן זיך די ציין אויף דעם
די שכנים גרינסן, שכנים גראָזן.
נאָר שווײַגן שווײַגט מען שטילערהייט,
וואָרט צו זאָגן האָט מען מורא!
ווער וויל עס זאָגן בקול רם,
אַז ער פאַרשטייט ניט סתרי־תּורה?
ביז האַרבסט געקומען איז צו גיין
אַ ייִדענע און אַן אַ היתּר
האָט זי געגומען פונעם קרויט
אַראָפּרײַסן די גרויסע בלעטער.
זי האָט געריסן בלאַט נאָך בלאַט,
צעברעקלט זיי און זיי צענומען
און האָט אין קעפּל קרויט קיין פּשט,

קיין גרויסע סודות ניט געפונען.
קיין זאַך איז דאָרטן ניט פאַראַן,
נאָר בלעטער, בלעטער, אַלטע שמות.
און טיף אין האַרצן אַ קאַטשאַן,
וואָס עס פאַרדײַען נאָר בהמות.
מײַן משל האָב איך צוגעגרייט
פאַר די, וואָס האָבן ניט פאַרשטאַנען —
אין גרויסע בלעטערדיקע רייד
באַהאַלטן אָפט זיך די קאַטשאַנען...

און נאָך אַ ציטאַט און אות־באות פון דער רעצענזיע. דאָס מאָל אַ ליד: „דאָס געסל פון מײַן טרויער". דאָס ליד איז געווען און איז און וויל זײַן אַ טרייסט, אויב עס איז דאָ אַ טרייסט אויף אַזאַ אומגליק. די טײַערסטע פון דער קליינער משפחה — פלוצלינג זיך אומגעקערט צו גאָט. אָט דאָס זענען די דרײַ סטראָפעס:

אויף דעם געסל פון מײַן טרויער
שטייט אַן אויסגעווײַסטע קלויז.
אויפן אָרון־קודש בלויער,
הענגט דײַן נאָמען, לאה בלויז.

יעדע נאַכט, ווען כ'קען נישט שלאָפן,
און מײַן בענקשאַפט בליט ווי מאָן,
קום איך דאָרט, פון צער אַנטלאָפן,
און איך צינד דאָס לעמפל אָן.

שטייט דאָס לעמפל אויפן עמוד,
אין אַ טעלערל פון קוואַרץ,
ברענט דאָס לעמפל — אַ נר־תמיד,
און אין לעמפל ברענט מײַן האַרץ.

1974

אַברהם מענעס

געבוירן אין גראָדנע אין יאָר 1897. אין יאָר 1920 — אין בערלין. זינט 1933 — פּאַריז. זינט 1940 — אין ניו־יאָרק. געשטאָרבן 18טן אָקטאָבער 1969.

די באַשיידנקייט און די ערלעכקייט און אויפריכטיקייט אין דער געשטאַלט פון אַ ייִד, מענטש און מענטשלעכן ייִד: אַברהם מענעס. ער און זײַנע אידעען און געדאַנקען זענען געווען איינס. ער האָט געגלייבט, אַז זיי זענען נישט סתּם מחשבות, נאָר זיי זענען פּלענער, וואָס דאַרפן פאַרווירקלעכט ווערן. מען דאַרף נאָר געפינען די ריכטיקע מענטש־ייִדן דערצו. און די דאָזיקע געדאַנקען זענען: אַ סינטעזע פון דרײַ ייִדישע יסוד־זײַלן: רעליגיע, ציוניזם (נישט פּאָליטיש, נײַערט אידעיש), ערלעכער סאָציאַליזם, וועלטלעכער דערצו. פּאָלג מיך אַ גאַנג דורך יאָרהונדערטער פון אַ וועלטפּאָלק.

דער שרײַבער פון די שורות האָט מענעסן זעלטן געטראָפן פּנים־אל־פּנים; איין מאָל אין מאָנטרעאָל און עטלעכע מאָל אין ניו־יאָרק. ווי אָפט איך האָב אים געזען נאָך דער ערשטער באַגעגעניש — האָב איך אים נישט דערקענט. דערצו איז ער אַלע מאָל געווען זייער שטיל — אויך זײַנע שריפטן זענען געווען זייער שטיל. מעגן זיי האָבן געגרייכט צו די שטערן — אויך שטיל. צו דעם האָט זײַן רויק פּנים נישט געהאַט קיין שום ייִדיש־סעמיטישע שטריכן. אַ מאָדנע זאַך, האָב איך אָפט געטראַכט, דער מענטש מעדיטירט דאָך 24 שעה אין מעת־לעת וועגן ייִד און ייִדישקייט, אָבער אין זײַן פּנים איז זײַן ייִדישקייט נישט קענטיק. עס איז אַ גוטמוטיק מענטשלעך פּנים. און אפשר איז טאַקע זײַן ייִד־אידעאָלאָגיע בעיקר אַלמענטשלעך.

פאַראַנען אַלערליי ייִדן: הייסע, היציקע, קאַלטע, קילע, וואַרעמע. מענעס איז אַ וואַרעמער ייִד בעיקר. נייִן, נישט בעיקר, נאָר טאַקע לחלוטין.

ער באַנעמט זיך אָפט עפּעס אַזוי מאָדנע, ווי ער וואָלט שעמעוודיק געווען, ממש שעמעוודיק. אַ מאָל זיצן מיר אין אַ קליינער טומלדיקער קאַפע־טעריע אין ניו־יאָרק. מענעס שווײַגט אַ סך. דערמיט צווינגט ער מיך צו רעדן מער. און צווישן מײַנע אייגענע ווערטער מאַך איך אָפטע הפסקות. מענעס באַמערקט עס און ער פרעגט: וואָס פאַרטראַכט איר זיך אַזוי אָפט?

און איך ענטפער אים אויפריכטיק — אָבער ייִדישלעך — מיט אַ שאלה:

— ווי אַזוי האָט אַ מענטש מיט אײַער אויסערלעכן קורת־רוח געקענט אין פאַרלויף פון יאָרן משפּיע זײַן אין אויפרודערן די בעסטע און טיפסטע ייִדישע

דענקערס אין זייער צײַט אין בערלין און אין פּאַריז און בעיקר אין אַמעריקע? און מענעס ענטפערט:

— ערשטנס איז די השפעה נישט געווען און איז נישט אַזוי שטאַרק, ווי עס דאַכט זיך אײַך. און צווייטנס — ווײַל דער קורת־רוח איז געווען נאָר אויסערלעך...

אין טיפּסטן האַרץ האָבן מײַנע אייגענע שריפטן און די זאַמלביכער, וואָס איך האָב רעדאַגירט, געזוכט די גרויסע סינטעזע פון ייִד און מענטש אין אונדזער אומגליקלעכן יאָרהונדערט — דרײַ טויזנט יאָר נאָך דעם ווי גאָט האָט אונדז געגעבן די גרעסטע מתנה, וואָס אַ פאָלק האָט ווען עס איז און ווו עס איז באַקומען פון גאָטס האַנט — די עשׂרת־הדיברות. און אַזאַ סינטעזע איז נישט גרינג צו געפינען און נאָך שווערער צו פאַרוואַנדלען אין רעאַליטעט.

דאָס זאַמלבוך „דער ייִדישער געדאַנק אין דער נײַער צײַט", וואָס מענעס האָט רעדאַגירט אין יאָר 1957 פון די כּתבים פון אַלע — בפירוש אַלע! — דענקערס בײַ ייִדן אין דער נײַער צײַט — איז אפשר די וויכטיקסטע דער־גרייכונג אויף דעם דאָזיקן געביט פון זוכן דעם אַבסאָלוטן אמת פון דער שליחות פון ייִדישן פאָלק אין דער וועלט. און דערצו איז עס אַ ווערק אָן אַ ברעקל שאָוויניזם אין אַ וועלט, וואָס זינקט אַלץ טיפער און טיפער אין דעם זומפּ פון שאָוויניזם.

און אַזוי ווי אין קעפּל פון דעם קליינעם עסיי אויף אַ גרויסער טעמע זענען דאָ די ווערטער „אינטימער פּענפּראַפיל" — לאָמיר דאָ דערציילן אַ קליינעם עפּיזאָד, וואָס מאַכט בולטער אַ גרויסע פּערזענלעכקייט:

דאָס האָט געמוזט זײַן אַרום דעם יאָר 1950. זיצן מיר און שמועסן, מענעס און איך, אין וואַרטצימער פון ייִוואָ אין ניו־יאָרק. קלינגט דער טעלעפאָן און מען רופט: דאָקטאָר מענעס — מען בעט אײַך צום טעלעפאָן. נאָר איידער ער גייט צו — באַקלאָגט ער זיך מיט אַ שמייכל פאַר מיר: זינט איך בין געקומען קיין אַמעריקע, האָט מען מיר געגעבן אַ טיטל „דאָקטאָר". אָבער דער אמת איז, אַז איך האָב נישט דעם טיטל און האָב מיך קיין מאָל מיט אַזאַ טיטל נישט אונטערגעשריבן. אָט דאָס איז אַמעריקע. אָבער איך האָב חושד געווען, אַז מענעס האָט יאָ געהאַט דעם טיטל. הקיצור, אַ כאַראַקטער־ריסטישער עפּיזאָד, באַשטראַפטע ענווּות.

און זאָל דאָ מײַן נישט־ענווּות פאַרצייכענען, אַז מענעס איז געווען איינער פון די עטלעכע ייִדישע דענקערס, וואָס האָבן זיך באַצויגן פּאָזיטיוו צו מײַן אידיי וועגן אַ המשך פון ספר־הספרים.

אין זײַן צוואָה האָט אַברהם מענעס באַפוילן אים ברענגען צו קבר־ישׂראל

אין מדינת־ישׂראל. זײַנע צװײ זין און די אַלמנה האָבן די לװיה איבער ימים און יבשות דורכגעפירט.

און די גרױסע סינטעזע פון ייִד און מענטש װעט װאַרטן אויף איר תּיקון. װי לאַנג? דעם סוד האָט מענעס מיטגענומען מיט זיך אין דער אײביקייט.

1969

יעקב מעסטעל

געבוירן 1884 אין זלאָטשעוו. 1920 אָוועק קיין אַמעריקע. רײַזעס אין דרום־אַמעריקע. געוווינט אין ניו־יאָרק. געשטאָרבן 6טן אויגוסט 1958.

יעקב מעסטל איז אַ דיכטער און אַ שרײַבער פון זכרונות און אַ טעאַטראַלאָג און אַ רעזשיסאָר און אַ שוישפּילער און איז געווען אַ מאָל אַ לערער און שפּעטער אַ סאָלדאַט און אַן אָפיציר, וואָס האָט אים בײַם עסטרײַכישן מיליטער, אין דער צײַט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, געבראַכט צו דעם ראַנג פון הויפּטמאַן.

ער איז נישט קיין הויכער, זעט אויס זייער צאַרט, האָט זייער אַן אינטערעסאַנט פּנים, טיפע, ערנסטע אויגן, אַ מאָדעל פון אַ דיכטער־פּנים פאַר יעדן מאָלער, און ער רעדט צו דיר זייער וואַרעם און זייער חבריש. ער איז אייביק איינזאַם אין יעדער סביבה, כאָטש ער געפינט זיך לײַכט אין יעדער סיטואַציע, נעמט זי אויף באהבה. יעקב מעסטעל האָט אויף קיינעם פון די אַלע געביטן פון זײַנע באַשעפטיקונגען, פּרנסות און טאַלאַנטן נישט דערגרייכט דעם מאַקסימום, וואָס מען קען דערלאַנגען אַפילו אין אונדזערע אָרעמע באַדינגונגען. מעסטעל איז אַן אומרויִקער מענטש — צום לענגסטן האַלט ער זיך דעריבער בײַ זײַן שוישפּילער־פאַך, דעם אומרויִקסטן פון זײַנע פאַכן. מעסטעל האָט אין זײַן לעבן זייער אַ סך פּערזענלעכע טראַגעדיעס איבערגעלעבט — און ער שווײַגט וועגן זיי און קיין סך פּרטים וועגן זיי ווייס איך נישט — וועל איך אויך שווײַגן. שוין אַ סך יאָרן ווי מעסטעל איז אין פרײַנדשאַפט פאַרבונדן מיט דער שוישפּילערין און דיכטערין שׂרה קינדמאַן. שוין יאָרן לאַנג ווי זיי פירן אַ געמיינזאַם הויז, און רופן זיך כּסדר פרײַנד און פרײַנדין. אַ בת־קול פון אַמאָליקן אייראָפּעיִש־קינסטלערישן לעבנס־אידעאַליזם פון אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

כאָטש אַ טעאַטער־מענטש, און אַ טעאַטער־מענטש דאַרף דאָך אָפּשאַצן קלאָרקייט, און כאָטש מעסטעל איז אַלע מאָל זייער לאַגיש און זייער קלאָר אין פּערזענלעכן געשפּרעך און אין די אַרטיקלען און אין די זכרונות — איז ער אָבער אַלע מאָל זייער פאַרנעפּלט אין זײַן ליד. איינס פון זײַנע ביכער הייסט „וויטאַ־חייזד" — אַן אויסגעטראַכטער נאָמען פון אַן אויסגעטראַכטן העלד. אײַנפלוס פון פרידריך ניטשע, אָדער, ריכטיקער: אײַנפלוס פון דער אײַנפלוסצײַט פון פרידריך ניטשע.

ער איז מיט קיינעם נישט צעקריגט, יעקב מעסטעל, ער רעדט קיין מאָל אויף קיינעם נישט אויס, און קיינער רעדט קיין מאָל אויף מעסטעלן נישט

אויס, און דאָך איז עפּעס מעסטעל מיט אַלעמען פֿון דער ווײַטן. עס איז אים שווער זיך צוצופּאַסן צו דער גאַנצער וועלט אונדזערער. אַפֿילו אַ דירה קען ער זיך עפּעס נישט צופּאַסן. אַז דו קלויבסט זיך אויס צו באַזוכן מעסטעלן און דו קומסט אָן לויט דעם ריכטיקן אַדרעס — וווינט ער שוין דערווײַל אין דער דריטער דירה ערגעץ.

כאָטש דאָס לעבן האָט אים אַרומגעשלײַדערט אין אַזוי פֿיל סיטואַציעס און ער האָט זיך צו אַזוי פֿיל סיטואַציעס געמוזט אין לעבן צופּאַסן — אָפּט שפּילן אין פּיעסעס, וואָס האָבן אים פֿון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט געעקלט און אָפּט פֿון אידעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט ווײ געטון — פֿאַרלייקנט ער זיך קיין מאָל נישט. ער מאַכט קאָמפּראָמיסן, אָבער ער טוט עס צו וויסן, ער פֿאַרשווײַגט עס נישט. אין יענער מלחמה איז ער אַ צײַט לאַנג געווען אַ וואַך־אָפֿיציר בײַ גענעראַל הינדענבורג, אָבער כאָטש זײַנע בריוו זענען געוואָרן צענזורירט, פֿלעגט ער שרײַבן אין יידיש צו מיר. דערצו בין איך געווען אַ פּראָסטער סאָלדאַט און ער — אַן אָבער־לייטענאַנט. מעסטעל געדענקט גערן די מיליטער־צײַט זײַנע, בײַ אים אין שטוב הענגט אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון יענער צײַט און הינטערן גלאָז פֿון בילד ליגן די מעדאַלן זײַנע.

ווען האָב איך מיך מיט מעסטעלן באַקענט? איך קען מיך בשום־אופֿן נישט דערמאָנען. עס דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב אים קיין מאָל נישט געקענט פּערזענלעך. אפֿשר האָב איך אים אין לעמבערג און אפֿשר אין ווין געזען דאָס ערשטע מאָל. איך געדענק די איבערמוטיקע צײַט, אין יאָר 1920, איך געדענק דעם געזעגן־אָוונט, וואָס מיר האָבן אים אײַנגעאָרדנט, איך געדענק זײַן טיפֿן ערנסט און אונדזער ייִנגלשן איבערמוט. צו ערשט האָבן מיר געהאַלטן אונדזערע רעדעס זיצנדיק, שפּעטער שטייענדיק, שפּעטער שטייענדיק אויף די שטולן און שפּעטער שטייענדיק אויפֿן טיש. משה גראָס האָט אונדז אַלעמען דעמאָלט איבערגעטראָפֿן מיט וויץ און מיט וואָרטשפּיל. מעסטעל האָט ממש געליטן און געשמייכלט דורך טרערן מיט זײַנע גרויסע הירש־אויגן. ער האָט נישט צו פֿיל זין פֿאַר הומאָר, דערפֿאַר אָבער דרײַ מאָל אַזוי פֿיל זין פֿאַר ערנסט.

מעסטעל פֿאַרשטייט דורכויס דאָס טעאַטער בכלל און דאָס יידישע טעאַטער בפֿרט. אין דער יידישער טעאַטער־פּראָפֿעסיע האָט מען אים זייער ליב פֿאַר זײַן צאַרטקייט אין פּערזענלעכן לעבן, פֿאַר זײַן חברשאַפֿט און הילפֿגרייט־קייט. דאָך האָט מען מורא פֿאַר אים, ווײַל מען ווייסט, אַז ער איז גרייט צו לײַדן אַ שלעכטן סעזאָן, אַבי מען זאָל שפּילן ערנסטע פּיעסעס. איך האָב אַ מאָל מעסטעלן געזען שפּילן אַ ראָלע פֿון אַן ערנסטן דאָקטאָר אין אַ לאַטײַנערישן שונדשטיק אין ווין. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער זיך זייער

ערנסט צעשפּילט אין זײַן „גערעכטער" ראָלע. די חברים־אַקטיאָרן האָבן זיך נישט געקענט אײַנהאַלטן כאָטש עס איז געווען אין מיטן שפּיל:

— וואָס האָסטו זיך אַזוי צערעדט, מעסטעלע? מיינסט עס טאַקע ערנסט?

— האָבן זיי פּריוואַט צו אים גערעדט אין מיטן פון דראַמאַטישן שפּיל און הויך אויף אַ קול...

מעסטעל האָט מיר שוין נישט איין מאָל געעצהט, אַז איך זאָל שרײַבן דראַמעס. אָפּט האָב איך לויט זײַנע אָנווײַזונגען געמאַכט דראַמאַטישע פּלענער, אָבער איבער די פּלענער איז עס קיין מאָל נישט אַריבער. וואָלט דאָס אַזוי לײַכט אָנגעקומען, וואָלט דאָך מעסטעל זיכער אַליין געשריבן פאַרן ייִדישן טעאַטער. ער איז אָבער אַ טעאַטראָלאָג און נישט קיין דראַמאַטורג. ער איז ווי יענער מלמד, וואָס פאַרשטייט דעם ענין פון שווימען... צווישן די ייִדישע פּאָעטן איז מעסטעל דער פּיערראָ... און מיר האָבן אים אַלע ליב. ער איז אַ מין נע ונדניק פון אַ סך מוזעס אין טעמפּל פון די ייִדישע קונסטן. ווו געגנעכטיקט — נישט געטאָגט. נאָר האָט מען אים איין מאָל אײַנגעשלאָסן אין האַרץ — פאַרלאָזט ער עס נישט מער. הײַנט איז ער שוין גרוי ווי אַ טויב, און שטיל ווי אַ טויב איז ער דאָך אַלע מאָל געווען. אַזוי איז די געשטאַלט יעקב מעסטעל אין אונדזער ליטעראַטור און אין אונדזער טעאַטער.

1946

קלמן מרמר

געבוירן 1879 אין אַ שטעטל אין ווילנער געגנט. 1899 אין שווייץ, 1902 — ענגלאַנד, 1913 — אַמעריקע. אַלערליי רײַזעס. יאָרן לאַנג געווינט אין אַלערליי לענדער און שטעט אין אייראָפּע און אַמעריקע. צוו״אַ אויך יאָרן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. שטענדיקער וווינאָרט אין אַמעריקע. גע־שטאָרבן 2טן יולי 1956.

אַ קליינגעוווקסיקער און מיט אַ טאַטאַלער ליסינע און מיט זייער לעבע־דיקע אויגן און מיט אַ גוטמוטיקן אייביקן שמייכל אויפֿן פּנים — דאָס איז קלמן מרמר. מען רופֿט אים מאַרמאָר, אָבער ער לייגט אויס זײַן נאָמען אָן די וואָקאַלן, בלויז די קאָנסאָנאַנטן: מרמר. מסתּמא צוליב טראַדיציאָנעלע טעמים, ווײַל קלמן מרמר איז פּונקט אַזוי פֿול מיט רעוואָלוציאָנערישקייט ווי ער איז פֿול מיט טראַדיציע און פֿאַרקערט.

נאָכצופֿאָלגן קלמן מרמרס ביאָגראַפֿיע איז נישט אַזוי לײַכט — עס איז די ביאָגראַפֿיע פֿון אַ פֿלינק פֿישל אין אַ דורכזיכטיקער סאַדזעווקע. אָט דאַכט זיך דיר, אַז דו פֿאָלגסט עס נאָך מיט די אויגן, און אָט איז עס, און אין איין סעקונדע, ווען דו האָסט עס פֿאַרלוירן פֿון די אויגן, איז עס שוין גאָר ערגעץ אַנדערש. אָט איז ער געווען אין אַמעריקע און עס דאַכט זיך דיר שוין, אַז דו דאַרפֿסט מרמרן זוכן שטענדיק אין אַמעריקע, נאָר איידער דו קוקסט זיך אַרום האָט ער שוין באַוויזן צו זײַן עטלעכע יאָרן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד און אַרויסגעבן דאָרט אַ פּאָר דיקע בענד מיט ליטעראַרישע פֿאָרשונגען, אָנגעפּיקעוועט מיט אַלערליי פֿאַקטישקייטן, ווי אַ געדיכטע שטיקערײַ. און אַזוי כּסדר, פֿון זײַן אַרײַנטרעטן אין דער עפֿנטלעכקייט פֿון ייִדישן לעבן, וואָס איז פֿאַרגעקומען אויך טראַדיציאָנעל צו זײַן בר־מיצווה ווערן...

אין ייִדיש־פּאָליטישן זינען: אומעטום ווו עס זענען פֿאָרגעקומען ענדע־רונגען און איבערשטעלונגען אין ייִדיש־פּאָליטישן דענקען איז שוין דאָרט געווען קלמן מרמר און כּמעט אַלע מאָל קעגן שטראָם פֿון דער פּאָליטישער טראַדיציע און מיט דעם שטראָם פֿון דעם ייִדיש־פּאָליטישן געוויסן. וואָס שײַך טראַדיציע לעבט ער זיך אויס אין דער ליטעראַטור, דערפֿאַר איז ער אין דער פּאָליטיק נאָך מער אומטראַדיציאָנעל.

און כאָטש קלמן מרמר איז אין דער ייִדישער פּאָליטיק דער אמתער קאָמעלעאָן — און ער אַליין האָט זייער ליב צו דערציילן און צו שרײַבן וועגן זײַנע בײַטונגען און ענדערונגען — האָט אים אָבער קיינער, אויב איך

האָב נישט קיין טעות, קײנער פֿון זײַנע קעגנערס ניט אָנגערופֿן מיט דעם דאָזיקן נאָמען, וואָס איז נישט קיין קאָמפּלימענט אין פּאָליטישן לעבן.

פֿאַר וואָס? אָט פֿאַר וואָס. ווײַל קלמן מרמרס ענדערונגען זענען קײן מאָל נישט געווען קײן צופּאַסן זיך צו דער מאַיאָריטעט, עס איז גיכער אַלע מאָל געווען אַ צופּאַסן זיך צו דער מינאָריטעט און ווו עס איז קײן מינאָריטעט נישט געווען, נו, האָט זיך קלמן מרמר געגעבן אַן עצה, ער האָט די מינאָריטעט אַליין באַשאַפֿן...

און דאָך זענען די אַלע בײַטונגען, אין דער אמתן, אין טיפֿן תּוך קײן מאָל קײן בײַטונגען גאָר נישט געווען. עס איז — פּאַרקערט — געווען אַ גרויסע אויסגעהאַלטנקייט. אין דער וועלט פֿון די פֿאַרבן זענען פֿאַראַנען דרײַ גרונט־פֿאַרבן: רויט, בלוי און געל — אַלע איבעריקע זענען קאָמבינאַציעס, אָבער די פֿאַרבן בלײַבן אין גרונט די זעלבע. קלמן מרמר איז נאָך ייִנגלווײַז, אַזוי דערציילט ער מיט ליבשאַפֿט אַליין, געוואָרן אַ סאָציאַליסט אונטערן אײַנפֿלוס פֿון די... פֿאַר דריטהאַלבנטויזנט־יעריקע נביאים. און אָט דאָס איז געבליבן דער קרעדאָ פֿון זײַן לעבן ביז אויפֿן הײַנטיקן טאָג. ייִדישקייט, סאָציאַליס־טישקייט, אמת־זוכערײַ — אָט דאָס זענען די דרײַ גרונטפֿאַרבן, וואָס האָבן אין דעם אומרו־אומרוּיִקן קלמן מרמר אַרויסגערופֿן די אַלע ענדערונגען. זינט מער ווי אַ גוט צענדליק יאָרן איז ער — ווײַזט אויס דעפֿיניטיוו דאָס מאָל — קאָלאָניזירט מיט זײַן אומרויִקן גײַסט אויף לינקס.

די ייִדישע ליטעראַטור האָט מרמר ליב ווי דאָס לעבן, מער ווי דאָס לעבן, ווײַל דאָס לעבן פֿאַרגייט און די ליטעראַטור באַשטייט, און ווו גאָר אַ שווערע אויפֿגאַבע, נעמט ער זיך אונטער. און ערלעך איז ער דאָ ביז פּײַנלעכקייט. זלמן רייזען, דער ייִדישער ליטעראַטור־לעקסיקאָגראַף, האָט אָפּט צוגעגעבן, אַז ווען נישט מרמר וואָלט זײַן לעקסיקאָן געווען כאָטש מיט אַ דריטל קלענער און מיט אַ דריטל ווייניקער פּינקטלעך. מיט באַזונ־דערער ליבשאַפֿט האָט מרמר ליב זיך צו גריבלען אין די ווערק פֿון די ערשטע ייִדישע סאָציאַליסטן, גרויסע תּלמידי־חכמים, דאָרט שווימט ער ממש. וואָלט ער געקענט נאָכווײַזן, אַז קאַרל מאַרקס האָט אַ מאָל כאָטש געלערנט איין בלאַט גמרא, וואָלט ער זיך מחיה געווען.

אַלע שפּראַכן, וואָס מרמר קען, און ער קען אַ סך, רעדט ער ממש מיט אַ כּיוון מיט אַ ייִדישן אַקצענט, אויך ייִדיש רעדט ער מיט אַן אַקצענט, מיט אַ ליטווישן אַקצענט. אַ מאָל האָב איך אים געהערט רעדן מיט עמעצן אַ לענגערע צײַט אויפֿן טעלעפֿאָן, ער האָט גערעדט ענגליש און באַנוצט זייער אַ שיינעם סטיל, אָבער פֿון דער ווײַטן האָט עס געקלונגען דורכויס ווי ער וואָלט גערעדט ייִדיש, ליטוויש־ייִדיש.

על־פּי שׂכל וואָלט אויסגעקומען, אַז מענטשן מיט טאָטאַלע ליסינעס

וואָלטן געדאַרפֿט האָבן אַ ווײניקער גוטן זכּרון, איז עס אָבער פֿאַרקערט, און אַזוי אויך אין פֿאַל מרמר. אין זײַן נאַקעטן שאַרבן האָט מרמר אַן אײַזערנעם זכּרון (האָט איר באַמערקט די קאָמבינאַציע פֿון ביין, שטיין און מעטאַל?).
און אַז ער רעדט מיט אײַך און כאַפּט אײַך בײַ צענדליקער גרײַזן, טוט ער עס אַלע מאָל מיט אַ געלעכטערל, אַזוי ווי נישט איר זענט שולדיק אין גרײַז, נאָר שולדיק איז גאָר דער אמת, וואָס וויל זיך נישט צופּאַסן צו אײַך, אַן אײַנגעשפּאַרטער אמת. אָבער וואָס זאָל מען מיט אים טאָן? באַליידיקט עס טאַקע קיין מאָל נישט, אַז מרמר האַלט אײַך אין איין פֿאַרריכטן אין שמועס מיט אים. אַגב האָט ער אויף יעדן קרומען וואָרט אײַערן אַ גלײַכוועדטל און ער דערציילט עס און ווי נישט קיין גוטער אָראַטאָר לאַכט ער דריבנע אַליין דערבײַ. — מרמר האָט ליב שטילערהייט אַכטונג צו געבן אויפֿן געוויסן פֿון אַ שרײַבער, אויף דער עטישער זײַט פֿון זײַן טון און רעדן, און באַמערקט ער געוויסן, אײנקלאַנג פֿון וואָרט און טאַט, איז ער מלא־שׂימחה, שרײַבט ער אײַך אַ באַגײַסטערטן בריוו, זעט ער אין דעם אַ פֿאָרזעצונג פֿון דעם אמתן סאָציאַליזם, דעם יִידישן סאָציאַליזם, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דריטהאַלבן טויזנט יאָרן צוריק און וועט זיך ענדיקן באחרית־הימים, ווען ער וועט שוין נישט נייטיק זײַן, ווײַל ער וועט זײַן ווירקלעכקייט.

1941

משה נאַדיר

געבוירן 1885 אין נאַראַיעוו. פֿון 1898 אין ניו־יאָרק. רײַזעס איבער אייראָפּע, ראַטן־פֿאַרבאַנד, צפֿון־אַמעריקע. געוווינט לרובֿ אין און אַרום ניו־יאָרק. געשטאָרבן 8טן יוני 1943.

איך האָב געהאַט אַן עלטער־מומע, איר נאָמען איז געווען שׂרהלע לאַנדמאַן, זי האָט געהאַט אַ זון, משהלע לאַנדמאַן, מיט אַ גרינלעך פּנים און אַן אייביקן שמייכל פֿון יענער־וועלט. זי איז געווען פֿון נאַראַיעוו, פֿון משה נאַדירס שטעטל. ביידע די נעמען געפֿינען זיך אין אַלערליי צוזאַמענהאַנגען אין נאַדירס ווערק. גלאַט אַזוי — די נעמען האָבן געקלונגען אין זײַנע אויערן פֿון דער קינדהייט אָן, שײנע גאַליצישע נעמען זענען זיי — האָט ער זיי אַרײַנגעשטעלט.

איין מאָל האָב איך מײַן עלטער־מומע באַגעגנט בײַ אונדז אין שטעטל רעדים — און איך האָב איר דערציילט וועגן די דערפֿאָלגן פֿון משה נאַדיר, יצחק רייז פֿון איר שטעטל (דאָס איז נאַדירס ריכטיקער נאָמען). זי האָט מיר קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז דאָס איז אַן אַמעריקאַנער בלאָף. אַז עמעץ האָט געגנבֿעט יצחק רייזעס פּאַס און גיט זיך אויס אַלס ער. וואָרעם עס איז אַבסאָלוט אויסגעשלאָסן, אַז איציק מאיר דודזשיעס דעם בעקערס יונג זאָל האָבן עפּעס דערגרייכט אויף דער וועלט. אויך משהלע לאַנדמאַן, וואָס איז געווען אין משה נאַדירס יאָרן, זײַן חבֿר פֿון דער קינדהייט, וואָס איז איצט שוין געווען אַ מלוכה־באַאַמטער אין פּוילן, אַגבֿ — אַן אַדוואָקאַט, מײַן מומעס זון מיטן גרינעם פּנים און אייביקן שמייכל פֿון יענער־וועלט, האָט בשטעטיקט זײַן אַלטער מאַמעס ווערטער: איציק מאיר דודזשיעס? — אויסגעשלאָסן. אַז משה נאַדיר און איך האָבן אַ מאָל געשריבן צו משהלען אַ בריוו — האָט ער נישט געענטפֿערט. מײַן מאַמען האָט ער בײַ אַ געלעגנהייט געזאָגט, אַז ער האָט מורא, אַז מען ציט אים דאָ אַרײַן אין עפּעס אַן אַפֿערע מיט געפֿעלשטע נעמען, פּאַספּאָרטן...

ער איז גערעכט געווען, משהלע לאַנדמאַן. משה נאַדיר איז געווען אַ נאַטור־פּענאָמען. עפּעס אומנאָרמאַלס, אוממענטשלעכס איז געווען אין זײַן וואָרטקונסט. דער געניאַלער אידיאָט — האָט ער זיך דאָך אַליין גערופֿן. ער איז געווען דער איינציקער אידיאָט, וואָס האָט געוווּסט, אַז ער איז עס און דער איינציקער געניוס, וואָס האָט געהאַט דעם מוט עס צוצוגעבן און נישט קיין שמייכל טון דערבײַ.

אַז די ווערטער ווערן געשריבן, איז זעקס טעג נאָך נאַדירס טויט. און

עס דאַכט זיך, אַז נישט נאָר איז עס שוין זייער, זייער לאַנג ווי ער איז געשטאָרבן, נאָר אַז ער האָט גאָר קיין מאָל נישט געלעבט אויף אַן אמת. אַ קאָמעט אין דער וועלט פון וואָרט. צוזאַמען מיט אָט דער וועלט באַשאַפן געוואָרן — ווי די קאָמעטן מיט אונדזער סיסטעם אַרום דער זון. פון צײַט צו צײַט באַווײַזט ער זיך אין זײַן גאַנצער הימלישער פּראַכט און פאַרשווינדט, ביז זײַן צײַט קומט ווידער. ער איז נישט געשטאָרבן, ער האָט נישט געלעבט, ער איז דאָ געווען פון אייביק אָן, ער האָט זיך נאָר באַוויזן אויף אַ צײַט און דעם 8טן יוני איז זײַן אַסטראָנאָמישע צײַט צו פאַרווײַלן אויף דער ערד אָפּגעלאָפן.

1001 דערינערונגען איבערהיפּערן זיך אַליין אין מוח, ווען איך טראַכט איצט וועגן נאַדירן. אָבער איך בין נישט איינער, 1001 מענטשן האָבן אָט אַזעלכע טויזנט און איינס דערינערונגען וועגן אים. ווײַל יעדע רגע מיט אים איז געווען אַן אַנעקדאָט, אַ וואָרטשפּיל, אַ געדאַנקען־בליץ, אַ רגע — אייביק צו געדענקען. — — האָט איר אַ מאָל באַזוכט אַ גראָטע מיט סטאַלאַקטיטן און סטאַלאַגמיטן, האָט איר זיך אין דער שטילקייט אײַנגעהערט צום רעגולערן טריפן פון וואַסער־טראָפּן, האָט איר געזען די קרישטאָלענע וווּנדערס, וואָס זיי באַשאַפן? אַזוי האָט נאַדירס פענאָמענאַלער מוח יעדע רגע באַשאַפן ווערטער־טראָפּנס און די ווערטער האָבן זיך קריסטאַליזירט און געוואָרן געדאַנקען, אָבער דער פּראָצעס איז געגאַנגען ווײַטער און ווײַטער אָן אַן אָפּשטעל און דאָס איז געווען משה נאַדירס גרויסע טראַגעדיע.

אָט גייען מיר אין אָטוואָצק שפּאַצירן. 1926. ער האַלט אין איין רעדן מיט זײַן גיך מאָלנדיקער שטים, וואָס שטעקט אַ ביסל אין גאָרגל און איז גלײַכצײַטיק אומענדלעך מוזיקאַליש. ער האַלט אַ פּעדער אין האַנט און אַ העפט און ער פאַרשרײַבט פון צײַט צו צײַט מיט זײַן שריפט, וואָס איז אַבסאָלוטער כאַאָס. ער איז אַ הויכער, זײַנע געקרײַזלטע, געדיכטע האָר זיל־בערן אין אַ געדיכטער טשופּרינע אין דער זון, די שיינע, גרויסע גרינלעך־ברוינע אויגן קוקן שטאַר און אַן אַ שמייכל און די נאָז איז אָנגעכמורעט און לאַנג און דאָס מויל, דאָס ברייטע, פולע מויל מאָלט און מאָלט, מאָלט ווי אַ מיל און מאָלט ווי אַ מאָלער. יעדע סעקונדע אַ קונציק וואָרט, יעדע זיבן סעקונדעס אַ קונציקער געדאַנק.

משה נאַדיר און איך — מיר האָבן ביידע צעטרומייטערט די משה נאַדיר־נאַכט, וואָס דער ליטעראַטן־פאַראיין האָט פאַר אים אָרגאַניזירט אין צירק, אין וואַרשע, זומער 1926. ער האָט אַזוי פיל ענערגיע אויסגעגעבן אויף צו רעקלאַ־מירן זײַן רעדע, דאָס פענצטער אין דער לופטן, די לייטער פון ווערטער, וואָס גייט אַרויף, אַרויף און קיין מאָל נישט אַראָפּ, אַז ער האָט פאַרגעסן צוצוגרייטן די רעדע און שטאָט צו רעדן האָט ער אַ שעה צײַט געפּלאָנטערט מיט דער

צונג וועגן „פֿאַרשאָלטן זײַן" מיט טאַלאַנט. דאָס וווּנדערלעכע פּנים זײַנס האָט זיך פֿערדיש צעצויגן בשעת זײַן רעדע אויף דער צירק־אַרענע און ער האָט פּלוצלינג אויפֿגעהערט צו רעדן. איך האָב אים געוואָלט אויפֿפּרעסן פֿון בייזקייט און אויך זיך אַליין. ער האָט זיך ממש באַהאַלטן פֿון מיר, באַלד זיך צעשמייכלט צוריק און צוגעזאָגט אָפּצוגעבן.

און אַ פּאָר וואָכן שפּעטער ביי אַ קליינעם אָוונט אין פּולטוסק ביי וואַרשע, פֿאַר אַ הונדערט קליינשטעטלניקעס האָט ער געהאַלטן איינע פֿון זײַנע שענסטע רעדעס. איך בין געווען אַזוי גערירט, איך ווייס אַליין נישט פֿאַר וואָס, אַז איך האָב געוויינט מיט אמתע טרערן בשעת איך האָב אים פֿאַרן פּובליקום געדאַנקט פֿאַר דער רעדע.

אַ געמיש פֿון וואָרט, געדאַנק און האַרץ — און פֿון אַלע דריי עלעמענטן, וואָס באַשאַפֿן אַ דיכטער, צען מאָל צו פֿיל. אָבער דאָס מויל קען דאָך נישט צעשפּרונגען ווערן פֿיזיש פֿון צו פֿיל ווערטער, זענען זײַנע שריפֿטן צעשפּרונגען פֿון צו פֿיל ווערטער, אויך דער מוח קען נישט פּלאַצן פֿון צו פֿיל געדאַנקען — האָבן זיך דעריבער די געדאַנקען צעקוידערט און צעקנוילט אין זײַנע ווערק ווי דאָס אײַזנוואַרק פֿון אַ פֿאַרברענט הויז — נאָר אַ האַרץ פֿון אַ דיכטער קען יאָ פֿיזיש צעריסן ווערן פֿון צו פֿיל געפֿילן — איז טאַקע נאַדירס האַרץ צעריסן געוואָרן. — —

משה נאַדיר איז אַ מעטעאָר געווען, אָפּגעלויכטן און זיך טיף אײַנגעגראָבן אין דער ערד אין פֿאַל. דורות פֿאַרשערס וועלן מוזן אַרבעטן דעם מעטעאָר צוריק אַרויסצוברענגען, אַנאַליזירן, אויספֿאָרשן די עלעמענטן.

איז דאָס אַלץ? דאָס איז אַ טויזנטסטל פֿון דעם וואָס אַ טויזנט מענטשן, וואָס האָבן נאַדירן געקענט, קענען יעדער באַזונדער דערציילן.

1943

פּראָפעסאָר ד״ר עזריאל נאַקס

געבוירן 1907 אין ראָגאַטשאָוו, װײַסרוסלאַנד. 1914 געקומען קיין אַמעריקע.

אין דעם גרעסטן ייִדישן שטעטל, וואָס געפינט זיך אין דער גרעסטער, יעדנפאַלס ענערגישסטער, שטאָט פון דער וועלט — ניו־יאָרק — זענען פאַראַנען אַלערליי מענטשן. מחמת יעדעס שטעטל איז אין דער אמתן אַ וועלטל, אָדער גאָר אַ גאַנצע וועלט פאַר זיך. יאָ — אין דער שטאָט ניו־יאָרק איז דאָ אַ ייִדיש שטעטל ניו־יאָרק, און עס איז דאָס גרעסטע פון אַלע לענדער, קאָנטי־נענטן און צײַטן, מחמת עס ציילט דריטהאַלבן מיליאָנען נפשות. און אין אָט דעם ייִדישן שטעטל זענען דאָ אַלערליי ייִדן און איינער פון די אָריגינעלסטע — אין אַ געוויסן זינען — איז פּראָפעסאָר ד״ר עזריאל נאַקס.

אַלע מיינען, אַז ער — נאַקס — איז געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע, אָבער דאָס איז נישט אַזוי. ער איז געבוירן געוואָרן אין „דער אַלטער היים״ און איז קינדווײַז געבראַכט געוואָרן קיין אַמעריקע. פון דער נאַטור אַ מתמיד — האָט ער אַ סך געלערנט, סײַ ייִדישע לימודים און סײַ אַלגעמיינע און ער האָט דערגרייכט אַ סך אַקאַדעמישע טיטלען. ער האָט באַוויזן דעם כּוח — מיר ווילן דאָ בשום־אופן נישט זאָגן „קונץ״ — צו שטיין מיט ביידע פיס אין ביידע קולטורוועלטן, דער אַלגעמיין אַמעריקאַנישער און דער מאָדערן ייִדישער. זײַן נאָמען אין ייִדיש שרײַבט ער „עזריאל נאַקס״. זײַן נאָמען אין ענגליש שרײַבט ער „ישראל״ און דעם צווייטן נאָמען זײַנעם לייגט ער אין ענגליש אויס מיט די אותיות: קעי, ען, אָ, עקס. און דאָס איז אַ סימן — און דער סימן איז „ישראל״, אַז ער וויל דאָ בשום־אופן נישט באַהאַלטן זײַן ייִדישקייט און נאָר זי אַפילו שטאַרקער אונטערשטרײַכן.

גאָט האָט געגעבן זײַן פּנים איידלקייט און חן און אַ מילדע שיינקייט. און זײַן קול האָט ער געגעבן אַ זעלטענע האַרציקייט און די רויִקייט דעם גאַנצן געמיט זײַנעם אין אומגאַנג מיט מענטשן. און ער האָט אים געגעבן שרײַבערישן טאַלאַנט אין צוויי לשונות — ייִדיש און ענגליש. אפשר פאַר־קערט: ענגליש און ייִדיש. און צו דעם אַלעמען — אַ זעלטענעם רעדנער־טאַלאַנט. נישט דעם טאַלאַנט פון אַ מאַסן־אָראַטאָר, נײַערט אַ רעדנער פאַר נײַגעריקע, אינטעליגענטע מענטשן, וואָס ווילן הערן און לערנען. אַ פּראָ־פעסאָרישער רעדנער־טאַלאַנט.

אַז דער נאָמען פון עזריאל נאַקס האָט זיך באַוויזן אין ייִדישע און אין ענגלישע זשורנאַלן און זײַן געשטאַלט אויף ייִדישע און ייִדיש־ענגלישע טריבונעס און מען האָט דערזען און דערהערט דעם אופן פון זײַן רעדן, אי

שײַן און אי װיסנשאַפטלעך דאָקומענטירט, און אי שטאַרק לאָגיש — האָט מען, באַזונדערס אין די ייִדיש־ייִדישע קרײַזן אין אַמעריקע, זיך געסודעט מיט פרייד: עס װאַקסט אַ קאַנדידאַט אויף דעם אָרט, װאָס עס פאַרנעמט ד״ר חיים זשיטלאָװסקי — איבער הונדערט און צװאַנציק יאָר... דאָס איז געװען אין די דרײַסיקער יאָרן פון דעם יאָרהונדערט.

זשיטלאָװסקי איז געװען אין אַ געװיסן זינען אָנפשרהדיק אויף דעם געביט פון לשון: ייִדיש! און געפילט האָט מען, אַז עס פעלט אַן אַנדערשדיק װאָרט, עס זאָל אי יאָ און נישט זײַן אָנפשרהדיק. און ד״ר נאַקס האָט עס געזוכט און ער זוכט עס נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג. און ער זוכט אַפילו נאָך אַ פשרה, װאָס זאָל זײַן אָנפשרהדיק און דאָס איז אויפן געביט פון רעליגיע, ייִדישער רעליגיע, און בעיקר אין אַמעריקע. ער איז אַ ייִדישער אוניװוער־סאַליסט — ביידע באַגריפן אַזוי ענג געשמאָלצן צוזאַמען, װי עס זענען ענג געשמאָלצן צוזאַמען צװיי זײַטן פון איין זילבערנער מטבע.

צװישן זײַנע טיטלען: פּראָפעסאָר פון פילאָסאָפיע אויף דער אוניװוער־סיטעט פון ניו־יאָרק, מחבר פון ביכער װעגן קאַנט, העגעל און שאָפּענהאַוער — דאָס אויף דעם ענגלישן קולטור־געביט, װוּ ער שטייט פעסט מיט ביידע פיס. אין ייִדיש זענען נאַקסעס ביכער דערװײַל נישטאָ, ער איז אָבער אַזוי שטאַרק אינטעגרירט אין דער ייִדישער קולטורװעלט, אַז ער איז דער װיצע־פּרעזידענט פון ייִדישן פּען־קלוב. אָפט אַ מיטאַרבעטער אין די בעסטע ייִדיש־זשורנאַלן.

בעיקר אין זײַנע אומצאָליקע אַרויסטריטן אין ענגליש און ייִדיש זוכט ער מיט אונדז אַלע צוזאַמען די „אוצרות די פאַרשאָטענע, װאָס ליגן ערגעץ װײַט, אין דעם לאַנד, דעם פאַרבאָטענעם" — לויט לייװיקס אומשטאַרביקן ליד.

און אָט דער „אוצר" איז: אַ באַנײַטע ייִדישע װעלט־באַנעמונג, װאָס זאָל זײַן אי רעליגיעז און אי װעלטלעך; אי אורייִדיש און אי אַלטװעלטיש־אוניװוערסאַל.

אָפט באַגעגענען מיר זיך — ד״ר נאַקס און איך. אָפט איז ער נישט מסכים מיט מיר, און איך מיט אים. מיר האָבן זיך אַפילו אַ מאָל אין באָסטאָן באַגעגנט אויף אַ טריבונע בעת אַ סימפּאָזיום אויף דער אייביקער טעמע: ייִדיש און ייִדישקייט אין אַמעריקע.

משמעות אַז מיר האָבן דעמאָלט דעם „אוצר" און דעם ענטפער נישט געפונען. אַ סימן האָבן מיר, אַז מיר זוכן אים נאָך ביידע. אָבער עס איז גוט צו זוכן, דער עיקר, אַז דער מיטזוכער איז אַזאַ אײדעלע פּערזענלעכקייט װי פּראָפעסאָר עזריאל נאַקס...

1961

שמואל ניגער

געבוירן אין דוקאָר אין יאָר 1883. געווױנט אין ווילנע. שטודירט אין דײַטשלאַנד און אין דער שווײַץ. זינט 1919 אין ניו־יאָרק. געשטאָרבן פּלוצלינג, אין ניו־יאָרק, דעם 24סטן דעצעמבער 1955.

אַ האַלב יאָר פֿאַר דער טשערנאָוויצער יידישער שפּראַך־קאָנפֿערענץ אין יאָר 1908 זענען אין ווילנע דערשינען פֿיר נומערן פֿון אַ צײַטשריפֿט „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפֿטן". אומגעווײנטלעך, פּירעקיק און נישט לענגלעך, דער פֿאָרמאַט. די הילע פֿון טונקל־בלוילעכן, דיקן פּאַפּיר, און אויף דער הילע אַ פּנים־צייכענונג, וואָס קוקט גלײַך, מיט גרויסע, אָפֿענע אויגן אויף דיר און פֿאָרשט דיך. די דרײַ רעדאַקטאָרן: שמריהו גאָרעליק, א. ווײַטער, שמואל ניגער. אין יעדן איינעם פֿון די פֿיר נומערן פֿון די מאָנאַטשריפֿטן איז געווען אַ פֿונדאַמענטאַלער, קריטיש־פֿאָרשערישער עסיי פֿון שמואל ניגער: פּרץ, אַש, נאָמבערג, רייזען.

נאָך דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפֿערענץ האָבן פֿיר יידישע שרײַבערס געמאַכט אַ טורנע איבער גאַליציע: פּרץ, אַש, נאָמבערג, רייזען. אויף איינעם פֿון די אָוונטן — האַרבסט 1908 — אין סטאַניסלעװ, בין איך געווען. דעמאָלט אַ ייִנגל פֿון 14 יאָר. יענער אָוונט, יענע פֿיר עסייען, יענע פּנים־געשטאַלט אויפֿן שער־בלאַט פֿון דער צײַטשריפֿט האָבן זיך אײַנגעקריצט אין מײַן גאַנצן מהות. און אַז איך האָב מיט יאָרן שפּעטער דערזען אַ מאָל אַ בילד פֿון שמואל ניגער, זײַן פּנים מיט גרויסע, אָפֿענע אויגן, וואָס קוקן אויף דיר און פֿאָרשן דיך שטילערהייט — האָט זיך עס באַלד אידענטיפֿיצירט אין מיר מיט יענעם שער־בילד פֿון די מאָנאַטשריפֿטן. און אַז איך האָב מיט יאָרן און יאָרן שפּעטער דאָס ערשטע מאָל דערזען טאַקע שמואל ניגערס לעבעדיקע, שווײַגנדיקע, גלײַך אין דײַן פּנים קוקנדיקע פּאָר אויגן — האָט מײַן דמיון ווידער אַ פֿלי געטון אויף צוריק, צוריק ביז צו מײַן פֿריִער יוגנט, און איך האָב ווידער דערזען דאָס פּנים פֿון די בלויע הילע־טעוועלעך... און נאָך פֿון איין זאַך בין איך געבליבן אַלע מאָל, ווען איך האָב געזען ניגערן, אַ ביסל אַנטוישט: אין מײַן ערשטן דמיון איז ער אַלע מאָל געווען אַ הויכער און אין דער אמתן איז ער געווען אַ ביסל אונטער מיטלהויך. און ווי אָפֿט איך האָב ניגערן געזען — אַלע מאָל די זעלבע אַנטוישונג. דער ערשטער אײַנדרוק־דמיון האָט אַלע מאָל דאָמינירט. און אפֿשר האָט צו דעם — אין די שפּעטערדיקע יאָרן — בײַגעטראָגן דער פֿאַקט, וואָס ניגערס ברידער ברוך טשאַרני־וולאַדעק און דניאל טשאַרני, זענען ביידע געווען הויכע.

12 יאָר זענען אַוועק זינט דעם יאָר 1908 ביז דעם יאָר 1920 — די ערשטע וועלט־מלחמה און די ערשטע וועלט־איזאָלאַציע פון גרויסע טײלן פון וועלט־ייִדנטום אין צווישן. כּסדר איז אויסגעקומען דאָ און דאָרט צו לייענען און צו לערנען פון ניגערס שריפטן וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס אַ סך פון זיי זענען געווען רעוועלאַציעס אין אונדזער וועלט. אין ניגערס שרײַבשטוב — אַזוי האָט זיך עס אויסגעוויזן — שטייען כּסדר צוויי פענצטער ברייט אָפן — איינס צו איי־ראָפּע און דאָס אַנדערע צום אַלטהיימישן ייִדישקייט. אָט אָ די צווייפענצטערדיקייט — קיין מאָל נישט, חלילה: צוויי־פּנימדיקייט — האָט ער אין פאַרלויף פון די פופציק פּרוכטיק־שאַפערישע יאָרן פון זײַן לעבן כּסדר אויסגעבויט אין אַלערליי ריכטונגען. כאָטש עס איז געווען זײַן גרויסער פּראָגאָן, בעל־מחשבות, וואָס האָט דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעזאָגט דאָס גרויסע וואָרט „צוויי שפּראַכן — איין ליטעראַטור", איז עס אָבער געווען ניגער, וואָס האָט אָט אָ די צווייפענצטערדיקייט אין אונדזער ייִדישער קולטור דערפירט מכּוח אל הפּועל — דורך משפּיע זײַן אויף דער ריכ־טונג פון דעם לואי לאַמעד־פאָנד און טאַקע דורך אַ ריי ווערק און אומצאָליקע אַרטיקלען וועגן דער פּראָבלעם. און נאָך אַ צווייפענצטערדיקייט. פון איין זײַט קלאַסישע, און אַפילו אַלטע ייִדישע ליטעראַטור, און פון דער אַנדערער זײַט פאָרשונגען און אויסטייטשונגען פון דעם סאַמע לעצטן און מאָדערנסטן וואָרט אין דער ייִדישער פּאָעזיע און פּראָזע.

יאָ, די ערשטע צוועלף יאָר ניגערס באַגלייטונג פון דער ייִדישער ליטע־ראַטור — ביז 1920. און אַז דער שרײַבער אין אומעט פון די אָ שורות האָט דאָס ערשטע מאָל אין אַן אַרטיקל אין ניו־יאָרקער „טאָג" געלייענט, אַז ניגער האָט אים באַמערקט און געזאָגט אַ גוט וואָרט וועגן אים — האָט ער אין קינדישער פרייד צען מאָל די שורות געלייענט, וואָרעם ערשט דעמאָלט האָט ער באַקומען סמיכה אויף אַ סופר אין דער ייִדישער ליטעראַטור... און פון דעמאָלט אָן האָט ניגער כּמעט יעדעס בוך פון דעם שרײַבער מיט זײַנע קריטישע און פאָרשערישע באַמערקונגען באַגלייט.

אַנטקעגן דעם וואָרט „באַגלייט": מיר זענען געזעסן אַ שעה נאָך דער ידיעה, דער לעצטער ידיעה וועגן ניגערן ווי אַ הווה... אין דער רעדאַקציע „די גאָלדענע קייט" אין תּל־אביב און מיט געבויגענע קעפּ געערדט און געריידט און געפּרוווט אַראָפּרעדן דעם צער. האָט געזאָגט אַברהם סוצקעווער: ניגער האָט נישט געפירט די ייִדישע ליטעראַטור, נאָר ער האָט זי באַגלייט שריט בײַ שריט, יעדן שרײַבער באַזונדער אין פאַרלויף פון אַ האַלבן יאָר־הונדערט. האָט געענטפערט מ. ר.: און עס איז אַ הויכע מדרגה, און עס קען גאָר אַנדערש נישט זײַן, ווײַל אַ ליטעראַטור, וואָס לאָזט זיך פירן איז אַפילו נישט ווערט, אַז מען זאָל זי באַגלייטן...

אַ פּאַרזיכטיק אַרומקוקן זיך אויף אַלע זײַטן און אויך אַרויף און אַראָפּ האָט כאַראַקטעריזירט שמואל ניגערס שרײַבן און זײַן גאַנצן וועזן, אפילו פּשוט זײַן באַנעמען זיך אין טאָג־טעגלעכן לעבן. יעדע טעזע זײַנע — און ער פלעגט קרישטאָל־קלאָר פאָרמולירן זײַנע טעזעס — איז צום סוף באַגלייט געווען מיט אַן אפשר... און עס איז אפשר נישט קײן צופאַל, וואָס ער פלעגט אַזוי אָפט באַנוצן אין זײַנע אַנאַליזן פון ליטעראַרישע ווערק דאָס וואָרט „אין דער ברייט" און „אין דער טיף" — האָריזאָנטאַל און ווערטיקאַל. אָט דאָס איז דאָך דאָס פּאַרזיכטיקע אַרומקוקן זיך אויף אַלע זײַטן און אויך אַרויף און אַראָפּ. ווער פון אונדז — ייִדישע שרײַבערס — האָט נישט אין זײַן אַרכיוו צענדליקער, אַנדערע אפילו הונדערטער, בריוו פון שמואל ניגער? ער איז געווען דער פלײַסיקסטער בריוושרײַבער אין דער ייִדישער ליטעראַטור. און כאָטש די שריפט — צוליב דעם גוואַלדיקן כּמות, אין וועלכן זי פלעגט אין פאַרלויף פון אַזוי פיל יאָרן שטראָמען פון זײַנע פלײַסיקע הענט איז נישט געווען צו דײַטלעך, איז אָבער קלאָר געווען, אַז יעדער בריוו איז נאָכן אָנשרײַבן געווען געפילטערוועט געוואָרן דורך דעם קריטיקער־זעלבסט־קריטיקער. אָט אָ די בריוו זענען אַלע מאָל געווען אַרומגעשריבן פון אַלע זײַטן — נאָך אַ באַמערקונג און נאָך אַ באַמערקונג — נאָך אַ פּאַרזיכטיקער: „אפשר", און נאָך איינער.

אַ ברודער פון אַ טריבון, דעם „ייִדישן לאַסאַל" — וולאַדעק, איז ניגער געווען אַ רעדנער, און אַ גוטער רעדנער, אָבער נישט קיין טריבון. אַ וואָרט אין שריפט קען מען אויסמעקן, אָבער אַ וואָרט, איין מאָל אַרויסגעזאָגט, קען מען שוין נישט מער אויסמעקן אין דער לופט... פלעגט טאַקע ניגער רעדן זייער לאַנגזאַם, ציילן די ווערטער, אָפט קומען אין אַ שטילן קאָנפליקט מיט דער געדולד פון די צוהערערס. אַליין אַ סבלן, לייענער און צוהערער, האָט ער די זעלבע מידה מיט ליטוואַקישער עקשנות געפאָדערט אויך פון אַנדערע. ניגער איז געווען ממש דער ערנצט אַליין. אַ ייִד אַ חריף, האָט ער געהאַט אַ סך הומאָר, אָבער קיין מאָל נישט קיין צײַט דערצו.

איין מאָל, אין יאָר 1926, צו ניגערס 20 יאָר ליטעראַרישע טעטיקייט, אַ צווייט מאָל אין יאָר 1933, צו ניגערס 50סטן געבוירן־טאָג, האָט דער שרײַבער פון די שורות מיט פּראָסטע ווערטער געפאָדערט פון ניגערן דאָס אויפשרײַבן די געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור. און דערצו פּשוט און פּראָסט מעדיטירט: שרײַבן אַ געשיכטע פון אַ ליטעראַטור מיינט, געמאָסטן מיט צײַט: פון יעדע פיר שעה אַרבעט בײַ דעם — דרײַ שעה לייענען און איין שעה שרײַבן — און איר, ניגער, האָט שוין די דרײַ שעה אָפּגעאַרבעט. ניגער האָט ביידע מאָל געענטפערט אויף די רופן אויספּירלעך, מיט צען און

אײנס אַרגומענטן, אָבער דער שרײַבער פֿון די שורות האָט שטילערהייט געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז דאָס פֿאַררעדט ער עפּעס אָן אײגענעם ווײטיק, וואָרעם ער ווייסט, אַז ער איז שולדיק אי זיך און אי דער ייִדישער ליטעראַטור אַט אַ די געשיכטע, אָבער עפּעס אַ פֿאַטאַלער כּוח האַלט אים אָפּ פֿון דער אַרבעט. און אפשר, גאַנץ פּשוט, טאָטאַלע איבערגעאַרבעטקייט און דאָס אַנגאַזשירט זײַן אין אַלערליי געזעלשאַפֿטלעך־קולטורעלע טעטיקייטן.

פֿאַרנדיק פֿון אַ זיצונג פֿון ייִוואָ איז ער, דער גרויסער באַגלייטער פֿון אונדז אַלעמען, פֿון קײנעם נישט באַגלייט, פּלוצלינג אַוועק אויף אײ־ביק... און די געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור איז געבליבן אַ נישט אויפֿגעשריבענע. געבליבן זענען טויזנטער, טויזנטער אַרטיקלען, בוי־מאַטעריאַלן פֿון דער ליטעראַטור־געשיכטע. געבליבן זענען קאַפּיטאַלע ווערק, צו עטלעכע הונדערט ביז צו זעקס־הונדערט זײַטן יעדעס: מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ, אַש, לייוויק א״אַ. דאָס קרוינווערק צווישן די אַלע, „י. ל. פּרץ", ווו ניגער האָט אויפֿגעשטעלט די טעזע אַז פּרץ איז געווען מער ווי אַ דיכטער — אפשר אַ נביא — און די טעזע אויסגעבויט אין אַלע זײַטן, האָריזאָנטאַל און ווערטיקאַל — ווי עס איז געווען זײַן שטייגער.

צופֿעליק — דאַכט זיך אַז יאַנואַר 1950 — האָבן מיר זיך באַגעגנט אויפֿן וואָקזאַל אין מאָנטרעאָל און אַ גאַנצן טאָג צוזאַמען געפֿאָרן אין באַן קיין ניו־יאָרק. אײנער פֿון די ליטעראַריש אינהאַלטרײַכסטע טעג אין מײַן לעבן. צען שעה געדויערט די רײַזע. ווי קען זיך דער גרויסער מתמיד פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור פֿאַרגינען אַזוי פֿיל פּרײַע צײַט? אָבער אין באַן קען מען דאָך סײַ ווי גאָרנישט טון. האָבן מיר געזופּט קאַווע און גערעדט אָן אַ סוף. ביידע נישט־רייכערער און קײן שום וואָלקנפֿאַרהאַנג צווישן אונדז. און האָבנדיק אָן אַ שיעור צײַט, און קענענדיק זײַן אַזוי לאַנגזאַם און אַזוי פֿאַרזיכטיק ווי דאָס האַרץ גלוסט, האָט ניגער אין אָט דעם טאָג — ווען מען וואָלט אַלץ סטענאָגראַפֿירט — ממש אויפֿגעשריבן (אין גערעדטן וואָרט) זײַן גאַנצע וועלט־און מענטש־באַנעמונג. פֿיל צענדליקער שרײַבערס כאַ־ראַקטעריזירט, און אָפֿט גאַנץ שאַרפֿלעך. אַז דער באַנקעלנער איז צוגעקומען קאַסירן פֿאַר די קאַוועס און איך האָב מיך געכאַפּט צום צאָלן פֿאַר ביידן, האָט ניגער בשום־אופֿן נישט געלאָזט, האָב איך שוין אויך נישט געלאָזט, אַז ער זאָל צאָלן פֿאַר מיר. און אַזוי האָבן מיר דעם גאַנצן טאָג פֿאַר אַלע קאַוועס געצאָלט פֿון באַזונדערע קעשענעס. ניגער — פֿון זײַן אַלטהײמיש לעדערנעם בײַטל.

אַן אומוויכטיקער עפּיזאָד אָן שום באַטײַט, אַוודאי. און דאָך כאַראַקטע־ריסטיש פֿאַר ניגערס מקפּיד זײַן — דאָס שפּעריִשע לעבן־לאַנג — אויף אַבסאָ־

לוטער זעלבשטענדיקייט, אַבסאָלוטער אומאָפּהענגיקייט אין דענקען און שרײַבן. ווי דען אַנדערש האָט ער געקענט דורכגיין דעם פּופּציק־יעריקן „סטרוי״ פֿון כּמעט אַלע ייִדישע דיכטערס און פּראָזאַיקערס, אײַפּערזיכטיקע און טעמפּעראַמענטפֿולע נשמות, און בלײַבן ער אַליין, דער קריטיקער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור — אָט אַזוי גערעכט אָדער טעותדיק אין זײַן אורטייל, ווי ער איז געווען, ווי עס איז מענטשלעך צו זײַן.

מענדל נײַגרעשל

געבוירן אין נײַ־סאָנטש אין יאָר 1903. געוווינט אין ווין. פּראַקטיצירט אַלס אַדוואָקאַט. אין בראַזיל פון 1939. 1941 אין ניו־יאָרק. געשטאָרבן דעם 8טן פעברואַר 1965.

ער איז אַרײַנגעקומען אין דער איינזאַמער וועלטקרעטשמע פון דער ייִדישער פּאָעזיע דורך אַ זײַטיקער טיר און אויף די שפּיץ פינגער — מענדל נײַגרעשל. אַ שווײַגנדיקער און מיט אַ לענגלעך, ברוינלעך, גרויאויגיק, שווײַגנדיק פּנים פון אַ משולח, וואָס איז פון קיינעם נישט געשיקט געוואָרן. ער האָט זיך זײַן לעבן לאַנג שטיל אַרומגעדרייט אין אָט דער קרעטשמע. פון אַלעמען באַמערקט און דאָך פון קיינעם נישט באַמערקט. אַז מען האָט גערעדט צו אים — האָט ער נישט געענפערט, נאָר האָט זיך באַלד פאַר עפּעס פאַרענטפערט, קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס.

ער איז געווען אַ טיפּישער גאַליציאַנער־ווינער, און אויב עס איז פאַראַנען אַזאַ זאַך ווי אַ ספּעציפישער גאַליציאַנער ייִדישער פּאָעט — מענדל נײַגרעשל איז עס געווען. ראַפינירט ביז צו די שפּיצן פינגער און אין דער זעלבער צײַט פּשטותדיק ווי אַ פאָלקסליד פון ערשטן ביזן לעצטן וואָרט. אָט איז זײַנס אַ ליד פון זײַנע 29 יאָר:

איצט וויל איך קליינע לידער,
וואָס זענען שטילסטע פּשטות —
צעשמעקט ווי ברויט אויף פעלדער,
ווען קאַלטער רעגן וואַשט עס.

זיי זענען ס׳האַרץ פון אמת
און אייביק פריש ווי שנייען.
דער קאַטערינקעשטשיק שפּילט זיי
דעם שנײַדערל בײַם נייען.

זיי זענען העלער שמייכל
און טריפן זיס ווי האָניק —
און וואַקסן אַגב־אורחא
ווי ווערבלעס אויף אַ גאַניק.

זיי זענען גרויסע קליינקייט,
באַשטימט אויף זײַן און בלײַבן

אַיעדער קען זיי לייענען,
אַיעדער קען זיי שרײַבן.

די פּאָר שמאָלע, קליינע ביכלעך מיט לידער און איבערזעצונגען פון פּױלישע דיכטונגען, וואָס מענדל נײַגרעשל האָט אַרויסגעגעבן אין פאַרלויף פון נאָענט צו פערציק יאָר, זענען נישט נאָר נשמהדיק, נאָר אַפילו פיזיש — איך ווייס אַליין נישט ווי אַזוי — ענלעך צו זייער מחבר. אויך זיי קענען אָפּשווײַגן 20 יאָר אויף פּאָליצעס פון אַ ביבליאָטעק און פלוצלינג אַ שײַן טון אויף אַ שעה מיט עכטסטן פּאָעטישן אויסדרוק:

כ׳קאָן לעבן שטיל און גוט מיט יעדן איינעם,
נאָר ביימער זענען מײַנע בעסטע שכנים.
אויף זייערע האַרטע זון־געשטרעקטע צווײַגן
וואַקסט ליכטיק אויפֿס און צײַטיקט זיך דאָס שווײַגן.

מענדל נײַגרעשל האָט אַפילו צונויפגעשטעלט אַן אַנטאָלאָגיע אויף 48 זײַטן... זי רופט זיך: „קליינע אַנטאָלאָגיע פון דער יִדישער ליריק אין גאַליציע — 1897 ביז 1935". אומגלייבלעך אָבער אמת. אין דער אַנטאָלאָגיע זענען רעפּרעזענטירט, ט אָ ק ע רעפּרעזענטירט, 31 דיכטערינס און דיכטערס, וואָס שטאַמען פון גאַליציע. נײַגרעשל גייט אַרויס פון דער ריכטיקער הנחה, אַז אַזוי ווי דער גאַנצער ים איז דאָ אין אַ טראָפּן, אַזוי אין דאָ דער גאַנצער דיכטער אין איין ליד. די דאָזיקע מוסטער־מיניאַטור־אַנטאָלאָגיע איז אַ זינגענדיק־שווײַגנדיקע דוגמא פון דער טעזע. טאָמער וועט עמעץ אַ מאָל שרײַבן אַ שטודיע וועגן דעם ספּעציפישן גײַסט פון דער יִדישער פּאָעזיע פון גאַליציע, וועט ער אָט די נײַגרעשל־אַנטאָלאָגיע מוזן ציטירן ליד אין ליד.

מיר האָבן זיך מיט נײַגרעשלען נישט צו אָפט געטראָפן פּנים־אל־פּנים. דאָך אָפטער קאָרעספּאָנדירט. צום אָפטסטן אין יאָר 1938, ווען ער איז געווען אין קאַצעט, איך — אין אַרגענטינע, און איך האָב מיך געמיט אים אַהין אַרויסצוראַטעווען. דעמאָלט איז עס נאָך מעגלעך געווען. און מאָדנע — איך לייען איצט די בריוו אין מײַן אַרכיוו — אַפילו אין די טראַגישע בריוו שרײַבט נײַגרעשל מער וועגן... פּאָעטישע פּראָבלעמען ווי וועגן זײַן לעבן־אָדער־טויט־פּראָבלעם. און שטיל ווי ער איז אַרײַן דורך אַ זײַטיקער טיר — איז ער, פון קיינעם נישט באַמערקט, דורך אַ זײַטיקער טיר אַוועק.

אויף איינעם פון די איינזאַמע טישן פון דער קרעטשמע פון דער יִדישער פּאָעזיע איז געבליבן ליגן אַ קליין ביכל — די לידער פון מענדל נײַגרעשל...

איצט וועלן עס פלוצלינג אַלע באַמערקן. נײַגרעשלס פּנים וועט פון ערגעץ אויבן עס זען און שווײַגן — אָבער איצט מיט אַ שטילן שמייכל.

אַהרן ניסענזאָן

געבוירן אין יאָר 1898 אין אַ דאָרף לעבן מינסק. געקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1911. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 1טן מײַ 1964.

אַ בר־מיצווה־ייִנגל איז ער געקומען קיין אַמעריקע דער דיכטער אַהרן ניסענזאָן. צו זעכצן יאָר — אין יאָר 1914 — האָט ער אָנגעהויבן דרוקן זײַנע לידער. געגאַנגען אין אָנהייב אין די פּיס־טריט פון דער גרופּע „יונגע" פון אַרום דעם פאַרלאַג „אַמעריקע", וואָס דוד איגנאַטאָוו האָט אָנגעפירט. און יענע פּיס־טריט זענען געווען: אײַנצובײַסן אַמעריקע און בלײַבן בײַם ייִדישן לשון. ביז עס זענען געקומען אין דער גרופּע יוסף אָפּאַטאָשו און ה. לייוויק — און האָבן געזאָגט — דורך זייערע שריפטן — אַז די ריכטונג איז נישט אַמעריקע און נײַערט די ייִדישע אייביקייט. ווי פּראָפעסאָר סאָל ליפּצין, דער ייִדיש־ענגלישער שרײַבער, האָט עס געניאַל פאָרמולירט: מען לעבט אין אַמעריקאַנישן שטח, אָבער אין ייִדישער צײַט... און דאָס איז דער גײַסט פון דעם וואָס מען שאַפט אין וואָרט.

אָט איז אַ סטראָפע פון אַ ליד פון אַהרן ניסענזאָן פון זײַן אָנהייבצײַט:

ריזיקע טורעמס אין הימלען פון רויך,
עס קוויטשען — ווי ווילדע — טראַמווײַען.
אַפילו די שטיינער — צעלייגט דאָ אין גאַס —
גלײַך מיט די מענטשן — זיי שרײַען.

נישט קיין הויכער. אַ שווײַגער לרוב. אָבער אַ שווײַגער מיט אַ קאָנצענטרירט און שטאַרק אַבסערווירנדיק פּנים. אַ שווײַגער מיט טענות. אַ שווײַגער, וואָס קען פּלוצלינג אַרײַנזאָגן און ווידער אַנטשוויגן ווערן, ווי נישט ער וואָלט עס געזאָגט. ניסענזאָן האָט יאָרן לאַנג געאַרבעט אין ניו־יאָרקער ייִדישע צײַטונגען. נאָר נישט אין דער רעדאַקציע און נײַערט אין דער אַדמיניסטראַציע. שפּעטער האָט ער פאַרנומען אַ געזעלשאַפטלעכן פּאָסטן אין „דזשאָינט".

פון עקסטרעם־אַמעריקאַנישן דרך אין אָנהייב איז ניסענזאָן גאָר באַלד אַריבער ליטעראַריש אין אַן עקסטרעמען נצח־ישראלדיקן דרך. זײַנע לידער — קאַפּיטלען פון אַ ספר פון דרשות אין ריטמען און אין גראַמען. און געדרשנט האָט ער ייִדישע שליחות, שליחות פון מענטש, געדרשנט אַ מאָל מיט עקסטרעמען אָפּטימיזם, אָט אַזוי ווי דאָס גאַנצע פאָלק און אַפילו די גאַנצע מענטשהייט

הערט זיך צו מיט אָפענע מויל און אויערן צו די לידער. און אַ מאָל מיט אַן עקסטרעמען פעסימיזם — אָט אַזוי ווי אָט אָ די זעלבע לידער זענען שוין די לעצטע, וואָס וועלן אויף דער וועלט ווען געשריבן ווערן.

די ערד האָט אַ שליחות אין אוניווערס, מענטש אויף דער ערד, ייִד אין דער מענטשהייט — און די תורה אין ייִדנטום — און ממילא — אין אוניווערס. מסתּמא. און אָט איז אַ סטראָפע פון אַ ליד ניסענזאָנס פון דאָזיקן עקסטרעם:

אַז אַ ספר־תּורה ברענט, ברענט זי נישט איינע אַליין:
עס ברענען די וואָרצלען פון גראָז, דער קערפּער פון שטיין.
עס ברענט דער זאָמען אין דער ערד, עס ברענט דער ים אין
זײַנע ברעגן.
עס ברענט דער ווינט. טאָג און נאַכט ברענען. עס ברענט דער רעגן.

מיט דעם פּשטותדיקן אופן פון אַרויסזאָגן זײַנע עקסטרעמע פאַרגלויבט־קייטן האָט ניסענזאָן געהאַט זײַן אייגנאַרטיקן ווינקל אין דער ייִדישער פּאָעזיע. זײַנע לידער זענען אין זייער אינהאַלט דאָך אַזוי גערעכט און קלאָר און לאָגיש — איז פאַר וואָס זשע הערט מען זיך נישט צו צו זיי? פאַר וואָס איז די וועלט נאָך אַלץ נישט בעסער געוואָרן? און ניסענזאָן האָט אויף אַן אמת געלעבט מיט אייביקע טענות — און קודם־כּל צו די אייגענע חברים־שרײַבערס.

אַן אומעטיקער קוריאָז: ווי אָפט איך האָב געוווּלט אין ניו־יאָרק איז מיר נישט אויסגעקומען אָפט צו באַגעגענען ניסענזאָנען. אָבער איך פלעג אים יאָ אַלע מאָל באַגעגענען אויף ניו־יאָרקער לוויות. און עפּעס איז אויסגעקומען אַזוי, אַז מיר זענען געגאַנגען צוזאַמען — און באַלד נאָך די שבחים אויפן בר־מינן איז אַהרן אַריבער צו טענות, צו די לעבעדיקע: זיי זענען נישט געגנוג ערנסט לפי דער צײַט און דער אַחריות, וואָס ליגט אויף אונדז. און מאָדנע: אונדזער לעצטע קאָרעספּאָנדענץ איז געווען וועגן עוולות, וואָס ניסענזאָן האָט זיך אײַנגערעדט, אַז חברים באַגייען לגבי אים. איך האָב געטון וואָס נאָר אין מײַנע כּוחות אים די אײַנרעדעניש אַרויסצורעדן פון געדאַנק.

1964

בן־אַ. סאָכאַטשעווסקי

געבוירן אין יאָר 1889 אין לאָדזש. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה אויסגעוואַנדערט קיין לאָנדאָן, דאָרט געוווינט אַלע זײַנע יאָרן. געשריבן לידער און געאַרבעט אין צײַטונגען. געשטאָרבן דעם 12טן אַפּריל 1958 אין וועסט־קליף, אַ ים־דאַטשע, בײַ לאָנדאָן.

זײַן פולער נאָמען איז געווען יחיאל מאיר בן־אַברהם סאָכאַטשעווסקי — און אונטערגעשריבן האָט ער זיך כּל־ימיו „בן־אַ. סאָכאַטשעווסקי". פון איין זײַט איז ער געווען אַ זשורנאַליסט, אַ פּענשקלאַף — ווי מען רופט עס אין פּראָפעסיאָנעלן לשון. ער האָט אַלע זײַנע יאָרן געאַרבעט אין אָרעמע רע־דאַקציעס, וואָס קענען נישט באַשעפטיקן קיין סך מיטאַרבעטערס, און יעדער מיטאַרבעטער מוז קענען שרײַבן: פון אַן אַנאָנס ביז אַ וויכטיקן לייט־אַרטיקל. אָבער אין תּוך האָט סאָכאַטשעווסקי געחלומט גאָר פון אַן אַנדערער קאַריערע. עס האָט אים געצויגן צו פּאָעזיע און נישט נאָר צו פּאָעזיע סתּם, נאָר גאָר צו נבואה. פון די יאָרן 1923 ביז די יאָרן 1952 האָט ער פאַרעפנטלעכט פיר זאַמלונגען מיט דעם נאָמען „שמע־ישראל"... איך וואָלט נישט געזאָגט, אַז די ביכער, קליין אין צאָל מיט זייערע זײַטלעך, ברענגען חידושי־נבואה, דער עיקר בײַ אַ פּאָלק, וואָס פאַרנעמט זיך — אַזוי צו זאָגן — פּראָפעסיאָנעל מיט אָט דעם צווײַג פון דער וואָרטקונסט שוין זינט טויזנטער יאָרן. אָבער סײַ ווי — דער פאַרמעסט פון בן־אַברהם און יוכבד איז סײַ ווי טשיקאַווע.

אָט אַזוי הייבט ער אָן — בן־אַ. — דאָס ערשטע ליד פון דעם ערשטן פון די קונטרסים:

דאָס הײַטל פון פינצטערניש האָט זיך פון מײַנע אויגן אַראָפּגעלאָזן,
ווײַל גאָטס ליכט האָט אויף מיר אַ שײַן געטון,
און אין הייליקן עקסטאַז בין איך פאַר אים כּורעים געפאַלן,
ווײַל גרויס און הייליק איז זײַן נאָמען,
וואָס האָט די בלינדקייט פון אומגלויבן פון מײַן מוח פאַרטריבן,
און אַנטפּלעקט פאַר מיר די גלאָריע פון זײַן וועלט
און די שיינקייט פון לעבן.

דער אינהאַלט פון די טיף איבערגעלעבטע אַנטפּלעקונגען באַשטייט פון ציוניסטיש־רעליגיעזע טרייסטווערטער. די קונטרסים זענען נאָך אַ מאָל אַרויס־געגעבן געוואָרן און אויך שפּעטער דערגענצט אין די יאָרן פון לאָנדאָנער

„בליץ״, וואָס זענען אויך געווען יאָרן פון זיג פון דער סטרא־אחרא. און — שווער צו קאָנקורירן מיט אַ ירמיהו פון די דרײַ גרויסע נביאים און אַפילו מיט אַן עמוס פון די תּרי עשׂר...

פון אויפריכטיקער נבואה האָט מען זיך אין ערגעץ און קיין מאָל נישט געקענט מפרנס זײַן — סײַדן פון פאַלשער נבואה. גיכער קען מען זיך שוין מפרנס זײַן פון זשורנאַליזם, אויך בײַ ייִדן. אין לאָנדאָן קען אָבער דאָס פּאַך פונקט אַזוי פיל פרנסה געבן, ווי נבואה, אָבער בן־אַ. סאָכאַטשעווסקי האָט אויף דעם דאָזיקן, אייביק פאַרלוירענעם פּאָסטן זײַנעם אויסגעהאַלטן כּל־ימיו. מיר איז ער אָפט פאָרגעקומען ווי אַ מין וועכטער אויף אַ לײַכט־טורעם אויף אַ זײַטיקן ים־אײַנגוס. זעלטן קומט אַ שיף דאָרט פאַרבײַ, אָבער דערפאַר מוז מען זײַן נאָך פאָרזיכטיקער, נאָך מער וואָרענען פאַר פעלדזן און געפאַרן.

הויך געוואַקסן און גלײַך ווי אַ ווירע, אַפילו אין די עלטערע יאָרן, דערצו האָט ער געהאַט אַ נאָרדיש, בלאָנד פּנים. זייער שטרענג, ווי אַ קאַפּיטאַן פון אַ קליינער שיף, פלעגט ער יעדן טאָג קומען צו זײַן לײַכט־טורעם, זײַן רעדאַקציע און פענשקלאַפּערײַ — שיר נישט פון פינצטער ביז פינצטער. (דאָ הינקט ערגעץ דער פאַרגלײַך, ווי אַלע פאַרגלײַכן, מחמת אין לײַכט־טורעמס אַרבעט מען גראָד פון ליכטיק ביז ליכטיק...).

פון איין זײַט איז בן־אַ. געווען זייער צוגעלאָזן, פון דער אַנדערער זײַט אָבער זייער אײַנגעשפּאַרט. אַ מענטש, וואָס שפּײַט יענעם נישט אין קאַשע און לאָזט זיך אויך אין קאַשע נישט שפּײַען. אַן ענגלענדער. ער האָט עס אין די לאַנגע יאָרן אין לאָנדאָן — פון זײַן אַרום — גוט געלערנט.

חוץ נבואה־אימיטאַציע פלעגט אויך בן־אַ. שרײַבן לירישע, פּשוטע לידער און זיי זענען אָפט זייער האַרציק געווען. איך וועל דאָ איינס ציטירן. ער האָט זיי געשריבן אָן אַ שיעור און אויך אַרויסגעגעבן אין זאַמלונגען. אַגב איז ער געווען כּל־ימיו אַ געשווירענער פרײַנד פון דעם שטילן, פרומען דיכטער יוסף הלל לעווי, דעם דיכטער פון דער הערלעכער סעריע „מײַן טאַטע דער סופר״. לעווי איז געשטאָרבן אין לאָנדאָן אין אַפּריל 1955. אָט איז אַ ליד פון סאָכאַטשעווסקין:

איך קוק אויפן לוח און פרעמד איז דער ציפער\
פאַר אויגן נאָך יונגע, אין חלום פאַרוועבט.\
צי בין איך דאָס טאַקע די צײַט דורכגעגאַנגען?\
און האָב איך די יאָרן אַליין דורכגעלעבט?

עס דוכט זיך, ווי איך וואָלט ערשט נעכטן געזונגען\
די לידער צום אויפשטײַג, צום קאַמף פאַר אַ ציל.

גערבורמט האָט דאָס וואָרט אין גבורה פון יוגנט,
און אָפט מאָל אין צאַרטקייט פון טיפסטן געפיל.

איצט צייל איך פאַרחידושט דעם ציפער אין לוח,
ווי כ׳וואָלט אים נאָך קיין מאָל נישט פריִער געזען,
און פרעג זיך: צי מיינט דען דער ציפער מיך גופא?
כאָטש כ׳ווייס נישט, ווען דאָס איז געווען און געשען.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך באַגעגענט בן־אַ. סאָכאַטשעווסקין אין יאָר 1931. אַרײַנגעקומען אין דער רעדאַקציע „לאָנדאָנער צײַט“, אין געדיכטן ווייטשעפּל. די צײַטונג איז שוין דעמאָלט געווען אַ שטיקל יורדת. כאַפּט מיך אָן אַ יונגער־מאַן און ציט מיך אַרײַן אין אַ בוידעמשטיבל פול מיט פּאַפּירן, זעצט מיך אַוועק אויף אַ שאָקלדיק טישל, אַליין זעצט ער זיך אויף אַ שטול, מיט דער לינקער האַנט האַלט ער מיך צו, און אויף דעם שאָקלדיקן טיש און מיט דער רעכטער שרײַבט ער אויף פּעניצלעך פּאַפּיר מיט קידוש־לבנה־אותיות: „קיין לאָנדאָן איז נאָר וואָס געקומען, אין פאַרבײַפאָרן, דער יידישער שרײַבער פון וואַרשע מ. ר.“ און דער בלאָנדער הויכער יונגער־מאַן האַלט אין איין פרעגן און שרײַבן מײַנע ענטפערס. און אָט שטייט שוין דער זעצער הינטער אים און ער דערלאַנגט אים די „קאָפּיע“. אַ פרישע ידיעה. זי דאַרף אַרײַן אין צײַטונג און דער נומער שליסט זיך שוין...

ערשט נאָכן אויפשרײַבן די נאָטיץ האָט ער זיך פאָרגעשטעלט. און ווי אָפט איך בין געקומען קיין לאָנדאָן האָט זיך אַלע מאָל איבערגעחזרט אַן ענלעכע סצענע. אָבער יעמאָלט, דאָס ערשטע מאָל, האָב איך נאָך נישט געקענט דעם נוסח און נאָך נישט געוווּסט, אַז דער וואָס האָט מיך מיט דער לינקער האַנט צוגעהאַלטן בײַם טיש און מיט דער רעכטער געשריבן די גרויסע אותיות מיט אַן אַלטמאָדישער פען, שיר נישט אַ געגדזענער פעדער,— איז דער דיכטער און זשורנאַליסט בן־אַ. סאָכאַטשעווסקי. און מאָדנע — אַזאַ סצענע האָט זיך נאָך אַפילו איבערגעחזרט אין יאָר 1956, אָבער דאָס מאָל שוין אין סאָכאַטשעווסקיס אייגענער וואָכנצײַטונג „די יידישע שטימע“.

אַז מאָריס מייערס „צײַט“ האָט זיך פאַרמאַכט, האָט בן־אַ. געזאָגט: לאָנדאָן וועט נישט בלײַבן אָן אַ יידישער צײַטונג. און ממש מיט די גאָלע צען פינגער האָט ער געשאַפן כאָטש אַ וואָכן־צײַטונג, אַבי דאָס יידישע אות און יידיש וואָרט זאָל נישט אונטערגיין אין אַ קהילה פון 300 טויזנט יידישע נפשות. און ווי נאַפּאָלעאָן נאָכן עלבאַ־גלות די רעשטלעך פון זײַן אַרמיי, האָט דאָ בן־אַ. אויפגעזאַמלט די רעשטלעך פון דער זשורנאַליסטישער יידישער

אַרמײ אין לאָנדאָן און זיך געלאָזט אין אויסזיכטלאָזן קאַמף מיט די ווינטמילן פון דער אַסימילאַציע. און אַפילו געחלומט פון אַ טאָגצײַטונג ווידער.

האַרציק פלעגן בן־א. סאָכאַטשעווסקי און זײַן געטרײַע פרוי אויפנעמען ייִדישע שרײַבערס־געסט אין לאָנדאָן אין זייער באַשיידן הויז. דעמאָלט פלעגט מען צונויפרופן אַלע ייִדיש־דאָן־קיכאָטן אויף אַ גלעזל טיי און רעדן און חלומען און זיך דערמאָנען. און אויך איך האָב אַזאַ מסיבה מיטגעמאַכט אין יאָר 1956. און בײַ די מסיבות פלעגט בן־אַ. בעטן זײַן זון, דעם שווער פאַרוווּנדעטן אין דער מלחמה, גוטן צייכענער, מאַכן אַ פּאָרטרעט פון דעם גאַסט.

איצט רוט שוין דער וועכטער פון לײַכט־טורעם. ווער דער טורעם איצט אויסגעלאָשן ווערן? ווער ווייסט...

ד״ר מענדל סודאַרסקי

געבוירן 1885. מיטגעמאַכט די ערשטע וועלט־מלחמה אַלס מיליטער־דאָקטאָר. געוווינט צענדליקער יאָרן אין קאָוונע. פון דאָרט אין אָדער אַרום יאָר 1937 אַוועק קיין אַמעריקע, געשטאָרבן 30סטן דעצעמבער 1951.

ווי די שוואָמען נאָך אַ רעגן, זענען נאָך דעם בלוטיקן רעגן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אַרויסגעשאָסן פון דער נאָך בלוט־פּײַכטער ערד אַלערליי קליינע מלוכות. דער עיקר די באַלטישע. און ווי די שוואָמען, זענען זיי אַלע אומגעפאַלן בײַם ערשטן שטויס פון אייראָפּעס היטלערישן פוס. אָבער דערווײַל איז געווען חי־געלעבט. און נישט נאָר די מלוכות אַליין האָבן אָפּגעלעבט רירעוודיק די פּאָר יאָר, נאָר אויך די ייִדישע מינדערהייטן, וואָס האָבן בײַ די איין־צוויי־מיליאָניקע באַפעלקערונגען געשפּילט אַ היפּשע ראָלע. אַליין ווי קליינע מינדערהייטן פון אַ מאָל, און וועלנדיק די ייִדישע מינדערהייטן זייערע אָפּרײַסן פון דער רוסישער קולטור האָט מען זיי דערווײַל געגעבן אַ סך רעכט. אַ רעגן פון רעכט, אומגעריכטע, איז געפאַלן ממש פון הימל אויף די ייִדן פון די קליינע מלוכות און עס איז געווען ליהודים. יעדע פּאַרטיי־מינדערהייט אין ראַמען פון דער ייִדישער מינדערהייט, אין ראַמען פון אַ פעלקעלע, וואָס איז ערשט אַליין געווען אַ פאַרשווינדנדיקע מינדערהייט, האָט אויפגעהויבן איר גרין קעפּעלע, און פון גרינעם קעפּעלע איז באַלד געוואָרן אַ קוסט מיט אייגענע צײַטונגען און שולוועזנס און וואָס דען נישט.

אין אַזאַ קאָוונער ליטע, מיט אירע 25 טויזנט ייִדן, וואָס האָבן אויסגעמאַכט אַ פערטל פון קאָוונעס אַלגעמיינער באַפעלקערונג, האָבן אַ ברירה געהאַט צו זײַן אַ דרײַ־פיר ייִדישע טאָגצײַטונגען. און דער רעדאַקטאָר פון קאָוונער „פאָלקסבלאַט" איז געווען דער אויסגעצייכנטער אויגן־דאָקטאָר מענדל סודאַרסקי. מענדל הייסט ער און ער בײַט נישט קיין מאָל דעם נאָמען, ווי דער שטייגער פון די ייִדישע דאָקטוירים, און אַ ייִדישיסט איז ער, און אַ הויכער איז ער, און אַזאַ מין צעוואַקסענער אַ ביסל, כאָטש נישט דיקער, מיט גרויסע, גוטע הענט, מיט אַ ברייט בלאָנד פּנים, מיט אויגן וואָס קוקן אַ ביסל צערודערט, אַלע מאָל פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש. רעדסטו צום רעדאַקטאָר סודאַרסקי, האָט ער גאָר פונקט אין זינען אַן אָרעמע פּאַציענטין, וואָס נאָר אַ פּאָר קיין בערלין וואָלט איר געקענט אָפּראַטעווען די ליכטיקע שײַן, אָבער פון וואַנעט נעמט מען דערויף? רעדסטו ווידער צום דאָקטאָר סודאַרסקי, און רעדסט מיט האַרץ וועגן דײַנע אויגן, האָט ער גאָר אין זינען דאָס „פאָלקסבלאַט", וואָס דערשײַנט בלויז איין מאָל אַ טאָג, אָבער הערט אויף צו דערשײַנען דרײַ מאָל אַ טאָג,

צום אָנבײַסן, צו װאַרעמס און צו װעטשערע... װאָרעם בעת דער צײַט פֿון יעדער מאָלצײַט דערמאָנען די זעצערס און די שיקײִנגלעך פֿון דער רעדאַקציע דעם רעדאַקטאָר־דאָקטאָר, אַז — װי לאַנג איז דער שיעור צו הונגערן? דעמאָלט סאָלידאַריזירט זיך דער בעל־הבית מיט זײַנע פּראָלעטאַריערס און ער גײט אױך ניט אױף מיטאָג. אפשר װעט געשען עפּעס אַ נס.

די שרײַבערס פֿון דער צײַטונג — און אַ טאָגצײַטונג אין יענעם הױ־געלעבט־קאָװנע דאַרף נישט האָבן מער װי צװײ־דרײַ טױזנט אַדרעסן לױט װעלכע מען צעשיקט זי. פֿון צאָלן איז אָפּגערעדט — שפּילן זײער אײגענע עקאָנאָמישע פּאָליטיק. זײ פֿאַרלאָזן זיך נישט. יעדער האָט נאָך אַ פּראָפֿעסיע. און לאָזט מען אַ מאָל דורך אין צײַטונג עפּעס אַ װעלט־איבערקערנדיקע נײַעס האָט קײנער קײן טענות נישט. אַלע װײסן, אַז דער רעפּאָרטער האָט דעמאָלט פּונקט געמוזט געבן אַ פּריװאַטע לעקציע. מיט אַ נײַעס, אָדער אָן — װעלן ייִדן לעבן, אָבער אָן אַ לעקציע קען חלילה אַ ייִד אױסגײן. — —

און ער איז װוּנדערלעך, דער דאָקטאָר מענדל סודאַרסקי, אַזױ װוּנדערלעך אָפּט — און אױך אין אױסזען עפּעס אַזױ — װי יוחנן דער װאַסער־טרעגער פֿון פּרצס פֿאָלקסטימלעכע געשיכטעס און דאָס איז אַ גרױסער קאָמפּלימענט. ער איז אַ גוטער אױגן־דאָקטאָר, ער האָט ליב דאָס פֿאַך, גוטע מענטשן זענען גוטע דאָקטוירים, ער האָט זײער אַ גוט אײַנגעשטעלטן קאַבינעט, אָבער פּאַציענטן האָט ער לרוב אַזעלכע, װאָס קענען נישט באַצאָלן דעם דאָקטאָר. און די װאָס קאָנען באַצאָלן, היילט סײַ װי ד״ר סודאַרסקי נישט גערן און זײ האָבן אױך נישט גערן, אַז מען זאָל רעדן צו זײ װעגן דער צוקונפֿט פֿון דער ייִדישער קולטור, בשעת זײ מעסטן זיך צו אַ בריל. און סודאַרסקי האָט אױך נישט ליב צוצומעסטן ברילן צו אױגן פֿון גבירים, װאָרעם ער װײסט, אַז זײ װעלן שפּעטער מיט דער הילף פֿון אָט די ברילן נישט לײענען קײן ייִדישע ביכער — איז װאָס זשע דאַרף מען עס? — ייִדיש האָט מזל צו דאָקטוירים. אפשר נעמט זיך עס דערפֿון, װאָס דער עלטער־זײדע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, ד״ר שלמה עטינגער איז געװען אַ דאָקטאָר. איז דאָ אַזאַ טראַדיציע. — —

מיר האָבן זיך באַגעגנט אין קאָװנע און אין װאַרשע און אין ניו־יאָרק מיט סודאַרסקין. אָבער די שענסטע באַגעגעניש איז געװען אין קאָװנע. און סודאַרסקי פֿלעגט אױפֿנעמען אַ ייִדישן שרײַבער אַזױ װי יעדער אײנער באַװוּנדער װאָלט געװען דער מלך־המלכים פֿון דער מלוכה פֿון די 22 אותיות. און אַז דער ייִװאָ איז אױפֿגעקומען איז סודאַרסקי געװען אין זיבעטן הימל און אַז מען האָט אָנגעהױבן פּלאַנעװען די ייִדישע ענציקלאָפּעדיע איז שױן סודאַרסקי געװען ממש אין אַכטן הימל. װאָס פֿעלט אים נאָך? — — האָב איך אַ מאָל בײַ פֿרײַנד געפֿרעגט: און װאָס זאָגט דערױף פֿרױ סודאַרסקי?

די שײנע, קלײנע פּרוי אַלטעלע סודאַרסקי? איז זי מסכּים צו דעם אַלעמען? — לאָזט זיך גאָר אויס, אַז זי איז נאָך מער ייִדישיסטקע פון איר מאַן. געווען אַ מאָל אַ לערערין אין אַ ייִדישער שול אַזש אין כאַרבין. אַ טיפּ פון אַ רוסיש־ייִדישער אינטעליגענטקע. טראַגישע פּאַסירונגען געווען אין הינטער־גרונט פון אָט דער קלײנער מערקווערדיקער פאַמיליע — און אײביקער אומרו, אַן אײביקער ווײ פון אײביקע וואַנדן. — —

און אָט איז 1939. ניו־יאָרק. די סודאַרסקיס זענען דאָ. באַזעצט זיך דאָ. אָבער עס קומט אָן שווער מיט דעם נאָסטריפיקירן דעם דאָקטאָראַט. אַרבעטן זײ זומער אין אַ קינדער־קעמפּ. ווינטער ווױנען אין אַ קלײן דירהלע אין סיגעיט. אָבער, אַז עס קומט אַ גאַסט נעמט מען אים אויף מיט אַ רחבות און מיט אַ האַרציקייט, אַזוי ווי אין די אַלטע גוטע צײַטן. אַלטעלע גלײבט שוין נישט מער אין מענטשן ווי אַ מאָל, אָבער מענדל סודאַרסקי גלײבט נאָך אַלץ און דער עיקר גלײבט ער אין ייִדישיסטן, מעגן זײ נאָך אַזוי אומ־דאַנקבאַר זײַן צו אים ווי זײ זענען עס טאַקע אין ניו־יאָרק. וואָרעם אויב נישט דאָס — וואָס זשע דען בלײַבט נאָך? — —

אַ מאָל זעט מיך סודאַרסקי זיצן אַ זײער פאַרזאָרגטן אין אַ ניו־יאָרקער ייִדישער אינסטיטוציע. איך האָב געדאַרפט ווי ס'לעבן האָבן אַ ביסל געלט. עס איז געגאַנגען אין ראַטעווען אַ פאַמיליע באַצײַטנס פון פוילן אַרויס. און אַלע קאָלעגעס האָבן אָפּגעזאָגט קאַלט. נעמט סודאַרסקי, דער וווּנדערלעכער יוחנן, אַרויס אַ פּופּיקער, דעם לעצטן, און באָרגט מיר אויף די פּאָר טעג. מיט אמתע טרערן אין די אויגן האָב איך עס אים צוריקגעבראַכט, ווײַל נישט נאָר האָט ער געראַטעוועט מענטשן, נאָר אויך מײַן גלויבן אין מענטשן...

1943

י. י. סיגאַל

יעקב יצחק סיגאַל — געבוירן אין סלאָבקאָוויץ, פּאָדאָליע, אין 1896. געקומען קיין קאַנאַדע 1913. זיך באַזעצט אין מאָנטרעאָל. אַ ריי יאָרן, זינט 1923, געוווינט אין ניו־יאָרק. אַוועק פון דער וועלט 7טן מאַרץ 1954.

די נאַיווע פון דער וועלט האָבן בײַם סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געמיינט, אַז זי איז זיי, דעם 11טן נאָוועמבער 1918, נײַ געבוירן געוואָרן; און כאָטש מיר, ייִדן, זענען דעמאָלט געשטאַנען ביז אין פּאַס אין בלוט פון די פּאַר־ און נאָך־און אייגנטלעכע פּעטלורע־שחיטות — האָבן מיר אויך געחלומט דאָס זעלביקע. און אַ פּשיטאַ שוין מיר, ייִדישע פּאָעטן, וואָס וואָרט־ראַפינירטקייט פון איין זײַט און וועלט־פרעמדקייט פון דער אַנדערער זײַט איז אונדזער פּראָפעסיע און אין יענע שטימונגען אַרײַן — וואָס זענען אין דער שטימונגספּולער ווינער־וואַלסן־מעטראָפּאָליע נאָך שטימונגפולער געווען — און ווו אַ גאַנצע גרופּע יונגע ייִדישע שרײַבערס האָט געוווינט און האָפער־דיק, ממש אין ווינער־וואַלסן־טעמפּאָ געהונגערט — האָט אונדז אין יאָר 1919 דאָס ערשטע מאָל אַרײַנגעשוועבט אין די נשמות און אַרויפגעשוועבט אויף די טישן דער נאָמען י. י. סיגאַל.

דאָס איז געווען אין יאָר 1919. דער משולח, וואָס האָט די גרוסן געבראַכט, איז געווען ה. מ. קייזערמאַן. אַ פּאַקל, אַ סנה פון סיגאַל־ענטוזיאַזם האָט געלויכטן אין זײַנע הענט. אָבער דאָס אַלץ איז נישט נייטיק געווען, ווײַל מיר האָבן שוין פריִער אָן אייגענעם סיגאַל־ענטוזיאַסט געהאַט — אַלעקסאַנדער כאַשינען. און וואָס, וואָס — אויף אַ גוט ליד איז מען אין ווין אַ מבין געווען. האָבן געקומען פליִען ברידער־בריוו (אַזוי האָט די דאָזיקע בריוולעך גערופן מלך כמעלניצקי — דעמאָלט דער דעקאַן צווישן די ייִדישע פּאָעטן אין ווין) פון עסטרײַך קיין קאַנאַדע און צוריק. און דער הונגער האָט זיך געשטאַרקט און די שטימונג האָט געקומען פאַלן — אָבער די שײַן איז געבליבן לאַנג, לאַנג בײַ יעדערן אויפן האָריזאָנט פון דער נשמה, אַזוי ווי אַ נאָכשײַן פון זון, לאַנג־לאַנג אין דער שוואַרצער נאַכט אַרײַן.

מיר זענען אַוועק אויף אונדזערע וועגן, און סיגאַל אויף זײַנע וועגן, ניין, נישט אויף וועגן, אויף זײַן וועג, וואָס ער רופט אים שיר נישט סטעזשקע אין זײַן מאַניר פון דערהייבן זאַכן דורך פאַרמינערן זיי. אַנדערע פאַרמינערן אָפט זאַכן דורך צו פיל דערהייבן זיי... מיר איז שוין ליבער סיגאַלס מעטאָד.

איך געדענק (און דער ערשטער אײַנדרוק דעצידירט, ווי באַוווּסט) מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז סיגאַלס האַנטשריפט דאַרף זײַן אַ נישט גלײַכע,

זײַנע כּתבֿ־ייד פֿול מיט קאָרעקטורן, זײַן פּנים האָבן מיר זיך פֿאָרגעשטעלט גרויס און מילד. אָבער אַז מיר האָבן באַקומען בריוו פֿון סיגאַלן האָט זיך עס אַרויסגעוויזן, אַז זײַן האַנטשריפֿט איז מילד און פֿליסנדיק, נישטאָ קיין סימן פֿון אָנגעשטרענגטקייט אין אָט דער שריפֿט. אַזוי ווי אַ וואַלדשטראָמל איז זי, פֿליסט און גליצערט. טאָמער רײַסן זיך דורך פֿלעקן זון, מורמלט זי, טאָמער באַגעגנט זי שטיינער אין וועג, זינגט זי איבער קליינע אָפּגרונטן אַריבער און דער עיקר — אַלע מאָל פֿאָרויס, פֿאָרויס, קוקט זיך נישט אום — ווי אַ וואַלדשטראָמל, אַלע מאָל פֿאָרויס, פֿאָרויס. די דאָזיקע אומפֿאַרגלײַכלעכע פּראָדוקטיווקייט סיגאַלס איז דאָ אין זײַן שריפֿט. אָבער אַז מען קען נאָר אַ פּאָר צענדליק לידער זײַנע און מען ווייסט נישט, אַז ער האָט אַ פּאָר טויזנט געשריבן, קען מען עס נישט אָנען. אַזוי פּערפֿעקט איז יעדעס איינציקע ליד זײַנס. די צווייטע איבערראַשונג האָבן מיר איבערגעלעבט, אַז מיר האָבן דאָס ערשטע מאָל דערזען סיגאַלס פּנים אויף אַ בילד. פֿאַראַנען אַ שאַרפֿקייט אין דעם, אַ קאַנטיקייט, אַפֿילו די אויגן־גלעזער — האָבן מיר באַמערקט — זענען אויך געווען שאַרפֿע, נאַקעטע, גרויסע, בלישטשענדיקע און אָן האַרן־רעמעלעך אַרום. זײַנע ליפּן נישט־פּראָפּאָרציאָנעל גרויס לויטן פּנים, לײַדנשאַפֿטלעך און טראַגיש און נישט — ווי בײַם רובֿ פּאָעטן, און דער עיקר בײַ אַזעלכע מילד־ליִרישע וואָרטקינסטלערס — זינגעוודיק און גוטמוטיק, ווי עס וואָלט זיך געדאַכט לויט סיגאַלס לידער. אַז סיגאַל איז בלויז מיטל־הויך, האָבן מיר נישט געוווּסט. מיר האָבן געמיינט, אַז ער איז הויך — סײַ לויט די לידער און סײַ לויטן מאַרקאַנטן פּנים פֿון בילד. פֿאַר וואָס? איך ווייס נישט.

און כאָטש עס זענען געגאַנגען בריוו פֿון סיגאַלן צו מיר און פֿון מיר צו אים פֿון וואַרשע און פֿון אַלע עקן וועלט, און כאָטש איך האָב זײַנע ביכער געלייענט, זײַנע איינצלנע לידער, ווו איך האָב זיי נאָר געפֿונען, זײַנע עסייען וועגן פּאָעזיע און פּאָעטן, וואָס צייכענען זיך אויס מיט דעם, אַז זיי ברענגען קיין מאָל קיין איינציקן ציטאַט נישט פֿון דעם לידער־אוצר, פֿון דעם וועגן וועלכן סיגאַל שרײַבט, — האָבן זיך יאָרן און לענדער געלייגט אין דער לענג און ברייט צווישן אונדז.

אין יאָר 1934 בין איך צופֿעליק פֿאַרבײַגעפֿאָרן מאָנטרעאָל. אַ שעה נאָכן אָנקומען אין שטאָט האָב איך מיך געלאָזט פֿירן צו סיגאַלן, געבעטן מײַן באַגלייטער אײַנצורעדן סיגאַלן, און אַליין אים געפּרוּווט אײַנרעדן, אַז איך בין אַ לערער פֿון קאַנאַדע, וואָס וויל זיך באַקענען מיט אים ווי אַ פֿאַך־קאָלעגע. סיגאַל איז דאָך פֿון פֿאַך אַ לערער אַלע יאָרן. געוווּסט האָב איך, אַז סיגאַל קען מײַן בילד מיט אַ באָרד און איך בין שוין דעמאָלט געווען גלאַט ראַזירט. פֿינף מינוט צײַט האָט סיגאַל געגלייבט דעם חבֿר־לערער־גאַסט... אָבער אַ גאַסט דאַרף מען דאָך לויט אוראַלטער טראַדיציע אי כּבֿוד אָפּגעבן

אי חושד זײַן... און פּלוצעם האָט סיגאַל אַ זאָג געטון: דרייט מיר נישט קיין קאָפּ, איר זענט ראַוויטש. ער האָט מיך דערקענט איבער אַלע צענדליקער לענדער און צענדליקער יאָרן. פון קיין מאָל מיך נישט האָבן געזען, נײַערט אַן אַבסאָלוט אומענלעך בילד.

איינס פון די ערשטע לידער אין יידיש, וואָס איך האָב געלייענט, איז געוועזן אימבערס ליד, וואָס הייבט זיך אָן: „און איצטער איז מינחה־צײַט, מינחה־צײַט שוין — מײַן ליכט, מײַן קרוין". פּאָר נאַכט, טרויער, מינחה און יידיש ליד זענען אין מײַן נשמה צוזאַמענגעגאָסן. און איינס פון די לידער סיגאַלס, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט דעם טיפסטן רושם, איז זײַנס אַ ליד, וואָס אַנטהאַלט שיר נישט דעם עסענץ פון זײַן גאַנצן וועזן, וואָס איז דורך־און־דורך יידיש ליד. דאָרט רעדט זיך עס טאַקע וועגן דעם ענדלאָזן וועלט־טרויער און דעריבער דאַרף מען דאַווענען מינחה, אַלע דאַרפן דאַווענען מינחה, אַלע פּאָעטן, אַלע, אַלע — — גייען מיר אַזוי, סיגאַל און איך, צוויי יידישע פּאָעטן, אין ערשטן טאָג, ווען איך בין געקומען קיין מאָנטרעאָל מיך באַזעצן אין יאָר 1941, גייען מיר אויף דער יידישער „מיין־סטריט" און פון אַ הויז לויפט אַרויס אַ ייד און כאַפּט אונדזביידע בײַ די פּאָלעס: קומט אַרײַן דאַווענען מינחה... מיר האָבן זיך קוים אָפּגעבעטן, ווײַל מיר האָבן קיין צײַט נישט געהאַט און דער צעפלאָשעטער ייד איז אונדז נישט געפעלן געוואָרן. און ווײַל דיכטונג איז אַ הערלעכער חלום און די וואָרהייט איז רוי, ווײַל אַזוי איז דאָס לעבן.

1949

*

לאַנגזאַם גייט די זון אויף איר גוואַלדיקן הימל־בויגן פון מיזרח צו מערב — אָבער אַזוי גיך זי רירט אָן דעם האָריזאָנט — הייבט זי אָן צו פאַלן שנעל, זינקען גיך — נאַכט פאַלט — —

אַ דור גייט אַוועק — ער האָט געגלייבט ווי די זון — זײַן טאָג איז נישט געווען קורץ — —

אָבער ער האָט אָנגערירט דעם האָריזאָנט און ער זינקט גיך — —

מאַני לייב אָט ערשט, דוד איגנאַטאָוו יענע וואָך, י. י. סיגאַל הײַנט — —

כאָטש אין יאָרן אַ סך יינגער — איז ער צום נאָענטסטן אין דער נשמה געווען מיט אָט דעם דור, וואָס האָט אין דער יידישער ליטעראַטור באַקומען דעם נאָמען: די יונגע.

דער גרויזאַמער אמת האָמערט אין מח אַרײַן שוין אַ גאַנצן מעת־לעת,

אַז דאָס אַבסאָלוט אומגלייבלעכע איז אמת, אַז סיגאַל איז נישטאָ מער, אַז אַזוי איז עס — אָבער דאָס געפיל און אַפילו דער געדאַנק וואַרפן עס צוריק מיט די לעצטע כּוחות און שרײַען און וויינען: ניין! ניין!

יעקב יצחק סיגאַל איז נישט טויט — און ער איז נישט טויט!

קיין מענטש איז קיין מאָל נישט טויט, אויב ער האָט נאָר איין מאָל געלעבט — יעדער מענטש בלײַבט אייביק לעבן — —

אָבער אַ גרויסער דיכטער בלײַבט טויזנט מאָל אייביק לעבן — אין יעדן גרויסן ליד זײַנעם.

נאָך און נאָך און נאָך אַן אייביק לעבן — —

מיר באַגלייטן אים בלויז אַ קליין שטיקל ערדישן וועג — אָבער זײַנע לידער וועלן אים באַגלייטן ביז אין דער אומענדלעכקייט — וועלן אויך אונדז אַלע באַגלייטן, ווי לאַנג עס איז יעדן פון אונדז באַשערט — —

שאָטנס זענען אונדזערע איצטיקע ווערטער — שאָטנס אײַנגעהילט אין טיפן טרויער — שאָטנס וואָס באַגלייטן אַ ליכט, וואָס גייט אונטער אויף איין סימבאָלישער נאַכט — ווערט אָפּגעשיידט כּדי אויפצוגיין אויף אַן אייביקן טאָג — —

1954

ד״ר אַהרן סינגאַלאָווסקי

געבוירן 1889 אין שטעטעלע לעניןָ, װײַסרוסלאַנד. רײַזעס: אײראָפּע, אַמעריקע, סאָװעט־רוסלאַנד, דרום־אַפריקע. געשטאָרבן 1טן אָקטאָבער 1956 אין דער שווייץ.

ער האָט געשטאַמט פון גרויסן רבנישן יחוס, ד״ר אַהרן סינגאַלאָווסקי, און ער איז עפּעס אויך אַזוי ווי געבוירן געוואָרן מיט דעם טיטל דאָקטאָר. דעם יחוס פון זײַן ראַסישער אָפּשטאַמונג האָב איך קיין מאָל נישט געקענט פאַרשטיין. לויט דער ראַסע איז ער געווען אַ סלאַווישער באַיאַר. בלאָנד און העלבלוי־אויגיק, הויך, געזונט, כאָטש קיין מאָל נישט דיק. בייגעוודיק, אָט ווי נאָר וואָס פון אַ פערד אַראָפּ נאָך אַ לאַנגן רײַטן אויף יאַגד אין די טיפע וועלדער. אַ סלאַוויש־באַפעלעריש־פריציש פּנים — און עס האָט זיך אַלע מאָל עפּעס אַזוי געמאַכט, אַז אַהרן סינגאַלאָווסקי האָט כּסדר געהאַט אַ סוויטע אַרום זיך. מען האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער האָט גערעדט דעם שענסטן יידיש — און איך זאָג עס אויך, ווײַל איך האָב אים פיל צענדליקער מאָל געהערט רעדן עפנטלעך. אין זײַן ריינעם יידיש, מיט אַ זייער רײַכן וואָקאַבולאַר זענען געווען דרײַ אַקצענטן אויף אַ מאָל — אַ רוסישער, אַ דײַטשער און אַ פראַנצייזישער. איך וואָלט געזאָגט: דער אײראָפּעיִשסטער יידיש. און נישט נאָר האָט ער גערעדט יידיש מיט גראַציע און עלאָקווענץ, נאָר אויך מיט עפּעס אַזאַ לײַדנשאַפטלעכער יידישיסטישער אידעאָלאָגיע, וואָס נאָר ער אַליין האָט זי פאַרמאָגט.

כּמעט כּל־ימיו איז סינגאַלאָווסקי געווען פאַרבונדן מיט דעם „אָרט״, דער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן האַנטווערק און ערדאַרבעט צווישן יידן, וואָס איז געבוירן געוואָרן פון די רוסיש־יידישע בויטן, ערגעץ נאָך טיף אין נײַנצנטן יאָרהונדערט און האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין כּמעט אַלע לענדער אין אייראָפּע און טיף אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אַרײַן. די מייסטע רעדעס סינגאַלאָווסקיס זענען געווען וועגן דעם „אָרט״ — כאָטש רעדן האָט ער געקענט אויף אַלע טעמעס פון יידישן און אַלגעמיינעם וויסן. דאָס האָט מען זיך גרינג געקענט איבערצײַגן אין אַ פּריוואַטן געשפּרעך. ער האָט אָבער אין זײַנע רעדעס וועגן דעם „אָרט״ אַרײַנגעפלאָכטן אַל זײַן וועלט־און יידיש־וויסן. זענען אַרויסגעקומען פאַרכאַפּנדיקע בעלעטריסטישע, פּאָעטישע, פּאַטעטישע אָראַטאָרישע מײַסטערווערק, דורכגעפלאָכטן מיט אולטראַ־פּראָזאַישע סטאַטיסטישע ציפערן וועגן בודזשעטן און וועגן האַנטווערקער־שולן און וועגן קורסן: האַמער־געקלאַפּ, אַקער־געררודער מיט שרײַבמאַשינען־געקלאַפּער, מיט ריטעם, גראַם־און מוזיק־באַגלייטונג. און דערצו ווערטער פון גרויסע פילאָ־

סאָפן און מאמרי־חז״ל. יעדע רעדע איז געווען געטאַקט און געשניצט מיט אַ טעזע פון יידישן לעבן, אַנטיטעזע פון גויִישן לעבן אַרום און סינטעזע אין די אידעאַלן פון „אָרט״.

ד״ר יהושע גאָטליב, דער חכם, דער פובליציסט און זשורנאַליסט פון וואַרשע, וואָס איז משמעות געווען סינגאַלאָווסקיס אַ יוגנט־חבר פון די שווייצער סטודענטישע יאָרן האָט מיר אַ מאָל, מיט אַ ביסל קינאָה צום גרויסן דערפאָלג פון זײַן פרײַנד, געזאָגט:

„איך פאַרשטיי אַז סאָציאַליזם קען זײַן אַ לעבנס־אידעאַל, ציוניזם, אַנאַרכיזם — אָבער „אָרט״? און דערצו נאָך בײַ אַזאַ שיינגײַסט...״.

און אַ שיינגײַסט איז סינגאַלאָווסקי געווען פאַר עקסעלאַנס. ער האָט זיך געחברט מיט דיכטערס, ער האָט זיי געשטיצט, אַפילו פון די „אָרט״־פאָנדן. און מיט רעכט. אַרבעט און שיינקייט דאַרפן זײַן איינס. עס האָט זיך אים געחלומט זיכער אַ מין פאָעט־לאַורעאַט פון דער „אָרט״־מלוכה, וואָס ער איז געווען איר כמעט־געקרוינטער שליח.

אַן „אָרט״־פאַרזאַמלונג אין קאַנאַדע. אַ נאָכמיטאָג. אויסגעפוצטע גראַנד־דאַמעס פון דער יידישער פלוטאָקראַטיע. דער פירער פון „אָרט״ איז דער גאַסט־רעדנער. ראַבייס באַגריסן אים. דער זאַל גליצערט מיט מעש, געשליפן גלאָז און אָטעמט מיט שווערע פאַרטיערן. סינגאַלאָווסקי, הויך, בלאָנד, בלוי־אויגיק, אייראָפּעיִש, עלעגאַנט, באַפעלעריש — הייבט זיך אויף און ער רעדט — — אין יידיש. אין ערשטן מאָמענט — ממש אַ צערודערונג, אָבער שוין אין אַ מינוט אַרום — באַוווּנדערונג פאַר דער עלאָקווענץ, און דערצו האָבן אַלע גאַנץ פײַן פאַרשטאַנען מאַמע־לשון און אין אָנבליק פון אַזאַ אַריסטאָקראַטישן אָראַטאָר אַפילו ניט געפּרוּווט שפּילן די ראָלע, אַז זיי קענען ניט.

אַן ענלעכע סיטואַציע — אַ מאָל אין מדינת־ישראל. דאָ זענען געווען אַ סך מלוכה־מענער און אינדוסטריעלער און פּרינציפּיעלע העברעיִסטן און אויך זיי זענען אין ערשטן מאָמענט געווען אַ ביסל בייז און אָנגעדרודלט, זיי האָבן געמיינט, אַז סינגאַלאָווסקי וועט כאָטש רעדן ענגליש... אָבער אין אַ מינוט אַרום זענען זיי שוין געווען פאַרצויבערט.

סינגאַלאָווסקי האָט וויינִיק געשריבן, אַ סך געלייענט, בעיקר זײַנע פאַוואָריטן אין דער יידישער ליטעראַטור, און ער האָט זיי זיך מיט גרויס געשמאַק צוגעקליבן.

1956

יואל סלאָנים

געבוירן 1883 אין דראָגאָטשין, גראָדנער געגנט, 1885 געקומען קיין אַמעריקע. רײַזעס קיין אײראָפּע. געשטאָרבן 26סטן אָקטאָבער 1944.

אַן אַלט ליד פון יואל סלאָנים — געשריבן צו זײַנע עטלעכע און צוואַנציק — זינגט ריטמיש און אָריגינעל און זײער אויטאָפּאָרטרעטיש:

וואָלט איך אויף דער וועלט כאָטש אײן גלויבן געהאַט,
אײן אײנציקן גאָט,
וואָלט איך פון קײן שאָטנס און ספקות געוווּסט,
געפילט זײַן גענאָד...

יואל סלאָנים איז צו צוויי יאָר געקומען קײן אַמעריקע, אין אַמעריקע אויפגעצויגן געוואָרן, נאָר שטאָט צו ווערן אַ הונדערט־פּראָצענטיקער אַמע־ריקאַנער איז ער געוואָרן אַ הונדערט־פּראָצענטיקער ייִדישער דיכטער, וואָס האָט נאָר אײן חסרון, וואָס ער געדענקט שטענדיק, אַז ער איז אײנער פון די סאַמע ערשטע ייִדישע דיכטערס — אויב נישט דער ערשטער — וואָס האָט אין דער אמתן, לויט זײַן דערציִונג, עס נישט געדאַרפט זײַן. דאָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אים, זיך צו בעטן: האָבן כאָטש אײן גלויבן און כאָטש אײן גאָט... וואָרעם געטער, ווי באַוווּסט, זענען דאָך דאָ אַ סך און ער — יואל סלאָנים — ווינטשט זיך כאָטש אײן גאָט נאָר, וואָס קען שוין אַ מענטש זיך ווינטשן ווייניקער, קען מען דען שוין זײַן באַשײדענער...

ער איז אַ טאַלאַנטירטער, נאָר ער איז עפּעס פאַרט נישטאָ אין דער ייִדישער פּאָעזיע. עס איז דערפאַר ווײַל ער איז זײער אַ סך דאָ אין דער ייִדישער זשורנאַליסטיק. און כאָטש כמעט אַלע ייִדישע דיכטערס און בעלעט־ריסטן זענען פאַרנומען אויך אין דער זשורנאַליסטיק, בלײַבן פאָרט די דאָזיקע צוויי פאַכן אין דעם פאַרהעלטעניש פון פײַער און וואַסער... אין דער אמתן דאַרפן נאָר זעלטענע אויסנאַמען באַשטעטיקן דעם כּלל... אין דעם פאַל אָבער באַשטעטיקן אַלע „אויסנאַמען" דעם כּלל, אַז זשורנאַליזם און דיכטונג זענען ווי פײַער מיט וואַסער.

ער האָט אַ מאָדנע פּנים — סלאָנים — מאַן און פרוי געמישט. ריכטיקער וואָלט געווען צו זאָגן ייִד און ייִדענע געמישט. ווײַל דאָס איז נישט קײן „פרויִשקייט" אין זײַן פּנים, דאָס איז גיכער עפּעס אשת־חיִלדיקייט. אויף מאַנכע בילדער זײַנע, דער עיקר די אין פּראָפיל, זעט ער אויס זײער אשת־

חײַלדיק, ייִדיש־אשת־חײַלדיק. איז דאָס אפשר צוליב די קלוגע, זייער אָפענע און זייער צעשמייכלטע אויגן. קען זײַן. אפשר צוליב דער קלוג־לאַנגער ייִדישער נאָז. אפשר צוליב דער באַרימערישער באַרעדעוודיקייט זײַנער, וואָס האָט זיך אַזש אויסגעלייגט אויפֿן פּנים. אפשר צוליב דער חוהשער נײַגע־ריקייט, וואָס איז בײַ אים שוין לאַנג נישט די צווייטע נאַטור, נײַערט די סאַמע ערשטע. און אפשר צוליב אַלץ צוזאַמען.

יואל סלאָנים האָט ליב צו טון אַ טובה און ער קען טון אַ טובה, ער איז קנעפּל־בקנעפּל מיט די העכסטע קנעפּלעך אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, ריכטיקער געזאָגט — מיט די העכסטע קנעפּלעך פֿון דער אונטערשטער ריי פֿון די וויכטיקע קנעפּלעך. נישט געקוקט דערויף, וואָס עס זענען דאָ עדות וואָס האָבן געזען מיט די אייגענע אויגן און געהערט מיט די אייגענע אויערן, אַז דער פּרעזידענט רוזוועלט, אַז ער דערזעט סלאָנימען גיט ער אים אַ ווונק און אַ וואָרף צו „העלאָו דשאָו”, פֿאַרשטיי איך, אַז אַ סך ווײַטער אין זײַן פֿרײַנדשאַפֿט גייט דער פּרעזידענט נישט. אָבער סלאָנים פּרעטענדירט נישט אויף צו פֿיל מער. ער איז אַ קלוגער און ער רעדט זיך נישט אײַן מער ווי מען דאַרף. ער האָט ליב צו לייגן זיך פֿייגעלעך אין בוזעם, אַזוי ווי יעדער דיכטער, אָבער אַמעריקאַנישע אָדלערס זיך צו לייגן אין בוזעם, דאָס וואָלט געווען אַ ביסל צו אומבאַקוועם... סלאָנים האָט ליב קלענערע פֿייגל.

צו רעדן מיט סלאָנימען אַ האַלבע שעה און די גאַנצע האַלבע שעה רעדט ער, כאָטש ער האַלט אײַך אין איין פֿרעגן, קריגט מען ממש אַ געשוואָלענעם קאָפּ, כאָטש עס ווערט נישט לאַנגווײַליק אויף קיין איין האַלבער מינוט אַפֿילו. אָט באַרימט ער זיך פֿאַר דיר, אַז ער איז ממש אַ גענגסטער, אַזאַ יוצא־ונכנס איז ער בײַ זיי און אָט איז ער אויסגעקאָכט מיט אַלע מיניסטאָרן און אַלע גענעראַלן און מיט וועמען דען נישט. די וועלט איז איין גרויסער העלאָו, און דזשאָו סלאָנים האָט ליב דעם העלאָו — און זײַנע לידער אין די לעצטע יאָרן זענען אויך אַזעלכע מיני העלאָוס צו דער וועלט פֿון רעכטס און פֿון לינקס, נאָר אַלע מאָל מער פֿון לינקס, ווײַל סלאָנים איז אַלע מאָל אַן אויפֿריכטיקער לינקער, כאָטש — בין איך זיכער — קיין מאָל נישט קיין שום פּאַרטייער.

סלאָנים האָט אַ מאָל געליטן פֿון האַרץ און ער גייט אַלע מאָל מיט אַן אַדיוטאַנט, אַ פֿרײַנד, אַ דאָקטאָר. מעגלעך, אַז דאָס איז אַזאַ מין חנדל און אפשר גאָר אַ פּאָזע בלויז. ער דרייט זיך אַזוי פֿיל אַרום סײַ אין דער אונ־טערוועלט און סײַ אין דער אייבערוועלט, צוליב זײַנע זשורנאַליסטישע פֿליכטן, און דאָרט, אין דיביידע וועלטן, גייען אַלע אַלע מאָל אַרום מיט לײַבוואַכן, גייט אויך סלאָנים אַזוי אַרום.

און ער האָט אויפֿריכטיק ליב צו טאָן אַ טובה. איך האָב אָפּט, אַזש אין

וואַרשע, בײַ אים אומבאַקאַנטע קאָלעגעס, געזען זײַנע בריוו צוליב אַלערלײ טובות, וואָס זענען אַלע מאָל, נאַטירלעך, רײנע טובות און גאָרנישט מער. כאָטש עס איז מיר קײן מאָל נישט אויסגעקומען צו באַנוצן זיך מיט סלאָנימס אַ טובה, איז ער אָבער אַלע מאָל גרייט געווען צו העלפֿן, עד־חצי פֿון דעם מלכות פֿון זײַנע ברייט־און־ווײַטע באַקאַנטשאַפֿטן.

ווען סלאָנים שרײַבט זײַנע לידער, וואָס ער פּראָדוצירט נישט ווייניקער ווי זײַנע אַרטיקלען, ווייס איך נישט, ווייסט קיינער נישט. אַ מענטש, וואָס געדענקט אַזוי גענוי יעדעס שרײַפֿעלע אין די קאָמפּליצירטע מאַשינעריעס סײַ פֿון דער יידישער און סײַ פֿון דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנישער געזעל־שאַפֿטלעכקייט, זאָל נאָך האָבן צײַט צו געדענקען, אַז עס איז דאָ אַ זון מיט אַ לבנה מיט, אַזוי זיך, סתם געפֿילן — דערצו מוז מען טאַקע זײַן אַ סלאָנים. דערצו מוז מען טאַקע זײַן געבוירן אין דער אַלטער היים און לחלוטין אויפֿגעצויגן אין דער נײַער. נאָר אַזאַ מין קאָמבינאַציע פֿון אַ פֿאַרקנעטונג האָט געשאַפֿן אַזאַ מין קאָמפּליצירטן קוילעטש, וואָס איין פֿלאַכט איז אַמע־ריקע און דער צווייטער — אַלטע היים, איין פֿלאַכט זשורנאַליזם און דער פֿערטער — פּאָעזיע, און דערצו איז נאָך אַפֿילו דאָ די טאַלאַנט־ראָזשינקע אויך...

1940

משה עובד

געבוירן 1885 אין סקעמפּנע, ביי וולאָצלאַוועק. פון 1903 אין לאָנדאָן, רייזעס אין נאָענטן מיזרח. געשטאָרבן 16טן סעפּטעמבער 1958.

וואָס משה עובד איז אין דער יידישער ליטעראַטור, אין וועלכער ער האָט אַריינגעשריבן אַ האַלב טוץ ביכלעך, דאָס ווייסט קיינער נישט. איז דאָס פּאָעזיע, פּראָזע, פּאָעזיע אין פּראָזע, אָט דאָס אומבאַשטימטע, וואָס ער שרייבט? ער ווייסט עס אַליין אויך נישט און ער ברעכט זיך נישט דעם קאָפּ איבער דעם. איז ער נישט מער ווי אַ גרויס קינד, וואָס שפּילט זיך אין ביכער־שרייבן? איז ער דאָס „אַנפאַן טערריבל", דאָס „איזבאַלעוועטע" קינד פון דער יידישער ליטעראַטור? אָדער אפשר איז ער אין דעם (איבער דער גאַנצער וועלט צעשפּרייטן) שטעטל פון אונדזער גייסטיקן שאַפן דער שטאָט־משוגע — —

דאָס וואָס ער שרייבט איז אַ געמיש פון ליד, חלום, אַפאָריזם, דערינערונג, מעדיטאַציע, נבואה, סתם געשריי, געוויין, געלעכטער, דערציילונג, דיאַלאָג, דאָקומענט, מיט איין וואָרט: אַלץ. און דער אינהאַלט איז דער יידישער גאָט און אַלע געטער, יידן און גוים, לעבן און טויט, ליבע און האַס און סתם געשיכטעס. אַלץ אַליין איבערגעלעבט. די צענטראַלע פיגור אין די אַלע שריפטן איז משה עובד, אַזוי ווי משה עובד וואָלט געווען דער סאַמע צענטער פון דער וועלט, אָבער משה עובד קען זיין אַן עניו אויך, אַן אמתער עניו, און קענסט אים גלייך אין די אויגן זאָגן, אַז זיין שרייבן האָט נישט דעם מינדעסטן ווערט, כאָטש נאָרדאַו און זאַנגוויל און הלל צייטלין, און ווער דען נישט, האָבן אים געזאָגט, אַז דאָס איז נבואה. ער גלייבט אַלעמען און גלייבט קיינעם נישט.

ער איז אַ פּוילישער ייד און רעדט נאָך אַלץ מיט דעם פּוילישן אַקצענט, ער האָט אין דער היים געהייסן גודאַק, און אַז ער איז געקומען קיין לאָנדאָן האָט ער זיך אַ נאָמען געגעבן „גוד", עדוואַרד גוּד. גוד הייסט גוט אויף ענגליש און משה עובדן אימפּאָנירט עס צו הייסן: גוט. צום שרייבן האָט ער זיך אַ פרישן נאָמען געגעבן: משה עובד. משמעות צוליב אַ משפּחה, וואָס האָט אַזוי געהייסן, אָבער איך בין חושד, אַז דאָס דאַרף זיין אַ רמז אויף משה רבינו... נישט מער און נישט וויניקער. — —

נישט קיין הויכגעוואַקסענער איז ער, משה עובד, און אַ קאָפּ האָט ער אַ גרויסן און אַ ברייטן און אַ מין צעפּאָרן פּנים מיט צוויי שוואַרצע, סענטימענטאַל־פּוילישע אויגן, אַ פּנים פון אַן אויסגעוואַקסענעם עילוי, וואָס עובד

איז עס דווקא נישט געווען אין זײַנע חדר־יאָרן. צו אַזאַ קאָפּ פּאַסן זיך לענגלעכע האָר, טראָגט טאַקע משה עובד לענגלעכע האָר. צו דעם פּנים וואָלט זיך אַפילו געפּאַסט אַ באָרד אויך, אָבער משה עובד טראָגט נישט קיין באָרד. אַזאַ מין מאָדעמענטש, אַז ער באַשליסט זיך צו נעמען צו אַ לײַטישער פּראָפעסיע, דאַרף זיך נעמען צו זייגער־מאַכערײַ.

משה עובד איז געווען אַ זייגער־מאַכער, הײַנט איז ער אַ הענדלער מיט אַנטיקן אין לאָנדאָן, נישט ווײַט פון דער אָקספאָרד־גאַס. אין אַן אַלטער־טימלעכן שטאָטטייל — אויב ער איז נישט באָמבאַרדירט געוואָרן — פאַרנעמט ער דאָרט אַ שפּיציק עקהויז אויף אַ צעצווײַג פון צווײ גאַסן. דאָס געשעפט האָט עטלעכע פענצטער, אָנגעפילט מיט גאָלד און זילבער און טײַערע שטיינער און אַלערליי אַנטיקן, אָנגעהויבן מיט בבל און געענדיקט מיט צאַרישע קרוינדימענטן. דאָס הויז האָט אַ נאָמען אין לאָנדאָן, עס רופט זיך „עדוואַרד גוד׳ס קאָרנער״ — עדוואַרד גודס ווינקל. משה עובד איז אַ געניאַלער פאַכמאַן פון אָט די אַלע גליצערדיקע, אַלטערטימלעכע שמאַכטעס. אַ בליק, און ער ווייסט שוין דאָס יאָרהונדערט און דאָס לאַנד פון וואַנעט דאָס קומט און וואָס דאָס איז ווערט. גאָלד און זילבער דערקענט ער מיטן בליק פון זײַנע סענטימענטאַל פאַרחלומטע אויגן און מאַכט נישט קיין מאָל קיין טעות. דימענטן אַוודאי. ער באַזאָרגט די גאַנצע עלעגאַנטע און עקסצענטרישע וועלט פון לאָנדאָן מיט אויסערגעוויינטלעכע גאָלד־חפצים. אַז מען דאַרף קויפן צירונג פאַרן לעגיטימען ווײַב גייט מען אין די גרויסע דימענט־געשעפטן, אָבער אַז מען דאַרף קויפן עפּעס אַן אויסערגעוויינטלעכע מתנה פאַר אַ געליבטער, גייט מען צו עדוואַרד גודן. ווייסט טאַקע משה עובד וואָס עס טוט זיך הינטער די אָפּיציעלע דימענטן פון דער לאָנדאָנער וועלטשטאָט. ער ווייסט און ער שווײַגט. אים קען מען פאַרטרויען אַ סוד און די לאָנדאָנער אייבערשטע פיר הונדערט ווייסן עס. אַפילו די קעניגין פון ענגלאַנד, די פּרווי פון דזאָרדזש דעם פינפטן, פלעגט אָפט קומען אײַנקויפן אַנטיקן בײַ משה עובד. — — ער איז אַ גאָט־געבענטשטער קענער פון די אַלע טײַערע זאַכן, וואָס האָבן אין דער אַמאָליקער געשיכטע פון דער וועלט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע. צוליב אָט אָ די שמאַכטעס האָט מען דאָך אַ מאָל מלחמות געפירט, קרוינען זענען געפאַלן. — — משה עובד גייט אָפט צו זײַנע שופלאָדן און לאָזט דורך זײַנע הענט רינגען די אַלערליי גאָלדן און זילבערן און פּערלוואַרג און דימענטן־געבלישטש און ער זאָגט, אַז ער האָט דערבײַ דאָס געפיל, אַז ער רירט אָן דעם גאַנג פון דער צײַט... ער האָט נישט ליב דעם ווערט פון די איידלשטיינער, ער האָט ליב זייער גײַסט, זייער נשמה, ער, דער זון פון קליינשטעטלדיקע פּוילישע כּלי־קודש. —

אַלערליי אומגליקן זענען אים באַשערט געווען אין לעבן, אין אומרויִקן

לעבן; ער רעדט זיך אײַן, אַז ער האָט אַלע מאָל אָט די אומגליקן נביאיש פאָרויסגעזען און ער איז אַ מיסטיקער, ער גלייבט אין עפּעס אַזאַ מאָדנעם משה עובד־גאָט, וואָס איז אַ געמיש פון גאָלד און דימענט און גײַסט, אפשר עפּעס אַ גילגול פון אַהרנס גאָלדענעם קאַלב געמישט מיט אַנונג פון אמתן יהוה. — —

משה עובד איז נישט קיין קאַרגער, ער האָט ליב די שײַן און דעם גלאַנץ פון גאָלד און פון דימענט און נישט זייער ווערט. ער טיילט מתּנות יעדן, וואָס קומט נאָר צו אים אַרײַן, ער גיט נדבות אויף רעכטס און לינקס. אַזוי ווי איינער אַנטדעקט דיכטערישע טאַלאַנטן, אַזוי אַנטדעקט משה עובד יוּוועלירן־טאַלאַנטן. אַ מאָל האָט ער באַמערקט ווי זײַנע אַן אַרבעטערין האָט אַ געניאַל געפיל פאַר צירונג, האָט ער זי געלאָזט בילדן, זי מגייר געווען, זיך פאַרבונדן מיט איר, געפאָרן מיט איר קיין ארץ־ישׂראל און געחלומט, אַז זי איז אַ גילגול פון די גאָלדשמידן און איידלשטיינער־שלײַפערס פון שלמה המלכס צײַטן, און אַז דורך אירע הענט וועט צוריק אויפלעבן אַן אוראַלטע קונסט בײַ ייִדן, אַ קונסט וואָס געדענקט נאָך די צײַט פון באַרג סיני.

משה עובד האָט פאַר אַ גרויסער סומע אָפּגעקויפט בײַם געניאַלן ענגליש־ייִדישן סקולפּטאָר יעקב עפּשטיין דעם אָריגינאַל פון זײַן איינשטיין־ביוסט. אייביק קוקט ער אויף דעם ווערק און אייביק דערזעט ער נײַעס אין דעם. אָט איז איינשטיין אַ קינד, אַ חכם, אַ שטערן־זעער, אַ וועלטנאַר, אַ האַלב־גאָט. ווי אַ געצנדינער קוקט ער אויף דער סטאַטוע, ער דינט צו איר. משה עובדיש, קנעכטיש. אַ מאָדנע פּערזענלעכקייט. אַ צענטראַלע פיגור פאַר אַ מאָדנעם ייִדישן ראָמאַן, וואָס דאַרף ערשט געשריבן ווערן.

1940

מענדל עלקין

געבוירן אין 1873 אין אַ דאָרף בײַ באָברויסק. 1908 — געוואַנדערט מיט דער הירשביין־טרופּע. 1918 — פּעטראָגראַד. 1919 — ווילנע. 1921 — וואַרשע. פּאָרזיצער פון אַרטיסטן־פּאַראיין. 1923 — אַמעריקע. צענדליקער יאָרן הויפּט־ביבליאָטעקער פון ייִוואָ. געשטאָרבן זונטיק, דעם 22סטן אַפּריל 1962.

וואָס איז אַ ל״וניק? אַ ל״וניק איז אַ דמיון, וואָס לאָזט זיך צופּאַסן צו יעדערווירקלעכקייט. צו יעדער ווירקלעכקייט, וואָס עקסיסטירט און מען ווייסט נישט געננוי אין וועמעס זכות... טראַכט מען צו אַ בעל־זכות און מען רופט אים אָן ל״וניק. טראַכט מען צו 36 אַזעלכע, וואָרעם איינער וואָלט נישט געווען גענוג, נישט גלויבווערדיק. אויך די ייִדישע ליטעראַטור און בכלל מאָדערנע קולטור אין ייִדיש איז אַן עקסיסטענץ, אַ ווירקלעכקייט אָן אַן אַבסאָלוט באַרעכטיקטן מוז. און אויך זי עקסיסטירט אין זכות פון למד־וואָוו צדיקים. איך קען עטלעכע אירע פון זיי. איינעם קען איך אויף גאַנץ זיכער. זײַן נאָמען איז מענדל עלקין און איך קען אים פון פּוילן און פון אַמעריקע.

דאָס איז געווען אין וואַרשע אין די ערשטע יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה — האָט מיך אַ מאָל פּרץ הירשביין באַקענט מיט אַ מיטל־יעריקן מאַן, מיטלוווקסיק און ביינערדיק, לאַנגנאַזיק און מיט אַ גלאַטהאָריקער טשופּרינע, טונקל־ברוין, און ער קען מיט אַזאַ פּנים זײַן אַ גוי און אַ ייִד. און ער רעדט מיט אַ רוסישן אַקצענט זײַן ייִדיש און ער רעדט נישט, נאָר ער דעקלאַמירט ממש, אַזוי באַגײַסטערט אים אַלץ, וואָס ער דערציילט, און ער האָט ליב צו דערציילן אַ סך און לאַנג און עס איז אינטערעסאַנט צו הערן, מחמת ער רעדט נישט וועגן זיך. הירשביין האָט אונדז באַקענט און געזאָגט דעם נאָמען: דאָס איז מענדל עלקין און — אַז איך האָב שפּעטער, אונטער פיר אויגן איבערגעפרעגט, האָט זיך הירשביין שטאַרק געוווּנדערט: ווער קען נישט מענדל עלקין? מחמת הירשביין און עלקין זענען געווען שוין פרײַנד פון לאַנגע יאָרן. פרײַנד אויף אַ לעבן. הירשביינס פרײַנדשאַפט מיט עלקינען איז טאַקע אַן אויסנאַם, אָבער בדרך־כּלל האָט עלקין אַ ים מיט פרײַנד.

ער שרײַבט פּאָעזיע אין נוסח פון דער רוסישער פּאָעזיע פון נײַנצנטן יאָרהונדערט און ער איבערזעצט פּאָעזיע פון רוסיש און עברית און ער באַאַרבעט דראַמעס און שרײַבט איינאַקטערס און רעדאַגירט אַ מאָל אַ צײַט־שריפט. אָבער ער רעדט זיך נישט צו פיל אײַן אויף אַט די זאַכן. דער עיקר

איז, וואָס ער איז מענדל עלקין און ווער מענדל עלקין איז — דאָס האָבן מיר אויבן געזאָגט.

פאַר וואָס מענדל עלקין איז אַזוי דורכגענומען מיט ייִדישער מאָדערנער קולטור — דאָס ווייסט קיינער נישט, צום ווייניקסטן ער אַליין. דאָס איז גורל. למד־וואָווישער גורל. עלקין איז אַ מאָל געווען אַ גרויסער סוחר און ער קומט בכלל פון רוסיש־ייִדישע גבירים, וואָס האָבן געהאַט „ראַזמאַך" און פאַרנעם. און קיין אַמעריקע איז ער געקומען נאָך יונגערהייט און ער איז סוף־כל־סוף געוואָרן דער ביבליאָטעקער פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. זײַנע יאָרן גייען, זײַן געטרײַע פרוי איז מיד געוואָרן, און — שוין נישט שטאַרק יונג — געלאָזן מענדלען אַליין. און ער — ווי ער וואָלט באַשלאָסן — דער לעצטער אַראָפּצוגיין פון דער דאָזיקער שיף מיט דורכגעשאָסענע זײַטן, וואָס רופט זיך: ייִדיש אין אַמעריקע. ער איז דער זעלבער געבליבן אינערלעך און אויך אויסערלעך. אַז עס האָט זיך דורך אַ נס געראַטעוועט דער ייִוואָ־ביכער־אוצר פון ווילנע און איז אָנגעקומען אין ייִוואָ אין ניו־יאָרק — האָט עלקין אייגנהאַנטיק אַלע דרײַסיק טויזנט ביכער אויסגעפּאַקט פון די קאַסטנס און אײַנגעשטעלט אויף די פּאָליצעס. און איך בין זיכער, אַז ווען קיינער האָט נישט געזען — האָט ער נאָך יעדעס בוך און ספר פאַרן אַרײַנשטעלן אין דער פּאָליצע אַ קוש געטון אויך... עלקין געדענקט דאָ יעדעס בוך, און בעסטער בײַ אים אַזאַ בוך דיר צו ווײַזן, גיט ער באַלד אַ פּלאָטער ווי אַ פויגל — קוים וואָס ער רירט אָן די לייטער — אױן ער ברענגט עס דיר פון דער העכסטער פּאָליצע, אָדער פון ווו עס זאָל נישט זײַן.

איין מאָל בין איך שטיל אַרײַנגעקומען אין דער ייִוואָ־ביבליאָטעק און איך זע ווי מענדל — אַלע רופן אים רב מענדל, אָנענדיק ל״ו־עלקין, גייט אַרום און גלעט די רוקנס פון די ביכער און גלײַכט זיי אויס. טראַכט איך: דער טיפּיטשנער ביבליאָטעקער, וואָס האָט ליב די ביכער־רוקנס... נאָר דאָ שטעלט זיך רב מענדל אָפּ, זוכט, נעמט אַרויס אַ ספר און פאַרטיפט זיך. ער האָט מיטן גאַנצן האַרץ ליב אויך די הערצער פון די ביכער און נישט נאָר זייערע רוקנס. און ער האָט אויך ליב די מחברים פון די ביכער — מיט זייערע מעלות און מיט זייערע חסרונות. אָט אַזוי ווי זיי זענען.

*

די ווערטער דאָ אויבן זענען געשריבן געוואָרן מיט עטלעכע יאָרן צוריק. בײַם לעבן פון דעם — ווי מיר האָבן אַלע געגלייבט — פיזיש אומשטערבלעכן מענדל עלקין. לויט די יאָרן — איבער אַכציק — איז עס נאָך נישט געווען אַזאַ פענאָמען הײַנטיקע צײַטן, צײַטן פון לאַנגלעביקייט; פענאָמענאַל איז עלקין געווען לויט זײַן טעמפּעראַמענט און זײַן באַקלאָגן זיך, אַז עס איז אים שוין נימאס געוואָרן דאָס אַרומדרייען זיך צווישן זקנים...

אין די ערשטע יאָרצענדליקער פון זײַן אַקטיװ לעבן האָט מענדל עלקין אַװעקגעגעבן אַלע זײַנע ענערגיעס דעם מאָדערנעם ייִדישן טעאַטער. װאָס האָט ער נישט אַלץ געטאָן אויף דעם געביט זינט דעם יאָר 1893 — װען ער איז 20 יאָר אַלט געװען. ער האָט אַליין געשפּילט, רעציטירט, איבערגעזעצט, געגרינדעט טעאַטער־געזעלשאַפטן, טעאַטער־טרופּעס, טעאַטער־צײַטשריפטן, טעאַטער־אָװנטן אָרגאַניזירט — אין אַלערליי שטעט פון אַמאָליקן רוסלאַנד. שפּעטער אין װילנע און אין װאַרשע אין באַנײַטן פּוילן און זינט דעם יאָר 1923 אין אַמעריקע. אָבער, אַז ער האָט באַמערקט, אַז אַל זײַן אַרבעט איז אַ זיפּזיף־אַרבעט, און דער שװערער שטיין, װאָס ער קוילערט אים באַרג־אַרויף, פאַלט כּסדר צוריק, האָט ער געזוכט און געפונען אַ תּיקון פאַר זײַנע אומ־דערשעפּלעכע ענערגיעס — דעם ייִדישן װיסנשאַפטלעכן אינסטיטוט; דאָ — האָט ער מסתמא געטראַכט — װעט דער שטיין בלײַבן ליגן אויף אַן אָרט, מחמת מען שלעפּט אים נישט באַרג־אַרויף סתּם. דאָ זאַמלט מען אַן אוצר פאַר דורות. אַלע זײַנע אָרגאַניזאַטאָרישע פעיִקייטן פון אַ רוסישן גרויס־סוחר, אַל זײַן ליבע — ליבע סתּם, אהבת־חינם — צו דער ייִדישער קולטור אין ייִדיש — האָט עלקין אַרײַנגעבראַקט אין דער ייִװאָ־ביבליאָטעק. זי איז געװען אַ מוסטער פון פּינקטלעכקייט, אפשר די מוסטערהאַפטסטע און פּינקט־לעכסטע ביבליאָטעק בײַ ייִדן בכלל. און אַזוי אויך דער ייִװאָ־אַרכיון.

איז ער אַװעק פון דער װעלט — נאָך אַ לאַנג און אַקטיװ לעבן — געאַכפּערט אויף אַן אמת און באַליבט אויף אַן אמת בײַ אַלע, אַלע, װאָס האָבן אים געקענט, װײַל אויך ער האָט אַלעמען ליב געהאַט, כאָטש מיט נישט איינעם זיך געקריגט לשמה, אָבער קיין מאָל נישט מיט שׂינאה — יאָ, איז ער אַװעק פון דער װעלט מיט אַ געפיל, אַז ער האָט זײַן לעבן צו די 90 יאָר דערבראַכט צו אַ פולן תּיקון? װער װייסט?

אַ גרינגער און פלוצלינגער טויט איז אים נישט באַשערט געװען. װעט אים באַשערט זײַן אַ רויִקע און שלװהדיקע יענע־װעלט? װעט ער זײַן צופרידן מיט דער אַרבעט פון זײַנע ממלא־מקומס אויף די פיל געביטן פון זײַן טעַ־טיקייט? װעט ער נישט מוזן זיי קומען צו חלום און מאָנען זײַן אייגענעם ערנסט, זײַן איבערגעגעבנקייט — די אַבסאָלוטע ריינקייט פון זײַן נשמה פון יעדן שטויבעלע פון ציניזם, װאָס ייִדישע אינסטיטוציעס אין אַמעריקע לײַדן אַזוי דערפון?

מענדל עלקינס זענען אַלע מאָל זעלטן געװען. איצט זענען זיי שוין אַזוי װי אַן אויסגעשטאָרבענער מין... ער, מענדל עלקין, איז אפשר טאַקע דער לעצטער פון דעם מין געװען... אָבער דאָס איז נישט קיין טרייסט פאַר אים אויף יענער־װעלט... איז לאָמיר דעריבער האָפן, אַז גאָר באַלד װעלן זיך װידער באַװײַזן מענדל עלקינס — אַזוי דאַרף זיי די ייִדישע קולטור. אוי דאַרף זי זיי.

ישראל עמיאָט

געבוירן דעם 15טן יאַנואַר 1909 אין אָסטראָוו־מאַזאָוויעצקי, פּוילן. בײַם אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אַוועק קײַן רוסלאַנד. יאָרן אין ביראָבידזשאַן — זיבן יאָר אין סאָוועטישע שקלאַפן־לאַגערן. אין יאָר 1956 צום צווייטן מאָל אין ביראָבידזשאַן און זעלביקן יאָר געקומען קיין פּוילן. אין יאָר 1958 געקומען קיין אַמעריקע. געוווינט אין ראָטשעסטער, שטאַט ניו־יאָרק. געשטאָרבן דעם 6טן מאַרץ 1978.

זײַן לעבן איז צעשניטן אין קליינע שטיקלעך — אַזוי ווי אַ רעטעניש־בילד אויף אַ טאָוול, צעשניטן אין האַלב־קרײַזן און אין זיגזאַגן פאַר קינדער צום שפּילן. גיסט עס אַ ריר און עס צעפאַלט זיך און דאַרפסט שפּעטער לאַנג און געדולדיק אַרבעטן דערויף — צוריק עס צונויפצולייגן און ווידער אַ גאַנץ בילד דערפון צו מאַכן. די גאַנצקייט איז דאָ אין די שטיקלעך, אָבער זי קען זיך שווער צוזאַמענהאַלטן, זי איז צעשניטן און צעבראָקלט. אַזוי איז דאָס לעבן פון דעם דיכטער, דערציילער, מעמואַריסט ישראל עמיאָט. דער האַמער פון גורל האָט זיך אײַנגעשפּאַרט אַראָפּגעלאָזט דווקא אויף דעם לעבן פון דעם דאָזיקן שרײַבער און האַמערט דערויף און קרישלט עס שוין כּמעט פון סאַמע געבוירן אָן. און פאָרט — און עס איז ממש אַ וווּנדער — ס׳איז דאָ אַ גאַנצקייט אין אָט דעם לעבן און אין דעם ליטעראַרישן ווערק, וואָס דאָס לעבן באַשאַפט. ייִדישע טראַגישע גאַנצקייט, וואָס דערמאָנט אַ ביסל די גורלדיקייט פון אַן אוריאל אַקאָסטאַ. איך שטרײַך אונטער: דערמאָנט אַ ביסל.

איך האָב אַ מאָל עמיאָטן געבעטן אָנצוצייכענען אַ פּאָר ביאָגראַפישע דאַטעס און זיי מיר געבן. אַרויסגעקומען איז אַ ביאָגראַפישער לאַבירינט שוין פון זײַן געבוירן אָן. סײַ זײַן טאַטע און סײַ זײַן מאַמע — ביידע אינדיווידואַליסטן אויף זייער אופן — זענען פריִער געווען פאַרבונדן מיט משפחות, וואָס האָבן זיך אָבער נישט געהאַלטן און אויך די פאַרבינדונג, פון וועלכער ישראל איז געקומען אויף דער וועלט, האָט זיך לאַנג נישט געהאַלטן. פון אַ תּלמיד־חכם און אַ מקובל איז דער פאָטער געוואָרן אַ משכּיל, געלעבט ביחידות, אַוועק אויף יענער־וועלט. ישראלס קינדהייט איז אַוועק אין וואַקלונגען פון דער ליבע צו דער לײַדנדיקער מוטער און פאַר אַ מאָדערן לעבן קעמפנדיקן פאָטער. אין וואַקלונגען צווישן דעם בלאַט גמרא

מיטן זיידן און די טרייף־פּסולען, וואָס דער טאַטע האָט דעם קינד געגעבן צום לייענען.

אָט אַזוי האָט מיר ישׂראל עמיאָט אויפגעקלערט זײַן ליטעראַרישן נאָמען, וואָס איז דײַטלעך פאַר יעדן אויער. אַ פּסעוודאָנים, און דערצו מיט אַ סלאַ־ווישן צומיש. יאָט — אין פּויליש הייסט דאָס אות „י״ — דער קאָנסאָנאַנט. ישׂראל עמיאָט איז אין פּאַס פאַרשריבן ישׂראל גאָלדוואַסער — דער משפּחה־נאָמען איז דער מאַמעס. דער פאָטער האָט געהייסן: יאַנאָווסקי. און אָט זענען די עלעמענטן פון ליטעראַרישן נאָמען, אָדער פּסעוודאָנים: ישׂראל איז טאַקע עמיאָטס ערשטער נאָמען, אָבער ער האָט נאָך אַ נאָמען „מלך״, וואָס מען האָט אים צוגעגעבן פאַר אַ סגולה בשעת אַ שווערער קרענק אין דער קינדהייט. „עם״ איז דער פּוילישער נאָמען פון אות „מ״ — און „יאָט״ איז שייך צום משפּחה־נאָמען פון פאָטער „יאַנאָווסקי״. און אַזוי איז געוואָרן „עמיאָט״. און אויך די צונויפֿזעצונג פון פּסעוודאָנים איז כאַראַקטעריסטיש, דעריבער האָבן מיר עס אַזוי געגנוי דערציילט.

מיר האָבן זיך נאָך געקענט אין וואַרשע — ישׂראל עמיאָט און איך. אָבער ווייניק. עמיאָט געדענקט, אַז ער איז אַ מאָל געווען בײַ מיר אין מײַן בוידעם־דירה. איך בין געלעגן קראַנק און ער האָט מיר געלייענט לידער און איך האָב מיך אָפּגעשטעלט אויף געוויסע שורות און געבעטן זיי פּיר־לייענען נאָך און נאָך אַ מאָל און געבעטן דעם יונגן חבר — ייִנגער מיט 16 יאָר — זײַנע אייגענע שורות צו נעמען פאַר אַ מוסטער און אָט אַזאַ גאַנץ ליד צו שרײַבן. גאַנץ. אָבער איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט, און קיינער האָט נאָך נישט געקענט וויסן, אַז גראָד די טראַגישע צעריסנקייט און די דראַמאַטישע צעבראָכנקייט וועט זײַן כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דיכטער ישׂראל עמיאָט, וואָס אים איז באַשערט — ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען — צו זײַן אַ גאַנץ קינד פון אַ צעבראָכענער צײַט... און צעריסענער מענטשהייט. מיר פּאַראַפראַזירן דאָ דאָס באַוווּסטע רבישע וואָרט, אַז עס איז נישטאָ אַזאַ גאַנצע זאַך אויף גאָטס וועלט ווי אַ צעבראָכן ייִדיש האַרץ.

און ווי דאָס לעבן עמיאָטס, אַזוי איז זײַן מאָגער און לײַדנדיק פּנים. אַזוי זײַן בליק. שמייכלט ער — צעברעכט זיך דאָס פּנים אין אַ גרימאַסע פון לייד; באַווײַזט זיך אַ גרימאַסע פון לייד אויפן פּנים, בשעת ער דערציילט דיר עפּעס אַן עפּיזאָד פון זײַנע שיבעים־ושיבעה־מדורי־גיהנום, וואָס איז ער איז דורכגעגאַנגען — איז ווי עפּעס אַ ווײַטער יענער־וועלטיקער שמייכל וואָלט זיך אויפן פּנים באַוויזן.

מיר האָבן זיך באַגעגנט אין יאָר 1956 אין וואַרשע. עמיאָט איז נאָר וואָס געקומען פון רוסלאַנד. אין אים איז געווען עפּעס אַ ווילדע פרייד, וואָס איז גאָר קיין פרייד נישט און פאָרט עפּעס אַזוינס ווי פרייד. אַ זעכ־

ציקסטל פון דער פרייד פון די, וואָס וועלן אויפשטיין תחית־המתים... מיר נוצן מיט אַ כּוונה די ציפער זעכציק, וואָס איז אינטעגרירט אין ייִדישער מסורה און מיסטיק. מיר זענען געגאַנגען אַ מאָל בײַ נאַכט צוזאַמען אויף דער גאַס — נאָווי שוויאַט, דאַכט זיך. אויף די גאַסן עלעקטריש באַלויכטענע קלינגוווערטער: פּוילן בויט איר הויפּטשטאָט! מיר זענען געווען אַ מאַן זיבן. פּלוצלינג גיט זיך עמיאָט אַ רײַס אַפּ און לויפט ערגעץ אַריבער אויף יענער זײַט גאַס. דער ערשטער אײַנדרוק איז געווען בײַ אונדז אַלע, אַז ער איז פּלוצלינג באַפאַלן געוואָרן פון עפּעס אַ וואַנזיניקער שרעק. אָבער אָט איז ער שוין אויף יענער זײַט גאַס און ער קושט זיך דאָרט מיט אַ מאַן און זיי שרײַען ביידע עד לב השמים — — פון עפּעס אַזאַ ווילדער פרייד. שפּעטער זענען מיר געוואָר געוואָרן. יענער איז אַ פּוילישער קינסטלער און זיי זענען ביידע צוזאַמען געווען אין אַ שקלאַפן־לאַגער. עס האָט געדויערט אַ שעה ביז עמיאָט איז געקומען צו זיך פון דער ציטערניש פון אָט דער באַגעגעניש.

מיר האָבן זיך באַגעגנט אין יאָר 1959 — פרילינג — אין ראָטשעסטער, עמיאָט איז שטיל און איינזאַם. עטלעכע גוטע פרײַנד באַמיִען זיך די איינזאַמקייט צו פאַרגרינגערן. ער האָט דאָ אין ראָטשעסטער זײַן פרוי, קינדער — צענדליקער יאָרן געווען פון זיי אָפּגעריסן און ביידע צדדים האָבן געמיינט — ווי דען אַנדערש — אַז די אָפּגעריסנקייט איז שוין אויף אייביק. און דאָ, פּלוצלינג, אַ נס. אָבער זעלטן קומען נסים אין צײַט. — — מיר זיצן זאַלבע פערט בײַ אַ פרײַנדלעכער משפּחה. עמיאָט שווײַגט אַ סך. נאָר אָט הייבט ער אָן צו רעדן, שטיל, ווי צו זיך:

...איך הער עס נאָך אַלץ, איך הער עס כּמעט יעדע נאַכט, אַ געוויין, אַ געוויין, וואָס טראָגט זיך דורך אַלע תּפיסה־קאַמערן, גייט אַדורך דורך אַלע ווענט, מען הערט דאָס געוויין און אין געוויין איז אײַנגעוויקלט אַ וואָרט, אָבער דאָס וואָרט קען מען נישט פאַרשטיין, אַזוי אַ גאַנצע נאַכט, אַזוי יעדע נאַכט, אַזוי הער איך עס כּמעט יעדע נאַכט אָן אַן אויפהער; וועל איך עס אַזוי שוין הערן דאָס גאַנצע לעבן?... אָפט דאַכט זיך מיר בײַ נאַכט, בשעת איך הער דאָס געוויין, אַז איך ליג אויף אַ נאַרע — און ווי נאָר איך וועק מיך איבער, שטרעק איך אויס די האַנט צו דער בריק צו זען צי עס ליגן דאָרט נאָך די תּפיסה־מלבושים... וועל איך שוין דאָס גאַנצע לעבן זוכן אַזוי די תּפיסה־מלבושים אויף דער בריק נעבן בעט?...

פאַראַנען בײַ בערגעלסאָנען אַ דערציילונג: „דער עדות — איינער פון אַ מיליאָן". אויך עמיאָט איז אַזאַ עדות. ווידער שרײַבט ער לידער, דערציילונגען. די לידער זענען תּפילות ממעמקים: „און דעם שוואַכן, אַ העלף אים, העלף אים, גאָט / ער זאָל צו אַ מענטש ווידער זײַן געגליכן. / עס האָט אים באַשפּיגן די וועלט, זאָל ער צו דיר / אויף אַלע פיר כאָטש דערקריכן".

זײַנע דערציילונגען זענען דערמאָנונגען פון אַ מאָל, אַ מאָל. זײַנע זכרונות — מעמואַרן פון די יאָרן פון לײַד און צעבראָכנקייט.

באַלד אין פּוילן, בײַ דער ערשטער ווידער־באַגעגעניש, שפּעטער אין ראָטשעסטער, האָב איך געזוכט רגעס פּנים־אל־פּנים מיט עמיאָטן און אין אים חבריש אַרײַנגערעדט, און דאָס זעלבע שפּעטער אויך אַרײַנגעשריבן אין דער אָפּטער קאָרעספּאָנדענץ: — „טוט זיך אָן אַ כּוח, טוט זיך אָן אַלע כּוחות פון דער וועלט — באַשרײַבט מיט דער גרעסטער רו די גרעסטע אומ־רויִקייטן און צערן, וואָס איר האָט איבערגעלעבט אויסערלעך ווי דורך רעדער איבערגעפאָרן און אינערלעך ווי דורך גראַבליעס אויפגערודערט. געדענקט, אַז איר זענט דער עדות — איינער פון אַ מיליאָן. אַז אײַך איז גורלדיק באַשערט געווען צו זײַן אויך דער עדות פאַר משה בראָדערזאָנען, מיט וועמען איר זענט געווען צוזאַמען אין לאַגערן — און אים האָט גאָט זיבן טעג נאָך דער פרײַ גענומען צו זיך". — — עמיאָט האָט געזאָגט: איך האָב מײַן עדות־זאָגן שוין פאַרשריבן פאַר זיך; דער אמת האָט געפירט מײַן האַנט.

1960

ד״ר עמנואל פּאַט

געבוירן 1912 אין ביאַליסטאָק. זון פון יעקב פּאַט. 1936 אין וואַרשע. דאָקטאָר מעדיצין. 1940 אין ניו־יאָרק. געשטאָרבן 4טן סעפּטעמבער 1971.

אַ דינאַמישע אָבער מילדע פּערזענלעכקייט — דאָקטאָר עמנואל פּאַט. ער איז געווען אַ מאָדערנער ייִדישער פֿאָלקסדאָקטאָר, ווי מיר קענען די געשטאַלטן פון די יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט, אָבער ער באַלאַנגט ראשו ורובו צום 20סטן יאָרהונדערט. זײַנע פּאָפּולער געשריבענע מעדיצינישע אַר־טיקלען זענען געדרוקט געוואָרן אין מערערע צײַטונגען, בעיקר אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל״ אין ניו־יאָרק. ווער עס האָט די אַרטיקלען סיסטעמאַטיש געלייענט אַ פּאָר צענדליק יאָר, דער האָט אַליין געקענט ווערן אַ דאָקטאָר. און אַ גוטער דאָקטאָר.

איר פרעגט: פאַר וואָס? דער ענטפער איז: ווײַל עמנואל פּאַט האָט אַלץ גענומען ערנסט און מיט ליבשאַפט געטיילט זײַן וויסן מיט זײַנע לייע־נערס־פּאַציענטן. זײַנע אַרטיקלען האָבן אפילו געהאַט הומאָר. אָבער זייער איידל. ווי דאָס ווערטל זאָגט: לאַכן איז געזונט — דאָקטוירים הייסן לאַכן. הומאָר יאָ, אָבער גרינגשעצונג — חלילה!

חוץ דעם וואָס ער איז געווען אַ דאָקטאָר בחסד עליון — איז ער אויך געווען אַ ייִדישער שריפטשטעלער, און ייִדישער קולטור־טוער, ווי מען רופט עס. אַ ייִדישער קולטור־טוער, אָבער נישט קיין קולטור־פּאַנאַטיקער.

זעלטן טרעפט זיך, אַז אַ זון אָדער אַ טאָכטער זאָלן אַזוי פאַרשטיין און ליב האָבן אַ טאַטן — ווי עמנואל האָט פאַרשטאַנען און ליב געהאַט יעקב פּאַטן. און יעקב פּאַט — זײַן זון עמנואל.

איר ווילט זיכער אַ וואָרטצייכן צו דער באַהויפּטונג מײַנער. אָט איז ער: אויף מײַן טיש ליגט אַ בוך פון 640 זײַטן. דער נאָמען פון בוך איז: „אין געראַנגל— יעקב פּאַט און זײַן דור״, פון עמנואל פּאַט. אַרויסגעגעבן פון יעקב פּאַט־פאַמיליע־פאָנד. אַ בוך צו זינגען און צו זאָגן. דאָס דאָזיקע גאַנצע בוך האָט צוזאַמענגעשטעלט נישט קיין אַנדערער ווי עמנואל. דאָס קלינגט ווי אַ פאַנטאַזיע. אָבער בײַ יעקב און עמנואל פּאַט איז אַלץ מעגלעך געווען.

נישט אָפט האָבן מיר זיך באַגעגנט — עמנואל און איך. אָבער געקענט האָב איך אים שוין פון אַרום דעם יאָר 1920 — פון דער צענטראַלער ייִדישער שול־אָרגאַניזאַציע ציש״אָ אין וואַרשע. דאָרט פלעגט עמנואל אָפט אַרײַנקומען צו זײַן פאָטער. אַ שטיל, שיין און אייביק נײַגעריק ייִנגל. און אין זכרון בײַ מיר האָט זיך אײַנגעקריצט אַזאַ מעשה: קומט אַ מאָל אַרײַן עמנואל צו

זײַן טאַטן און זײַ שושקען זיך עפּעס. און אָט הייבט יעקב פּאַט אויף דעם קאָפּ און ער זאָגט צו זײַן זון: מאַניע — אַזוי האָט מען אים אין דער גאַנצער משפּחה גערופֿן — נישט געזאָרגט, איך האָב שוין דאָס געלט און דו וועסט האָבן אַ פּאָר נײַע און גלאַנציקע לאַטשן — גאַנץ וואַרשע וועט דיך מקנא זײַן. דאָס שושקען זיך פֿון טאַטן און זון האָט טאַקע געדאַרפֿט לייזן די פּראָבלעם — שיך... דעמאָלט אַ גאַנץ שווערע פּראָבלעם.) אַ שעה שפּעטער האָב איך מיר דערמאָנט, אַז איך האָב אויך עפּעס אַ שיך־פּראָבלעם, און צופֿעליק אַרײַן צום זעלבן שוסטער, אַ פּאָליאַק. און ווער איז דאָ? טאַקע פּאַט מיט זײַן זון. און עפּעס קען זיך יעקב פּאַט נישט פֿאַרשטיין מיט דעם שוסטער. פּאַט קלערט אויף, אַז ער וויל פּשוט קויפֿן אַ פּאָר „לאַטשי״. אָבער דער שוסטער פֿאַרשטייט נישט. און מאַניע שטייט שטיל אין אַ ווינקל און שעמט זיך שטילערהייט פֿאַרן טאַטן, וואָס קען נישט קיין פּויליש. און דאָ בין איך אַרײַן און געראַטעוועט די סיטואַציע. און אַזוי ווי דער טאַטע האָט צוגעזאָגט: וועסט האָבן, מאַניע, אַ פּאָר גלאַנציקע „לאַטשי״. יאָ, לאַטשי — גאַנץ וואַרשע וועט דיך מקנא זײַן.

אַ קליין מעשהלע — אָבער אַזוי פֿיל פּאַטאָס אין איר פֿון יענע יאָרן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות.

דאָס יינגעלע — מאַניע — מיט דער שיך־פּראָבלעם איז געוואָרן אַ דערוואַקסענער, הויכער מאַן, וואָס טראָגט מיט שווערער מי די פּראָבלעמען פֿון מענטש, ייִד, ייִדישער קולטור און ייִדישן לשון. ער שטייט גלײַכצײַטיק אויף צוויי שוועלן. אַזוי שטייט דאָך די גאַנצע וועלט און אַזוי די גאַנצע ייִדישע וועלט. ער ווייסט — אַלס דאָקטאָר — ווו עס האַלט מיט זײַן קראַנק האַרץ און אפֿשר טאַקע דערפֿאַר אײַלט ער זיך. טראָגט נאָך שווערערע עולן אויף זיך. אין אַזאַ דור איז מען געבוירן געוואָרן, און נישט נאָר קען מען נישט פֿון דעם דור אַרויסשפּרינגען, נאָר מען טאָר עס אויך נישט טאָן.

גערעדט אַזוי פֿיל אין דעם מאמר, אָדער אינטימען פּראָפֿיל, וועגן דער ענערגיע פֿון טאַטע און זון — יעקב פּאַט און עמנואל, און אַ וואָרטצייכן צוגעגעבן — די 640 דרוקזײַטן פֿון דעם בוך „אין גראַנגל״.

און אָט האָב איך אין גאַנג פֿון דעם פּראָפֿיל גערעדט אַזוי פֿיל וועגן דער אומדערמידלעכער אָנשטרענגונג צו געפֿינען דעם סינטעטישן ייִדישן וועלט־געדאַנקען־גאַנג. און אויך אויף דעם געביט האָט אונדז עמנואל צוגעגרייט אַ וואָרטצייכן. אַ פּאַמפֿלעט פֿון 20 זײַטן בריוופֿאָרמאַט איז עס. דער טיטל: דאָס ייִדישע וועלטפֿאָלק און די ייִדישע סאָציאַליסטן. דאָס יאָר איז 1965. אין אָט דער מימעאָגראַפֿירטער בראָשור איז דאָ ממש אַלץ, וואָס קען געזאָגט ווערן אויף דער טעמע, שווער ווי אַ שטיינבאַרג.

די אמתן פֿון דער בראָשור בעטן זיך ממש צו אַ פּלאַנעטאַרן וויכּוח לויט

די טעזן פון עמנואל פּאַט. לאָגישע געדאַנקען האָבן אַזאַ כּוח, אַז זיי קענען איבערלעבן דעם, וואָס האָט זיי אַרויסגעזאָגט אַפילו מיט אַ סך יאָרן פריִער. און אָט ליגט פאַר מיר אָפן די דערמאָנטע בראָשור און בעט זיך, נײַן, זי פאָדערט אַפילו, אַז אָט די טעזן זאָלן זײַן דער יסוד פון דעם ייִדישן וועלט־וויכּוח: דאָס ייִדישע וועלטפאָלק און די ייִדישע סאָציאַליסטן. עס איז נאָר אַ טיפער ריס אין האַרצן, וואָס דער הויפּט־מחותּן פון אַזאַ סימפּאָזיום וועט נישט אָנטייל נעמען.

און אפשר טאַקע יאָ — ווער קען וויסן? נישט נאָר אין אַ צײַט פון צײַטן לעבן מיר, נאָר אויך אין אַ צײַט פון עפענען דעם סוד פון סודות. און אַלע די געדאַנקען האָבן אָנגערעגט אַ דאָקטאָר, אַ פרײַנד פון מענטש און ייִד.

גוזמא! — זאָגט איר — יאָ, אַזאַ איז די צײַט — אַהין אָדער אַהער!

אין מײַן אַרכיוו האָבן זיך אין גאַנג פון יאָרן אָנגעזאַמלט אַ פּאָר צעטלדיק בריוו פון עמנואל פּאַט. לייען איך זיי און לייען אין אָט די ערשטע טרויער־טעג נאָך זײַן אַוועקגאַנג און איך באַוווּנדער זייער קלאָרקייט און ציל־זיכערקייט. אַ מאָל וועלן אָט די בריוו ציטירט ווערן אין עקסטענסאָ. הײַנט זאָל כאָטש איינער פון אָט די בריוו ציטירט ווערן וואָרט אין וואָרט:

„ניו־יאָרק, 19טן מײַ 1965.

טײַערער פרײַנד,

איײַערע פּאָר שורות זענען ווי אַ גוטע רפואה. אפשר האָט איר געהערט, אַז איך האָב לעצטנס געהאַט אַ קאָנפליקט מיט מײַן דאָקטאָר. ער האָט געזאָגט אַז איך האָב געהאַט כּמעט אַ לײַכטן האַרצאַטאַק. איך האָב געזאָגט: אַ בילבול. אָבער ער, צוזאַמען מיט ברכהן, רבקהלען און אַברהמלען האָבן געהאַט אַ מערהייט פון 4 קעגן 1, איז אַז פיר זאָגן שיכּור — לייגט זיך דער פינפטער שלאָפן — אין אַ שפּיטאָל. דער אַרטיקל, וואָס האָט בײַ אײַך אַזוי נושׂא־חן געווען, איז געשריבן געוואָרן אויפן דריטן טאָג פון מײַן האָספּיטאַ־ליזאַציע. קענט איר שוין פאַרשטיין ווי חרוב קראַנק איך בין געווען. זינט דאַן בין איך אויף אויפגעצוואונגענער וואַקאַציע ביז אָנהייב יוני. דריי איך זיך אַרום פּוסט־און־פּאַס און פיל מיך עפּעס ווי אַ דאַרמאַיעדניק. איך האָב מיך קיין מאָל נישט געפילט אַזוי אָפּגערוט. איך שיק אײַך אַרויס אַ גרעסערן עסיי, באַאַרבעט פון אַ רעפעראַט, וואָס איך האָב אויסגעפּאַרטיקט אויפן פערטן און פינפטן טאָג פון מײַן האָספּיטאַליזאַציע און צוגעשטעלט צום בונדישן צוזאַמענפאָר — פּשוט פאַר מײַן געוויסן, אַז די מינדסטע האָפע־

נונגען, אַז עס װעט עמעצן משפּיע זײַן, ערשטנס, און װי אַ צװײטן באַװײַז, אַז מײַנע שפּיטאָל־דיקטאַטאָרן זענען געװען נישט גערעכט. איך האָף, אַז אפשר װעט עס אײַך אינטערעסירן. נישט אַזױ דער ערשטער פּאָלעמישער טײל װי דער שלוס. אױב איר האָט צײַט צו רעאַגירן אױף מײַנע אױספֿירן — װעל איך, פֿאַרשטײט זיך, זײַן זײער דאַנקבאַר פֿאַר אײַערע אַ פּאָר שורות קאָמענטאַרן. בעסטע גרוסן פֿון מײַן משפּחה פֿאַר אײַך און רחל. עמנואל פּאַט."

קלאָר, אַז דער נאָר װאָס אין עקסטענסאָ ציטירטער בריװ — האָט אַ שײַכות צו דער שױן פֿריִער דערמאָנטער בראָשור: „דאָס ייִדישע װעלטפֿאָלק און די ייִדישע סאָציאַליסטן". די דאַטע: אַפּריל 1965, ניו־יאָרק. װילט זיך אין אָט דעם פּענפּראָפֿיל כאָטש אַ טוץ אַפֿאָריזמען פֿון דאָרט ציטירן, זענען די געדאַנקבליצן אָבער אַזױ אינטעגרירט, אַז אַרױסנעמען עטלעכע פֿון דעם שנירל, װעט גורם זײַן דאָס צעפֿאַלן זיך אין גאַנצן פֿון דעם אָפּקלײַב.

און כאָטש נאָך עטלעכע עפּיזאָדן פֿון באַגעגענישן מיט עמנואלן װאָלטן װעלן דערצײלט װערן אין די רעמלעך פֿון דעם פּענפּראָפֿיל פֿון עמנואל פּאַט — אָבער טאַקע די רעמלעך זענען צו ענג.

אַהרן פּאַטקין

געבוירן 27סטן אָקטאָבער 1883 אין טאַטאַרסק אויפֿן דניע־פּער. שטודירט אין לאָמזשע, וואַרשע, מאָסקווע. יוריסט — פּראַקטיצירט אין מאָסקווע. זינט 1922 אין בערלין. פֿון 1927 אין מעלבאָרן, אויסטראַליע. אייראָפּעישע רײַזעס. גע־שטאָרבן אין מעלבאָרן 16טן נאָוועמבער 1950.

די פּערזאָניפיצירטע דינאַמיק — אין מײַן פאָרשטעלונג — הייסט זינט דעם יאָר 1933, זינט איך האָב אַהרן פּאַטקינען דערקענט אין אויסטראַליע, טאַקע מיט אָט דעם נאָמען. ביז דעמאָלט האָב איך נישט געזען אַ מענטשן, וואָס זאָל זיך קענען אַזוי באַגײַסטערן פֿאַר אַ זאַך, אין וועלכער ער גלייבט, און אַזוי אויפֿרעגן צוליב אַ זאַך, אין וועלכער אַן אַנדערער גלייבט און ער, פּאַטקין, מיינט אַז מען דאַרף אין דעם נישט גלייבן.

איך האָב קיין מאָל נישט געזען פּערזענלעך מאַקסים ליטווינאָוון, דעם געוועזענעם סאָוועטישן אויסערן־מיניסטער, און עס קען זײַן, אַז די ענלעכקייט איז נאָר אויפֿן בילד דאָ און נישט אין דערווירקלעכקייט, נאָר אויפֿן בילד איז ליטווינאָוו זייער ענלעך צו אַהרן פּאַטקינען, אַלע מאָל ווי אַ ברודער, צו מאָל אַפֿילו ווי אַ צווילינגס־ברודער. אַ קײַלעכדיק פּנים, עפּעס אַלץ איז קײַלעכדיק, דאָס איז די טענדענץ פֿון דער הויפּט־ליניע אין דעם פּנים. נישט מגושם, נאָר זייער סאָליד און ווי אָנגעשטאָפּט מיט אַ סאָלידער, שווערער מאַטעריע. און דער עיקר, דער הויכער, און אַ ביסל פֿאַרקײַלעכדיקטער, לומדישער שטערן. אַזאַ פּנים, וואָס איז אַ שאַרף געמיש פֿון פּאַנקע און רב ישׂראל, איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אורווסישע ייִדן. אַז איך זע אַזאַ פּנים — זע איך אין דעם אַ לעבעדיקע באַשטעטיקונג פֿון דער געוועזענער כּוזריש־ייִדישער מלוכה אויף די אומענדלעכע שטחים פֿון רוסלאַנד און די אומענד־לעכע טיפֿענישן פֿון דער ייִדישער געשיכטע.

כאָטש אַהרן פּאַטקין האָט זיך אַליין קיין מאָל דאָקטאָר נישט גערופֿן און ער קאָרעגירט כּסדר, אַז ער איז בלויז אַ יוריסט, אַן אַדוואָקאַט, קען מען אים בשום־אופֿן נישט — נישט טיטולירן מיט דעם טיטל דאָקטאָר. ס'איז צוליב דער פּערזענלעכקייט זײַנער, נישט ווייניק אויך צוליב דער געשיכטע פֿון זײַן באַוועגטן לעבן. אַז ער האָט זיך, אין יאָר 1927, באַזעצט אויף דעם שטילסט־ווײַטסטן קאָנטינענט פֿון דער וועלט מיט זײַן גאַנצער בילדונג, מיט זײַנע פּאַרטיי־פּאָליטישע מעטאַמאָרפֿאָזעס, וואָס האָבן אים שוין זינט לאַנג, לאַנג דערפֿירט צו אַ פֿאַנאַטישן ממש ציוניזם מיט אַ שטאַרקן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן צומיש, מיט זײַן ייִדישן ליטעראַטור־ענטוזיאַזם, מיט־

אַרבעט אין „כּלל־פֿאַרלאַג״, אַאַז״וו, האָט ער באַלד ממש אויפֿגערודערט דעם גאַנצן מיניאַטור־ייִשובֿ. און אַזוי רודערט ער אים אויף כּסדר.

די אויסטראַלישע וועלט, דער עיקר די יוריסטישע, וואָלט אים גערן אין גאַנצן אַבסאָרבירט, אָבער פּאַטקינען ציט עס צו דער ייִדישער סבֿיבֿה מיט גלײַנדיקע קייטן ממש. פֿון איין זײַט די ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכקייט, מיטאַרבעט אין אַלע ליטעראַרישע אויסגאַבעס בײַ ייִדן אין אויסטראַליע, רעדאַגירן אַ ציוניסטישע פּעריאָדישע שריפֿט אין ענגליש, פֿון דער אַנדערער זײַט אָפּט לעקציעס אויף אוניווערסיטעטן, קאָנסטיטוציאָנעלע אויסטראַלישע שטודיעס, און גאָר אַ ווערק אויף 300 זײַטן אין ענגליש וועגן די אָנהייב־קוואַלן פֿון דער רוסיש־ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, און פֿון דער דריטער זײַט — די ביטערע פּרנסה; הײַנט אַ פֿאַבריקאַנט פֿון זאָקן און מאָרגן אַן אייגנטימער פֿון אַ רײַזע־ביוראָ, ווי דער ייִדישער שטייגער — און צווישן אָט די דרײַ: אַהרן פּאַטקין אַליין אויף זײַן אַלטן פֿאָרדל־אויטאָמאָביל... אַזוי האָב איך אים געטראָפֿן אין יאָר 1933 און אַזוי געוועזן פֿרײַנד מיט אים ביז איך האָב דאָס לאַנד פֿאַרלאָזט.

שוין נאָענט אַ בן־חמישים האָט זיך פּאַטקין אויסגעלערנט „טרײַבן״ אַן אויטאָמאָביל. און „געטריבן״ האָט ער אים מער מיט לומדות און מיט זײַן אייגענעם דינאַמישן טעמפּעראַמענט ווי מיט בענזין און מיט די שרײַפֿלעך און רעדלעך. פּאַטקין קען נישט רעדן גלײַכגילטיק, נײַערט דיסקוטירן מיט פּאַטאָס און מיט זשעסטן פֿון די לעצטע מינוטן פֿון אַ גרויסער פּאַרטיידיקונגס־רעדע אין אַ קאָמפּליצירטן פּראָצעס. ווײ, אַז מען איז מיט אים נישט מסכּים. און מיר, דעם זינדיקן, איז עס זייער אָפֿט אויסגעקומען נישט מסכּים צו זײַן מיט אים, דער עיקר אויפֿן געביט פֿון ציוניזם. נאָר אַז מיר זענען געזעסן אין אויטאָמאָביל, און פּאַטקין האָט „געטריבן״, בין איך אַלע מאָל מסכּים געווען... טאָמער חלילה נישט, האָט פּאַטקין באַלד געגעבן אַ הייב אויף זײַנע הענט פֿון רעדל, מעג עס זײַן אין מיטן דער סיטי, אין מיטן דער אָ״ג „ראש״־שעה, ווען די אויטאָס קנוילן זיך ווי אַ סטאַדע קי פֿאַרן אַרײַנגיין אין אַ שטאַל, און גענומען מיך איבערצײַגן מיט אַלע מיטלען פֿון וואָרט און זשעסט. וואָס זשע טו איך? בין איך מסכּים. פּאַטקין לאָזט ווידער אַראָפּ די הענט אויפֿן רעדל און — מיר זענען געראַטעוועט.

באַזונדערס שאַרף איז עס צוגעגאַנגען צווישן פּאַטקינען און דער „בונ־דישער״ גרופּע. נישט איין מאָל האָט זיך די הויכע סטעליע פֿון דעם גרויסן מעלבאָרנער „קדימה״־זאַל ממש געשפּאָלטן פֿון די דיסקוסיע־קולות צווישן דער גרופּע און פּאַטקינען. אַז עס זענען שוין פּשוט קיין פֿיזישע כּוחות מער נישט געבליבן — פֿלעגט פּאַטקין נוצן דעם קנאַק־מיט־דער־טיר־אַרגומענט. אָבער שוין אין אַ פֿערטל שעה אַרום פֿלעגט ער שטילערהייט צוריק אַרײַנ־

קומען און זיך אָװעקזעצן װי קײן מאָל גאָרנישט. עס האָט זיך פּשוט געבעטנקט, דעם װעטעראַן פֿון אײראָפּעיִש־ייִדישע פּאַרטײ־מלחמות, נאָך דעם קלאַנג פֿון דעם מלחמה־טרומײטל פֿון ייִנגערע יאָרן. און דאָ, אין אױסטראַליע, איז עס געװען אַזױ שטיל, אַזױ װײַט, אַזױ מילד, װי זיבן יאָר נאָך ביאת־המשיח. און פּאַטקין, דער קענער פֿון װעלט־פּאָליטיק, האָט צו גוט געװוּסט, אַז עס איז נאָך גאַנץ װײַט דערפֿון.

הערלעכע און אָפֿט קינסטלערישע אידעען און אינטערפּרעטאַציעס פֿלעגן אים אײַנפֿאַלן, פּאַטקינען, װען ער פֿלעגט רעדן אָדער שרײַבן װעגן דער ייִדישער ליטעראַטור. אײן מאָל פֿאַלט אים אײַן: פֿאַר װאָס זאָל מען נישט מאַכן אַ געזעלשאַפֿטלעכן געזעץ פֿון „לײענען" די ייִדישע ליטעראַטור אין סידרות און פּרשות, לײענען אונדזער װעלטלעכע תּורה אױף אונדזערע װעלטלעכע אַסיפֿות, װי מען לײענט אונדזער רעליגיעזע תּורה אױף אונדזערע רעליגיעזע אַסיפֿות? דער געדאַנק איז טיף אין מיר געזונקען און שױן אַ סך מאָל האָב איך װעגן דעם געשריבן און געפּרוּװט צו פֿאַרװירקלעכן פּאַטקינס מערקװערדיקן אײַנפֿאַל.

אַז דער ייִדישער ישוב אין אױסטראַליע װעט אַ מאָל אױסװאַקסן גרױס און מעכטיק, אַז ער װעט װערן אַ הערלעכער צװײַג אױף דעם װעלטבױ פֿון דער ייִדישער קולטור, און אַז עמעץ װעט שרײַבן די געשיכטע פֿון דעם ישוב, װעט דאָרט זײַן אַ דינאַמיש קאַפּיטל מיטן נאָמען: דאָקטאָר פּאַטקין, װי גאַנץ אױסטראַליע קען אים צענדליקער יאָרן.

1949

ראָזע פּאַלאַטניק

געבוירן 1904 אין קראַשניק, פּוילן. 1927—1937 אין פּאַריז. — זינט דאַן אין ריאָ־דע־זשאַנײראָ, בראַזיל.

ראָזע פּאַלאַטניק, וואָס האָט זיך דעמאָלט גערופן ראָזע שאַפּראַן, האָט משמעות מיט מיר קאָרעספּאָנדירט אין פּוילן. ווי דער שטייגער פון אָנהייבערס־שרײַבערס — געשיקט די בכורים פון איר פּעדער צו אַן עלטערן שרײַבער, וואָס מוז דאָך מסתמא זײַן אַ מבין. געטראָפן פּנים־אל־פּנים האָב איך ראָזע פּאַלאַטניק דאָס ערשטע מאָל אין ריאָ־דע־זשאַנײראָ אין בראַזיל. מײַן באַזוך אין יענעם לאַנד איז געווען אַ בחפזונדיקער און ראָזע האָט געוואָלט, אַז איך זאָל איצט אויף דער גיך איבערלייענען אירע דערציילונגען און זאָגן אַ מיינונג. ווען איז עס געווען? דאַכט זיך, אַז אין יאָר 1939. דער ראַשיקער, דינאַמישער אופן אירער האָט געמאַכט אַ רושם. אַזוי ראַשיק טרעטן אויף אי טאַלאַנטן און אי — גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד. אָבער אַ פּאַכמאַן דערשפּירט באַלד דעם חילוק. און מיר האָט די לאַנגיאָריקע דער־פאַרונג אויף דעם געביט פון באַגעגענישן מיט שרײַבערס־אָנהויבערס אונ־טערגעזאָגט, אַז דאָ איז אַ טאַלאַנט. דערצו דאָס זאַפּטיקע פּויליש־ייִדישע לשון, דאָס ראַסישע פּויליש־ייִדישע אויסזען, די פּאַלקסטימלעכע געזונטקייט, פול מיט באַהאַלטענע כּוחות. אָבער ריאָ איז איינע פון די שענסטע שטעט אין דער וועלט און עס האָט זיך פאַרט נישט געגלוסט שטאָט אין די שיינע לאַנדשאַפטן — איינע אין דער וועלט — אײַנצוגראָבן דאָ די אויגן אין אַ כּתב־יד, וואָס איז דערצו אַ ביסל ווילדלעך געשריבן. האָב איך מיטגענומען דאָס פּעקל כּתבים אויף דער שיף און צוגעזאָגט באַלד צו לייענען און צו שרײַבן. ראָזע האָט מסכּים געווען, אַ ברירה האָט זי געהאַט, און געטראַכט האָט זי זיך: מען קען שוין די צוזאָגן.

אָבער מיר איז זייער גרינג אָנגעקומען אין דעם פאַל צו האַלטן וואָרט, ווײַל איך האָב געהאַט צו שרײַבן גוטס. אָפן און אויפריכטיק. שווער איז, אַז מען דאַרף אין אַזעלכע פאַלן „דרייען מיט דער צונג", דערצו איז מען נאָך אַ שטיקל דזשענטלמען אויך, אָדער וויל זײַן, און זאָגן לאַ־מיט־אַן־אַלף אַ פּרוי מכּוח טאַלאַנט קומט שוין אַן גאָר שווער. ראָזע פּאַלאַטניק האָט זינט דעמאָלט אַ סך גוטע דערציילונגען געשריבן און געדרוקט. צום ערשטן פון אירע ביכער האָב איך אַפילו געשריבן אַ הקדמה. דערציילונגען פון דער אַלטער היים און דער נײַער — פּוילן און בראַזיל — „קראַשניק און ריאָ" הייסט טאַקע דאָס בוך, דאָס ערשטע.

עס איז עפּעס פון אַ ווידערשײַן פון שלום אַש — אויף ווײַבעריש איבער־

געזעצט — דאָ אין דעם גאַנצן מהות, פּיזיש און גײַסטיק, פון ראָזע פּאַלאַטניק. (שלום אַש פלעגט, אַגב, דאָס וואָרט מהות אַרויסזאָגן „מעהאָוועס״ — זאָל עס דאָ סתם אַזוי פאַרצייכנט ווערן). זי האָט געהאַט דעם גאַנג פאָרויס, זי פאָרט אַ סך אַרום — זינט דער ערשטער באַגעגעניש געטראָפן זי שוין אין ניו־יאָרק און אין מאָנטרעאָל — זי בײַט נישט איר היימישן דיאַלעקט, זי האָט ליב צו הערן אַ גוט וואָרט וועגן אירע זאַכן און טאָמער אַ וואָרט קריטיק, ווערט בײַ איר אַ טראַגעדיע. מען רופט דאָס מסתּמא עגאָצענטרישקייט, אָבער עגאָצענטרישקייט מיט טאַלאַנט איז מען גרינג מוחל. אַדרבא, מען איז צופרידן וואָס זי איז דאָ. אַ גוטער קאָנטראַסט צו ראָזע פּאַלאַטניקס ווען איז דער שטיל־געטרײַער לירישער דיכטער פּיניע פּאַלאַטניק. מען זאָגט, אַז זייער היים איז אַ בית־וועד־לסופרים, סײַ די בראַזיליאַנער — און אַ דאַנק אַזעלכע געטרײַע שרײַבערס און טוערס מערן זיי זיך — און סײַ די, וואָס פאָרן פאַרבײַ, אָדער קומען ווי געסט אין בראַזיל.

כאָטש מיר שרײַבן דאָ נישט קיין ליטעראַרישע כאַראַקטעריסטיקעס און נאָר פּערזענלעכע, מוז איך דאָ דערמאָנען אַ דערציילונג פון ראָזע פּאַלאַטניק. זי רופט זיך „חנה די פּאַפּאַקאָוויצער״ — און זי האָט אין זיך די עלעמענטן פון אַ מין ווײַבערישן „באָנטשע שווײַג״. ממש אַ מין פּאַנדאַן. פרעג איך אַ מאָל בײַ ראָזעס לאַנדסמאַן, וואָס וווינט אין מאָנטרעאָל, דעם אַקטיאָר און צוקערלעך־פאַבריקאַנט שלמה קאַהן: צי איז אין קראָשניק געווען אַזאַ חנה, אַן עגונה, אַ פאַרשוואַרצטע דינסט, וואָס האָט געלאָזט שרײַבן אַ ספר־תּורה? זאָגט ער, אַז יאָ, אָבער די מעשה איז ווײַט פון פּינקטלעך. און אָט אָ דאָס איז מיר דווקא געפעלן געוואָרן, מחמת אָט דאָס ביסעלע „נישט פּינקטלעך״, דאָס איז דאָך טאַקע מעשׂי אמן — דער אויפטו פון טאַלאַנט, וואָס מאַכט שענער, אמתער אַ ביסל די נאַטור. נאַטור גייט צו פוס, אַ קונסטווערק פליט. און דאַרף פליען. אָט ווי קליין דער בראַזיליאַנער ייִשוב איז — איז ער ליטעראַריש היפּשלעך אַקטיוו. און עס איז קלאָר, אַז אין נישט איינעם פון די פּראָיעקטן אין וועגט פון קלובן און אין טאָוועלעך פון ביכער איז יד־ראָזע באמצע. אַ זאַפטיקע פּרי אויפן בראַזיליאַנער צווײַג פון דער ייִדישער וועלט־ליטעראַטור.

1960

גרשון פּאָמעראַנץ

געבוירן אין סאָקלאָוו־פּאָדלאַסקי אין יאָר 1904. 1920—1928 געוווינט אין וואַרשע. קיין קאַנאַדע געקומען אין יאָר 1929. געוווינט אין טאָראָנטאָ. געשטאָרבן 10טן דעצעמבער 1968.

אויב די וועלט איז אַ טעאַטער, ווי שעקספּיר מיינט, איז אַ קל־וחומר, אַז די מענטשן זענען אַקטיאָרן. און אַז די וועלט איז אַ טעאַטער, איז אַ ליטעראַטור אַוודאי אַ טעאַטער — און אירע שרײַבערס זענען אַקטיאָרן און אין אַ גוטער טרופּע שפּילט יעדער, לויט זײַן כאַראַקטער, זיין ראָלע. און אין דער גרויסער, וועלט־צעשפּרייטער טעאַטער־טרופּע „יידישע ליטעראַטור" שפּילט גרשון פּאָמעראַנץ פון טאָראָנטאָ די ראָלע פון דעם חסיד־ענטוזיאַסט. און ווי יעדער חסיד איז נישט סתּם אַ חסיד, נאָר ער האָט זײַן רבין, אָדער זײַנע רביס, אַזוי אויך פּאָמעראַנץ.

שוין זײַן געשטאַלט: נישט קיין הויכער, אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון לעבן — אַ ביסל אַ דיקלעכער, מיט אַ גרויס פּנים, — אַלע מאָל אַ ביסל צערויטלט, אַזוי ווי נאָך אַ לחיים, די אויגן אַלע מאָל אַ ביסל צעפּינקלט, אַזוי ווי אָט, אָט גייט ער דיר דערציילן עפּעס אַ חידוש, אַ הפלא ופלא, די לענגלעכע האָר אויפן קאָפּ אַ ביסל צעשויבערט, און אָט דערציילט ער טאַקע — עפּעס אַ דערינערונג פון ייִנגערע און בעסערע צײַטן. און עס איז אַלע מאָל אַן אַנעקדאָט, אַ באַגעגעניש מיט איינעם פון די גרויסע ייִדישע שרײַבערס — נאַטירלעך פון גרשון פּאָמעראַנצעס רביס — אַ מאָל איז עס שלום אַש, אַ מאָל יוסף אָפּאַטאָשו, אַ מאָל מנחם באָריישאָ — אָבער כאָטש יעדע צווייטע מעשה האָט פאַר איר הויפּטהעלד — ה. לייוויק.

ה. לייוויק איז גרשון פּאָמעראַנצעס — נו, וואָס זאָל איך זאָגן: דער בעש"ט אַליין. און עס איז חלילה קיין בייז אין דעם. ווען מיר וואָלטן געלעבט מיט אַ ק'ן יאָרן פריער און ה. לייוויק וואָלט טאַקע געווען אַ רבי, וואָלט גרשון געווען זײַן גליקלעכער גבאי און קוויטל־שרײַבער, פאַר וועלכן די חסידים וואָלטן געציטערט מער ווי פאַרן רבין אַליין. אַ מאָל האָט גרשון פּאָמעראַנץ, אין גאַנג פון אַ רעדע אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט געזאָגט, אַז לייוויק איז דער גרעסטער משורר בײַ ייִדן פון אַברהם אָבינו אָן. אָבער ער האָט זיך עפּעס ווי אַליין דערשראָקן פאַר דעם וואָרט און ער האָט אָנגעהויבן עפּעס אַזוי ווי צוריקציִען זיך. אָבער באַלד האָט ער זיך דערכאַפּט אין פולן מוט און זיך פאַרריכט: וואָס האָב איך געזאָגט? דער גרעסטער דיכטער בײַ ייִדן — נישט אמת! — ער איז דער גרעסטער דיכטער פון דער גאַנצער וועלט.

מיר — די צוהערערס, האָבן זיך אַ רגע אויך ווי דערשראָקן פאַר דעם וואָרט און אויך זיך באַלד דערכאַפּט און אַ טראַכט געטאָן: אפשר טאָקע — אויף דעם געביט איז דאָך דאָ נאָר פאַנטאַזיע און השערה. קיין מאָס צו מעסטן איז דאָך אויף דעם געביט נישטאָ...

אַ מאָל האָט מיר פּאַמעראַנץ געזאָגט: — איך האָב אין מײַן אַרכיוו טויזנט בריוו פון לייוויקן... און אַז גרשון האָט באַמערקט, אַז איך שטוין און מײַנע אויגן זאָגן: גוזמאָ — האָט מיך דער חסיד באַלד אַ שלעפּ געטאָן בײַם אַרבל און אַ פיר אין זײַן אַרכיוושטיבל און באַוויזן אַזאַ שטויס לייוויק־בריוו מיט דער כאַראַקטעריסטישער, גלײַכמעסיקער שריפט, אַז די ציפער 1000 איז מיר איצט גיכער פאָרגעקומען ווי אַן אונטערשאַצונג און נישט אַן איבערשאַצונג.

און עס איז געווען אַ סיבה. אַז לייוויק האָט אין די פריִע צוואַנציקער יאָרן געמאַכט זײַן ערשטע רײַזע קיין אייראָפּע און געווען אין פוילן — האָבן אים הונדערט שטעטלעך פאַרבעטן צו קומען. אָבער איין שטעטל האָט פאַרבעטן מיט אַזאַ ענטוזיאַסטישן רעש, אַז עס איז אוממעגלעך געווען אָפּצוזאָגן. דאָס שטעטל פון גרשון פּאַמעראַנץ — סאָקאָלאָוו־פּאָדלאַסקי. אין יענעם שטעטל האָט לייוויק דעמאָלט באַקומען אַן אויפנאַמע — ווי קיין מאָל פריִער און קיין מאָל שפּעטער. די פּאָליאַקן פון שטעטל זענען געווען זיכער, אַז אַ ייִדישער קעניג איז געקומען צו גאַסט. און דאָס אַלץ איז געווען מעשה ידי גרשון.

יעדער ייִדישער שרײַבער טראָגט זיך אַרום מיט אַ יוצא־מן־הכלל־ביאָ־גראַפיע, אַזיסט קען מען דאָך קיין שרײַבער נישט זײַן. אָבער גאָר אַ יוצא־מן־הכלל איז גרשונס. זײַן פאָטער האָט געהאַט 5 נעמען: יוסף־שמעון־פּינחס־חיים־שלום און ער איז נפטר געוואָרן צו 27 יאָר, אויף צו מאָרגנס נאָך זײַן זונס, גרשונס, אויף דער וועלט קומען. די מוטער־אַלמנה איז דעמאָלט געווען 26 און אַ מטופּלת מיט אַכט „שוואַלבן", וואָס פיר פון זיי האָבן די היימישע „נעסט" פאַרלאָזן אין ערשטן יאָר פון יתומהשאַפט און אַרויף צו דער פמליאָ של־מעלה זוכן יושר... און האָבן סוף־סוף געפועלט: די מאַמע און די לעבך געבליבענע זענען אין די יאָרן פון דריטן חורבן אומגעקומען אין טרעבלינקע, וואָס איז אַכט וויאָרסט פון סאָקאָלאָוו. קען זײַן, אַז דאָס האָט געברענגט ה. לייוויקן אויף דער אידעע אָנצורופן זײַן חורבן־לידערבוך: „אין טרעבלינקע בין איך נישט געווען". אַלץ אין דער וועלט האָט אַ שײַכות.

פון אַזאַ סאָקאָלאָווער נעסט האָט געקענט אַרויסוואַקסן אַ מחרף ומגדף — אָדער אַ בענטשער בקולות וברקים. גרשון האָט אויסגעקליבן דעם צווייטן וועג. האָט ער זיך אויסגעקליבן דאָס ייִדישע מאַמע־לשון און אין מאַמע־לשון אַ אַ גאַנצע מיזרח־וואַנט מיט שרײַבערס און ער בענטשט אין זײַנע אַרטיקלען און דרשות און צײַטשריפטן און צײַטונגען. אַ מאָל האָט ער אַפילו געהאַט אַן אייגענע דרוקערײַ — האָט ער זיך געקענט פאַרגינען אַרויסצוגעבן גאַנצע

ביכער פון זײַנע געבענטשטע. און כּדי עס זאָל זײַן שאָטן אויך — אַ ביסל — האָט זיך פּאָמעראַנץ עטלעכע שרײַבערס, וואָס ער האָט זיך „אָנגעזעצט" אויף זיי. אָבער מער ווי ייִדישע גזלנות איז עס נישט.

אַז דער „ייִדישער זשורנאַל", די טאָראָנטער ייִדישע טאָגצײַטונג, האָט אויסגעהויכט איר לעצטן פּאַפּירענעם אָטעם — האָט זי גרשון איבערגענומען און אָנגעהויבן אַרויסגעבן איין מאָל אַ וואָך. אָבער אָן געלט קען מען דאָך אַפּילו אַ וואָכנבלאַט נישט אַרויסגעבן — איז פּאָמעראַנץ געפֿאַלן אויף אַ המצאָה. ער מאַכט די צײַטונג איינער אַליין. ער „שרײַבט" זי דירעקט אויפֿן לינאָטיפּ. ער גיסט איבער די אַלע מאָל הייס־ענטוזיאַסטישע מחשבות זײַנע דירעקט אויף הייסן בלײַ... אָ, ווען אַלע אונדזערע ייִדישע שרײַבערס וואָלטן דאָס געקענט טון — וואָלט קיין פֿאַרלעגער־פּראָבלעם אין דער ייִדישער ליטעראַטור נישט געווען.

דער גרעסטער נס פון אַלע נסים דרבינו גרשון פּאָמעראַנץ איז, וואָס ער איז אַ בעל־הבית פון אַן אַלטפּרענקיש־פּריציש־קאַנאַדישן הויז מיט שווערע הילצערנע שטוקאַטורן, אַ הויז פון דרײַ אינעווייניקסטע שטאָקן מיט שווערע הילצערנע טרעפּ. דאָס הויז איז, נאַטירלעך, פול — פון אויבן ביז אַראָפּ — מיט ייִדישע ביכער און מיט כּסדרדיקע התלהבותדיקע אויסרופן פון דעם באַלעבאָס צוליב גוטע לידער און דערציילונגען, וואָס ער האַלט אין איין שלינגען. דאָ האָבן זיך אָפּט אויפגעהאַלטן געהויבענע געסט — און פּאָמעראַנץ שטאָלצירט דערמיט: אָפּאַטאָשו, ניגער, י. י. שוואַרץ צווישן זיי, און — נאַטירלעך — לייוויק. די גאַסטפרײַנדשאַפט וואָלט, נאַטירלעך, נישט מעגלעך געווען אָן דער גוט־מוטיקער מיטהילף פון פּאָמעראַנצעס באמת בעסערער העלפט — ראַשעל. דאָ זענען אין דעם הויז אויפגעכאַוועט געוואָרן צוויי זייער באַדאַכט־שטילע זין יוסף און דוד — ביידע אַדוואָקאַטן מיט באַקאַנטע נעמען און שוין אייגענע משפחות און — ווי דען אַנדערש — רעדן ייִדיש ווי אַ וואַסער...

עיקר קוריאָז שכחתי: אַז מען שרײַבט פּאָמעראַנצן אַ בריוו זאָל מען נישט דערוואַרטן אַן ענטפער דורך דער פּאָסט. דער ענטפער וועט קומען אין „בריוו־קאַסטן" פון דער ליטעראַרישער זײַט „טינט און פעדער". אויף דעם אופן פאַרשפּאָרט גרשון צײַט און פּאָסטמאַרקעס. אין אַ בודזשעט פון אַ צײַטונג, וואָס ווערט געמאָסטן אויף סענטן — שפּילט דאָס אַ ראָלע.

און אָט דאָס איז אָן ערך די ראָלע, וואָס עס שפּילט דער גוטער גרשון פּאָמעראַנץ אין דעם וועלט־טעאַטערשטיק, וואָס רופט זיך: ייִדישע ליטעראַטור...

1964

חיים פּעט

געבוירן 1902 אין וואָלפּאַ, גראָדנער גוב׳. אין יאָר 1921 געקומען קיין אַמעריקע. ביז די לעצטע יאָרן זיך פאַר־נומען מיט אויסאַרבעטן לעדער־בעטלעך. רײַזעס איבער אַמעריקע. באַזוכט מדינת־ישׂראל. געשטאָרבן דעם 26סטן יוני 1959 אין ניו־יאָרק.

קיין זאַך אָן סיבות, קיין סיבה אָן אַ זאַך, וואָס האָט זי גורם געווען, און ווידער — קיין זאַך אָן אַ סיבה און אַזוי ביז אין דער אייביקייט אַרײַן צוריק־צוּוועגס און אויך אין דער אייביקייט אַרײַן אַהינצוּוועגס. און חיים פּעטן איז עס באַשערט געווען, זיכער נישט אָן סיבה, צו זײַן איינער פון די ווייניקע דורכויסיקע און אויסשליסלעכע מיניאַטוריסטן אין דער ייִדישער ליטע־ראַטור. ער האָט גערעדט זייער שטיל — נישט דערפאַר ווײַל ער האָט זיך צוגעפּאַסט צו זײַנע מיניאַטורן, נײַערט ווײַל די מיניאַטורן האָבן זיך צוגעפּאַסט צו זײַן נאַטור צו רעדן שטיל. עס האָט געקענט פּאַסירן, אַז ביסט אַרויסגעגאַנגען פון אַ פאַרלעזונג צוזאַמען מיט דער מאַסע, ביסט אָפּגעגאַנגען אַ קוואַרטאַל, אָדער צוויי און אָט גייסטו שוין אַרײַן אין דער אונטערגרונט־באַן, ווילסט אַרײַנלייגן די מטבע אין אײַזערנעם דרייטירל און אַ שמאָלע האַנט כאַפּט אָן דײַן האַנט און דו הערסט: — איר זענט דאָך אַ גאַסט אין שטאָט, לאָזט מיך, איך וועל פאַר אײַך באַצאָלן... — דאָס איז חיים פּעט. ער איז שטילערהייט מיטגעגאַנגען מיט דיר, טאַקע בײַ דײַן רעכטער האַנט, אָבער אַזוי שטיל, אַז דו האָסט נישט באַמערקט. אפשר האָט ער דיך אַזוי געמיטלעך אָבסערווירט, ווײַל ער האָט בדעה צו שרײַבן וועגן דיר אַ מיניאַטור, ווי ער האָט עס וועגן אַ סך ייִדישע שרײַבערס געשריבן. און אויב ער וועט שרײַבן אַ מיניאַטור פון דיר, וועט זי זײַן קליין און זייער מילד. ווײַל חיים פּעט אָבסערווירט נישט שאַרף. און אפשר אָבסערווירט ער יאָ שאַרף, נאָר ווײַל ער וויל מיט קיינעם נישט אײַנרײַסן — מילדערט ער די שאַרפקייטן בײַם שרײַבן.

כאָטש נאָמען איז בדרך־כּלל אַ צופאַל, איז עס אָבער נישט אַלע מאָל אַזוי. „פּעט״ קלינגט אין די אויערן פון די וואָס קענען ענגליש מיט: לאַשטשען זיך, קוקן אין די אויגן מיט ליבשאַפט, מיט: ליב באַשעפעניש, קליין, לעבעדיק וועזן, מיניאַטור.

און אַזוי האָט ער אויך אויסגעזען. דווקא נישט קליין געוואַקסן, און אוודאי חלילה נישט גרויס, נאָר דין און צאַרט, מיט דינע פּנים־שטריכן, זעלטן אַ שמייכל, קיין מאָל נישט אַ זויערע מינע, נאָר אַלע מאָל פאַרהאָרכט, אַזוי ווי ער וואָלט דיך עפּעס וויכטיקס געפרעגט און אָט וואַרט ער אויף דײַן ענטפער...

נאָר אַז ער וואָרט און דו ענטפערסט נישט, וועט ער דיך שוין טאַקע עפּעס פרעגן. און אָפט פרעגט ער צי מען האָט געלייענט זײַנס אַ נײַ בוך, באַמערקט זײַנס אַ סעריע מיניאַטורן אין אַ צײַטשריפט. עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט מוראַ געהאַט, אַז מען וועט זיי נישט־ווילנדיק נישט דערזען — מחמת דעם, וואָס זיי רופן זיך מיט אַזאַ סופּער־באַשיידענעם נאָמען. און אַז ער שרײַבט צו אַ ווידמונג אויף אַ חברישער בוך־מתּנה — שרײַבט ער זי מיט אַזאַ פּיצימאַנטשיקער שריפט, אַז דער מחבר איז שוין דורך דעם אַליין זיכער באַוואָרנט, אַז נישט נאָר די ווידמונג וועסטו איבערלייענען, אַפילו אַז דו זאָלסט דאַרפן אַרויסנעמען די אויגן און זיי צולייגן צום פּאַפּיר, נאָר דו וועסט אויך דאָס גאַנצע בוך לייענען.

אָט זענען אַ פּאָר טיטלען פון די נישט צו פיל ביכער פון חיים פּעטן: „אָפּגעזונגענע טעג", „פון האַדסאָן ביזן ירדן", „אין לאַנד פון די אָבות".

די מיניאַטור אין דער ליטעראַטור האָט אַלע מאָל עקסיסטירט. אייגנטלעך איז דאָך יעדעס לירישע קליינע ליד אָט טאַקע דאָס. אין דער מאָלערײַ האָט זיך די מיניאַטור אַרײַנגעכאַפּט ווי אַן אילומינאַציע פון אַ כּתב־יד. אַזאַ קונסט פאָדערט קאָנצענטראַציע און צימצום. רמזים, אָנדײַטונגען, נישט־דערזאָגטקייטן. אָבער חיים פּעט האַלט נישט פון סודותדיקייט. ער דערזאָגט אַלץ, נאָר ער רעדט נישט קיין סך. דאָס איז זײַן מעלה און זײַן חסרון. נישט איין מאָל דאַכט זיך, אַז ער האָט פּשוט נישט דערשריבן אַזאַ קליינע דערציילונג, וואָס איז אַלע מאָל אויך אַ דערציילונג וועגן אַ קליינער טאָג־טעגלעכער געשעעניש מיט אַ קליינעם אומעטום־באַגעגנטן מענטש, און אַ מאָל אויך מענטשעלע. האָב איך געזאָגט „דערציילונג"? — נישט ריכטיק. חיים פּעט דערציילט זייער זעלטן און זייער ווייניק. ער שילדערט נאָר אַ סיטואַציע, אַ צושטאַנד, אַ לאַנד־שאַפט. אַ מאָל געלינגט עס אים מיט דער שילדערונג פון דער סיטואַציע צו דערציילן די מעשׂה ווי אַזוי דער איצטיקער מעמד איז צו שטאַנד געקומען. און אַז עפּעס איז צו שטאַנד געקומען, איז דאָך עפּעס געשען און עס איז שוין אין איין וועגס דערציילט געוואָרן. נישט די שילדערונג האָט זיך מיטגעכאַפּט אויפן וואָגן פון דער דערציילונג, נאָר די דערציילונג האָט זיך צוגעזעצט צו דער שילדערונג.

לאָמיר דאָ געבן אַ דוגמא פון דער מיניאַטור „דרײַ בעלי־בתּים" פון דער זאַמלונג פון אַ 150 אַזעלכע זאַכעלעך אויף אַ וועלכע 150 זײַטלעך מיטן נאָמען „פון האַדסאָן ביז ירדן". אָט אַזוי הייבט זיך עס אָן:

„דאָס איז געווען אַ פאַבריקל אָן פענצטער, אָן אַ זייגער אויפן וואַנט, די עטלעכע אַרבעטערס האָבן אויסגעזען ווי פאַרגעסענע. דערפאַר האָט דאָס קליינע פאַבריקל געהאַט דרײַ באַלעבאַטים. איין בעל־הבית איז געווען אַ הויכער, מיט קליינע צעטומלטע אייגעלעך. ער איז געשטאַנען מיט אַ קליין, שאַרף שפּיציק מעסערל, מיט וועלכן ער האָט געשניטן פעלעכלעך. האָט אַן

אַרבעטער אַרויסגערעדט אַ וואָרט, איז דאָס מעסערל בײַ אים אין האַנט געבליבן פאַרגליווערט אין דער לופטן. דער צווייטער בעל־הבית האָט געגנייט בײַ דער מאַשין. אַ יונגער, מיט שוואַרצע געקרײַזלטע האָר. אַ קײַלעכדיק פריש פּנים, וואָס האָט געקוואָלן מיט שמייכעלעך. זײַנע שמייכעלעך זענען געווען קורצע, אָפּגעהאַקטע. אַז אַן אַרבעטער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט ער אַלע מאָל באַגעגנט דעם יונגן בעל־הביתס אויגן מיט די גיפטיקע שמייכעלעך אין זיי. דער דריטער בעל־הבית האָט גערעדט אויפן טעלעפאָן שטיל, מיט געבעט, מיט אַ ניגון אין קול. ער האָט געשריבן בריוו און געצירקלט זײַן נאָמען".

קיין ספק נישט, אַז אין דער, מיט שטילן ווייטיק פאַר די אַרבעטערס דורכגעוועבטער מיניאַטור, איז אַרײַנגעוועבט אַ שטיק פון דער אויטאָביאָ־גראַפיע פון חיים פּעט... עס דערמאָנט זיך אַ באַגעגעניש אין ניו־יאָרק, אין הר־האַ פון אַ קאָנגרעס און חיימס שטילער, ווי אַלע מאָל, זיך געזעגענען: הלוואַי מען זאָל זיך נאָך זען...

האָט ער געהאַט אַ משפּחה? דאַכט זיך, אַז נישט, אַזיסט וואָלט ער נישט געבעטן דורך אַ צײַטונג מען זאָל אים באַזוכן אין שפּיטאָל. און איידער וואָס־ווען, איננו, און געבליבן אַ ווינקל מיניאַטורן: חיים פּעט.

דניאל פּערסקי

גבוירן אין מינסק אין יאָר 1887. זינט דעם יאָר 1906 אין אַמעריקע, רײַזעס אין אייראָפּע. געוווינט אין ניו־יאָרק. געשטאָרבן 15טן מאַרץ 1962.

דניאל פּערסקי איז דער צום בעסטן אָרגאַניזירטער צעטראָגענער, וואָס דאָס יידישע פֿאָלק האָט געשאַפֿן. ער איז אויך דער גרעסטער עניו, וואָס בישטאָ קיין צווייטער צו אים, וואָס זאָל אַזוי להוט זײַן נאָך אַ ביסל כּבוד, פּשוטן, וואָכעדיקן פּערזענלעכן כּבוד. ער האָט זיך אַליין געקרוינט — בפירוש געקרוינט — מיט דעם טיטל: עבד — אַ קנעכט פֿון דעם העברעיִשן לשון. אַ מאָל — אַז דער שרײַבער פֿון די שורות האָט אים דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט — איז אָט דער עבד געווען מוראדיק אַגרעסיוו, אַן אמתער עבד כּי ימלוך, איינער פֿון די דרײַ, וואָס אין משלי זאָגט זיך אויף זיי, אַז תּחת שלוש רגזה ארץ — האָט געציטערט די ערד. און אַן עבד כּי ימלוך איז דאָך אַלע מאָל אַן אַליין געקרוינטער.

פֿון מיטעלן וווקס איז ער, דניאל פּערסקי, דאָס פּנים אַ געמיש פֿון אַ יידישן סוחר און אַ רוסקי קופּיעץ, אַלע מאָל אַ ביסל צעשמייכלט און אַ ביסל צעבייזערט און כאָטש ער פֿלעגט זיך אין די יינגערע יאָרן גיך אָנצינדן, ווי אַ שוועבעלע, איז ער אָבער, אין תּוך, זייער גוטמוטיק, און אַפֿילו גוט, פּשוט גוט. זײַן פּנים איז אַלע מאָל וואַך, אַלע מאָל גרייט צו הערן, אונטערצוכאַפּן עפּעס אַ וואָרט און זיך צעלאָזן אין אַ טיראַדע פֿאַר זײַן קעניגין־געליבטער מלכּה־עבֿרית.

אין אַ גרויסן אילוסטרירטן זשורנאַל פֿון ניו־יאָרק, טאַקע מיטן נאָמען „דהי ניו־יאָרקער" איז סוף נאָוועמבער 1959 דערשינען אַן אַרטיקל אויף צענדליקער זײַטן וועגן דעם עבד פֿון העברעיִשן לשון דניאל פּערסקי. דער ניו־יאָרקישער אינטעלעקטואַל האָט ליב עקסטראַוואַגאַנטע מענטשן, און ווו איז נאָך דאָ אין ניו־יאָרק אַ גרעסערער עקסטראַוואַגאַנט, ווי פּערסקי, וואָס שוין 53 יאָר פֿראַוועט ער דאָ קנעכטשאַפֿט צו אַן אַבסטראַקטער קעניגין — אַ לשון, דאָס לשון פֿון תּנ״ך? דערצו איז ער אַן אייביקער בחור און וווינט אין סאַמע צענטער פֿון מאַנהעטן אין אַ צימער, וואָס זעט גיכער אויס ווי אַ בוכהאַנדלונג, וואָס שוין אַ האַלב יאָרהונדערט האָט מען דאָרט נאָר ביכער אַרײַנגעטראָגן און קיין מאָל גאָרנישט פֿאַרקויפֿט... אַז דער אַרטיקל אין „ניו־יאָרקער" איז דערשינען, און געשריבן פֿון אַן ערנסטן שרײַבער, זענען די בלעטער פֿאַר פּערסקין געווען ממש כּנפֿי נשרים, וואָס האָבן אים אַרויפֿגעטראָגן אין זיבעטן הימל פֿון גליק. גאַנץ יידיש און עבֿרית און ענגליש־יידיש ניו־יאָרק האָט אַרומגעטראָגן דעם אַרטיקל פֿון האַנט צו האַנט. דער טריומף פֿון

אַ לעבן. און כאָטש איך האָב דעם אַרטיקל סײַ ווי געלייענט, האָט מיר פּערסקי וועגן דעם פּראָמפּט מיטגעטיילט מיט אַ בריוול. איז שוין טאַקע העכסטע צײַט דעם מערקווערדיקן מענטש אײַנצושליסן אין „מײַן לעקסיקאָן". טו איך עס טאַקע.

פּערסקי שרײַבט זעלטן און ווייניק ביכער, ער שרײַבט אָבער אַ וואָכנט־לעכן פעליעטאָן אין ניו־יאָרקער „הדואר", די איינציקע רעגולערע עבֿרית־צײַטונג אין אַמעריקע. אים אינטערעסירט אַלע מאָל מער דער אַרום ווי דער אין, דער קנקן ווי דער יין, דער מענטש פון הויט אוןביין ווי זײַן ווערק פון טינט און פּאַפּיר. ער מיינט, אַז אויף דעם וועג קען מען גיכער דערגיין צום אמתן תוך. און ער איז אפשר גערעכט אויך. אָט מיש איך אין אויסשניטן, וואָס האָבן זיך בײַ מיר אָנגעזאַמלט, טאַקע אין שײַכות מיט פּערסקין, און איך זע בײַ אים אָט אַזעלכע שורות: „מער ווי בײַ די אומות־העולם איז בײַ אונדז ייִדן די שרײַבערישע פּערזענלעכקייט געקניפּט און געבונדן מיט זײַן שאַפן. אַ ייִד, אַז ער לייענט אַ ספר, וויל ער וויסן וואָס פאַר אַ מענטש עס איז דער מחבר פון דעם ספר".

בײַ זײַנע עקסטראַוואַגאַנצן האָט פּערסקי באַוויזן צו שאַפן זיך אַן אָרט אין דער העברעיִשער קולטורוועלט. און נישט נאָר אין דער העברעיִשער. אויך אין דער קולטורוועלט פון ייִדיש האַלט מען אים בכּבֿוד. ער איז אַ מוסטער פון אַן ענטוזיאַסט פאַר אַ לשון, וואָס איז אַ נע ונד אין אַ געוויסן זינען, ווי ייִדיש איז עס אייביק און ווי דאָס מאָדערנע עבֿרית איז געווען ביז די מדינה איז אַנטשטאַנען. און נישט איין מאָל האָב איך געהערט אַ ייִדישיסט אַ קרעכץ טון: הלוואַי וואָלטן מיר אין אונדזער ייִדיש־וועלט־באַוועגונג געהאַט אַ טוץ אַזעלכע פּערסקיס, וואָלט אונדזער מערכה אַנדערש געווען.

וואָס פּערסקי טוט פאַר אַ לשון? אָסור אויב איך קען דאָס געניו פאַר־מולירן. ער טוט אַלץ און גאָרנישט. פון אַ רעדע אויף אַ קולטור־קאָנגרעס ביז סתם אָפּטראָגן אַ פּעקל העברעיִשע ביכער צו אַן אומבאַקאַנטן מענטש וואָס האָט זיך אײַנגעקויפט אַ ביסל עבֿרית־ליטעראַטור און ער וויל אַליין דאָס פּעקל נישט טראָגן. פּערסקי איז גרייט צו אַלע אומדערוואַרטעטע זאַכן, אַפילו פאַר אַן עבד אנכי לשפה עבֿרית...

עס איז געווען אין די צוואַנציקער יאָרן און אין וואַרשע און דאָס לעבן יונג און דאָס געמיט גרינג — האָט זיך אין וואַרשע באַוויזן אַ יונגער־מאַן פון אַמעריקע מיט דעם נאָמען דניאל פּערסקי און האָט אין לאָקאַל פון טלאָמאַצקע 13 געבראַכט זײַן קלינגוואָרט „עבד אנכי" און גענומען פּראַווען זײַנע שטיק. אַזוי ווי אויף טלאָמאַצקע 13 האָט קיין שום עקסטראַוואַגאַנץ נישט איבערראַשט — ווײַל מיר זענען אַלע נאָך גרעסערע עקסטראַוואַגאַנטן געווען — האָט עס אונדז ווייניק געאַרט. און נאָר איינער האָט רעאַגירט מיט שאַרפקייט, ממש

װי אַ גאַלאַגאַנער האָן אויף אַ הויף, אַז עס באַװײַזט זיך פּלוצלינג אויפן זעלבן הויף נאָך אַ גאַלאַגאַנער האָן, װאָס קרייט נאָך העכער... דאָס איז געװען דער װוּנדערלעכער לירישער דיכטער און גוטער, כאָטש ספּילטשיװער מענטש און חבר ז. סעגאַלאָװיטש. אין שרעק פֿאַר מעגלעכע קאַראַמבאָלן האָבן זיי זיך אינטויִטיװ אויסגעמיטן, אָבער װי צו להכעיס זענען זיי אַלע מאָל אויסגעקומען נאָז צו נאָז... סעגאַלאָװיטש האָט אַ בורטשע געטון אויף ייִדיש און פּערסקי האָט אַ בורטשע געטון אויף לשון־קודש און די קאַטאַסטראָפֿע איז װי נישט איז אויסגעמיטן געװאָרן.

פּערסקי האָט דאָך אָבער געהאַט אַ שליחות. און אַזוי װי די אָפּיציעלע טריבונע האָט ער נישט ליב געהאַט — האָט ער גערינט זײַן מלכּה־עברית דורך צװישנרופֿן. און כּך־הוה. איין מאָל האָט זיך אים פֿאַרגלוסט צו מאַכן אַ צװישנ־רוף אויף אַן אָװנט — בשעת סעגאַלאָװיטש איז געזעסן אויף דער טריבונע... פֿרעגט שוין גאָרנישט. און — װי דער ים־װוּינט האָט פּערסקין אָנגעטראָגן, אַזוי איז ער מיט אַ ים־װוּינט צוריק אַװעק קיין אַמעריקע. אָבער ער האָט היפּשלעך אויפֿגערודערט אונדזער רחוב טלאַמאַצקע שלוש עשרה...

עס געדענקען זיך אַלערליי פּערסקי־באַגעגענישן:

אין אַ קאַפֿעטעריע אויף דער פֿערצנטער גאַס אין ניו־יאָרק. כּמעט שוין פֿאַר טאָג. די שטולן ליגן שוין אַלע אויף די טישן. די קעלנערס — האַלב־טויט. עס איז — אַגב — אין די ערשטע טעג פֿון דער צװייטער װעלט־מלחמה. בײַ אַ לעצטן טישל זיצט פּערסקי מיט אַ היציקן יונגן מאַן און מען איז זיך מתװכּח בקולי־קולות. קום איך אַרײַן און קום צו. װעגן װאָס רעדט מען? איר האָט געטראָפֿן: װעגן עברית־פּראָבלעמען אין אַמעריקע.

אַ באַגעגעניש מיט ייִדישע שרײַבערס אין מאָנטרעאָל, אַ שבת נאָך מיטיק אין דער ביבליאָטעק. חברים האָבן גרייט רעדעס װעגן פּערסקין און עמעץ כאַפּט זיך אַרויס מיט אַ בייז װאָרט אויף קליינע ביכלעך, בראָשורקעס. נעמט פּערסקי אַ װאָרט און רעדט אַ טיראַדע, װי זײַן שטייגער, אויף צו פֿאַרטיידיקן בראָשורקעס, װײַל זיי זענען עלול איבערצוקערן די װעלט. והאָ־ראיה: אײַנשטיינס רעלאַטיװיטעט־לערע איז אויך דערשינען אין אַ בראָשורקע צו ערשט. אַז פּערסקי האָט זיך נאָך דער שעה רעדן װעגן בראָשורקעס געכאַפּט, אַז עס איז שוין נישט געבליבן קיין צײַט איצט אויף כּבוד־רעדעס פֿאַר אים — האָט ער זיך דאָס ממש נישט געקענט שענקען... אָבער שוין צו שפּעט געװען.

אַן אָװנט װעגן יצחק קאַצענעלסאָן הי״ד. פּערסקי דער גאַסטרעדנער. דער אָװנט אָרגאַניזירט דורך דעם מאָנטרעאָלער תּרבות. פּערסקי דערציילט עפּיזאָדן און אַנעקדאָטן װעגן דעם אַלע מאָל לעבנסלוסטיקן עברית־ייִדישן פּאָעט, װאָס איז געװאָרן דער גרויסער מקונן אין דריטן חורבן. אַליין אויך אומגעקומען. אַז דער אָװנט ענדיקט זיך — האָבן צוהערערס טענות. פּערסקי פֿאַרענטפֿערט

זײַן אופֿן רעדן מיט דעם, אַז ער האָט געוואָלט קאַצענעלסאָגען אויפֿלעבן און נישט נאָך מער אומברענגען... איך האָב געהערט די פֿאַרענטפֿערונג און דע־מאָלט געטראַכט און טראַכט אויך איצט: אפֿשר טאַקע איז דאָס דער וועג.

אַ באַגעגעניש פֿון ייִדישיסטישע לינגוויסטן אין ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט אין ניו־יאָרק. 1959. פֿרילינג. אין קליינעם פּובליקום איינער אַ ממש אַגרעסיוו־אויפֿמערקזאַמער צוהערער, וואָס מאַכט אַלע מאָל צווישנרופֿן און דווקא זייער לאָגישע, אָבער זיי באַאומרויִקן די רויִקע לינגוויסטן. מען מוז דעם צווישנרופֿער אַלע מאָל באַרויִקן. ווער איז עס? דער זעלבער פּערסקי, די עלטער האָט פֿאַרשנייט דאָס לעצטע ביסל האָר אויפֿן קאָפּ, אָבער נישט פֿאַר־טעמפּט דעם טעמפּעראַמענט.

— פּערסקי, וואָס מאַכט איר דאָ? עס איז אײַך ווייניק איין מלכּה אַ קנעכט איר צו זײַן? איר ווילט אויך זײַן אַן עבֿד בײַ אַ שיפֿחה?

— לשון איז מײַן לײַדנשאַפֿט, עבֿרית איז מײַן מלכּה, און ייִדיש איז מײַן לינקע ליבע. און זי איז נישט ווייניקער טײַער.

— פֿאַר עבֿרית האָט איר דעם קאַמף געוווּנען, איז אפֿשר וועט איר איצט אַריבערגיין צו ייִדיש?

— איר מוזט שוין זוכן אַנדערע דניאל פּערסקיס. פֿאַר מיר איז שוין אַ האַלב יאָרהונדערט צו שפּעט.

1960

לעאָ-לײב פוקס

געבוירן אין קאַליש אין יאָר 1908. שטודירט אין בעלגיע. זינט אַרום 1930 אין האָלאַנד.

גילגולים, גילגולים פון יחידים און פון ייִשובים, פון שטעט און פון לענדער, פון ביכער און ביבליאָטעקן — און ערגעץ קומט אַלצדינג אָן, און אין גרויסן תוהו־ובוהו פון דער אומבאַקאַנטער צוקונפט איז פאָרט צוגעגרייט אַ זיכער אָרט פאַרן זכר פון יחיד און פון ייִשוב, פאַר אַ שטאָט און פאַר אַ לאַנד, פאַר אַ ספר און פאַר אַ ביבליאָטעק און אַפילו פאַר אַ פאַרוואָגלט בינטל בלעטער אין ווינט און אין שטורעם...

אין דער געשיכטע פון ייִדישן לשון, וואָס דערווײַל באַשטייט זי נאָך פון פראַגמענטן, אָבער בקרוב וועט זי זײַן ווי אַן אינטעגראַל ספר פון ד"ר מאַקס ווײַנרײַך, יאָ — אין דער דאָזיקער געשיכטע פון ייִדישן לשון איז דאָ אַ טעזע — און זי איז טאַקע ווײַנרײַכס — אַז אין אַכצנטן יאָרהונדערט איז דאָס ייִדישע לשון געווען דאָס אינטערנאַציאָנאַל פאַרשפּרייטסטע איבער גאַנץ אײראָפּע — מיזרח און מערב צו גלײַך. און מערב האָט אין דעם פאַל געמיינט בעיקר האָלאַנד. דאָרט זענען געדרוקט געוואָרן אַ סך ספרים אין ייִדיש, פון דאָרט האָבן זיי זיך צעשפּרייט איבער דער וועלט, פון דאָרט האָט זייער אָרטאָגראַפיע, אָפט אַ גרײַזיקע, באַווירקט דאָס לעבעדיקע ייִדישע לשון אין מיזרח פון אײראָפּע, דורך די צאינה־וראינהס און מוסר־ספרים.

איז אַ ייִדישער יונגער־מאַן, מיט אַ סך אַמביציע און אַ סך דורשט נאָך וויסן אַקאַדעמישן און אַ סך וויסן ייִדיש־היימישן, און זײַן נאָמען איז לעאָ־לײב פוקס, אַוועקגעפאָרן פון קאַליש קיין מערב־אײראָפּע און סוף־כּל־סוף אָנגעקומען קיין האָלאַנד.

האָט אַ גרויסע ייִדישע ביבליאָטעק פון אַ פּוילישן ייִד, וואָס האָט געוווינט אין דײַטשלאַנד און געהייסן ראָזענטאַל, געוואַנדערט און קיינער האָט איר נישט געוואָלט געבן אַ מקום־מנוחה, איז זי סוף־כּל־סוף אָנגעקומען אין דער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק אין אַמסטערדאַם און מען האָט איר געגעבן אַ נאָמען ראָזענטאַליאַנאַ און אַ שטענדיק אָרט.

גילגולים — לעאָ פוקס און די ראָזענטאַליאַנאַ־ביבליאָטעק זענען ערגעץ ווו געווען פאַרשריבן ווי אַ זיווג. און זיי זענען געוואָרן פאַרקניפּט. מסתמא אויף אייביק. זענען אין דער דערמאָנטער ביבליאָטעק פאַראַנען אוצרות מיט ספרים און ביכער און כּתבֿי־יד און אַן אוצר אויף צו אויפקניפּן די רעטענישן פון אַלט־ייִדיש אין מערב־אײראָפּע.

עס איז מיר אויסגעקומען צו זען לעאָ פוקסן אין דער אַרומרינגלונג פון דער

ראָזענטאַליאַנאַ־ביבליאָטעק אין דער אַמסטערדאַמער אוניווערסיטעט. און ער גייט אַרום שווײַגנדיק און ער מישט פּאַר דיר אויף נאָך אַ ספר און נאָך אַ ספר — איין חידוש גרעסער פון אַנדערן. חידושי יידיש. נישט עס איז אונדזער פּאַך און נישט דאָס אָרט אין דער סעריע צו באַשרײַבן די ביכער, וואָס לעאָ פוקס האָט אַנטדעקט, די כּתבי־יד, וואָס ער האָט דורכגעשטודירט. אַז איך האָב לעאָ פוקסן געזען בײַ אָט דער אַרבעט — האָט די פאַנטאַזיע געזען שטיין הינטער זײַנע פּלייצעס די יידישע מחברים, אָנגעטון אין זייערע כאַלאַטן און גאַרטלען און גרויסע שפּיצהיט און שיך און זאָקן, פון פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער, און די פּנימער אַרומגערינגלט מיט בערד און אין זייערע מײַלער דאָס מאָדנע יידיש פון זייער לאַנד און צײַט. זיי זענען טויט און זיי האָבן אַ סך צײַט. אָבער טויטערהייט — ווייסן זיי, וואָס זיי ווילן. זיי ווילן צוריק לעבעדיק ווערן אין אַ פּאַפּירענעם תחית־המתים. און זיי ווייסן, אַז עס איז שוין נענטער ווי ווײַטער. גילגולים. און זיי ווייסן, אַז לייב פוקס וועט זיי אין זייער ווונטש צוהעלפן. אָט האָט ער דאָך נאָר וואָס צווישן חורבות ממש געפונען אַ כּתב־יד פון אַ קאָמעדיע אין יידיש פון 18טן יאָרהונדערט און ער האָט זי מיט ליבשאַפט קאָמענטירט און טראַנסקריבירט און אַרויסגעגעבן אין דרוק. נאָר אויף דעם כּתב־יד איז דער נאָמען פון מחבר נישט געווען. אָבער אין דער שורה גע־שטאַלטן, וואָס מײַן פאַנטאַזיע האָט געזען הינטער פוקסעס פּלייצעס איז דאָ דער מחבר. און עס וועט קומען אַ צײַט פון דער אַנטדעקונג פון זײַן נאָמען אויך.

גילגולים זענען אַ שפּיל, וואָס פאָדערט געדולד... טויטע האָבן זי. נאָר פאָרט קענען זיך טויטע מחברים נישט באַגיין אָן לעבעדיקע ביבליאָטעקערס מיט אַ סך פּיעטעט און חכמה און ליבע — אָט אַזוי ווי זייער געטרײַער מליץ־יושר לעאָ פוקס.

כאָטש יאָרצענדליקער אַוועק פון פוילן און פון לעבעדיקן יידיש — איז לעאָ פוקסעס היים אין אַמסטערדאַם פול מיט יידיש, און עס איז נאָך מער חידוש, ווײַל זײַן גוטע, בלאָנדע, האָלענדישע פרוי, נישט פון יידישן שטאַם, איז אויך אַזוי דורכגענומען מיט אָט דער שליחות, אַז זי האָט זיך אויסגעלערנט מאַמע־לשון ריידן און לייענען און שרײַבן. און אויך דער זון, צום טאַטן ענלעך, און די טאָכטער — די מאַמע אויסן אויג — זענען דורכגענומען מיט דעם טאַטנס שליחות.

חוץ אין דער ראָזענטאַליאַנאַ איז לעאָ פוקס אויך דער ביבליאָטעקער פון דער ספרדישער קהילה אין אַמסטערדאַם, וואָס אין אירע אוצר־קאַסטנס פון שטאָל באַהאַלט זי אויך דעם אָריגינעלן דאָקומענט פון דעם חרם אויף ברוך שפּינאָזאַ — 300 יאָר אַלט, אָבער דורך דער קהילה קיין מאָל נישט צוריק־געצויגן. און אָט איז ערב ראש־השנה און מיר זענען מיט דער לעאָ פוקס־

משפחה אין דער גרויסער ספרדישער סינאַגאָגע בײַם דאַווענען. די שול איז גרויס און טונקל און כּמעט פּוסט, 613 ליכט ברענען אין אירע הענגלײַכטערס און שטענדער־לײַכטערלעך. קיין עלעקטריע איז דאָ, לויט טראַדיציע, נישטאָ. גילגולים אַרויף און דאָ — גילגולים אַראָפּ. אָבער דער ייִדיש־אוצר פֿון אַמ־סטערדאַם וועט שוין נישט פֿאַרלירן ווערן. ער האָט אַ שומר און אַ שומר מיט האַרץ.

1963

לייב פײַנבערג

געבוירן 1896 אין רוסלאַנד. שטורמישע יוגנט־יאָרן. זינט 1921 אין אַמעריקע. געשטאָרבן 22סטן יאַנואַר 1969.

אויב די ווערטער: פּאַרביק, קאַלירפּול, קלאַנגיק — אַנגעווענדט אויף מענטשן באַטײַטן עפּעס, קענען זיי אַלע דרײַ צוגעפּאַסט ווערן אויף דעם ייִדישן דיכטער, זשורנאַליסט, עסייאיסט, מעמואַריסט — לעאָניד פײַנבערג. ער האָט אין זײַנע יונגע יאָרן אָנגעטאָן אויף זיך אַזוי פיל רוסישקייט, אַז ער האָט זי קיין מאָל מער נישט געקענט אויסטאָן. שוין אין גילגולים פון זײַן נאָמען קומט עס צום אויסדרוק. אָנגעהויבן האָט ער מיט שרײַבן רוסיש — האָט ער איבערגעביטן זײַן ברית־מילה־נאָמען יהודה לייב אויף לעאָניד. דער נאָמען האָט אים אַזוי געפּאַסט, אַז צווישן חברים האָט ער ביזן סוף נישט אָנגעהויבן צו הייסן אַנדערש. האָט זיך פײַנבערג אַן עצה געגעבן, ער האָט זיך אָנגעהויבן צו רופן בלויז מיט דעם איניציאַל „ל״. — ל. פײַנבערג. שפּעטער האָט ער אויף זײַנע רוסיש געשריבענע אַרטיקלען און לידער זיך אונטער־געשריבן „לעאָניד גרעבניעוו״. אָבער אַז מען קוקט זיך בעסער אײַן אין דעם נאָמען גרעבניעוו, און שרײַבט אים אויף מיט לאַטײַנישע אותיות און לייענט אים אויף צוריק — באַקומט זיך „פײַנבערג״ — עס בלײַבט נאָר דער רוסישער קלאַנג אין דעם „ניעוו״, דעם לעצטן טראַף. צום סאַמע סוף האָט פײַנבערג זיך אָנגעהויבן אונטערצושרײַבן „לייב״. פאַר אים האָבן די אַלע נאָמען־גילגולים געהאַט אַ באַטײַט, כּמעט אַ רעליגיעזן, צי כאָטש אַ מיסטישן באַטײַט. דאָס איז געווען, סימבאָליש, זײַן וועג אין דער ליטעראַטור און אין לעבן. נאָך עט־לעכע יאָר אין אַרײַנצײַען זיך פון רוסישקייט צו ייִדישקייט און צו ייִדיש לשון — און ער וואָלט זיך אָנגעהויבן רופן: לייבוש — —

די גאַנצע וועלט־ליטעראַטור בײַם הײַנטיקן טאָג איז פול מיט טראַגיזם און מער פון אַלע — די ייִדישע. אין דעם זינען איז לייב פײַנבערג נישט קיין יוצא־מן־הכּלל. זײַן טראַגיזם איז אָבער אַנדערש. אַנדערש מיט דער כּסדרדיקער צוויי־שפּראַכיקייט. אין דעם שײַכות איז ער אַ מין טראַגישער המשך פון שמעון שמואל פרוג, דעם רוסישן און ייִדישן דיכטער.

פאַראַנען אַן אַלט ייִדיש גלײַכווערטל, מען שרײַבט עס צו דעם בראַס־לאַווער. און דאָס גלײַכוואָרט זאָגט: נישטאָ אַזאַ גאַנצע זאַך אין דער וועלט, ווי אַ צעבראָכן ייִדיש האַרץ... אין פאַל פײַנבערג קען מען די סוף ווערטער ענדערן און זאָגן — ווי אַ צעבראָכענע ייִדישע צונג.

פײַנבערג האָט אין אַלע זײַנע ביכער, אַלע פּאָעמעס זײַנע, אַלע עסייען — זיך ערלעך געמיט גאַנץ צו מאַכן אָט די צעבראָכנקייט. און מען קען נישט זאָגן,

אַז עס איז אים לחלוטין געלונגען. אָבער — נישטאָ אַזאַ שלעכטס וואָס האָט נישט אַ ביסל גוטס אין זיך. און דאָס גוטס איז דאָס דערשײַנען פון צוויי אַנטאָלאָגיעס. איינע: ייִדישע דיכטונג אין רוסישער איבערזעצונג. און די אַנדערע: רוסישע דיכטונג אין ייִדישער איבערזעצונג. דער סאַמע נאַטירלעכסטער אַנטאָלאָגיסט און איבערזעצער אין רוסיש און אין ייִדיש, אַן איבערזעצער מיט ליבע און קענטשאַפט — איז געווען טאַקע לייב פײַנבערג. נישט געקוקט אויף די ווידער־אַנאַנדן אין זײַן לעבן און זײַן דיכטונג, איז לייב פײַנבערג דערגאַנגען צו זײַן ציל, דערברענגט זײַן אייגנאַרטיק לעבן און זײַן אייגנאַרטיקע דיכטונג צו אַ תיקון.

צוליב עפּעס אַ געזונט־סיבה איז פײַנבערג געגאַנגען אָנגעשפּאַרט אויף אַ שווערן שטעקן. אין אַמעריקע איז טראָגן אַ שטעקן אַ זעלטנקייט. נאָר אַז מען טראָגט שוין, גיט עס צו ווערדעקייט און בעיקר, אויב מען איז נאָך פון הויכן וווּקס, ווי עס איז געווען פײַנבערג, און ווער שמועסט נאָך, אַז מען האָט אַן אייביק הויכע, דײַטלעכע שטים און מען רעדט ייִדיש מיט אַ רוסישן אַקצענט.

פײַנבערג האָט ליב געהאַט שטאָלץ צו זײַן מיט זײַן דראַמאַטישן לעבן, — מיט דער צאָלרײַכקייט פון זײַן משפּחה און מיט דער ליבשאַפט פון זײַנע קינדער צום פאָטער. אַגב זענען זיי אַלע דערפאָלגרײַך אין לעבן. יאָרן מיט דעם שענסטן נחת פון קינדער האָבן נאָך געוואַרט אויף לייב פײַנבערגן — אָבער גאָט האָט געהייסן פאַרמאַכן די אויגן שוין.

ייִדישע שרײַבערס זענען לרוב אויטאָדידאַקטן. פײַנבערג האָט געהאַט ייִדישע בילדונג אין אַ ישיבה און אַקאַדעמישע אויף אוניווערסיטעטן. דערצו אויך מיליטערישע בילדונג — ער איז געווען אַן אָפיציר אין דער רוסישער אַרמיי פון די קערענסקי־יאָרן. נישט צוליב סופּעריאָריטעט־קאָמפּלעקס לגבי די חברים, נאָר סתם אַזוי: ער האָט ליב געהאַט צו דערציילן עפּיזאָדן פון יענע שטורמישע יאָרן. נאָך אַ קאַפּיטל פון דער ייִדישער וועלט־ליטעראַטור האָט זיך געשלאָסן מיט זײַן טויט.

לייבל פעלדמאַן, רחמיאל פעלדמאַן

לייבל געבוירן 1896 אין סקאָפּיסקי, ליטע; רחמיאל געבוירן אין יאָר 1897, דאָרט. ביידע געקומען קיין יאָהאַנעסבורג, דרום אַפריקע, אין יאָר 1910. רחמיאל פעלדמאַן געשטאָרבן 1968. לייבל פעלדמאַן געשטאָרבן 25 אויגוסט 1975, בעת אַ רײַזע אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע.

צוויי ברידער זענען זיי, לייבל פעלדמאַן און רחמיאל פעלדמאַן. זיי האָבן נאָך משפּחה, אָבער מיר ווילן דאָ נאָר דערציילן וועגן די צוויי, די צוויי מחברים פון ביכער אין דער דאָזיקער משפּחה ליטוואַקעס אין דרום־אַפריקע. ליטוואַקעס אין דרום־אַפריקע זענען נישט קיין נאָווינע, נאָענט צו דרײַ פערטל אירע זענען זיי צווישן די הונדערט טויזנט יידן אין יענעם האַלב־הײסן, גאַנץ שוואַרצן לאַנד, אין יענער שטאָט יאָהאַנעסבורג, איבערן רײַכסטן אונטער־ערדישן גאָלדאָדער פון דער ערד. די פעלדמאַן־ייִנגלעך זענען געקומען אין יענעם לאַנד צוזאַמען מיט זייער פאָטער דעם תּלמיד־חכם און זענען אַוועק אין די דרכים פון אַלע ליטוואַקעס אין יענעם לאַנד פון שוואַרץ און ווײַס, דימענטן און גאָלד. זיי זענען גראָד געוואָרן גרויסע טאַביק־סוחרים און זיי זענען עס נאָך ביז הײַנט.

אָבער באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער קריסטאָפאָר קאָ־לומבוס פון דער ייִדישער ליטעראַטור, דער הערלעכער פּרץ הירשביין אַנטדעקט פאַר דער ייִדישער וועלט־ליטעראַטור — די וועלט, און פאַר דער פעלדמאַן־משפּחה — די ייִדישע וועלט־ליטעראַטור. ער האָט זיי פאַרסמט מיט דעם זיסן סם פון ייִדישער וואָרטקונסט. זינט דעמאָלט איז די היים פון די פעלדמאַנס געוואָרן דער פּלאַנעטאַרער האַרבעריק פון די רײַזנדיקע ייִדישע שרײַבערס. און יענע מיטגלידער פון דער פעלדמאַן־משפּחה, וואָס האָבן זיך נאָך נישט צו טיף אַנגאַזשירט אין אַנדערע פאַכן, למשל דאָקטאָריע, האָבן שטילערהייט גענומען חלומען פון דער זעלבער פּראָפעסיע, וואָס פּרץ הירשביין. לייבל און, דער עיקר, רחמיאל, וואָס גאַנץ ייִדיש־דרום־אַפריקע קען אים אויך אַלס ריט־שאַרד.

זיי זענען ביידע מיטלהויכע — רחמיאל דער העכערער, כאָטש דער ייִנגע־רער — האָבן אין די פּנימער אַ טענדענץ צו קײַלעכדיקייט — שטאַרק בולטע אויגן, רעדן מיט זייער אַ טיפן ליטוויש — דאָ און דאָרט פאַרבײַטנדיק אַ סמך מיט אַ שין און אַ שין מיט אַ סמך. זיי זענען אַלע מאָל גרייט צו פירן אַ וויכּוח און זיך אויפצורעגן אין פאַרטיידיקונג פון זייער שטאַנדפּונקט, לייבל נאָך מער ווי רחמיאל, און זענען די בעסטע און די צוגעלאָזנסטע חברים פון יעדן ייִדישן

שרײַבער, װײַל דאָס מילדע, זיסע סם פֿון פּרץ הירשבײַנס באַזוך אין אַפֿריקע איז אַזױ דױערהאַפֿט און אײביק, װי עס איז מילד און פֿאַרשיכּורנדיק.

לײבל און רחמיאל האָבן צװישן זיך פֿאַרטײלט די ליטעראַרישע געביטן, כּדי עס זאָל קײן מאָל קײן קינאה נישט הערשן צװישן זײ און נײַערט ברידער־פֿרײַד, אױב אײנעמס בוך װערט באַמערקט דורך דער ייִדישער װעלטפּרעסע. לײבל האָט אױף זיך גענומען די אױפֿגאַבע צו שרײַבן די געשיכטע פֿון די ייִדן אין דרום־אַפֿריקע און ער האָט אױף דעם געביט שױן עטלעכע ביכער אַרױסגעגעבן. און רחמיאל, דער מער קינסטלערישער, האָט אױף זיך גענומען די אױפֿגאַבע צו שרײַבן סענטימענטאַל־ליריש־רעאַליסטישע דערצײלונגען פֿון דעם לעבן פֿון „שװאַרץ און װײַס" אין אַפֿריקע. אַזױ רופֿן זיך טאַקע די צװײ נאָװעלעס־זאַמלונגען, װאָס ער האָט ביז איצט אַרױסגעגעבן. און בײדע ברי־דערס ביכער לײענען זיך גרינג און אינטערעסאַנט און אין זײער װעג און אופֿן זענען זײ אין דער ייִדישער װעלט־ליטעראַטור פּיאָנערן. האָט הירשבײַן געבראַכט די ייִדישע װעלט־ליטעראַטור קײן דרום־אַפֿריקע, ברענגען זײ איצט דעם מערקװערדיקן װעלט־טײל פֿון דרום־אַפֿריקע אין דער ייִדישער װעלט־ליטעראַטור אַרײַן.

און נישט נאָר שרײַבן זײ — נאָר זײ טוען. לא המדרש עיקר אלא המעשה. אַלע ייִדיש־אױפֿטוען אין דרום־אַפֿריקע זענען — מער אָדער װײניקער — פֿעלדמאַן־אױפֿטוען. שולן, טעאַטער־אױפֿפֿירונגען, קאָנצערטן, צײַטשריפֿטן, ביכער־פֿאַרשפּרײטונג — אַלץ זײ. װונדערלעכער הירשבײַן, װוּנדערלעכע אסתּר שומיאַטשער־הירשבײַן — װי גוט עס איז צו זײַן צוגעלאָזן צו מענטשן, אַזױ טוט מען גוטס אױך זיך — טוענדיק גוטס יענעם.

פֿון װאַנעט װײס איך דאָס אַלץ? — װעט איר פֿרעגן. אױך איך בין אין דרום־אַפֿריקע געװען, אין יאָר 1931, און אױך איך האָב נאָך געשמעקט דעם ריח פֿון די בלומען פֿון פֿרײַנדשאַפֿט, װאָס די הירשבײַנס האָבן מיט אַ יאָר־צענדליק צוריק דאָרט געזײט — און נישט נאָר די פֿאַרזײטע בײטן איבער־געלאָזן, נאָר געטרײַע גערטנערס, די פֿעלדמאַנס.

זינט 1931 בין איך מער אין אַפֿריקע נישט געװען, אָבער די פֿעלדמאַנס זינט דעמאָלט אַ סך מאָל אין אַלע עקן װעלט געטראָפֿן — אין װאַרשע און אין אַמעריקע און אין לאָנדאָן. זײ זענען שױן הײַנט סטאַטעטשנע באַלעבאַטים מיט היפּשע משפּחות. װען איך בין אין יאָהאַנעסבורג געװען, זענען זײ נאָך בײדע געװען בחורים און װי די צװײ לײַכט־טורעמס פֿאַר אַלע שײנע מײדלעך פֿון יענעם גרױסן, רײַכן ייִשוב.

דאָ אַנומלט געטראָפֿן לײבלען אין לאָנדאָן, געזען זײַן זון, געהערט װי דער פֿאָטער רעדט מיט אים ייִדיש. אין דרום־אַפֿריקע איז עס ממש אַ העלדישער

אויפֿטו. אָבער זײ זענען אויסגעהאַלטענע — די פֿעלדמאַנס. און זײ זענען אויך אויסגעהאַלטן אין זײער שטעלונג צו דער שוואַרצער מאַיאָריטעט־באַפֿעלקערונג פֿון זײער לאַנד. ייִדישע וועלטמענטשן מיט אָפֿענע אויגן, אָפֿענע הערצער, גוטע און נוצלעכע פֿעדערס אין דער ייִדישער וועלט־ליטעראַטור.

1953

איציק פעפער

געבוירן 1900, אין שפּאָלע, קיִעווער גובערניע. פון דער פריִער יוגנט אָן טעטיק אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. רײַזעס אין מערב־אייראָפּע. שטענדיקע רײַזעס איבערן ראַטן־פֿאַרבאַנד. זומער און האַרבסט 1943, צוזאַמען מיט שלמה מיכאָעלס, מיטגליד פון דער דעלעגאַציע פון די סאָוועטישע ייִדן קיין אַמעריקע. אומגעבראַכט דורך דער סאָוועטישער מאַכט 1952.

אין איציק פעפערס לידער־זאַמלונג „לעבן זאָל דאָס לעבן", דערשינען אין כאַרקאָוו אין יאָר 1934, איז דאָ אַ גרויסע און פאַנטאַסטישע פּאָעמע וועגן זײַן רײַזע קיין אַמעריקע, וואָס איז אין יענער צײַט נאָר פּראָיעקטירט געוואָרן, אָבער אויסגעפירט ערשט אין יאָר 1943. דאָס לאַנגע ליד איז געשריבן מיט אַ סך טאַלאַנט און — נאַטירלעך — מיט אַ סך פאַנטאַזיע. פאַנטאַזיע איז דאָך ביליקער ווי טאַלאַנט. קומט אָבער דאָס לעבן — שוין אויסער די טאָוולען פון אַ ביכל „לעבן זאָל דאָס לעבן" — און שטעלט יענע דיכטערישע פאַנטאַזיע אַוועק אין גאַנצן אין שאָטן. איך מיין נאַטירלעך די ממש פאַנטאַסטישע רײַזע פון פעפערן, צוזאַמען מיט מיכאָעלסן, ווי שליחים פון די סאָוועטישע ייִדן צו די ייִדן אין אַמעריקע. איך האָב בלויז אַ קליינעם טייל דערפון געזען אין די צוויי טעג פון 6טן און 7טן סעפּטעמבער, ווען די דעלעגאַציע האָט געווײַלט אין מאָנטרעאָל.

איך האָב אַ ביסל פּראַקטיקע מיט פּנימער פון דיכטערס — מיט דער פאַנטאַזיע לויט די בילדער און דער ווירקלעכקייט אין לעבן. און אַז איך זע אַ בילד — פאַרשטיי איך, אַז אין דער ווירקלעכקייט דאַרף דאָס פּנים אויסזען אַזוי און אַזוי. פעפערס בילדער קען איך שוין זיכער אַ יאָר 15, אָבער יענע קליינע ערשטע בילדער שאַפן נישט קיין ריכטיקן אײַנדרוק. דערפאַר האָט מען זיך שוין גאָר געקענט שאַפן אַן אײַנדרוק פון פעפערס אויסזען לויט די הונדערטער און הונדערטער בילדער זײַנע, וואָס זענען מיט האָליוודישער שפּע געפלויגן פון אַלע זײַטן בשעת זײַן אַמעריקאַנישן באַזוך. און דער אײַנדרוק איז געווען: איבער מיטלוווקס, פעסט געבויט, שאַרף־ברוטאַלע פּנים־שטריכן, אַ פול מויל, אויפפאַלנדיק גרויסע אויערן, דיקטאַטאָרישער בליק, שאַרפער ברונעט, רעדט מיט מענטשן פון אויבן אַראָפּ, באַפעלט. צו דעם אַלעמען נאָך די גרויסע ברילן אין די שווערע, שוואַרצע ראַמלעך... און די שטים — פאַרשטייט זיך דאָך שוין אַליין — שטילער טענאָר.

אָבער דערזען האָב איך אַ היפּשלעך מאָגערן יונגן מענטש, מיט בלוילעך־

ברוינלעכע אויגן, אַ בלאָנד־רויטלעכן, די גרויסע אויערן באַמערקט מען נישט, און ווען ער קאָן נאָר, נעמט ער אַראָפּ די גרויסע ברילן, און דער בליק אַ מילדער און אַ צעשמייכלטער און אָפּענער, און דער וווקס אַ ביסל אונטער־מיטל, און אַז ער באַגעגנט אַ ייִדישן שרײַבער, וואָס איז עלטער פון אים אין יאָרן, קוקט ער גאָר אויף אים פון אונטן אַרויף... און אַ שטים האָט ער — נישט בשעת רעדן, אויף דער בינע, ווען מען הערט אים מיט דער הילף פון הילכערס, וואָס מאַשיניזירן יעדע שטים — זייער אַ מעלאָדישע און מילדע און זייער אַן אָנגענעמע, אַ שטים, וואָס רעדט פון האַרץ צו האַרץ. די סאַמע גרעסטע איבערראַשונג פאַר מיר איז געווען די שטים. וואָרעם די פּנים־שטריכן זענען נאָך אַלע זאַכן ענלעך צו די שטריכן אין די בילדער, אָבער די שטים האָב איך אין גאַנצן מיר אויסגעפאַנטאַזירט פריִער און מײַן פאַנטאַזיע האָט מיך דורכויס אַנטוישט. עס איז אַזוי האַרציק געווען צו הערן פּעפּערן רעדן דווקא פון מענטש צו מענטש, אָדער כאָטש פון מענטש צו צען־צוועלף מענטשן אין אַ שטוב און נישט פון מענטש צו צען־צוועלף־טויזנט מענטשן אין אַ מאַנסטערזאַל.

עפּעס ייִנגלשס איז דאָ אין אים. ריטעם. נישט אומזיסט איז אַזוי פיל פרייד אַלע מאָל געווען אין זײַנע ביכער און אויך אויף די טאָוולען זייערע: „לעבן זאָל דאָס לעבן", „אין אַ מזלדיקער שעה". א. פּעפּערן גייט עס אין לעבן צו וויסן וועגן אַלע ייִדישע שרײַבערס פון גאָר דער וועלט און שוין גאָר וועגן די ייִדישע שרײַבערס, וואָס וווינען אין ראַטן־פאַרבאַנד. קוים דערמאָנסטו אַ נאָמען, וואַרפט ער באַלד צו דעם אַדרעס און די צאָל ביכער פון דעם באַטרעפנדיקן. וווּנדערט מען זיך: אַזוי באַהאַוונט? גיט ער באַלד צו: דאָ בין איך אַ דעלעגאַט, אָבער דאָרט בין איך דאָך נישט מער ווי אַ ייִדישער שרײַבער אַלע פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת.

און דער עיקר גייט פּעפּערן צו וויסן אַלץ וועגן די נײַ צוגעקומענע ייִדישע שרײַבערס אין די גרענעצן פון פאַרמלחמהדיקן פוילן. איך פרעג אים אויף דעם און אויף יענעם דיכטער, דער און יענער דיכטערין און איך באַקום גרוסן, אָט ווי אַ גרוס צווישן וואַרשע און לאָדזש אין יאָר 1930 — כאָטש עס איז אַ גרוס צווישן וועלט און וועלט געאָגראַפיש, און וועלט־תּקופה און וועלט־תּקופה געשיכטלעך. און עס ווערט מיר פלוצלינג אַזוי גוט צו מוט, אַזוי יונג, אַזוי ווי אין די ערשטע יאָרן, ווען מען האָט אָנגעהויבן צו שרײַבן און דרוקן און זיך חברן מיט לויטער שרײַבערס. איך ווייס אַליין נישט פאַר וואָס. אפשר דערפאַר ווײַל דאָס אַלץ איז אַזוי אומגעריכט און פּעפּערס שטים אַזוי ייִנגלש און מעלאָדיש. — —

און איך האָב עפּעס אַ באַזונדערן מזל געהאַט צו אים. ער איז דאָך זיבן יאָר ייִנגער פון מיר און מײַנע לידער האָט ער געלייענט אין זײַנע צאַרטסטע דיכטער־יאָרן, אפשר בין איך גראָד דאָס זעלבע צו אים, וואָס שמואל יעקב

אימבער איז צו מיר. און דערצו: ווי אָפּט מען האָט זיך אַרומגעריסן, פּאָליטיש, פּעפּערס מערקווערדיקן טאַלאַנט האָב איך אַלע מאָל אָפּגעשאַצט. און ער געדענקט דאָס, ער געדענקט געניי וועלכע לידער זײַנע איך האָב ציטירט אין די אַרטיקלען וועגן אים. אַזאַ זכּרון. און עס איז בכלל אַ וווּנדער ווי האָט ער אַזוי פיל זכּרון הינטער דעם צוריקגעוואָרפענעם שמאָלן שטערן, וואָס זעט נאָר דערפאַר אויס גרעסער ווי ער איז, ווײַל ער פאַרענדיקט זיך מיט אַ ליסינע. ער בײַט שוין דאָס פינפטע צענערל. — —

בשעת די גרויסע אַרויסטריטן, וואָס זענען, נאַטירלעך, דורך מיכאָעלסן רעזשיסירט געוואָרן, האָט ער זיך גענומען די ראָלע פון דעם העלד פון אַלע טעג, וואָס איז נאָענט און אייגנדיק און רעדט ווערטער פון אַלע טעג. און פּעפּער האָט זיך אין דער ראָלע בעסער געפילט, ער האָט געקענט זײַן ספּאָנטאַן, בילדעריש, אַקטועל, וויציק אַפילו. אָט נעמט אַ וואָרט אַ רוסיש־קאַנאַדישע פרוי. איר רעדע מאַכט אַ טיפן אײַנדרוק. פּעפּער רעדט לאַנג וועגן איר אַרויס־טריט אין זײַן שלוסוואָרט: „מיר פאָרן שוין אַזוי לאַנג אַרום, זענען אַזוי ווײַט פון דער היים, מיר האָבן זיך שוין פּשוט פאַרבענקט נאָך אַ רוסישער פרוי". — אים איז דערלויבט אַזוי אינטים צו רעדן, אין זײַן לאַנד איז ליצענציאַ פּאָעטיקאָ ביז אַ גרענעץ לעגאַליזירט. — פּעפּער דריקט פעסט און האַרציק די הענט בײַם באַקענען זיך און געזעגענען און — ער גיט ייִנגלש אַ קוק אַרום זיך — און צעקושט זיך גאָר מיט אײַך.

1943

דוד פּראַם

געבוירן 1903 אין פּאַניעוויעזש, ליטע. געוווינט, אויך געלערנט, יאָרן לאַנג אין טיף רוסלאַנד. 1927 אויסגעוואַנדערט קיין דרום־אַפריקע. 1934 רײַזע קיין אייראָפּע. וווינט אין דרום־אַפריקע.

אַ צאַרטער און אַ שוואַכער איז ער — דוד פּראַם, כּמעט אַ מלחמה־קינד. אַ קינד פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ווי אַזוי עס וועלן אויסזען די קינדער פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — ווער ווייסט? קענען גאָר קינדער איבערלעבן די צווייטע וועלט־מלחמה?

אין ווילקאָמיר, אַ קליינע שטאָט אין דער ליטע, וווּ ייִדן האָבן געלעבט אָן אָרעמען, אָבער אַ גוטן טאָג, אין דעם קורצן בין־הזמנים פון די צוויי וועלט־מלחמות, איז אויף אַ נידעריק בערגעלע געשטאַנען אַ ציכטיק, באַלעבאַטיש הויז. אין דעם הויז איז געווען די ייִדישע גימנאַזיע אין ווילקאָמיר, און אַפילו גאַנץ ליטע איז מיט אָט דעם אַנשטאַלט שטאָלץ געווען, פּונקט ווי סלאָבאָדקע און אויך גאַנץ ליטע מיט איר ישיבה. איין זײַט פון דעם לענגלעכן, נידעריקן, אין אַלטן רוסישן סטיל געבויטן הויז האָט אַרויסגעקוקט צו דער גאַס און די אַנדערע זײַט האָט אַראָפּגעקוקט אין אַ גאָרטן אַרײַן און אין שטילע געסלעך, אַ ביסל הינטערן שטאָט.

איך האָב די געבײַדע אין יאָר 1932 באַזוכט, געזעסן פּערטל־שעהען לאַנג אין די קלאַסן־צימערן, אַרויסגעקוקט דורך די פענצטער — פרײַער, אָרעמער, האַרציקער, היימישער, ליטווישער פרילינג איז געווען, אַזאַ פרילינג, אַזוי ווי אַן אָרעמע מאַמע: אָט דאָס פאַרמאָגט זי און אָט דאָס גיט זי אַוועק מיטן גאַנצן האַרץ און געניסט, קינדערלעך — און אַרויסקוקנדיק דורך די פענצטער האָב איך ערשט ריכטיק פאַרשטאַנען, אַז מען קען נישט אַנדערש ווי נאָר אַזוי ליריש שרײַבן, ווי עס שרײַבט דוד פּראַם, דער ייִדישער פּאָעט, וואָס האָט זיך דאָ, אין דער ווילקאָמירער גימנאַזיע, זעקס יאָרן לאַנג געלערנט.

אויב איך מאַך נישט קיין טעות איז דוד פּראַם געווען דער ערשטער ייִדישער פּאָעט, וואָס האָט זײַן סעקולערע בילדונג באַקומען אין אַ ייִדישן לערן־אַנשטאַלט. די ערשטע שוואַלב פון אַ נײַער ייִדישער קולטור־בויונג. אָבער גאָט האָט געוואָלט, אַז די ערשטע שוואַלב זאָל דערווײַל דעם געגאַרטן פרילינג נישט ברענגען. ער וועט קומען נאָר צוזאַמען מיט דעם פעלקער־פרילינג. אפשר איז גאָט און זײַן מישפּט גערעכט, וואָס ער וויל אַזוי — אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו דוד פּראַמען און דאָס מאָל קיין דרום־אַפריקע. איך האָב אים דאָרט באַגעגנט אין יאָר 1931, נאָך איידער איך האָב געזען —

רעדנדיק מיט ליריש־סענטימענטאַלן לשון — די נעסט, ווו עס האָט זיך אויס־געכאַוועט זײַן גײַסט און ווו ער האָט דאָס ערשטע מאָל אין לעבן געשטרעקט די פליגלען צום פּאָעטישן פלוג.

דאָס איז געווען אין יאָהאַנעסבורג, אין קאַלענדאַרישן פרילינג פון יאָר 1931, אין מאַרץ, אָבער אין יאָהאַנעסבורג איז דאָס שוין געווען אין שפּעט־זומער, ווײַל דאָרט איז דער דרומדיקער האַלבקײַלעך פון דער ערד. דעמאָלט איז נאָך דאָס אָנקומען פון אַ ייִדישן שרײַבער אין די ווײַטע מקומות געווען אַ שטיקל סענסאַציע און אַ סך חברים זענען געקומען צו דער באַן, וואָס ברענגט אײנעם פון קייפּטאַון קיין יאָהאַנעסבורג, דעם גאָלדצענטער פון דער וועלט. אין גאַסטצימער פון האָטעל זענען חברים געקומען און געגאַנגען און אַט וועלן שוין באַלד די לעצטע אַוועק און מען וועט בלײַבן מיט דעם „ענגן קאָמיטעט“, מיט וועלכן מען וועט באַלד רעדן וועגן די צוועקן צוליב וועלכע מען איז געקומען.

אַן אַקציע פאַר ציש"אָ. קומט צו אַ יונגער מאַן, אַ צאַרטער און אַ בלייכער. זייער ציכטיק אָנגעטון, מיט אַ ווײַסן אַנצוג, און עס פּאַסט אים זייער צו זײַנע געדיכטע שוואַרצע האָר און דעם פײַן געשניטענעם פּנים פון אַ לירישן דיכטער, און ער זאָגט זייער שטיל, און טאַקע מיט אַ לײַדנדיקער שטים פון אַ לירישן דיכטער: איך בין דוד פראַם. זײַן נאָמען און זײַנע לידער האָב איך שוין פון פריִער געקענט און מיר זענען געווען פרײַנד, נאָענטע פרײַנד די גאַנצע צײַט פון מײַן זײַן אין יאָהאַנעסבורג. אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך שוין געהאַט אַלץ געלייענט, וואָס פראַם האָט געשריבן און געדרוקט און עס האָבן זיך אָנגעהויבן לאַנגע וויכּוחים. פראַם איז אַ סאָלידער דיכטער, פאַרמאָגט אַ סך מוזיקאַלישקייט אין זײַנע לידער, און שפּראַך ווי אַ מילגרוים, אַזוי פיל און פול, און זיצנדיק אין אַפריקע האָט ער כּסדר געשריבן וועגן ליטע. אַרום אים האָט געשטורעמט מיט זײַנע שוואַרצע פּראָבלעמען דער שוואַרצער קאָנטינענט, די נעכט האָבן געציטערט מיט נעגערישער תּאווה און די טעג זענען אָפט דורכגעציטערט געווען פון די אונטערערדישע עקספּלאָזיעס בײַם גראָבן נײַע וועגן אין די גאָלדאָדערן מײַלן טיף אין דער יאָהאַנעסבורגער ערד. און אויף די גאַסן אַן אַ שיעור נעגערס פון אַלע ווילדסטע שבטים, מיט אַלע ווילדסטע קאָפּ־ און לײַב־צירונגען, און דערצו די בורן און די ענגלענדער און איך האָב געפאָדערט פון דעם יונגן דיכטער, אַז ער זאָל ממש ווי אַ וואַלפיש אַט דאָס גאַנצע לעבן פלוצלינג אײַנשלינגען. איך האָב געטענהט, אַז ער איז עס שולדיק דער ייִדישער ליטעראַטור. אַט דערפאַר איז זי טאַקע אַ וועלט־ליטעראַטור, ווײַל זי האָט אומעטום אירע אַמבאַסאַדאָרן, און פראַם איז איר אַמבאַסאַדאָר אויפן שוואַרצן קאָנטינענט. און ער איז צו יענער צײַט דאָרט טאַקע געווען דער באַטײַטיקסטער ייִדישער דיכטער. און פראַם האָט מיט זײַן ליריי־

שער און שיר נישט ווײַנענדיקער שטים זיך געבעטן בײַ מיר, אַז איך זאָל נאָך וואַרטן כאָטש אַ פּאָר יאָר, ער האָט נאָך נישט אַרויסגעזונגען פֿון זיך ווילקאָמיר...

שווער איז פּראָמען אָנגעקומען דאָס לעבן. צוליבן קלימאַט האָט ער געקרענקט פיזיש, צוליב דער צו גאָלדענער סביבה האָט ער געליטן גײַסטיק. יעדעס קרומע וואָרט האָט אין זײַן שטים אַרויסגערופן אַן אונטערטאָן פֿון טרערן. הונדערטער רבנים האָט דער ישוב אויסגעהאַלטן און געפּאַשעט, נאָר איין פּאָעט — שפּעטער זענען עס נאָך עטלעכע געווען — האָט סוף־כּל־סוף געמוזט זיך אויסלערנען דעם פאַך פֿון אַ דאַמען־פריזירער. דערצו איז פּראָם אַלע מאָל געווען פאַרליבט, און די שײנע ייִדישקעס פֿון דעם גאָלדלאַנד האָבן געהאַט אויגן פֿול מיט גאָלד און הערצער אויך אַזעלכע האַרטע ווי גאָלד. „אַ שפּיל, אַ טאַנץ, אַ ליבע אויף אַ יאָר אַ גאַנץ", מיט אַ באַקאַנטן לירישן דיכטער, וואָס אַפילו דער רב הכּולל פֿון לאַנד — פּראָפ׳ י. ל. לאַנדוי (אַליין נאָך אין 19טן י"ה געחלומט צו ווערן אַ ייִדישער פּאָעט) האָלט בכבוד אַוודאי — „נאָר דערנאָך ? דערנאָך ?". — —

אין יאָר 1934 האָב איך פּראָמען געטראָפֿן אין לאָנדאָן, אַ שילינג בײַ דער נשמה איז גראָד דעמאָלט געווען און פאַטעטישע חלומות אין דער נשמה אַ סך, כאָטש אַ פּאָר זילבערנע פעדעם אויפֿן קאָפּ האָבן זיך שוין אָפּגעשפּאָרט אין גאָלדענעם לאַנד, און דערפֿאַלג אַפילו בײַ נישט־ייִדן ווי רעפּרעזענטאַטיווער ייִדישער דיכטער פֿון דרום־אַפריקע. אָבער גאָר באַלד האָב איך זײַן נאָמען ווידער געזען אין דרום־אַפריקאַנער צײַטונג: שוין נאָך דער רײַזע אין חלום־לאַנד אַרײַן...

1943

ד"ר הערמאַן פראַנק

געבוירן 1892 אין ביאַליסטאָק. 1920 — בערלין. 1923 — ניו־יאָרק. געשטאָרבן דעם 10טן אויגוסט 1952.

אַלץ אין אַלעמען, סײַ לויט דעם פיזישן אויסזען און סײַ לויט דער גײַס־טיקער אײַנשטעלונג, אַ מענטש פון 19טן יאָרהונדערט, אָבער נישט פון דער צווייטער, נאָר פון דער ערשטער העלפט. אַ מענטש, וואָס האָט פאַרשפּעטיקט גאַנצע הונדערט יאָר — אָט דער ביאַליסטאָקער ישיבה־בחור מיט דעם גער־מאַנישן נאָמען הערמאַן פראַנק און דעם אויסזען פון אַ דײַטשן אידעאַליסטישן פּראָפעסאָר־בטלן פון די גוטע, אַלטע צײַטן. איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין אין די ערשטע צוואַנציקער יאָרן פון דעם גורלדיקן יאָרהונדערט. זײַן נאָמען איז שוין דעמאָלט געווען גוט באַקאַנט צוליב אַ גאַנצער ריי עקאָנאָמישע שטודיעס, וואָס יעדער ווייסט, אַז זיי זענען מוראדיק וויכטיק, נאָר קיינער לייענט זיי נישט, חוץ די פאַכלײַט...

אָט זיצט ער בײַ אַ טישל, בלאָנד און העל־אויגיק און דיקלעך און אַ ביסל שווער באַוועגלעך. עס איז אַזאַ פּנים, וואָס מאַכט אַ גוי ענלעך צו אַ ייִד און אַ ייִד ענלעך צו אַ גוי... ער פרעגט מיך ווער איך בין און ער שטעלט זיך אַליין פאָר, נאָר ער טוט עס מיט אָראָפּגעלאָזטע אויגן און מיט אַזאַ שטילער שטים, און ווי ער וואָלט צו זיך אַליין גערעדט, אַז אַ האַלבע שעה רעד איך מיט אים שפּעטער און איך ווייס נישט מיט וועמען איך רעד אייגנט־לעך. עס איז בכלל אַ ביסל שווערלעך אים צו פאַרשטיין, ער טראַכט און ער קוקט אין אַ זײַט, און ער בײַסט די נעגל פאַרשעמט צו ביסלעך. נאָר ער ווייסט וועגן אַלץ. עס אינטערעסירט אים אַן עקפּרעסיאָניסטיש ליד, וואָס קיין ילדי אשה קען ניט קלאָר פּותר־חלום זײַן, און עס אינטערעסירט אים יעדע עקזאַקטע ציפער, עס אינטערעסירט אים גוי און נישט ווייניקער ייִד. און נישט נאָר אינטערעסירט אים אַלץ, נאָר וועגן אַלץ האָט ער זײַן אייגענע מיינונג און ער זאָגט זי אַרויס פרײַ און ער וויל הערן דײַן מיינונג, מעג זי זײַן פּונקט פאַרקערט. ער האַלט אין איין לערנען און אַלץ לערנען.

נישט געקוקט אויף דעם כאַאָס אין זײַנע שריפטן, איז דאָ אין זײַן גאַנצן ליטעראַרישן שאַפן אַ גלײַכע ליניע, אַן אויסגעהאַלטענע, אַן אייגענע — די ליניע פון דאָקטאָר הערמאַן פראַנק. דאַכט זיך — וואָס פאַר אַ שײַכות האָט אַנאַרכישער אינטערנאַציאָנאַליזם מיט היימיש־ייִדישלעכן נאַציאָנאַליזם, און וואָס פאַר אַ שײַכות מיט דעם וועלטבילד האָבן שפּיץ־נאָדל־פּינקטלעכע שטו־דיעס וועגן דער ביאַליסטאָקער קהילה, און וואָס פאַר אַ שײַכות האָבן אומצאָ־ליקע שטודיעס וועגן קאָאָפּערציע און פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונגען, אַנגעפּי־

קעוועט מיט ציפערן, ווי מיט אַ זאַק צעשאָטענעם מאָן, מיט אידעאַליסטישע וועלט־חלומות, וואָס שווימען אין בלויען, אומווירקלעכן עטער? און דאָך, דורך הערמאַן פראַנקן, אויף די פעלדער פון זײַן אייביק גרינער נאַיוויטעט באַגעגנט זיך דאָס אַלץ זייער האַרמאָניש.

עלף יאָר לאַנג, ביז אַן ערך אַ יאָר פאַר זײַן טויט, איז ער געווען דער רעדאַקטאָר פון דער אַנאַרכיסטיש־יִדישער וואָכנשריפט, איצט איין מאָל אין צוויי וואָכן, „פרײַע אַרבעטער־שטימע״, ניו־יאָרק. ער האָט די צײַטונג געפירט מיט אַזאַ לײַדנשאַפטלעכן ערנסט, אַט אַזוי ווי ער וואָלט געווען איבערצײַגט, אַז סײַ טרומאַן און סײַ סטאַלין — פון טשערטשיל און בן־גוריון איז שוין אָפּגערעדט — קענען זיך ממש נישט דערוואַרטן יעדן צווייטן פרײַטיק, צו הערן די שטעלונג פון דער צײַטשריפט וועגן דער לעצטער אַנטוויקלונגס־פאַזע פון דער וועלט־פּאָליטיק. ער האָט געשריבן לאַנגע און אויספירלעכע בריוו וועגן יעדן קוצו של יוד, וואָס איז אים ניט אַקוראַט געפעלן געוואָרן, צו זײַנע מיטאַרבעטערס, ער האָט קיין מאָל נישט געענדערט קיין וואָרט אָן יענעמס וויסן, עס וואָלט געווען קעגן דעם אַנאַרכיסטישן וועלטבאַנעם זײַנעם, נאָר עס האָט אַלץ געמוזט שטימען מיט זײַן באַגריף פון די גרענעצן פון דער פרײַהייט פון וואָרט. און זיי זענען געווען זייער און זייער ברייט. און דאָך איז ערגעץ ווו געווען אַ גרענעץ און איבער דער גרענעץ האָט מען בשום־אופן נישט געקענט אַריבער. און ד״ר פראַנקס בריוו זענען געווען געשריבן מיט אַ געצוקטער רבנישער שריפט, איין אות אין אַנדערן מיט אַ טונק פעדעם אַרײַנ־געוויקלט, ווי די וואָרצלען פון אַן אַלטן בוים. כאָטש די שריפט איז אַ גרויסע, האָט מען קוים מיט אַ פאַרגרעסער־גלאָז געקענט דורכקריכן דורך אַזאַ בריוו. אַ האַנטשריפט, וואָס דערמאָנט כּתבי־יד פון שאלות און תשובות פון אַ וועלט, וואָס האָט זיך שטורמיש אויסגעלעבט אויף פּאַפּיר... און דאָך איז זײַן ווירקונג גרויס געווען אויך אין לעבן.

דאָס איז געווען אין מאָנטרעאָל, באַלד נאָך דעם סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ד״ר פראַנק איז דאָ געקומען אויף אַ פּאָר לעקציעס. כאָטש אַן ענאָרמער ערודיט, האָט ער גערעדט מיט אַזאַ פשטות, אַט ווי ער וואָלט גערעדט צו אַלע צוויי ביליאָנען מענטשן פון דער וועלט אויף אַ מאָל און ער קען זיך ניט פאַרגינען, אַז איין וואָרט אַפילו זאָל שלעכט פאַרשטאַנען ווערן, און גערעדט האָט ער טאַקע וועגן דעם ווי אַזוי צו ראַטעווען די פאַרבלאָנ־דזשעטע וועלט. אַז ער האָט געהאַט אַ גרייטן רעצעפּט, וואָס איז געווען אין דער ליניע פון אַ „טיפערער אויפפאַסונג פון אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטישע אידייען און אידעאַלן״.

נאָך איינער פון די לעקציעס איז פאַרגעזעצט געוואָרן דער וויכּוח אין אַ מער אינטימער סביבה, שוין נישט בלויז פון ייִדן. געווען אויך אַ פּאָר ניט־ייִדן,

ענגלענדער, פראַנצויזן און אַפילו אַ שפּאַניער, דאַכט זיך. נישט געקוקט אויף דער אינטערנאַציאָנאַלקייט איז קיין גאַנצער מנין, דאַכט זיך, נישט געווען. יעדעס וואָרט, וואָס איז דאָ גערעדט געוואָרן, איז איבערגעזעצט געוואָרן אין דרײַ שפּראַכן — ענגליש, פראַנצייזיש, ייִדיש. פראַנק האָט זײַן יעדן זאַץ אַליין איבערגעזעצט און אויך מײַן ווייניקייט האָט גענומען אַ וואָרט און אויך מײַן וואָרט איז תּיכּף איבערגעזעצט געוואָרן. דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל אין מײַן לעבן אַזאַ מין דערפאַרונג. און גערעדט האָט מען וועגן ענינים, וואָס שטייען טאַקע ברומו־של־עולם, אָט ווי מאָרגן דאַרף עפּעס אַ געהיימע האַנט קומען און אַ געהיימע שטים אַ רוף טון אָט די גרופּע און איר זאָגן: אָט איז די וועלט — נעמט זי איבער און פירט זי בעסער. ווי מען האָט זי ביז איצט געפירט... קיינער האָט נישט קיין שמייכל געטון איבער דער אידעאַליסטיש־גראָטעסקער סיטואַציע, אָט ווי יענע געהיימע האַנט וואָלט פּלוצלינג אַ שלײַדער געטון די גאַנצע גרופּע מיט הונדערט יאָר אויף צוריק, ערגעץ קיין פּאַריז אין די צײַטן פון פּיער דזשאָזעף פּרודאָן, איידער דעם רעוואָלוציע־יאָר 1848, ווען קאַרל מאַרקס איז נאָך געווען אַ יונגער־מאַנטשיק. צום ווינציקסטן האָט דעם אידעאַליסטישן גראָטעסק געפילט ד״ר הערמאַן פראַנק אַליין.

1957

ד״ר פּיליפּ פרידמאַן

גערבוירן אין יאָר 1902 אין לעמבערג. שטודירט אין ווין. געוווינט אין וואַרשע, לאָדזש, פּאַריז. די יאָרן פון דריטן חורבן אין געטאָס און אויף דער אַרישער זײַט. זינט 1948 אין ניו־יאָרק. געשטאָרבן דעם 6טן פעברואַר 1960.

אַ בלאַס פּנים, אַ ביסל פאַרשפּיצט, דערקענסט באַלד דעם ייִדישן אינטע־לעקטואַל אין אים. ער איז זייער איידל, זייער העפלעך, ווינעריש העפלעך, ער הערט דיך אויס מיט סבלנות אָבער ער בלײַבט בײַ זײַנע מיינונגען אין אַ וויכוח. ער איז דורכגעזאַפּט מיט אייראָפּעיִשן וויסן, אָבער אין זײַן זשעס־טיקולאַציע דערקענסטו באַלד, אַז ער איז אַ בקי אין די שוואַרצע פּינטעלעך און ער איז טאַקע אַ טיפּישער גאַליציאַנער דאָקטאָר — ד״ר פּיליפּ פרידמאַן.

ער האָט אין פּוילן באַלאַנגט צו דער גרופּע פון דעם „יונגן היסטאָריקער״ — צוזאַמען מיט ד״ר עמנואל רינגעלבלום, דעם מחבר פון דעם טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ, דער אָרגאַניזאַטאָר פון דעם לעגענדאַרן פאַרגראָבן אין דער ערד און בלעכענע מילכקאַנען דעם אויטענטישסטן היסטאָרישן אַרכיוו פון דער גרעסטער, טראַגישסטער און העראָישסטער געטאָ פון די יאָרן פון דריטן חורבן.

ווי רינגעלבלום האָט אינטויִטיוו אויסגעפירט די איין־וואָרט־צוואה פון דעם קדוש־היסטאָריקער שמעון דובנאָוו: „פאַרשרײַבט!״ — אַזוי האָט ד״ר פּיליפּ פרידמאַן דער דאָזיקער צוואה געגעבן דעם לעצטן תּיקון: ער האָט דאָס „פאַרשריבענע״ ביבליאָגראַפירט אין טויזנטער קאַרטלעך. דורך זײַנע הענט — און געהאַט האָט ער דינע, מידע, לומדישע הענט פון אַ מקובל, וואָס פּראַוועט חצות יעדע נאַכט זײַן גאַנץ לעבן, — האָט זיך סימבאָליש און גײַסטיק דורכ־געשאָטן דער גאַנצער באַרג אַש פון די צוויי מאָל דרײַ מיליאָנען פאַרברענטע אומשולדיקסטע פון די אומשולדיקע פון דריטן חורבן. פּונקט ווי ספּינאָזאַ האָט אַזוי לאַנג צוגעוואַרט מיט זײַן שטאַרבן פון זײַנע קראַנקע לונגען ביז ער האָט פאַרענדיקט זײַן „עטיק״ — אַזוי האָט אויך פּיליפּ פרידמאַן מיט אַלע כּוחות אויסגעהאַלטן זײַן קאַמף מיט זײַן אומהיילבאַרער קראַנקייט ביז ער האָט זײַן „עטיק״ — זײַן גרויסע ביבליאָגראַפיע פון דריטן חורבן דערבראַכט צו שלימות. ערשט דעמאָלט האָט ער זיך אונטערגעגעבן. און באַשערט איז געווען, אַז אָט דער לעצטער גאַנג זאָל זײַן אַ שווערער, שווערער. אַזוי האָבן דערציילט די, וואָס האָבן אים אין אָט דעם לעצטן קאַמף געזען פּנים־אל־פּנים. קען זײַן, אַז ערגעץ אין די הימלען איז דאָ אַ גערעכטע וואָג, אַ וואָג מיט חסד. דאָ אויף דער ערד איז אַזאַ וואָג נישטאָ. פּיליפּ פרידמאַן, דער גרויסער עדות, צו ערשט

אין לעבן אין לעמבערגער געטאָ, און שפּעטער אין דעם דורכרײַסן זיך דורך דעם גאַנצן פֿאַפּירענעם הויכן באַרג, העכער ווי דער סיני, פֿון אַלע, אַלע גבֿיות־עדות — איז אַן עדות אויך דערויף.

דאָס איז געווען אין יאָר 1949, אויף אַ יערלעכער ייִוואָ־קאָנפֿערענץ. ד״ר פֿיליפּ פֿרידמאַן האָט געהאַלטן אַ רעפֿעראַט וועגן דער מאָראַל אין די געטאָס. ער האָט אַנטפּלעקט דעם אמת. ער האָט גאָרנישט באַהאַלטן. ווײַל אַ היסטאָריקער טאָר גאָרנישט באַהאַלטן. זײַן אויפֿגאַבע איז דאָך אַלץ צו אַנטפּלעקן. אָבער זײַן פֿליכט איז אויך — אויב ער איז אַ היסטאָריקער פֿון גאָטס חסד — צו באַנעמען שײַכותן, צונויפֿוועבן זיי און דאָס געוועב ברענגען צו דער עפֿנט־לעכקייט. און אַזוי איז טאַקע דער רעפֿעראַט געווען. געליימט שטיל, טייל שטעלן אַפֿילו אַזוי שעפּטשענדיק, אַז דער עולם האָט גערופֿן „העכער, העכער!״, אָבער אינעווייניק איז דער רעפֿעראַט געטראָגן געווען פֿון אַ גליִענ־דיקן פּאַטאָס — און אַרויפֿגעשוועבט האָט ווי אַ ליכט די מאָראַל פֿון די געטאָס הויך איבער אַלע שטרויכלונגען און דורכפֿאַלן.

נאָך אָט דעם רעפֿעראַט האָבן מיר זיך ווידער באַקענט — נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך נאָך עטלעכע מאָל און נאָך צופֿעליק געטראָפֿן אין פֿאַרמלחמה־דיקן פּוילן. איך האָב פֿאַרבעטן דעם היסטאָריקער צו געבן אַ סעריע לעקציעס אין מאָנטרעאָל, אין ראַמען פֿון דעם פֿאָלקס־אוניווערסיטעט בײַ דער ייִדישער פֿאָלקס־ביבליאָטעק, וואָס איך האָב דעמאָלט אָנגעפֿירט. מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָב איך אָנגעהויבן עפּעס צו רעדן וועגן אַ קליינעם האָנאָראַר, וואָס דער מינימאַלער בודזשעט קען זיך דערלויבן פֿאַר אַזאַ סעריע. אָבער נישט פֿרעגנדיק אַפֿילו אויף דער הויך פֿון דער קליינער ציפֿער האָט פֿרידמאַן אײַנגעשטימט. ער האָט נאָר געוואָלט וויסן צי וועט ער כאָטש קענען דעקן די הוצאות פֿאַר זיך און זײַן פֿרוי דזשוניאַ, וואָרעם ער האָט געוואָלט, אַז אויך זי זאָל מאַכן די רײַזע מיט אים. זיי האָבן אַפֿילו אײַנגעשטימט צו וווינען אין אַ ביליקן פּאַנסיאָן, אַבי די קאָסטן זאָלן זײַן מינימאַל. זיי זענען געווען ביידע מיט דאָקטאָר־טיטלען פֿון הומאַניסטישע וויסנשאַפֿטן — אַ ווידער־צונויפֿגעשטעלטע משפּחה־גאַנצקייט פֿון צוויי, אין חורבן האַלב־פֿאַרברענטע, אַ מאָל גליקלעכע משפּחות. וווּנדער־לעכע טעג זענען עס געווען ווען דאָס פּאָר איז געווען אין מאָנטרעאָל. אַזוי פֿיל פֿרײַנדשאַפֿט האָט פֿון ביידן געשטראַלט און אַזוי פֿיל שיינקייט. ד״ר דזשוניאַ פֿרידמאַן איז אויך אַ שרײַבערין, האָט אויפֿגעשריבן אין פּויליש זכרו־נות פֿון דער אַרישער זײַט.

גרויסע, גרעסטע מאָראַלישע גבֿורה איז געווען אין דעם, אַז אָט די איידעלע הענט, דורך וועלכע עס האָט זיך דורכגעשאָטן דאָס גאַנצע אַש פֿון די מיליאָנען פֿאַרברענטע בײַם באַאַרבעטן די גרעסטע ביבליאָגראַפֿיע פֿון דעם חורבן, זאָלן אויך אויפֿשרײַבן דאָס בוך „די שומרים פֿון זייערע ברידער״... (פֿאַראַפֿראַזע

פון דעם קין־וואָרט: השומר אחי אנכי?) אַ בוך, וואָס באַווײַזט מיט טויזנט און איינס דאָקומענטן, אַז דרײַ מאָל צוויי מיליאָנען זענען אומגעקומען דורך דער רישעות, אָבער אַ דריטל פון זעקס מיליאָנען איז פאָרט לעבן געבליבן דורך דער גוטסקייט, וואָס איז פאָרט נישט אין גאַנצן אויסגעשטאָרבן אין דעם מענטשלעכן מין אין אייראָפּע, ווען עס האָט דאָרט פון מיזרח ביז מערב און פון צפון ביז דרום אָפּגעקלונגען דער טראָט פון די טשוועקעס פון דעם נאַצי־שטיוול. מיט אָט דער גרויסער, גרעסטער מאָראַלישער גבורה זענען פיליפּ פרידמאַנס הענט געבענטשט געוואָרן, בשעת ער האָט אין ענגליש געשריבן דאָס בוך „דהעיר בראָדהערס קיפּערס" — די שומרים פון זייערע ברידער.

אַז עס וועט ערגעץ ווו, ערגעץ ווען צונויפגעשטעלט ווערן אַ המשך פון ספר־הספרים — וועלן זיך זײַנע לעצטע טיילן שטאַרק אָנשפּאַרן אין די צוויי הויפּטווערק פון פיליפּ פרידמאַן, זײַן ביבליאָגראַפיע פון חורבן און זײַן ווערק וועגן דעם דאָך טליִענדיקן פונק פון מענטשלעכקייט צווישן אַלע — יאָ, אַלע נישט־ייִדישע פעלקער אין די יאָרן פון דריטן חורבן. אַ היסטאָריקער מיט אַ פונק, און אפשר מער ווי אַ פונק, פון די לאַמעד־וואָוו...

צביון (ד"ר בן-ציון האָפמאַן)

געבוירן 1874 אין אַ דאָרף אין קורלאַנד. פון 1908 אין אַמעריקע. אַ סך אייראָפּעיִשע רייזעס. רייזעס איבערן אַמע־ריקאַנישן קאָנטינענט און אין נאָענטן מיזרח. געשטאָרבן 14טן אָקטאָבער 1954.

ער איז זייער אַ גוטמוטיקער — צביון — אָבער איך בין נישט אין גאַנצן זיכער צי ער איז אַ גוטער. ער אַליין ווערט זיך אַלע מאָל קעגן דעם און באַהויפּטעט, אַז ער איז נישט קיין גוטער און אַז עס איז גאָר נישטאָ אַזאַ זאַך אויף דער וועלט און מען דאַרף עס נישט. ער איז צו קלוג אויף צו זיין גוט. פון זיין פּנים קוקט אויף דיר מיט רחבות צביונס גוטמוטיקייט און קלוגשאַפט. ער בלאָזט נישט פון זיך, ער האָט אַ סך געדולדיקייט, ער הערט איינעם אויס זייער אויפמערקזאַם און אַז ער דאַרף אַריינזאָגן אונטער דער זיבעטער ריפּ אַריין, זאָגט ער עס מיט אַ שמייכל. אַזוי איז די ווירקונג אַ בעסערע און שטאַר־קערע און בכלל דאַרף אַ צילשיסער האָבן אַ רויִקע און אַ זיכערע האַנט.

צביון האָט אַלע מאָל אַ צעשמייכלט פּנים, קיין מאָל טוט ער דעם שמייכל פון פּנים נישט אויס, האָסט דעם איינדרוק, אַז ער קען עס גאָרנישט טון, ווייל נישט קיין אויסערלעכער שמייכל, נאָר אַן אינערלעכער זיצט אין אים און פּאָרמירט כּסדר דעם גרימאַס פון שמייכל אויפן פּנים אין דרויסן. צביון האָט אַ שטערן אין דריי דימענסיעס — הויך, ברייט און — טיף. נאָר וואָס שייך טיפ־קייט, איז עס אַ מין לייכטע טיפקייט. אַנדערש קען איך דאָס גאָר נישט באַצייי־כענען. עס איז אַ טיפקייט פון אַ טיפן ברונעם מיט זייער אַ לייכטן און גוט איינגעאָרדנטן אַפּאַראַט אַרויסצוציען דאָס וואַסער פון אינעווייניק. אַט רעדסטו מיט צביונען — און ווען וואָס דו זאָלסט ניט רעדן ווי אַ דילעטאַנט, איז ער אויפן זעלבן געביט אַ פאַכמאַן. און זאָגסטו עפּעס אַרויס אַ מיינונג, — צביון גיט שוין אַן עפן די טיף פון זיין שטערן, גיט שוין אַ לאָז אַריין דעם באַקאַנטן לייכטן עמער און האָט שוין אויף דער אייבערפלאַך וואָס ער דאַרף, גראָד פון די אוצרות פון זיין אַלזייטיקן וויסן.

נישטאָ קיין איין געביט כמעט, אויף וועלכן צביון זאָל נישט זיין קיין פאַכמאַן — ממש אַלע זיבן און זיבעציק וויסנשאַפטן, סיי יידישע און סיי נישט יידישע. און ער האָט זייער ליב אַז מען כאַפּט אים ביי גריזן כּדי צו קענען צוריקצוגעבן כּפליים. ער וועט זיך דאָך נישט נעמען סתם טשעפּען צו דיר. צוליב צוויי סיבות: ערשטנס האָט ער פיינט זיך צו פאַרטשעפּען און צווייטנס, אויב ער וועט אָנהייבן כאַפּן די וועלט ביי גריזן, איז דאָך אין לדבר סוף, וועט ער דאָך דאַרפן ווערן אַ גריזן־כאַפּער דאָס גאַנצע איבעריקע לעבן,

און דער עיקר אין דער סביבה פון ייִדישע זשורנאַליסטן צווישן וועלכע צביון איז איינער פון די סאַמע געבילדעטסטע. אָבער, אַז דו פאַרטשעפּעסט זיך מיט אים — איז וואָרט, וואָרט. ער וועט דיר באַלד אויפמישן מיט דער זעלבער בקיאות אַ בלאַט גמרא און אַ בלאַט קאַרל מאַרקס און וועט דיך מיט דײַן גאַנצן ביסל וויסן פאַרמישן און פאַרווישן.

צביון איז אַן אינדיווידואַליסט און האָט וועגן אַלץ אַן אייגענע מיינונג, אַפילו וועגן יענע זאַכן וועגן וועלכע ער האָט נישט קיין אייגענע מיינונג. ער האָט פֿײַנט זיך צו קהלן און האָט ליב, אַז מען לאָזט אים צו רו. נאָר אַז מען לאָזט אים דאָך נישט צו רו, האָט ער שוין דווקא ליב די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט און דאָס פאָרזיצערײַ. ער דיסציפּלינירט זיך נישט. אָפט מאַכט זיך, אַז ער איז אַ פאָרזיצער פון אַן אונטערנעמונג, פון וועלכער ער אַליין האַלט נישט, נו וועט ער עס אַרויסזאָגן אַלס פאָרזיצער. אָפט שיקט מען אים באַגריסן אַן אינסטיטוציע פון וועלכער ער האַלט נישט, קומט ער און ער רײַסט אַראָפּ, אָבער ער טוט עס מיט אַ שמייכל, איז מען נישט בייז, זאָגט מען: צביון — — און מען מאַכט שלום.

אַ מאָל בין איך געווען בײַ צביונען אין זײַן בראָנקסער היים. דאָרט האָב איך געזען ממש אַ גאַנץ שאַפקעלע מיט ביכער, וואָס צביון האָט אַליין אויפֿגעשריבן, אָדער רעדאַגירט, אָדער מיטרעדאַגירט. דאָ נישט לאַנג ערשט האָט ער רעדאַגירט דעם פּינסקער פּנקס. 1000 זײַטן. דערבײַ רעדאַגירט ער נאָך אַלערליי זשורנאַלן און שרײַבט גאַנצע בערג אין „פאָרווערטס״. רבנים פירן דאָ וויכוחים מיט אים וועגן עניני לומדות און סאָציאַליסטן וועגן עניני מאַרקס.

אַ מאָל, עס האָט געמוזט זײַן אַרום 1928, האָט צביון געענטפערט אויף מײַנעם אַן אַרטיקל וועגן זשורנאַליזם און אייביקייט. ער האָט זיך אָנגענומען די קריוודע פון די זשורנאַליסטן, וואָס זייער מזל איז צו פאַרגיין מיט דעם טאָג און לא די זייער מזל, האַלט זיך נאָך אַ ליאַדע פּאָעט וויכטיקער פון בעסטן זשורנאַליסט. אָבער ווי איבערראַשט בין איך געווען, ווען צביון האָט מיר אויפן זעלבן אַרטיקל, אין יאָר 1938, געענטפערט נאָך אַ מאָל... די זעלבע אַרגומענטן. ער האָט צופעליק דאָס שטיקל צײַטונג מיט מײַנע ווערטער פאַרלייגט און עס צוריקגעפונען אין צען יאָר אַרום. — — מיט דעם האָט ער ערשט געבראַכט אַ באַווײַז קעגן זײַן אָננעמען זיך פאַר דער קריוודע פון זשורנאַליזם, וואָס איז נישט נאָר פאַרמישפט פאַרגעסן צו ווערן דורכן לייענער, נאָר אַפילו דורכן מחבר אַליין.

צביון איז אַ געטרײַער בונדאָוויעץ — מיט גרויסע, אָפטע און שאַרפע זײַטן־שפרונגען — שוין זינט דעם טאָג ממש, וואָס די פאַרטיי איז געגרינדעט געוואָרן. קיין פאַרטיימענטש איז ער נישט און איך ווייס גאָר נישט צי איז ער אַ מאָל געווען אַ דיסציפּלינירטער פאַרטייער. די פאַרטיי־שילד דינט אים מער

פֿאַר דעפּענסיווע ווי פֿאַר אָפּענסיווע־צוועקן. דאָס איז אַפֿילו אַ שילד צו אײַ־נערלעכער פֿאַרטיידיקונג פֿאַר זיך אַליין, ווען די לומדות נעמט אין אים איבערהאַנט.

ווען צביון וואָלט געלעבט מיט אַ הונדערט יאָר פֿריִער וואָלט ער געהאַט אַ ברייטע, צעקעמטע, טונקל־בלאָנדע באָרד און ער וואָלט געווען אַ ראָש־ישיבה פֿון זײַן פּריסטער יוגנט אָן און מען וואָלט אים גערופֿן דער רבי רב בן־ציון און מען וואָלט פֿאַר אים יאָ מורא געהאַט און נישט מורא געהאַט, פּונקט אַזוי ווי הײַנט, נאָר הײַנט איז ער נישט קיין ראָש־ישיבה, נאָר כמעט אַלע מאָל דער ראש פֿון פּרץ־פֿאַראיין, דעם פֿאַראיין פֿון ייִדישע שרײַבערס אין אַמעריקע. מען זאָגט, אַז ער איז אַ רײַכער, צביון, און נאָר איין אַרגומענט איז דאָ קעגן דעם: דאָס וואָס ער איז נישט קיין קאַרגער בײַ געזעלשאַפֿטלעכע אַקציעס. אין דעם זינען איז ער אַן אויסנאַם צווישן ברידער.

קיין בלײַבנדיק בוך האָט זיך צביונען ביז איצט נישט געגלוסט אויפֿצו־שרײַבן, כאָטש, נאָך אַלע זאַכן, וואָס קען שוין זײַן אַ מער בלײַבנדיק בוך ווי אַן ערשטע זאָאָלאָגיע אָדער אַסטראָנאָמיע אין אונדזער מאַמע־לשון.

1943

סטעפאַן צווײַג

געבוירן נאָוועמבער 1881. באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין בראַזיל, פעברואַר 1942.

דאָס וואָס איך וועל דאָ דערציילן האָט שוין אייגנטלעך קיין שום שײַכות נישט מער מיט די הײַנטיקע טעג, מיט די טעג אין פעברואַר 1942, ווען עס איז געקומען די ידיעה וועגן דעם, אַז דער זעכציק־יאָריקער וועלט־באַרימטער שרײַבער סטעפאַן צווײַג איז צוזאַמען מיט זײַן 33־יאָריקער פרוי באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין דער הערלעכער בראַזיליאַנישער שטאָט פעטראָפּאָליס, זיכער איינע פון די שענסטע שטעט פון דער וועלט, זיכער איינער פון די שענסטע און דערפאָלגרײַכסטע שרײַבערס פון דער וועלט. דערפון איז געדרונגען, אַז גליק ברענגט נישט אַלע מאָל גליק, אַז גליק אָן אַ ראַם פון אַ גליקלעכער וועלט — דער עיקר בײַ מענטשן, וואָס לעבן אין דער וועלט און נישט בלויז מיט זיך ווי חיות — איז קיין גליק נישט, אַזוי ווי אינהאַלט אָן פאָרעם איז קיין אינהאַלט נישט, ווײַן אָן אַ גלאָז איז קיין ווײַן נישט, זון אָן אַ הימל איז קיין זון נישט.

דאָס וואָס איך וועל דאָ דערציילן איז זיכער אַ קוריאָז און דערצו אַ קוריאָז אָן שום באַדײַטונג, אַפילו פאַר דעם, וואָס דערציילט דאָס דאָ. נאָר אָט דער קוריאָז האָט געבראַכט אין מײַן זכרון יאָרן פון אַן אַנדער וועלט, פון דער וועלט פון איידער דעם ערשטן וועלטקריג. וווּנדערלעך — דער שרײַבער פון די שורות האָט דעמאָלט געלייגט די ערשטע ציגל צום בנין פון זײַן וועלט און ער האָט אַבסאָלוט נישט באַמערקט, אַז ער בויט אויף דעם וואַסערדיקן זאַמד פון אַמאָליקן עסטרײַך.

נאָר וואָס פאַר אַ שײַכות האָט דאָס פאָרט צו סטעפאַן צווײַג? אָט איז עס.

געווען איז עס אין יאָר 1913 און געווען איז עס אין ווין. ווין איז אַ שטאָט, וואָס האָט נאָר אַ פרילינג און אַ האַרבסט, קיין ווינטער און קיין זומער האָט די שטאָט נישט. אַ סך, אַ סך פרילינג און אַ סך, אַ סך האַרבסט און דאָס יאָר איז פאַרענדיקט. און סײַ פרילינג און סײַ האַרבסט זענען ליטעראַרישע צײַטן פון יאָר, דערפאַר איז אין ווין געווען אַזוי פיל ליטעראַטור. און אַזוי ווי עס איז געווען אַזוי פיל ליטעראַטור און די ייִדן זענען אַ פאָלק פון ליטעראַטור, דעריבער האָבן די ייִדן אין ווין, און באַזונדערס אין דער ווינער ליטעראַטור, געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע. דעמאָלט איז סטעפאַן צווײַג אַלט געווען 33 יאָר און האָט שוין געשפּילט אַ גאַנץ גרויסע ראָלע אין דער עסטרײַכישער ליטעראַטור. פון וואַנעט זײַן גרויסע ראָלע — האָט קיינער נישט געוווּסט, נאָר אַזוי איז דאָס געווען. ער איז געווען אומאַפּהענגיק ווײַל

ער האָט געשטאַמט פון זײער אַ רײַכער מישפּחה, און אַזױ װי געלט גײט צו געלט איז ער שױן דעמאָלט אױך געװען אַ גרױסער ליטעראַרישער פאַרדינער.

דעמאָלט איז געװען אין עסטרײַך אַ געזעץ, אַז פּערזאָנען, װאָס האָבן האָלבע גימנאַזיום־בילדונג און זענען שרײַבערס אָדער קינסטלערס קענען זײ געניסן פון דעם רעכט צו דינען נאָר אײן יאָר אין מיליטער. (אין עסטרײַך האָט מען נאָרמאַל געדינט דרײַ יאָר). אַזױ װי בײַ מיר האָבן בײדע זאַכן צוגעטראָפן: האַלבע מיטלשול־בילדונג, האַנדלשול און אַ שרײַבער, האָב איך דאָס רעכט געװאָלט אױסנוצן. איז אָבער מײַן שרײַבן געװען אין ייִדיש, ביכלעך אַרױסגעגעבן אין ייִדיש, האָב איך דעריבער געדאַרפט האָבן באַגלײבטע רעקאָמענדאַציע־בריװ. בין איך געגאַנגען צום ד״ר בערנאַרד װאַכשטײן — דער ייִװאָ פון װילנע האָט אים שפּעטער אַ סך כּבֿוד אָפּגעגעבן װי אַ ייִדישן פילאָלאָג — דעם קוסטאָס פון דער ביבליאָטעק פון דער װינער ייִדישער קהילה. האָט ער געהאַט אַ שטרענגע רױטלעכע נאָז, האָט געטראָגן זײער אַ הױכן און שטײַפן קראַגן, האָט געקוקט איבער די ברילן אַריבער, האָט געהאַט אַ קורצע, געשױרענע און שטעכיקע באָרד און בײנערדיקע הענט און האָט מיך זײער שלעכט אױפגענומען. האָט מיך נישט געלאָזט זיצן, האָט געקלאַפּט מיט מײַנע ביכלעך און רעצענזיעס אױפן טיש, האָט זײ געװאָרפן און עס האָט מיט אים געװאָרפן פאַר כּעס. מיר האָט זיך געדאַכט דעמאָלט, אַז ער האָט נישט נאָר זײער פײַנט ייִדיש, נאָר אַפילו ייִדן אױך, און ער האָט אָנגעשטעלט אױף מיר זײַנע אױגן פון הינטער די ברילן, אָנגעשפּיצט אױף מיר די יאָזשעס פון זײַן באָרד, אײַנגעקלעמט זײַן האַלדז אין זײַן שטײַפן אינ־קװיזיציע־קראַגן און מיט זײַן רױטלעך־בײזער נאָז האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער װעט מיר קײן שום רעקאָמענדאַציעס נישט געבן און אַז איך מעג דינען דרײַ יאָר אין מיליטער.

האָט מיר אַ פרײַנד, אַ דײַטש־ייִדישער יונגער שרײַבער, איבערגעזעצט אַ פּאָר לידער, פון אַ ביכל, אױף דײַטש און אַ פּאָר לידער פון מײַן נײַעם, ענטוזיאַסטישן ציקל לידער מיטן נאָמען „נאַפּאָלעאָן״ (אױך די חולאת פון נאַפּאָלעאָן־ענטוזיאַזם האָב איך אַ מאָל מיטגעמאַכט) און איך בין אַװעק צו סטעפאַן צװײַגן. דער דינער האָט מיך געמעלדעט און סטעפאַן צװײַג האָט מיך באַלד אױפגענומען. דאָס צימער איז געװען פול מיט פליוש און װינער װײכקײט, װינער העפלעכקײט, שװאַרץ־גלאַנציק די האָר פון יונגן צװײַג, סאַמעט־שװאַרץ די אױגן, מעלאַדיע אין דער שטים, מיטגעפיל אין גאַנצן װעזן. נישט נאָר װיל ער מיר העלפן, ער מוז מיר העלפן און שױן באַלד. ער לײענט די פּאָר איבערזעצונגען און איז פול מיט ענטוזיאַזם, ער ראָט מיר, אױב דאָס איז נישט אַ פּרינציפּ בײַ מיר, זאָל איך בכלל אָנהײבן שרײַבן דײַטש, ער גיט

אַ קלאַטש אין די װײַסע הענט, װי אַ כּישוף באַװײַזט זיך פֿון הינטער אײנעם פֿון די פֿליוש־פֿאָרהאַנגען אַ שלאַנקע סעקרעטאַרין, ער רוימט איר אײַן אין אויער אַ פּאָר װערטער, זי סטענאָגראַפֿירט און אין אַ פּאָר מינוט קומט זי װידער מיט אַ בריװ אויף דעם שײנעם בריװפּאַפּיר סטעפֿאַן צװײַגס און דערלאַנגט אים אַ פֿעדער מיט פּיאַלעטער טינט און ער שרײַבט אונטער מיט זײַן געטאַקטער אונטערשריפֿט. עס איז נישט געװען קײן בריװ, עס איז געװען אַ לױבגעזאַנג אויף דעם יונגן דיכטער מ. ר. אַדרעסירט צום עסטרײַכישן קריגס־מיניסטעריום, װאָס האָט געהאַט צו אַנטשײדן װעגן די זאַכן פֿון אײן, אָדער דרײַ יאָר דינען אין דעם פֿאַל מײנעם. און אויב עס איז ערגעץ דאָ אַן אַרכיװ אין עסטרײַכישן קריגס־מיניסטעריום פֿון יאָר 1913 — ליגט דאָרט אַ בריװ פֿון סטעפֿאַן צװײַג װעגן די... לידער פֿון דעם ייִדישן פּאָעט מ. ר. נו, איז עס נישט אַ קוריאָז פֿון קוריאָזן?

אַ מאָל אין װין, אַ מאָל אין לאָנדאָן האָב איך אין פֿאַרלויף פֿון די יאָרן באַגעגנט סטעפֿאַן צװײַגן, אַלע מאָל אים דערמאָנט יענעם בריװ, ער האָט זיך קוים, קוים דערמאָנט, ער האָט אַ סך אַזעלכע בריװ געשריבן, ער האָט זיך אויף דעם אופֿן אין טויזנטער, טויזנטער הערצער אײַנגעקריצט. אַזױ דורך זײַנע װערק, אַזױ אין זײַן לעבן, האָט ער גערעדט נאָר דירעקט, פֿון מענטש צו מענטש.

לייזער צוקער

געבוירן אין יאָר 1887 אין שטעטל סטאָק, בײַ וואַרשע. אין יאָר 1905 געקומען קיין קאַנאַדע. געשטאָרבן 19טן מאַרץ 1965.

ווען עמעץ וואָלט מיך געפרעגט אַט אַזוי: קענסטו מיר מיט אַן איין און איינציק וואָרט באַצייכענען דעם כאַראַקטער פון דעם ייִד לייזער צוקער, וואָס האָט זעכציק יאָר געוווינט אין דער שטאָט מאָנטרעאָל און איז דאָ געווען ייִדיש־געזעלשאַפטלעך טעטיק אָט אַ די גאַנצע צײַט? נישט טראַכטנדיק לאַנג וואָלט איך געענטפערט: דאָס וואָרט איז „איידלקייט".

פון וואַנעט עס האָט זיך פונקט צו דעם ייִדן, דעם בן־קאָוואַל פון שטעטל סטאָק בײַ וואַרשע גענומען אָט די איידלקייט, דער אידעאַליזם, דער טאַקט, די לעבנס־חכמה, די סבלנות, די מענטשלעכע גוטסקייט — און דווקא נישט הפקרדיק אומבאַגרענעצט, נאָר מיט אַ מאָס, — די טאָלעראַנץ, כאָטש אַליין איז ער געווען אַ שטרענגער פּאַרטיימענטש, אַ פּועלי־ציון, כּמעט נאָך איידער בער באָראָכאָוו אַפילו — אָט דאָס איז אַ סוד פון כּביכולס קונציע פון מענטשלעכע כאַראַקטערן אין הימל. דאָס וואָרט „קונציע" איז אונדז געקומען אונטער די פינגער נישט צופעליק. איך האָב עס שוין פריִער דערמאָנט און וויל עס נאָך אַ מאָל דערמאָנען: לייזער צוקערס טאַטע איז געווען אַ קאָוואַל, אַ שמיד. און ייִדישע שמידן זענען געווען אַ שבט פאַר זיך, אַ נשמהדיקער שבט בײַ דער גשמיותדיקסטער, ביטערער פּרנסה. אַ קאָוואַל האָבן אַלע ליב געהאַט, ווײַל אָן אים איז קיין אַקער־אײַזן און קיין בראָנע נישט געווען, קיין ראָד האָט זיך נישט געקענט דרייען, קיין פערד האָט נישט געקענט לויפן אָן זײַנע פּאָד־קאָוועס. און אַז אַלע האָבן ליב געהאַט דעם קאָוואַל — האָט שוין ממילא דער קאָוואַל ליב געהאַט אַלעמען. אָט דאָרט איז אפשר צו זוכן דעם סוד פון צוקערס כאַראַקטער.

אַ בלאָנדער ייִד, אַ פעסט־געבויטער, אַ הויכלעכער, איז קיין מאָל נישט גרויס געוואָרן, האָט אַלע מאָל אויסגעזען צוואַנציק יאָר ייִנגער ווי ער איז געווען, אַזוי האָב איך אים געקענט פון ערשטן טאָג אָן, ווען איך בין געקומען קיין מאָנטרעאָל אין מאַרץ 1941. פון דער פּראָפעסיע איז ער געווען אַן אַסע־קוראַציע־אַגענט, אויפגעכאָוועט אַ מישפּחה פון פינף קינדער, מסתּמא די פּרנסה גוט אין זינען געהאַט, ווײַל אין זײַן היים האָט געהערשט אַ מוסטער־האַפטער שלום־בית, און פאַרט האָט ער באַוויזן צו זײַן אַקטיוו אין אפשר אַ טוץ געזעלשאַפטלעכע ייִדישע אינסטיטוציעס און קיין מאָל קיין זיצונג נישט פאַרפעלט. דאָ איז ער געווען אַ פּרעזידענט, דאָ אַ פאַרזיצער און

דאָרט אַ פּאַרוואַלטונגס־מיטגליד. מער ווי ווו נישט איז ער אַקטיוו געווען אין דער פּרץ־שול, דער ערשטער וועלטלעכער ייִדישער פֿאָלקסשול אויף דעם אַמעריקאַנישן קאָנטינענט. ער איז אַזוי אײַנטעגרירט און אידענטיפֿיצירט געווען מיט אָט דער שול, אַז ווייניק באַהאַוונטע ייִדן האָבן געמיינט, אַז דאָס איז ער טאַקע פּרץ... אַז די פּרץ־שול האָט אין יאָר 1959 אויפֿגעבויט אַ נײַעם גרויסן שול־בנין איז עס נאָר געווען נאַטירלעך, אַז מען זאָל דעם בנין אָנרופֿן: לייזער צוקער־בנין. אַ מאָנומענט בײַם לעבן. אָבער קיינער האָט קיין טענה נישט געהאַט, ווײַל צוקער איז אויף אַן אמת נישט געווען קיין רודף כּבֿוד — האָט טאַקע דער כּבֿוד זיך נאָך אים געיאָגט.

אַז די ייִדישע פֿאָלקס־ביבליאָטעק אין מאָנטרעאָל האָט געגרינדעט אַ פֿאָלקס־אוניווערסיטעט, איז לייזער צוקער פֿון איין זײַט געוואָרן דער פֿאָר־זיצער פֿון דעם ספּעציעלן קאָמיטעט, אָבער אין דער זעלבער צײַט אַ פּינקט־לעכער תּלמיד אויף עטלעכע קורסן. אַלץ הייסט פּינקטלעך. ער האָט קיין מאָל קיין לעקציע ניט דורכגעלאָזן. איך בין אַ גוטער עדות — איך האָב טאַקע פֿון צוקערס האַנט באַקומען דעם פּאָסטן צו אָרגאַניזירן דעם דאָזיקן „ייִפֿא” — ייִדישן פֿאָלקס־אוניווערסיטעט. אַוודאַי דאַרף יעדער געזעלשאַפֿטלעכער עסקן קענען אין זײַן געזעלשאַפֿט זײַן גלײַכצײַטיק אַ פּשוטער מיטגליד און אויך אַפֿילו אַ פּרעזידענט, אויב מען קלויבט אים אויס. אָבער נאָר איינער פֿון טויזנט קען דאָס. צוקער האָט עס געקענט און אומדערמידלעך פּראַקטיצירט אפֿשר גאַנצע זעכציק יאָר.

נישט קיין רודף כּבֿוד, איז ער אָבער יאָ געווען אַ רודף שלום אין די אַלע געזעלשאַפֿטן, בעיקר קולטורעלע, צו וועלכע ער האָט באַלאַנגט. אַ ייִדישע שטאָט האָט ממש צו אים אַרויפֿגעקוקט, זיך צוגעהערט צו זײַן אַלע מאָל טאַקטיש און באַדאַכט און פּשוט און איידל וואָרט. איידל און געדולדיק האָט ער געטראָגן די יסורים פֿון זײַן לאַנגזאַמען, שריט בײַ שריט, זיך געזעגענען מיט אָט דעם עמק־הבכא.

איז מען אים געקומען מבקר־חולה זײַן, האָט ער קיין מאָל ניט גערעדט וועגן זײַן קרענק. און נאָר די גוטמוטיקע אויגן האָבן געקוקט מיט אַ שאלה, אָבער נישט טענה, צו גאָט: פֿאַר וואָס קומען גראָד אים אַזוי פֿיל יסורים? טויזנטער האָבן אים באַגלייט צו זײַן לעצטער רו.

אַ דוגמה לדורות פֿון אַ קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן ייִדישן עסקן אויף דעם אַמעריקאַנישן קאָנטינענט. אַ נאָמען, וואָס דאַרף צווישן ייִדן נישט פֿאַרגעסן ווערן, כאָטש ער האָט קיין ירושה אין ווערטער נישט איבערגעלאָזן: לייזער צוקער.

1965

א. ב. צעראַטאַ

געבוירן אין ראַדאָמסק, פּוילן, אין יאָר 1900. 1918 — ווין, 1937 — פּאַריז, 1961 זיך באַזעצט אין מדינת־ישראל, צפת. געשטאָרבן דעם 4טן מאַרץ 1963.

זײַ זענען דאָ אין יעדער קולטורעלער סביבה — די דאָזיקע קינסטלערישע מענטשן, וואָס זענען צוליב עפּעס אַ טעכנישן צופאַל פון דער נאַטור אַליין ניט שעפעריש. זיי זענען פול מיט ליטעראַטור, אָטעמען, לעבן, לעבן זיך אויס מיט ליטעראַטור, נאָר אַליין שרײַבן זיי אָדער בכלל נישט, אָדער קוים עפּעס וואָס. זיי זענען פול מיט בילדער. חלומען וועגן בילדער, לעבן זיך אויס מיט בילדער, פאַרשטייען זיי אָפט בעסער ווי די קינסטלערס אַליין — נאָר אַליין מאָלן זיי נישט. זיי חברן זיך מיט דיכטערס, מאָלערס, קינסטלערס בכלל — און קינסטלערס חברן זיך מיט זיי, חלשן צו הערן אַ גוט וואָרט פון זיי וועגן זייער שרײַבן, וועגן זייער מאָלן. זיי זענען עס דער פאַרבינדונגס־רינג צווישן דעם שעפער און דעם געניסער פון אַלערליי קונסטן פון די טעכטער פון זעוס, די מוזעס. זיי זענען די שאַטנס פון די קינסטלערס, אָבער נישט קיין גרויע שאַטנס — ווי דאָס איז די נאַטור פון שאַטנס — נײַערט זיי זענען פאַרביקע שאַטנס, קלאַנגיקע שאַטנס, לעבעדיקע שאַטנס, שאַטנס וואָס קענען ליב האָבן.

און א. ב. צעראַטאַ איז געווען אַזאַ איינער.

איך האָב אים געקענט אין ווין, ווען ער איז נאָך געווען אַ געהילף־זעצער אין אַ יידישער דרוקערײַ, באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מילחמה, שפּעטער אים אַ סך מאָל באַגעגנט אין פּאַריז. אַ מיטל־הויכער, שאַרפלעכע פּנים־שטריכן, סעמיטיש? ניין — גיכער הינדאָרוסיש־אַריש. זײַן פּנים שמייכלט אייביק, אַ מאָל מיט ליבשאַפט, אַ מאָל איראָניש, אַ מאָל מיט כּעס. ער קען אַ סך שווײַגן, אַ סך אָבסערווירן, אָן אַ שיעור וואַרטן ביז עס קומט זײַן ריי צום רעדן, צו דערנענטערן זיך פּנים־אל־פּנים צו דעם מאָלער, אָדער שרײַבער, וואָס ער האָט ליב. און ליב האָט ער נאָר די געקליבענע לויט זײַן געשמאַק. ער איז אַ פיזישער אַרבעטער, אַ לינאָטיפּיסט, אַ זעצער, אַ מעטראָנפּאַזש, ער אַרבעט לרוב בײַ נאַכט, אָבער ער האָט אַלע מאָל צײַט צו באַגלייטן זײַן חבר־קינסטלער. ער טוט אַלץ פאַר יענעם, ער איז אָבער נישט סערוויל, ער באַדינט נישט, ער טוט מעשׂה חבר. ער העלפט.

אין פּאַריז. 1950, שפּעטער 1956. איך וווין אין אַ קליינעם האָטעל. האָב אַ פּלאַן הײַנט צו באַזוכן דעם לוווּר. גיי אַרויס פון צימער. הייב אָן צו פרעגן ווי אַזוי צו גיין אין מוזיי. פּלוצלינג וואַקסט אויס נעבן מיר אַ שמייכלדיק

פּנים, פראַנצייזישער בערעט זײַטיק אויפן קאָפּ אָנגעטאָן — צעראַטאַ. — קומט ראַוויטש, קומט רחל, איך װעל אײַך פירן. — אָבער װי זענט איר דאָ פּלוצלינג אויסגעוואַקסן ? — איך האָב נעכטן צופּעליק געהערט, אַז איר װילט גיין אין לוװר. — — און אַזוי כמעט יעדן טאָג. זיי האָבן אויך עפּעס אַ געהיימע קראַפט צו מולטיפּליצירן זייער צײַט, אָט די װוּנדערלעכע שאָטנס. אפשר דערפאַר פאַרבינדן זיי זיך נישט מיט פאַמיליעס. זייערע קינסטלער׳ס זענען זייערע ברידער און שוועסטער און קינדער.

אין די שווערע, ערשטע היטלער־יאָרן אין װין, װען מען האָט געדאַרפט אַרויסראַטעװען פון דאָרט עטלעכע ייִדישע שרײַבערס איז שוין צעראַטאַ געװעזן אין פאַריז און אַלץ געטאָן אויף צו ראַטעװען. און ער האָט טאַקע געראַטעוועט. קיינער האָט אים נישט געבעטן דאָס צו טאָן. נאָר זײַן געוויסן. צענדליקער בריוו אין מײַן אַרכיוו זאָגן עדות פון דער דאָזיקער טעטיקייט צעראַטאָס.

כּדי צו טאָן אויך עפּעס ממשותדיקס — האָט צעראַטאַ, סײַ אין װין, סײַ אין פאַריז אַרויסגעגעבן אַ ריי ייִדישע ביכער. אויסגאַבעס — מוסטערן פון דרוק־גראַפישן קינסטלערישן געשמאַק. אָבער צעראַטאָס לעבנס־אידעאַל איז געװען צו שאַפן אַ דרוק־גראַפישן מוזיי — בעיקר ייִדישע גראַפיק — און אים אויפצושטעלן אין מדינת־ישׂראל. און ער האָט דערגרייכט און האָט דעם מוזיי אויפגעשטעלט אין צפת, װוּ עס האָבן זיך געדרוקט די ערשטע ספרים בײַ ייִדן דורך ייִדן, מיט הונדערטער יאָרן צוריק.

צעראַטאַ האָט געהאַט אַן אייגנאַרטיקע שריפט. לענגלעכע, גלײַכע אותיות, געשריבן מיט דער געדולד פון אַ בין. זײַנע בריוו האָבן אויסגעזען װי שורות מיט מיניאַטורע שטאַכעטלעך־פּלויטן. ער פלעגט אין די בריוו, 8—12 זײַטנדיקע, פאַדראַבנע דערציילן אַן איבערלעבונג, דאָס זענען געװען קליינע דערציילונגען אין דער ערשטער פּערזאָן. אין אָט די בריוו האָט זיך אויסגעלעבט צעראַטאָס בענקשאַפט אַליין צו זײַן אַ שרײַבער. דורך אָט די בריוו האָט ער אויף אַ קונ־ציקן אופן פאַרװאַנדלט זײַן באַליבטן שרײַבער אין זײַנעם אַ לייענער... און נאָך עפּעס אייגנאַרטיקס האָבן די בריוו געהאַט. זיי זענען געװען אילוסטרירט. אַ מאָל מיט גרויסע איניציאַלן, צונויפגעשטעלטע פון פאַרביקע קלעפּ־פּאַפּירן און אַלע מאָל מיט אַ טיפּ, אַ לאַנדשאַפט, אַ חיה, אַ ביימל, א הויז, װאָס האָט אַ שײַכות צו דער דערציילטער מעשׂה. דורך אָט די אילוסטראַציעס האָט זיך אויסגעלעבט אַ. ב. צעראַטאָס בענקשאַפט און — אפשר אַ חלום — אַליין צו זײַן אַ מאָלער. און טאָמער האָט ער אַזאַ בריוו געשריבן צו זײַנעם אַ באַליבטן קינסטלער — האָט ער אויף דעם װעג, אויף אַ קונציקן אופן, פאַר־װאַנדלט זײַן באַליבטן מאָלער אין אַן אָנקוקער פון זײַנס, צעראַטאָס אַ בילד...

עס ליגט איצט אויף מײַן טיש צעראַטאָס לעצטער בריוו — אין בריוו

באַשריַיבט ער אַ מעשׂה־נוראָ פון אַ נס מיט אַ ציגעלע, וואָס האָט זיך נישט געוואָלט לאָזן שעכטן — די מעשׂה האָט צעראַטאַ געהערט אין מירון, ווו ער האָט פאַרבראַכט ל״ג־בעומר ה׳תשכ״ב. איז די גאַנצע מעשׂה גאָלד־מיט־זילבער פון קבלה־פאָלקלאָר און גאָר וווּנדערלעך די אילוסטראַציע — דאָס ציגעלע מיט אַ הימל־בלויער פעל...

מיט וואָס האָב איך געקענט ענטפערן אויף אַזאַ מאָדנעם בריוו אויף אַכט זיַיטן געדיכט באַשריבן מיט שורות־שטאַכעטלעך פון יִדישע אותיות צונויפ־געקלאָפּט... האָב איך דעמאָלט פאַרפאַסט אַן ענטפער אין גראַמען. שן תחת שן — קונסט פאַר קונסט...

צו אַלע זיַינע מאָדנע געגנג האָט צעראַטאַ געהאַט אויך אַ טבע לאַנג צו לאָזן ליגן אַ בריוו און ענטפערן פלוצלינג מיט אַ לאַנג געשריפטס. אפשר האָט ער שוין אויסגעפּלאַנירט זיַין אילוסטרירטע ענטפער־מעשׂה אויף מיַין געגראַמטן בריוו — האָט אים דער מלאך־המוות געכאַפּט ביַי דער האַנט און אַ ציִ געטאָן צו זיך.

געקומען צו קבר־ישׂראל אין דער מקובלים־שטאָט צפת. ווו דען דאַרף אייביק רוען אַזאַ פאַרביק־קלאַנגיקער שאָטן פון אַ סך יִדישע קינסטלערס און דיכטערס? קינסטלעריש געלעבט און קינסטלעריש געשטאָרבן. איך בין זיכער, אַז אויך נאָך דער פּטירה האָט דער פאַרליבטער און איראָנישער שמייכל נישט פאַרלאָזט א. ב. צעראַטאַס פּנים — איך בין זיכער, אַז מיט אָט דעם שמייכל וועט ער זיך וויַיזן פאַר גאָט און פאַר זיַינע באַליבטע מאָלערס און דיכטערס, וואָס וועלן אים אָפּוואַרטן אין אייביקן קינסטלערקלוב.

1963

לעאָן קאָברין

געבוירן 1872 אין וויטעבסק. זינט 1892 אין אַמעריקע.
געשטאָרבן 31סטן מאַרץ 1946.

אַז איך בין נאָך גאַנץ יונג געווען און די ייִדישע ליטעראַטור — און דער עיקר דער אַמעריקאַנישער צווײַג פון דער ייִדישער ליטעראַטור — האָבן נאָך אומקלאָר געזינגעלט פאַר מײַנע אויגן און איך האָב מיך נאָך זייער ווייניק אָריענטירט און פונאַנדערגעקליבן אין דעם, האָבן די דרײַ נעמען: גאָרדין, קאָברין, ליבין געקלונגען ווי איין נאָמען. איין נאָמען, וואָס ווי ער זאָל זיך נישט אָנהייבן, וועט ער זיך ענדיקן אויף „אין". עפּעס אַזוי ווי בײַ אַ מערב־אייראָפּעער פלעגן זיך אַלע רוסישע נעמען ענדיקן אויף „אָוו", אַלע פּוילישע אויף „סקי" און אַלע סערבישע אויף „איטש". מער ווי אַלץ איז דער דאָזיקער נישט קלאָרער „אין" געווען דער מחבר פון אַלע ייִדישע דראַמעס, וואָס זענען געקומען פון אַמעריקע. און נישט נאָר איז דער מחבר געווען אָט פּונקט אַזוי ווי איינער, נאָר זײַנע דראַמעס זענען אויך געווען עפּעס אַזוי ווי איינע. אין יעדער דראַמע עפּעס אַזוי ווי איינע און די זעלבע אינטריגע און איינע און די זעלבע פּראָבלעמען און איינע און די זעלבע סופן. אָבער אין פאַרלויף פון די יאָרן האָט זיך דאָס אַלץ אויסגעקלאָרעוועט אַזוי ווי אַ שטעטל, וואָס מען האָט פריִער געזען אויפן האָריזאָנט, באַקומט דײַטלעכע קאָנטורן און צום סוף צעטיילט זיך עס אויף באַזונדערע גאַסן און הײַזער, אַז מען קומט צו נענטער.

פאַר וואָס אַ ייִדישער שרײַבער דאַרף הייסן מיט אַ נישט־ייִדישן פאַר־נאָמען האָב איך קיין מאָל נישט געקענט פאַרשטיין. אָבער אַזוי איז דער מינהג אין אַמעריקע. און דער מינהג איז כאַראַקטעריסטיש — נישט פאַר אַלע ייִדישע שרײַבערס, אַפילו אין אַמעריקע. אַז קאָברין האָט אָנגעהויבן שרײַבן ייִדיש האָט דאָך נאָך פּרץ אויך געהייסן לעאָן פּרץ... און עס איז גרײַלעך מעגלעך, אַז דאָס האָט אים — קאָברינען — אויך מתּיר געווען זיך צו רופן לעאָן. אָבער כאַראַקטעריסטיש בלײַבט עס.

קאָברין איז אַזאַ פּראָדוקטיווער שרײַבער, אַז איך ווייס נישט צי וואָלט עס מעגלעך געווען אַרײַנצושפּאַרן אַלע זײַנע ווערק אין אַ הונדערט בענד. אַז מען הייבט אָן שרײַבן אין דער יוגנט און מען שרײַבט כסדר און מען לעבט אַריבער די זיבעציק, איז דאָס נאָר אַ מאַטעמאַטישע זאַך. אַפילו ווען מען שרײַבט אויף בלויז צוויי בוכבלעטלעך אַ טאָג קען מען אָנפילן די הענדערט בענד. מכּל־שכּן, אַז מען שרײַבט דראַמעס, און דראַמעס איז דאָך קײַ און שפּײַ, האָט ער געזאָגט, האָט זי געזאָגט, קען מען שוין אָנפילן אַפילו

הונדערט און פופציק בענד. און גאָר מכּל־שכּן אויב מען האָט אַ פרוי, וואָס איז אַליין אויך אַ שרײַבערין, און וואָס העלפט אײנעם צו, אַזוי ווי אין דעם פאַל פון לעאָן קאָברין און זײַן פרוי פּאַולינע. פּאַולינע ווי אַ שרײַבער־פרוי איז אַגב טראַדיציע אין ייִדיש: פּאַולינע גאָלדפאַדען, פּאַולינע פרילוצקי.

איך האָב קאָברינס פּנים, נאַטירלעך, געקענט פון בילדער. ווי דען אַנדערש. נאָר איין מאָל האָב איך אין ניו־יאָרקער ליטעראַרישן „ראָיאַל"־קאַפע געזען שעהען לאַנג זיצן בײַ אַ טישל אַ מאַן אײנעם אַליין. אַ הויכער און אַ פעסט־געבויטער, אָבער די פּנים־שטריכן שאַרף־דינע. אַ לענגלעך פּנים, עטלעכע האָר אויפן גלאַטן קאָפּ, זייער שאַרף און מיט אַ גרויסן פאַרוואָרף פאַרקעמט. מיט וועלכן רעכט האָבן אַלע מענטשן טשופּרינעס און איך — — בײזלעכע אויגן, און אַ בײזלעכער גרימאַס אַרום מויל. און ער זיצט פּונקט אין דער מיט פון קאַפע, אויף דער גרענעץ פון דער ליניע, וווּ עס זיצן פון איין זײַט די אַקטיאָרן און פון דער אַנדערער זײַט די שרײַבערס און זשורנאַליסטן. זיצט ער צופעליק פּונקט אין מיטן? איז דאָס סימבאָל? שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז סימבאָל. ער באַלאַנגט צו די דאָזיקע בײדע וועלטן און ער איז שוין יאָרן לאַנג ברוגז מיט בײדע. זיצט ער אויף דער גרענעץ און באַגריסט זיך דאָ אויף רעכטס און דאָ אויף לינקס מיט אַ בײזן שאָקל פון קאָפּ: טשעפּע־זיך־אָפּ, זאָלסט נישט סמייען צוצוגיין... אָבער אין טיפן האַרץ פאַרדריסט עס אים.. חברים זענען געווען איבערראַשט, אַז איך האָב זײ געפרעגט ווער דאָס איז, דער דאָזיקער שטײַפער אַלטער. אַ מענטש, וואָס קען נישט לעאָן קאָברינען? —

מיר האָבן זיך באַקענט און קאָברין האָט מיך זייער בײז אײַנגעלאַדן צו קומען צו אים. געגעבן מיר זײַן אַדרעס אין ברוקלין — ער וווינט אין אַן אייגענעם שטיבל, אַ ביסל אַלטפרענקיש, מיט אַ שטאָק און טרעפּ אינעווייניק אין הויז. צו דער סעקונדע בין איך געקומען און צו דער זעלבער סעקונדע האָט קאָברין — אַן אולטראַ־אַקטיווער מענטש איז אַלע מאָל אַן עגאָצענטריקער — אָנגעהויבן פונאַנדערצוּוויקלען פופציק יאָר ייִדיש קולטור־לעבן אין אַמע־ריקע מיט לעאָן קאָברינען אַלס צענטראַלן פּונקט. דאָס האָט געמוזט זײַן אין טיפן האַרבסט 1939. פאַרצייכנט האָב איך נישט. און עס איז מיר אַ שאָד. ווײַל איך בין געווען פאַרכאַפּט פון ערשטן וואָרט אָן. קאָברין האָט אַ טבע צו פאַרכאַפּן, אַזוי אין די ראָמאַנען. דערציילונגען, דראַמעס. אפשר האָט אים די טבע אַליין פאַרכאַפּט און אָפּט פאַרטראָגן אין נישט־ליטעראַרישע געביטן... טאַטע, כ'האָב געכאַפּט אַ קאָזאַק...

קאָברינס ביאָבליאָגראַפיע האָב איך אַ ביסל געקענט און בכלל בין איך נישט קיין מענטש פון וווּנדערן זיך, נאָר קאָברין האָט, ווײַזט אויס, אויף מײַן פּנים דערזען אַן אויסדרוק פון פאַרוווּנדערונג און ער האָט עס פאַרביטן מיט... חשד. גיט ער מיך שוין אַ צי, אָבער טאַקע בוכשטעבלעך, — אולטראַ־

אַקטיווע מענטשן זענען אַזוי, — אויפֿן עטאַזש אַרויף, גיט שוין אַ זוך צווישן די גרויסע, אַלטמאָדישע באַפּענצטערטע רוקטירן־שאַפֿעס פֿון זײַן היפּשער ביבליאָטעק און אַרכיוו און באַווײַזט מיר שוואַרץ אויף ווײַס, אַז ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געשריבן אַ ליטעראַרישע אָפּשאַצונג וועגן מאָריס ראָזענפֿעלדן. איך וויל מיך פֿאַרטיפֿן אין לייענען, אָבער די דערינערונגען נעמען איבערהאַנט איבערן אַלטן לייב פֿון ייִדישער דראַמע אין אַמעריקע און אַמע־ריקע אין ייִדישן פּאָפּולערן ראָמאַן און ער רײַסט מיר אַרויס איין פּאַפּיר פֿון האַנט און וואַרפֿט אַרײַן אַן אַנדערס, און אָט איז ער, און ער איז אויף אַ סך געביטן דער ערשטער. דער ערשטער ייִדישער שרײַבער, איבערגעזעצט אין ענגליש, דער ערשטער דאָ און דער ערשטער דאָרט. און אַלץ שוואַרץ אויף ווײַס. און וואָס זאָג איך — שנעק — דערצו? וואָס ווייס איך ווו דער אמת איז... און ער וויקלט פֿונאַנדער אַ צעטל מיט טענות וואָס גייען איבער אַ סך לענדער און אַ סך יאָרצענדליקער. און אַזוי איז געוואָרן זייגער עלף. די פֿרוי פּאַולינע האָט דערמאָנט לעאָנען, אַז דאָס איז די צײַט פֿון אַ נאַכטשפּאַציר פֿאַרן שלאָפֿן גיין. איך האָב מיך אַ טראַכט געטאָן: אײַנגעלאַדן און אויסגע־לאַדן מיט דעם זעלבן שאַרפֿן טאָן. געכאַפּט הוט און מאַנטל און שווײַגנדיק זענען מיר געגאַנגען איבער די שטיל געוואָרענע ברוקלינער גאַסן און אין קאָפּ האָט גערוישט אַ מיל פֿון 50 יאָר ייִדיש אין אַמעריקע.

1943

אב. קאַהאַן

געבוירן 1860 אין פּאָדבערעזע בײַ ווילנע. אין ניו־יאָרק פון 1882. זינט 1902 שעף־רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס". צאָל־רײַכע רײַזעס איבער גאַנץ אייראָפּע און ארץ־ישראל. גע־שטאָרבן 31סטן אויגוסט 1951.

נישט צופעליק האָט די געשיכטע פון ידישן אַמעריקע אַרויפגעטראָגן אב. קאַהאַנען — זײַן פּולער ערשטער נאָמען: אַברהם — צו רײַטן אויף די העכסטע און שוימיקסטע כוואַליעס פון איר שטענדיקן צופלוס. ער האָט דערצו גע־שטרעבט. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ גליענדיקער אַמביציע. זיבעציק יאָר ידיש לעבן אין אַמעריקע האָט ער מיטגעמאַכט און טיילווײַז אויך אַליין געמאַכט. ער וואָלט אַפילו אַלץ אַליין געמאַכט — אַמביציע איז געווען גענוג — נאָר עס האָבן אויך אַנדערע כּוחות געווירקט אין אַמעריקאַנישן ידנטום. קאַהאַן איז געקומען קיין אַמעריקע, ווען עס זענען דאָרט געווען אַרום 400 טויזנט ידן בסך־הכּל; ער איז אַוועק, ווען די צאָל איז געשטיגן ביז פינף מיליאָן. און עס איז געווען אַ כּסדרדיקער צושטראָם צוליב אַלערליי שטור־רעמס אין גאָר דער וועלט.

אָבער מיר שרײַבן דאָ נישט קיין שטודיע — נײַערט אַ פּענפּאָרטרעט אין אונדזער אינטימער סעריע פון געשטאַלטן, פּערזענלעך באַגעגנטע.

דאָס איז געווען אין יאָר 1910, אין לעמבערג, אין קאַפע „אבאַציאַ", וווּ עס פלעגן קומען אַרטיסטן און שרײַבערס. און איך האָב שוין דעמאָלט, מיט מײַנע זיבעצן יאָר, געהאַט געדרוקט אַ פּאָר לידער און אַרטיקלען. און עס איז געווען טיף, טיף אין דער „וועלט פון נעכטן". פראַנץ־יאָזעף, דער קייזער פון די גאַליציאַנער ידן, איז געזעסן פעסט אויף זײַן טראָן, און מער ווי ליטעראַטור איז אַ יוגנטלעכן אָנפאַנגער נישט אָנגעגאַנגען. די וועלט האָט נאָך געשמעקט מיט דער ראָמאַנטישער מתיקות פון נײַנצנטן יאָרהונדערט אין אייראָפּע. זיץ איך אַזוי מיט מײַן יוגנטפרײַנד, דעם איצטיקן באַרימטן פּראָ־זאַיקער א. מ. פוקס אין דערמאָנטן קאַפע און אויף אונדזער טישל: לידער און דערציילונגען. און אין דער טיר באַווײַזט זיך אַ הויכער מאַן מיט אַ כאַראַקטעריסטישן אַמעריקאַנער קאַפעלוש פון יענער צײַט, אַ שטרענג, הער־שעריש פּנים, שטעכיקע וואָנצעס, דורכשטעכנדיקע בליקן אין די גלאָנציקע ברילן. ער טוט נישט אויס דעם הוט, ווי עס איז די ווינער מאָדע, ער לייגט נישט אַוועק דעם שירעם, ער טוט נישט אויס דעם האַרבסטמאַנטל, ער דרייט זיך אַהין און אַהער און גיט דאָ איינעם אַ ווונק, דאָרט איינעם אַ ריר בײַם אַקסל און זעצט זיך ערגעץ צו אויף אַ מינוט. אַז דער מאַן איז אַרײַנגעקומען —

איז פוקס געבליבן פאַרגאַפט און פאַרשטײנערט ממש און װי פאַרכּישופט נאָכגעקוקט דעם אַמעריקאַנער. אַז ער איז אַרויס האָט ער מיר צוגעשעפטשעט: דאָס איז אב. קאַהאַן, דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס״. איך האָב דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן געהערט דעם נאָמען פון דעם מאַן און פון דער צײַטונג. פוקס איז דעמאָלט שוין געווען אַקטיוו אין דער זיך אָנהייבנדיקער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין גאַליציע און ביידע די נעמען זענען אים געווען גוט באַקאַנט.

אַ שטיקל צײַט שפּעטער האָט פוקס אָנגעהויבן שרײַבן קאָרעספּאָנדענצן אין „פאָרווערטס״ אונטערן נאָמען „מאָסקוף״, ער איז פון אָט די קאָרעספּאָנ־דענצן שפּעטער צו אין ווין, אין די אינפלאַציע־צײַטן, געוואָרן אַפילו אַ שטיקל גביר, נאָר קיין מאָל האָט דער „אַלטער״ נישט אַריבערגעלאָזן פוקסעס אַ דערציילונג איבער דעם אײַזערנעם טויער פון זײַן צײַטונג, וואָס ער האָט געהיטן זײַן לעבן לאַנג, ווי דער כּרוב מיט דער פלאַמיקער, זיך דרייענדיקער שווערד, דעם טויער פון גן־עדן. אָבער אויף דעם וואָס ער האָט יאָ אַריבער־געלאָזן איבער דעם טויער פון דעם גן־עדן, האָט ער אָפט פאַרוואַנדלט דעם גן־עדן אין אַ גיהנום.

צוויי מענטשן האָבן געלעבט אין קאַהאַנס גוף, איינער אַ בעלעטריסט און דער אַנדערער אַ פּאָליטישער טוער, אַ „פּאָליטישען״ אַפילו לויט דעם אַמע־ריקאַנישן סטיל. ער האָט מיט דעם זעלבן טעמפּעראַמענט און טומל אַרײַנ־געצויגן די געמיטער פון זײַנע הונדערטער טויזנטער לייענערס פון „פאָרווערטס״ אין זײַנע פּאָליטישע שטרײַטן, ווי אין זײַנע ליטעראַרישע שטרײַטן.

אין יאָר 1939, אין סעפּטעמבער, אין די ערשטע טעג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, בין איך אַ מאָל געווען אין דער „פאָרווערטס״־רעדאַקציע, באַזוכט דאָרט אַ פרײַנד. עס קומט אַרײַן קאַהאַן, אַן אויפגערעגטער, און גלײַך אין זײַן צימער און ער רופט אַ פּאָר רעדאַקטאָרן צו זײַן שרײַבטיש און באַלד הער איך קולות: — „מען טאָר נישט שווײַגן! מען דאַרף אויפרודערן די וועלט! מען מוז קעמפן מיט אַלע מיטלען און מיט אַלע כּוחות!״ איך בין, נאַטירלעך, געווען זיכער, אַז עס גייט דאָ אין די מוראַדיקע געשעענישן, וואָס האָבן זיך דעמאָלט אַ גאַס געטון אויף דעם ייִדישן פאָלק. אָבער ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב מיך דערוווּסט, אַז עס האָט זיך געהאַנדלט אין... שלום אַשן. פּונקט אין דער זעלבער צײַט אַן ערך האָבן זיך אָנגעהויבן — נישט איינע נאָר — צוויי וועלט־מלחמות, וואָס זענען אויף די שפּאַלטן פון „פאָרווערטס״ אויסגעקעמפט געוואָרן מיט דעם זעלבן פײַער און דער זעלבער אַבסאָלוטער ענערגיע...

אַז קאַהאַן האָט ליב די אַלטע רוסישע ליטעראַטור פון נײַנצנטן יאָרהונ־

דערט מיט איר רעאַליזם און אויך הומאַניזם — האָט מען געוווסט. דאָס איז געווען זײַן מאָס בנוגע וועלט־ליטעראַטור. אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָט ער געהאַט באַזונדערע וועגן. פון די דרײַ קלאַסיקערס אונדזערע האָט ער דווקא צום בעסטן ליב געהאַט יצחק לייבוש פּרץ. פּאַר וואָס ער האָט פאַרטריבן יונה ראָזענפעלדן, דעם פּסיכאָאַנאַליטיקער־נאָוועליסט, איז געווען קלאָר, אָבער פּאַר וואָס האָט ער אַזוי באַקעמפּט יוסף אָפּאַטאָשון? און ווײַל מיר האָבן שוין דערמאָנט אָפּאַטאָשו — לאָמיר דערמאָנען אַ באַגעגעניש, וואָס האָט אַ שײַכות.

וואַרשע — 1923 דאַכט זיך — אַ שטיקל צײַט נאָך אָפּאַטאָשוס טריומף־באַזוך. אַ באַנקעט לכבוד אב. קאַהאַן. די גאַנצע שרײַבער־מישפּחה פאַרזאַמלט. קאַהאַן האָט דאָס לעצטע וואָרט. זײַן טעמע: די אויפגאַבע פון אַמעריקאַנער ייִדן אין איצטיקן מאָמענט... און ער רעדט גאָר וועגן „יוסף אָפּאַטאָווסקיס" ראָמאַן „אין פּוילישן וועלדל" (ער האָט פאַרדרייט נאָמען און טיטל). דער שרײַבער פון די שורות — אַנדערע צײַטן, אַנדערע טעמפּעראַמענטן — האָט דעמאָלט געמאַכט אַ צווישנרוף און מיט אַ קלאַפּ מיט דער טיר — אַרויס. מען האָט מיר שפּעטער איבערגעגעבן: קאַהאַן האָט אַ פרעג געטון בײַם פאַרזיצער „ווער איז דאָס?", באַקומען אַן ענטפער. געזאָגט הויך: „איך קען נישט דעם מאַן" — און פאַרגעזעצט.

אַפּריל 1934, אויף דער ערשטער צוריקרײַזע פון אויסטראַליע — אַ באַזוך אין אַמעריקע. באַזוך אין דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס". חברים זאָגן: איר מוזט אַרײַנגיין צום „אַלטן". איך האָב שוין דעמאָלט געהאַט געדרוקט אַ סעריע לײַכטע ליטעראַרישע אַרטיקלען אין „פאָרווערטס" און קאַהאַן האָט שוין עפּעס געוווסט וועגן „דעם מאַן". אָבער ער האָט, ווײַזט אויס, געהאַט עפּעס זייער אַ שלעכטע קאָנצעפּציע וועגן אים. אָט קום איך אַרײַן און קאַהאַן זאָגט באַלד אויף ענגליש: הי איז אַ נײַס־לוקינג מען — ער זעט דאָך אויס גאַנץ פײַן. באַלד איז גערופן געוואָרן דער רעדאַקציע־פאָטאָגראַף און אין דער זונטיק־בײַלאַגע איז דערשינען קאַהאַנס בילד צוזאַמען מיט דעם שרײַבערס פון די שורות... אַזוי גיך דער פאָטאָגראַף איז אַוועק — הייבט אָן קאַהאַן עפּעס שטאַרק צו טראַכטן און גיט אַ פרעג: — דײַטש קענט איר? — אויסגעצייכנט! — אָבער איר קענט דאָך נישט קיין ייִדיש! — איך וועל מיך באַמיִען... אין אַ שעה אַרום בין איך שוין געזעסן אין דער רעדאַקציע מיט מײַן שרײַבמאַשין און איבערגעזעצט וואָרט אין וואָרט אָטאָ באַוערס בראָשור וועגן דעם ווינער סאָציאַל־דעמאָקראַטישן אויפשטאַנד. איך האָב עס געדאַרפט מאַכן אין 48 שעה און בין כמעט די גאַנצע 48 שעה אָפּגעזעסן אין רעדאַקציע. און נישט נאָר דאָס — מײַלן לאַנגע אַרטיקלען וועגן מײַנע דעמאָלטיקע רײַזעס האָט מען באַלד געדרוקט אין „פאָרווערטס". אין קאַהאַן־קעניגרײַך האָט מען מיר דעמאָלט אַ סך כבוד אָפּגעגעבן. אַזוי ווי אין מגילת־אסתר שטייט: ככה

יעשה לאיש אשר המלך חפץ ביקרו... עס איז אַ כאַראַקטעריסטישער פֿאַל, דעריבער האָב איך אים דאָ דערציילט.

איין מאָל האָט מיך קאַהאַן פֿאַרבעטן אויף לאַנטש מיט אים. אַז ער איז אָבער געוואָר געוואָרן, אַז איך בין אַ וועגעטאַריער, איז ער ממש בייז געוואָרן. ער האָט געהאַט אַ וואָלפֿישן אַפּעטיט און עס האָט אים שאָקירט צו זען אַנט־קעגן זיך אַ גראָזקײַער... כאָטש אומרוזיקע קאָלעגעס האָבן געמיינט, אַז ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַ סודות זענען בײַ אָט דעם לאַנטש אַנטפּלעקט געוואָרן און וואָס פֿאַר אַ קאָנטראַקטן געשלאָסן — האָט זיך דער שמועס די גאַנצע צײַט געדרייט אַרום אַ באַרימטן פּאָעט, וואָס שטייט נאָענט צום „פֿאָרווערטס". און אַז איך האָב קאַהאַנען געזאָגט, אַז אין פּוילן — ווו יענער פּאָעט האָט גרויסע חסידים — האָט מען טענות למאי דער „פֿאָרווערטס" פֿאַרזאָרגט אים נישט מאַטעריעל, האָט זיך קאַהאַן כּסדר פֿאַרענטפֿערט און פֿאַרענטפֿערט. און עס דאַכט זיך מיר אַפֿילו, אַז קורץ נאָך דעם האָט זיך די סיטואַציע געביטן.

כאָטש קאַהאַן האָט פֿײַנט געהאַט, אַז זײַנע שרײַבערס זאָלן זיך צאַצקען מיט סטיל — האָט ער זיך מיט זײַן לשון אַ סך אָפּגעגעבן. ווי אומגלייבלעך דאָס זאָל נישט קלינגען — האָט ער אָפֿט ביז פֿיר מאָל איבערגעשריבן זײַנע אַפֿילו פּשוטסטע אַרטיקלען. ער האָט געוואָלט, אַז מען זאָל זײַנע געדאַנקען אַזוי פֿאַרשטיין ווי מען פֿאַרשטייט, אַז איינס און איינס איז צוויי... אַן אויטענ־טישער פֿאַקט: ער האָט אַ מאָל אין אַ שוויצבאַד־הייסן ניו־יאָרקער טאָג פֿיר מאָל דיקטירט דעם זעלבן אַרטיקל. אַז ער איז נאָך אַלץ געבליבן אומצופֿרידן און גענומען דיקטירן צום פֿינפֿטן מאָל, האָט די יונגע סעקרעטאַרין פּשוט געחלשט. קאַהאַן איז, אַ פֿאַרלוירענער פֿון שרעק, אַרויסגעלאָפֿן פֿון זײַן צימער און גערופֿן הילף. זײַן אויסדויער און ענערגיע האָט דיסטאַנסירט אַלע זײַנע רעדאַקציע־מיטאַרבעטערס. בײַ אים האָט זיך נישט דער „פֿאָרווערטס" געדרייט אַרום די געשעענישן פֿון דער וועלט, נאָר די געשעענישן פֿון דער וועלט אַרום דעם „פֿאָרווערטס". אַז עמעצער האָט אַנדערש געטראַכט, האָט ער פּשוט נישט פֿאַרשטאַנען.

אין די ערשטע טעג סעפּטעמבער 1939 איז פּלוצלינג געקומען אַ נישט־קאָנטראָלירטע ידיעה, אַז שמואל יעקב אימבער און בער האָראָוויץ, די באַרימ־טע גאַליציאַנער דיכטערס זענען אומגעקומען, אַנטלויפֿנדיק פֿון גאַליציע קיין אונגאַרן. (די ידיעה איז געווען אַ פֿאַלשע.ביידע דיכטערס זענען אומגעקומען ערשט אין סוף 1941). קאַהאַן לאָזט מיך רופֿן: — „מען זאָגט, אַז איר האָט גוט געקענט די ביידע דיכטערס, שרײַבט באַלד אָן אַן אַרטיקל. איר מעגט שרײַבן אַ סך. — — מיט אַ שעה פֿריִער בין איך ערשט וועגן דעם געוואָר געוואָרן און ממש ציטערנדיק האָב איך געענטפֿערט: — ווי קען איך וועגן זיי שרײַבן, אַז פֿאַר מיר לעבן זיי און וועלן אייביק לעבן. איך קען נִיט שרײַבן

וועגן זיי ווי וועגן טויטע. — — איין מינוט לאַנג האָט קאַהאַן אינסיסטירט, אָבער שוין אין דער צווייטער מינוט האָט ער זיך ממש אומגעקערט מיט דעם רוקן פון פאַראַכטונג צו אַ סענטימענטאַליסט וואָס פאַרשטייט נישט דעם גרויסן וועלט־אמת, אַז געשעענישן געשעען כדי זיי זאָלן באַשריבן ווערן אין „פאָרווערטס".

מיט צוויי זאַכן האָט מען לײַכט געקענט געווינען קאַהאַנס צוטרוי: מיט קענען רעדן גוט רוסיש און אָן אַ יידישן אַקצענט און מיט לויבן זײַן אַבסאָ־לוטע ליטעראַרישע מבינות. אָבער קיין מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס" האָט זיך אויף דעם צווייטן נישט געקענט פאַרגינען ווײַל דעמאָלט האָט מען גע־דאַרפט אָן מורמלען אָננעמען אַלע זײַנע עצות וואָס שייך אייגענע ווערק. האָט ער אָנגעטראָפן דעם קלענסטן ווידערשטאַנד — האָט זיך קאַהאַנס ווידער־שטאַנד באַלד פאַרפירפאַכט.

אַרום אַ גרויסער פערזענלעכקייט — און קאַהאַן איז אַזאַ געווען — שווייבלט עס אַלע מאָל מיט אַ סך לצנות. לצים פלעגן זאָגן אויף קאַהאַנען, דעם אַמאָליקן שטאַרקן באַקעמפער פון יידיש: — ער וועט אַזוי לאַנג לעבן ביז ער וועט זיך קענען אונטערלייגן דעם אונטערגעגאַנגענעם „פאָרווערטס" צו קאָפּנס... ער וויל, ווי די אייפערזיכטיקע אינדישע מאַהאַראַדזשאַס — זייערע ווײַבער, מיטנעמען דעם „פאָרווערטס" מיט זיך. אָבער די געשיכטע האָט אָפּגעטון אויף טערקיש: אין זעלבן טאָג, ווען קאַהאַן איז אַוועק איז דווקא, די שוין אַ האַלב יאָר טויטע יידישע טאָגצײַטונג אין ניו־יאָרק, דער „מאָרגן־זשורנאַל", אויפגעשטאַנען תחית־המתים... טשיקאַווע איז אויך, וואָס ראַנדאָלף הוירסט און דער יידישער הוירסט, אָדער מאַסן־צײַטונגס־קעניג, זענען אַוועק כמעט אין איין צײַט.

י. י. זינגער ז"ל, דער גרויספאַרנעמיקער פּראָזאַיקער פון תקופות אין יידישן לעבן האָט אין אינטימע געשפּרעכן אָפּט שעהען לאַנג פאַר מיר פונאַנ־דערגעוויקלט זײַן פּלאַן פון אַ ראָמאַן מיט דעם נאָמען „איסט בראָדוועי 175" (דער אַדרעס פון „פאָרווערטס"). מיט קינסטלערישן נחת פלעגט ער רעדן וועגן דער ראָלע פון דער אב. קאַהאַן־געשטאַלט אין אָט דעם ראָמאַן. נישט באַשערט געווען. אַן אַנדערער וועט מוזן דעם ראָמאַן שרײַבן. דער צוויי־נשמהדיקער קאַהאַן איז סײַ ווי אַ געשטאַלט אי פאַר דעם געשיכטע־שרײַבער און אי פאַר דעם בעלעטריסט.

יאָסל קאָטלער

געבוירן 1896 אין טראָיאַנעץ, וואָלינער גובערניע. 1911 געקומען קיין אַמעריקע. רײַזעס איבער אייראָפּע, ראַטן־פאַרבאַנד, 1935 אומגעקומען אין אַן אויטאָקראַך אין אַמעריקע.

אַז מען לייענט די געשיכטע פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור שטויסט מען זיך אָפט אָן אויף אַ מאָדנעם וואָרט „שפּילמאַן" — די „תקופה פון די שפּילמענער". יאָסל קאָטלערס פּראָטאָטיפּן אין פופצנטן און זעכצנטן יאָר־הונדערט מיינט מען דאָס. יאָסל קאָטלער איז געווען אַ שפּילמאַן — נישט קיין דיכטער, כאָטש ער האָט געשריבן; נישט קיין מאָלער, כאָטש ער האָט געמאָלט; נישט קיין זינגער, כאָטש ער האָט געזונגען; נישט קיין סקולפּטאָר, כאָטש ער האָט געשניצט; נישט קיין אַקטיאָר, כאָטש ער פלעגט אויפטרעטן — נאָר אַ שפּילמאַן איז ער געווען. פאַראַנען נאָך אַ פּאָר אַזעלכע שפּילמענער אין אונדזער שאַפנדיקער יידישער קולטור־סביבה, אָבער יאָסל קאָטלער איז געווען איינער פון די באַטײַטיקסטע שפּילמענער.

ווי אַזוי אַזאַ שפּילמאַן ווי יאָסל קאָטלער האָט אויסגעזען? — אַ בלאָנדער איז ער און אַן איבער־מיטל־הויכער און זייער אַ געזונטער, כאָטש אַ ביסל פויל, סײַדן ווען אַן אַרבעט געפעלט אים פערזענלעך, און אַזאַ גראָבלעך פנים, בולבעוואַטע אַ ביסל, נאָר מיט הונדערט חנען און מיט צוויי געדיכטע און צונויפגעוואָקסענע ברעמען איבער די שעלמישע, גרויסע אויגן, וואָס האַלטן זיך אייביק אײַן פון לאַכן, ווײַל אמתע, גאָט געבענטשטע הומאָריסטן לאַכן קיין מאָל נישט אַליין. זיי זענען דאָך נישט געקומען אויף דער וועלט אַליין צו לאַכן, נאָר אַנדערע צו מאַכן לאַכן.

און אײַנזאַם איז צו זײַן אַ שפּילמאַן פון מיטל־עלטער אין קאַלטן צוואַנ־ציקסטן יאָרהונדערט. איז וואָס זשע טוט מען? איז דאָך דאָ אַ גאָט, אַ פאָטער, וואָס איז מזווג זיווגים, האָט ער אויסגעזוכט דעם שפּילמאַן זוני מאָוד און אים צוזאַמענגעפּירט מיט יאָסל קאָטלערן און זיי האָבן געשאַפן דעם מאַריאָנעטן־טעאַטער „מאָדיקאָט" — אַליין אַלץ אין אים אויסגעפירט און אַליין אים איבער דער וועלט אַרומגעפירט ביז קאָטלער איז דערהרגעט געוואָרן אין אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע. אַ שאָד, וואָס מען האָט זיך נישט געכאַפּט און נישט אויפגע־נומען אין אַ קלאַנגפילם די בעסערע, די ממש געניאַלע הומאָרעסקעס פון „מאָדיקאָט", זיי זענען געווען רײַנסטע שטיקער גאָלד פון יידישן הומאָר.

ער איז געווען אַ לינקער, קאָטלער, דאָס איז בײַ אים געווען אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך, עס איז אים געפעלן געוואָרן דער סאַמע דירעקטער צוגאַנג

צום פֿאָלק אָן שום קונצן און אין קאָטלערס סאַמע לינקסטע שאַפֿונגען האָט נישט קיין מאָל אַרויסגעשריגן קיין פּאַרטײ־פּראָגראַם, נאָר גאַנץ פּשוט — דער אויפֿריכטיקער צער פֿון פּראָסטן פֿאָלק. און כאָטש נישט אויף אַ ברעקל רעליגיעז אָדער נאַציאָנאַליסטיש — איז ער געווען אַזוי ייִדיש, אַז עס האָט ממש אַרויסגעשפּאַרט פֿון אים, פֿון יעדן איינציקן וואָרט פֿון זײַנע מאָדנע שרײַבענישן און יעדער איינציקער ליניע פֿון זײַנע מאָדנע מאָלענישן. נישט קיין וואָרט פֿון זײַנע ווערטער און נישט קיין שטריך פֿון זײַנע צייכענונגען איז געווען אַנדערש ווי נאָר עכט־אור־טיף־ייִדיש.

אַז זיי זענען געקומען קיין וואַרשע — דאַכט זיך אַרום 1930 — מאָוד און קאָטלער מיט זייער „מאָדיקאָט״, זענען זיי געקומען ווי עכטע קינסטלערס־ציגײַנערס און אַזוי פֿאַרבראַכט זייערע נעכט און טעג, אַזוי אויסגעמישט, אַזוי ווי אין די צײַטן איידער גאָט האָט נאָך געמאַכט אַ צווישנשייד צווישן נאַכט און טאָג. אַלע שעהען אויסגעמישט, אַלע מאָלצײַטן אויסגעמישט, אַלץ אויסגעמישט. אַז מען האָט זיך מיט קאָטלערן אָפּגערעדט אויף זייגער פֿינף פֿאַר נאַכט, איז ער געקומען זייגער איינס בײַ טאָג נעכטן, אָדער זייגער זיבן אין דער פֿרי איבער מאָרגן, אָבער צו די פֿאָרשטעלונגען פֿון מאָדיקאָט: ווי צו אַ הייליקן דינסט — דאָרט האָט זיך דער שפּילמאַן דורכויס אויסגעשפּילט.

וואָרטשפּיל איז אַ וויכטיקער עלעמענט בײַ אַ שפּילמאַן, וואָס איז אַ גאַנץ טעאַטער אין זיך, און קאָטלער איז געווען פֿול מיט דעם, אָבער דאָס זענען נישט געווען קיין ראַפֿינירטע, געקינצלטע וואָרטשפּילן פֿון אַ דעגענערירנדיקער קונסט, דאָס איז געווען עכט פֿאָלקסטימלעכער, קינדישער וואָרטשפּיל — שפּיל, זיך־ און וועלט־פֿאַרגעסנדיקער שפּיל. און דאָס אַלץ פֿלעגט קאָטלער אַרויס־ברענגען מיט אַזאַ ערנסט, מיט אַזעלכע גרויסע און אַ ביסל אַפֿילו דערשראָ־קענע אויגן, אַזוי ווי ער וואָלט דיר פֿאַרטרויט דעם גרעסטן סוד, דעם שרעק־לעכסטן סוד. זײַנע וואָרט־ און צייכענונג־אײַנפֿאַלן האָבן צו זיך קיין גלײַכן נישט געהאַט, סײַדן די אײַנפֿאַלן פֿון אַ שטיפֿעריש קינד.

אין אַ ייִדישער היים פֿון קאָטלערס גוטע פֿרײַנד אין קליוולענד האָט מען מיר דערציילט, אַז אין מיטן שמועס האָט זיך אַ מאָל קאָטלער פּלוצלינג אַ כאַפּ געטאָן, קוקנדיק אויף דער אַלטער, קראַנקער מאַמען פֿון זײַן פֿרײַנד: אַזאַ שיינע מאַמע קען מען נישט לאָזן אַזוי, אַזאַ שיינע מאַמע מוז מען „פֿיקסן״. און אויף צו מאָרגנס איז ער געקומען מיט זײַן קלאַפּערגעצײַג און געמאַכט אַ הערלעכן פּאָרטרעט פֿון אַ ייִדישער מאַמען — און אין אַ פּאָר טעג אַרום איז די אַלטע פֿרוי טאַקע געשטאָרבן. אַ פּאָר טעג נאָכן טויט פֿון דער פֿרוי האָט קאָטלער ווידער מיט דעם זעלבן ערנסט געזאָגט: נאָך גוט וואָס איך האָב זי פֿאַרכאַפּט איידער זי איז אַוועק אויף יענער־וועלט. זײַן גאַנצע בענק־

שאָפּט נאָך זײַן אַלטער היים האָט ער אַרײַנגעגאָסן אין דעם האַרציקן בילד. ער איז זייער אַ סענטימענטאַלער געווען.

אַלץ און אַלעמען פֿלעגט ער זען אין זײַן אייגענעם שפּיגל, וואָס האָט אין אַלץ אויסגעפֿונען דאָס סאַמע קאָמישסטע, אַפֿילו ווען עס איז דאָרט נישט געווען. ווען און ווו ער פֿלעגט מיך זען פֿלעגט ער צייכענען פֿון מיר קאַרי־קאַטורן מיט אַ קײַלעכדיק שטרויען־קאַפּעליטשל אויפֿן שפּיץ קאָפּ, כאָטש איך האָב קיין מאָל אין לעבן אַזאַ קאַפּעליטשל נישט געטראָגן. ממש ספּאַזמען פֿון געלעכטער פֿלעג איך קריגן זעענדיק די קאַריקאַטור — קאַטלער האָט געקוקט ערנסט, זייער ערנסט.

אַזוי באַפֿרײַנדעט זענען מיר געווען אין וואַרשע, אַז מיר האָבן זיך „דו" געזאָגט. נאָר אָט זע איך קאַטלערן אין 1934 אין ניו־יאָרק, אַ פּאָר יאָר נאָך וואַרשע, ער קוקט מיך אָן און דערקענט נישט. דערקענט טאַקע נישט. און עס איז מיר אַ רעטעניש ביז הײַנט. אַ מאָלער? אויך ער אַליין האָט עס נישט געקענט פֿאַרשטיין. שעהען האָט ער זיך נישט געקענט באַרויִקן און אַליין נישט געקענט פֿאַרשטיין דעם פֿענאָמען. איך האָב אים שוין הונדערט מאָל מוחל געווען און געשפּאַסט דעריבער און ער האָט זיך נאָך אַלץ צום הונדערט ערשטן מאָל זייער ערנסט אַנטשולדיקט. ער האָט עס זיך נישט געקענט מוחל זײַן. און דאָס איז שוין געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך האָב אים געזען. נאָך אַ לאַנגער ים־רײַזע אין אויסטראַליע אָנגעקומען, האָב איך מיך ווי אַ הונגעריקער צוגעכאַפּט צו אַ פּאַק „ליטעראַרישע בלעטער" און די ערשטע נײַעס געכאַפּט: קאַטלער געהרגעט.

שמערקע קאַטשערגינסקי

געבוירן אין ווילנע 1908, פּאַרטיזאַן אין די יאָרן פון חורבן. שפּעטער: ראַטן־פֿאַרבאַנד, פּוילן, פֿראַנקרײַך. רײַזעס: ישראל, אַמעריקע, קאַנאַדע, אין 1952 באַזעצט זיך אין אַרגענטינע. פּרײַטיק, דעם 23סטן אַפּריל 1954, אומגעקומען אין אַן עראָפּלאַן־קאַטאַסטראָפֿע בײַ מענדאָזאַ.

אויב געזעלשאַפֿט, ווי אַ גאַנצע, איז אַ מין זייגער, וואָס הענגט אויף דער וואַנט פון דער וועלט־געשיכטע, איז שמריהו קאַטשערגינסקי — אָדער ווי אַלע האָבן אים גערופן: „שמערקע״ — נישט געווען קיין ציפערבלאַט, קיין ווײַזער, קיין רעדל, און נאָר דער אומרו... און ער האָט עס געוווּסט, און אַלע האָבן עס געוווּסט. יאָ, טאַקע אַן אומרו. און מיט אַלע אייגנשאַפֿטן — נישט פון דעם וואָס מען פֿאַרשטייט אונטער דעם וואָרט „אומרו״ בכלל, נאָר וואָס מען פֿאַרשטייט אונטער דעם וואָרט אומרו פון אַ זייגער. מחמת אַן אומרו פון אַ זייגער האָט חוץ זײַן אייביקער באַוועגעוודיקייט נאָך צוויי אַטריבוטן און זיי זענען: אָרגאַניזירטקייט און טאַקט, ריטעם, דאָס איז געווען שמערקע קאַטשערגינסקי אומעטום ווו ער האָט זיך נאָר באַוויזן. און צום ליבסטן איז אים געווען צו באַווײַזן זיך צווישן שרײַבערס. ייִדישע ליטעראַטור איז געווען זײַן גורל.

ער איז אויפֿגעקומען מיט דער גרופּע „יונג־ווילנע״ אין די ערשטע דרײַ־סיקער יאָרן. אַזוי ווי ער איז געווען די „נשמה״ פון דער גרופּע — דאָס וואָרט קענט איר געפינען אומעטום, ווו מען שרײַבט וועגן „יונג־ווילנע״ — איז ער נאַטירלעך געווען איר אָרגאַניזאַטאָר. און אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ חוש פאַר זאַמלען, פאַר אויפהיטן, פאַר געשיכטע — זענען געבליבן פיל־צאָליקע פאָטאָגראַפֿיעס אין וועלכע שמערקעס פּנים איז דאָ אין אַלערליי גרופּעס־קאָמבינאַציעס. אָבער נאָך דער מלחמה און די פּאַרטיזאַנער־יאָרן זעען מיר שמערקען בעיקר אין דער געזעלשאַפֿט פון חיים גראַדע און אַברהם סוצקעווער. יאָרן לאַנג זענען זיי עס געווען „די דרײַ״. שמערקע האָט געוווּסט, אַז זיי זענען טאַקע די דרײַ חברים, אָבער זיי זענען נישט די דרײַ גלײַכע דיכטערס. בײַ שמערקען איז דיכטונג געווען אַ בײַזאַך. די דיכטערס זענען די צוויי געווען — גראַדע, סוצקעווער. אָבער שמערקע האָט נישט געליטן פון קיין אינפעריאָריטעט־קאָמפּלעקס. ער האָט געהאַט אַנדערע און אויסגע־שפּראָכענע שליחותן און ער האָט זיי שלימותדיק אויסגעפֿירט. ער האָט איבער־געלאָזן נאָך זיך — חוץ אַ לעבנס־געשיכטע, וואָס ווערט ממש אַרײַן אין דער פֿאָלקס־געשיכטע ווי אַ פראַגמענט און אַ סימבאָל פון אַ גרויסער און טראַגישער

צײַט — דרײַ סטאַנדאַרט־ווערק: „חורבן ווילנע", אַן אַנטאָלאָגיע: „לידער פון די געטאָס און לאַגערן" (הקדמה: לייוויק), און — „איך בין געווען אַ פּאַר־טיזאַן". חוץ דעם אַ גאַנצע ריי קלענערע ביכער און בראָשורן.

אַ קליין־געוואַקסענער — נאַפּאָלעאָנישער וווקס רופט מען עס, און אין זײַן פאַל איז עס צוגעפּאַסט, צוגעפּאַסט צו דעם אומרו שמערקע קאַטשער־גינסקי. אַן איבערמאָסיק הויכער שטערן, אַ שטערן פון אַ פילאָסאָף, אָבער אונטער שמערקעס שטערן איז נישט געווען קיין אָנגעלערנטע פילאָסאָפיע, נײַערט לעבנס־דערפאַרונג און לעבנס־חכמה. די אויגן גרינלעך־גרויע און אַ ביסל שיקלדיקע. אויגן, וואָס האָבן זייער אַ סך ליבע, אָבער קענען זײַן שטרענג און קאָמאַנדירן, ווען מען דאַרף. אַ שטענדיק צעפליגלטע נאָז און אַ פול־ליפּיק מויל, וואָס איז פול מיט לעבנספרייד, אָבער נישט מיט רייד. שמערקע, וואָס איז געווען מלא־וגדוש מיט אַ וועלט מיט מעשׂיות — איז געווען אַ קאַר־גער דערציילער, און דערציילן פלעגט ער אָפּגעהאַקט — מער מיט האַלב־ווערטער און מיט זשעסטן.

שמערקע האָט גוואַלדיק ליב געהאַט האַרציקייט — אַרויסצווײַזן און צו נעמען. מיט אָט דעם געבן־נעמען האָט ער געאָטעמט, געלעבט. זײַן מאַניר, אַזוי ווײַט, אַז אָפט מאָל האָט זיך עס געדאַכט, אַז דאָס איז פּאָזע. אָבער עס איז נישט געווען קיין פּאָזע. ער האָט כּסדר עפּעס און עמעצן, הונדערט עמעצנס, אין זינען געהאַט. אָט זיצט ער און רעדט מיט דיר, רעדט מיטן גאַנצן האַרץ, נאָר אָט שטייט אַ טעלעפאָן אויפן טיש, און אַלע ווײַלע גיט ער ווען אַ קלונג. און ער רעדט — אין גרעסטן טומל אַפילו אַרום — זייער שטיל, שעפּטשעט. אָבער שעפּטשעט אַזוי דײַטלעך, אַז יענער הערט גוט. ווײַזט אויס, אַז דאָס איז אַ מין איבערבלײַב פון די פּאַרטיזאַנער־יאָרן. און בשעת ער רעדט מיט דיר אַ האַלבע שעה — קען ער אַזוי אָפּשעפּטשען מיט נאָך אַ צען מענטשן אויפן טעלעפאָן בינו־לבינה. און דו ווערסט גאָר נישט בייז פאַר דעם. ווײַל שמערקע קען זיך גלײַכצײַטיק און גאַנץ אַוועקגעבן צו צען אירע. אַזוי איז ער. אומפאַרגלײַכלעך אין דעם זינען. אַנדערע פלעגן אויף אים זאָגן, אַז ער איז אַן עגאָיִסט. אמת. אָבער ער איז געווען דער הערלעכ־סטער עקזעמפּלאַר פון אַן עגאָיִסט. ער האָט אַזוי ווונדערלעך געקענט מאַ־נעווורירן, אַז טוענדיק זיך אַ טובה — זאָלן צען, אָבער טאַקע צען! — אַנדערע דערפון געניסן. און נישט צופעליק. ער האָט עס בפירוש אין זינען געהאַט

אָבער אונדזער מיניאַטור־פּאָרטרעט וואָלט נישט געווען גאַנץ אָן דער מעשׂה וועגן שמערקעס אײַנזינגען לידער בציבור. ער האָט זיך אַ קליין ביסל מיט דער קונסט געשעמט. אפשר פּאַסט עס נישט. און אַז דער שרײַבער פון די שורות האָט אים אַ מאָל מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט געזאָגט, אַז אָט דאָס זינגען בציבור רופט זיך איבער מיט יענע בלעטלעך אין שמואל ב׳,

קאַפּיטל ו׳, װוּ דוד המלך טאַנצט און מאַכט זיך מכּלומרשט נאַריש צוליב פרייד מיט דער תּורה — האָט אים שמערקע אַרומגעכאַפּט און געקושט. עפּעס אַזוי ווי ער האָט אויף דעם וואָרט, אויף אָט דער באַרעכטיקונג פון זײַן זיך „נאַריש מאַכן״, מיט זינגען לידער בציבור מיט אַן עולם, געוואַרט. און ער איז געווען אַ מײַסטער ממש אויף אָט דעם געביט. אין אָט די מאָמענטן האָט זיך זײַן בלוט פאַרוואַנדלט אין אַ מין רויטן קוועקזילבער... אָבער אין דער זעלבער צײַט האָט ער נישט פאַרלאָרן דעם ריטעם און דעם טאַקט. ער פלעגט אי זינגען און אי אין דער זעלבער צײַט שעפּטשענדיק אונטערזאָגן דעם עולם מיט אײַן שעפּטש גאַנצע שורות, גאַנצע סטראָפעס אויף אַ מאָל. ער פלעגט אַזוי כּישופן ווי אַן אײַנזינגער, אַז אַלט און יונג האָט געמוזט מיטזינגען. מיט אַ קול, אָן אַ קול, איז באַלד געוואָרן ממש אַ כאָר פון יעדער מסיבה, וווּ שמערקע איז געווען אַ שעה אַ גאַסט. און אין קאָפּ בײַ אים איז געווען אַ גאַנצע ביבּ־ליאָטעק מיט לידער־זינגביכער. וואָס פאַר אַ ליד ווער עס האָט זיך דערמאָנט און געשטאַמלט דערפון אַ שורה — האָט עס שמערקע געקענט אויף אויסנווייניק.

דער דיכטער נ. י. גאָטליב פון מאָנטרעאָל האָט אָפּט דערציילט, אַז שמערקע האָט אים געזאָגט: אין אומרו בין איך געבוירן געוואָרן, אין אומרו לעב איך און אין אומרו וועל איך שטאַרבן. ער האָט געזאָגט אמת און איז — לײדער — און ווײ איז אונדז — געווען זײַן נביא־אמת.

1955

אַרטור קאָלניק

געבוירן 1890 אין סטאַניסלע, מיזרח־גאַליציע. 1915 — עסטרײַכישער אָפיציר אין ערשטן וועלטקריג. פֿאַרווונדעט. זינט דאַן געוווינט אין אַלערליי שטעט. 1931 — זיך באַזעצט אין פּאַריז. געשטאָרבן 12טן יוני 1971.

אַרטור קאָלניק — אַ ייִדישער מאָלער. יאָ, אַפּליו כמעט אַ ייִדיש־מאָלער. דער חילוק איז גרויס. קאָלניק האָט זײַן גאַנץ און נישט קורץ לעבן כּסדר געזוכט. וועמען געזוכט? זיך! זיך דעם ייִד, און דעם ייִד אין די ראַמען פֿון דער וועלט. און אַלץ און אַלעמען דורך זײַנע בילדער. זײַנע באַליבטסטע פֿאַרמען זענען האַלצשניטן. די קאָנטורן שאַרף — און גלײַכצײַטיק מילד — אַזוי מילד, און אין דער זעלבער צײַט דײַטלעך. קלאָר.

גאָט איז מײַן עדות, אַז איך בין נישט קיין קענער און פֿאַרשטייער פֿון דער קונסט פֿון מאָלערײַ. אָבער אַרטור קאָלניק האָט געהאַט אַן אַנדערע מיינונג וועגן מיר. אַלע מאָלערס מוזן פֿאַרשטיין פּאָעזיע און אַלע פּאָעטן מוזן פֿאַרשטיין מאָלערײַ.

אַ מעשׂה. מסתּמא פֿון יאָר 1956. איך געפֿין מיך אַ פּאָר חדשים אין פּאַריז. און אין איין אָוונט פֿאַרבעט מיך קאָלניק — מיך און מײַן רחל — אין זײַן היים. ער וויל מיר ווײַזן זײַנע נײַסטע בילדער. ער איז הויך און שטאַרק און שטיל און מילד און כמעט נאַיוו — וואָס דאָס איז אַ קען־סימן פֿון אַלע גרויסע קינסטלערס, פֿון אַלע נײַן מוזעס. און אָט נעמט ער אַרויס פֿון אַלערליי שופֿלאָדן און אַראָפּ פֿון געשטעלן, זײַנע נײַסטע בילדער און ער שטעלט אַלערליי קשיות וועגן זיי. ער זוכט, און זוכט נאָך אַלץ, דעם פֿולסטן תּיקון פֿאַר זײַנע פּלאַסטישע ווערק — טיף ייִדיש און הויך הומאַניטאַר. מיט איין וואָרט — פּערפֿעקט. און בעל־כּרחו מוז איך ענטפֿערן. און מיט זײַן פֿרעגן מאַכט ער נישט קיין אָנשטעל פֿון ענווּות. ער איז אַן אייביקער זוכער. און ווער עס זוכט — געפֿינט.

אים — קאָלניקן — איז באַשערט געווען אין אַ זעלטענעם, קינסטלערישן חוט־המשולש פֿון אַ דיכטער, רעציטאַטאָר, מאָלער — צו זײַן איינער פֿון די דרײַ. אליעזר שטײַנבאַרג, הערץ גראָסבאַרד, אַרטור קאָלניק.

נישטאָ אין דער ייִדישער ליטעראַטור נאָך אַזאַ משלים־שרײַבער ווי שטיינבאַרג, נאָך אַזאַ וואָרטקאָנצערט־מײַסטער, ווי גראָסבאַרד, אייגנאַרטיקער מאָלער־סקולפּטאָר ווי קאָלניק. די קונסט פֿון די דאָזיקע דרײַ איז אַזוי אײַנטעגרירט, אַז עס איז שווער צו ענטפֿערן אויף דער שאלה — ווער איז דאָ געווען דער ערשטער. ממש — אַ בוך וועגן דעם צו שרײַבן. אַלע דרײַ זענען

דאָ אײנס. עס איז דײַטלעך־קלאָר, אַז אַלע דרײַ זענען משפּיע אײנער אויף דעם אַנדערן, אַפילו װען עס שטימט נישט מיט דעם קאַלענדאַר. און — אַגב — האָבן די דרײַ קינסטלערס נאָך אין אַנדערע ייִדישע קונסטגעביטן געשאַפן. אָבער דער חוט־המשולש איז ממש מוסטער פון תיקון.

קאַלניק איז געבוירן געװאָרן אין סטאַניסלע, אײנע פון די אײדלסטע און קולטורעלסטע מיזרח־גאַליציאַנער שטעט. און דרײַ יאָר שפּעטער — 1893 — איך, אָבער אין אַן אַנדערער שטאָט. נאָר אין די יאָרן 1908—1910 האָב איך באַזוכט אַ האַנדלשול אין סטאַניסלע. קען זײַן, אַז מיר האָבן זיך אין יענע יאָרן געקענט — קאַלניק און איך. אָבער װער קען געדענקען. און דאָ קומט צו נאָך אַ פּרט. קאַלניק פלעגט אָפט דערצײלן, אַז אין דער קינסטלערישער און נאַציאָנאַלער השפּעה און אַנטװיקלונג זײַנער האָט געשפּילט אַ גרױסע ראָלע די ייִדישע שפּראַך־קאָנפערענץ, װאָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1908 אין טשערנאָװיץ. די שטאָט טשערנאָװיץ אין דער בוקאָװינע איז געװען מיט סטאַניסלע װי אַ שטוב מיט אַן אַלקער. די גרױסע נאַציאָנאַלע קולטור־געשעעניש אין טשערנאָװיץ האָט ממש פאָרמירט קאַלניקס ייִדישע און קינסט־לערישע נשמה. און דאָס זעלבע איז אין יענע יאָרן געשען מיט אַ סך יונגע לײַט אין אונדזערע יעמאָלטיקע יוגנט־יאָרן. און דאָס זעלבע איז געשען אויך מיט מיר.

קאַלניק און איך האָבן זיך אַ מאָל צערעדט װעגן דעם ענין — און באַשלאָסן, אַז מיר זענען גײַסטיקע ברידער. עס שטימען די יאָרן און אויך די שטעט.

און אָט איז קאַלניק שױן 81 אַלט געװאָרן און אַװעק אין די בלױע הימלען. מסתמא מאָלט ער דאָרט װײַטער אויף דער יריעה פון דער אײביקײט, װאָס ער האָט נישט דערמאָלן אין ערדישע 81 יאָרן.

און לאָמיר צום סוף דערצײלן אַ כאַראַקטעריסטישן קאַלניק־עפּיזאָד. אין יענעם יאָר אין פּאַריז, װען קאַלניק האָט אונדז געװיזן צענדליקער ביל־דער זײַנע, האָט ער אַרײַנגעטראָגן פון זײַן אַטעליע אונדז צו װײַזן אַן אײַנ־שטײן־פּאָרטרעט. נאָר אַזױ גיך ער האָט אים באַװיזן, נאָך גיכער האָט ער אים פאַרדעקט. און דאָך האָט דער פּאָרטרעט באַװיזן ממש אַ בליץ צו טאָן מיט איבערערדישער שײנקײט.

פרעג איך מיט שטױנונג: — „קאַלניק, װאָס באַטײַט אײַער באַנעמען זיך מיט דעם אײַנשטײן־פּאָרטרעט?" און קאַלניק, אַזױ װי ער װאָלט זיך פאַרשעמט, ענטפערט: — „איך האָב דעם פּאָרטרעט נישט געטאָרט װײַזן. איך האָב דעם פּאָרטרעט פון דעם אָדם־עליון אײַנשטײן געצײכנט לױט אַ בילד — אַ פאָטאָג־ראַפיש בילד. אַ קינסטלער טאָר אַזאַ זאַך נישט טאָן.

און דער פּאָרטרעט איז נעלם געװאָרן.

און איך טראַכט מיר: — אויב מען טאָר נישט מאָלן בילדער לויט בילדער — דאַרף מען דאָך אַוודאי נישט קענען באַשרײַבן בילדער מיט ווערטער.

און פּאָרט ווילט זיך אַ דרײַ־פיר קאָלניקס בילדער באַשרײַבן — לויט... רעפּראָדוקציעס פון בילדער.

אָט איז אַ בילד: צוויי קאַליקעס גייען, מער מיט שטעקנס ווי מיט פיס, און גייען אָנגעלענט איינער אויפן אַנדערן — מיט אַזוי פיל ליבע, גלויבן און פאַרטרוי. דער מאַן קוקט מיט אַזוי פיל זאָרג אויף זײַן ווײַב. און זי קוקט מיט פאַרלאָשענע, ווײַסע אויגן — צום הימל און צום גאָט אין הימל. און דער בליק זאָגט: עס איז נאָך פּאָרט אַ גוטע, מענטשלעכע וועלט.

און נאָך אַ בילד: אַלטע, אַן אייביקייט אַלטע, אָרעמע מאַן און ווײַב. זי — אַן אײַנגעוויקלטע זיצט בײַ איר קראָם אין גאַס. און די גאַנצע קראָם איז ווערט אפשר אַ פופציק גראָשן. און ער, דער מאַן, זיצט זיך דאָ ערגעץ אין זייער שטוב, פאַרטראַכט און פאַרטיפט און לערנט, לערנט אָן אַ סוף. און ביידע טראַכטן זיי מיט הימלישער ליבשאַפט איינער וועגן אַנדערן. ווער קען זיך גלײַכן צו זיי און זייער גליק.

און נאָך אַ בילד: אַן ערב־שבתדיקער טיש. ער איז בלויז צוגעגרייט. די באַלעבאַטים זענען נאָך אין בית־המדרש. אָבער יעדע זאַך אויף דעם טיש איז שוין שבתדיק. דאָס קלאָרע טישטעך, דער אויפגעמאַכטער סידור, ווי ער וואָלט אַליין געדאַוונט, די מעשענע לײַכטערלעך אָנגעצונדענע מיט הייליקער ליכטיקייט, און דער קוילעטש אויפן טיש — אַ טיף שבתדיקע שטילקייט אַרום — און דער אָרעמער שבת־טיש איז די הייליקייט אַליין און זי ציט זיך אַרויף, אַרויף ביזן הימל.

אַ ייִדישער טיש — און גלײַכצײַטיק אַן אַלמענטשלעכער און אַלגעטלעכער.

און איצט וועלן זיי זיך באַגעגענען אין הימל — דער מײַסטער וועט דערזען זײַן ווערק און דאָס ווערק וועט ווידער דערזען דעם מײַסטער.

מאַנע קאַץ

געבוירן אין 1894 אין קרעמענטשוג. זינט 1920 אין פּאַריז. געוווינט אין אַ צענדליק שטעט, געוואַנדערט דורך צענ־דליקער לענדער. געשטאָרבן דעם 9טן סעפּטעמבער 1962 אין תּל־אָביב.

ער איז געווען איינציק אין זײַן מין, דער וועלטבאַרימטער ייִדישער מאָלער מאַנע קאַץ. ער האָט אָן אַ שיעור געאַרבעט — איבערגעלאָזן, בײַ מיר איז רעכט, צען טויזנט בילדער און צייכענונגען. און ער האָט אָן אַ שיעור גאָרנישט געטאָן. ער איז געווען אַ קליינער — די ווײַסע, אין די לעצטע יאָרן, טשופּרינע האָט אים אַ ביסל גרעסער געמאַכט. און קליין איז ער געווען, אַזוי האָט זיך געדאַכט, כּדי ער זאָל גרינגער קענען אַרומפליִען. עס האָט זיך געשאַפן דער אײַנדרוק, אַז ער פליט נישט מיט עראָפּלאַנען, פאָרט נישט מיט באַנען, שיפט זיך נישט מיט שיפן — און נײַערט ער פליט מיט געהיימע, אַליין געמאַכטע פליגלען. אַ מאָל איז אויסגעקומען. אַז זײַן צעפלויגענע טשופּרינע — דאָס זענען טאַקע זײַנע פליגלען. אָט איז ער געווען דאָ און אָט איז ער שוין דאָרט. ווו האָב איך אים אַלץ באַגעגנט? אין וואַרשע, אין לאָנדאָן, אין פּאַריז, אין ניו־יאָרק, אין תּל־אָביב, אין מאָנטרעאָל. ווו האָב איך אים נישט באַגעגנט? און אומעטום ווו קאַץ — דאָרט אַן אויסשטעלונג פון זײַנע בילדער. און אויך די בילדער — פאַרביקע, פלאַטערנדיקע לאַנדשאַפטן, ווי אונטער אַ שטענדיקן רעגן־בויגן, געשטאַלטן אַרומגעפלאַטערט מיט אַלערליי קאָליריקע שאַלן, קיין זאַך שטייט נישט אויף אַן אָרט. אַלץ פליט. אַזוי ווי מאַנע קאַץ אַליין — זייער באַשאַפער.

ער איז ייִדיש און ער איז וועלטיש, ער איז וועלט־ייִדיש. פּאַריז מיט שטעטל געמישט. אָבער דאָס שטעטל שווימט אַלע מאָל אַרויס אויף דער אייבערפלאַך. אַפילו, אַז ער מאָלט צירקוס־געשטאַלטן אויף פערד, ריזיקע פערד, ווײַסע פערד, זענען דאָס אַלץ ייִדישע קונצן־מאַכערס פון פּרצעס „פאָלקס־טימלעכע געשיכטן“. אייגנטלעך מאָלט קאַץ אייביק פאָלקסטימלעכע געשיכטעס, אָבער אין תּוך נישט פּרצעס, נאָר זײַנע אייגענע. ער שאַפט אַ ייִדישן סטיל, וואָס גייט אַ ביסל פּאַראַלעל מיט מאַרק שאַגאַלס סטיל, אָבער ער איז זײַן אייגענער — מאַנע קאַצעס. זײַנע געשטאַלטן, ייִדישע געשטאַלטן, בעיקר חסידים אין שטרײַמלעך און ייִנגלעך מיט יאַרמלקעס און ציצית אין דרויסן, איבער די הייזלעך, זענען זייער רעאַליסטיש, נאָר רירסטו זיי אָן מיט די הענט — הייבן זיי אָן צו פליִען. זיי זענען מער נשמה ווי גוף.

מאַנע קאַץ חברט זיך אַלע זײַנע יאָרן מיט ייִדישע שרײַבערס. ער דרינגט

זיי דורך און ער לערנט פון זיי, שעפּט פון זיי און — זיי שעפּן פון אים. ער אילוסטרירט גערן יידישע ביכער. ער טוט עס אָן אַ גראַשן, כאָטש פאַר איי־לוסטרירן נישט־יידישע ביכער צאָלט מען אים אַ סך. דורך די ווערק פון יידישע שרײַבערס איז ער זיך מתיחד מיט זײַן אייגענעם שאַפערישן עלעמענט.

ער האָט אַ יידיש פּנים, מאַנע קאַץ, און אין פּנים אויגן, וואָס האַלטן אין איין פּליען און — — מאָלן. זײַנע בלויע אויגן זעען נישט, זיי מאָלן. אַזוי פליען כסדר די געמאָלטע און געצייכנטע אויגן פון זײַנע געשטאַלטן. יידישע אויגן. אָט איז ער אין דער מאָנטרעאָלער יידישער ביבליאָטעק — 1954. אין איין מינוט איז ער דורכגעפלויגן אַלע זאַלן, צימערן, גערעדט, געפרעגט, זיך אַליין געענטפערט. מען לייגט אים פאַר דאָס באַזוכער־בוך און מען קערט זיך אָפּ דיסקרעט — נישט צו שטערן אים בײַם אַרײַנשרײַבן, איין מינוט שפּעטער — ער איז נישט קיין שרײַבער, האָט ער אַרײַנגעצייכנט אַ הערלעכע יידישע געשטאַלט, מיט אַ שטרײַמל — ווי דען — און מיט גליענדיקע אויגן. דאָס אַלץ האָט געדויערט זעכציק סעקונדעס.

אַ שפּרונג קיין פּאַריז. מאַנע קאַצעס סטודיאָ. אַ מוזיי, אַ טשודנער מוזיי. וואָס דאָ טוט זיך אַלץ! און אַלץ אין אַ פּערפעקטער אָרדענונג־אומאָרדענונג. מאַנע קאַץ איז אויך אַ זאַמלער פון אַנטיקן — בעיקר יידישע. ער קויפט אויך בילדער און דווקא אָפּט פון יונגע קינסטלערס. אַ מאָל בין איך איבערראַשט געוואָרן, ווען מײַן זון און מײַן שנור — ביידע מאָלערס — יאָסל און אדרי בערגנער, האָבן מיר אין צפת דערציילט, אַז מאַנע קאַץ — דער וועלט־באַרימטער מאָלער — האָט בײַ זיי, דעמאָלט נאָך גאַנץ יונגע, געקויפט בילדער. ער איז אַ חבר פון אַלע יידישע שרײַבערס און אַ ברודער צו אַלע יידישע מאָלערס. ער האָט נישט קיין מישפּחה קיין אייגענע. ער האָט עטלעכע היימען — צו מאָל האָט ער דרײַ היימען געהאַט — אין פּאַריז, ניו־יאָרק און רמת־גן — גלײַכצײַטיק. ער איז אומעטום און אין ערגעץ נישט. ער איז אין דער וועלט פון קונסט, וואָס איז אויך אומעטום און אין ערגעץ נישט.

נאָר לאָמיר זיך אויף אַ רגע אומקערן אין מאַנע קאַצעס פּאַריזער סטודיאָ. מאַנע קאַץ האָט ליב צו איבערראַשן. ער ווײַזט מיר זײַנע רײַכע זאַמלונגען פון בילדער־אַנטיקן און חפצים־אַנטיקן. וואָס מער טשודנע אַ זאַך איז — אַלץ מער פאַרכלינעט ער זיך בײַם רעדן וועגן דעם שנעל־שנעל־שנעל מיט זײַן, אַ ביסל זינג־זאַנגיקער שטים — אָט ווי ער וואָלט געלערנט חומש מיט רש״י אין חדר. נאָר אָט גיט ער אָן עפן אַלע שופלאָדן פון אַ גרויסער אַלטמאָדישער קאָמאָדע — און זי איז פול מיט טויזנטער מינים „לשנה־טובה״־קאַרטלעך און „כתיבה־וחתימה״־בריוולעך. געשריבענע, געכתיבעטע, געדרוקטע, שוואַרצע און פאַרביקע, אַלטע און נײַע, קלוגע און נאַרישע, פאַלקסטימלעכע און מאָדערנע, פון הײַנט און פון אַ מאָל, פון אַלע לענדער פון דער וועלט. דערזען,

אַז איך בין באַגײַסטערט, איז מאַנע קאַץ מלא־שימחה. ער פֿרייט זיך מער מיט דער קאָלעקציע ווי מיט אַלע זײַנע בילדער, וואָס זענען צעשפּרייט און צעזייט איבער אַלע גרעסטע מוזייען פֿון דער וועלט — אַ שלל, אַ ים, ווו זענען נישט דאָ מאַנע קאַצס בילדער? נאָר אָט גייט מיר מאַנע קאַץ ווײַזן נאָך עפּעס — זײַן אייגענע מיקווה, וואָס ער האָט זיך אויסגעבויט אין זײַן סטודיאָ אין פּאַריז — אַ תּחום שבת ווײַט פֿון לוווּר — דער וועלטס באַרימטסטן מוזיי. פֿאַרשטייט זיך, אַז פֿאַר דעם אַרײַנגאַנג, אויף דעם ברוק, זענען דאָ בילדער אויסגעלייגט אין שטיינדלעך און עס איז דאָ אַן אויפֿשריפֿט. וואָס דאָס איז. נאָר דאָ שטייט נישט געשריבן „מיקווה״ — ווי עס דאַרף צו זײַן — און נײַערט „מקבה״. קוק איך אויף מײַן גאַסטגעבער און בין אַ ביסל צעטומלט. מילא, אַ דרוקגרײַז אין בלײַ, אָבער אַ גרײַז אין אַ מאָזאַיִק פֿון שטיין? קוקט מיך אָן מאַנע קאַץ און צעלאַכט זיך: — וואָס איז די קונץ אויסצולייגן ווי מען דאַרף? אַ קונץ איז צו מאַכן אַנדערש ווי אַלע.

איך ווייס נישט צי מאַנע קאַץ האָט געקענט אין די שוואַרצע פּינטעלעך. אפשר איז די „מקבה״ און נישט „מיקווה״ טאַקע געווען אַ חנדל און אפשר נישט. צו וואָס האָט ער געדאַרפֿט קענען די שוואַרצע פּינטעלעך, אַז ער איז געווען אַליין עפּעס אַן אויסטערליש ייִדיש אות, וואָס איז גאָר נישטאָ אין אַלף־בית...

ווי אַ פֿויגל צום נעסט צו נאַכט צו, האָט עס אים — מאַנע קאַצן — געצויגן אין פֿאַר נאַכט פֿון זײַן לעבן קיין ארץ־ישׂראל. אַלע זײַנע בנינים און זאַמלונגען האָט ער איצט געטראָגן קיין מדינת־ישׂראל — געהאַט הײַזער אין רמת־גן און אין חיפה. פֿון אַלע וועלטן — צוריק אַהיים. אַזוי ווי זײַן קינסט־לערישע נשמה האָט עס פֿאַרשטאַנען.

מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, שווער פֿאַרשלאָפֿט אין פּאַריז — האָט ער באַפֿוילן, אַז מען זאָל אים אָט אַזוי, שלאָפֿערהייט, „אַריבערפֿליִען״ קיין ארץ־ישׂראל. דאָ איז ער אויסגעגאַנגען.

צונויפֿגעלייגט די פֿליגלען, וואָס מיט זיי איז ער געפֿלויגן איבער שיבֿעה ימים כּמעט זיבעציק יאָר און — אַזוי האָט זיך געדאַכט — מיט זיי אויך געמאָלן זײַנע פֿלאַטער־ייִדן. צונויפֿגעלייגט ווי אַ געשטאָרבענער פֿויגל — און געוואָרן נאָך קלענער און אײַנגעזאַמלט געוואָרן צו זײַנע זיידעס און עלטער־זיידעס אין דער ייִדישער אייביקייט.

פּיניע קאַץ

געבוירן אין יאָר 1882 אין אַ שטעטל, כערסאָנער גוּ־בערניע. פופציק יאָר פון זײַן לעבן — אין אַרגענטינע. 1929 — רײַזעס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און אין אייראָפּע. געשטאָרבן אין בוענאָס־אײַרעס 9טן אויגוסט 1959.

אין שמועס און אין דער באַנעמונג מיט מענטשן איז פּיניע קאַץ — פּינחס כּץ לויט זײַן ריכטיקן טראַדיציאָנעלן נאָמען — געווען אַן אויסגעשפּראָכענער טיפּ פון אַ נחבא אל הכּלים. איך האָב געזאָגט: „אין שמועס און אין דער באַנעמונג”, מחמת נישט אַזוי אין אויסזען. אין אויסזען דווקא אַן אַנזעעוו־דיקער. מיטל־הויך, טונקל־בלאָנדער דרום־רוסישער טיפּ, וואָס באַשטעטיקט די געשיכטע פון די כּוזרישע גרים. אפשר נישט פון דעם טאַטנס צד, ווײַל ער איז דאָך געווען אַ כּהן, אָבער פון מאַמעס און באָבעס צד — זיכער. ווי אַלע נחבא אל הכּלים־טיפּן האָט פּיניע קאַץ שנעל און נישט דײַטלעך גערעדט. אַ שנעלער פּסוק און אַ פּויזע. אַ שנעלער פּסוק און אַ פּויזע. און אפשר אויף צו קאָמפּענסירן זײַן אײַנגעבוירענע ענוות און שעמעוודיקייט — איז ער שוין גאָר אַגרעסיוו געווען אין זײַן שרײַבן און אין זײַנע געזעלשאַפטלעכע מעשׂים.

אַ ייִד מיט אַ סך גירסא דינקותא אין ייִדישע ענינים און אַ סך, מיט התמדה, דערוואָרבענעם אַלגעמיינעם וויסן, אַ מענטש, וואָס האָט ליב געהאַט אָרדענונג אין לעבן, און דאָס לעבן באַלעבאַטיש אײַנגעאָרדנט. ליב געהאַט אַרבעט. און דווקא מיט פיזישער אַרבעט, ווי אַן אײַבינדער, האָט ער אָנגעהויבן זײַן קאַריערע צוליב פּרינציפּיעלע טעמים, לויט דער מאָדע פון סוף נײַנצנטן יאָרהונדערט — אָט אַזאַ ייִד איז געווען פּיניע קאַץ. איז טאַקע אוממעגלעך געווען צו פאַרשטיין פון וואַנעט עס האָט זיך צו אים גענומען זײַן לינק־שאַפט. נאָר מיט דער הילף פון דער דיאַלעקטיק פון באַציִונגען צווישן מענטש און מענטש האָט מען עס געקענט באַנעמען. פּיניע קאַץ איז דרײַ צענדליק יאָרן לאַנג געווען דער רעדאַקטאָר פון דער גרויסער טעגלעכער צײַטונג אין אַרגענטינע „די פּרעסע”. זײַן הויפּט־מיטאַרבעטער איז געווען אַלע די יאָרן דער דינאַמישער פּובליציסט, זשורנאַליסט, קריטיקער, דראַמאַטורג, נאָוועליסט, פעליעטאָניסט, אָראַטאָר יעקב באָטאָשאַנסקי. און יעקב באָטאָשאַנסקי איז שטאַרק אַנטילינק געשטימט. זענען זיי טאַקע געווען טעזע און אַנטי־טעזע, אָדער אַנטיטעזע און טעזע. איך קען נישט וויסן וואָס איז וואָס און ווער איז ווער דאָ אין דעם פאַל. אַ דאַנק פּיניע קאַצן האָט אָט די גרויסע צײַטונג, באַשטימט פאַר ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר און פון אַלע שיכטן, אײַנגעפירט און

אָנגעהאַלטן ביז מיט עטלעכע יאָרן צוריק דעם פֿאַנעטישן אויסלייג פֿון די העברעיִשע עלעמענטן אין ייִדיש, ווי עס איז דער שטייגער געווען אין ראַטן־פֿאַרבאַנד ביז דעם יאָר 1948, ווען עס איז דאָרט לחלוטין אָפּגעווישט געוואָרן דאָס ייִדישע אות.

אָבער דאָס אַלץ האָט נישט קיין שײַכות צום ענין פֿון קענען שרײַבן אין אַן אויסגעצייכנטן ייִדיש־לשון, פּשוט אַ מחיה צו לייענען. אַ סטיל אָן פּליטערלעך, אָבער אויך לחלוטין אָן שום צויטן. ריין — נחת. און אַ לאָגישער און גוטער בעל־מסביר. די צרה איז נאָר געווען, וואָס ער האָט געוואָלט מסביר זײַן כּסדר עפּעס, וואָס לייגט זיך נישט אויפֿן שׂכל פֿון אַ האָרעפּאַשנעם ייִד פֿון אַ גאַנץ יאָר, אויב ער געפֿינט זיך נישט אין גדר פֿון דעם אײַזערנעם פֿאָרהאַנג און מוז נישט דווקא זאָגן יאָ צו עפּעס, צו וואָס עס ווילט זיך זאָגן ניין.

פֿון זײַנע טויזנטער זשורנאַליסטישע אַרטיקלען האָט פּיניע קאַץ פֿונדעסטוועגן אָפּגעשפּאָרט אַן אויסקלייב פֿון אַ צען 200־זײַטיקע בענד כּתבֿים. דער עיקר וועגן ייִדן אין אַרגענטינע, געשיכטע פֿון דער קאָלאָניזאַציע און אויך דעם אַרגענטינער צווײַג פֿון דער ייִדישער וועלט־ליטעראַטור און דערצו אַ געשיכטע פֿון דער ייִדישער פּרעסע אין אַרגענטינע. און גראָד דאָס איז אַ דינאַמישע געשיכטע, ווײַל אַזוי איז דער ייִשובֿ דאָרטן. אויף וויפֿל זיי אַגיטירן נישט — זענען דאָס ביז גאָר אינפֿאָרמאַטיווע אַרבעטן פֿון בלײַבנדיקן ווערט. און נאָך עפּעס האָט פּיניע קאַץ צוגעטראָגן ווי אַ מתּנה דער ייִדישער ליטעראַטור: אַ פֿולע דאָן־קיכאָט־איבערזעצונג אין אַן אויסגעצייכנטן לשון. און טאַקע אַ פֿול בוך, געמאַכט לויט דעם אָריגינאַל פֿון די יאָרן 1605 און 1615. אָבער דאָ האָט פּיניע קאַץ אַליין געשפּילט אַ דאָן־קיכאָט. דאָס ריזנווערק פֿון 1000 זײַטן איז דערשינען מיטן פֿאָנעטישן אויסלייג פֿון די העברעיִזמען, כאָטש אַפֿילו אין פּוילן דערשײַנען ייִדישע ביכער מיט דעם טראַדיציאָנעלן אויסלייג.

אין יאָר 1929 האָב איך פּיניע קאַצן דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט אין וואַרשע. ער איז דעמאָלט געווען אויף אַ צוריקרײַזע פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד. וויסנדיק, אַז דער גראָשן איז בײַ אים אַ געציילטער — און ער איז דאָך עפּעס מײַן רעדאַקטאָר אין דער „פּרעסע" — האָב איך אים מיט צוריקהאַלטונג פֿאַרבעטן בײַ מיר צו וווינען, און די דירה מײַנע איז באַשטאַנען פֿון עטלעכע הילצערנע דאַכשטיבלעך אויפֿן פֿינפֿטן גאָרן. גערן האָט ער אָנגענומען די פֿאַרבעטונג און ער האָט אַלע אומבאַקוועמלעכקייטן פֿאַרטראָגן מיט אַן אויסנאַמלעכער זעלבפֿאַרשטענדלעכקייט. ער האָט, ווײַזט אויס, זײַן לינקשאַפֿט ערנסט גענומען. דער עיקר נאָך דער רײַזע. עס איז געווען דאָס יאָר 1929 און אַלע ייִדישע אינסטיטוציעס אין יענעם לאַנד נאָך אין פֿולן בלי.

אין יאָר 1935 בין איך דורכגעפאָרן דעם ראַטן־פאַרבאַנד, פון לענינגראַד ביז כאַרבין און, נאַטירלעך, געשריבן אַן אומצאָל אַרטיקלען אויף פאַר דער „פרעסע״. געשריבן ווי און וואָס געטראַכט. אין 1938 האָב איך געוויילט אין אַרגענטינע. פרעגט מיך אַ מאָל אַ ייִד אַ קורא וותיק: אַ מאָדנער ייִד זענט איר, איר זענט דורכגעפאָרן דעם ראַטן־פאַרבאַנד, אָבער אַרטיקלען האָט איר געשריבן נאָר ביז דער גרענעץ און נאָך דער גרענעץ. האָט איר דען אין לאַנד גאָרנישט געזען ?... לויף איך אַרײַן מיט אַ טענה צו פיניע קאַצן: היתכן ?! בײַ דעם איז עס געבליבן. זעענדיק ווי ער לײַדט פון דער עוולה וואָס ער האָט אָפּגעטון, האָב איך קיין מאָל מער נישט גערעדט וועגן דעם. אויך נישט ווען איך האָב אים אָפּט באַזוכט אין זײַן היים פול מיט ביכער. די היים פון אַ מתמיד. אויך די פרוי, געבוירן אין לאָנדאָן, גוט אָריענטירט אין אַלערליי פּראָבלעמען. און וואָס פאַר אַ פילשרײַבער ער איז געווען — האָב איך קיין מאָל פון פיניע קאַצן קיין בריוו נישט באַקומען — כאָטש אַן אַ שיעור צו אים געשריבן. ער פלעגט צוגעבן, אַז דאָס איז פשוט אַ כראָנישע קרענק בײַ אים, אַ פּאָביע. — — אין דער ייִדישער פרעסע אין אַרגענטינע, נײַן, טאַקע אין דער ייִדישער וועלטפרעסע בכלל, אַ דײַטלעכע געשטאַלט: פיניע קאַץ.

1959

ד״ר אַברהם קאָראַלניק

געבוירן 1883 אין אומאַן, 1915 דאָס ערשטע מאָל, 1920 דעפיניטיוו אין אַמעריקע. געוווינט אין אַלערליי אײראָ־פּעיִשע שטעט. רײַזעס איבער אייראָפּע, נאָענטן מיזרח און צפון־אַמעריקאַנישן קאָנטינענט. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק, יולי 1937.

54 יאָרן אַלט געוואָרן איז ד״ר אַברהם קאָראַלניק און אַלע זײַנע רײַפע יאָרן געווען אַ וווּנדערקינד אין אונדזער יידישן לעבן. דאָס איז זייער אַ סך, גאָר אַ סך — דרײַ צענדליק יאָרן אויסצוהאַלטן אין דער ראָלע פון אַ וווּנדער־קינד. אָבער מער ווי אַ גרויס, גרויס וווּנדערקינד איז ער נישט געווען, האָט אפשר גאָר נישט געוואָלט ווערן. זײַן דאָקטאָר־טיטל האָט ער באַקומען פאַר זײַן דיסערטאַציע וועגן סקעפּטישער פילאָסאָפיע — ער אַליין איז אָבער געווען אַ ביסל אָנגערירט פון דער ציניִשער פילאָסאָפיע אין איר ריינסטער און שענסטער פאָרעם, אין איר ריינסטן און שענסטן אינהאַלט. נישט ווייניקער, אָבער אויך נישט מער.

דאָס האָט געמוזט זײַן אַרום יאָר 1903, אפשר 1902. דער יינגערער דור פון אונדזער ברייט פאַרצווײַגטער מישפּחה האָט שטאַרק געלייענט פון בעסטן, שענסטן און נײַסטן. האָט זיך דעמאָלט אין די יידיש־דײַטשע צײַטשריפטן באַוויזן דער נאָמען אַ. קאָראַלניק — און גלײַך מיט דעם נאָמען אַלערליי מעשׂיות און לעגענדעס ממש: אַז גלײַך פון דער ישיבה אַרויס האָט ער געשריבן אַ דיסערטאַצע וועגן פילאָסאָפיע, וואָס האָט דערשטוינט אַלע פּראָפע־סאָרן פון אַלע דײַטשע אוניווערסיטעטן, אַז ער באַהערשט פּערפעקט אַלע אייראָפּעיִשע שפּראַכן, אַז ער וואָלט געקענט זײַן אַ צווייטער גערהאַרד האַופּטמאַן, אַזעלכע מעכטיקע דײַטשע דראַמעס שרײַבט ער, אָבער ער — קאָראַלניק — וויל בעסער בלײַבן אַ ייד, מעג עס אים קאָסטן זײַן קאַריערע, אַז און אַז, און אַז... שפּעטער אַ ביסל האָט מען שוין דערציילט, אַז שוין, אַז קאָראַלניק האָט זיך אונטערגעגעבן, אַז נאָך דעם ווי ער האָט יאָרן לאַנג נישט געוווּסט אויף וועלכער וועלט ער גייט אייגנטלעך אַרום, האָט ער באַשלאָסן גאָרנישט מער צו האָבן צו טון מיט יידישקייט און שרײַבן נאָר דײַטש. אָבער דאָס אַלץ זענען נאָר מעשׂיות געווען.

קאָראַלניק האָט נישט באַלאַנגט צום מין פון די אייראָפּעיִשע שרײַבערס פון יידישן אָפּשטאַם. ער איז געווען אַ יידישער שרײַבער מיט אַזוי פיל אייראָפּע אין זיך, וויפל נאָר מעגלעך. לאָמיר זאָגן 49% אייראָפּע — די קרי־טישע צוויי פּראָצענט האָט ער קיין מאָל נישט אַריבערגעשפּרײַזט.

און פּונקט װי זײַן נשמה, אַזױ איז אױך געװען זײַן פּנים, זײַן אױסזען. עס איז געװען זײער אַן אױסדרוקפֿול, און זײער אַ קלוג און זײער אַ נישט דעפֿינירט פּנים פֿון אַן אײראָפּעער. זײער פּראָפּאָרציאָנעל, זײער אַקצענ־טירט. אױסדרוקפֿולע, אַ קלײן ביסל אונטערשמײכלענדיקע אױגן, אַן אױס־דרוקפֿול מױל מיט אַ ביסל אַן איראָנישן גרימאַס, אַן אױסדרוקפֿולע נאָז, װאָס קרימט זיך אַ ביסל אױף אַלץ און אַלעמען, נאָר זי טוט עס זײער פֿאַרשטעלט, און בכלל די מאַנירן: אי זײער חברישע, זײער אַמעריקאַניש־דעמאָקראַטישע און אי אײראָפּעיִש פֿון אױבן־אַראָפּיקע.

צי איז דאָס געװען דער געניאַלער זכרון, צי די אָריענטירונג־קראַפֿט, װאָס האָט ממש צו זיך קײן גלײַכן נישט געהאַט צװישן די ייִדישע שרײַבערס, אַ פֿאַקט איז, אַז ד״ר קאָראַלניק האָט װעגן אַלץ געװוּסט און װעגן אַלץ געהאַט אַ מײנונג און אַלע מאָל געלאָזט בײַ אײַך דעם אײַנדרוק, אַז ער זאָגט אײַך נישט אַלץ, װאָס ער װײסט. ער װײסט מער. האָט ער טאַקע געװוּסט מער, אָדער איז דאָס בלױז אַזאַ טריק געװען, — דאָס איז שױן קאָראַלניקס סוד און אין אָט דעם סוד איז געלעגן דער צױבער פֿון זײַן פּערזענלעכקײט. נישט געקוקט דערױף, װאָס ער האָט געשריבן אַלע מאָל אױף זײער נישט־פּאָפּולערע טעמעס, האָבן אים די רעדאַקטאָרן זײַנע נאָך מער ליב געהאַט װי זײַנע לײענערס. אײנער פֿון קאָראַלניקס רעדאַקטאָרן פֿלעגט מיר שעהען און שעהען נאָכאַנאַנד דערצײלן די נסים װעגן זײַן מיטאַרבעטער. ער האָט דערצײלט װי ער האָט אַ מאָל קאָראַלניקן אָבסערװירט אין משך פֿון צען מינוט איבערבלע־טערן אַ בוך, אין משך פֿון אַ האַלבער שעה שרײַבן װעגן דעם און — דער אַרטיקל האָט געמאַכט אַ גרױסן רושם. טעג לאַנג האָט מען װעגן דעם גערעדט.

אַ מאָדנע שריפֿט האָט קאָראַלניק געהאַט, זײער אַ דײַטלעכע שריפֿט, נאָר לײענען איז ממש געװען אוממעגלעך. עפּעס אַזױ װי פּרוּכטן געמאַכט פֿון װאַקס. אױסזען זעט עס אױס װי עפּל, באַרן, נאָר אײַנבײַסן — אוממעגלעך. עפּעס אַזױ װי אַ שריפֿט נאָר פֿאַר אים אַלײן. און אַזױ האָט ער אױך געהאַט װעגן אַלץ מײנונגען, נאָר פֿאַר זיך אַלײן. אים איז נישט אָנגעגאַנגען צי יענער װעט זײַן מײנונג אָננעמען אָדער נישט, אַבי ער האָט זי אַרױסגעזאָגט. זײַן אױפֿגאַבע איז געװען צו פּראָדוצירן אידעען און עס איז אים לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען צי זײַנע אידעען פּראָדוצירן שפּעטער באַװעגונגען. ער װאָלט עס גאָר נישט װעלן. אַן אמתער דיאַלעקטיקער, אָבער פֿאַר און קעגן אין אײן פּערזאָן. װי הײַנע, װאָס האָט אַ מאָל געזאָגט צו אײנעם װאָס האָט זיך גע־חידושט איבער זײַנע סתּירות: מײנסטו אױף אַן אמת, אַז איך בין אַלע מאָל מסכּים מיט זיך אַלײן?

נישט אײן מאָל האָב איך געהערט קאָראַלניקן רעדן. און אַ מאָדנע טבע פֿלעגט ער האָבן, אױב עס איז געװען אַ חברישער, קאָלעקטיװער

אַרויסטריט: ער פּלעגט קומען שפּעט, אַלע מאָל שטאַרק זיך אײַלן, מאָמענטאַל כאַפּן די סיטואַציע אין וואָס עס גייט, וואָס גיכער קומען צום וואָרט, אָפּרעדן זײַנס און שוין זיך אָנהייבן רוקן צו דער טיר און וואָס גיכער אין גאַנצן נעלם ווערן. וואָס זײַנע חברים האָבן צו זאָגן האָט אים נישט צו שטאַרק אינטערעסירט, ער האָט דאָך געקענט סײַ אין דער פאַרגאַנגענהייט און סײַ אין דער איצטיקייט ממש אַלע ריזן פון גײַסט, איז וואָס זשע קען אים שוין אינטערעסירן שמערל אָדער בערל.

אַ מאָל, דאָס איז געווען אין ניו־יאָרק, אין 1934, איז קאָראַלניק, ווי זײַן שטייגער, געקומען, אָפּגערעדט און אַ חבר האָט באַלד גענומען אַ וואָרט און אָפּגעענטפערט מיט היץ און מיט לײַדנשאַפט און פאַרענדיקט: „און וואָס האָט איר דערויף צו ענטפערן, דאָקטאָר?" — און זיך אַרומגעקוקט אין זאַל, אָבער דער דאָקטאָר איז שוין לאַנג געווען אויסגעטריקנט און קיין שפּור אַפילו נישט פון אים. ער איז שוין געזעסן ערגעץ אין אַ קאַפע, פאַרטיפט אין אַ שמועס וועגן גאָר, גאָר אַן אַנדערן ענין...

אַ מאָל האָב איך געמאַכט אַ לאַנגן נאַכטשפּאַציר מיט קאָראַלניקן אין ניו־יאָרק. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט געקענט אַזעלכע פּרטים אַפילו פון מײַן שרײַבן און טעטיקייט, אַז איך האָב ממש געשטוינט. עפּעס אַזוי ווי יענע קינצלער־בעלי־חשבון, וואָס רעכענען צוזאַמען צען צוועלפשטעליקע ציפערן מיט אַ בליק. — און מזל צו חברים האָט ער געהאַט. אַז ער איז געשטאָרבן האָט אַ חבר געוואַכט בײַ אים אַ גאַנצע נאַכט און אַלע מאָל צו צו אים און געקושט די טויטע הענט זײַנע.

ח. מ. קייזערמאַן

געבוירן 6טן מאַרץ 1884 אין פּיאַטראַ־ניאַמץ, רומעניע. געוווינט אַ צײַט אין פּאַריז, אין ארץ־ישׂראל. אין קאַנאַדע זינט 1910. רײַזעס איבער אייראָפּע און דרום־אַמעריקע. געשטאָרבן דעם 24סטן דעצעמבער 1950 אין מאָנטרעאָל.

זײַן פולער נאָמען איז געווען חנניה בן־מאיר קייזערמאַן־וויטאַל, פון צײַט צו צײַט פלעגט ער אויך שרײַבן אונטער פסעוודאָנימען, אָבער געקענט האָט מען אים בעיקר אונטער דעם נאָמען ח.מ. קייזערמאַן. לויטן אויסזען האָט ער באַלאַנגט צו דעם רומענישן צווײַג פון דער ייִדישער ראַסע. דיק, באָוועגלעך, אייביק צעשמייכלט איבער דער גאַנצער ברייט פון אַ ביסל ברייטלעכן פּנים, אַלע מאָל גרייט יענעם אַרומצונעמען, צו גלעטן, צו קושן אַפילו, נישט קיין חילוק — מאַן אָדער פרוי — און אויב פרוי, נישט קיין חילוק צי זיבעצן, צי זיבעציק יאָר אַלט... און רופט ער איינעם נישט מיט אַ דעמינוטיוו, מחמת ער האָט מורא צו אַ באַקאַנטן ליטעראַרישן נאָמען צוגעבן אַ פּאָר אותיות, אפשר וועט ער דורך דעם פעלשן די ליטעראַטור־געשיכטע, זאָגט ער דעם נאָמען אַרויס אַזוי זיס, אַז עס איז שוין במילא אַ דעמינוטיוו. דערלאַנגט ער די האַנט — און כאָטש אין אַמעריקע דערלאַנגט מען נישט די הענט, האַלט ער אָן דעם דאָזיקן רומענישן און סתם אייראָפּעישן מינהג זײַן לעבן לאַנג — האַלט ער די האַנט פון זײַן פרײַנד לאַנג אין זײַנער. ער וואָלט זי צום ליבסטן געהאַלטן דורך דער גאַנצער צײַט פון דער באַגעגעניש. שפּאַצירט ער אויף דער גאַס מיט וועמען, איז — געאָרעמט.

אַלע מאָל האָט קייזערמאַן זיך איבער עפּעס צו אַנטציקן, און ער אַנטציקט זיך — קוקן זײַנע שוואַרצע, ספּעציעלע רומעניש־ייִדישע אויגן, גלײַך אין דײַנע און בעטן מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל און מיט הכנעה אַפילו, אַז דו זאָלסט זיך אויך אַנטציקן. און טאָמער פּאָטאַקעוועסט דו, דו האָסט דאָס בוך אָדער דאָס ליד אויך געלייענט און ביסט אויך אַנטציקט, רופט דיך חנניה קייזערמאַן באַלד אַרײַן אויף אַ גלעזל קאַווע אין נאָענטסטן קאַפעהויז, ווײַל אַזאַ געשעעניש דאַרף מען פײַערן מיט אַ קליינעם מיניאַטור־באַנקעט.

פון פאַך איז ער געווען אַ בוכהאַלטער — לויט דער באַשעפטיקונג. צענדליקער יאָרן לאַנג אַן אָרגאַניזאַטאָר פון ייִדישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, גרינדער פון קאַנאַדישן ייִדישן קאָנגרעס און אימיגראַנטן־פאַראיין און רײַזנדיקער שליח פון אָט דעם קאָנגרעס איבער האַלבער וועלט עקסטענסיוו און איבער די קלענסטע לאָקאַלע ישובים אינטענסיוו. קייזערמאַן האָט זײַן באַשעפטיקונג ליב געהאַט, אויסגעלעבט זיך אין איר אויף דער ערד,

אַזוי צו זאָגן. אין זײַן אַנדערער באַשעפטיקונג — זײַן ליטעראַרישער אַרבעט — האָט ער זיך אויסגעלעבט אין הימל ממש.

אין יאָר 1934 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ מין ציטאַטן־אַנטאָלאָגיע מיט קאָמענטאַרן, 220 זײַטן, אונטערן נאָמען „ייִדישע דיכטער אין קאַנאַדע". אין דער הקדמה שרײַבט ער דאָרט: אַ ליטעראַטור באַשטייט נישט נאָר פון באַרגשפּיצן, נאָר פון מיטעלע און קלענערע טאַלאַנטן אויך, פּונקט ווי אַ וואַלד באַשטייט נישט פון אוראַלטע ריזנביימער אַאַז״וו. אים איז געווען היימ־לעכער אין דער געזעלשאַפט פון קלענערע ביימער. נישט חלילה ווײַל ער האָט די ריזנביימער נישט גערן געהאַט, נאָר ווײַל אין זייער געזעלשאַפט האָט ער כּסדר געמוזט, אינערלעך געמוזט, קוקן אַרויף. און ווי לאַנג קען דאָס אַ מענטש אויסהאַלטן שטייענדיק כּסדר מיטן קאָפּ פאַרריסן אין דער הייך צום שפּיץ־בוים ?...

און בײַ אַל דער הכנעהדיקער ליבשאַפט און אַכטונג צו יענעמס מיינונגען, האָט זיך אָבער קייזערמאַן מיט אַלע מיטלען אָנגעהאַלטן אָן זײַנע אייגענע מיינונגען, אָפט קעגן זײַן גאַנצער סביבה אַפילו. ער האָט מיט אָן עקשנות, וואָס איז ממש צו באַוווּנדערן, פאַרטיידיקט זײַן ליבשאַפט צו די ווערק פון שלום אַש, אײַנשליסנדיק אויך די לעצטע.

ער האָט געוואָלט זײַן ליבשאַפט צו דער ייִדישער ליטעראַטור קרוינען מיט צוויי ווערק: אַן אויספירלעכע אַנטאָלאָגיע פון דער ייִדישער ליטעראַ־רישער שאַפונג אין קאַנאַדע און אַ מאָנאָגראַפיע פון י. י. סיגאַל. ביידע זאַכן האָט ער נישט באַוויזן אויסצופירן מער. ער האָט ליב געהאַט צו שרײַבן בריוו, אָפט אויך צו מענטשן מיט וועלכע ער האָט זיך טעגלעך באַגעגנט. און בריוו זענען דאָס געווען מיט אַ קלאָרער האַנטשריפט און מיט אַ ברייט פאַרנעמיקער אונטערשריפט, מיט אַ לאַנגן אַלטמאָדישקן „ציק" אונטער דעם נאָמען, וואָס האָט ענלעך געמאַכט די חתימה צו אַ חתימה פון מאַריאַ טערע־זאַס צײַטן. אָט די בריוו האָבן געהאַט אַ ספּעציעלע סיבה אָפט מאָל און אָפט מאָל איז קייזערמאַן אין זיי געווען אַ ביסל אַן אַנדערער פון דעם קייזערמאַן אין פּערזאָן. אָפט אַגרעסיווער און אַפילו קעמפעריש. קוקנדיק גלײַך אין די אויגן פון אַ חבר איז אים שווער געווען צו אָפּאָנירן, אָבער ער איז דאָך פאָרט מיט דעם, אָדער מיט יענעם נישט מסכּים געווען, נו האָט ער זיך פאַרשאַנצט אין אַ פּאַפּירענער טראַנשייע פון אַ בריוו. אַזוי איז שוין לײַכטער געווען צו אַטאַקירן. געטראָפן דעם זעלבן אין גאַס, צו וועלכן ער האָט נעכטן אַ בריוו געשריבן — האָט ער זיך געהיטן צו דערמאָנען די קאָרעספּאָנדענץ.

דאָס ערשטע מאָל האָבן מיר זיך באַגעגנט אין יאָר 1920, אין ווין, בשעת דערשײַנען פון דער דאָרטיקער צײַטשריפט „קריטיק", אונטער דער רע־

דאַקציע פֿון משה זילבורג, און די באַגעגעניש האָט זיך פֿאַרגעדענקט. מיר האָבן אין ווין געוווּסט וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, אין די שטאַטן, די קלענערע צענטערן האָט מען קיין מאָל נישט געהאַט אין זינען. קײזערמאַן האָט מיט זײַן התלהבות פֿאַר אונדזער גרופּע ממש צעעפֿנט בײַע, אומבאַקאַנטע האָריזאָנטן פֿון דער ייִדישער וועלט־ליטעראַטור. ער איז דעמאָלט געווען אין די סאַמע בעסטע יאָרן פֿון זײַן קענען זיך באַגײַסטערן. האַלבע נעכט זענען מיר געזעסן אַרום אים אין קאַפֿעהויז און קײזערמאַן האָט דער־ציילט די נסים פֿון דער קאַנאַדער ייִדישער ליטעראַטור. און עס איז אויס־געקומען, אַז אין אָט דעם קאַלטן קלימאַט צעבליט זיך עפּעס אַ גרויסער מיסטישער פּראַסטוואַלד מיט ריזיקע און וווּנדערלעכע בלומען, ווי אַ בילד אויף אַ געפּרווירן פֿענצטער, אָבער אַ בילד מיט אַ בלײַבנדיקן ווערט. נאָך הײַנט זע איך די וויזיע, וואָס איך האָב אין יענע קאַפֿעהויז־אָוונטן געזען לעבעדיק פֿאַר די אויגן. איך האָב זי, די וויזיע, אַפֿילו דערמאָנט אין לעצטן שמועס מיט קײזערמאַנען, צוויי שעה פֿאַר זײַן אומגעריכטן טויט. גאָט איז גוט געווען צו אים און האָט אים צוגענומען, דעם גוטן מענטש, אָן אַ רגע אַפֿילו פֿון טויט־יסורים.

יקותיאל קיסין

געבוירן 1886 אין קאָוונע. זיין ריכטיקער נאָמען איז יקותיאל גאָרניצקי. געקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1904, געוווינט אין ניו־יאָרק. געשטאָרבן אין 1954.

חוץ זיין אייגענער רעכטער האַנט האָט אַב. קאַהאַן געהאַט נאָך רעכטע הענט, סיי אין „פאָרווערטס" און סיי אין אַלערליי געזעלשאַפטן, באַוועגונגען און — סתם. איינע פון די רעכטע הענט פון אַב. קאַהאַן אין „פאָרווערטס" איז י. קיסין. ער זיצט אַלע מאָל זייער נאָענט נעבן דעם רעדאַקטאָר, אַזוי אַז ער קען אים — איינער פון זיינע רעכטע הענט — ממש מיט זיין אייגענער רעכטער האַנט אָנרירן. אָבער דאָס ווערט דאָ נישט געזאָגט לגנאַי — חלילה. נישט אין פאַל י. קיסין. דאָ ווערט נאָר קאָנסטאַטירט דער וווּנ־דערלעכער פאַקט, וואָס אַ פיינער און קינסטלעריש זייער ערלעכער דיכטער קען מיט דער זעלבער רעכטער האַנט זיינער — אַלץ רעכטע הענט — שרייבן איין מאָל דורכויס אין דער שפּראַכלאָזער שפּראַך פון „פאָרווערטס" און אַן אַנדערש מאָל אין דעם פיינסטן און ראַפינירטסטן יידיש. י. קיסין איז נישט בלויז אַ פּאָעט און ווייל ער האָט אַמביציע דערצו און פעיִקייט — שרייבט ער פּאָעזיע, ווי אַ סך אַנדערע. ניין, ער האָט בפירוש אַ טיפן, אינערלעכן דראַנג צו פּאָעזיע. נישט נאָר זיין אייגענע פּאָעזיע האָט ער ליב, ער האָט אויך ליב פּאָעזיע פון אַנדערע פּאָעטן, ער שרייבט אָפט וועגן זיי. און אין דער וועלט־פּאָעזיע איז ער אַזוי פאַרליבט, אַז ער מאַכט אָפט פון איר די בעסטע איבערזעצונגען. און אַז ער איבערזעצט אַ ליד — איבערזעצט ער עס נישט בלויז, ער איבערלעבט עס, אַזוי צו זאָגן, פון רוסיש אָדער ענגליש אויף יידיש...

און אַז עמעץ שיקט אַריין אין „פאָרווערטס" אַן אַרטיקל, געשריבן אויף יידיש און מען וויל דעם אַרטיקל צוליב עפּעס אַ סיבה דרוקן, אָבער עס איז שווער אַריינצוגעבן אַן אַרטיקל, געשריבן אין אַ קאָרעקטן יידיש, אין דער צייטונג אַריין — און עס איז אויך שווער צו פאַרריכטן אַ גוטן יידיש אויף אַ שלעכטן — גיט מען די דאָזיקע אַרבעט זייער אָפט איבער י. קיסינען. זייענדיק אַ גוטער איבערזעצער מאַכט ער עס. דער „פאָרווערטס" האָט אַן אייגענע גראַמאַטיקלאָזע גראַמאַטיק און אַן אייגענע שפּראַכלאָזע שפּראַך און אַן אייגענעם וואָרטלאָזן וואָרטזאַץ און קיסין קען דאָס אַלץ און ער מאַכט עס.

מיר אַליין האָט עס אַ מאָל פּאַסירט. אַ מאָל האָב איך (אין 1934) געדאַרפט אויף גיך איבערזעצן פאַרן „פאָרווערטס" פון דייטש אויף יידיש

אַ בראָשור פון אַטאַ באַוער. איך האָב פאַרשרױפּט אין מײַן זכרון דעם קראַן פון די פּרעמדווערטער — וואָס איך באַנוץ זיי לײדער צו אָפט, פאַר־מאַגנדיק אַן אָרעמען ייִדיש — און בכלל זיך געמיט צו שרײַבן פּשוט. געהאַקט די לאַנגע דײַטשע זאַצן אין קלײנע שטיקלעך, געפּערטלט זיי, געצעצנטלט און דערלאַנגט דעם מאַנוסקריפּט. קיסין האָט באַקומען די אויפגאַבע מײַן מאַנוסקריפּט דורכצוקוקן. פינצטער איז מיר געוואָרן אין די אויגן, אַז איך האָב דערזען די קאָרעקטורן, ממש יעדעס וואָרט קאָרעגירט. איך האָב געוואָלט די אַרבעט צערײַסן, אָבער דער גוטער קיסין האָט מיך ממש געגלעט און באַרויִקט, אַז בײַ אַנדערע איז עס נאָך ערגער... ווײַזט אויס צוליב דעם ווײַל זיי קענען בעסער ייִדיש ווי איך...

אַ הויכער איז ער, קיסין, האָט אַ צאַרט פּנים מיט זײער גרויסע פּנים־שטריכן, אַ לענגלעך־ברײטלעכע נאָז, אַ ברײטלעך מויל, זײער גרויסע אויגן, גרויסע ברילן, אָבער צוזאַמען איז דאָס פּנים זײער אײדל און דער בליק איז אַלע מאָל זײער העפלעך און די שטים איז אַלע מאָל זײער צאַרט און זײער שטיל און ער רעדט אַלע מאָל זײער האַרציק און כאָטש עס דאַכט זיך דיר, אַז נאָר די אומאויפריכטיקע קענען אַזוי אויפריכטיק־האַרציק רעדן — שטימט דאָס נישט. קיסין מײנט דאָס אַלץ וואָס ער זאָגט. כאָטש געקומען קײן אַמעריקע מיט אַ פיר צענדליק יאָרן צוריק — לעבט ער נאָך הײַנט אין אַ רוסישער וועלט, אָדער ריכטיקער — אין דער וועלט פון דער רוסישער פּאָעזיע פון אַ מאָל. ער האָט ליב צו רופן אַ חבר מיטן ערשטן נאָמען, דאָס איז רוסישער, אָבער צום ליבסטן האָט ער אײנעם ליב צו רופן מיט דער „אימיאַ אי אָטשעסטוואָ", מיטן רוסישן „בן". אויך מיך, כאָטש איך בין אַ גאַליציאַנער, האָט ער גערופן „זאַכאַרי יעפימיטש", ווײַל אַזוי וואָלט געוועזן מײַן „אימיאַ אי אָטשעסטוואָ", אויב איך וואָלט צופעליק געבוירן געוואָרן מיט אַ דרײַ הונדערט מײַל ווײַטער צו מיזרח.

איך האָב אַ מאָל „יעקוסיעל איזראַילאָוויטשן" — אַזוי איז י. קיסינס „אימיאַ אי אָטשעסטוואָ" באַזוכט אין זײַן הײם. אַ הײם פול מיט שײנקײט און שטילקײט, ממש אַ געהײמעניש־פולער שטילקײט. די שײנע פרוי קיסין דער־לאַנגט די אויסגעזוכטסטע מאכלים. אַזעלכע מאכלים וועט מען דערלאַנגען אין גן־עדן יענע פּאָעטן־וועגעטאַריער, וואָס האָבן אויף דער וועלט גוטע לידער געשריבן. און דער שטילער קיסין גײט פון צײַט צו צײַט צו זײַן ראַפינירט־צוזאַמענגעשטעלטער ביבליאָטעק און דערלאַנגט צו די שײנע מאכלים אַ סטראָפע פון אַ ליד פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן גאָרטן פון דער וועלט־פּאָעזיע. קיסין איז אין דעם גאָרטן אין דער הײם און ער האָט אים ליב, אַזוי ווי ביאַליק זײַן באַרימטן גאָרטן, און ער דערלאַנגט נישט פיל, נאָר פון דאָ אַ סטראָפע, פון דאָרט אַ שורה, פון דאַנעט אַ גאַנצן סאָנעט אַפילו,

אָבער נאָר אײנעם, און פון דאָרט נישט מער װי אײן װאָרט. פּאָעזיע איז נישט קײן שװאַרץ ברויט, נישט קײן טעלער מיט בולבעס, דאָס דאַרף נישט זאָט מאַכן, דאָס דאַרף נאָר אָנרײצן, אָנרעגן, אָנרירן, אַ גלעט טון, אַ בליץ טון...

אויב איך האָב קײן טעות נישט האָט קיסין קײן מאָל נישט אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג פון זײַנע לידער. אפשר דערפאַר װײַל ער האַלט פון אַנדערע פּאָעטן צו פיל און אפשר דערפאַר װײַל ער האַלט פון זיך צו פיל; מעגלעך, אַז ער האָט געװיסע פּלענער, נאָר ער היט זײ, ער שװײַגט װעגן זײ. אָפן רעדט ער װעגן אַנדערע פּלענער — אָט פּלאַנעװעט ער און פירט לאַנגע קאָרעספּאָנדענצן מיט חברים װעגן אַן אַנטאָלאָגיע פון איבעזעצונגען — עס דאַרף זײַן אַ לאַנגע סעריע פון קלײנע ביכלעך — יעדעס אַ פּערל. קיסין זעט שוין פאַר די אויגן די סעריע, ער האָט עס שוין דורכגעחלומט ביזן לעצטן דעטאַל, ער האָט עס שוין אַזוי דורכגעחלומט, אַז ער װעט עס שוין נישט דאַרפן מער פאַרװירקלעכן, װײַל ער אַלײן האָט שוין אַרויסגענומען דערפון דעם גאַנצן קינסטלערישן נחת אין דמיון. װעט שוין נישט קלעקן קײן ענערגיע צו פאַרװירקלעכן.

לויט די לעבנס־יאָרן, לויט די יאָרן אין אַמעריקע, לויט דעם קינסט־לערישן אני־מאַמין, געהערט קיסין צו די „יונגע״ — דער שטילסטער צװישן זײ. עס ברענגט אַזש אײנעם אַרויס פון געדולד, אַ מאָל װילט זיך צולויפן צו אים, אַ קלאַפּ טון אין פּלײצע: רעדט אַרויס אַ װאָרט. — און אַ שאָד, װאָס מען האָט עס נישט געטון באַצײַטנס. מיר װאָלטן אַ פּײַנעם באַנד לידער מער געהאַט אין דער ייִדישער פּאָעזיע. און אפשר קומט ער נאָך. נאָר אין אַ סוד פאַרהילט.

1943

ד״ר יוסף קיסמאַן

געבוירן אין יאָר 1889 אין אַ דאָרף אין דער בוקאָווינע.
שטודירט אין ווין, באַקומען דעם טיטל דאָקטאָר־יוריסט.
זינט 1938 אין אַמעריקע. געשטאָרבן יאַנואַר 1968.

ד״ר יוסף קיסמאַן און זײַן פרוי לאה — איך האָב זיי געקענט נאָך אין לעמבערג אַרום דעם יאָר 1908 — זענען געבוירן געוואָרן אין זעלבן יאָר — זי איז געשטאָרבן מיט 3 יאָר פאַר אים. אויף מײַנע טרייסטווערטער האָט ער געענטפערט: איך האָב פאַרלוירן אַלץ. נאָך 51 יאָר גיין צוזאַמען, אין גלײַכן טראָט — ווי קען מען ווײַטער גיין אַליין? זיי זענען געווען גלייביקע סאָציאַל־דעמאָקראַטן מיט אַ ייִדיש־נאַציאָנאַלן קולטורעלן צומיש. זענען זיי געוואָרן בונדיסטן. געוואָרן — געבליבן ביזן סוף.

כאָטש פיזיש נישט שטאַרק ענלעך — ער אַ שטילער, אַ צאַרטער, אַ קליינער, אַ ישיבה־בחור, וואָס איז געוואָרן אַ שטילער אַדוואָקאַט. זי — אַ סלאַווישער טיפּ. מוראַדיק ערנסט צו אַלץ — אָבער נישט פאַנאַטיש. זייער גאַנץ לעבן האָבן זיי זיך יעדן טאָג אויף ס'נײַ געוווּנדערט — פאַר וואָס די מענטשהייט לייזט זיך ניט אויס, האָבנדיק אַזאַ הערלעכע פּראָגראַם ווי עס איז די פּראָגראַם פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן אינטערנאַציאָנאַל. און פאַר וואָס לייזט זיך אַליין נישט אויס דאָס ייִדישע פאָלק — האָבנדיק די וועלט־פּלאַטפאָרמע פון אַלגעמיינעם ייִדישן אַרבעטער־בונד („בונד״).

אין מײַנע לעמבערגער יאָרן (1913-1910) זענען דאָרט דערשינען צוויי וואָכנשריפטן: „דער ייִדישער אַרבעטער״ — רעדאַגירט דורך בערל לאָקער, אַ פּועלי־ציוניסטישע; און „דער ייִדישער סאָציאַל־דעמאָקראַט״ — רעדאַגירט דורך ד״ר יוסף קיסמאַן — אַ בונדישע. אין פּויליש האָט זיך די בונדישע פּאַרטיי גערופן „זשעט־פּע־עס״ — (זשידאָווסקאַ פּאַרטיאַ סאָציאַליסטיטשנאַ).

איך האָב אין ביידע די וואָכנבלעטער פון צײַט צו צײַט געדרוקט אַ מאָל אַן אַרטיקל אויף אַ ליטעראַרישער טעמע, אַ מאָל אַ ליד. סײַ קיסמאַן און סײַ לאָקער האָבן דעמאָלט געטראָגן בערד — בערל אַ בלאָנדע און יוסף אַ טונקל־ברוינע. מײַנע אַרטיקלען האָב איך דעמאָלט אונטערגעשריבן מיט מײַן אמתן נאָמען: זכריה ה. בערגנער.

אַן אַדוואָקאַט דאַרף פאַרטיידיקן, דאָס איז זײַן שליחות. איז וויפל מאָל איך האָב געהערט קיסמאַנען רעדן, אָדער איך האָב געלייענט זײַנעם אַן אַרטיקל, האָט ער אייביק פאַרטיידיקט זײַן קליענט — די מענטשהייט. זאָל דער גרויס־קאַפּיטאַל נאָר צולאָזן און די וועלט וועט איבער נאַכט ווערן

אַ גן־עדן. אָבער די מענטשהייט האָט זיך נישט צוגעהערט צו די רייד פֿון איר נאַיִוועסטן און גלייביקסטן אַדוואָקאַט.

צווישן אונדזערע באַגעגענישן אין לעמבערג און די באַגעגענישן אין ניו־יאָרק — כּמעט אַ האַלבער יאָרהונדערט. דאָס זענען געווען יאָרן ווען נישט נאָר די קיסמאַנס האָבן געגלייבט, אַז די גרויסע גאולה איז שוין אָט־אָט־אָט — נאָר אַ גרויסער טייל פֿון דער מענטשהייט. אָבער די וועלט פֿירט זיך נישט לויט דער פּלאַטפֿאָרמע פֿון „בונד" פֿון יאָר 1897. נישט נאָר שטודירט נישט די גרויסע וועלט די פּלאַטפֿאָרמע פֿון „בונד", אָדער די פּראָגראַמען פֿון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, נאָר אַפֿילו איר אייגענע געשיכטע שטודירט זי אויך נישט, לערנט נישט פֿון די אייגענע טעותים.

און אָט זענען די קיסמאַנס אין ניו־יאָרק. און די בונדישע גרופּעס אין דעם קאָכיקסטן קאָכקעסל פֿון דער וועלט, דער אַרבעטער־רינג, דער ייִדישער אַרבעטער־קאָמיטעט — פֿילן עפּעס אַ חוב לגבי די קיסמאַנס, די פֿאָנען־טרעגערס פֿון אָפּטימיסטישן, סאָציאַליסטישן אידעאַליזם — זיי אַלע זענען דאָך אין אַ געוויסן זינען די גילגולים אין אַמעריקע פֿון דעם „בונד" אין מיזרח־אייראָפּע. גרינדן זיי אַ נײַע צײַטשריפֿט — אַ חודשדיקע — רופֿן זי אָן „פֿאַקטן און מיינונגען" און יוסף קיסמאַן ווערט דער רעדאַקטאָר. דער זינען פֿון דער צײַטשריפֿט איז דיסקרעט צו אינפֿאָרמירן די פּאָליטישע און קולטורעלע טוערס אויף דער ייִדישער גאַס, כּדי זיי זאָלן וויסן „מה שתּשיב", אַז מען וועט פֿרעגן.

דער פּאַסיקסטער קאַנדידאַט אויף צו רעדאַגירן אַזאַ שריפֿט איז נאַטירלעך יוסף קיסמאַן. יאָרן לאַנג האָט ער געאַרבעט אויף דעם פּאָסטן, געזוכט לײַכטנ־דיקע בלימעלעך אין דעם גן־גיהנום פֿון דער וועלט. אייגער פֿון די לעצטע אָפּטימיסטן־אידעאַליסטן פֿון אַ מאָל־אַ מאָל אין אַ וועלט, וואָס שפּרינגט אַקראָבאַטיש גילגול־אַרײַן און גילגול־אַרויס.

1968

קעהאַס קליגער

געבוירן 1904 אין לודמיר, וואָלין. פון 1936 אין אַרגענטינע. שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דער טאָגצײַטונג „די פּרע־סע" אין בוענאָס־אײַרעס

ער איז דעפינירט נישט דער פּאָפּולערסטער פּאָעט אין יידיש בײַ יידן — קעהאַס קליגער. אָבער דער פּראָדוקטיווסטער. וואָך־אײַן און וואָך־אויס, יאָר־אײַן און יאָר־אויס דערשײַנען אין די שבת־נומערן עטלעכע לידער זײַנע אין דער צײַטונג „די פּרעסע", ווו ער איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער. און אַזוי פּינקטלעך ווי עס זאַמלען זיך זײַנע לידער אין די הונדערטער אין דער „פּרעסע", ווו ער איז אַזוי צו זאָגן דער הויף־פּאָעט — אַזוי זעלטן דערשײַנען זיי אין דער יידישער וועלטפּרעסע. זיכער האָט ער שטענדיקע לייענערס אין אַרגענטינע, ווײַל זײַנע לידער זענען גוטע און איבערגעלעבטע, כאָטש נישט אַלע מאָל קלאָר־פאַרשטענדלעכע.

מיר האָבן זיך גוט געקענט און אָפט זיך באַגעגנט אין דעם יאָר פון מײַן ווײַלן אין אַרגענטינע — אין יאָר 1938. אָפט שפּאַצירט איבער די לאַנגע גאַסן פון בוענאָס־אײַרעס און גערעדט וועגן פּאָעזיע בכלל און קעהאַס קליגערס פּאָעזיע בפרט. ווען עמעץ וואָלט זיך צוגעהערט צו די דאָזיקע שמועסן אונדזערע, וואָלט ער באַקומען דעם אײַנדרוק, אַז די וועלט־סובסטאַנץ איז פּאָעזיע... און אין דער אמתן איז זי טאַקע, וואָרעם כּביכול האָט זי באַשאַפן פון ווערטער — און ווערטער — שיינע ווערטער — דאָס איז דאָך טאַקע דער עלעמענט און די סובסטאַנץ פון וועלכער עס באַשטייט פּאָעזיע.

האָט דער שרײַבער פון די שורות באַשלאָסן צו נעמען אַ וואַקאַציע פון צוויי שעה פון דער וועלט פון גרויזאַמער פּראָזע אין וועלכער ער איז פאַר־וויקלט און פאַרפּלאָנטערט — און ווער דען נישט אין אונדזער דור? — און פאַרברענגען זיי אין דער געזעלשאַפט פון די לידער פון דעם פּראָדוק־טיווסטן יידישן פּאָעט — קעהאַס קליגער.

איז לאָמיר אָנהייבן מיט דעם נאָמען קעהאַס. אַ זעלטענער נאָמען בײַ יידן: קהת. נישט געקוקט דערויף וואָס דער כּהת פון חומש איז געווען אַ גרויסער יחסן — אַן אייניקל פון יעקב אָבינו און אַ זיידע פון משה רבינו. אַזאַ נאָמען דאַרף מען אויסלייגן אין יידישע טעקסטן טראַדיציאָנעל ק־ה־ת. צווישן חברים שרײַבערס אין בוענאָס־אײַרעס איז אָנגעגאַנגען אַ וויכּוח צוליב דעם מיט דעם פּאָעט. אָבער קליגער איז באַשטאַנען אויף דעם פאָנעטישן אויסלייג קעהאַס. און אַז קעהאַס קליגער שפּאַרט זיך אײַן — פּירט ער אויס. אַגב האָט ער גענוג מיט זײַן אייגענעם משפחה־ייחוס. ער האָט אַ פעטער —

אַבע קליגער — גאָר און גאָר אַן אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט און אַן אינטערעסאַנטער שרײַבער. מיט איין וואָרט: קעהאַס.

חוץ דעם וואָס ער איז אפשר דער פּראָדוקטיווסטער ייִדישער פּאָעט, איז ער אויך אפשר דער פּראָדוקטיווסטער צווישן ייִדיש־זינגערס פון ליבע־לידער. און אַ מאָדנע זאַך: אויף דעם געביט פון ליבעלידער איז די וועלט־ליטעראַטור גאָר רײַך, אָבער די ייִדישע ליטעראַטור גאָר אָרעם.

אפשר איז קעהאַס קליגערן באַשערט צו זײַן דער פּאָעט, וואָס גלײַכט אויס דעם דעפיציט...

יאָ — אויף דעם געביט פון ליבעלידער האָט אונדזער ייִדישע ליריק אַ דעפיציט. דערפאַר אָבער אויף דעם געביט פון חורבן־לידער זענען מיר גרויסע גבירים.

און זען זעט ער אויס — קליגער — דווקא נישט פּאָעטיש־ליריש־סענ־טימענטאַל. גרויסע, שווערע פּנים־שטריכן און דערצו אַ טיפע, באַסאָווע שטים. און ער איז אַלע מאָל פול מיט טענות צו דער וועלט, און בעיקר דער ייִדישער וועלט, וואָס פאַרנעמט זיך אַזוי ווייניק מיט פּאָעזיע און אַזוי פיל מיט דער פּראָזע פון דעם ייִדישן וועלט־גורל.

אָבער לאָמיר שוין צוקומען צום ליד „איינס פון טויזנט".

מיר גיבן דאָ דאָס ליד, אָבער מיר גאַראַנטירן נישט, אַז דאָס איז טאַקע איינס פון טויזנט. מיר האָבן זיי דאָך אַלע טויזנט נישט געלייענט. עס איז דאָך ממש פאַר אַ מענטשן אוממעגלעך, אי איבערלייענען טויזנט לידער און אי דורכפירן אַ פאַרגלײַך.

אָט איז דאָס ליד, וואָס צוליב מליצה רופן מיר עס „איינס פון טויזנט". (און אפשר איז עס טאַקע?) עס רופט זיך: ווי צוויי ביימער און איז אַ ליבעליד פון אַ העכערער מדרגה.

ווי צוויי ביימער —
אין שטורעם פון טויט און יסורים, —
מיר פאַרפלעכטן,
מיר פאַרהאַלדזן זיך
אין זעלביקן ביטערן גורל.
אויב לעבן — איז אין איינעם,
אויב שטאַרבן — אויך אין איינעם.

נישטאָ קיין שרעק אין אונדזער אויג,
נישטאָ קיין ליאַרעם אין אונדזער בלוט,
נישטאָ קיין ציטער אין אונדזער געמיט.

מיר — צווײ ביימער.
צווײ שטאַמען מיט אַזוי פיל וואָרצלען
פאַרקנופטע און פאַרפלאָכטענע —
מיר זענען שטאַרקער פונעם שטורעם,
שטאַרקער פון יסורים.

דער פונק פרייד,
וואָס פינקלט אין דײַן שוואַרצאַפּל,
דער קוש,
וואָס וואַרט אויף דײַנע ליפּן,
דײַן וואָרט,
וואָס איז טויביש צאַרט און גלייביק —
אַלץ איז זיס און אייביק,
אייביקער ווי דער טויט.

ווי צווײ ביימער
אין געוויטער פון שאַרפע יסורים —
מיר פאַרגופן זיך
אין איין צער,
אין איין פרייד.

און אָט זענען די צווײ שעה פון מײַן וואַקאַציע — אין קעהאָס קליגערס פאַרשלייערטער וועלט פון פּאָעזיע — געענדיקט און איך גיי ווידער אַרײַן אין דער גרויזאַמער וועלט פון דער פּראָזע, גרויזאַמער רעאַלער וועלט. און אַזוי אויך איר, גוטע לייענערס מײַנע, מיט מיר צוזאַמען. גם־זו־לטובה — גוט כאָטש צווײ שעה גײַסטיקער אָפּרו.

1969

אַ. מ. קלײן

געבוירן אין מאָנטרעאָל אין יאָר 1909. אויסגעשטודירט אויף אַדוואָקאַט, אָבער ווייניק זיך אָפּגעגעבן מיט דער פּראָפעסיע. אין 1940 אַרויסגעגעבן די ערשטע לידער־זאַמלונג. געשטאָרבן אין מאָנטרעאָל — אויגוסט 1972.

ער האָט געשטאַמט פון פּוילישע ייִדן — זײַן פולער נאָמען איז געווען אַברהם משה קלײן. זײַנע ביכער און בכלל אַלע זײַנע ליטעראַרישע ווערק האָט ער אונטערגעשריבן א. מ. קלײן. אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער און קלאָרע איבערצײַגונגען און גלויבונגען. ער האָט געקענט זײַן — און איז געווען אַ נח לבריות, אָבער נאָר ביז אַ גרענעץ. ער האָט פײַנט געהאַט פירן וויכּוחים. ער האָט יענעמס דרך טאָלערירט אָבער האָט געוואָלט זײַן וועג אַליין געפינען און גײן אויף אים.

און צײַטן זענען עס קאָמפּליצירטע ביז גאָר. אַזוי פאַר יעדן ברנש בכלל און פאַר אַ ייִדישן מענטש בפרט. און דער עיקר פאַר אַ פּאָעט, וואָס וויל זײַן און איז אַ געטרײַער זון פון זײַן געמאַטערט פאָלק. און אויך אַ געטרײַער בירגער פון דער מלוכה אין וועלכער ער לעבט און לעבט זיך אויס קולטורעל. חסד עליון האָט א. מ. קלײנען געשענקט אַ גאָר גרויסן דיכטערישן טאַלאַנט — מוז מען אים אויסגעבן מיט אַ טאָלק. דיכטער זײַן איז קודם־כּל — לשון. א. מ. קלײן האָט גרונטיק געקענט פיר לשונות: עברית, ייִדיש, ענגליש, פראַנצייזיש. געשריבן זײַנע לידער און פּאָעמעס — נאָר אין ענגליש. אָן שום פּאָליטיק. אַזוי איז עס. נעם אָדער נעם נישט. ווער ווייסט וואָס פאַר אַ פּאָזיציע ער וואָלט פאַרנומען, ווען ער וואָלט געשריבן ייִדיש אָדער העברעיִש.

עס געדענקט זיך: אַ מאָל בין איך געזעסן אין דער ייִדישער פאָלקס־ביבליאָטעק אין מאָנטרעאָל און געפירט אַ פרײַנדלעכן שמועס מיט א. מ. קלײנען און דער שמועס איז צוגעקומען צו דער פּראָבלעם — צי קען מען זײַן אַ דיכטער פון אַ פאָלק — אָבער נישט אין זײַן לשון. אָן כּעס און אָן אַפילו אַ העכער וואָרט איז א. מ. קלײן ממש פאַרשוווּנדן... ער האָט פײַנט געהאַט די טעמע. ער האָט נאָך מער פײַנט געהאַט, אַז מען האָט אים געגעבן עצות — פון אַ נאַציאָנאַלן אָדער סאָציאַלן כאַראַקטער.

אין קאַנאַדע האָט מען א. מ. קלײנען אין די קולטורעלע קרײַזן באַטראַכט, און אָפּט וועגן דעם געשריבן, אַז ער איז דער בעסטער פּאָעט אין קאַנאַדע אין ענגלישן לשון. און אין די פראַנצייזישע קרײַזן האָט מען אים באַטראַכט ווי דעם בעסטן פּאָעט, וואָס האָט די ספּעציעלע כאַראַקטער־שטריכן פון דעם

פראַנצייזיש־קאַנאַדישן מענטש געגעבן אַ ליטעראַרישן תּיקון. אַ געזעמל פון אַט די לידער איז דערשינען אונטער דעם טיטל „די וויגשטול״. שוין די טיטלען פון זײַנע לידער־זאַמלונגען זענען געמאָסטן און געוויגן און אַלץ זאַגנדיק. און אַזוי איז יעדעס ליד זײַנס באַזונדער. ער האָט געהאַלטן — און דורך זײַנע ווערק עס געבראַכט צו אַ תּיקון — אַז אַ ליטעראַרישע שאַפונג מוז זײַן פערפעקט אין פאָרעם און פערפעקט אין אינהאַלט. ער האָט די לידער זײַנע פריִער איבערגעלעבט אין האַרץ און שפּעטער זיי איבער־געגעבן איבערגעענטפערט דער פּען. און זאָלן דאָ כאָטש אַ פּאָר אַזעלכע טיטלען פון קליינס ביכער דערמאָנט ווערן: „די צווייטע מגילה״; „פּאָרטרעטן פון אַ מנין״; „האָט דען אַ ייִד נישט״... (אַ שורה פון שעקספּירס דראַמע „דער סוחר פון ווענעדיק״ — שײַלאָק פאַרן געריכט), „די היטלעריאַדע״; „דער תּהילים פון אַברהם הקטני״ א״אַ.

קריטיקערס פון דער ליטעראַטור בכל־התּפוצות פון דער ענגליש־רעדנדי־קער וועלט באַצייכענען א. מ. קליינען אַט אַזוי: דער בעסטער ייִדישער פּאָעט, וועמענס לידער זענען געשריבן געוואָרן אויסשליסלעך אין דעם ענגלישן לשון.

דאָ און דאָרט האָבן זיך אין קליינס לידער אַרײַנגעריסן שורות פון צער און ספקות איבער דעם פּאַראַדאָקס פון זײַן באַלאַנגען גלײַכצײַטיק צו צוויי קולטורן. כּדאַי אין דעם שײַכות צו זאָגן די וויטעדיקע פּאָר ווערטער. אין מאָנטרעאָל — דער שטאָט אין וועלכער אַ. מ. קליין האָט אַלע זײַנע יאָרן אָפּגעלעבט — געפינט זיך אַ קאַטוילישער קלויסטער וואָס איז נאָך נישט אַזוי אַלט, אָבער שוין אַרומגעשפּונען מיט לעגענדעס. דאָס איז דער קלויסטער פון הייליקן יוסף, געגרינדעט געוואָרן פון אַן אָרעם־הייליקן מאָנאַך. דער קלויסטער איז געוואַקסן אַלץ גרעסער און העכער, כאָטש זײַנע מנדבֿים האָבן נישט געטאָרט געבן גרויסע מתּנות און נאָר ממש פּרוטות. דער קלויסטער איז איצט אַזוי גרויס, אַז ער דאָמינירט די גאַנצע הימל־ליניע (סקאַי־ליין) פון דער מעטראָפּאָליע פון קאַנאַדע. דער דערמאָנטער קלויסטער שטייט אויף אַ באַרג־פּלאַטאָ. צו דערגרייכן דעם הויפּט־טויער פון קלויסטער דאַרף מען אַרויפגיין אויף 99 טרעפּ. און די לעגענדע זאָגט אַז קראַנקע אויף די פיס, וואָס קענען זיך באַוועגן נאָר אויף קוליעס, קענען געהאָלפן ווערן אויב זיי וועלן גיין אויף די קני אויף די אַלע 99 טרעפּ. ביז צום הויפּט־טויער פון דעם קלויסטער. די לעגענדע גייט נאָך העכער — נאָך דעם קניִענדיקן גאַנג אויף אַלע 99 טרעפּ — קענען זיי איבערלאָזן די קוליעס, און... פאַרלאָזן זיך אויף גאָט.

דער דיכטער קוקט אויף אַט די הייליקע טרעפּ און ער זעט די צענדלי־קער גלייביקע, וואָס גייען שווער־אָטעמדיק אויף די קני באַרג־אַרויף און ער מעדיטירט אין זײַן ליד מיט צער אָט אַזוי:

און איך, וואָס אין מײַן אײגענער אמונה / האָב אויך אַזאַ גלויבן געהאַט ווי זיי, / האָב עס נישט מער, כאָטש איך בין אַ קאַליקע, / אַ בעל־מום — מערער נאָך ווי זיי.

אײן מאָל האָב איך צום דיכטער צוגעשיקט אַ קאָפּיע פֿון מײַנעם אַן אַרטיקל וועגן זײַנס אַ בוך. דער מאמר איז געדרוקט געוואָרן אין עטלעכע ייִדישע צײַטונגען בכל תּפוצות־ישׂראל. קליין האָט געדאַנקט אין אַ בריוו: „איך טו אַלץ, אַז מײַן ליד זאָל זײַן אַ פּאָעטישע וועלט פֿון אַ יחיד און איר, אין אײַער אָפּשאַצונג פֿון מײַנע פּאָעמעס פֿאַרוואַנדלט די לידערוועלט מײַנע אין אַ מיקראָקאָסמאָס, אַ גאַנצע, גרויסע וועלט פֿאַר זיך".

אַ מאָל, אין יאָר 1950, איז פֿאָרגעקומען אין מאָנטרעאָל אַ בילדער־אויסשטעלונג פֿון מײַן זון יאָסל בערגנער. קליין קוקט אַרום די בילדער און אַט גייט פֿאַרבײַ דער מאָלער. קליין שטעלט אים אָפּ, פּונקט בײַ דעם בילד פֿון באַנטשע שווײַג, און קליין פֿרעגט: זאָגט מיר, פֿאַר וואָס מאָלט איר כּסדר ייִדן מיט אַזעלכע נישט שיינע פּנימער? נישט טראַכטנדיק אַ רגע ענטפֿערט יאָסל: וואָס רעדט איר, קליין, איך האָב נאָך נישט געזען אַ נישט שיין ייִדיש פּנים. קוקט טיפֿער אַרײַן און איר וועט דערזען די שיינקייט... אַ מינוט צוויי דרײַ שווײַגן און קליין ענטפֿערט: איר זענט גערעכט, יאָסל, עס איז אפֿשר דערפֿאַר ווײַל איך האָב אָט די טיפֿע שיינקייט קיין מאָל נישט געזען פּנים־אל־פּנים.

קליין איז מערערע מאָל אויסגעצייכנט געוואָרן און באַהאַנגען מיט גאָל־דענע מעדאַלן מצד די העכסטע קולטור־אינסטאַנצן פֿון קאַנאַדע. אָבער קענען דען טראָפּנס גאָלד אָפּשטעלן שטראָמען צער?

און פּלוצלינג האָט דאָס אַלע מאָל מילד שמייכלענדיקע פּנים פֿון דעם גרויסן פּאָעט א. מ קליין אויפֿגעהערט צו שמייכלען און האָט אָנגעהויבן אויסצומײַדן באַגעגנטע פֿרײַנד. פּשוט אַריבערגיין די גאַס אויף דער אַנדערער זײַט — נישט ווערן באַגריסט און אפֿשר באַגריסן אַ באַקאַנטן.

אַ. מ. קליין האָט שטאַרק געהאַלטן פֿון דעם טאַלאַנט פֿון דעם באַרימטן דיכטער אַבֿרהם סוצקעווער, וואָס האָט אין יענעם יאָר — 1950 — געווײַלט אין מאָנטרעאָל. און אָט באַגעגנען זיי זיך פּנים־אל־פּנים אין אַ ייִדישער בוכהאַנדלונג. סוצקעווער גייט צו צום דיכטער קליין און נעמט אים אַרום און זאָגט אַ פּאָר באַגריסונגס־ווערטער. קליין ענטפֿערט כּמעט נישט און פֿאַרטיפֿט זיך אין אַ בוך, וואָס ער האָט צופֿעליק געהאַלטן אין האַנט. קוקנדיק אין בוך רוקט ער זיך, שריט בײַ שריט אין דער ריכטונג פֿון דער טיר פֿון דער בוכהאַנדלונג.

אַ רעטעניש. אַ טראַגישע רעטעניש. קליין איז שוין איצט אויף דער

אמתער װעלט. אויף דער װעלט פון אַלע אמתן. אויך די רעטעניש פון א. מ. קליין. מיר נאָך דאָ — זענען געבליבן אָן אַן ענטפער.

און דער פענפּראָפיל גײט װײַטער: פרילינג 1971 איז אַװעק אויף אײביק די געליבטע פרוי — אַ ליבע פון די קינדער־יאָרן אין דער שולע. און א. מ. קליין איז אַזוי װי פאַרשװוּנדן פון דעם ייִדישן האָריזאָנט פון מאָנטרעאָל: דינסטיק, דעם 22סטן אויגוסט 1972, איז פאָרגעקומען די לוויה פון א. מ. קליין.

כּדאַי דאָ צו ציטירן אַ באַפליגלטן געדאַנק פון יצחק לייבוש פּרץ. אָט איז עס: דער ציל איז דער מענטש — אַלע פעלקער גײען צו אים. יעדעס פאָלק אויף זײַן װעג. ער איז דער קירצסטער. און מיר ייִדן גײען אויף דעם ייִדישן װעג צום מענטש.

שװער און יאָרן לאַנג האָט געדויערט דער װעג פון אברהם משה קליין צום מענטש אויף דעם ייִדישן װעג. זײַנע יסורים זענען אויסגעליטן. זײַן ייִדישער גאַנג איז דערגאַנגען צום ציל. פּאַראַפראַזירט: ער איז געװען אַ ייִד אין גאַס און אַ מענטש אין שטוב, אין די אײגענע פיר װענט.

און אויך די לוויה אַנדערש, אַנדערש. זײגער אַכט אין דער פרי האָט זי זיך אָנגעהויבן. אײן אײנציקער הספד — הרב פּינחס הירשפּרונג. אַ יונגער מענטש נאָך — מיט אַ לאַנגער, שנײ־װײַסער באָרד. דער הספד — נאָר אין מאַמע־לשון. אַ פרום־נאַיִװער הספד און בכלל זיכער די פּשוטסטע לוויה, װאָס איז דאָ אין שטאָט װען עס איז געפּראַװעט געװאָרן פאַר אַזאַ פּערזענלעכקייט, אפשר איז דאָס ערגעץ פאַרשריבן געװען אין דער רעטעניש פון דער צוואה. דער לוויה־זאַל — נישט צו פול. אָבער דער רוב פון די באַגלײטערס צו דער לעצטער רו — יונגע־לײַט. דאָס טרעפט זיך גאָר זעלטן אין אַמעריקע. װידער אַ רעטעניש. װאָלט מען כאָטש אַ צװײ דרײַ לידער פון א.מ. קליין געלײענט. און אַ גרויסער טייל פון די לידער זענען דאָך לידער פון אַ מאמין.

עס איז כּדאַי, שטאַרק כּדאַי, אַז אַ גוטער אָפּקלײַב פון די לידער פון א. מ. קליין זאָל איצט אַרויסגעגעבן װערן — איבערגעזעצט אויף ייִדיש און לשון־קודש. אָט אַזאַ זאַמלונג װעט זײַן אַן ענטפער אויף אַלע רעטענישן פון די לעצטע יאָרן פון לעבן און שאַפן פון דעם גרויסן דיכטער בײַ ייִדן א. מ. קליין.

1972

בערטע קלינג

געבוירן אין נאָוואָרעדאָק, צפון־מיזרח־פּוילן, אין יאָר 1886, אין אַמעריקע זינט 1900, געשטאָרבן 9טן אויגוסט 1978.

נאָוואָרעדאָק איז אַ שטעטל אין מיזרח־פּוילן, איצט באַלאַנגט עס צו ווײַסרוסלאַנד, אויב איך האָב ניט קיין טעות. איך בין אין דעם שטעטל איין מאָל געווען אַרום 1925 און עס איז אויף אייביק געבליבן ערגעץ אין באַוווסטזײַן. פון זכרון איז עס פאַרשוווּנדן. עפּעס געדענק איך פאָרט — אַלטע, צווײ אָרשין דיקע, ווײַס־געקאַלכטע מויערן פון די נידעריקע הײַזער אין מאַרק, חורבות־טורעמס, ווו סאָוועס סודען זיך מיט דער שטאָק־פינצטערניש בײַ נאַכט און קראָען פלאַטערן בײַ טאָג — און לעגענדעס אַ גאַנץ קײַלעכדיק יאָר. אַ סאַזשלקע געדענק איך און אַלטע, פאַרשלאָסענע גערטנער.

נאָוואָרעדאָק הייסט אין פּויליש נאָוואָגרודעק, און פּוילנס גרעסטער, און בײַ זײַן גאַנצן רעאַליזם מיסטישער, דיכטער אַדאַם מיצקעוויטש שטאַמט פון יענע מקומות. נאָוואָרעדאָק איז דאָ אין זײַנע לידער און באַלאַדעס און דורך אָט די באַלאַדעס אין דער גאַנצער ייִדישער ליריק פון פּוילן. דאָס שטעטל האָט אַ שײַכות צו אַ גרויסער ישיבה און דורך איר צו חיים גראַדע, וואָס האָט דאָרט געלערנט. און בערטע קלינג איז פון נאָוואָרעדאָק. און דאָס האָט נישט נאָר איבערגעלאָזן אַ טיפן חותם אויף איר גאַנצן מהות, נאָר דאָס האָט איר מהות פאָרמירט. וואָלט זי זיך שטאַרק אָפּגעגעבן מיט שרײַבן — וואָלט זי אַוודאי געווען אַ באַלאַדיסטין אויף אַ גרויסן פאַרנעם. אָבער בערטע קלינג האָט באַוווסטזיניק — זי איז זייער אַ קלוגע, אַ לעבנס־קלוגע — זיך בעסער מער פאַרנומען מיט לעבן פּאָעזיע און מיט זינגען לידער, ווי מיט שרײַבן. כּדי אין דער אורבאַניסטיש־פּראָזאַישער ניו־יאָרקער ייִדישער ווירקלעכקייט זאָל זײַן נאָוואָרעדאָקער שטעטלדיקע פּאָעטיש־פאָלקסטימלעכע שטימונג, וואָס אָן דעם קען קיין ליטעראַטור נישט געשאַפן ווערן, האָט עמעץ מיט שוועסטערלעכער ליבע געמוזט אַזאַ קרײַז און אַזאַ היים און אַזאַ סביבה שאַפן. האָט בערטע קלינג — צוזאַמען מיט איר מאַן ד״ר יחיאל קלינג — גענומען די ראָלע אויף זיך. בערטע קלינג איז די שוועסטער — און איצט קען מען שוין אַפילו זאָגן: די גרויסע שוועסטער פון די „יונגע".

דאָס ערשטע מאָל האָב איך זי געזען אין יאָר 1934, דעמאָלט אַ מילדברונעטע, מיטלווּקסיקע פרוי. איר בליק — מילד, אירע הענט — מילד, איר פריזור מיט אַ שרינט אין מיטן קאָפּ — מילד, און דער עיקר איר שטים — מילד. האָב איך מיר געטראַכט: ווו נעמט זיך אַזוי פיל מילדע געדולדיקייט

אין איין מענטשן? אפשר שפּילט זי? אָבער אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך מיר געענטפערט: שפּילן שפּילט זי נישט, אָבער איר מילדע געדולדיקייט איז אַ באַוווסטזיניקע און אַ שׂכלדיקע און דאָס איז — אַ העכערע מדרגה ווי מילד־געדולדיקייט סתּם.

אַפילו אַ געבוירענע שוועסטער איז נישט אַלע מאָל גוט צו אירע ברידער — און דערצו ברידער־קינסטלערס, וואָס יעדער פּרעטענדירט שטילערהייט צו דער גאַנצער קרוין... מכּל־שכּן אַ שוועסטער נישט פון איין טאַטן און אַפילו נישט פון איין מאַמען, נאָר פון איין קאַפּריזנער מוזע, וואָס וויל געבוירן קינדער פון שטערן אַרויס און נישט פון לײַב און לייד. האָט זיך טאַקע געפאָדערט אַ סך באַוווסטזײַן און ווילן. וואָס דאַרפט איר מיר גלייבן אויפן וואָרט? אָט האָט איר אַ ליד: „צו אַ גרויסהאַלטער".

איך בין דער שוואַכלינג
צווישן אונדזביידן;
איך קען שווײַגן
און לאָז דיך ריידן.
בין איך אָבער שטאָלץ גענוג
אײַנצובייגן מײַן קאָפּ,
און שמייכלען —
ווען דו קוקסט צו מיר אַראָפּ...

בערטע קלינגס לידער זענען נישט קיין לידער אין אייגנטלעכן ליטעראַרישן זינען פון וואָרט. זיי זײַנען טעקסטן צו ניגונים... מיני־מיניאַטור־ליברעטאָס צו מיניאַטורע פאָלקס־אָפּערעס. דאָס איז אַ ביסל פאַנטאַסטיש, אָבער עס איז אַזוי. בערטע קלינג האָט אַ שטילע שטים, ווי אַ בת־קול פון אַ מעלאָדישער זינגשטים. דערפאַר אָבער אינטערפּרעטירט זי אַ ליד, דער עיקר אַ פאָלקסטימלעך קונסטליד, ווי קיינער חוץ איר. מיר האָט אַ מאָל אַ גוטע פאַכזינגערין, אַ ייִדיש־ענגלישע, וואָס האָט געהערט בערטען זינגען, געזאָגט מיט אַ זיפץ (און דער זיפץ האָט געקלונגען ווי אַ צוף פון אַ סטרונע פון אַ לירע): אָ, ווען בערטע וואָלט געהאַט מײַן שטים, אָדער ווען איך וואָלט געהאַט איר האַרציקייט פון אינטערפּרעטירן אַ פאָלקסליד — די וועלט וואָלט זי, אָדער איך אײַנגענומען... אָבער אַזוי האָט בערטע קלינג בלויז געפלעגט אײַנצונעמען די הונדערטער — און אפשר טויזנטער — מסיבות פון שרײַבערס און ליבהאָבערס פון שרײַבערס, וואָס זי האָט אין פאַרלויף פון אַ האַלב יאָרהונדערט אײַנגעאָרדנט בײַ זיך אין שטוב.

דרײַ קליינע זאַמלונגען האָט זי אַרויסגעגעבן — בערטע קלינג. צו אײַנער האָט י. י. סיגאַל געשריבן אַ מיניאַטורע הקדמה. בסך־הכּל אפשר

טויזנט ריטמישע שורות, קוים אַ ביסל געגראַמט, זעלטן אַרײַנגעשטעלט אין ריכטיקע שטײַגלעך פון סטאַנצן. זיכער האָט בערטע צו אַ גרויסן טייל פון די לידער ניגונים. זי וואָלט זיי געדאַרפט מפרסם זײַן.

ווען איך וואָלט צוליב עפעס אַ גראָטעסקן נס געדאַרפט צונויפשטעלן אַ סידור, וואָלט איך אָט דאָס ליד פון בערטע קלינג אַרײַנגעשטעלט דאָרט ווי אַ תפילה.

און איך וואָלט מיך אויך געוואָנדן צו אַ יידישן מוזיקער און אים געבעטן אָדער אַקאָמפּאַנירן, אָדער צופּאַסן צו דעם ליד אַ מעכטיקן ניגון.

פאַרלאָז אונדז נישט, גאָט,
וואָס מיר פאַרלאָזן פאַרלאָזענע.
שעלט אונדז נישט, גאָט,
וואָס מיר שעלטן פאַרשאָלטענע.
נישט פּייניק אונדז, גאָט,
וואָס מיר פּײַניקן געפּײַניקטע.
דערהויב אונדז, גאָט,
וואָס מיר דערהויבן דערהויבענע.
העלף אונדז נישט, גאָט,
וואָס מיר העלפן געהאָלפענע.

סײַ ווי — יאָ אין אַ סידור, אָדער נישט אין אַ סידור — איז עס מסתמא דאָס שטאַרקסטע ליד פון בערטע קלינג, כאָטש נישט ענלעך אין טאָן און אין מאָטיוו צו אירע אַנדערע לידער. און עס איז איינס פון די שטאַרקסטע אין דער גאַנצער יידישער ליריק. און אין תוך, אַז איר וועט פאַכמעניש איבערציילן, פאַרמאָגט עס נישט מער ווי 12 ווערטער. אָבער אַז צוועלף ווערטער קומען פון דער סאַמע טיף פון האַרצן — אַנטפּלעקן זיי די טיפקייט זײַנע — ווי אַ בליץ דעם דנאָ פון אַ תהום.

1957

אסתּר קרײַטמאַן

געבוירן אין יאָר 1891 אין בילגאָרײַ, פּוילן, געוווינט צענדליקער יאָרן צו ערשט אין אַנטווערפּן (בעלגיע), שפּעטער אין לאָנדאָן, יאָרן ,געוווילט' אין פּאַריז. געשטאָרבן דעם 13טן יוני 1954 אין איר דירה אין לאָנדאָן, קרעמירט דעם 15טן יוני.

אסתּר קרײַטמאַן האָט פֿון דער היים געהייסן זינגער, די עלטסטע אין אַ משפּחה פֿון פיר קינדער. י. י. זינגער (1893—1944) איז געווען איר ברודער, יצחק באַשעוויס (געב׳ 1904) איז איר ברודער, און נאָך אַ ברודער — אַ רב. און דער פֿאָטער — אַ רב. און אַלע קינדער אין אויסערלעכן אויסזען, און אויך אין די כאַראַקטערן, זייער ענלעך צו דער מוטער, דער רביצן בת־שבע, וואָס לויטן קלאַנג פֿון איר נאָמען האָט באַשעוויס פֿאַרמירט זײַן פּסעוודאָנים. און אסתּר קרײַטמאַן האָט אויך אין דער ליטעראַטור אָנגענומען דעם נאָמען פֿון איר מאַן — קרײַטמאַן. און איר איינציקער זון מאָריס רופֿט זיך מיט דעם נאָמען „קאַר", און איז אויך אַ שרײַבער, אָבער אין ענגליש. און דער פֿאָטער איז אויך געווען אַ מחבר פֿון ספרים — רעליגיעזע, נאַטירלעך.

זיי זענען אַלע — די זינגערס — הויכלעכע, דאַר געוואַקסענע, בלאָנד־רויטלעכע, העל־אויגיקע, מיט שאַרפֿע, פֿאַרשפּיצטע פּנים־שטריכן, מיט שטאַרק ייִדישע פּנימער. זיי זענען אַלע זייער נײַגעריקע, אייביק לערנענדיקע און פֿול מיט ענערגיע און מיט אויפֿטוען, וואָס קומען עפּעס אַזוי כלאחר־יד. זינגער און באַשעוויס האָבן גרויסע נעמען אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אסתּר קרײַטמאַן — די עלטסטע אין דער משפּחה — האָט דאָס שרײַבן געלערנט בײַ אירע ברידער. און אפֿשר נישט דאָס שרײַבן גופֿא, נײַערט בלויז דעם ווילן צו שרײַבן. און — איין מאָל אָנגענומען אָט דעם ווילן — האָט ער זי ממש פֿאַרפֿאָלגט. זי איז געווען די פּרוי פֿון אַ שטילן און ווילן און פֿאָלקסטימלעכן מענטש, אַ בעל־מלאָכה, אַ האָרעפּאַשניק. אָבער איר האָט עס געצויגן צו די צענטערס פֿון ייִדישן ליטעראַרישן שאַפֿן — כאָטש די היימפּליכטן האָבן געהייסן בלײַבן אָדער אין ייִדיש־אויסגעליידיקטן אַנטווערפּן, אָדער אין נאָך מער אויסגעליידיקטן לאָנדאָן. איז זי יאָרן לאַנג געזעסן אין וואַרשע, פֿון פֿרי ביז שפּעט אויף טלאָמאַצקע 13 און געשריבן. אַזוי ווי די ישיבה־בחורים, געכאַפּטע אין דער מעשׂה, האַלטן אונטער די דעקלעך פֿון דער גמרא אַ טרייף־פּסול, אַזוי האָט אסתּר קרײַטמאַן אונטער די דעקלעך פֿון די ענגלישע ביכער, וואָס זי האָט איבערגעזעצט פֿאַר וואַרשעווער פֿאַרלעגערס, צווישן אַנדערע — ווערק פֿון ג. ב. שאָו — געהאַלטן די כּתבֿי־יד פֿון

אירע דערציילונגען און ראָמאַנען, וואָס זענען געווען אַבסאָלוט גאַנץ גוט און ליטעראַריש געשריבן, אָבער פלעגן פאַרבלאַסן אין ליכט פון די גאָט־געבענטשטע ווערק פון אירע ברידער.

איז געווען אַ קידער־ווידער, אַ ויתרוצצו. אַ גוטער ווילן פון דעם ברודער, דעם מער באַרימטן צו יענער צײַט, אָבער אַן אומגלייבן, אַז זי וועט דעריאָגן און איבעריאָגן. און אַנדערש לוינט דאָ נישט די אָנשטרענגונג און דער קרבן. און אַ קרבן איז עס געווען צו פאַרלאָזן היים און קינד און זוכן אומשטאַרביקייט בײַם אומהיימלעכן פײַערפלאַץ, וואָס איז אי יאָ און אי נישט, אי אַלעמען און אי קיינעמען קיין היים נישט געווען, טלאָמאַצקע 13 אין וואַרשע, דער פאַראיין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן. און אין קידער־ווידער האָט זיך געמישט גרויסע ברודער־שוועסטער־ליבע און גרויסע טאַלאַנט־פאַרערונג מצד אסתּר קרײַטמאַן, און דערצו דער גליִענדיקער משפּחה־שטאָלץ.

און דאָך האָט זי באַוויזן אויפצושרײַבן — און גוט אויפצושרײַבן — אַן אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן „שדים־טאַנץ״ און אַ שטייגער־ראָמאַן פון לעבן פון די בריליאַנטן־שלײַפערס „בריליאַנטן״. אויך אַ זאַמלונג דערציילונגען „יִחוס״. דער ערשטער פון די ראָמאַנען איז אַפילו איבערגעזעצט געוואָרן דורך דעם אייגענעם זון אין ענגליש. און — אַגב — נאָך אַ ליטעראַרישער יִחוס אין דער משפחה — מאָריס קרײַטמאַן איז אַן איידעם פון דעם גרויסן פּראָזאַיקער אַ. מ. פוקס.

אַן אייביק אָנגעמען זיך פאַר פאַקטישע און אײַנגערעדטע קריוודעס איז געווען אין אסתּר קרײַטמאַן. שוין אין טאָן פון איר טיפיטשנער שטים פון אַ רביצין פון אַ קליין שטעטל איז געווען טענה. און שוין אין צווייטן וואָרט, און אין יעדן געשפּרעך און מיט יעדן איינעם — איז געווען טענה און אָנגעמען זיך פאַר עפּעס, אָדער פאַר עמעצן. איז טאָקע אָפט אַ ביסל שווערלעך געווען אין איר געזעלשאַפט, כאָטש זי האָט אַ סך געוווּסט, אַ סך געלייענט, אַ סך געלערנט, און געהאַט אַן אינטערעסאַנטן צוגאַנג צו זאַכן, וואָס האָבן אַ שײַכות צו מאָדערנער יידישקייט. זי איז געווען לינק און רעכט, אַן אפּיקורסטע און אַ פרומע, אַ מילדע און אַ שטרענגע, אַן אויפריכטיקע און אַן ערלעכע, אַ חשדניצע און אַ פאַרשווײַגערין און מער ווי אַלץ אַן אומרויִקער און אומגליקלעכער מענטש, וואָס קען אין ערגעץ קיין רו נישט געפינען — נישט פאַר דער נשמה און כּמעט נישט פאַרן גוף. האָט מען זי פאַרשוויגן — האָט זי געהאַט טענות. האָט מען וועגן איר געשריבן — האָט זי געהאַט טענות, אַז מען באַהאַנדלט זי נישט אויפריכטיק, מען קריטיקירט זי נישט שאַרף גענוג, מען ווײַזט איר נישט אָן די פעלערן, מחמת מען רעכנט זיך מיט איר יִחוס.

יעדע נאַכט, זייגער צוויי פֿאַר טאָג, האָט אָנגעהויבן שיטערער צו ווערן אויף טלאָמאַצקע 13. יעדע נאַכט איז — צוליב דער אָדער יענער סיבה — איינער געבליבן לענגער, צום לענגסטן. האָבן די אויפֿרוימערינס און קעלנער־רקעס געהאַט אײַנזעעניש און געבליבן שפּעטער מיט דעם פֿאַרשפּעטיקטן. און אָפֿט פֿלעגט די פֿאַרשפּעטיקטע זײַן אסתּר קרײַטמאַן. די איינזאַמסטע פֿון די איינזאַמע. איינזאַמקייט איז אַ נישט גרינגע זאַך. אַוודאי. אָבער עס איז אויך נישט גרינג צו פֿאַרשווײַגן עוולות און נישט אַרויסוואַרפֿן פֿון זיך די טענות, אַז מען איז אין געזעלשאַפֿט, און נאָך ווייניקער גרינג איז אייביקע טענות צו הערן...

זענען יאָרן אַוועק און איך האָב אַ מאָל באַזוכט אסתּר קרײַטמאַן אין איר היים. די גאַסטפֿרײַנדלעכקייט — אין־לשער, די גאַנצע אָרעמקייט אויפֿן טיש אַרויף, ביזן לעצטן קיכל פֿון דער שאַפֿע, אָבער אין דער זעלבער צײַט אָט אַזוי ווי אַ פֿאָרזעצונג פֿון אַלע טענות אויף אַ מאָל. און אָט זענען ווידער יאָרן אַוועק, אסתּר קרײַטמאַן האָט איבערגעלעבט דעם גאַנצן „בליץ" אין לאָנדאָן.

און אָט איז אַ באַגעגעניש אין פּאַריז, אַ סך באַקאַנטע אַרום, אַ בײַ־שטאָק. אסתּר קרײַטמאַן האָט צײַט, וואַרט אַלעמען איבער, זי וויל רעדן אויג אויף אויג און אין איר געשפּרעך מישט זיך דאָס מאָל אַ נײַע נאָטע, וואָס איז פֿריִער זעלטן געווען: זעלבסט־באַשולדיקונגען. מער ווי נאַטירלעך. אַ סך מער. עפּעס אַזוי ווי צונגען פֿון אַן אינערלעכן פֿײַער וואָלטן אַרויס אין דרויסן. נישט קיין חידוש, וואָס לויט איר צוואה איז זי קרעמירט געוואָרן. אַ גוטע שרײַבערין, אינטערעסאַנטער מענטש.

לעאָן קרישטאַל

געבוירן אין יאָר 1894 אין שאַרגאָראָד, פּאָדאָלער גוב׳. אין יאָר 1913 געקומען קיין אַמעריקע. זינט 1921 געאַרבעט אין „פאָרווערטס״. רײַזעס איבער אייראָפּע, רוסלאַנד, מדינת־ישראל. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 21סטן אוי־גוסט 1959.

מיט לעאָן קרישטאַל איז אַוועק פון דער וועלט פון דער „זיבעטער אימפעריע״, דער פּרעסע, אין ייִדיש, אַ געשטאַלט אַ פּערפעקטע, וואָס קומט זעלטן אין יעדן פאַך, מכל־שכן אין אַזאַ אומסטאַבילן פאַך, ווי דאָס איז ייִדישער זשורנאַליזם. צוויי דריטל פון זײַן לעבן האָט ער געלעבט און זיך אויסגעלעבט זשורנאַליסטיש און אַזוי איז ער אויך געשטאָרבן — אין מיטן פון טומל פון ניו־יאָרקער בראָדוועי, נאָך אַ קינאָ־פאָרשטעלונג, זיצנדיק אין אַ רעסטאָראַן, מיט אַ מעניו־קאַרטע אין האַנט...

איך ווייס נישט ווען עס איז געבוירן געוואָרן דאָס וואָרט „זשורנאַליסט״. עס איז מסתמא געבוירן געוואָרן אין פראַנקרײַך, מחמת עס איז אַ פראַנ־צייזיש וואָרט און באַטײַט טאָגמענטש, הײַנטמענטש. און אויב אַ הײַנט־מענטש, וואָס שרײַבט — שרײַבט ער דאָך פאַרן הײַנט און אַוודאי נישט פאַר דער אייביקייט. און כאָטש יעדער ברנש וויל לויט זײַן נאַטור און אינסטינקט וואָס מער אַרײַנכאַפּן פון הײַנט — וויל ער זיך אָבער אַלע מאָל צוגרייטן אַ שטיקל אייביקייט אויף מאָרגן. און דעריבער — זאָגט מען אַ שרײַבער פון פאַרנעם, אַז ער איז אַ זשורנאַליסט, פילט ער זיך אַ ביסל צוריקגעזעצט. איז לרוב אָנגענומען, אַז מען רעדט וועגן זשורנאַליסטן, וואָס קענען אויך קאָמענטירן און נישט נאָר רעפּאָרטירן, אַז זיי זענען פּובליציסטן. אַ „פּובליציסט״ איז שוין אַ העכערע מדרגה. אָבער לעאָן קרישטאַל האָט עס נישט ליב געהאַט, ער האָט ליב געהאַט, אַז מען זאָל אים רופן זשורנאַליסט אָפן און מיטן פולן מויל.

עס געדענקט זיך: דאָס איז געווען אין יאָר 1955. לעאָן קרישטאַל איז דעמאָלט געווען פּרעזידענט פון י. ל. פּרץ־שרײַבער־פאַראיין אין ניו־יאָרק און האָט באַזוכט מדינת־ישראל. האָט אים דער ייִדישער שרײַבער־פאַראיין אין תל־אביב אויפגענומען. עס איז אויסגעקומען אים אויפצוגעמען צוזאַמען מיט פּראָפעסאָר סאַל ליפּצין. חוץ דעם, וואָס מיר האָבן זיי באַגריסט — האָבן זיך די געסט אויך אייגער דעם אַנדערן באַגריסט, מחמת זיי האָבן זיך געזען דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, כאָטש בײדע וווינען שוין צענד־ליקער יאָרן אין דער זעלבער שטאָט, אין ניו־יאָרק. אַז מיר האָבן קרישטאַלן

געגעבן דאָס וואָרט, האָבן מיר כּסדר אונטערגעשטראָכן זײַנע איבערזעצונ־גען פֿון טעאַטער־שטיק פֿאַר דער בינע, זײַנע לענדער־באַשרײַבונגען — וואָס וואָלטן געדאַרפֿט אַרײַן אין ביכער און זײַנע לעבנס־באַשרײַבונגען — פּרע־זידענט פֿראַנקלין רוזוועלט און לעוו טאָלסטאָי — וואָס זענען שוין אַרײַן אין ביכער. און אַז קרישטאָל האָט באַקומען דאָס וואָרט, האָט ער צו נישט געמאַכט די התנצלות: „אַז מען שטרײַכט אונטער די איבערזעצונגס־אַרבעטן מײַנע און מײַנע פּובליציסטישע אַרבעטן, וואָס זענען דערשינען אין ביכער, שטרײַכט מען אָבער אויס דעם אמתן אויפֿטו פֿון מײַן לעבן. מײַן זשורנאַ־ליסטישע טעטיקייט". — — און מען האָט שוין טאַקע אין אײן וועגס אַ שמועס געטאָן וועגן זשורנאַליסט און פּובליציסט בכלל. און עס איז געבליבן בהסכּם כּולם, אַז דאָס וואָס אַ זשורנאַליסט באַשעפֿטיקט זיך אויך מיט בעלעטריסטיק און עסײַיסטיק איז גוט פֿאַר אים, מחמת דאָס גיט צו האַרץ צו זײַן שרײַבן, מאַכט עס מענטשלעך און נאָענט. פּונקט אַזוי איז גוט, אַז אַן אייביקייט־שרײַבער זאָל האָבן אַ נאָענט געפֿיל פֿאַר זשורנאַליזם, פֿאַר הײַנטיקייט, דאָס גיט צו צו זײַנע פֿליגלען אויך פּיס... אַפֿילו די הימל־פֿויגלען מוזן האָבן פּיס אויך כּדי צו זײַן לעבנס־פֿעיִקע באַשעפֿענישן. אָט פּונקט אַזאַ זשורנאַליסט מיט האַרץ איז געווען קרישטאָל. מיט זײַן מענטש־לעכן צוגאַנג צו מענטשן, אויך באַרימטע פּערזענלעכקייטן און אויך פּשוטע פֿאָלקסמענטשן, האָט ער געוווּנען זייער צוטרוי און זיי האָבן אים געזאָגט דעם אמת. אָבער קרישטאָל פֿלעגט אויך וויסן וואָס מיט דעם אמת צו טאָן. נישט מאַכן פֿון אים אַ סענסאַציע פֿלעגט ער — נאָר מאַכן פֿון דער סענ־סאַציע אַן אמת. און לרובֿ — לײדער אין אַזעלכע צײַטן לעבן מיר — אַ טראַ־גישן אמת. איז קרישטאָל טאַקע געווען דער טראַגישער בשׂורה־ברענגער פֿון דער אומברענגונג פֿון די ייִדישע שרײַבערס אין רוסלאַנד אין יאָר 1956. דער גרויזאַמער אַקט איז פֿאָרגעקומען שוין אין יאָר 1952. אים גראַד האָט דער גורל באַשטימט מיט אומאויסמעקלעכער שריפֿט אַרײַנצושרײַבן אָט די טראַגישע דאַטע אין דער ייִדישער געשיכטע.

עס געדענקט זיך, אַז אויך אין מדינת־ישׂראל האָט קרישטאָל אַזעלכע אָפֿענע און אויפֿריכטיקע ווערטער אַרויסגעבראַכט פֿון גענעראַל בערנס, דעם קאָמאַנדיר פֿון דעם מיליטער פֿון די „פֿאַראײניקטע פֿעלקער", ווי קײן זשור־נאַליסט פֿאַר אים. זײַנע עקסטענסיווע קאָרעספּאָנדענצן פֿון רוסלאַנד באַלאַנ־גען צו די גלויבווערדיקסטע צוליב זײער ערנסטן טאָן. ער האָט נישט אַגי־טירט, ער האָט דערפֿאַר אָבער באַשלאָגן די פֿאַקטן מיט אַזעלכע אמתע טשוועקעס, אַז זיי האָבן שוין געענוג אַגיטירט פֿאַר זיך. און ער האָט אויך געקענט צעקײַען און מסבּיר זײַן אַן ענין. פֿונאַנדערוויקלען ווי אַ קאָרעס־פּאָנדענט פֿון „יו־ען" אַ קאָמפּליצירטן דיפּלאָמאַטישן קנויל און עס אַרויס־

בּרענגען אין קלאָרן לשון אין צײַטונג, אָדער מיט קלאָרער, שאַרפער דיקציע אויפן ראַדיאָ — איז טאַקע געװען אַ נחת פאַר אים און אַ נחת פאַר די לייענערס און צוהערערס. װען נאָר אין ניו־יאָרק, פלעגט איך שוין טאָן אַזוי, צו הערן קרישטאָלס אַ שבתדיקן פרימאָרגן־שמועס אויפן ראַדיאָ. — — אַ שטרענג, ערנסט פּנים, אייביק בלאַס, רעדט דירעקט, שאַרפלעך, אַמעריקאַניש, אַ ביסל חוצפּהדיק, אָבער דאָס איז אַלע מאָל געװען די אַגרעסיװקייט פון גוט דורכגעפאָרשטע פאַקטן. ער האָט אויך געקענט זײַן חבריש און האַרציק.

אַ גאָט־געבענטשטער, פּערפעקטער זשורנאַליסט. קומענדיקע ייִדישע היסטאָריקערס װעלן זוכן זײַנע אַרטיקלען.

פּראָפעסאָר ד״ר אַברהם אַהרן ראָבאַק

געבוירן אין גאָניאָנדז, ביאַליסטאָקער קרייז, אין יאָר 1880. אין עלטער פון צוויי יאָר געבראַכט קיין מאָנטרעאַל, דאָ שטודירט. שפּעטער אין די שטאַטן. געוווינט לרוב אין קעימברידזש. געשטאָרבן דעם 6טן יוני 1965.

פאַראַנען אַ מעשׂה, אַז דער וועלט־באַרימטער דייטשער פילאָסאָף עמאַנועל קאַנט (1724—1804) האָט אויף דער קעניגסבערגער אוניווערסיטעט, וווּ ער האָט געהאַט זיין שטענדיקע אַקאַדעמישע קאַטעדרע, צום ליבסטן געהאַלטן לעקציעס וועגן געאָגראַפיע... דערביי איז באַקאַנט, אַז אין זיין לאַנגן לעבן איז ער קיין מאָל נישט אַרויסגעפאָרן פון די גרענעצן פון זיין שטאָט. פּאַראַדאָקסאַל. אָבער אַזוי זענען זיי אָפט — די מאָדנע פּראָפעסאָרן.

אויך אונדזער פּראָפעסאָר ד״ר אַברהם אַהרן ראָבאַק, וואָס על־פּי דין האָט ער אין גאַנצן געקענט נישט קענען אַפילו יידיש, מחמת ער איז כמעט אַן אַמעריקאַנער געבוירענער, און דערצו איז ער ראשו ורובו כמעט זיין גאַנץ געלערנט לעבן אַריינגעטון געווען אין די תהומיקע וואַסערפאַלן פון דער פּסיכאָלאָגיע, יאָ — אויך אונדזער איינציקאַרטיקער אַ. אַ. ראָבאַק האָט צום ליבסטן גערעדט און געשריבן וועגן יידיש לשון.

ראָבאַק האָט אָנגעשריבן אַזוי פיל ביכער, ביכלעך, בראָשורן און עסייען אין ענגליש און אין יידיש וועגן פּסיכאָלאָגיע און וועגן יידיש און יידישער ליטעראַטור, אַז מען וואָלט געקענט באַשעפטיקן אַ ביבליאָגראַף אַ גאַנץ יאָר צייט בלויז אויף קאַטאַלאָגירן און ביבליאָגראַפירן זיי. ווען מען וואָלט אויף צוויי ריזיקע וואָגשאָלן אַרויפגעלייגט — אויף איינער זיינע פּסיכאָלאָגישע אַרבעטן און אויף דער אַנדערער די אַרבעטן אויף יידיש־טעמעס — אָסור אויב איך ווייס, וועלכע וואָגשאָל וואָלט איבערגעוויגן. מיר דאַכט זיך אָבער, אַז די יידיש־וואָגשאָל — מחמת דאָ וואָלט אויך געווען פאַר אַ צולאָג פאַנאַטישע ליבשאַפט.

איך רעד נישט סתם און עס איז נישט קיין גוזמא וועגן דער אומצאָל ביכער און אַרבעטן ראָבאַקס. איך האָב אַ מאָל — אין יאָר 1939 — געזען אין דער ביבליאָטעק פון דער האַרוואַרד־אוניווערסיטעט אין קעימברידזש אַ קאַרטאָטעק־קעסטל, וואָס איז אין גאַנצן אויסגעפילט געווען מיט ראָבאַק־קאַרטלעך.

אין די פּסיכאָלאָגישע שריפטן ראָבאַקס ווילן מיר זיך דאָ, אין דעם לפי־ערך קורצן פּענפּראָפיל, נישט אַריינלאָזן. זאָגן מוז מען אָבער, אַז ראָבאַקס ענטוזיאַסטישע ביכער וועגן יידיש זענען אין יידיש־תּחום נישט

אַלע מאָל מיט דעם זעלבן ענטוזיאַזם אויפגענומען געוואָרן. אַ מאָל איז אַפילו — נאָך ראָבאַקס בוך „די מעשׂה פון דער ייִדישער ליטעראַטור" (דהי סטאָרי אָף ייִדיש ליטעראַטיור — אין ענגליש) דערגאַנגען צו אַ שאַרפער פּאָלעמיק צווישן אים און שמואל ניגער. און ווי ביַי יעדן פאַל פון צוריקגע־שטויסענער ליבע, האָט עס ראָבאַק שטאַרק דורכגעווייטיקט. ער האָט ניגערן געענטפערט מיט אַ פּאַמפלעט אונטער דעם קעפּל: „קריטיק און קריצע־ניש"... זיי זענען ביידע גערעכט געווען אין דעם פאַל. ניגער האָט פירגע־וואָרפן, אַז די דאָזיקע געשיכטע איז נישט פּינקטלעך און דערמיט פּאַרפּי־רעריש. ראָבאַק האָט קלאָר געמאַכט, אַז ער האָט נישט געשריבן די געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור — ניַיערט איר מעשׂה.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך ראָבאַקן באַגעגנט אין וואַרשע, אַרום דעם יאָר 1925, אין ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13. ער איז דאָרט אַריַינ־געשוווּמען ווי אַ פיש פון אַ קינסטלעכן באַסיין אין אַ לעבעדיקן שטראָם אַריַין. באַלד געווען אויסגעקאָכט מיט אַלעמען — און וואָס מען האָט אים געבעטן, ניט ער זאָל האַלטן אַ לעקציע וועגן זיגמונד פרוידן — מחמת דאָס איז דאָך זיַין געביט און טלאָמאַצקע 13 וויל פון אים לערנען, האָט ער אָבער דווקא געוואָלט רעדן צו אונדז — וואַרשעווער — וועגן פרצן. מען איז דורכגעקומען מיט אַ פשרה. ער האָט געהאַלטן צוויי לעקציעס — אי וועגן פרוידן און אי וועגן פרצן.

דעמאָלט איז נאָך ראָבאַק געווען בלאָנד און שמאָל און דין־פּנימדיק, און שלאַנק, און גערעדט אַ ביסל זינגעוודיק און זיך געמישט מיט חברה אָן אַ חילוק און אַפילו אויף אַ האָר נישט אַרויסגעוויזן קיין פּראָפעסאָרישן סנאָביזם.

אין פאַרלויף פון יאָרן איז אויסגעקומען אַ. אַ. ראָבאַקן אומצאָליקע מאָל צו באַגעגענען: אין ניו־יאָרק, אין באָסטאָן, אין מאָנטרעאָל. דער שמאָלער, הויכער שטערן איז נאָך העכער געוואָרן, וויַיל די פּראָפעסאָרישע ליסינע האָט זיך אויסגעשפּרייט, די לעצטע האָר זענען וויַיס געוואָרן, די אויגן נאָך אומרויִקער און רויט־אַרומגערעמט, די הענט נאָך בלייכער און — טו אים נאָר אָן אַ טיפע יאַרמלקע און גיב אים צו לאַנגע פּיאות און אַ שיטער בערדל און ער זעט אויס ווי איינער פון פרצעס מקובלים... לויטער רוחניות. און אַזוי איז ער טאַקע געווען. אָבער ווי פאַרוווּנדערט בין איך געווען, אַז ראָבאַק האָט מיר תמימותדיק אַ מאָל דערציילט, אַז ער שטאַמט פון שווערע האָרעפּאַשניקעס, פשוטע שבפשוטע ייִדן און ער וווּנדערט זיך אַליין ווי אַזוי ער איז פון זיי אַרויסגעוואַקסן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז נאָר חל אויף זיַין אימיגראַציע־דור און נישט אויף דעם אַמעריקאַנישן דור פון זיַינע קרובים.

אָבער — האָב איך מיר געטראַכט און עס געזאָגט ראָבאַקן — אפשר

טאַקע אין אָט דעם אָפּשטאַם איז דער שורש פון זײַן ממש עלעמענטאַרער ליבשאַפט צום „לשון פון פראָסטן און האַרציקן פאָלק". ראָבאַק האָט אויס־געהערט מײַנע רייד און מיר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט: אַ גוטע פּסיכאָלאָ־גישע אָבסערוואַציע.

אַ מאָל האָב איך ראָבאַקן באַזוכט אין קעימברידזש. ער האָט געוווינט ווי אַ סובלאָקאַטאָר אין עטלעכע צימערן אין אַן אַלט הויז מיט הילצערנע טרעשטשענדיקע טרעפּ בײַ אַן אַלט פּאָרפּאָלק. ראָבאַק איז געווען צעשיידט מיט זײַן פרוי. אַלע ווענט — ביכער־פּאָליצעס ביז דער סטעליע. אַלע טישן, טישלעך, בענק און בענקלעך באַלייגט מיט טויסן פּאַפּירן. אַ קאַרטנהויז אויפגעבויט פון צען מיליאָנען קאַרטן... ראָבאַק קען אָבער דאָ יעדע קאַרט תיכף געפינען. נאָר טאָמער וואָלט זיך אַ פרעמדער צוגערירט, וואָלט דאָס קאַרטנהויז אײַנגעפאַלן... ראָבאַק האָט ליב צו דערציילן און דערציילנדיק תיכף דאָקומענטירן און ציטירן. איך הער און האָרך און ציטער פאַר די טויסן פּאַפּירן.

נאָר אָט לויפט אַרײַן אַ גאָלד־בלאָנד מיידל פון 17־18 יאָר און גיט אַ קוש ראָבאַקן אין הויכן שטערן און זעצט זיך שטיל און אומגעדולדיק אַוועק אין אַ ווינקעלע. ראָבאַק זאָגט מיר מיט ליבע, פרייד און זאָרג: — „מײַן טאָכטער" — — און באַלד הייבט ער אָן מוסרן: — „טאָכטערשי, פאַר וואָס רעדסטו נישט יידיש? און פאַר וואָס האָסטו שוין אַזוי לאַנג נישט געלייענט אַ יידיש בוך?" דער שמייכל אויף דעם מיידלס פּנים פאַרלעשט זיך. זי ענטפערט גאָרנישט. זי רעדט נישט יידיש און נישט ענגליש... נאָר אָט גייט דער פאָטער אַוועק אין אַנדערן צימער און די טאָכטער ווענדט זיך צו מיר (אין ענגליש): — מײַן טאַטע וויל, אַז איך זאָל זײַן אַ לינגוויסט און אַ פּסיכאָלאָג — אָבער וואָס זאָל איך טון, אַז דעם טאַטן האָב איך ליב, אָבער די פּסיכאָלאָגיע און די לינגוויסטיק האָב איך נישט ליב און יידיש איז די סאַמע שווערסטע שפּראַך פון אַלע וועלטשפּראַכן?... דער טאַטע איז צוריק אַרײַנגעקומען מיט אַ טעצל מיט כּיבוד און די טאָכטער איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן.

פּראָפעסאָר ראָבאַק האָט אַ סך קאָרעספּאָנדירט. זײַנע בריוו — לאַנג. אַלע מאָל פול מיט טענות און פּראָבלעמען — דער עיקר: יידיש־פּראָבלע־מען. זײַן שריפט דין, ווי זײַן גאַנצער מהות, ווי געשריבן מיט אַ פּען, געשניצט פון אַ פעדער פון אַ שוועלבעלע.

אין דעם בוך פון די נסים פון יידישן לשון ווערט אָט די געשטאַלט אַ. אַ. ראָבאַק גערעכנט ווערן ווי איינער פון די זיבן עיקר־נסים.

עס איז ראָבאַקן און דער יידישער ליטעראַטור אין די לעצטע יאָרן באַשערט געווען תיקון. אין יאָר 1958 איז אין מעקסיקע דערשינען זײַן

בוך פֿון 600 זײַטן — „די אימפּעריע ייִדיש". און אין יאָר 1964 איז אין פּאַריז דערשינען זײַן בוך פֿון 700 זײַטן — „דער פֿאָלקסגײַסט אין דער ייִדישער שפּראַך". דאָס פּאַריזער בוך איז דערשינען אין פֿאַרלאַג פֿון דעם ייִדיש־פֿאַנאַטיקער, פֿאַבריקאַנט און משלים־שרײַבער אהרן מיעדניק. זײַן פֿאַרלאַג רופֿט ער: די „גאָלדענע פּאַווע". ביידע ביכער — אפֿשר די גלײַכע דיקסטע 1300 אהבת־ייִדיש־זײַטן אין דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור.

פּאַטעטיש און ממש ביז טרערן רירנדיק איז די ווידמונג אויף ראָבאַקס לעצטן בוך: צו מײַן אומבאַקאַנטן יורש אין קאַמף פֿאַר ייִדיש —

וואָס, כאָטש אפֿשר אין אַ שפּעטערדיקן דור,
בין איך בטוח, אַז ער וועט דאָך קומען — — אאַז"וו.

1965

ישראל ראַבינאָוויטש

געבוירן 1894 אין ביטען, גראָדנער געגנט. 1911 אין מאָנ־טרעאָל. צוויי מאָל רײַזעס אין ארץ־ישראל. געשטאָרבן 18טן מאַרץ 1964.

פּאַראָנען ייִדן, דער עיקר צווישן די וואָס שטאַמען פון סלאַווישן מיזרח־אייראָפּע, וואָס זייערע פּנימער זענען עפּעס אַ מין קאָמעלעאָנישע מישונג פון סלאַוו און סעמיט. אַזאַ פּנים האָט ישראל ראַבינאָוויטש. בולטע קינבאַקן, גרינלעך־בלווילעכע אויגן, גלאַטע ברוינע האָר. וואָלט ער זיך אַזוי אַרײַנגע־גאַנגען צווישן רוסן, אָדער אוקראַינער — וואָלט אויסגעקומען, אַז ער איז איינער פון זיי. נאָר אָט גיסטו אַ צווייטן קוק אויף אים, און זײַן פּנים איז שוין טיף ייִדיש, אַ פּנים מיט אַ טענה צו גאָט און אַ קרעכץ אויף זײַן פֿאָלק־ישראל. אַ קאָמעלעאָנישער בײַט. אָבער דאָס איז נאָר אויסערלעך. אינערלעך איז אָט דער ישראל ראַבינאָוויטש שוין גאָרנישט בײַטעוודיק. ער האָט זײַן גאַנג און זײַן ליניע און ער גייט אויף איר מיט אַ גרויסער עקשנות. אײַנגע־שפּאַרטקייט איז בכלל איינער פון זײַנע כאַראַקטער־שטריכן.

אַ היפּש ביסל קאָנטראַסטן אין און אַרום ישראל ראַבינאָוויטשן — און ווי קאָנטראַסטן דאַרט שעפערישקייט. ער איז לרוב זייער אַ לאַנגזאַמער און אַ באַדאַכטער, אַזוי אין עפּנטלעכן און אַזוי אין אויג־אויף־אויג רעדן. ער ציילט די ווערטער, אָבער ער קען זײַן אַ ספּילטשיוועד אויך — אוי, קען ער. נאָר קיין בייז, אַ ייִדישער גזלן, ער האָט באַלד חרטה, און ער שעמט זיך נישט עס צוצוגעבן. אין זײַן שרײַבן איז ער, ממש זײַן שרײַבעריש לעבן לאַנג, פאַרנומען מיט צוויי געביטן: טעגלעכער לייט־אַרטיקל אין אַ טאָגצײַטונג און מוזיק, ייִדישע מוזיק בעיקר. אָט די לייט־אַרטיקלען, וואָס דערשײַנען שוין זינט צענדליקער יאָרן אין מאָנטרעאָלער „קענעדער אָדלער" — אין דער צווייט עלטסטער ייִדישער טאָגצײַטונג פון דער וועלט — אונטער דעם נאָמען „גוט־מאָרגן!", זענען אַ מין עמוד (נישט אש און נישט ענן) נאָך וועלכן עס גייט נאָך די ייִדישע קהילה פון דער עיר ואם בישראל, מאָנטרעאָל.

ער איז נישט קיין מנהיג און ער האָט עס גאָרנישט ליב אויך, ראַבינאָ־וויטש, ער האָט בכלל נישט ליב קיין מנהיגים, נאָר עס האָט זיך עפּעס אַזוי געמאַכט, אַז טאָמער וואָס ווען אין דער וועלט־פּאָליטיק און אין דער היימישער פּאָליטיק — כאַפּט דער ייִד פון מאָנטרעאָל אין דער פרי די צײַטונג זײַנע: וואָס זאָגט עפּעס דערצו רב ישראל? — און ישראל האָט אַלע מאָל עפּעס צו זאָגן. און ער טוט עס אויף זײַן אופן, פּאַוואָליע, נישט געאײַלט, קודם־כל

דאַרף מען די האַרבקייט צעקײַען, מסביר זײַן, אַז עס זאָל זײַן זייער קלאָר, און ראַבינאָוויטשעס פּרינציפּ איז: גאַנץ אויפגעקלערט איז האַלב פּאַרענט־פּערט. אָט דערפאַר קומט אים אַזוי גרינג אָן צו זײַן אַ מנהיג. ער מאַכט אָן ענין אַזוי קלאָר, אַז מען מוז אים שוין פאָלגן אויך. און מסביר צו זײַן איז ברוך־השם דאָ וואָס אין אַ קהילה, וואָס ציילט הײַנט 90 טויזנט אירע, און האָט זיך פאַרפינפפאַכט זינט די 43 יאָר, וואָס ראַבינאָוויטש איז דאָרט אָנגעקומען. און עס איז בלויז צו זײַן לויב, אַז אין די ערשטע עטלעכע יאָר פון זײַן וווינען אין מאָנטרעאָל האָט ער בלויז מדריך געווען אַ פּאָדעם אין דער נאָדל אַרײַן.

ער איז געווען אַ שנײַדער, און געקומען איז ער מיט אַ כּוונה נישט צו זײַן אַ מנהיג און נישט צו זײַן אַ שנײַדער, נאָר גאָר אַ מוזיקער, ווײַל ער איז געווען יינגלווײַז אַ קלעזמער און אַ געהילפס־בדחן. און שטאָט צו ווערן אַ מוזיקער איז ער גאָר געוואָרן אַ מוזיקאָלאָג — איינער פון די ווייניקע בײַ ייִדן, און אפשר דער באַדײַטיקסטער אין ייִדיש. זײַן ווערק „מוזיק בײַ ייִדן", וואָס איז אויך, אין אַ פאַרגרעסערטער פאָרעם, אַרויס אין ענגליש, ווערט אָפט ציטירט אין פאַכקרײַזן און ווערט מיט גרויסער הנאה געלייענט דורך לאַיקערס־מוזיק־ליבהאָבערס.

און דער עולם נאָכפאָלגערס פון דעם עמוד ראַבינאָוויטש אין מאָנטרעאָל ווייסט שוין, אַז טאָמער איז נעכטן פאָרגעקומען אַ וויכטיקע געשעעניש, וועט מען עס אים אויפקלערן ווי עס דאַרף צו זײַן. נאָר טאָמער איז אין דעם זעלבן טאָג פאָרגעקומען אַ וויכטיקע מוזיקאַלישע געשעעניש — וועט ער קודם־כּל מוזן אויסהערן וועגן דעם — און וועגן דער פּאָליטישער געשעעניש ערשט אַ טאָג שפּעטער. אַזוי פירט זיך ראַבינאָוויטש און ער איז גערעכט אויך. פּאָליטיק איז פאַרגענגלעך און מוזיק איז אייביק. פּאָליטיק איז מענטשלעך און מוזיק איז געטלעך... און אַז מען איז אַ שטענדיקער לייענער פון דעם מוזיקאַלישסטן ייִדישן צײַטונגס־קאָלום דאַרף מען זיך אויפפירן מוזיקאַליש.

ראַבינאָוויטשעס ליבע צו ייִדישער פאָלקסקונסט אין וואָרט און אין קלאַנג איז אָן אַ גרענעץ. מאַכט זיך אַ מאָל, דו קומסט אַרײַן צו אים אין רעדאַקציע אין אַ הייסן זומערדיקן טאָג. ערשטנס איז סתּם הייס, צווייטנס האָט זיך עפּעס אַ וואַקל געטון אין דער וועלט־פּאָליטיק, דריטנס איז עפּעס נישט גלאַטיקס פאָרגעקומען אַרום מדינת־ישראל, פערטנס האָט מען אים ערשט אַ שעה לאַנג געדרייט דעם קאָפּ מיט אַ גזעלשאַפטלעכן ענין פון לאָקאַלן געזעלשאַפטלעכן גיהנום — און ער איז אין דער פאַרוואַלטונג פון אַ ריי אָרטיקע ייִדישע קולטור־אינסטיטוציעס, און אָט ביסטו אַרײַנגעקומען מסתּמא אויך מיט עפּעס דעם קאָפּ צו דרייען, קוקט דיך ראַבינאָוויטש אָן אַזוי ווי אַ נישט דערקווילעטער האָן דעם שוחט זײַנעם... אָבער דו ביסט גאָר געקומען

צו פֿרעגן אַן עצה, וואָס פֿאַר אַ מוזיק צו שפּילן אויף אַ — לאָמיר זאָגן — פּרץ־אָוונט, וואָס דו אָרדנסט אײַן. און — — ווי אַ קיל מילד ווינטל וואָלט פֿלוצלינג אַ ווייע געטון. ראַבינאָוויטשעס פּנים ווערט פֿול מיט אַ מילד שמייכל: אויב מוזיק — איז גאָר עפּעס אַנדערש. כּל־זמן עס איז נאָך דאָ מוזיק אויף דער וועלט, וועט די וועלט נאָך נישט אונטערגיין.

אַ קענער אין די שוואַרצע פֿינטעלעך, דערצו אַן אייביקער זעלבסטלערנער, אַ מוזיקאָלאָג פֿון גאָטס חסד, איז ראַבינאָוויטש דאָך נישט קיין יושב־אוהל. ער ווייסט, אַז דאָס וואָרט האָט ליב ווען מען אַקאָמפּאַנירט עס (מוזיקאַליש גערעדט) מיט טאַט. קענסטו אים דעריבער זייער אָפֿט זען נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט אויף די באַרימטע זיצונגען, וואָס הייבן זיך אָן שפּעט און ענדיקן זיך פֿרי (פֿאַר טאָג). דערפֿאַר אָבער, אַז עס קומען די ימים־נוראים, פֿאָרט ראַבינאָוויטש אויף דאַטשע אין די מילדע קוויבעקער לאַרענשן־בערג און בײַט זיך לחלוטין איבער. מיד פֿון צו רעדן מיט מענטשן אַ קײַלעכדיק יאָר לאַנג — רעדט ער זיך אַ ביסל דורך מיט גאָט... ער בײַט איבער אויף דרײַ טעג זײַן קאָלום (וואָס מיינט אויך עמוד) אויף אַן אמתן אייביקן עמוד, ער ווערט אַ שליח־ציבור אין אַ שול, אין אַ גרויסן ייִדישן באַרגהאָטעל. קיין גרויסע שטים האָט ער נישט, אָבער דער עולם לעקט די פֿינגער: אײַ האָט ער געדאַוונט. און ער דאַוונט מיטן גאַנצן האַרץ — מיט דער גאַנצער טראַדיציאָנעלער אַלטהיימישער שיינקייט. און אַז טראַדיציע איז פֿאַר אים אַ שטיק לעבן איז אַן עדות זײַן איידעלער זון דער שוישפּילער דוד עלען, וואָס רעדט אַ הערלעכן, רײנעם ביטענער — גראָדנער ייִדיש.

1954

משה ראָזענבערג

געבוירן 1903 אין סאָקאָלאָוו פּאָדלאַסקי. רײַזעס אין צפון־אַמעריקע, מערבֿ־אייראָפּע, געקומען קיין מעקסיקע אין יאָר 1928. גרינדער און רעדאַקטאָר פון „דער וועג", געשטאָרבן אין מעקסיקע 16טן מאַרץ 1942.

ענערגיע פון דורות איז אין אים אַקומולירט געווען, אין אָט דעם קליינעם, דיקלעכן משה ראָזענבערג, וואָס האָט אין דער אַלטער היים געהייסן זילבערשטיין. אַז ער האָט געדאַרפט עפּעס אויספירן האָט ער נישט אָנערקענט קיין שום שוועריקייטן. אַדרבא, שוועריקייטן האָבן אים הנאה געטון. אין מעקסיקע, ווו ראָזענבערג האָט שטענדיק געוווינט, זינט 1928, איז דער ברוק נישט אַזוי אידעאַל און אַן אויטאָ־פאָרער מוז דאָרט כסדר אויסמײַדן לעכער אין אַספאַלט. אָבער אונדזער משה ראָזענבערג פלעגט פאָרן גלײַך איבער אַלע לעכער און גריבער און שטיינער אַריבער. מיר האָבן דעריבער זײַן אויטאָ גערופן „דער טאַנק", אַנדערע פלעגן עס רופן „עראָפּלאַן", ווײַל אַזוי פלעגט עס פליִען. אַלץ פלעגט ער טון — משה ראָזענבערג — אין דעם טעמפּאָ פון זײַן אויטאָ־פאָרן. און ער האָט זיך גוט אָריענטירט און האָט אַלע מאָל געטון נוצלעכע זאַכן. אָט האָט ער זיך גוט אָריענטירט, אַז די ספרדישע ייִדן האָבן נישט קיין ריכטיקע ייִדישע געשיכטע און האָט זיך אונטערגענומען אונטערצוטראָגן דער ספרדיש־ייִדישער וועלט און דער שפּאַנישער וועלט בכלל אַ גוטע ייִדישע געשיכטע. אין פאַרלויף פון אַ נישט צו לאַנגער צײַט האָט ער אַרויסגעגעבן אַ צען־בענדיקע שפּאַנישע גרעץ־איבערזעצונג. ער איז געווען פאַרליבט אין אָט דעם ווערק זײַנעם. הונדערטער בילדער האָט ער פון אומעטום צונויפגעטראָגן און די איינציקע גוט אילוסטרירטע ייִדישע געשיכטע איז געווען די, וואָס דער סאָקאָלאָווער בחור משה ראָזענבערג האָט אַרויסגעגעבן אין שפּאַניש אין מעקסיקע.

נישט אַנדערש, נאָר ענערגיע פון דורות האָט אין אים געשטורעמט, ענערגיע צוריקגעהאַלטענע, ווי אַ וואַסערל פון טײַכל איידער עס קומט צו צו די רעדער פון אַ מיל, און דעמאָלט צערוישט זיך עס מיט רעש און מיט נוצלעכקייט. ווי דורך אַ חלום געדענק איך: משה ראָזענבערג פלעגט נישט זעלטן קומען צו מיר אין וואַרשע, עפּעס האָט ער גערעדט וועגן גרויסע אַרויסגעבערישע פּלענער, עפּעס האָט ער געוואָלט העלפן דער ייִדישער ליטעראַטור, אָבער מער ווי „שפּראַצונגען", אַ צײַטשריפט פאַר יונגע טאַלאַנטן, האָט ער דאָרט נישט אַרויסגעלאָזן אין פּוילן.

איך האָב אים ווייניק פאַרגעדענקט פון דער אַלטער היים, דאָרט איז ער געווען איינער פון טויזנט, און ער האָט געזוכט אַ פּלאַץ ווו ער זאָל

קענען זײַן אײנער אַלײן. איז ער געקומען קײן מעקסיקע מיט זײַן גאַנצער אַקומולירטער ענערגיע און איז דאָ געוואָרן דער גרינדער פֿון אַ ייִדישער טאָגצײַטונג „דער וועג". זי איז לעצטנס דערשינען ווי אַ דרײַ־מאָל־אַ־וואָך־צײַטונג. ענדלאָז זענען די אַנעקדאָטן אַרום דער צײַטונג און אַרום איר צו שטאַנד קומען. בערלינער, גלאַנץ, גליקאָווסקי, דרײַ ייִדישע פּאָעטן פֿון מעקסיקע און ראָזענבערג זענען אַלע מאָל אומדערשעפּלעך געווען אין דער־ציילן זיך די אַנעקדאָטן פֿון די ערשטע שריט פֿון „וועג". און פּונקט ווי ער פֿלעגט גיכער ווי אַלע, און זיכערער ווי אַלע, אַלע מאָל אַרויספֿירן זײַן אויטאָ פֿון אַלע גריבער, אַזוי האָט ער אויך זײַן „וועג" אַלע מאָל אַרויסגעפֿירט און אין אײן שײנעם טאָג האָט ער גאָר אַרויסגעלאָזן אַן אַלמאַנאַך צום צענטן יאָר פֿון זײַן „וועגס" דערשײַנען, וואָס האָט געמאַכט אַ רושם אין דער ייִדישער זשורנאַליסטיק. מען דאַרף נאָר וועלן — דאָס איז משה ראָזענבערגס דעוויז. זאָל דאָס מעגלעך זײַן, אַז ער האָט נישט אַזוי געוואָלט לעבן ווי טון די אַלע אַנדערע אויפֿטוען אין זײַנע יונגע יאָרן... און אפֿשר איז ער טאָקע דערפֿאַר אַזוי לײַכט באַצוווּנגען געוואָרן פֿון טויט, ווײַל ער איז געווען צו פֿיל אויסגעשעפּט, און אַז עס איז געקומען צום ווי־כטיקסטן איז שוין קײן ענערגיע מער נישט געווען.

בחוריש־כוואַטסקע און וואַרשעווערײש „נאַ באַקיער" פֿלעגט ער טראָגן זײַן קאַפּעליוש און אַלץ מוז בײַ אים געטון ווערן אויף גיך. און טאָמער ערגעץ ווו אַ צרה בײַ אַ חבר, זיצט שוין משה ראָזענבערג מיט אַנדערע חברים און מען איז זיך שוין מישב ווי אַזוי צו העלפֿן. ער האָט מיר אָפֿט מאָל געזאָגט, אַז ער קען נישט זאָגן „נײן" צו אַ מענטשן, צו אַ חבר אַוודאי נישט. און ער איז אײביק פֿול געווען מיט פּלענער. אָט איז אים פּלוצלינג אײַנגעפֿאַלן אַרויסצוגעבן אין שפּאַניש אַ ענציקלאָפּעדישן פֿילבענדיקן ייִדישן אוצר. אין זעלבן אָוונט גײ איך פֿאַרבײַ נעבן ראָזענבערגס רעדאַקציע אויף אַריזאָנאַ־גאַס. עס איז שוין געווען צווישן אײנס און צוויי פֿאַר טאָג. דורך די הילצערנע לאָדנס שײַנט ליכט. איך זע דורך די שפּאַרונעס, ער זיצט און ער אַרבעט. אַ שטילער קלאַפּ, ער עפֿנט דאָס פֿענצטער, די רעדאַקציע איז געווען אין פּאַרטער. גוט וואָס איך בין דאָ, ער וויל מיר ווײַזן זײַן פּלאַן פֿון זײַן „ייִדישן ענציקלאָפּעדישן אוצר אויף שפּאַניש"... אַלץ איז שוין פֿאַרטיק. אײַ, אַזוי פֿיל געלט ?... וועגן דעם זאָרגט ער זיך קײן מאָל נישט, ער וועט גײן מיט דעם קאָפּ דורך דער וואַנט. אַזוי האָבן מיר געמײנזאַם געפּלאַנט אַ גרויסע קאָנטינענטאַלע ייִדישע צײַטשריפֿט אין ייִדיש, דער ערשטער נומער בלויז איז דערשינען — „דער קאָנטינענט" — איצט איז דאָס שוין נאָר אַ פּאַפּירענע מצבה פֿון אונדזער גוטער פֿרײַנדשאַפֿט...

1942

יונה ראָזענפעלד

געבוירן אין טשאַרטאָריסק 1880. געוווינט אין אָדעס, קאָוועל, קיִעוו. 1921 אין אַמעריקע. עטלעכע מאָל צוריק־געפאָרן אויף באַזוכן קיין פּוילן. געוווינט אין ניו־יאָרק. געשטאָרבן 9טן יולי 1944.

ער איז אַ טשודאַק אין זײַן שרײַבן פון דעם ערשטן וואָרט אָן, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, און ער איז אַ טשודאַק אין לעבן — יונה ראָזענפעלד. אָבער ער איז זייער אַ טאַלאַנטפולער טשודאַק. ער איז אַ קליין־געוואַקסענער, אַ בלאָנדער, מיט קליינע פּנים־שטריכן, גרויע אויגן און זייער אַ גרויסן קנויל וואָנצעס אונטער דער קליינער נאָז, אַ נאָז פון מענטשן, וואָס האָבן זייער ליב צו מאַכן שפּאַס, אַרומשפּילן זיך מיט יענעם, נישט געקוקט אויף דער ערנסטקייט פון וועלכער נישט איז סיטואַציע און נישט געקוקט אויף די יאָרן. ער איז פאַרהאַרטעוועט, אַזוי ווי אַן עסקימאָס, יונה ראָזענפעלד. ער באָדט זיך אין ים אַ גאַנצן ווינטער און שטייט אויף זייגער פינף פאַר טאָג און לויפט שפּאַצירן צוויי שעה. ער באַלאַנגט צו די אמתע טשודאַקעס, וואָס אויב די נאַטור פון דעם מענטש וואָלט נישט געווען סוף־כּל־סוף צו שטאַרבן, וואָלטן זיי געלעבט אײביק. פון די אַלע טשודאַטשנע עקספּעריי־מענטן איז יונה ראָזענפעלד הויט און ביין, די הויט איז צעאַקערט ווי בײַ אַ פּויער, און די ביינער שפּיצן אַרויס פון אומעטום בײַ אים.

שוין נאָענט צו זיינע זעכציק יאָר איז ער איבערגעקומען אַ שווערע אָפּעראַציע, ער איז נאָך עקיקער, מאָגערער געוואָרן, אָבער זײַנע טשודאַטשנע שטיק האָט ער נישט אויפגעגעבן. קיין קינדער האָט ער נישט, איז ער אַליין זײַן אייגן איזבאַלעווּט קינד, וואָס גיט זיך נאָך אַלע קונצשטיק. זײַן גליק, וואָס זײַן פרוי — פּונקט אַזוי קליין־געוואַקסן ווי ער, קוקט אויף אים כּסדר מיט אַ טיפער פאַרשטענדעניש מיט אירע שיינע אויגן און ווייסט, אַז אַזוי דאַרף זײַן יונה ראָזענפעלד, אַזיסט וואָלט ער נישט געווען דאָס, וואָס ער איז אין דער יִדישער ליטעראַטור. און ער איז דאָרט איינציקאַרטיק און איינער אַליין. סימבאָליש הייסט זײַן ראָמאַן וועגן זײַן אייגן לעבן — אַרויסגעגעבן אין יאָר 1940 — „איינער אַליין”.

אַט וועט ער אַרײַנקומען צו דיר — אויב דו פאַרשטייסט נאָר אַ שפּאַס — און וועט פאַר דיר אַ שעה לאַנג שפּילן אַ משוגענעם. ער וועט רעדן צו דיר זייער מאָדנע רייד, מאַכן מיט די הענט אַזוי ווי עס וואָלט דאָרט נאָך געווען אַ דריטער, פינטלען מיט די אויגן משונהדיקערהייט, און רעדן רייד ווי ער וואָלט אָקערשט אַראָפּ פון זינען. און אַז דו וועסט אים ענטפערן אַזוי —

אַזוי ווי אויך דו וואָלסט אַראָפּ פון זינען — וועט ער זיך נישט וווּנדערן, נאָר ער וועט אויך מיט דיר מיטשפּילן. ער וועט נישט טון קיין שמייכל שעהען נאָך אַנאַנד. צום ליבסטן איז אים אויב דריטע זענען טאָקע דאָ דערבײַ און אויב זיי מיינען טאָקע, אַז עפּעס איז מיט אים נישט גלאַטיק. עס וואָלט אים נישט געאַרט ווען מען לאָזט אים אַזוי שפּילן טעג נאָך אַנאַנד. די טשודאַטשנע וועלט פון זײַנע דערציילונגען, לויטער פּסיכאָלאָגיש־ליטעראַרישע עקספּערימענטן, איז נישט אין גאַנצן אַן אויסגעטראַכטע בײַ אים. ערגעץ טיף אין דער נשמה לעבט ער זי איבער, לעבט ער מיט איר מיט.

אין זײַנע דערציילונגען גיט ער אַ וואַרף אַ קנויל ערגעץ ווײַט, ווײַט צווישן אַ געזעמל מענטשן און שפּעטער וועט עס אים טון דעם גרעסטן שפּאַס דעם קנויל פּאַדעם פּסיכאָלאָגיש צוריק אויפצוויקלען און זיך דערבײַ פּלאָנטערן אַלעמען אונטער די פיס. און אַז עמעצער וועט מיט אַ געבייזער אַ קוק טון אויף אים — וועט ער נאָך מיט אַ גרעסערן געבייזער צוריקקוקן — ווײַל די רעאַלע וועלט איז נישט די־וועלט, די ניכטערע, נאָר זײַן וועלט — יונה ראָזענפעלדס — די־וועלט, די פאַרפּלאָנטערטע. — נאָך אַ משל, אפשר אַ נענטערס: אין אַ געזעלשאַפט שטאָפּט מען אַ מאָל צוליב גיכקייט אויף אַ פלעשל דורך אַרײַנשטופּן דעם קאָרעק אינעווייניק. און מען וואַרפט אַוועק די פלאַש. וואָרעם איר אינהאַלט איז דער עיקר געווען, אָבער פאַר יונה ראָזענפעלדן איז דער עיקר — דער קאָרעק. ער וועט זיך אַוועקזעצן שפּערטן און שפּערטן און ענדלעך וועט ער אים מיט אַ טריומף אַרויסנעמען, ווען אַלע וועלן שוין האָבן פאַרגעסן דעם גאַנצן ענין.

און בײַ די אַלע קונצשטיק, און נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז לויט זײַן פיזיק שוין אַ מענטש מיט קאָמפּלעקסן, און נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט געמאַכט אַ גוטע קאַריערע, ער איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס" — כאָטש, וואַרשײַנלעך צוליב אַ רעדאַקציע־קאַפּריז, דער־שײַנען זײַנע זאַכן כּמעט קיין מאָל נישט אין צײַטונג — איז ער קינסטלעריש ערלעך געבליבן ווי זעלטן אַ שרײַבער אין אונדזער ליטעראַטור און אַזוי ערלעך איז דער מענטש יונה ראָזענפעלד. נישט נאָר וועט ער נישט באַגיין אַ קרומע זאַך, נאָר ער ווייסט גאָר נישט וואָס דאָס איז... און עס קען זײַן, אַז ער שפּילט אַזוי קונציק, אַז ער ווייסט נישט וואָס דאָס איז. דער עיקר איז, אַז ער טוט עס נישט. זאָל עס אפשר זײַן אומבאַהאָלפנקייט? ער איז דאָך אָבער דער באַהאָלפנסטער שרײַבער, ער איז דאָך אַזוי געדולדיק צו מאָל, אַז אַפילו אָן אַ פאָדעם פירט ער זײַנע טעמעס פון לאַבירינטן אַרויס.

איין מאָל, אין וואַרשע, האָט זיך יונה ראָזענפעלד אָנגעזעצט אויף מיר איך זאָל אים דערציילן עפּעס אַ טשודאַטשנע איבערלעבונג פון מײַן פּראַקטיק אַלס סעקרעטאַר אין אַ חברישער אָרגאַניזאַציע. איך האָב דערציילט. לויט

זײַן לאַכן האָב איך דערקענט, אַז איך בין אַרײַנגעפאַלן, אַז ער װעט עס אױסנוצן. האָב איך געגומען צוריקצוציִען, אײַנרעדן, אַז דאָס איז אױסגעטראַכט, אָבער גראַדע דאָס האָט אים נאָך מערער אינספּירירט. ער האָט די געשיכטע נאָך מער פֿאַרפּלאָנטערט, װי זײַן שטײגער, און עס אױפֿגעשריבן אַזױ װי ער װאָלט געשריבן בלױז אַ כראָניק. אַזױ רעאַל, אַז מיר אַלײן האָט זיך געדאַכט, אַז אמת איז די װערסיע ראָזענפֿעלד און נישט די װערסיע, װאָס דאָס לעבן אַלײן האָט געשריבן.

יונה ראָזענפֿעלד זעט נישט די מאַסע מענטשן, זעט נישט די מולטיפּליצירטע געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען, כאָטש ער איז טיף סאָציאַל, ער זעט אין יעדן יחיד מיליאָנען יחידים, אָט דאָס איז זײַן סאָציאַלער װעג. מען באַשולדיקט אים אין װעלטפּרעמדקײט, פּאָזע, געקינצלטקײט, עגאָצענטרישקײט. ער שװײַגט. זײַן אײנציק לשון איז שרײַבן דערצײלונגען. און כאָטש ער שפּאַסט אַזױ פֿיל, לעבט ער מיט אַ טיף, שװײַגזאַם לעבן. — אײן מאָל באַגלײטן מיר אים אין װאַרשע צו דער באַן, ער פֿאָרט צוריק קײן אַמעריקע. אַ גרופּע שרײַבערס פֿון אײן זײַט װאַגאָן, פֿרײַנד און פֿאַמיליע פֿון דער אַנדערער. פּלוצלינג קערט זיך ראָזענפֿעלד אָפּ און פֿאַרכליפּעט זיך טיף און האַרציק און אַזױ לאַנג ביז די באַן איז אַװעק. ער האָט זיך מער נישט אומגעקערט. מיר זענען אַלע געבליבן טיף דערשיטערטע, געאַנט די סיבה, אָבער נישט איבערגערעדט קײן מאָל קײן װאָרט.

.1939

לײזער־לעאָן ראָזענשטײן

געבוירן אין יאַס 1881, געוואַנדערט: לעמבערג, ווין, בערלין, פּאַריז. אין אַמעריקע זינט 1915, — ניו־יאָרק, שיקאַגאָ, און ווו דען נישט. די לעצטע 12 יאָר פון לעבן — אין קאַליפאָרניע. געשטאָרבן אין לאָס־אַנדזשעלעס דעם 14טן יאַנואַר 1960.

יאַס און יידיש פאָלקסליד זענען איינס. דורך יאַס און דורך איציק מאַנגער האָט זיך דאָס יידישע פאָלקסליד אַרײַנגעכאַפּט אַפילו אין דער ראַפינירטסטער יידישער פּאָעזיע. אויך דאָס יידישע טעאַטער איז אויפן וועג פון יאַס און פון יידישן פאָלקסליד אַרײַן אין דער יידישער קולטור־וועלט. פון יאַס אין רומעניע שטאַמט די יידישע פאָלקסזינגערס־און אַקטיאָרן־משפּחה ראָזענשטײן — אָבער די געשיכטע פון דער פאַמיליע ראָזענשטײן וועט איר דאַרפן זוכן אין זלמן זילבערצווײַגס „טעאַטער־לעקסיקאָן”, אין „מײַן לעקסיקאָן” וועל איך דאָ אײנטים דערציילן וועגן מײַן פרײַנד פון די יונגע יאָרן, דעם פאָלקסזינגער און אַקטיאָר לײזער — אָדער לעאָן — ראָזענשטײן, אויך — נאַטירלעך — אַ מיטגליד פון אָט דער משפּחה.

איך האָב מיך מיט לײזער ראָזענשטײן באַקענט אין קאַפע „אַבאַציאַ” אין לעמבערג אין יאָר 1912 מסתמא. עס האָט אים מיר פאָרגעשטעלט דער העברעיִשער מײַסטער פון דער קורצער דערציילונג ג. שאָפמאַן. שאָפמאַן האָט באַלד געזאָגט: לײזער ראָזענשטײן שרײַבט נישט קיין לידער, ער זינגט בלויז לידער און דערצו נאָר פאָלקסלידער, אָבער ער איז לויטער פּאָעזיע. ראָזענשטײן איז מער פּאָעט פון אַלע יידישע פּאָעטן צוזאַמען... איך האָב געפרעגט: אַפילו ש. י. אימבערן אַרײַנגערעכנט? און שאָפמאַן האָט מיט זײַן זיכערן טאָן געזאָגט: געוויס. — — און יאָרן, יאָרן זענען אַוועק — זייער אַ סך. און אַז איך האָב דאָ אַנומלט מיטגעטײלט דעם זקן הסופרים ג. שאָפמאַן אויפן הר־הכרמל, אַז אונדזער ראָזענשטײן איז שוין נישטאָ — האָט ער מיר געשריבן מיט צער: און ראָזענשטײן איז שוין נישטאָ — לעצטנס אָפט געטראַכט וועגן אים — געוועזן אַ גרויסער מענטש. — — יאָ, שאָפמאַן האָט די אינטויִציע צו זען גרויסקייט דאָרט ווו קיינער זעט זי נישט און אויך קלײנקייט דאָרט, ווו קיינער דערזעט זי נישט... ווײַל זי איז אַזוי קלײן...

נאָך שטייט מיר פאַר די אויגן דאָס בילד פון דעם דרײַסיק־יעריקן לײזער ראָזענשטײן: הויך, אײַזן שטאַרק, אַ טשופּרינע טונקל־ברוינע האָר, געקרײַזלטע, און זיי פאַלן נישט אין די אויגן אַרײַן, ווי געוויינטלעך לאַנגע טשופּרינעס, נאָר זיי פליִען אין הימל אַרײַן, זיי שטופּן אַזש אַראָפּ פון קאָפּ

דעם קײַלעכדיקן האַרטן שטרויהוט מיט די פלאַכע ראַנדן. ער האָט אַ קײַלעכדיק פּנים, שײן, אַ ביסל מײדלש, גרויסע אויגן און זײ קוקן אַלע מאָל פאַר־שעמט אַראָפּ. ער רעדט שטיל, ער האָט מורא פאַר זײַנע אײגענע װערטער אין אַ ליטעראַרישער געזעלשאַפט, טאָמער װעט ער פאַלש אַרױסרעדן אַ פרעמדװאָרט און ער רעדט אַ סך װעגן קונסט און ליטעראַטור. מיר זענען געװאָרן פרײַנד. אויך אַ. מ. פוקס, דער רעאַליסט־פּראָזאַיקער, איז צוגע־שטאַנען צו אונדזער פרײַנדשאַפט.

אין די אָרעמע ײדישע גאַסן פון לעמבערג איז געװען אַ מין שענק־רעס־טאָראַן — דעם נאָמען געדענק איך ניט מער. דער רעסטאָראַן האָט געהאַט אַ גאָרטן מיט טישלעך און אויך אַ מין בינע, אַזוי גרויס װי אַ סוכּה און אַזוי מעכטיק װי אַ סוכּה — דאָרט האָט לײזער ראָזענשטײן יעדע זומערדיקע נאַכט, אויב נאָר עס איז קײן רעגן ניט געגאַנגען, געזונגען זײַנע לידער. אָט שטײט ער דאָרט און די ברעטלעך פון דער בינע־סוכּה װיגן זיך אונטער זײַן שװערער װאָג און פון די כװאַליעס פון געפיל, מיט װעלכן ער זינגט — אַ ים מיט געפיל, און ער כװאַליעט. ער איז פאַרליבט מיט אַלע ליבעס, װאָס ער באַזינגט אין די פאָלקסלידער:

דאָרט װײנט אַ האַרץ, אָבער ניט די אויגן,
טרערן רינען אויף אַן ענגלס געזיכט,
װאָלט איך געהאַט פליגל, אַזוי װאָלט איך געפלויגן,
זי באַגריסן װאָלט איך מיט מײַן געדיכט.

ראָזענשטײן זינגט דאָס ליד װי אַ פאָלקסליד, אָבער מיר װײסן שטילער־הײט, אַז דאָס ליד האָט ער אַלײן געשריבן און קאָמפּאָנירט פאַר זײַן אײבי־קער דולצינעע, דער ײדישער סוברעטין פּעפּי ליטמאַן, װאָס איז אַלע מאָל װײַט, װײַט פון אים. און אפשר אויך לכּבֿוד איר טראָגט ער אײביק אַ װײַסע רויז אין לאַץ. מעג דער אָנצוג זײַן אָפּגעטראָגן און אָפּגעריבן און אַלט — די װײַסע רויז איז אַלע מאָל געװען פריש און װײַס, װי די אומשולדיקסטע ליבע. אויב ער װעט האָבן אויסצוקלויבן — פאַר די לעצטע צען העלער זײַנע אין דער פרי — צו קויפן אַ טעפּל קאַװע מיט אַ בולקע, אָדער אַ פרישע רויז — װעט ער קויפן אַ רויז... אַזוי ביז אין זײַן טיפן עלטער — האָבן מיר דערצײלט די, װאָס האָבן אים אין זײַן טיפן עלטער געקענט.

די שײנע פאָלקספרויען פון אָרעמלעכן לעמבערגער רעסטאָראַן האַלטן מיט באַגײַסטערונג די שװאַרצע אויגן אויפגעהויבן צום שײנעם זינגער מיט די אײביק פאַרשעמט־און־פאַרליבטע, אַראָפּגעלאָזטע אויגן — אָבער פּרנסה איז דאָ װײניק און די שײנע קינדער אין דעם זינגערס שטוב הונגערן אונטער און אין אײן שײנעם טאָג לאָזט זיך דער מינע־זינגער, דער לעבעדיקער

שאַפער פון פאָלקסלידער, אַרויס איבער שטאָט און שטעטל פון דער עסט־רײַכישער אימפּעריע, איבער די זומערפלעצער און די וואַרעמבעדער — פון קיניץ ביז קאַרלסבאַד — אויף צו זוכן אַ שטיקל ברויט פאַר ווײַב און קינד.

און די זעלבע פיר פרײַנד זוכן זיך אָפּ אין אַ פּאָר יאָר אַרום אין ווין — און אָט אָ האָב איך איצט, אין יאָר 1960, געפונען אַ פּאָר האַרציקע בריוועלעך ראָזענשטיינס, מיט דער כאַראַקטעריסטישער צעבראָכענער האַנטש־ריפט זײַנער, אין מײַן אַרכיוו. אַ קורצע צײַט פאַרן אויסבראָך פון ערשטן וועלטקריג איז לייזער ראָזענשטיין אַוועק קיין אַמעריקע. אין אַ בריוו פון שיקאַגאָ, פון 1915, שרײַבט ער צו מיר קיין ווין: „פאַר וואָס שרײַבט איר מיר אין דער גרויסער, אומגליקלעכער צײַט אַזעלכע קליינע בריוו? שרײַבט מיר מער! שיקט מיר אויך אַ ביסל ביטערקייט פון אײַער האַרצן, ווײַל איך פיל, אַז אײַער אומגליק איז אויך מײַנס״. — —

און זינט דעמאָלט איז אַ ים מיט צײַט אַוועק — עס איז 1947 — ניו־יאָרק, קאַפע „ראַיאַל״, עס קומט צו מיר צו דער זעלבער לייזער ראָזענ־שטיין, די זעלבע ווײַסע דויז און אויך די טשופּרינע... איז פּונקט אַזוי ווײַס. און ער קוקט נאָך אַלץ אַראָפּ מיט די שעמעוודיקע אויגן און ער רעדט צו מיר ווערטער, וואָס איך קען נישט פאַרשטיין זייער מיין: — „גלייבט נישט קיין שלעכטס אויף מיר, גלייבט נישט, גלייבט נישט, האַרציקער מלך?״ — — און איידער איך קען איבערפרעגן — איז ער נישטאָ.

פרײַנד אַרום קאַפעטישל האָבן קלאָר געמאַכט: ראָזענשטיין האָט אָנגע־הויבן האַנדלען מיט אַנטיקן און ער האָט זיך ערגעץ פאַרפּלאָנטערט און געוועזן אַ פּאָר טעג אַרעסטירט.

עטלעכע מאָל נאָך הייבט ער זיך זינט דעמאָלט ווידער אַרויס פון פּלאָנ־טער, גיט קאָנצערטן פון יידישע פאָלקסלידער אין יידישע אינסטיטוציעס אין אַמעריקע, אַפילו אין באַרימטן יידישן ראַבינער־סעמינאַר אין סינסי־נעטי, און ער פאַרפאָרט ביז לאָס־אַנדזשעלעס און דאָרט — אין דער גרעסטער וויג און אין גרעסטן קבר פון אַקטיאָרן־און זינגער־קאַריערעס פון דער וועלט־אַרום האָליוווּד — לעבט ער אויס די לעצטע יאָרן זײַנע; דער יידישער שפּיל־מאַן, אַ גילגול פון אַכצנטן יאָרהונדערט, לייזער ראָזענשטיין. ער האָט נאָך קאָנטאַקט נאָר מיט עטלעכע פרײַנד, מיט דעם ביבליאָטעקער אַזאַלין, דעם בוכהענדלער גאַרעליק, אַ ברודער פון שמריהו גאַרעליק און אַנדערע.

אין יאָר 1958 בין איך אין לאָס־אַנדזשעלעס, ווייס, אַז ראָזענשטיין איז דאָ אין שטאָט, איך שיק שליחותן צו אים דורך פרײַנד, איך וויל אים זען, איך מוז אים זען. — ניין און ניין — איז דער ענטפער. און איך האָב אים נישט געזען.

אין אַן אָרעמען האָליוװדער האָטעל, װוּ עס דערלעבן די לעצטע יאָרן אַ סך, אַ סך אַזעלכע לעצטע װי ער, איז ראָזענשטײן אַ מאָל אײַנגעפֿאַלן אויפֿן האַרץ, מען האָט אים צוגענומען אין אַ שפּיטאָל און אָן אַ בת־קול, כּמעט אָן אַ לװיה איז ער אַװעק פֿון דער װעלט צו זײַנע 79. אויף זײַן לװיה זענען געװען בלויז די צװײ אויפֿרוימערקעס פֿון האָטעל, אפֿשר אויך אַמאָליקע זינגערינס.

קײן מצבה איז נאָך נישטאָ. אָבער די דערמאָנטע פֿרײַנד האָבן זיך גע־געבן אַ נדר: עס װעט, עס מוז זײַן אַ מצבה אויף לײזער ראָזענשטײנס קבר. װאָלט איך געהאַט אַ דעה מכּוח דעם נוסח אויף דער מצבה, װאָלט איך געזאָגט: קריצט אויס אַ װײַסע רויז אויפֿן שטײן און אונטער דער רויז דאָס ליד: „דאָרט װײנט אַ האַרץ" — —

שמואל ראָזשאַנסקי

געבוירן אין וואַרשע אין יאָר 1902. זינט 1922 אין אַרגענ־טינע. רייזעס: מדינת־ישראל, דרום־אַפריקע, פאַראייניק־טע שטאַטן, קאַנאַדע און אַנד'.

אַז פרץ איז געשטאָרבן אין וואַרשע, אין יאָר 1915, איז שמואל ראָזשאַנס־קי געווען אַ תּלמיד אין אַ פּוילישער גימנאַזיע און ביי ייִדן אַ בר־מיצווה־בחור. און — מסתמא — אַ ייִנגל מיט גרויסע אַמביציעס. מיר האָבן אים דעמאָלט נישט געקענט, אָבער מיר זענען זיך משער אין רעטראָספּעקט. און אין ליכט פון די 25 יאָר, וואָס מיר קענען אים יאָ פּנים־אל־פּנים. אַלע וועגן זענען געשטאַנען דעמאָלט אָפן פאַר אים, פאַר שמואל ראָזשאַנסקין. ער האָט גוט געקענט פּויליש, ער רעדט נאָך היינט פּויליש פּונקט אַזוי שאַרף און דייטלעך, מיט אַ ריינעם אַקצענט, ווי אַ מאָל. ער האָט אַ גוטן פּוילישן נאָמען „ראָזשאַנסקי", און „שמואל" קען מען גרינג איבערמאַכן אויף „סטאַ־ניסלאַוו" און אונדזער שמואל ר. וואָלט געוואָרן אַ פּוילישער שרייבער, וויִל שרייבעריי איז געווען און געבליבן זיין גליִענדיקע אַמביציע. ער וואָלט אויך געקענט ווערן אַ העברעיִשער שרייבער און מסתמא אַן אַדוואָקאַט, אַ דאָקטאָר — און וואָס דען נישט. אָבער ער האָט זיך פאַרשווירן צו ווערן אַ ייִדישער שרייבער — און אַזוי ווי די טרעפּ צו דעם טעמפּל פון דער ייִדישער ליטעראַטור פירן דורך לערעריי — האָט עס ראָזשאַנסקין אויך נישט אויסגעמיטן.

אָנגעקומען קיין אַרגענטינע האָט ער יאָרן לאַנג געלערנט, אויך אין מאָזעסוויל, דעם ייִדישן שטעטל, אין די באַרימטע באַראָן הירש־קאָלאָניעס, און שפּעטער אין דער עיר־הבירה בוענאָס־איירעס, קודם־כּל אין נאָכמיטאָג־שולעס און צום סוף אין לערער־סעמינאַר. און אַזוי ביז היינט.

אַ מיטל־הויכער, אַ פעסט־געבויטער, אַן ענערגיש פּנים, אַ ברונעט, שאַרפלעכע שטריכן, מער ייִדיש — ווי נישט, מען קען אין זיין פּנים דערקענען דעם ייִד: ברילן, גרינג צעשמייכלט, און אָפט אַפילו בייזלעך צעשמייכלט, אַז מען דערמאָנט מענטשן און זאַכן, וואָס זענען אים נישט ליב. ער איז אַ סך צעקריגט, בייז אויף דעם און יענעם, אָבער נישט קיין שונא, אַ ייִדישער גזלן. ער רעדט מיט אַ ליטווישן אַקצענט, כאָטש ער איז אַ יליד וואַרשע, אָבער דער שטאַם איז אַ ליטווישער. און אגב — פּאַסט צו ראָזשאַנס־קיס וועזן און אויסדריקלעכקייט, אַז ער זאָל רעדן מיט דעם ליטווישן אַקצענט. ער רעדט אַזוי פּרעציז, אַזוי ווי ער וואָלט געשריבן לאַנגזאַם אויף אַ שרייבמאַשין. דו זעסט דייטלעך די קאָמעס, די פּונקטן, די אויסרוף־און פרעג־צייכנס. ער רעדט נישט — ער רעציטירט. טאָמער סטענאָגראַפירט עמעץ די ווערטער, וואָס ער זאָגט אַרויס. ער איז פאַרזיכטיק מיט זיינע

רייד. ער האָט ליב יענעם אַ מאָל צו דערמאָנען אַ וואָרט, אַ זאַץ, אַרויסגע־זאָגט מיט אַ פּערטל יאָרהונדערט צוריק און ער האָט מורא טאָמער וועט מען אים זײַנס אַ וואָרט דערמאָנען.

ראָזשאַנסקי איז אַ לערער, אַ לעקטאָר, אַ זשורנאַליסט, אַ רעדאַקטאָר, אַ בעלעטריסט, אַ דירעקטאָר פון אַ ביבליאָטעק, אַ געזעלשאַפטלעכער טוער און דער איניציאַטאָר און רעדאַקטאָר פון דער סעריע „מוסטערווערק פון דער יידישער ליטעראַטור". דאָס דערברענגט ער מיטן הכּוח אל הפּועל זײַן נדר, וואָס ער האָט אויף זיך מסתּמא געגומען אין דעם טאָג פון יצחק לייבוש פּרצעס הונדערט־טויזנט־קעפּיקער לוויה איבער די גאַסן פון וואַרשע — פּסח 1915 — אַז ער וועט זײַן לעבן אָוועקגעבן אין גאַנצן דער יידישער ליטעראַ־טור. און אַז עס האָט — זינט יאָרן, זינט ביאַליקס אַלײַדישן פּינוס־געדאַנק פון די גײַסטיקע יידישע אוצרות — אין דער יידישוועלט אָנגעהויבן בלאָנקען אַ פּינוס־געדאַנק פון די עיקר־ווערק פון דער יידישער ליטעראַ־טור — האָט שמואל ראָזשאַנסקי פאַרשטאַנען: איצט איז געקומען די גרויסע רגע אין זײַן לעבן. און ער טוט, און מען קען זיך אויף אים פאַרלאָזן. אַכצן בענד זענען שוין דאָ בשעת די ווערטער ווערן געשריבן: הונדערט דאַרפן זײַן בסך־הכּל, אַז דער ציל זאָל זײַן כּמעט פּערפעקט דערגרייכט. אַ חבר האָט געמאַכט אַ חשבון: פיר בענד אַ יאָר דערשײַנען. ביז מענדעלעס עלטער פעלן ראָזשאַנסקין 20 יאָר — 18 בענד זענען שוין דאָ — איז צוזאַמען 98.

מיר האָבן פריער דערמאָנט: ראָזשאַנסקי — לערער, לעקטאָר, זשורנאַ־ליסט, געזעלשאַפטלעכער טוער, רעדאַקטאָר. דאָס איז נישט קיין גרויסער חידוש. אין יידישן לעבן האָבן מיר אַ סך אַזעלכע פיל־געשטאַלטיקייטן. דער עיקר אויפן יידיש־יידישן געביט. מיר האָבן נישט קיין סטאַטיסטיק. אַ חידוש איז אָבער, וואָס ראָזשאַנסקי איז אויף יעדן פון די דאָזיקע געביטן — גאַנץ. אַזוי ווי ער וואָלט נאָר דאָס געווען. אַ גאַנצער לערער, אַ גאַנצער זשורנאַליסט — אַ טעגלעכער „קאָלום" אין דער „יידישער צײַטונג" — אַ גאַנצער רעדאַקטאָר אאַז"וו. ווי אַזוי ער באַווײַזט עס? זײַן סוד. ער איז נאָך דערצו אַ פּערפעקציאָניסט אויף יעדן געביט. דערצו קאָרעספּאָנדירט ער אַ היפּש ביסל מיט חברים. זײַנס אַ בריוו איז אויך אַ מוסטערבריוו, אײַנגע־טיילט אין קליינע פּאַראַגראַפן מיט ספּעציעלע קעפּלעך. און די אונטערשריפט נאָך מיט אַ גרעסערן ראָזמאַך, ווי די שענסטע אונטערשריפט, וואָס אַ יידי־שער שרײַבער האָט ווען עס איז געהאַט, די אונטערשריפט פון שלום־עליכם.

אַז ראָזשאַנסקי איז עפּעס מסביר — איז אַלע מאָל מיט דאָקומענטן, מיט ציטאַטן, מיט פּינקטלעכע הערות, עס זאָל קיין שום ספק נישט בלײַבן. אָבער ער איז נאָך אַלץ נישט זיכער. און לרוב פרעגט ער איבער: איר האָט מיך פאַרשטאַנען? דער דאָזיקער „איר האָט מיך פאַרשטאַנען" —

איז געוואָרן אַ שם־דבר פון חברישן קיבעץ אין דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַרישער חברותא.

אַן ערך אין דער זעלבער צײַט ווי ראָזשאַנסקי, איז געקומען קיין אַרגענטינע דער שריפטשטעלער־זשורנאַליסט־לעקטאָר — און בכלל מלא וגדוש מיט טאַלאַנט — יעקב באָטאָשאַנסקי. זיבן יאָר עלטער פון ראָזשאַנסקין. יונג און טעמפּעראַמענטפול ביידע — האָט זיך אַנטוויקלט אַ קינאת־סופרים (תרבה חכמה!...) וואָס טליִעט אַפילו נאָך הײַנט. מרדכי שטריגלער האָט דעם ענין אָנגערופן — נאָך אַ באַזוך אין אַרגענטינע — „די צוויי אַנ־סקיס פון בוענאָס־אײַרעס". מילא — ווידער אַ מאָל ייִדישע קולטור־פּאָזיציעס צוליב אָט די אַמביציעס. ביידע זענען גרויסע אויפטוערס אין דעם דינאַמישן ייִשוב אין אַרגענטינע. באָטאָשאַנסקי מיט זײַן אייגנאַרט און זײַנע ספּעציעלע חנען — אגב אויך פול מיט הומאָר — ראָזשאַנסקי אויף זײַן אופן מיט זײַן אייגנאַרט און זײַנע ספּעציעלע טאַלאַנטן.

פעברואַר 1963. שפּעטער אָוונט. שווערער ווינטער. מאָנטרעאָל. ראָזשאַנסקי דאַרף קומען אויף אַ באַזוך אויף צוויי וואָכן. אַ שניי־זאַווערוכע. אַ גרופּע פרײַנד — פּראָפעסאָר אַרטור לערמער און פרוי, יהודה עלבערג און פרוי, רחל אײַזענבערג און איך וואַרטן אים אָפּ. אָבער צוליב סיבות — נישט אויף דער הויפּט־סטאַנציע, נאָר אין אַ פאָרשטאָט. אָט שטייען מיר אויף דעם פּעראָן. די אײַז־און שניי־באַדעקטע באַן קומט אָן. מיר ציטערן פון קעלט און פּחד: ווי וועט זיך דער אַרגענטינער דאָ אָריענטירן? די באַן קומט און אָט גייט זי שוין ווײַטער. מיר שרײַען: ראָזשאַנסקי, ראָזשאַנסקי! הילד איננו. די פּעסימיסטן, צווישן זיי — איך, אין ייִאוש, די אָפּטימיסטן זאָגן: בײַ אַ פּערפעקציאָניסט איז אַ טעות נישט מעגלעך. און טאַקע. אַזוי גיך די באַן איז אַוועק האָבן מיר דערזען ראָזשאַנסקין מיט די פּעקלעך. ער איז אַרויס אויף דער אַנדערער זײַט פון פּעראָן. דערפרייט מען זיך, צעקושט מען זיך, און די וואַרשעווער־בוענאָס־אײַרעסער האָבן זיך ליב צו קושן. צו קלאַפּן אין פּלייצע.

זענען אַוועק צוויי וואָכן פול מיט חברשאַפט און ענערגיע. מיט רעפעראַטן — דער עיקר וועגן דוד פּינסקי. ראָזשאַנסקי וויל אים קרוינען פאַרן פּערטן קלאַסיקער. וועגן אַרגענטינער ייִשוב. וועגן דער לעבנס־אויפגאַבע ראָזשאַנסקיס, די „מוסטערווערק". און אָט האָבן שוין די צוויי וואָכן אָפּגעברויזט. אָפּגעטומלט. און מען איז שוין ווידער אויף אַ וואָקזאַל און מען צעקושט זיך שוין ווידער — און עס בלײַבט אַ בענקשאַפט, אַ חברישע בענקשאַפט. מיר זענען דאָך שוין אַזוי ווייניק געבליבן. מיר, גלייבערס אין דער שליחות פון דער ייִדישער וועלט־ליטעראַטור בזעיר אַנפּין.

יוסף ראַלניק

געבוירן 1879 אין אַ דאָרף נעבן מיר, מינסקער גובערניע. 1899 צום ערשטן מאָל אין אַמעריקע, 1908 צום צווייטן מאָל, אויף שטענדיק. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק 19טן אויגוסט 1955.

זיין נאָמען איז יוסף ראַלניק, און אין סלאַווישע לשונות הייסט „ראַלניק" — פויער. און אויך געבוירן איז ער אין אַ דאָרף, און אויסזען זעט ער אויס ווי אַ ווי״ט (שווער דעם קלאַנג פון דעם וואָרט אַרויסצוברענגען מיט יידישע אותיות, דעריבער דער אַפּאָסטראָף אין מיטן וואָרט) און אַ האָספּאָדאַר, נאָר נישט אַ האָספּאָדאַר אַ קולאַק, נייערט אַ פּויער, נישט קיין אָרעמער אַפילו, אָבער דער עיקר איז דאָס, וואָס ער איז אַ חכם, אַ לעבנס־חכם. ער טראָגט געדיכטע, גרויסע וואָנסעס, ראַלניק, און אַלץ אין זיין פּנים איז בכבודיק און זייער ווערדיק. זייער אַ בכבודיקער שטערן, און אַ בכבודיקע נאָז, און שוין גאָר בכבודיקע אויגן, פּאַרטראַכטע, ערנסטע, זייער ערנסטע. און ער זעט זיך אומעטום שטאַרק אַרויס, כאָטש ער וויל זיך בשום־אופן נישט אַרויסזען, ווייל ער ווייסט, אַז אָט דאָס ביליקע אַרויסזען איז הבל־הבלים. כאָטש אַזוי פיל הדרת־פּנים, איז אַפילו קיין טראָפּן פּאָזע נישטאָ אין יוסף ראַלניקן.

כאָטש דורכויס אַ ליריקער, און ער גייט זיך זיין וועג, פאַרטיפט אין זיינע מחשבות, אַזוי ווי צווישן צוויי דישלעס, און דערצו אויף אַ שטאַרק אויסגעטראָטענעם, אויסגעפּאָרענעם שליאַך, און כאָטש ער ווייכט נישט אויף איין שריט אַפילו אין עפּישע אָדער באַמבאַסטיש־פּאַטעטישע, אָדער אַפילו קאָנטעמפּלאַטיווע אָפּנויגן אַריין — איז אָבער יוסף ראַלניק איינער פון די פילאָסאָפן אין דער יידישער דיכטונג. עס איז די פילאָסאָפיע פון דער נאַטור, די פילאָסאָפיע פון דעם פּויער, די פילאָסאָפיע פון דעם ווי״ט, וואָס דאָס גאַנצע דאָרף קומט נאָך זיין עצה און נאָך זיין טרייסטוואָרט און נאָך זיין מישפּט. דאָס איז אַזאַ מין חכמה און אַזאַ מין פילאָסאָפיע, וואָס מען לערנט נישט אַרויס פון קיין ביכלעך, נאָר מען באַקומט זי דירעקט פון דער האַנט פון גאָט און אויב לערנען שוין — איז דירעקט פון דעם אָפענעם בוך פון דער נאַטור.

ראַלניק איז אויסגעוואַקסן אַרום אַ מיל. איינער, וואָס האָט כאָטש דריי לידער פון יוסף ראַלניקן געלייענט, ווייסט עס גאַנץ גוט, ווייל נישטאָ נאָך קיין דריי לידער זיינע אין וועלכע ער זאָל כאָטש איין מאָל נישט דערמאָנען די מיל. און אַז ער האָט מיט אַ סך, אַ סך יאָרן צוריק, אין מיטן פון די דעקאַדענטיש־אַנגעהויכטע חברים זיינע, גענומען שרייבן גאַנץ פּשוט וועגן

דער מיל אַרום װעלכער ער האָט זײַן יוגנט אָפּגעלעבט, האָט מען געמיינט, אַז דאָס איז אַזאַ מין אָריגינעל חנדל, און אַז ער האָט מיט צען יאָר שפּעטער, װען אַ סך פֿון די חברים פֿון די „יונגע" האָבן שוין געטראָטן יעדער אויף זײַן אייגענעם װעג, נאָך אַלץ געשריבן װעגן דער מיל, האָט מען געמיינט, אַז ער האָט געכאַפּט אַן אָריגינעלע טעמע און האָט זיך דערבײַ אָפּגעשטעלט, האָט נישט קיין כּוח צו גיין װײַטער. און װי לאַנג איז דער שיעור צו זײַן אָריגינעל? און אַז ער האָט מיט נאָך צען יאָרן שפּעטער אַלץ געשריבן װעגן דער מיל, האָט שוין דער און יענער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — לאַנגװײַליק — אָבער אַז ער האָט ערשט אין 1941 — צו די פֿערציק יאָר פֿון זײַן לידער־שרײַבן — װידער אַרויסגעלאָזט אַ ביכל „אַ פֿענצטער צו דרום" און כּמעט לחלוטין געװוּנדמעט דער... מיל, האָבן זיך ענדלעך די מייסנטע געכאַפּט, אַז ער, ראָלניק, איז נישט נאָר אַ דיכטער אַ גרויסער, נאָר אויך אַ שטילער און טיפֿער פֿילאָסאָף.

אין אַ טראָפּן װאַסער קען זיך שפּיגלען די גאַנצע זון, און אויב מען דאַרף באַשרײַבן די זון, און אין דער זון אַרײַן קען מען נישט קוקן — איז דער איינציקער אויסװעג צו באַשרײַבן די זון — אין שפּיגל פֿון אַ טראָפּן װאַסער. קיין אַנדערן אויסװעג האָט דער מענטש נישט. און אויך ראָלניק האָט אונדז אין זײַן אײַנגעשפּאַרטער װעלט אַרום אַ מיל געגעבן אַ סך מער װעלט און מענטש װי װען ער װאָלט „װעלטן אײַנגעריסן" אין זײַן פּאָעזיע.

פֿאַראַנען אַ פּאָפּולער־װיסנשאַפֿטלעך ביכל װעגן דער נאַטור, רופֿט זיך עס „אַ װעלטרײַזע אַרום מײַן צימער"... ראָלניקס געזאַמלטע לידער זענען אַ גרויסע װעלטרײַזע אין דער װעלט און אין דער מענטשהייט אַרײַן אַרום אַ קליינער מיל, ערגעץ אין אַ דאָרף אין דער מינסקער גובערניע.

ראָלניק אַרבעט װי אַ קאָרעקטאָר אין ניו־יאָרקער „טאָג". טאָג־אײַן און טאָג־אויס דאָס זעלבע און דאָס זעלבע. אויך אַזאַ מין מיל, נאָר אַ מיל אין װעלכער עס מאָלט זיך בלײַ און ברענגט אַרויס װערטער, װערטער, זעק מיט װערטער, מיט שװאַרצע װערטער. אַ פּולער קאָנטראַסט צו דער מיל אין דאָרף. אָבער ראָלניק האָט אָט די װעלט, די צװייטע מיל פֿון זײַן לעבן, נישט צוגעלאָזן נאָענט צו זײַן נשמה און נישט צו זײַן ליד. װאָלט ער זײַן יוגנט פֿאַרבראַכט אין אָט דער שװאַרצע־װערטער־מיל, װאָלט ער אפֿשר אַלע זײַנע לידער גערופֿן „אַרום אַ צײַטונג־דרוקערײַ" און אויסגעפֿילט זיי מיט דער חכמה און דער פֿילאָסאָפֿיע פֿון דעם רעזיגנירטן שטאָטמענטש. אָבער בעסער װאָס ער האָט זײַן יוגנט פֿאַרבראַכט אַרום אַ ליכטיקער מיל...

אין יאָר 1934 בין איך צום ערשטן מאָל געװען אין ניו־יאָרק. אין דער דרוקערײַ פֿון „טאָג" בין איך באַקאַנט געװאָרן מיט אַ מאַן מיט געדיכטע װאָנסעס, אַזוי װי אַ האַלבער קנויל מיט ברוינעם באַװל; מיט זייער אַ בכּבֿודיק

פּנים, און די אַרבל פֿאַרשאַרצט, און די הענט אײַנגעריסט, און זייער אַ שווײַגנדיקער: יוסף ראָלניק. ראָלניק רעדט זייער שטיל אַלע מאָל, אפֿשר צוליב דעם טומל אין וועלכן ער אַרבעט שטענדיק, ווײַל אַ טומל קען מען איבערשרײַען נאָר מיט שטילקייט; און שטיל באַשטעלט ער זיך מיט מיר אין קאַפֿע אויף צו מאָרגנס מיטאָגצײַט. און ווי דערשטוינט בין איך געווען, ווען ראָלניק האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע מײַנע אַ רעצענזיע וועגן זײַנס אַ בוך — זיכער שוין זיבן יאָר אַלט דעמאָלט — און אויפֿגעוויקלט זי פֿאַר מיר און דערצו שטילערהייט מיט ווערטער האָט ער אויפֿגעוויקלט זײַנע טענות צו אָט דער רעצענזיע מײַנער. ער האָט עס געטון לחלוטין אָן בייזקייט, ער האָט מיר נאָר געוואָלט אויפֿקלערן, אַז איך האָב געבלאָנדזשעט... אָט דאָס נישט־פֿאַרגעסן און וואַרטן זיבן יאָר, און גלייבן אַז דער שולדיקער וועט סוף־כּל־סוף אַליין אַרײַנפֿאַלן אין די הענט אַרײַן — איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר ראָלניקס גאַנצן וועזן. און ערשט זיבן יאָר נאָך מײַן ערשטער אויפֿרעגונג צוליב ראָלניקס פֿאַרעלטערטע טענות און באַשולדיקן אים, אין דער נשמה, אין קליינלעכקייט... האָב איך פֿאַרשטאַנען די פֿילאָסאָפֿישע שיינקייט פֿון יענעם געדענקען, יענעם ווילן צו האָבן אַ ריינעם טיש כּסדר אַרום זײַן דיכטונג, זײַן וועלט, זײַנע חשבונות מיט זײַנע חברים.

1941

יהושע ראַפּאָפּאָרט

געבוירן 1895 אין ביאַליסטאָק. געוווינט יאָרן לאַנג אין בערלין. 1925 אין וואַרשע. די יאָרן פון דריטן חורבן געווען אויפן ווײַטן מיזרח, אין שאַנכײַ. זינט 1946 אין אויסטראַליע. געשטאָרבן 1טן נאָוועמבער 1971.

סוף נאָוועמבער 1971 איז געקומען פון מעלבאָרן די ידיעה, אַז דעם 1טן נאָוועמבער איז אַוועק אין דער אייביקייט דער שרײַבער אויף אַלערליי ליטעראַרישע געביטן, יהושע ראַפּאָפּאָרט.

אַן אומרויִק לעבן — צעוואָרפן אויף דרײַ קאָנטינענטן — אייראָפּע, מיזרח און מערב, אַזיע און אויסטראַליע. און אומעטום געשריבן און געשריבן. דאָס איז געווען זײַן איינציקע פּראָפעסיע. און אַ זכרון — אײַזן. און אַ לשון קלאָר און דײַטלעך. אָן קיין שום סודות. דער קריטיקער — דאָס איז געווען ראַפּאָפּאָרטס דעוויז — דאַרף קריטיקירן, פּנים־אל־פּנים, אָפן — אָן שום מורא. שוין אַ ביסל צו פיל. דאָס לעבן פּאָדערט אַ ביסל בויגעוודיקייט.

מען האָט ראַפּאָפּאָרטן אַ סך געלייענט, ווײַל מען האָט בײַ אים געלערנט. אָבער אין דער זעלבער צײַט אַ ביסל מורא געהאַט. דער עיקר אין די רייען פון יידישע שרײַבערס. אונדזער ליטעראַטור האָט דאָך אַזוי ווייניק קריטיקערס, און אויב דער וועט זײַן צו שאַרף — בײַ וועמען וועלן מיר בלײַבן? און אַ ליטעראַטור דאַרף האָבן קריטיקערס.

יהושע ראַפּאָפּאָרט איז געווען אַ ביאַליסטאָקער, אַ דינאַמישער און אַרבעטזאַמער יישוב. אַן אינדוסטריעלע שטאָט און אַ היפּש ביסל עשירות. אָבער אויך אַ ליבשאַפט און דרך־ארץ צו וויסן און גײַסטיקייט. און ביאַליסטאָק האָט זיך געגרויסט מיט אירע אינטעלעקטואַלן און געגעבן זיי די מעגלעכקייט צו אַרבעטן, יעדן אויף זײַן ספּעציעלן געביט. און איינער פון אָט די אינטעלעקטואַלן איז געווען יהושע ראַפּאָפּאָרט.

חוץ קריטיקער און עסייען־שרײַבער איז יהושע ראַפּאָפּאָרט געווען אַן איבערזעצער בחסד עליון פון רוסיש, העברעיִש, דײַטש, ענגליש און — בײַ מיר איז רעכט — אויך כינעזיש. ער האָט דאָך יאָרן פאַרבראַכט אין שאַנכײַ. און חוץ לערנען יענעם האָט ער כסדר אויך אַליין זיך געלערנט.

ער איז געווען אַ מלמד און אַ תלמיד אין איין יחיד.

אָט ליגט פאַר מיר אַ בוך — אַ האַלב־טויזנט זײַטן אין פאַרנעם. איינס פון ראַפּאָפּאָרטס וויכטיקסטע ביכער. עס רופט זיך „זוימען אין ווינט". דאָס בוך האָט אַ הקדמה פון מחבר און די הקדמה איז פּעסימיסטיש ביז גאָר. ער פאַרענטפערט דאָרט דעם נאָמען פון בוך: „זוימען אין ווינט..."

וואָס הייסט דאָס? — עס הייסט אַז די בלעטער פון דעם בוך זענען ווי זוימען, וואָס מען וואַרפט זיי אויף הפקר, אויף ווינט, און מען בלײַבט מיט דער האָפענונג, אַז אַ טייל וועט זיך אָננעמען אין דער ערד און ווידער וואַקסן. וואַקסן און ווערן בלומען און ביימער און צוטראָגן צו דער פּראַכט פון דעם גרויסן גאָרטן — און אפשר גאָר גן־עדן — פון דער ייִדישער ליטעראַטור. און לאָמיר דאָס זעלבע זאָגן מיט די אייגענע ווערטער פון יהושע ראַפּאָפּאָרט. אָט זענען זיי: „איך פריי מיך מיט יעדן אַרויסגעגעבענעם בוך, מיט יעדן הויפן זוימען, וואָס איך לאָז אַוועק מיטן ווינט — — וואָס איז די נפקא־מינה, וואָס דאָס איז. דער עיקר איז די באַרויִקנדיקע רעזיגנאַציע, וואָס קען שעפּן פרייד פון דער האָפענונג, אַז פון זוימען אין ווינט קענען זיך אַ מאָל אָננעמען עטלעכע, און שלאָגן וואָרצלען אין די שטיינשפּאַלטן פון ייִדישן קולטור־לעבן. און אויף זייער געהאָפטן אויפגיין מאַך איך שוין איצט אין פאָרויס אַ ברכה".

דער אמת איז, אַז די 500 זײַטן פון דעם בוך זענען שוין איצט, אָט ווי זיי זענען, נישט קיין זוימען אויפן ווינט, נאָר ביימער פון וויסן וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור. דאָס בוך הייבט זיך אָן מיט הונדערט זײַטן פונדאַ־מענטאַלע אַרבעטן וועגן די קלאַסיקערס מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם און ענדיקן זיך מיט אַ גרינטלעכער שטודיע פון איציק מאַנגערס ווערק.

מיט טרויער מוזן מיר פאַרענדיקן די דאָזיקע ווערטער וועגן דעם גרויס־פאַרנעמיקן ליטעראַטור־קריטיקער: מער ווי צוויי יאָר האָט זיך ראַפּאָפּאָרט געראַנגלט מיטן מלאך־המוות אין יסורים אָן אַ ברעג. ביז עס איז געקומען די אויסלייזונג.

זײַנע ווערק זענען געזאַמלט אין ביכער, אָבער די ביכער אַליין צעוואָרפן איבער גאָר דער ייִדישער וועלט. און לחלוטין צעוואָרפן זענען די קלענערע עסייען.

מען וועט דאַרפן זיי אויפזאַמלען און שליסן אין ביכער. יהושע ראַפּאָפּאָרט טיילט דעם גורל פון דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור. אין דער זעלבער מערכה געפינען זיך די מיינסטע, אַפילו באַרימטע ייִדישע שרײַבערס. דער עיקר איז, אַז די ווערק זענען דאָ.

די ייִדישע ליטעראַטור האָט נאָך אַ גרויסע שליחות.

און דאָרט האָט יהושע ראַפּאָפּאָרט זײַן שטול אין דער מיזרח־וואַנט.

גרויסע שרײַבערס שטאַרבן נישט. זיי לעבן אָן אייביק לעבן מיט זייערע ווערק צוזאַמען.

משה רובין

געבוירן 1856 אין איזמאַיל, בעסאַראַביע. פֿון 1906 אין אַר־גענטינע. געשטאָרבן אין בוענאָס־אײַרעס, אויגוסט 1940.

אַ הויכער ייִד מיט אַ הדרת־פּנים פֿון אַ פּאַרטיי־פֿירער־וועטעראַן, אָדער אַ רבֿ־הכּולל פֿון כּמעט צוויי הונדערט קהילות אין אַ גרויס לאַנד. גאַנץ אַרגענטינע האָט געקענט דעם נאָמען משה רובין — כּמעט אַן אַרגענטינער תּושבֿ, כּפֿי זײַנע יאָרן, און לויט די יאָרן פֿון ייִשובֿ איז ער ניט געווען גאָר קיין אַלטער. פֿאַרקערט, ער איז קיין אַרגענטינע געקומען שוין צו זײַנע פֿופֿציק יאָר. און אַ תּושבֿ פֿון 36 יאָר אין אַרגענטינע רעכנט זיך צווישן די ייִדן נישט ווי קיין זייער אַלטער תּושבֿ.

אָבער גאַנץ ייִדיש־אַרגענטינע האָט געוווסט, אַז משה רובין איז איינער פֿון די סאַמע עלטסטע ייִדן פֿון דעם ייִשובֿ. און אַלע האָבן אים אָפּגעגעבן אַזוי פֿיל כּבֿוד וויפֿל נאָר מעגלעך. נאָר כּבֿוד אָפּגעבן און ביכלעך קויפֿן — דאָס זענען צוויי באַזונדערע זאַכן בײַם ייִדישן פֿאָלק. כּבֿוד קאָסט גאָרנישט, פֿאַרקערט, געבן כּבֿוד גיט נאָך איינעם כּבֿוד... און ביכלעך קויפֿן איז פֿאַרבונדן מיט אַ טאָפּלטער הוצאה פֿון צײַט און פֿון געלט. געלט — נו ווײַל ביכלעך קאָסטן געלט, און צײַט — נו ווײַל אַז מען האָט שוין ביכלעך אין שטוב, מוז מען שוין פֿון צײַט צו צײַט אין זיי אַרײַנקוקן. וואָרעם טאָמער באַגעגנט מען דעם מחבר, בײַ וועלכן מען האָט געקויפֿט די ביכלעך און מען ווייסט נישט, וואָס אין די טעוועלעך פֿון דער געקויפֿטער סחורה טוט זיך — איז אַ שאַנדע.

משה רובין האָט געהאַט אַ טבֿע צו שרײַבן אַ סך ביכלעך און ווײַל גאָט איז צו אים געווען גנעדיק און האָט אים נישט געזשאַלעוועט קיין יאָרן, איז ער — משה רובין — געווען גנעדיק צו זײַן מיטוועלט און האָט איר נישט געזשאַלעוועט קיין ביכלעך. האָבן זיך די ביכלעך געהויפֿט אין זײַן שטוב פֿון אַ תּלמיד־חכם, ביז עס איז געקומען צו אַ טראַגישן מאָמענט אין לעבן פֿון דעם זקן־שרײַבער: ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ בריוו אין אַ רעדאַקציע פֿון אַ ייִדישער טאָגצײַטונג אין אַרגענטינע, אַז ער איז געצוווּנגען צו פֿאַרברענען גרויסע טיילן פֿון די אויפֿלאַגעס פֿון זײַנע ביכער, ווײַל דאָס דירה־געלט איז טײַערער ווי דער נוצן וואָס די ביכלעך ברענגען, אָדער קענען ווען עס איז ברענגען. דער ייִשובֿ, וואָס איז פֿול געווען מיט כּבֿוד פֿאַר דעם זקן, האָט די דאָזיקע ביטערע פֿיל אַראָפּגעשלונגען און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צום חשבון פֿון דעם שרײַבער־וועטעראַן. און דער חשבון האָט טאַקע געשטימט. אַוודאי איז סחורה, וואָס

לאָזט זיך נישט פֿאַרקויפֿן און וועט זיך שוין אפֿשר קיין מאָל נישט לאָזן פֿאַרקויפֿן, נישט ווערט דאָס דירה־געלט, וואָס מען לייגט אין איר אַרײַן.

משה רובין האָט אַליין אויפֿגעשריבן אַ קלײנע משה־רובין־ביבליאָטעק. ער איז געווען אַ מושלם אויף אַלע געביטן, האָט זיך אין זײַן אַרבעט נישט קאָנצענטרירט און דעריבער איז שווער צו זאָגן, וואָס אייגנטלעך ער איז געווען. ער האָט געשריבן היסטאָרישע ביכער און היסטאָרישע כראָנאָלאָגיעס און מעשׂיות און לידער און ראָמאַנען און דראַמעס און אַרטיקלען און מאמרים, זכרונות און פּעליעטאָנען און אַפֿילו די צוואָה זײַנע האָט ער אויך פֿאַרפֿאַסט אין גראַמען.

טאָמער איז אַ שרײַבער געקומען קיין אַרגענטינע, האָט שוין משה רובין געדולדיק געוואַרט אויף דער געלעגנהייט, אַז דער ייִנגערער קאָלעגע (וואָרעם אַלע ייִדישע שרײַבערס כּמעט זענען ייִנגער געווען פֿון רובינען) זאָל אים קומען באַזוכן. אָפּשטאַטן אַ וויזיט דעם קאָלעגע האָט רובין נישט געקענט און גיין צו די אָוונטן אַוודאי נישט. און טאָמער האָט דער גאַסט נישט געטון זײַן חוב, האָט אים רובין אָנגעטעלעפֿאָנירט און דערמאָנט. עס איז נישט אַזוי געגאַנגען אין כּבוד, עס איז געגאַנגען אין דעם לעבעדיקן אינטערעס, וואָס דער זקן האָט געהאַט אין אַלץ, וואָס האָט אַ שײַכות צו ייִדישער קולטור. דערבײַ האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט אַ זעלטענער טאָלעראַנץ. ער איז אַליין געווען אַ ציוניסט בלב־ונפֿש, אָבער אַז איינער איז קיין ציוניסט נישט געווען, האָט עס אים נישט געאַרט.

אויף מײַן וויזיטקייט האָט אַ מאָל אין אַ שבת־פֿאַרנאַכט באַזוכט דעם שרײַבער־וועטעראַן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז געווען בקי אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור — מער ווי נישט איין יונגער ייִדישער שרײַבער איז בקי אין דער עלטערער ייִדישער ליטעראַטור...

מיר זענען אַרויס אויף דער וועראַנדע פֿון הויז, נאָך האָט די אונטער־גייענדיקע זון באַלויכטן מיט אַ רויטלעכער, פֿאַרנאַכטיקער שײַן דאָס הדרת־פּנים פֿון זקן מיט דער זילבערנער באָרד. אַז די זון איז נידעריקער אַראָפּ און די שײַן איז פֿון זײַן פּנים פֿאַרשוווּנדן, האָט זיך דער זקן אויפֿגעשטעלט צו דערכאַפּן נאָך אַ פּאָר שטראַלן — ביז די אַנטלויפֿנדיקע שטראַלן זענען אויפֿן דאַך אַרויפֿגעשפּרונגען און דער הויכער זקן האָט זיי שוין מער נישט געקענט דערכאַפּן מיט זײַן פּנים. ער איז געוואָרן אומעטיק, מיד און שווײַ־גנדיק. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף לענגער דעם זקן נישט שטערן און בין וואָס גיכער אַוועק. בײַם אַוועקגיין האָט ער מיר נאָך מיטגעטיילט, אַז אַזוי גיך ער וועט זיך בעסער פֿילן, נעמט ער זיך צו אַ נײַ, גרויס בוך, דעם וויכטיקסטן פֿון זײַן לעבן. וואָס פֿאַר אַ בוך דאָס האָט געדאַרפֿט זײַן, ווייס איך נישט. פֿלײַסיק ווי ער איז געווען, וועט ער מסתּמא אויף יענער־

װעלט אױך נישט רוען און װעט עס אונדז פֿון דאָרט צושיקן. אַגב איז אין הימל דאָ געווּג פּלאַץ און נישט־פּאַרקױפּטע אױפֿלאַגעס קענען ליגן און װאַרטן אַן אײביקײט — אָן דירה־געלט....

אַ שײנע נשמה פֿון אינעװײניק, אַ גלױביקע, אַ הדרת־פּנים פֿון דרױסן, אַ גלױבן־דערװעקנדיק פּנים איז געװען בײַ אַט דעם שרײַבער, װאָס איז נאָך עלטער געװען װי דער עלטסטער ייִדישער שרײַבער אין אַרגענטינע, מרדכי אַלפּערסאָן...

1940

רות רובין

רבקה רויזנבלאַט — איצט: רות רובין. פֿריִע קינדהייט, ביז 16 יאָר, אין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע, שפּעטער אין ניו־יאָרק.

אין יאָר 1929 איז אין ניו־יאָרק דערשינען אַ קליין ביכל לידער פֿון רבקה רויזנבלאַט, לידער האַרציקע און קורצינקע, סך־הכּל 64 זײַטלעך. די הקדמה צו דעם ביכל האָט געשריבן נישט קיין אַנדערער ווי שמואל ניגער. אויך די הקדמה איז געווען אַ קורצינקע, אָבער אַ האַפּערדיקע — מחמת רבקה רויזנבלאַט איז געווען אַ גראַדויִרטע פֿון דער פּרץ־שול אין מאָנטרעאָל, ובכן, די ערשטע בלום פֿון דער בײַט פֿון די נסים פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אויף דעם אַמעריקאַנישן קאָנטינענט. און דער עיקר — די לידער, באמת גוטע. אָט האָט איר אַ דוגמאָ:

איך זיץ אַליין,
און וויל זײַן אַליין,
און קען נישט זײַן אַליין,
און בין מיט דיר.
און טראַכטן וויל איך,
אַלץ פֿאַרטראַכטן,
און קען נישט טראַכטן,
און טראַכט פֿון דיר.

פֿאַרמאַכט די אויגן און הערט זיך טיף־טיף אַרײַן אין דער שטילער מוזיק פֿון דעם ליד — און עס איז בלי שום ספק נישט סתּם אויף פּאַפּיר געשריבן געוואָרן פֿון דער דעמאָלט יונגיטשקער דיכטערין, נײַערט אויסגעזונגען מיט אַ ניגון — און איר וועט דערהערן אַן עכט ייִדיש פֿאָלקסליד. שוין אין אָט דעם קליינעם ביכעלע לידער פֿון רבקה רויזנבלאַט פֿון 1929 איז געווען אַן אָנדײַט אויף דער שפּעטערדיקער פענאָמענאַלער אויסטײַטשערין פֿון ייִדישן פֿאָלקסליד — רות רובין. דער נאָמען „רובין" איז איר צוגעקומען נאָך איר חתונה מיט איר געטרײַען מאַן הערשל רובין, וואָס ווײַזט אַרויס פּונקט אַזוי פֿיל ליבשאַפֿט צו זײַן רות און צו איר אומדערמידלעכער פֿאָרשונגס־אַרבעט, ווי זי אַליין טאָקע צו אים און צו דעם ייִדישן פֿאָלקסליד פֿון אַלע צײַטן און אַלע לענדער. און די דאָזיקע „צײַטן" זענען שוין כּמעט אַ האַלב יאָרטויזנט און די דאָזיקע „לענדער" — כּמעט אַ האַלבע וועלט. פֿאַרנעמיקע ווערק פֿון רות רובין — אַ מאָל אין ענגליש און אַ מאָל אין ייִדיש, אָבער די לידער אַלע

מאָל מיט אַ גוטער טראַנסקריפּציע מיט לאַטײַנישע אותיות, זענען עדות פון אַט דער אומדערמידלעכקייט. דאָס ווערק „די שטימען פון אַ פאָלק" האַלט 500 זײַטן, אָנגעפיקעוועט מיט הונדערטער ציטאַטן און אַ טויזנט הערות. דורכשטודירן דאָס ווערק און מען ווערט ממש אַ פאַכמאַן פון יידישע פאָלקסלידער — לכל־הפחות אַן ענטוזיאַסט אויפן גאַנצן לעבן.

נאָר דאָס איז נישט קיין רעצענזיע וועגן רות רובינס ביכער און נײַערט אַן אינטימער פּענפּראָפיל פון „מיין לעקסיקאָן". איז לאָמיר צייכענען: זי איז נישט קיין הויכע. זי איז אַ בלאָנדע. זי האָט אַ מילד פּנים און אַ מילדע שטים. אָבער אַ באַשטימטע — ווי אַ מענטש, וואָס ווייסט וואָס ער וויל. און זי האָט אַ שליחות צו אינטערפּרעטירן אויף אַן אינטעגראַלן אופן דאָס יידישע פאָלקסליד. אינטעגראַל אין דעם פאַל הייסט: ווערטער, ניגון, געזאַנג און זשעסטיקולאַציע אַפילו. און דער גאָט פון יידישן פאָלקסליד האָט רות רובין געגעבן אַ שטים, וואָס איז אַבסאָלוט צוגעפּאַסט אויף צו אינטערפּרעטירן אַ יידיש פאָלקסליד. און אָט אַזוי טוט זי עס.

צו ערשט רעדט זי אַ ביסל וועגן דעם געגעבענעם ליד. דער עולם ווערט שטיל און פאַרכאַפּט שוין פון די פאַרטײַטשווערטער. דערנאָך פאַרמאַכט זי די אויגן און גיט אין איר פענאָמענאַלן לידער־זכרון אַ מיש אויף דאָס געהעריקע בלעטל און זי טראָגט זיך אַריבער ערגעץ אין אַ וואַרשעווער געסל, אָדער אַ ווילנער הייפל, און זי זעצט זיך דאָרט ערגעץ אין דמיון אויף אַ שטיין, אָדער אַ פּריזבע, און זי ווערט אַליין די כּלה, אָדער די מאַמע, אָדער די באָבע און זי זינגט אויס דאָס געהעריקע ליד. ניין, זי זינגט עס נישט אויס, זי לעבט עס איבער, נאָך מער — זי ווערט ממש דער מחבר פון דעם ליד און דעם ניגון צוזאַמען... און דאָס פּובליקום פון זאַל ווערט דעמאָלט רות רובינס וואַרשעווער אָדער ווילנער צוהערערשאַפט — שטעלט זיך אַרום דער פּריזבע מיט דער זינגערין און איז פאַרהאַרכט, און נישט איינער ווישט אַ טרער... איך קען מיר גאָר נישט פאָרשטעלן אַ מער פּערפעקטע רעאינקאַרנאַציע — יידישלעכער: גילגול — פון אַ יידיש פאָלקסליד פון פּאַפּיר צוריק צום לעבעדיקן לעבן. און עס איז גוט, וואָס רות רובין זינגט אַרײַן גאַנץ אָפט אירע אינטערפּרעטאַציעס אין גראַמאָפאָן־פּליטן; נאָך בעסער וואָלט געווען, ווען זי זינגט זיי אַרײַן אין קלאַנגפילמען.

1965

י. ח. רובינשטיין

געבוירן אין ביאַליסטאָק. געקומען קיין אויסטראַליע אין די צוואַנציקער אָדער אָנהייב דרײַסיקער יאָרן. געשטאָרבן אין מעלבאָרן דעם 1טן פעברואַר 1948.

אין פאַרלויף פון 13 יאָר — זינט 1934 ביז אָנהייב 1948 — איז י. חיים רובינשטיין געווען דער רעדאַקטאָר און אויך פאַרוואַלטער פון דער וואָכנט־לעכער יידישער צײַטונג אין מעלבאָרן „די אויסטראַלישע יידישע נײַעס״. דעם דאָזיקן אַמט האָט אים איבערגעגעבן זײַן זון, דער פינאַנצמאַן און פּראָ־פעסאָר פון ביכער אויפן געביט פון עקאָנאָמיש־פינאַנציעלע פּראָגעס אין דער ענגלישער שפּראַך — לאַזאַר רובינשטיין.

אַז י. ח. רובינשטיין האָט איבערגענומען די אָנפירונג פון דער צײַטונג — וואָס דערשײַנט ווי אַ יעקבֿ־ און עשו־צווילינג צוזאַמען מיט אַן ענגלישער אָפּטיילונג מיט דעם נאָמען „דזשוּאִיש ניוס״ — איז ער שוין געווען אַן עלטערער מאַן מיט אַ רײַכער פאַרגאַנגענהייט פון אַ דערפאָלג־רײַכן סוחר אין אַמאָליקן רוסלאַנד, אין דער עיר־ואם בישראל — ביאַליסטאָק, און שפּעטער אין וואַרשע, דאַכט זיך. קיין אויסטראַליע האָט אים אַריבער־געבראַכט זײַן זון לאַזאַר, געבוירן 1902, אַ ייִד מיט אַ סך וויזיעס, אײַנפאַלן און פאַנטאַזיעס. געוויינטלעך איז אַז דער יונגער דור איז פּיזיש גרעסער ווי דער עלטער דור, אָבער אין דעם פאַל איז עס געווען פאַרקערט. י. ח. רובינ־שטיין איז געווען אַ ייִד אַ הויכער און צוואָקסענער מיט אַ טיף סעמיטיש פּנים אָן אַ שמץ פון צומישונג פון וועלכער נישט איז אַנדערער ראַסע. עפּעס אַזוי שטעלט מען זיך פאָר אַן אָנפירער פון אַ שבט, שבט ראובן צי שמעון, אין די אַמאָליקע צײַטן נאָך פון די שופטים, און נישט בלויז דאָס אויסזען איז אַזוי געווען, אַזוי איז אויך געווען דער טעמפּעראַמענט.

די יידישע פּרעסע האָט דאָך אין אַלע לענדער דורכגעמאַכט אַלערליי גילגולים, דורכגעגאַנגען דורך אַלערליי קוריאָזע סטאַדיעס, און די יידישע פּרעסע אין אויסטראַליע, דעם ייִנגסטן און לעצטן קאָנטינענט, איז אויך נישט פאַרמיטן געוואָרן דערפון. אָט, למשל, אין אַרגענטינע איז די יידישע פּרעסע געבוירן געוואָרן פון אַ שטיין... די ערשטע יידישע צײַטונגען האָט מען דאָרט געשריבן מיט דער האַנט און ליטאָגראַפירט לויטן אַמאָליקן שטיינסיסטעם. הײַנט זענען דאָרט דאָ צײַטונגען, נישט ערגערע ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן. נאָר ווער עס האָט געזען דעם ערשטן נומער פון אַ יידישער צײַטונג אין אויסטראַליע, סך־הכּל פון יאָר 1928, דער האָט קיין גוטס נישט געזען. דער נומער איז געווען באַשריבן אין אַן אַרבעט פון פּנחס גאָלדהאַר, אַליין

דער ערשטער רעדאַקטאָר פֿון אַ יִידישער צײַטונג אויף דעם פֿינפֿטן קאָנטי־נענט. גאָלדהאַר איז אַליין שוין אויך זינט סוף יאַנואַר 1947 אויף יענער־וועלט. מיט לאַזאַר רובינשטײנס פֿינאַנציעלער אײַנגעשפּאַרטקייט און מיט זײַן פּאַ־טערס עקשנות און אַרבעטסווילן איז די יִידישע פּרעסע אין אויסטראַליע בײַם הײַנטיקן טאָג אַ יש.

אין מײַנע יאָרן אין אויסטראַליע — צווישן 1933 ביז 1938 — איז עס מיר כּמעט טעגלעך אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען מיט י. ח. רובינשטײנען און נישט איין מאָל נישט מסכּים צו זײַן מיט אים. ביז ער איז פּלוצלינג אין איין שײנעם טאָג געוואָרן דער רעדאַקטאָר און אויך פֿאַרוואַלטער פֿון אַ וואָכנצײַטונג האָט י. ח. רובינשטיין נישט געהאַט קיין שום דערפֿאַרונג אויף דעם געביט. נאָך מער, קיין שום קענטשאַפֿט פֿון דער לאַנדשפּראַך און אויך ווייניק ידיעות וועגן דעם נײַעם לאַנד און זײַן דווקא גאַנץ אַלטן יִידישן ישוב מיט ספּעציעלע מינהגים און טראַדיציעס. ער האָט אָבער געהאַט אַ היפּש ביסל יִידישן וויסן און אויך נישט ווייניק אַלגעמיינעם וועלטלעכן וויסן. און ער האָט זיך אַ נעם געטון צו דער אַרבעט. נישט אַלע מאָל מיט גוטער שטימונג, אָבער אַלע מאָל מיט אַגרעסיוון ווילן דורכצוזעצן די שוועריקייטן און דער עיקר צו איבערצײַגן זײַן געליבטן זון, אַז דער אַלטער, הויכער, אַ ביסל שווערער ייִד וועט נאָך אַרויסווײַזן אַזוי פֿיל טאַלאַנט און צופּאַסונגס־פֿעיִקייט, ווי זײַן זשוואַווער, רירעוודיקער, אַ סך קלענערער זון. ער האָט אַזוי לאַנג און אײַנגעשפּאַרט געשריבן זײַנע קורצע אַרטיקלען. אפֿשר די קלענסטע אין דער יִידישער פּרעסע, ביז זיי האָבן געוווּנען אַ קרײַז לייענערס און האָבן זיך גאַנץ גוט טאַקע געלייענט, ווײַל זיי האָבן אַלע מאָל געהאַט אַ געזונטע לאָגיק.

און פּונקט ווי דאָס שרײַבן די אַרטיקלען, האָט רובינשטיין אויך ליב געהאַט די טעכנישע אַרבעטן, אויך די פֿיזישע, אַרום דער צײַטונג. מאַכן די עקספּעדיציע און דערבײַ רעדן מיט אַ גוטן פֿרײַנד האָט ער שטאַרק ליב געהאַט. און נישט איין מאָל פֿלעגט ער מיך אַזוי באַשעפֿטיקן ווי צוהערער פֿון די זכרונות פֿון זײַן באַוועגטן לעבן פֿון אַ יִידישן סוחר אין רוסלאַנד. נאָר צום ליבסטן איז אים געווען דאָס גיסן די בלײַקלעצלעך פֿאַר די לינאָטיפּן. די אַרבעט האָט קיינער נישט געטאָרט מאַכן אין דער דרוקערײַ, נאָר ער אַליין. און אויך מיר איז די אַרבעט געפֿעלן געוואָרן און נישט איין מאָל האָב איך אויך דערבײַ געהאָלפֿן. אָט אַזוי פֿלעגן מיר אָפֿט שטיין אויף דעם קלײנעם גאָרטנהײַפּל פֿון דער רעדאַקציע מיט גרויסע קאָכלעפֿל און שעפּן דאָס שווערע בלײַגעקעכטס און צעגיסן אין די פֿאָרמעס. אָט בײַ דער אַרבעט האָט דער אַלטער זיך געפֿילט צום ייִנגסטן, דערפֿאַר האָט ער זי אַזוי ליב געהאַט.

יונג האָט ער זיך אויך געפֿילט ווען אין שטאָט, אין יִידישן פּערטל פֿון

מעלבאָרן, וואָס איז געווען ווי אַ קליין שטעטל מיטן נאָמען קאַרלטאָן -- מען האָט עס גערופן קאַרלטאָנעווקע — איז אויסגעבראָכן עפּעס אַ מחלוקת און ער האָט געקענט אין זײַן צײַטונג געבן אַ וואָרט ביידע צדדים — מחמת מען לעבט אין אַ לאַנד פֿון דער וואָרטפֿרײַהייט — און שפּעטער אַליין שרײַבן אַ לייטאַרטיקל און אַרויסברענגען זײַן אייגענעם שטאַנדפּונקט.

מיט שפּאַס, און אין יעדן שפּאַס איז אויך פֿאַראַנען ערנסט, פֿלעגט י. ח. רובינשטיין אָפֿט מיר שרײַבן, אַז אָט, אָט און זײַן צײַטונג וועט ווערן אַ טאָג־צײַטונג. ער האָט געחלומט פֿון אַ גרויסער מאַסן־אימיגראַציע קיין אויסטראַליע. ער האָט געחלומט פֿון אַ גרויסן ייִדישן ישוב. און — נאַטירלעך אויך פֿון אַ ייִדישער טאָגצײַטונג. און אַז לעצטנס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווײַזן נײַע ייִדן, האָט ער ממש אָנגעהויבן צו שפּרודלען מיט נײַער ענערגיע, כאָטש ער האָט שוין לאַנג איבערגעביטן דאָס אַכטע צענערל... אין לעצטן בריוו נאָך, אַ פּאָר וואָכן פֿאַרן טויט, האָט ער געשריבן, אַז יעדער נײַער ייִדישער אימיגראַנט מאַכט אים מיט אַ יאָר ייִנגער...

ה. רויזענבלאַט

געבוירן אין יאָר 1878 אין דאָרף רישאָטע, פּאָדאָלער גוב־ בערניע. אין יאָר 1891 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. אַרויסגעגעבן אַ צענדליק לידער־זאַמלונגען זינט זײַן דע־ ביוט אין יאָר 1900. לאַנגע יאָרן געווינט אין קאַליפאָרניע און געשטאָרבן אין לאָס־אַנזשעלעס דעם 6טן יוני 1956.

אַ יִשובניק, אַ פּויערל — אַזוי לויט זײַן אויסזען און אַזוי לויט זײַן נאַטור. ווען... און ווען... — וואָלט ער אַוודאי געווען אַ סטאַראָסטע פון אַ דאָרף און ס׳דאָרף וואָלט אים „אַרומגעטראָגן אויף די הענט". און אויב ער וואָלט נישט געווען קיין סטאַראָסטע, ווײַל ער האָט געהאַט אַ סך שטילע און אײַנגעשפּאַרטע אַמביציעס און אַ שטרעבונג צום לערנען זיך — וואָלט ער געווען אַ דאָרפסלערער, באַרימט מיט זײַן ליבשאַפט צו זײַנע תּלמידים, איבער דער לענג און ברייט פון זײַן גובערניע. און אויב נישט קיין לערער — וואָלט ער כאָטש געווען אַ דאָרפשרײַבער, וואָס וואָלט געשריבן לידער, שיינע, קלאַנגיקע און פאַרביקע לידער און אײַנגעטונקט אין שיינער, זוניקער פאָרעם, ווי אַ דאָרפישער עץ־פּרי, און באַהאָנגען מיט זיסע פּירות — זיס מיט דעם שענסטן און טיפסטן סענטימענט און זויערלעך צום טעם מיט די טיפע לעבנס־ מחשבות... אָבער ער איז דאָס אַלץ נישט געוואָרן, נײַערט ער איז געוואָרן איינער פון די בעסטע דיכטערס אין דער יִדישער ליטעראַטור בכלל און אין יִדיש־אַמעריקע בפרט. און זײַן נאָמען איז געווען חיים רויזענבליט און אין אַמעריקע האָט מען אים גערופן „היימי", נאָר אין דער יִדישער ליריק קען מען אים מיט דעם נאָמען: ה. רויזענבלאַט. כאָטש „היימי" איז היימישער — פּאַסט עס אָבער נישט פאַר אַ יִדישן דיכטער זיך צו רופן אַזוי, האָט ער עס פאַרקירצט אויף „ה".

ער האָט ליב געהאַט זיך נישט אָנצוזען, רויזענבלאַט. ער איז געווען כמעט אַ קליינער לויטן וווקס. און ער האָט גוט געקענט זײַן מאָס, אַזוי אין לעבן און אַזוי אין דער פּאָעזיע. אָבער ער איז באַשטאַנען אויף דעם, וואָס אים איז געקומען און ער האָט עס מיט זעלטענער ערלעכקייט פאַרדינט. גאָט האָט אים געגעבן, און ער האָט דעם פּיקדון נישט פאַרשווענדט אַ טראָפּן אַפילו. ער האָט פון אָט דער גרודקעלע גאָלד אויסגעפּאָלירט און אויסגעמײַס־ טרעוועט איינעם פון די שענסטע תּכשיטים אין דער קרוין פון דער יִדישער פּאָעזיע. און אפשר קען מען טאַקע מיט אָט דער שקדנות פון ה. רויזענבלאַט דערקלערן, וואָס ער האָט זיך מיט יעדן יאָר אַנטוויקלט שענער און טיפער און געוואָרן אַלץ פּאָעטישער און פּאָעטישער. ממש אַ פענאָמען אין דער גאַנצער

ייִדישער פּאָעזיע. ער אַליין איז אַלץ געוואָרן עלטער און עלטער און מיר האָבן געגנוי געוווסט, אַז אָט אָט און ער וועט שוין זײַן לגבורה — אַן אַכציקער — עס איז אַפילו אמת, אַז ער האָט אויך די עלטער געטראָגן מיט אַ זעלטענער לײַכטקייט, אָבער פּאָרט... נאָר דאָס ליד זײַנס איז געוואָרן אַלץ ייִנגער און ייִנגער און ריטמישער. ער האָט טאַקע אין אַ סך לידער זײַנע עפּעס מרמז געווען וועגן שאָטנס און קלאַנגען פון ווײַטקייטן אומבאַקאַנטע — אָבער וועלכער דיכטער איז נישט פול מיט אָט די רמזים, אַפילו דער ייִנגסטער דיכטער. דאָס איז דאָך אַזאַ חנדל.

ער האָט אָנגעהויבן גרוי, ה. רויזענבלאַט, צווישן זײַנע ערשטע זאַמלונגען. „הרודעס" — רופט ער אַ בוך. און ער האָט ליב געהאַט זיך צו האַלטן אַ ביסל אין שאָטן. ער האָט געוווסט — דאָס קלוגע פויערל — אַז ווען מען וועט געוואָר ווערן, אַז דאָס איז ער געווען, וועט מען זיך אַ כאַפּ טון „אוי — רויזענבלאַט" און ער וועט זיך נאָך מער אָנזען. דאָס האָט טאַקע אַ מאָל מיר אַליין פּאַסירט מיט אים אין אַמעריקע. מען שטעלט מיר אַ מאָל פאָר אַ סך ייִדן און צווישן זיי נאָך איינעם און אָט דער איינער שווײַגט אָפּ אַ האַלבע שעה און ער געזעגנט זיך, ער דאַרף ערגעץ אַוועקגיין. און צופּעליק גיט עמעץ אַ זאָג: אַ שאָד, וואָס ה. רויזענבלאַט האָט געמוזט אַזוי פרי אַוועקגיין — ער וואָלט זיך אפשר געלאָזט אײַנבעטען צו זינגען זײַנס אַ ליד — — און איך גיב מיך אַ כאַפּ: — אוי, דאָס איז געווען טאַקע דער אמתער ה. רויזענבלאַט? — יאָ, דאָס איז געווען דער אמתער, זײַן גרויסע קונץ איז טאַקע באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער איז אַלע מאָל געווען דער אמתער!

נישטאָ קיין סך ייִדישע פּאָעטן בײַ אונדז וואָס זייערע לידער בעטן זיך אַז מען זאָל זיי זינגען, און אַפילו די פּאָר, וואָס זענען שוין יאָ דאָ, דערבעטן זיך נישט זייערע לידער צום געזאַנג. אָבער ה. רויזענבלאַטס לידער האָבן זיך אי געבעטן, אי זייער געבעט איז דערהערט געוואָרן און עס איז דאָ אַ היפּש ביסל רויזענבלאַט־לידער אויף נאָטן. און מען זינגט זיי טאַקע ביז גאָר געשמאַק.

עס דערמאָנען זיך אַ פּאָר טעג אין איינעם אַ ווינטער אין די פערציקער יאָרן אין מאָנטרעאָל. ה. רויזענבלאַט איז אַ גאַסט אין שטאָט און אַ רויזענבלאַט־אָוונט קומט פאָר. און מיט אים צוזאַמען איז אַ קאַמעראַלע זינגערין און איר נאָמען קלינגט אַזוי שיין: פייגעלע פּאַניטש, און זי זינגט מיט אַ באַזונדערער מתיקות רויזענבלאַט־לידער. נאָר ווי שיין און האַרציק־היימיש זי זינגט — לייענט ה. רויזענבלאַט זײַנע לידער ביז גאָר מײַסטעריש. און ער רעדט וועגן זיי מיט האַרץ און זיי דערגייען אַלע צום עולם — וואָס דאָס איז אַזאַ זעלטנקייט אין די דאָזיקע צײַטן פון גרויזאַמער פּראָזע.

און לאָמיר טאַקע באַפּוצן אָט דעם אינטימען פּאָרטרעט מיט אַ ליד פון ה. רויזענבלאַט. פון זײַנע כמעט לעצטע שירים נעמען מיר עס אַרויס. פון דעם זשורנאַל „די גאָלדענע קייט" סוף 1954. ער איז דאָ אין דעם זשורנאַל געווען אַן אָפּטער און אַן אָנגעלייגטער גאַסט, כאָטש צו זײַן אַ גאַסט אין ארץ־ישראל ממש איז אים נישט באַשערט געווען.

און אָט איז דאָס ליד, און עס רופט זיך: „מײַן אָפּגעשפּאָרט פאַרמעגן".

מײַן היינט — אַ קליינער גאָרטן,
אַ שטיל, פאַרלעגן אָרט.
איך לעב פון אָפּגעשפּאָרטן.
וואָס האָב איך אָפּגעשפּאָרט?

אַ חלום, וואָס געדענקט זיך,
אַ שמייכל פון אַ פרײַנד;
אַ וואָרט נאָך וואָס עס בענקט זיך,
אַ ליד געענוג פאַר הײַנט...

בײַם טויער — צוויי ציפּרעסן,
וואָס הוידען זיך אין ווינט,
און לאָזן ניט פאַרגעסן,
אַז שעה נאָך שעה פאַרשווינדט...

זיי שפּירן אויס דאָס וועטער
און בײַטן מאָל נאָך מאָל
די מראה פון די בלעטער,
דעם שאָטן און דאָס קול...

פאַר טאָג, ווען ס'נעמט שאַרזען,
צווישן מיזרח און דעם וואַלד,
צעגליט זיך זייער בליִען —
סאַפּיר און עמעראַלד...

און אַז די זון גייט אונטער, —
אין דעמער זע איך זיי.
זיי ברענען טונקל־צונטער —
הבדלות גאָלדענע צוויי.

זיי היטן נאַכט און טויער.
איך זע זיי קוים, נאָר כ׳הער
ווי ס׳ווייַנט אין זיי מײַן טרויער,
מײַן האַרץ, מײַן ליד, מײַן טרער...

— ציפּרעסן, זײַט מיר עדות!
פאַרצייכנט און געדענקט
אַ האַרץ מיט שטילע סודות,
וואָס בענקט און בענקט און בענקט...

עס ווינקט דער מאָרגן־שטערן
אין פענצטער מיר אַרײַן;
שוין צײַט אַנטשלאָפן ווערן.
שלאָף אײַן, שלאָף אײַן, שלאָף אײַן.

נישט פאַרגעס דעם לאָמפּ פאַרדרייען;
פאַרשליסן אויג און טיר...
דער האָן, — ער וועט שוין קרייען,
פאַר טאָג, אָן מיר, אָן דיר...

עס איז גוט, וואָס אין דעם נערוועזן כאָר פון דער ייִדישער פּאָעזיע איבער גאָר דער וועלט האָבן מיר געהאַט אָט דעם רויקן, כמעט העלענישן, זינגער וואָס האָט געוווינט ערגעץ אין אַ שיין, שטיל הײַזל, אין אַ שיינעם געגנט, אין איינער פון די שענסטע שטעט פון דער וועלט — לאָס־אַנזשעלעס און האָט מיט זײַן געזאַנג דערמאָנט, אַז עס איז אַ מאָל געווען אַ בעסערע וועלט, אַ וועלט פון שטילן סענטימענט און האַרציקער בענקשאַפט און גאַנץ־האַרציקער איבערלעבונג און אויב עס איז אַ מאָל געווען — וועט דאָך נאָך אפשר ווידער זײַן...

און ווידער דערמאָנט זיך — אַן אַנדערער באַזוך רויזענבלאַטס אין קאַנאַדע, אין מאָנטרעאָל. עס איז ווינטער — און יעדן פרימאָרגן פון די פּאָר טעג פון זײַן באַזוך קומט ער אַרײַן אין דער ביבליאָטעק (ווו איך בין געווען באַשעפטיקט) און ער טראָגט אַנטקעגן אַ העלן גוט־מאָרגן דער ביבליאָטעקערין מיט זײַן גאַנצער קרעפּקער יוגנטלעכער געשטאַלט און דער עיקר מיט זײַנע בלויע, יוגנטלעכע אויגן פון אַ סלאַוו בן־סלאַוו, און ער פרעגט פריילעך, גוט־מאָרגנדיק: „וואָס הערט זיך עפּעס גוטס?" — און ער נעמט זיך צו די נײַע צײַטונגען צו זוכן דאָס ביסל גוטס פון דעם נײַעם טאָג...

און אַז ער איז שוין פּאַרזונקען אין די צײַטונגען אין אַ װינקל פֿון דער ביבליאָטעק, זע איך װי די ביבליאָטעקערין קוקט אױף ה. רױזענבלאַטן פֿול מיט נחת און מיט דאַנקבאַרקײט פֿאַר זײַנע לידער און זינגלידער, װאָס זי האָט זײער ליב, און זי זאָגט צו מיר שטילערהײט, אַז דער גאַסט זאָל נישט הערן:

— אַ ייִדעלע, קײן עין־הרע, געזונט װי אַ ניסעלע — ביז הונדערט און צװאַנציק.

צװײ־דריטל ביז הונדערט און צװאַנציק האָט ער טאַקע אױסגעהאַלטן.

ב. ריוואָקין

גבוירן 1883 אין יאַקאָבשטאַט, קורלאַנד, געוווינט אין אַ סך הויפּטשטעט פון מערב־איראָפּע. אין אַמעריקע זינט 1911. געוווינט יאָרן לאַנג אין פילאַדעלפיע, לרוב אָבער אין ניו־יאָרק. געשטאָרבן 9טן יוני 1945.

אונטערן נאָמען ב. ריוואָקין איז ב. ריוואָקין לרוב באַקאַנט. אָבער אויך דאָס איז אַ פּסעוודאָנים. ער באַנוצט זיך נאָך מיט אַ האַלבן, אָדער גאַנצן טוץ פּסעוודאָנימען. לפנים איז ער איינער פון די צעברעקלטסטע און צעפאָרנסטע ייִדישע שרײַבערס און אַזוי אויך אינערלעך. אַזוי אין זײַן שרײַבן און אַזוי אין זײַנע רייד. און מען וואָלט געקענט חושד זײַן, אַז אונטער יעדן פון זײַנע פּסעוודאָנימען איז ער עמעץ אַנדערש, באַהאַלט ער זיך, פעלשט ער די אַנדערע ריוואָקינס — ווי דאָס איז דער שטייגער פון רוב שרײַבערס, וואָס באַנוצן זיך מיט אַ סך נעמען. לאָזט זיך אָבער אויס פאַרקערט. ריוואָקין איז אין אַלע זײַנע חלקים און ערשט דורך אַלע זײַנע חלקים אַ גאַנצער.

ער איז אַ מיסטיקער־נאַטוראַליסט, אַ פרום־רעליגיעזער אַפּיקורות, אַ סאָציאַליסט־קאָמוניסט, אַנאַרכיסט־דעמאָקראַט, ליבעראַל־רעאַקציאָנער, ייִדיישיסט־העברעיִסט, אַסימילאַטאָר־שאָוויניסט, זשורנאַליסט־רעפאָרטער — — און וואָס דען נישט? איז ער — הייסט עס — אַ מענטש פון קאָנטראַסטן? ניין, ער איז שוין גאָרנישט קיין מענטש פון קאָנטראַסטן — אָט אַזוי איז ער. און אָט אַזוי איז ער גאַנץ. אַזוי זענען אַלע מענטשן, נאָר אַלע מענטשן קענען זייערע נשמהדיקע דופּליקאַטן און טריפּליקאַטן האַלטן אין שטײַגן הינטער שלעסער און ער — ריוואָקין — איז אַ שטיקל בטלן אין דעם זינען, צעלויפן זיך אים מאָל אַלע זײַנע חיות פון דער מענטשלעכער מענאַזשעריע, וואָס איז דאָ אין יעדן מענטש... איר האָט זיכער תרעומות אויף מיר פאַר וואָס איך שרײַב אַזוי. וועגן ב. ריוואָקינען מעג מען אַזוי שרײַבן, דאָס איז אין זײַן סטיל. אויך ער שרײַבט אַזוי אָפט, האָט ליב צו טראָגן אַ מלבוש מיט דער פאָדשעווקע אַרויף.

זען און הערן ריוואָקינען רעדן עפנטלעך — דאָס איז דאָס גרעסטע טעאַטער. דאָס איז באמת אַ טעאַטער־שפּיל פון אַ מענטשלעכער נשמה. מען זעט די גאַנצע אַקציע, אַזוי ווי דאָס רעדערוואַרג פון אַ גרויסן זייגער אונטער גלאָז. מען זעט דײַטלעך ווי די רעדלעך פאַרטשעפּען זיך איינס אין אַנדערן און אָט, אָט צעקלינגען זיי זיך. אַ מאָל צעקלינגען זיי זיך אין אַ פראַכטפולן סינטעז און אַ מאָל פאַרטשעפּען זיי זיך און בלײַבן גאָר אין גאַנצן שטיין. אַזוי איז דער זייגער ריוואָקין.

ריווקין איז פון נידעריקן וווקס און ער מאַכט דעם אײַנדרוק ווי ער וואָלט אין אַלע דימענסיעס געהאַט איין מאָס. ער איז נישט קיין דיקער און כאָטש ער איז יאָ אַ דיקער (בײַ אים זענען אַלע פיזישע און גײַסטיקע סתּירות מעגלעך), מאַכט ער אָבער נישט קיין אײַנדרוק פון אַ דיקן, אַלץ אין זײַן קײַלעכדיקן פּנים איז אויסדריקלעך, עפּעס אַזוי ווי אַן אינעווייניקסטע קראַפט וואָלט, פון אינעווייניק אויס, אַלץ אַרויסגעבלאָזן, אַזוי ווי די נאָז וואָלט אַ ליאַדע מינוט געדאַרפט אָפּשפּרינגען, די אויגן אַרויסשפּרינגען פון די אָרביטן, און אויך דאָס ביסל האָר אויפן קאָפּ מאַכט דעם אײַנדרוק, אַז אָט וועלן זיי זיך צעפליִען. און אויך די ווערטער וואָס קומען אַרויס פון ריווקינס מויל קומען מיט אַזאַ קראַפט, ווי יעדעס וואָלט געוואָרן אַרויסגעשאָסן. און קוים קומט איין שאָס אַרויס, איז שוין דער צווייטער גרייט — אַזאַ מין ווערטער־מאַשין־געוועהר.

יאָ, דאָס איז אַ טעאַטער, צו זען און הערן ריווקינען רעדן. דערבײַ פאַרזשמורעט ער די אויגן און חוץ דעם, וואָס די פּאָר האָר צעפליִען זיך סײַ ווי, רײַסט ער זיי נאָך מיט די הענט בײַם רעדן און ער אַרבעט בכלל מיט די הענט בײַם רעדן, דער עיקר האַלט ער אין איין טײַטן מיט די ווײַזפינגער דאָ אין די אויגן פון די דערשראָקענע הערערס (די וואָס הערן אים צום ערשטן מאָל) און דאָ אין די אויגן פון גאָט און דאָ גלאָט אַזוי צו איינער פון די טויבע ווענט פון דער בינע. דערבײַ גייט ער אַרום און אַרום יעדן טיש און טישל און שטול, וואָס שטייט אויף דער בינע. און אַזוי כסדר. ער הייבט אָן צו רעדן קרעכשטשענדאָ און אַזוי ענדיקט ער. איין מאָל בין איך זייער בייז געוואָרן אויף אים בשעת זײַנער אַ רעדע. געווען איז עס אין ניו־יאָרק. נעבן מיר איז געזעסן אַן עלטערע פּאָלקספרוי, וואָס איז צופעליק אַרײַן אויף דער אונטערנעמונג און זי האָט ממש נישט געוווסט וואָס דאָ טוט זיך. האָב איך מיר אָנגעהויבן הויך צונויפרעדן מיט דער פרוי און כאָטש מיר זענען געזעסן אין דער ערשטער ריי, און ווייניק מענטשן אין זאַל, האָט ריווקין דעם גאַנצן אויפשטאַנד קעגן אים נישט באַמערקט, אַזאַ יריד האָט געקאָכט אין אים. איין מאָל האָט זיך ס׳גאַנצע פּובליקום צעלאַכט בעת זײַנער אַ רעדע. אָבער ער האָט נישט גענומען פאַר אומגוט. בײַ זײַן גאַנצן שטענדיקן געבייזער איז ער זייער אַ גוטמוטיקער און פאַרגעבנדיקער, ער האָט אין זיך אַן אויפריכטיקע רעליגיעזע נאַטור.

אַ שרײַבער־ראָמאַניסט, וואָס איך האַלט פון אים שטאַרק, האָט מיר אַ מאָל ריווקינען געלויבט אין הימל אַרײַן און איך האָב אָפּאָנירט. אַ האַלבע שעה שפּעטער האָט ריווקין צוליב עפּעס אַ סיבה גערעדט וועגן מײַן ווייניקייט אַליין. קיין וואָרט האָב איך ווידער נישט פאַרשטאַנען און אויך מײַן פרײַנד — נישט, און איך האָב מיך דורכגעקוקט מיט אים און טריומפירט. אָבער

אויף צו מאָרגנס האָב איך געלייענט אַ פּאָליטיש־סטראַטעגישן אַרטיקל ריוור־קינס וועגן דער מלחמה. דרײַ מאָל — האָט ער דאָרט געזאָגט — וועט היטלער פּרובירן גיין אין דער ריכטונג פֿון ירושלים. צום דריטן מאָל וועט ער דעצי־דירנדיק געשלאָגן ווערן און זײַן גרויסע מפּלה וועט זיך אָנהייבן. דרײַ יאָר שפּעטער איז שוין נאָך יענעם אַרטיקל. ריווקינס ווערטער — איך ווייס נישט צי געדענקט ער זיי אַליין — זענען וואָר געוואָרן ווי אַ נבואה. אָבער דאָס איז אפשר אַ צופֿאַל. נישט קיין צופֿאַל זענען אָפּט זײַנע הערלעכע הויך־אָריגינעלע אײַנפֿאַלן און קאָנצעפּציעס וועגן ייִדן און ייִדישקייט און ייִדישער גײַסטיקייט און לאָגיק, זין און ציל פֿון דער ייִדישער עקסיסטענץ אין דער וועלט. ריווקין שעפּט די אַלע זאַכן נישט פֿון דער פּוסטער לופֿט, ווי דער מאַגיקער זײַנע סטענגעס. ער שעפּט זיי פֿון די גאָר טיפֿע קוואַלן פֿון אַ ברייטן וויסן, אַן אַלגעמיינעם און אַ ייִדישן, ער שעפּט זיי פֿון אַ האַרמאָנישער נשמה — ווי אולטראַ־פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען.

וואָלט אונדזער קולטור־לעבן געווען באַזירט ווי בײַ אַנדערע פֿעלקער, וואָלט ריווקין געהאַט זײַן קאַטעדרע און געווען דער אמתער צענטראַגענער פּראָפֿעסאָר, אַ קלאַסישער עקזעמפּלאַר, און ער וואָלט שוין לאַנג געהאַט אויפֿגעשריבן אַ ווערק, וואָס וואָלט אַנטהאַלטן דאָס געשלאָסענע סיסטעם פֿון זײַן וועלטבאַנעם. אַזוי אָבער איז עס צעשפּרייט ווי שפּריי אויפֿן ווינט אין טויזנטער אַרטיקלען און צעבלאָזן, ווי דער ווינט אַליין, אין אַלע זײַטן פֿון דער וועלט אין טויזנטער רעדעס.

אַברהם רייזען

געבוירן 1876 אין קאַידאַנאָוו. 1908 אין אַמעריקע. געוווינט אין אַ סך שטעט און לענדער אין אײראָפּע. זינט 1911 שטענדיק אין אַמעריקע. רײַזעס: אײראָפּע, צפון־אַמעריקע, ראַטן־פאַרבאַנד. געשטאָרבן דעם 31סטן מאַרץ 1953.

בשעת די ווערטער ווערן געשריבן איז רייזען אַ פינף און זעכציקער ערשט, ביז הונדערט און צוואַנציק. עפּעס מער ווי אַ העלפט וועג אָפּגעגאַנגען. אָבער רייזען איז שוין טעטיק אַזוי לאַנג — און ווײַל ער שרײַבט נאָר קליינע זאַכן, פראַגמענטן, גאַנצע וועלטן אין יעדן פראַגמענט — האָט מען דאָס געפיל, אַז אונדזער ליטעראַטור האָט מער ווי איין אַברהם רייזען. איינער איז דער שטענדיק אַקטיווער, פול מיט לעבן און אויפטו און דער אַנדערער באַלאַנגט צו דעם שטענדיקן אוצר פון דער יידישער ליטעראַטור, זײַנע ביכער שטייען אין אַ לאַנגער שערענגע אין יעדער יידישער שטוב, זײַן בילד הענגט אויף דער מיזרח־וואַנט אין יעדער יידישער ביבליאָטעק, זײַנע לידער ווערן געזונגען בײַ יעדער יידישער פאָלקס־אונטערנעמונג. איך קען מיר בשום־אופן נישט פאָרשטעלן, אַז אין די צײַטן פון אליהו בחור איז נאָך נישט געווען קיין אַברהם רייזען. איך קען מיר גיכער היינט נאָך פאָרשטעלן די יידישע ליטעראַטור אָן אליהו בחור, איידער די יידישע ליטעראַטור פון פופצנטן־זעכצנטן יאָרהונדערט אָן רייזענען.

רייזען איז די קלאָרקייט אַליין, ווי קען עס דען אַנדערש זײַן בײַ אַ דיכטער, וואָס איז דער פאָלקסדיכטער אַליין, אָבער רייזען האָט חוץ דעם נאָך ליב מסביר צו זײַן אויך. אין מיטן דער רעציטאַציע פון אַן אייגן ליד האָלט ער עס אין איין אויפקלערן און אַזוי אונטערברעכט ער אָפט זײַנע געלונגענע אימפּראָוויזירטע רעדעס און שטעלט צו אַ שטיקל פירוש, אַ שטיקל רש״י.

די מאַסן פון דער אַלטער יידישער היים פון טויזנטער שטעטלעך, אין ניו־יאָרק, לעבן נאָך אַלץ אין אָט די שטעטלעך און רייזען איז נאָך אַלץ זייער שטעטלשער דיכטער. כאָטש נאָענט צו פערציק יאָר איז ער אין אַמעריקע, איז ער נאָך אַלץ אַהין נישט אָנגעקומען. אין בעסטן פאַל איז ער שוין אָנגעקומען קיין ווילנע און בענקט צוריק קיין קאַידאַנאָוו... קען זײַן, אַז דאָס איז דער פילאָסאָפישער אמת. —

ווי אָפט שרײַבערס נעמען אויף רייזענען — כאַפּט ער זיך צו צום עמוד און שטאָט וואָס די חברים דאַרפן אים פאָרשטעלן — שטעלט ער זיי פאָר: דער גרעסטער, דער בעסטער, דער שענצטער... איין מאָל האָבן מיר

אים אין װאַרשע דאָס פֿירגעהאַלטן און געזאָגט, אַז לויט די געזעצן פֿון דיקדוק און פֿון לאָגיק קענען נישט זײַן גלײַכצײַטיק פֿון איין מין צוויי גרעסטע. האָט זיך רייזען האַרציק צעלאַכט און אונדז אַלעמען אַרומגענומען און געקוקט און געזאָגט: דיקדוק־שמיקדוק, זיי זענען אָבער פּאָרט ביידע די גרעסטע און בעסטע בײַ אונדז, ביידע צוזאַמען און טאַקע יעדער באַזונדער. און רייזען האָט באַלד גענומען רעציטירן שטיקער פֿון דעם און שטיקער פֿון יענעם — און אַ זכרון האָט ער ווי אַ בוך — און געלאַכט און געזאָגט:
— נו, אדרבא, פּסקנט איר, צי זיי זענען נישט ביידע די גרעסטע און די בעסטע...

1941

שכנא סאָלאָמאָן רעזניק

געבוירן 1894 אין אַ דאָרף אין כערסאָנער קרײַז. 1905 געקומען קיין אַרגענטינע, געוווינט אין דער קאָלאָניע מאָוריציאָס, שפּעטער אין בוענאָס־אײַרעס. געשטאָרבן דעם 28סטן יולי 1946.

נישטאָ אַ סך אַזעלכע סאָלאָמאָן רעזניקס, אָבער די עטלעכע וואָס זענען געווען און זענען נאָך דאָ האָבן געבראַכט דעם גרעסטן נוצן אונדזער ייִדישער ליטעראַטור, האָבן איר געדינט בלב־ונפש און זיי האָבן לחלוטין קיין דאַנק־שאָפּט נישט געפונען. איך מיין דאָ אָט די ליבעפולע איבערזעצערס פון ייִדיש אין אַלערליי שפּראַכן פון דער וועלט. לרוב זענען זיי אַליין נישט־אָנטשלאָ־סענע פּערזענלעכקייטן, אַ מאָל אויך שרײַבערס פעיִקע, אָבער אָן גאָטס ברכה, אַרבעטזאַמע און אויפטועדיקע, אָבער נישט גאָט־געבענטשטע. געווען אַזאַ אין פראַנצייזיש — לופוס בלומענפעלד, געווען אַזעלכע אין דײַטש: אַלעקסאַנ־דער עליסאַבערג, זיגפריד שמיץ; געווען אין ענגליש, אין רוסיש, פּויליש, רומעניש אַפילו, און אין דער שפּאַנישער שפּראַך איז דאָס שכנא, אויף שפּאַניש — סאָלאָמאָן רעזניק.

פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור האָט ער געהאַט אַ גרויסע באַדײַטונג, אונטערגעשטעלט אונטער דעם פּלאַץ, אין וועלכן זי איז דערהויבן צו אַ וועלטבאַדײַטונג, אַ זײַל אַ סאָלידן און אַנזעעוודיקן, דעם שפּאַנישן. אָבער אין דער טויזנט־זײַטיקער אַנטאָלאָגיע פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1944, איז ער דערמאָנט בלויז עם כל הנערים־זשורנאַליסטן און דאָס נאָר מחמת ער האָט אַ מאָל אויך געאַרבעט אין אַ צײַטונג אין ייִדיש. אויב די ייִדישע ליטעראַטור שלאָגט זיך דורך אַ וועג צו דער אַבסטראַקציע, וואָס רופט זיך „וועלט־ליטעראַטור" איז עס נאָר אַ דאַנק די סאָלאָמאָן רעזניקס, אָבער זיי אַליין בלײַבן סוף־כל־סוף אומ־באַקאַנטע סאָלדאַטן. עפּעס אַזוי ווי די אַנאָנימע אַרמיי פון איבערזעצערס, וואָס האָט צוגעגרייט די סעפּטואַגינטאַ...

קיין אַרגענטינע איז רעזניק געקומען קינדווײַז נאָך, ער האָט באַלאַנגט צו דער גרויסער מאַסע פון אַרגענטינער תושבים, וואָס האָבן זיך גערעכנט פאַר כמעט געבוירענע אין יענעם לאַנד. פאַראַנען אין יעדן אימיגראַציע־לאַנד דרײַערליי ייִדן־אימיגראַנטן, כמעט־געבוירענע, און אין־לאַנד־געבוירענע. און אַלע דרײַ קאַטעגאָריעס האָבן אויסגעשפּראָכענע כאַראַקטעריסטיקעס. נישט־אַהין און נישט־אַהער באַלאַנגען די כמעט־געבוירענע און זיי זענען אַפילו אַ ביסל טראַגיש. עס גייען זיי נאָך דערינערונגען פון דער קינדהייט

און לאָזן נישט זיך גענצלעך אַסימילירן. פון דער אַנדערער זײַט אָבער באַהערשן זיי פולשטענדיק די לאַנדשפּראַך, מחמת מאַכן מיט די שולעס פון לאַנד פונקט ווי די לאַנד־געבוירענע. ווערן זיי שרײַבערס — ווערן זיי טאַקע אָפט אַט אַזעלכע סאָלאָמאָן רעזניקס.

כּמעט דאָס גאַנצע יאָר 1938 האָב איך פאַרבראַכט אין אַרגענטינע און, נאַטירלעך, אומצאָליקע מאָל זיך געטראָפן מיט רעזניקן. איין מאָל האָט ער מיר ממש מיט צער געזאָגט: וואָס פאַר אַ יידישע ליטעראַטור האָט איר דאָס? ווייסט איר, אַז איר האָט בלויז צוויי געשיכטע־שרײַבערס אירע. איינער איז געווען דער פאַרגעסענער מ. פּינעס, וואָס האָט געשריבן אַ צופעליקע דיסערטאַציע אויף אַט דער טשודנער טעמע אין יאָר 1908 און דער צווייטער בין איך, וואָס האָט געמוזט שרײַבן אַ געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור נאָר דערפאַר, ווײַל קיין אַנדערער האָט עס נישט געטון. — — און עס איז אמת געווען — רעזניקס געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין שפּאַניש, דערשינען אין יאָר 1935 (איך בין נישט זיכער מיט אַט דער דאַטע) איז געווען די איינציקע געשיכטע פון אונדזער ליטעראַטור נאָך מ. פּינעסן.

אין יאָר 1933 האָט רעזניק געגרינדעט אַ צײַטשריפט מיטן נאָמען „כודאיקאַ". זי האָט אים דאָס גאַנצע לעבן באַגלייט פון דעמאָלט אָן. ווו אַ קולטורעל יידיש הויז אין אַרגענטינע, זענען זיי אומעטום אַרומגעלעגן, די גרינע העפטן, פול מיט פאַרזיכטיק אָפּגעקליבענע און זויבער איבערגעזעצטע אַרבעטן וועגן אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שײַכות צו דער יידישער וועלט־קולטור אין גאָר די לענגען און ברייטן פון ערדקײַלעך. חוץ דעם האָט ער נאָך איבערגעזעצט קאַפּיטאַלע ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור, דער עיקר אין פּראָזע, און אויך דובנאָווס געשיכטע.

עטלעכע מאָל בין איך געווען אין זײַן היים, זײַן אייגן הויז אין אַ ווײַטער פאָרשטאָט פון בוענאָס־אײַרעס און אַלץ האָט דאָרט עפּעס געמאַכט אַן אײַנדרוק ווי דאָס וואָלט אַ לײַכטטורעם געווען, אַ שטילער לײַכטטורעם, וואָס ווינקט צו אַלעמען, אָבער באַמערקן טוען אים נאָר די, וואָס זוכן ספּעציעל יענעם שטילן ברעג, דעם ברעג פון דער יידישער קולטור אין דער שפּאַניש־רעדנדיקער וועלט. דערצו איז דאָס הויז אַליין געבויט געווען מיט אַ קליין טורעמל און דאָס האָט באַזונדערס עפּעס דערמאָנט אַ לײַכטטורעם.

אַ קינד פון יישובניקעס פון דער אַלטער היים און אַ קינד פון קאָלאָניסטן אין דער נײַער היים — האָט רעזניק עפּעס פויערישעס אין זיך געהאַט. גערעדט פּראָסט און פשוט און אַלע מאָל זייער זאַכלעך, אָן סענטימענטן. און אַזוי אויך זײַן אויסזען. מיטלוווקסיק, פעסט געבויט, אַ ביסל שווערלײַביק, שווערע הענט, אַ קײַלעכדיק פּנים, אַלע מאָל טונקל, ווי אָפּגעברענט פון דער זון, שוואַרצע האָר, שוואַרצע אויגן, כאָטש די פּנים־שטריכן נישט קיין סעמי־

טישע. סענטימענטאַל פֿלעגט ער װערן װען מען האָט אים אָנגעהויבן דערציילן מעשׂיות װעגן ייִדישע שרײַבערס, װעגן עכטער און אַלטהיימישער ייִדישער ליטעראַרישער סביבה. כאָטש אַרגענטינע איז באַזוכט געװאָרן פֿון אַ סך באַדײַטיקע ייִדישע שרײַבערס, כאָטש דאָרט אַליין איז אויסגעוואַקסן אַ דור ייִדישע שרײַבערס, האָט אָבער רעזניק געפֿילט, אַז דאָס איז נישט די עכטע סביבה. ער האָט געבענקט נאָך די גרויסע ייִדישע צענטערס אין אייראָפּע, געבענקט כאָטש נאָך נאָרד־אַמעריקע, געבענקט און עפּעס מוראַ געהאַט, אַז ער װעט עפּעס נישט קענען געפֿינען קאָנטאַקט. װאָס װעט ער זיי זאָגן אין די גרויסע צענטערס? ער האָט דאָך דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעלעבט אין אַ פּראָווינץ.

פּונקט אַזוי, און אַפֿילו נאָך מער װי רעזניק אַליין, האָט זיך אין זײַן גרויסער ביבליאָטעק און אויספֿירלעכן אַרכיוו אָריענטירט זײַן שטילע פֿרוי, פּונקט אַזוי באַלעזן אין ייִדיש װי איר מאַן. און אויך די קינדער האָבן זיך מיט גרויסער פּיעטעט באַצויגן צו דעם ים מיט ייִדיש־באַדרוקטן פּאַפּיר, אָבער אינעווייניק אַרײַנגעקוקט האָבן זיי זעלטן — משלע און פֿערעלע — כאָטש זייערע נעמען זענען געווען אַזעלכע האַרציק־ייִדישע, כאָטש אַזוי און נישט אַנדערש פֿלעגט מען זיי רופֿן אין דער היים און אָפֿט ייִדיש רעדן מיט זיי. זיי זענען שוין געװען אין לאַנד־געבוירענע, די גרויסע פּראָבלעם, דער מיליאָניקער פֿרעגצייכן פֿון אונדזער פֿאָלק.

1946

לאַמעד שאַפּיראָ

געבוירן 1878 אין זשישטשעוו, קיִעווער גובערניע. רײַזעס אין מערב־אײראָפּע, 1906 צום ערשטן מאָל אין אַמעריקע, 1911 — דעפיניטיוו. וווינט אַ מאָל אין מיזרח, אַ מאָל אין מערב פון די שטאַטן. געשטאָרבן 25סטן אויגוסט 1948.

ער פלעגט זיך אַלע מאָל אונטערשרײַבן בלויז מיט דעם איניציאַל פון זײַן ערשטן נאָמען — שאַפּיראָ, בלויז ל. שאַפּיראָ. הײסט ער לײזער, הײסט ער לייבוש, הײסט ער ליפּמאַן? מען וועט שוין, ווײַזט אויס, קיין מאָל נישט וויסן. איצט שרײַבט ער זיך שוין אונטער „לאַמעד". דאָס סודותדיקע אַרום אים הייבט זיך אָן באַלד בײַם ערשטן אות... די ערשטע דערציילונג, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין יאָר 1903, צו זײַנע 25 יאָר, איז שוין געווען אַ פּערפעקט קונסטווערק, האָט שוין געהאַט אין זיך אַלע סימנים פון זײַן שרײַבערישן געניוס, זײַן קינסטלעריש־יידישער אָריגינאַליטעט. זײַן — לאַמעד שאַפּיראָס — וואָרט גייט אויף דעם דירעקטן דרך־המלך פון ייִדישן גײַסטיקן שאַפן, וואָס ציט זיך איבער דרײַ טויזנט יאָר. נישט וויכטיק וואָס פאַר אַ שטיק וועג ער פאַרנעמט אין דער לענג פון דעם דרך־המלך, וויכטיק איז, אַז ער פאַרנעמט אַ שטיק וועג אין דעם דאָזיקן דירעקטן דרך־המלך, וואָס גייט פון ייִדישן אורשפּרונג ביז ערגעץ אַ ייִדישן אורסוף...

כאָטש קינסטלעריש איז לאַמעד שאַפּיראָס גרעסטע דערגרייכונג זײַן ביכל „ניו־יאָרקיש", איז אָבער ייִדיש־אייביק זײַן ווײַניקער קינסטלעריש ווערק „די ייִדישע מלוכה" מיט די זעקס פּאָגראָם־דערציילונגען — „דער קוש", „דער צלם" א"אַ. פּאָגראָמען אויף ייִדן באַלאַנגען נישט בלויז צו דער געשיכטע פון ייִדישן וועלטפאָלק, זיי באַלאַנגען אויך צו דער געשיכטע פון דער וועלט. לאַמעד שאַפּיראָס ווערק איז אײַנגעפּאַסט אין דער זעלבער רעם, אין וועלכער עס זענען אײַנגעפּאַסט די מעשׂיות פון „יון מצולה" פון נתן נטע האַנאָווער. און אַזוי ווי די ייִדישע פּאָגראָמען באַלאַנגען צו דער געשיכטע פון דער וועלט, באַלאַנגען אויך די ווערק פון לאַמעד שאַפּיראָ צו דער וועלט־ליטעראַטור, כאָטש זיי זענען כּמעט נישט איבערגעזעצט. די וועלט־ליטעראַטור האָט נישט איר אייגענע שפּראַך, די וועלט־ליטעראַטור האָט אַלע שפּראַכן.

כאָטש שאַפּיראָ האָט עס נישט געוווסט, האָב איך, דער שרײַבער פון די ווערטער, אים באַגעגנט אין יאָר 1909, ווען עס האָט זיך געדרוקט זײַן סעריע „אויפן ים". אין יענער אימפּרעסיאָניסטישער סעריע איז דאָ אַ געשטאַלט פון אַ בלאָנדזשענדיקן קינסטלער, אַ מאָלער, וואָס וואַרפט זיך אַרײַן אין ים אַרײַן. זײַן נאָמען איז יאַנקאָ ראַוויטש. די דערציילונג און דער העלד

האָבן אויף מיר דעמאָלט אַזאַ אײַנדרוק געמאַכט, אַז איך האָב באַשלאָסן מיר אַליין אַ נאָמען צו געבן נאָך דעם דערטרונקענעם מאָלער... איך האָב גענומען בלויז זײַן צווייטן נאָמען, מײַן ערשטן נאָמען האָב איך מיר געגעבן נאָך עמעצן אַנדערש. און אַזוי איז פון זכריה חנא בערגנער — געוואָרן מלך ראַוויטש. 33 יאָר זענען זינט יענעם מאָדנעם נאָמען־געבן (געווען איז עס אין דער מיזרח־גאַליצישער שטאָט סטאַניסלאַוואָוו) פאַרפלאָסן.

די טעג — אָנהייב יאָר 1942 — האָב איך ערשט ווידער אַ מאָל איבערגעלייענט יענע דערציילונג וועגן יאַנקאָ ראַוויטש. זי איז געווען אַזוי טיף אײַנגעקריצט אין מײַן מוח, אַז איך האָב זי וואָרט אין וואָרט געדענקט — ווי איך וואָלט זי ערשט מיט אַ שעה צוריק דאָס ערשטע מאָל געלייענט — 33 יאָר...

אין יאָר 1934 האָב איך דאָס ערשטע מאָל געטראָפן אויף אַן אמת לאַמעד שאַפּיראָן אין ניו־יאָרק. איך האָב געגאַרט אים אויסצוזאָגן מײַן סוד. איך האָב אים פאַרבעטן אין אַ קאַפעטעריע. ער איז געווען אין אַ שלעכטער שטי־מונג און האָט שעהען לאַנג נישט נאָר אויסגערעדט רכילות אויף ייִדישע שרײַבערס און שרײַבאַרעס אין ניו־יאָרק, נאָר האָט זיי ממש געשאָלטן. איך האָב אַזש מורא געהאַט. די שעהען זענען געפלויגן — זייגער איינס, צוויי, דרײַ בײַ נאַכט — פיר פאַר טאָג... די קעלנערס האָבן אונדז אַרויסגעבעטן. שאַפּיראָס אויגן־גלעזער האָבן בייז געבליצט, די אויגן רויטלעך געברענט הינטער זיי, די טשופּרינע גרוילעך און שיטער און גרויליק צעשאָטן אין אַלע זײַטן, אָנגעיאָזשעט, סימנים פון ווײַסער פּינע אין די ווינקלען פון ברייטן מויל, פרילינג־פאַרגעסענע שטיקלעך שניי, און אין גאַנצן מאָגער, ביינערדיק, אַ צעאַקערט פּנים, דורכגעאַקערט פון אַלגעמיינע ייִדישע און פערזענלעכע איבערלעבונגען פון דרײַ טויזנט יאָר... איך בין געגאַנגען שווײַגנדיק, מיר האָבן זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק, עס האָט שוין גוט געשאַריעט אויף טאָג, איך האָב ענדלעך אויסגעזאָגט מײַן סוד. שאַפּיראָ איז געוואָרן שטאַרק אויפגעלעבט, דער אָריגינעלער ענין איז דעם אולטראַ־אָריגינעלן שרײַבער שטאַרק געפעלן געוואָרן.

אין יאָר 1939 האָבן מיר אַ פּאָר חדשים געוווינט אין זעלבן האָטעל אין ניו־יאָרק. שאַפּיראָ איז די גאַנצע צײַט געלעגן אין בעט, אָדער קוים אַרומגעגאַנגען אין אַ שלאָפראָק און אין פּאַנטאָפל. דאָס פּנים נאָך צעאַקערטער, דער גוף נאָך ביינערדיקער, סקעלעטיש ממש. איך קוק אויף אים און איך טראַכט מיר אַן אומלאָגישן געדאַנק, אַז די נשמה זײַנע און זײַן גוף מוזן זײַן זייער שטאַרק באַהאָפטן, אַז זיי קענען זיך בשום־אופן נישט צעשיידן. ער איז אייביק ניכטער, איבער ניכטער, אַזוי ווי אַלע גרויסע קינסטלערס, וואָס פאַרזוכן פון צײַט צו צײַט פון דעם טראָפּן, וואָס מאַכט לײַכט ניכטערע

מענטשן אומניכטער... בײַ עכטע קינסטלערס, בײַ עכטע קינסטלערס איז דאָס פּונקט פאַרקערט. כאָטש איך פלעג אָפט אַרײַנקומען אין שאַפּיראָס צימער, וואָס וואָלט כּסדר אויסגעזען ווי נאָך אַ פּאָגראָם... ווען נישט אַ געטרײַע פרײַנדינע זײַנע, וואָס האָט עס, ווען זי האָט נאָר געהאַט אַ פרײַע מינוט, מיט שוועסטערלעכער געדולד כּסדר אויפגערוימט, יאָ, כאָטש איך פלעג אָפט קומען צו אים האָט זיך עפּעס נישט געקלעפּט קיין שמועס. נאָר: זיצט, און וואָס מאַכט איר עפּעס, און וואָס דערציילט איר עפּעס נײַעס, און — וואָס אײַלט איר זיך אַזוי?... זיכער איז דאָס מײַן שולד, אָבער איך האָב נישט פאַרגעדענקט קיין איין אינטערעסאַנטן שמועס מיט איינעם פון די אינטערעסאַנטסטע און טיפסטע שרײַבערס אונדזערע.

אין איין שיינעם טאָג טעלעפאָנירט מיר שאַפּיראָ פון איין האָטעל־צימער אין אַנדערן, איך זאָל אַרויפקומען, ער וויל זיך געזעגענען. ביינערדיק־סקעלעטיש, ווי אַלע מאָל, ליגט ער אין בעט, הײַנט בײַ נאַכט פאָרט ער אַוועק אין אַן אויטאָבוס עטלעכע טויזנט מײַל, איבערן קאָנטינענט אַריבער, קיין קאַליפאָרניע. אַזוי ווי שאַפּיראָ גלייבט אין יידישן סידורל־גאָט, אַזוי האָב איך געגלייבט, אַז ער וועט דערפאָרן. אָבער ווונדערלעך זענען יידישע קינסטלערס. זײַן גײַסט האָט איבערגעלעבט און אויסגעקריסטאַליזירט דאָס בלוטיק־ברוטאַלע געמויזעכץ פון פּאָגראָמען אין יאָר 1905, און זײַן גוף האָט לײַכט דעגענערירט נאָך אַלערליי קראַנקהייטן.

1962

משה מ. שאַפּיר

געבוירן אין שטעטל שאַץ, אין בוקאָווינע, אין יאָר 1909.
זינט 1930 וווינט ער אין קאַנאַדע, אין מאָנטרעאָל.

איינער פון די אָריגינעלסטע פּאָעטן אין ייִדיש — משה מ. שאַפּיר. און אויב איר זענט אין ספק, אַז דאָס איז אַזוי — אָט האָט איר די נעמען פון זײַנע ביזאיצטיקע לידער־זאַמלונגען: אַ. „אַ סטעזשקע". ב. „איך קום אַהיים". ג. „אויף מײַן פידעלע ליד". ד. „דער שטערן־וואָגן". ה. „אַ רגע דאַכטעניש". ו. „בורא מיני חלומות".

די ערשטע פון די זעקס לידער־זאַמלונגען איז דערשינען אין יאָר 1940 און די זעקסטע אין יאָר 1971. אַלע זעקס אין מאָנטרעאָל.

צוריקגעשמועסט — און ייִדישע פּאָעטן האָבן זייער ליב דאָס דאָזיקע וואָרט — זענען די דערמאָנטע טיטלען פון שאַפּירס לידערביכער דווקא נישט אַזוי אויסנאַמלעך אָריגינעל. סײַדן דאָס זעקסטע. און דער עיקר דער נאָמען פון יעדן ליד פאַר זיך.

מיט אַ פּאָר הונדערט יאָרן צוריק איז דאָס קענען שרײַבן געווען אַ גרויסער אוצר. דאָס פאַרמאָגן אַן אייגענעם חותם פון מעטאַל איז געווען אַ סימן פון גרויס חשיבות פון יחיד אין דער געזעלשאַפט. און אונדזער פּאָעט משה מ. שאַפּיר, וואָס האָט ליב קליינע עקסטראַוואַגאַנצן, האָט פאַר זיך באַשלאָסן צו באַנוצן זיך מיט אַזאַ מין חותם — אַ קליין זינגפייגעלע. אָבער היות דאָס קענען שרײַבן איז הײַנט צו טאָג נישט אַזאַ גרויסער אוצר, באַנוצט זיך שאַפּיר בײַ יעדער געלעגנהייט מיט אָנצייכענען אַ פּיצינק זינגפייגעלע. אַזוי אין יעדן בריוו, אין יעדן דאָקומענט, אין יעדן כתב־יד — און, מן־הסתם, מיט אָנגעצייכנטע צוויי זינגפייגעלעך אין יעדן ליבעבריוו.

ווען האָב איך מיך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט מיט משה מ. שאַפּירן? פּשוט — איך געדענק נישט. אָבער ער האָט ליב אויף אַ הויך קול צו פאַרגעסן. גאָט האָט אים באַטיילט מיט אַן אויסנאַמלעך גוטן זכרון. באַרימט ער זיך דערמיט — אָבער פאַרקערט... ער מאַכט דעם אָנשטעל, סאָלידאַריזירט זיך מיט די פאַרגעסערס. און לאָמיר טאַקע נישט פאַרגעסן צו דערמאָנען, אַז שאַפּיר האָט אָנגעהויבן לעצטנס זײַנע לידער אילוסטרירן.

מ. מ. שאַפּיר — נישט נאָר אַן אָריגינעלער, אַפילו אַ קאָמפּליצירטער פּאָעט מיט אַלערליי חסרונות און אַלע מעלות. מעלות צוויי מאָל אַזוי פיל...

אַ מאָל — אַ מאָל, מיט אַ פּאָר צענדליק יאָרן צוריק, איז מיר אויסגעקומען צו כאַפּן אַ חברישן שמועס מיט יעקב גלאַטשטיין ז"ל און פּונקט וועגן משה מ. שאַפּיר. איז גלאַטשטיין נישט קיין אָנהענגער שאַפּירס. ער

מיינט, אַז שאַפּיר איז צו פֿאָלקסטימלעך און דאָס איז נישט צוגעפּאַסט צו אַ הײַנטיקן פּאָעט. אַ הײַנטיקער דאַרף האָבן מער פּאַרנעס, זײַן מער אַגרעסיוו.

ליגט פּונקט אויפֿן טיש, בשעת אונדזער שמועס, שאַפּירס אַ בוך. און איך לייען דערפֿון אַ פּאָר שורות לדוגמא:

איך האָב געזוכט די חכמה אין די ביכער
און האָב געפֿלאַנצט אַ גאָרטן אויפֿן ווינט.
צי וועט די שטילקייט שטילן אַלע וויכערס —
און וועט מיך רייניקן פֿון חכמה־זינד?

הייבט גלאַטשטיין אויף זײַן קלוגן ווײַזפֿינגער: „אויב אין דעם בוך זענען דאָ אַ סך אַזעלכע פּסוקים — צי איך צוריק אַ גרויסן טייל פֿון מײַנע קריטישע באַמערקונגען".

און דאָ אַזוי, ווי אינסצעניזירט — קומט אַרײַן שאַפּיר... גלאַטשטיין האָט פֿײַנט געהאַט צו רעדן אין אַרבל אַרײַן. זאָגט ער אָפֿן: איך האָב דאָ נאָר וואָס שאַרף קריטיקירט אײַער נײַע לידער־זאַמלונג.

הייבט שאַפּיר אָן גיך־גיך צו רעדן, ווי אַלע מאָל, ווען ער וויל גיך עפּעס זאָגן: — אַבי איר האָט כאָטש אַ העלפֿט איבערגעלאָזט.

און אָן שאַרפֿע אַרײַנזאָגעכצן — ווי יידישע שרײַבערס קענען דאָס צו מאָל, האָט זיך אָנגעהויבן אַ האַרציקער חברישער שמועס וועגן פּאָעזיע בכלל און יידישער בפרט. און אַזוי ווי איך בין דער איינציקער עדות פֿון דעם דאָזיקן חברישן שמועס — בעט איך מיר גלייבן, אַז אַזאַ האַרציקן שמועס צווישן פּאָעטן האָב איך זעלטן געהערט. אַגב זענען די ווענט פֿון דער יידישער ביבליאָטעק אין מאָנטרעאָל אויך עדות פֿון דעם שמועס פֿון אונדז דרײַ.

ווי יעדער גוטער פּאָעט, האָט אויך שאַפּיר ליב, וואָס אַנדערע האָבן נישט פֿײַנט. אַ ביסל כבוד, אָבער ער מאָנט נישט, פֿאָדערט נישט. מען קען ליב האָבן אַ מעסטל חברישן כבוד — שטילערהייט, ווי משה שאַפּיר — און דאָך זײַן און בלײַבן אַן ערלעכער עניו.

אַ שטאַלטנער, אַ הויכער, מיט אַ פּנים פֿון אַ מענטש וואָס בייזערט זיך זעלטן, אַפֿילו אַז מען טוט אים אַן עוולה — פֿאַרשווײַגט ער זי בעסער. פֿון בייז וועט דאָך קיין גוטס נישט אַרויסקומען, פֿון גוטס — אפשר. און ער וועט גלייבן און האָפֿן.

גראָד אים האָט גאָט קיין צער נישט געקאַרגט. אָבער שאַפּיר האָט אַפֿילו אויף גאָט זיך נישט געבייזערט. העכסטנס אַ צוגעפּאַסט ליד אָנגעשריבן און געווידמעט דעם כביכול, וואָס זײַן נאָמען טאָר מען נישט אָנרופֿן איידער מען האָט זיך די הענט נישט געוואַשן.

די באַשטימטע צאָל זײַטלעך פֿאַר דעם שאַפּיר־פּענפּראָפּיל ענדיקן זיך און מען דאַרף מסיים זײַן. אָבער דאָ קומט אַנטקעגן שאַפּירס אַ כאַראַקטער־ריסטישער שטריך, אַזוי אין לעבן און אַזוי אין די כתבים. זײַן פּאָעזיע איז פֿול מיט שורות־ציטאַטן, וואָס בעטן זיך, לויפֿן נאָך דעם שרײַבער: „פֿאַרגעסט מיך נישט, ציטירט מיך".

אַזאַ פֿאָדערונג פֿון ציטאַטן פֿון ייִדישע לידער קען מען נישט פֿאַרבײַגײן און זיך נישט־וויסנדיק מאַכן. איך וועל מסכּים זײַן אויף אַ פּשרה: איך וועל ציטירן איין ליד, דערפֿאַר אָבער דאָס גאַנצע — אות בײַ אות און אַזוי קלאָר, ווי אַ געשליפֿענער דימענט. אָט איז עס:

(אפשר איז עס שאַפּירס שענסטע, האַרציקסטע, אמתדיקסטע ליד — און אויך דאָס קירצסטע — אַבסאָלוטער צימצום. און אויב עס איז אין פֿאָלקס־טאָן — איז עס נאָך בעסער...)

עס איז מיר אַזוי ליכטיק ווי דעם פֿייגעלע אין זײַן זינגען,
ווי דעם וואַסערפֿאַל אין זײַן פּלעשקען,
ווי דעם ווינטעלע אין זיין פֿליִען,
ווי דעם קאָרנבלימל אין זײַן בליִען,
און ס'איז מיר אַזוי פֿינצטער, ווי דער ווערבע אין איר וויינען,
ווי דעם לעמעלע אין זײַן בלאָנדזשען,
ווי דער סאָווע אין איר קלאָגן,
ווי דעם חשוון־רעגן אין זײַן קדיש זאָגן.

1973

ד״ר יעקב שאַצקי

געבוירן אין וואַרשע אין יאָר 1893. אין יאָר 1922 זיך באַזעצט אין אַמעריקע. רײַזעס אין אייראָפּע, דרום־אַמעריקע, ארץ־ישראל. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק 13טן יוני 1956.

ד״ר יעקב שאַצקי — זאָגסט אַרויס דעם נאָמען און באַלד טראַכטסטו: דער ספּעציאַליסט אויפן געביט פון דער געשיכטע פון די ייִדן אין פּוילן. אָבער באַלד דערמאָנסטו זיך: ער האָט דאָך אויפגעשריבן די גרויסע געשיכטע פון די ייִדן אין וואַרשע. הייסט עס: דער ספּעציאַליסט אויפן געביט פון דער געשיכטע פון די ייִדן אין וואַרשע. אָבער באַלד הייבסטו זיך אָן צו דערמאָנען נאָך אַ טוץ אַנדערע געביטן, אויף וועלכע שאַצקי איז אַ ספּעציאַליסט און אַ מומחה. געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער. און געשיכטע פון דער ייִדישער פּרעסע. און ייִדישע ביבליאָגראַפיע. און פּסיכאָלאָגיע סתּם. ער איז דאָך זינט יאָרן דער ביבליאָטעקער פון אַ גרויסן שטאָטישן פּסיכאָלאָגישן אינסטיטוט אין ניו־יאָרק. און אַז דו האָסט זיך שוין דערמאָנט אָט די אַלע זאַכן — און מסתּמא אַ סך פאַרגעסן, און אפשר גאָר „אין בעסטן קינד״ — דערמאָנסטו זיך, אַז שאַצקי איז דאָך געווען אַ ספּעציאַליסט אויפן געביט פון דער שפּינאָזאַ־פאָרשונג און געשריבן און רעדאַגירט ווערק אין ייִדיש גאָר אויף דעם געביט. און ערשט דערמאָנסטו זיך, אַז יאָרן לאַנג האָט ער סתּם רעצענזירט ייִדישע ביכער פאַר אַן ענגליש־ייִדישן זשורנאַל. און ווי איז זײַן בקיאות אויפן געביט פון דער פּרץ־פאָרשונג? און זײַן קענטשאַפט אויפן געביט פון ביבליאָטעק־וועזן? און ווי זענען זײַנע אַרבעטן אין ייִדישן ווײַסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — אַ מאָל אין ווילנע און שפּעטער אין ניו־יאָרק? יאָ — און אַחרון, אַחרון — ווי איז זײַן קענטשאַפט אויפן געביט פון דער פאָרשונג פון ייִדישן הומאָר? און ווי איז ער אַליין, טאָקע ער אַליין אַלס פּערזענלעכקייט? און אָט די פּערזענלעכקייט וועלן מיר זיך באַמיִען דאָ צו צייכענען אויף אַן אינטימען אופן.

נידעריק אין וווּקס מיט זייער אַ גרויסן קאָפּ און זייער בולטע און פעסטע שטריכן פון פּנים. נאַטירלעך — אַ ברונעט. גרויסע אויגן, אַ גרויס מויל, אַ גרויסער שטערן און אַ פעסטע, כאָטש נישט לאַנגע נאָז, דאָס גאַנצע פּנים אַרום און אַרום אַ ביסל דרײַעקיק. און ער לאַכט זייער זעלטן ד״ר יעקב שאַצקי. און דאָך האָלט ער אין איין מאַכן וויצן, זיך ווערטלען און אויך איבערדערציילן וויצן. דער עיקר איז ער ספּעציאַליזירט — נאָך איין ספּעציאַליטעט! — אויפן געביט פון וואָרטשפּיל. וואָלט מען זיי צוזאַמענגע־

נומען אין אַ בוך, וואָלט עס געווען ממש אַ קוואַל פון יידישן וואָרטוויץ. אָבער נישט אַלע מאָל קען מען זײַנע וואָרטשפּילן פאַרשטיין — כאָטש זיי זענען כמעט אַלע מאָל גוט. און שווער איז זיי צו פאַרשטיין, ווײַל ד״ר שאַצקי קען מערערע שפּראַכן. און ער קאָמבינירט זיי אין זײַנע וואָרט־קאַלאַמבורן. אָט האָט ער זיך פּלוצלינג אויסגעלערנט שפּאַניש און איז געוואָרן — נאָך אַ ספּעץ — אַ בקי אויפן געביט פון דער געשיכטע פון ייִדן אין לאַטײַן־אַמעריקע. אָט האָט שאַצקי — אין מיטן דער צווייטער וועלט־מלחמה, מיט די אַלערליי טראַגיש־משונהדיקע קאָמבינאַציעס פון יידישע פּליטים איבער גאָר דער וועלט, אויסגעטראַכט דאָס וואָרט „קאָסמאָפּאָליט״... זאָגט אָט דאָס וואָרט אין פיר טראָפן אַלץ, וואָס מען קען זאָגן וועגן דעם טראַגישן גורל פון יידישן פּליט איבער דער וועלט. שאַצקי איז אָבער נישט געווען קיין הומאָריסטישער שרײַבער, אַפילו בכלל נישט קיין בעלעטריסט, און די אַלע טויזנטער וויצן און וואָרט־קאַלאַמבורן זײַנע זענען געבליבן אַן אַ תּיקון. אין זײַן לײַדנשאַפט פון זײַן אַ בקי האָט שאַצקי פֿײַנט, אַז מען זאָל טראַכטן, אַז עס איז בכלל דאָ אויף דער וועלט אַ געביט אַזאַ — אויף וועלכן ער איז נישט קיין בקי.

שאַצקיס טאָן איז אַלע מאָל אַ זעלבסטזיכערער. אַן אַגרעסיווער. ער רעדט און אַטאַקירט אַלע מאָל עמעצן. אין דעם טאָן פון זײַן רעדן: אָט דאָס, וואָס איך זאָג איז דאָס לעצטע וואָרט אויף דעם דאָזיקן געביט. עס האָט דעריבער קיין זינען נישט זיך אַנטקעגנצושטעלן.

עס איז אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד, אַז צווישן די צוויי זײַלן פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, וואָס איינער האָט געהייסן שאַצקי און דער אַנדערער — ביז הונדערט און צוואַנציק — ד״ר מאַקס ווײַנרײַך, איז קיין שלום־בית נישט געווען. ווײַנרײַך איז געווען אַ קעגנער פון שאַצקיס אָפט צו געוואַגטע היפּאָטעזן און טעזן און אויך אַ קעגנער פון זײַן נישט גענוג פּרעציזן יידיש, און שאַצקי איז געווען אַ קעגנער פון ווײַנרײַכס צו גרויסער וויסנשאַפטלעכער פּינקטלעכקייט, וואָס האָט מקריב געווען דאָס פליען צוליב פעסטן גיין אויף דער ערד פון דאָקומענטן. נישט איין מאָל האָבן די ווענט פון ייִוואָ אַ ציטער געטון צוליב דער אומשטימיקייט פון די צוויי זײַלן זײַנע. איין מאָל בין איך געווען אין ניו־יאָרק אויף אַ ייִוואָ־זיצונג, ווו שאַצקי האָט אָפן פירגעברענגט זײַנע טענות צו ווײַנרײַכן. אַרויסגייענדיק פון דער זיצונג האָט מען זיך גענומען צעפאָרן אין די דרויסן וואַרטנדיקע אויטאָס פון די מער פאַרמעגלעכע ייִוואָ־פּאַרוואַלטערס. זיצט שוין שאַצקי אין אַן אויטאָ און ווײַנרײַך וואַרט נאָך אויף אַ געלעגנהייט. רופט שאַצקי מיט אויפריכטיקער האַרציקייט ווײַנרײַכן: — קומט אַרײַן אַהער, אַ מחיהדיקער אויטאָמאָביל און מיר פאָרן דאָך סײַ ווי אין איין ריכטונג. אַז דער אויטאָ

איז אָפּגעפאָרן מיט די צוויי — הלל און שמאי — האָבן מיר לאַנג דעם אויטאָ נאָכגעקוקט און איינער האָט אַ זאָג געטון: — איך וואַרט, אַז דער אויטאָ זאָל זיך אָנצינדן... אָבער דער אויטאָ האָט זיך נישט אָנגעצונדן. ייִדישע גזלנים...

איך ווייס אַליין נישט פאַר וואָס און ווי אַזוי איך בין מיט שאַצקין געווען אויף „דו“ זינט דעם יאָר 1920, ווען איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל אין וואַרשע געטראָפן. און נישט נאָר זענען מיר געווען אויף „דו“, נאָר מיר האָבן אויך גערעדט צווישן זיך נאָר פויליש. אפשר דערפאַר ווײַל שאַצקי איז געווען אַ האַלבער גאַליציאַנער. ער האָט שטודירט אין קראָקע.

די לײַדנשאַפט צו זאַמלען ביכער איז נישט קיין צו אָפּטע דערשײַנונג, נאָר טרעפט זי איינעם, ווערט זי אַ שיכרות, נאָך מער — ממש אַן אינסטינקט. מען קען זי נישט אײַנהאַלטן און נישט אויסראָטן — סײַדן מיטן מענטש צוזאַמען. שאַצקי איז געווען באַפאַלן פון דעם אינסטינקט פון ביכער זאַמלען. עטלעכע מאָל האָב איך אים באַזוכט אין זײַן ניו־יאָרקער היים. כאָטש די דירה זײַנע איז אַ רחבותדיקע געווען — מיט אַן אויסבליק אויף אַ ברייטן, לײַדיקן פּלאַץ, אויף אַ טײַכל אַפילו, דאָך איז זי געווען — צוליב די טויזנטער־און אָבער־טויזנטער ביכער אַזוי ענג, אַז דו האָסט געהאַט דאָס געפיל, אַז איידער דער גאַסט קומט, האָט דער גאַסטגעבער געמוזט פריִער אַרויסשטעלן אין גאַס אַ ביכערשענקעלע פון דעם גאַסטס מאָס, אַזיסט וועט ער — דער גאַסט — נישט קענען אַרײַן...

שאַצקי איז געווען זייער אַ גוטער רעדנער. און אַלע זענען אַלע מאָל געווען פאַרחידושט — ווי דאָס קומט. מחמת ער פלעגט אין בין אדם לחברו־שמועס בײַ אַ גאַנצער ריי פון אותיות אַ ציטער טון מיט די ליפּן און האָט געמוזט זיי אַרויסזאָגן עטלעכע מאָל. אָבער איז ער געשטאַנען אויף דער בינע איז אָט דער רעד־חסרון זײַנער געווען טאָטאַל באַהערשט. אַזאַ שטאַרקן ווילן האָט ער געהאַט. נאָר אַן אַנדערע זאַך האָט ער נישט געקענט באַהערשן: די לײַדנשאַפט פון הומאָר און וויץ און וואָרטשפּיל, אַפילו אין מיטן פון אַ סאַמע שווער־ערנסטן ענין, וואָס ער האָט גראָד באַהאַנדלט. פלעגן זיך אָפט מאַכן אינצידענטן צוליב דעם, ווײַל אין אָט די וואָרט־קאַלאַמבורן זענען אָפט געווען אַרײַנגעמישט פּערזאָנען, פּערזענלעכקייטן. און באַליידיקטע תלמידי־חכמים זענען נישט אַלע מאָל איבערקלײַבעריש אין דעם וואָפן. איז אָפט אָנגעגאַנגען אַ קעגנזײַטיקע גרײַזן־כאַפּערײַ. שאַצקי איז אַלע מאָל געווען שטאַרקער אויפן געביט פון די וועלטלעכע מקורות, אָבער זײַנע קעגנערס זענען דערפאַר לרוב געווען שטאַרקער אויפן געביט פון די לומדישע מקורות — מחמת שאַצקי איז געווען אַ געלערנטער און אַ חכם, אָבער נישט

קיין תלמיד־חכם. פלעגט מען אים אָפט פירוואַרפן דעם עודף פון הומאָר אין זײַנע רעפעראַטן און שמועסן.

אָבער עס איז געגאַנג געווען צו פאַרברענגען מיט שאַצקין אַ שעה אין אַן אינטימען שמועס, צו איבערצײַגן זיך ווי טיף עס גייט אים אָן אַלץ, וואָס ייִדיש איז. ער האָט באַהערשט אין וואָרט און שריפט אַ סך לשונות — און אויך געשריבן אַ סך אין פויליש, שפּעטער ענגליש. אָבער ער האָט קיין מאָל צו קיינעם קיין טענה נישט געהאַט פאַר זײַן בעיקר אַ שרײַבער אין ייִדיש, וואָס דאָס גיט איינעם די קלענסטע מעגלעכקייטן צו מאַכן אַ קאַריערע אַרום שרײַבן. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס איז זײַן מזל און זײַן גורל און ער האָט זיך נישט געקלאָגט דערויף, ווי אַ סך אַנדערע אין אַן ענלעכער סיטואַציע טוען עס.

עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז עס איז מיר אויסגעקומען מערערע מאָל און אין מערערע אַמעריקאַנישע שטעט צו באַגלייטן שאַצקין בעת זײַנע באַזוכן בײַ גבירים לטובת דאַנאַציעס פאַרן ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. ווער עס האָט אַזעלכע באַזוכן ווען עס איז געמאַכט — דער ווייסט ווי טיף מען פאַלט בײַ זיך אַראָפּ אין אַזעלכע סיטואַציעס. די גאַנצע עלנטקייט פון ייִדישער גײַסטיקייט קומט דערבײַ צום אויסדרוק. אָפט דאַרף מען שעהען לאַנג וואַרטן אין אַן אויפנעם־צימער. אָפט דאַרף מען אַ גוייִשער סעקרעטאַר־קע אויפקלערן דעם צוועק פון באַזוך, איידער מען באַוויליקט די אויפנאַמע... און אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגט שאַצקין פאַרלאָזן אי זײַן שטענדיקע זעלבסטזיכערקייט און אי זײַן הומאָר. זײַן גרויסער שטערן איז בײַ אַזאַ געלעגנהייט געוואָרן צעאַקערט ווי אַ פעלד, זײַנע אויגן פלעגן קוקן אַן אויסדרוק אויף דער אַנטקעגנדיקער וואַנט און מען האָט געזען בחוש ווי ער לייענט דאָרט און לייענט אַ שריפט אויף דער וואַנט: למי אני עמל? אין אָט אַזעלכע מאָמענטן האָב איך שאַצקין געהאַט צום ליבסטן. — למי אַני עמל? — — די פראַגע איז שוין הײַנט פאַרענטפערט. ער האָט געאַרבעט פאַר זײַן פאָלק. אויפגעאַקערט אַ סך קרקע־בתולה אויף געביטן פון ייִדישן וויסן, און דאָרט ווו אַנדערע האָבן געאַקערט האָט ער אָפט דער ערשטער געזייט. און עס איז אים באַשערט געווען כמעט צו פאַרענדיקן דאָס קרוינווערק פון זײַן לעבן — די געשיכטע פון דער גרעסטער ייִדישער קהילה אין אייראָפּע, וואַרשע — דער פאָן פון אַ האַלב יאָרטויזנט ייִדיש לעבן אין אייראָפּע. און אָט דאָס פּרעציזע ווערק זײַנס לייענט זיך ווי אַ שפּאַנענדיקער ראָמאַן. דאָס איז געווען שאַצקיס נוסח ווי אַ היסטאָריקער.

1956

ד״ר חיים שאָשקעס

געבוירן אין ביאַליסטאָק אין יאָר 1891. שטודירט אין מערב־אייראָפּעיִשע און רוסישע אוניווערסיטעטן. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה — אין וואַרשע. בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק. געשטאָרבן דעם 6טן מײַ 1964.

די גאַנצע ענערגיע פון יִדישן פאָלק איז אַרײַן אין די ביאַליסטאָקער יִדן. און די גאַנצע ענערגיע פון שבט ביאַליסטאָק איז אַרײַן אין ד״ר חיים־חייקל שאָשקעס. זײַן אויסזען דערמאָנט אַ ביסל אַ מישלינג פון אַ ווײַסן אַמעריקאַנער מיט אַן אינדיאַנער. ער האָט זייער געדיכטע ברעמען און ער קוקט איינעם כּסדר אָן זייער דורכדרינגענדיק און זייער נײַגעריק דורך גרויסע, שוואַרץ באַרעמטע ברילן. ער איז אָבער זייער העפלעך און רעדט אַלע מאָל אין אַ געהויבענעם טאָן. יום־טובֿדיק. יעדעס וואָרט וואָס ער זאָגט איז אמת, כאָטש ער דערציילט עס מיט אַן אומגלייבלעכן טאָן. יעדעס וואָרט וועגן זײַנע וועלטרײַזע־איבערלעבונגען איז מאה אחוז קאָנטראָלירט. טויזנטער אַרטיקלען און 25 ביכער אויף דעם געביט איז זײַן ליטעראַריש אייגנס, אָבער ער האָט אַזאַ סטיל, אַז עס דאַכט זיך דעם לייענער, אַז ער דערציילט אַ מעשׂה. אָבער עס איז נישט קיין מעשׂה.

פּרץ האָט אין יאָר 1910 געזאָגט: אַ וואַנדערפאָלק אָן אַ ליטעראַטור — ווי אַ שטייענדיק וואַסער... זינט דאַן האָט זיך אַ סך, אַ סך געביטן. דאָס „שטייענדיקע וואַסער״ האָט ממש אָנגעהויבן צו שטורעמען. שרײַבערס האָבן אָנגעהויבן צו וואַנדערן און נישט בלויז צו עמיגרירן. הירשביין, ל. מלאך, אויך מײַן ווייניקייט. דאָס — נאָך פאַר די יאָרן פון דריטן חורבן. זינט דאַן — וואַנדערער — בעיקר בעל כּרחו. אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

שאָשקעס פלעגט מיר אין וואַרשע — אַרום די 30ער יאָרן — זאָגן, אַז ער איז מיך מקנא צוליב מײַנע וועלטרײַזעס. אָבער איידער איך האָב מיך אַרומגעקוקט, האָב איך שוין אים געדאַרפט מקנא זײַן צוליב זײַנע אמתע וועלטרײַזעס. איך בין געפאָרן מיט באַנען און מיט שיפן און געווען פאַרבונדן מיט בידנע אָרגאַניזאַציעס. ד״ר שאָשקעס האָט זיך פאַרבונדן מיט גרויסע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס און געמאַכט אינספּעקציע־ און אינפאָרמאַציע־רײַזעס אויף אַ גרויסן פאַרנעם. און — דער עיקר — ער האָט באַלד אָנגעהויבן צו פליִען. מיר זענען באַלד געוואָרן ווי דער האָז און דער שילדקראָט פון דער פאַבל. ער — דער האָז, אָבער אַזאַ וואָס דרימלט נישט. ער האָט מיך באַלד צענפאַכיק דיסטאַנסירט.

דער חסרון פון ד״ר שאַשקעס איז געווען, וואָס זײַענדיק אויף איין רײַזע — האָט ער שוין פּלאַנירט אַ צווייטע. אַפילו אַ רײַזנדער דאַרף האָבן אַ ביסל זיצפלייש. ער איז געפלויגן צו גיך און געשריבן צו גיך. עס איז אָבער נישט קיין וווּנדער די אײַלעניש, מחמת ער פלעגט פאָרן אין ערטער, ווו די ערד האָט ממש געברענט אונטער די זוילן...

נאָך אַלע זאַכן איז דאָס גאַנצע לעבן אַן אַוואַנטוריסטישע וועלטרײַזע. מיר זענען אַלע אַוואַנטוריסטן בעל־כרחו. נאָר אייניקע מיט אַ שמיץ אַריבער. איינער וואַנדערט אויף אַ גלײַכן וועג, אַן אַנדערער האָט ליב אַ סערפּענטינע־סטעזשקע האַרט נעבן ברעג ים, אָדער אַן אָפּגרונט. צו די דאָזיקע האָט געהערט ד״ר חיים שאַשקעס. ער האָט געלעבט און געאַרבעט גצזעלשאַפטלעך מיט דרײַ לעבנס, נאָר געפאָרן איז ער, וועלט־געוואַנדערט ממש מיט זיבן מענטשלעכע לעבנס. און אַלע כסדר ריזיקירט.

אַז ער איז אַ מאָל אין יאָר 1955 (איך האָב דעמאָלט געוווינט אין מדינת־ישראל) אָנגעקומען אין ירושלים, און דווקא דורך דעם מאַנדעלבוים־טויער, האָבן מיר אים אָנגערירט מיט די שפּיצן פינגער, זיך צו איבערצײַגן צי מיר חלומען נישט... ער פלעגט דורכגיין דורך אַלערליי אײַזערנע פאָר־האַנגען, ווי אַ לעגענדאַרער רואה־ואינו־נראה. אָט קומט ער שוין פון מאָסקווע, אָט פון קיִעוו, און טאַקע עטלעכע מאָל, אָט ברענגט ער גרוסן פון די דורך אַ נס ניצול־געוואָרענע שרײַבערס דאָרטן. און אָט ברענגט ער גאָר אַ גרוס פון דער שארית־הפּליטה פון מצרים. און אָט איז ער פאָטאָגראַפירט מיט אַפריקאַנער מלכים אָדער פּרעזידענטן. אָפט גייען זײַנע רײַזעס אַרויס פון די ראַמען פון זשורנאַליסטישע אויפטוען און גייען אַרײַן אין די ראַמען פון נאַציאָנאַלער יידישער וועלט־פּאָליטיק.

און צו די אַלע גרענעצן איז דאָך דאָ אַ יאָרן־גרענעץ אויך. און מיר האָבן געוווסט, אַז שאַשקעס האָט שוין איבערגעביטן דאָס אַכטע צענערל. און די מענטשלעכע טבע איז דאָך, אַז אין דעם עלטער ווערט דער מענטש געזעצטער, באַטראַכטער. וואָס ווייניקער איבערגעבליבענע יאָרן ער שטעלט אײַן — אַלץ טײַערער ווערן זיי אים... אַנדערש אָבער שאַשקעס: די עלטער האָט אים געמאַכט ריזיקאַלישער, געוואַגטער. סוף־כל־סוף האָט ער דורכגע־מאַכט אַן אַרעסט אין צפון־אַפריקע און דורכגעלעבט אמתע טויטשרעק. מיר זענען זיכער געווען, אַז שאַשקעס וועט זײַן דער ערשטער ייִד אויף דער לבנה. אפשר וועט ער טאַקע. אָבער אַרויספאָרן אַהין וועט ער שוין פון הימל און נישט פון דער ערד...

י. י. שוואַרץ

געבוירן 1885 אין פּעטראַשון, קאָוונער קרײַז. זינט 1906 אין אַמעריקע. ניפטר געוואָרן 19טן סעפּטעמבער 1971.

אַ הויכער איז ער געווען — י. י. שוואַרץ, איינער פון די בעסטע, און אפשר אַפילו איינער פון די גרעסטע יידישע פּאָעטן אין די לעצטע 60 יאָר. אַ קאָפּ געקרײַזלטע האָר, וואָס זענען אַ מאָל געווען — ווי זײַן נאָמען — שוואַרץ — און הײַנט שניי־ווײַס, זילבער־גלאַנציק, יונג־געקרײַזלט.

שוואַרץ טראָגט די יאָרן זײַנע לײַכט ווי אַ פעדערל אויף די שטאַרקע פּלייצעס. און די אויגן גלאַנצן, און אַפילו די ברילן זײַנע שעמערירן מיט נחת, ווי די פענצטער פון אַ הויז, וווּ עס זענען אָנגעצונדן יום־טובדיקע ליכט. די פרייד פון אַ שיין לעבן שטראַלט פון זײַן געשטאַלט, זײַן גאַנצן מהות. אַזאַ מין ייִד פלעגט אין דער אַלטער היים זײַן אַ ראש־הקהל אַ לעבן לאַנג. און אַזאַ ראש־הקהל פלעגט זיך נישט איבערנעמען מיט דעם כּבוד, וואָס מען גיט אים כּסדר אָפּ. ער איז מיט דעם טאַלאַנט געבוירן געוואָרן. בעת אַן אַסיפה פון יידישע שרײַבערס האָט זיך י. י. שוואַרץ שטאַרק אָנגעזען מיט דעם הדרת־פּנים. אָבער ער האָט נישט געבלאָזן פון זיך — ווי דאָס ווערטל גייט.

ער האָט זיך קיין מאָל נישט געקלאָגט, וואָס ער לײַדט פון אַ קליינעם פעלער אין זײַן עסטעטישער פּערפעקטקייט. זײַן קול איז אייביק אַ קליין־קליין ביסל הייזעריק. אַן אָראַטאָר קען ער נישט זײַן. און דאָס וואָלט געגעבן אַ קאָמפּלעטן תּיקון זײַן גאַנצן מהות. אַ מאָל איז עס גראָד אַ מעלה: מען הערט זיך צו מיט מער אויפמערקזאַמקייט צו זײַנע קורצע רעדעס. ער רעדט ווייניק, אָבער ער זאָגט אַ סך.

י. י. שוואַרץ איז אַ דיכטער בחסד עליון און מיט זײַן פּאָעמע „קענטאָקי" האָט ער ממש געעפנט אַ נײַ בלאַט אין דער געשיכטע פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור בכלל און דער אַמעריקאַנישער יידישער ליטעראַטור בפרט. די ליטעראַרישע גרופּע מיטן נאָמען „יונגע" (און שוואַרץ האָט צו אַט דער גרופּע באַלאַנגט) האָט געהאַט אַ קאָלעקטיוון אידעאַל — אַרײַנבנעמען אַמעריקע — מענטש און באַשעפעניש, הימל און ערד, ייִד און גוי אין דער טעמאַטיק פון די יונגע דיכטערס, פּאָעזיע און פּראָזע. אָבער אַן אידעאַל ווערט נישט אַזוי גרינג רעאַליטעט. עס פּאָדערן זיך יאָרן, לכל־הפּחות אַ דור.

אויב די יידישע ליטעראַטור ביז די „יונגע", און אַפילו דער גרויסער דיכטער מאָריס ראָזענפעלד, אַ מיטצײַטלער פון די יונגע, האָבן ביז דעמאָלט אין זייערע ווערק אַרײַנגענומען אַמעריקע — איז עס געווען ניו־יאָרק בלויז

און נישט אַמעריקע. און אַגב װוינען דאָך בלויז צװײ פּינפּטל פון די ייִדן אין אַמעריקע — אין ניו־יאָרק. און די איבעריקע איבער דער לענג און ברייט פון דעם גיגאַנטישן לאַנד.

שוואַרץ איז אויך אַן איבערזעצער בחסד עליון — פון לשון־קודש אין ייִדיש און פון ייִדיש אין לשון־קודש. גאָט האָט אים באַשאָנקען מיט סבלנות אָן אַ שיעור, וואָס פאָדערט זיך צו אַזאַ מין ליטעראַרישער אַרבעט. און אויך אַ ווײַטן קוק, וועלכע ווערק פון לשון־קודש דאַרפן ווערן איבערגעזעצט.

יהואש איז געוואָרן דער קלאַסישער תנ״ך־איבערזעצער אין ייִדיש און י. י. שוואַרץ דער קלאַסישער ייִדיש־איבערזעצער פון די גרויסע פּאָעטן פון דער גאָלדענער תקופה פון דער העברעיִשער ליטעראַטור אין מיטל־עלטער. כאָטש אַן איבערזעצער איז דאָך נאָר אַ לעבעדיקע בריק צווישן צוויי ליטעראַ־טורן — איז אָבער ווייל צו אַזאַ לעבעדיקער בריק, וואָס פאַרבינדט צוויי לשונות־ליטעראַטורן פון איין פאָלק.

י. י. שוואַרצס פּאָעטישע זאַמלונגען פון זײַנע אייגענע ווערק אין ייִדיש און נאָך מער אַפילו זײַנע איבערגעזעצטע ביכער, זענען געוואָרן דאָס וואָס מען רופט „טישביכער״. ייִדישע לידער־זאַמלונגען אין ביכער זענען אָפט צופרידן צו זײַן בלויז אַלמערביכער. אין זײַן איידלקייט נעמט ער זיך מיט דעם נישט איבער פאַר די חברים־פּאָעטן. אונדז דאַכט זיך, אַז די סיבה דערפון איז די אומפאַרגלײַכלעכע קלאָרקייט פון זײַנע פּאָעטישע שאַפונגען.

און זאָל מיר דערלויבט זײַן צו דערציילן אַ פּערזענלעכן עפּיזאָד.

כאָטש איך בין אַ ביסל ייִנגער אין יאָרן, האָבן די "יונגע" פון אַמעריקע זיך דורך ביכער און בריוו אַלע מאָל געחברט מיט מיר. איך האָב עפּעס געהאַט פשוט מזל צו די „יונגע״. איך ווייס אַליין נישט פאַר וואָס. אַז איך בין דאָס ערשטע מאָל געווען אין אַמעריקע, אין יאָר 1934, האָט זישאַ לאַנדוי אַ מאָל צוזאַמענגערופן אַ פּאָר חברים פון די „יונגע״ אין מײַן האָטעלשטוב. אַ קליינע פּאָעטישע אַסיפה. געווען דאָרט צווישן אַנדערע: מאַני לייב, דוד איגנאַטאָוו, י. י. שוואַרץ. און כאָטש איך האָב די יונגע יאָרן פון די „יונגע״ אין אַמעריקע נישט מיטגעמאַכט, האָב איך — טאַקע אויף דער קליינער פּאָעטישער אַסיפה — געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס איז שוין נישט מער דאָס וואָס איז געווען אַ מאָל. נישטאָ וואָס צו טרויערן איבער דעם. דאָס איז דער גאַנג פון לעבן. הײַנט איז די דערמאָנטע גרופּע שוין אין גאַנצן אויף דער אמתער וועלט. י. י. שוואַרץ ז״ל האָט געשלאָסן דעם טויער, דעם טויער פון טרויער.

מיר האָבן נישט אָנגעצונדן קיין ליכט, כאָטש עס איז שוין לאַנג נאַכט געוואָרן. מען איז געזעסן אויף די פּאָר שטולן, געזעסן אויפן בעט, גערעדט אין דער פינצטער, גערעדט וועגן די יאָרן 1908, 1910, 1914, 1918. זישאַ

לאַנדוי האָט זיך געיוגנט, געײַנגלט און געקליגלט, אַזוי האַרציק און אַזוי קלוג, ווי נאָר ער האָט געקענט. אָבער ווי נאָר עס איז געקומען די רײ צו י. י. שוואַרצן — האָט ער גאָר דערציילט נסים פון זײַן אייניקל און ווי עס איז אַ נחת צו זײַן אַ זיידע.

איך בין געזעסן און געשוויגן און אין טיפן האַרץ געטראַכט אַן אומע־טיקן, אָבער דאָך אַ טרייסטפולן געדאַנק: קען זײַן, אַז מיר זענען דאָ אַלע עדות פון דער רגע אין וועלכער די „יונגע" פון אַמעריקע ווערן מגולגל אין „זיידעס". יעדער איינער פון זיי, יעדער אויף זײַן אופן איז אייביק יונג געבליבן אין דער ליטעראַטור. אָבער דער גאַנג פון פראַזאַישן לעבן איז שוין אַזאַ, אַז יונגע ווערן סוף־כּל־סוף אַלטע. און גוט און שיין איז אונדז, וואָס דער ערשטער „זיידע" פון די אַמעריקאַנער יונגע איז דער הדרת־פּנימדיקער י. י. שוואַרץ.

און צו די עפּיזאָדן זאָל דאָ דערמאָנט ווערן אַ מיניאַטור־אינצידענט מיט שוואַרצן. געווען איז עס אויף אַ קליינער חברישער פאַרזאַמלונג פון פּען־קלוב אין ניו־יאָרק. אַ קאָלעקטיווער רעציטאַציע־אָוונט פון נײַע לידער און דערציילונגען. שוואַרץ לייענט זײַנע איבערזעצונגען פון לשון־קודש, און צווישן אַנדערע אַ ליד פון רב שמואל הנגיד, אַ דיכטער, אַ פּאָליטי־קער און אַ מלחמה־פירער אין די יאָרן פון דער „גאָלדענער תקופה" פון דער העברעיִשער פּאָעזיע אין שפּאַניע. קומט פּאָר אַ וויכוח. מען רעדט. מען רימט, מען קריטיקירט. דאַרף איך אויך עפּעס זאָגן. נו — זאָג איך: דיכטונג ווערט נישט סתם געשריבן, דיכטונג ווערט געשאַפן לויט אַ טיפער אינספּיראַציע. און דאָס זעלבע געזעץ איז אויך חל אויף איבערזעצן דיכטונג. פרעג איך דעם דיכטער י. י. שוואַרצן, צי זײַן איבערזעצן אַ דיכטער־קריגסמאַן האָט אים טאַקע אַזוי שטאַרק אינספּירירט, אַז ער האָט געמוזט דאָס ליד איבערזעצן פון לשון־קודש אויף ייִדיש? אַ נאַיווע שאלה, אָבער איך האָב זי געפרעגט.

ענטפערט מיר י. י. שוואַרץ מיט אַ מילדן שמייכל אין דער אַ ביסל הייזעריקלעכער, גוטמוטיקער שטים: „איך מוז אײַך זאָגן, אַז די פראַגע איז קיין מאָל נישט אויפגעקומען אין מײַן געמיט בײַ דער אַפילו גאַנץ שווערער און לאַנגזאַמער אַרבעט, בײַם איבערזעצן די אַלע לידער. און וואָס שייך דעם דיכטער־קריגסמאַן — האָב איך קיין מאָל נישט געפילט די שווערד און נאָר די פּען. וואָלט שמואל הנגיד געווען בלויז אַ קריגסמאַן — וואָלט זײַן שווערד שוין לאַנג פאַרזשאַווערט געווען אין דער ערד און אַזוי זײַן נאָמען און טיטל — שמואל הנגיד... און מיר וואָלטן זיך דאָ נישט מתווכח געווען וועגן אים. מיט איין וואָרט: יעדער דיכטער דאַרף טראָגן אַ שווערד...

מיר דאַכט זיך, אַז דאָס פאַרענטפערט די האַרבע שאלה אייערע, ראַוויטש".

און יאָרן זענען אַוועק נישט ווייניק זינט יענעם פּאַטעטישן וויכוח. און מיר באַגעגענען זיך ווידער אין מאָנטרעאָל. זײַן זילבער־ווײַסע שעוועליורע איז שוין שניי־ווײַס געוואָרן, און נאָר דער שמייכל דער זעלבער ווי אַלע מאָל, ווי דאָס גאַנצע לעבן, און נאָך אַ מאָל — ווי דאָס ג אַ נ צ ע שײנע לעבן זײַנס. און דאָס — נישט געקוקט וואָס עס זענען אים טיפע, טראַגישע איבער־לעבונגען באַשערט געווען. און וועמען דען נישט? אָבער ער האָט זיך געשטאַרקט און געהאַט דערויף איין אַלצזאָגנדיק וואָרט: גורל — און גורל האָט אויך געוואָלט און באַשטימט, אַז י. י. שוואַרץ — זאָל זײַן דער לעצטער און עלטסטער פון די „יונגע״, וואָס פאַרמאַכט די טירלעך פון דעם אָרון־קודש פון די גרויסע ווערק אין יידישן לשון — געשאַפענע אין אַ האַלבן יאָרהונדערט.

אַוועק פון דער טאָג־טעגלעכקייט און אַרײַן אין דער אייביקייט פון דער וועלט־ליטעראַטור בזעיר אנפּין אין יידיש.

*

ישראל יעקב שוואַרץ ז״ל איז געבענטשט געווען מיט אַ סך טאַלאַנטן. אויף איינעם פון די אַ סך ווילט זיך זאָגן אַ פּאָר געציילטע ווערטער: ער איז נישט איינציק, ער איז אָבער זייער זעלטן. און דאָס איז אַ מין כּישוף צו פאַרוואַנדלען פּשוטע ווערטער און פּשוטע מחשבות אין דעם העכסטן מין פון פּאָעזיע. אַ מין האַרץ־צו־האַרץ־פּאָעזיע.

און מיט אַ ליד פון י. י. שוואַרץ — אַ ליד צו ישראל — שליסן מיר דעם פּראָפיל.

אָ, אַלטער חלום, אויסגעוויטיקטער, געטרײַער,
נשמה פון מײַן פאָלק, זײַן טרייסט און גלויבן —
האָסט ווי דער פעניקס פון זײַן אַש זיך אויפגעהויבן
און אויפגעשטאַנען פון דײַן בלוט און פײַער.
עס האָבן דיך געכאָוועט גרויסע טרוימערס
און אײַנגעפלאַנצט אין דיר אַן אייביק לעבן,
פאַרקניפּט מיט אַלע דײַנע צעלן און געוועבן —
און ס'איז דאָס גאַנצע פאָלק געווען דײַן שומר.
דורך אַלע פײַערן דורך לאַנגע גלות־יאָרן —
ווען דו ביסט וויסט געלעגן און פאַרבלוטיקט —
האָט דיר דאָס פאָלק געגעבן כּוח, דיך געמוטיקט.
דו ביסט פאַרברענט, דאָך ניט פאַרלענדט געוואָרן.
דערפאַר האָסטו אים אויך מיט פולער האַנט געגעבן:
פאַרגיטיקט און באַלוינט צעבראָכענע געמיטער,
אַרויסגעוויינט טאָג־טעגלעך האָפענונג פון סידור,
ס'געזאַנג פון תהילים האָט געטרייסט דאָס לעבן.

און אומעטום, וווּ ס'איז דאָס וואַנדערפאָלק געגאַנגען
און האָט אויף פרעמדער ערד זײַן ליד געזונגען,
האָט אַלע מאָל אַ סטרונע פון דײַן האַרף אים נאָכגעקלונגען,
געציטערט און געוויינט און זיך פאַרגאַנגען.
ביז הײַנט אין אונדזער טאָג, פאַר אונדזערע אויגן
האָסטו זיך אויפגעהויבן פון דײַן אַש און דײַנע ווונדן.
פון אַלטן חלום איז געוואָרן וואָר, זיך אָנגעצונדן
און שטראַלט מיט אַלע פאַרבן פונעם רעגן־בויגן.
אַ לויב און רום צו קעמפערס און צו בויער,
צו די געשטאַלטערס און די אויסשמידערס פון ווערטן —
צו די וואָס גיסן זייער שוויס אין דײַנע ערדן
און צו די אָפהיטערס און קריגערס אויפן מויער.
אַ לויב ישראלס יונגע זין און טעכטער
און רום צו די, וואָס זענען אינעם קאַמף געפאַלן —
אין דערנערקרוין פון פאָלק וועט זייער נאָמען שטראַלן,
אַ לויב און רום! דער קאַמף איז אַ גערעכטער.
אָ, ערד צעווייטיקטע! פאַרווונדיקט און צעטראָטן,
צעטראָמפלט פון דער גאַנצער וועלטס קאָהאָרטן —
גיב גאָט, זאָלסט ווערן ווי אַ בליִענדיקער גאָרטן,
וואָס זיצט אויף שטראָמען וואַסערן אין זון און שאָטן.
און דו וועסט אויפשטיין פון דײַן בלוט און דײַנע טרערן
אין רחמים און אין חסד און גערעכטיקייט געלײַטערט
און אַל דאָס בייז זאָל זײַן פון דיר דערווײַטערט — —
אַ ליכט פאַר פעלקער זאָלסטו ווערן!

1961 — געשריבן
1971 — דערגאַנצט

מאָריס שוואַרץ

געבוירן אין יאָר 1887 אין סודילקאָוו, וואָלין. געקומען קיין ניו־יאָרק אין יאָר 1899. געשפּילט טעאַטער אין אַלע גרויסע יידישע צענטערס אין אַמעריקע און אייראָפּע און אין מדינת־ישׂראל. זײַן שטענדיקער וווינאָרט איז געווען ניו־יאָרק. געשטאָרבן אין מדינת־ישׂראל, דינסטיק, דעם 10טן מײַ 1960 און געקומען צו קבר־ישׂראל אין ניו־יאָרק, דינסטיק, דעם 17טן מײַ 1960.

קען זײַן, אַז ווען מען וואָלט דורכגעפירט אַ וויסנשאַפטלעכן קאָנטעסט מכּוח דעם ייִד מיט דעם מאַקסימום ענערגיע אין די לעצטע דרײַ צענדליק יאָר — וואָלט מען אויסגעפונען, אַז דער דאָזיקער ייִד איז געווען מאָריס שוואַרץ. אַפילו ווען מען וואָלט אין אַכט גענומען פּאָליטיקערס ווי בן־גוריון אָדער נחום גאָלדמאַן, אָדער שריפטשטעלערס ווי שלום אַש — וואָס קיינעם פון זיי האָט קיין ים ענערגיע קיין מאָל נישט געפעלט, וואָלט אַלץ מאָריס שוואַרץ געוווּנען; און אַ פּשיטא שוין צווישן די יידישע שוישפּילערס, וואָס דאָס זענען זײַנע געווען חברים.

שוין די געשטאַלט זײַנע — הויך און קענטיק אַ בעל־כּוח. און דאָס פּנים, וואָס אַלץ אין דעם איז געווען אַ ביסל גרעסער ווי נאָרמאַל, און דאָך נישט איבערמעסיק, דאָך נאָך נאַטירלעך. און דאָס פּנים האָט כּסדר געשפּילט, אַט אַזוי ווי עס וואָלט כּסדר געווען גרימירט, דיסקרעט — אָבער דאָך. דאָס מויל, די נאָז, דער שטערן בולט און די אויגן אַ ביסל אַרויסגעזעצט — קוקן דיר כּסדר דירעקט אין דײַנע אויגן און קוקן דאָך טיפער אַרײַן אין דיר און אַפילו אַריבער איבער דיר. מאָריס שוואַרץ האָט געהאַט אַ סך געדולד אויס־צוהערן אַ מענטשן, אָבער נאָר אַזוי לאַנג ווי דער צד שכנגד האָט גערעדט וועגן טעאַטער, אָדער וועגן זאַכן, וואָס קענען האָבן אַ שײַכות צו טעאַטער, צו זײַנע טעאַטראַלע פּלענער. ער האָט ליב געהאַט אויסצוהערן אינהאַלטן פון ראָמאַנען, דערציילונגען, דראַמעס, אפשר וועט ער זיי קענען שפּילן, און ער איז אייביק הונגעריק און דאָרשטיק געווען נאָך נײַע פּיעסעס. ער האָט אויך ליב געהאַט צו הערן וועגן יידישע שטעט און לענדער — אפשר קען מען דאָרט אַהין טראָגן דאָס קונסט־טעאַטער. שוואַרץ איז געווען ממש באַזעסן פון אַ יידישן טעאַטער־דיבוק. נאָר טאָמער האָסטו שוין אַלץ אויס־דערציילט, וואָס מאָריס שוואַרצן האָט געקענט אינטערעסירן צוליב טעאַטער, האָט ער תּיכּף — אַ מינוט נישט צו פאַרלירן — אָנגעהויבן אַליין צו מעדי־טירן וועגן זײַנע נײַע שפּילפּלענער און רײַזע־פּלענער. זײַן טיפע שטים,

אָנגעלאָדן מיט דעם האַרטסטן מעטאַל פון ענערגיע, האָט געמאַכט דעם רושם פון אַ וואַסערפאַל, וואָס קומט ערגעץ פון אַזאַ קוואַל, וואָס שעפּט זיך קיין מאָל נישט אויס.

אַזוי געלעבט און אַזוי געשטאָרבן. אונדזער פאָטער יעקב האָט זיך פּאַר־מאָסטן מיט אַ פּשוטן מלאך און עס האָט געדויערט אַ נאַכט און ער איז אים בײַגעקומען. אָבער מאָריס שוואַרץ האָט זיך פּאַרמאָסטן מיט דעם אומבאַזיג־לעכן מלאך — און צען מאָל האָט ער אים פּאַרט באַזיגט — ערשט אין דעם עלפטן האַרצאַטאַק, אין פאַרלויף פון איין חודש צײַט — איז דער אומבאַזיגלעכער מלאך געקומען צו זײַנע אייביקע רעכט און אַרויפגעשיקט אין דער אייביקייט דעם ייִד מיט דעם מאַקסימום ענערגיע פון זײַן דור.

נישט גרינג איז מאָריס שוואַרצן אָנגעקומען מיט זײַן רײַטוואָגן פון ייִדישער טעאַטראַלער ענערגיע און שליחות, מיט די פיר פערד, מיט די פײַערדיקע, וואָס רײַסן מיט די קאָפּיטעס די ערד אונטער זיך — אַרויפצופאָרן אויף דעם דרך־המלך פון דערפאָלג. מען האָט זיך געווערט קעגן אים, מען האָט אים דורכגעוואָרפן בײַ די עקזאַמענס אין דעם אַקטיאָרן־יוניאָן, אַ זאַך, וואָס קלינגט מער אַנעקדאָט ווי אמת. מחמת ער איז דאַך מיט זײַנע טעאַט־ראַלישע קוואַליטעטן ממש פון דער מאַמעס טראַכט שוין אויף דער וועלט געקומען. אין דער אַקטיאָרישער וועלט האָט מען עפּעס אַזוי ווי אינסטינקטיוו מורא געהאַט פאַר אים, ווי מען האָט מורא פאַר אַ נײַעם מלך, וואָס האָט צו פיל קעניגלעכע אייגנשאַפטן. נאָר קוים איז ער אַרויף מיט זײַן רײַטוואָגן אויף דעם דרך־המלך פון ייִדישן טעאַטער, איז ער שוין אויף דעם וועג גע־פלויגן אין גאַלאָפּ, ווײַל גאַלאָפּ איז געווען זײַן סטיל, נאָענט צו פיר צענדליק יאָר. ביז דער שוואַרצער מלאך האָט אָנגעכאַפּט בײַ די לייצעס און אָפּגע־שטעלט אַלע נאָך אַלץ גאַלאָפּירנדיקע פלענער אַרום ייִדישן קונסט־טעאַטער.

און דער לעצטער פּלאַן איז געווען דווקא אין מדינת־ישראל צו עטאַבלירן דעם וועלטצענטער פון ייִדישן טעאַטער און פון דאַנעט אויס, יאָר־אײַן און יאָר־אויס, אײַנעמען די ייִדישע גרויסע צענטערס מיט מאָריס שוואַרצס אַרומפאָרנדיקע טרופּעס.

אין די פיל צענדליקער, און אפשר עטלעכע הונדערטער, ציילן די ראָלעס, וואָס מאָריס שוואַרץ האָט געשפּילט אין זײַן טעאַטראַלישער קאַריערע. אַלטע און יונגע און גרײַז־גרויע, גערעכטע און אומגערעכטע, שיינע און העסלעכע. אָבער יעדער אַקטיאָר האָט דאָך איין ראָלע, צוליב וועלכער ער איז געבוירן געוואָרן. און יש אומרים, אַז מאָריס שוואַרץ איז געבוירן געוואָרן אַן אַקטיאָר צו שפּילן טוביה דעם מילכיקן. און ער אַליין האָט עס טאַקע אַזוי געגלייבט. געגלייבט, ווײַל עס איז שיין געווען אַזוי, און נישט אַנדערש צו גלייבן. דער אמת איז אָבער געווען אַן אַנדערער — און נישט ווייניקער שיין.

לאָמיר עס דערצײלן: אַז מאָריס שוואַרץ האָט איבערגעלײענט י. י. זינגערס „יאָשע קאַלב" מיט דער גרויסער פיגור דאָרטן פון דעם ניעשעווער רבין רב מלך — האָט ער תּיכּף אַרויסגערופן זינגערן פון וואַרשע קײן ניו־יאָרק און האָט שוין מער נישט גערוט ביז דער ראָמאַן איז נישט געוואָרן אינסצעניזירט דורך דעם מחבר און אויפגעפירט דורך דעם קונסט־טעאַטער. די ראָלע פון רב מלך — מאָריס שוואַרץ. די און נישט קײן אַנדערע ראָלע איז בלי שום ספק זײַן קרוינראָלע. — — — זענען מיר אַ מאָל געזעסן בײַ זינגערן אין ניו־יאָרק און גערעדט װעגן מאָריס שוואַרצן. זאָגט זינגער, וואָס איז זעלטן אַרײַנגעפאַלן אין התפּעלות, אַז „שוין צענדליקער מאָל האָט ער שוואַרצן געזען שפּילן דעם ניעשעווער צדיק און ער קען זיך נישט אָנזעטיקן. ער קען פּשוט נישט פאַרשטײן ווי אַזוי שוואַרץ האָט אַזוי פיל אינטויציע צו יעדן ניואַנס פון דער ראָלע. אָפט דאַכט זיך מיר — זאָגט זינגער — אַז נישט איך, נאָר ער האָט עס אויפגעשריבן נאָך פאַר מיר. — — האָט זיך בײַ מיר אַרויסגעכאַפּט: „זינגער, די זאַך איז גאַנץ פּשוט, מען האָט דאָך שוואַרצן אײַנגעוויגט מיט דער מעשׂה, אַז ער אַלײן איז טוביה, דערפאַר שפּילט ער אַזוי גוט יענע ראָלע, אָבער דאָס איז נישט אמת; שוואַרץ איז אַלײן רב מלך, דער ניעשעווער צדיק, און דערפאַר שפּילט ער די ראָלע אַזוי גוט, נײן, ממש נאָך בעסער ווי דער מחבר אַלײן האָט די ראָלע געשריבן". — — זינגער האָט מיך אַזש אַרומגעכאַפּט פון פרײד, וואָס איך האָב אים אַזוי פּשוט אויפגעקלערט עפּעס, וואָס אים האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז אַ רעטעניש.

און אויב איר האָט נישט געלײענט דעם ראָמאַן „יאָשע קאַלב", דאַרפט איר לײענען, און וואָס גיכער, אָט די וווּנדערלעכע, נאָענט צו געניאַלע, דער־צײלונג, אָבער שוואַרצס געניאַלע געשטאַלט פון דעם רבין רב מלך וועט איר שוין נישט זען מער. און קײן פילם פון דער זאַך איז נישט געבליבן. אין און דורך אָט דער ראָלע — יאָ־פילם, אָדער נישט־פילם — איז מאָריס שוואַרץ ווי קרעאַטיוועך קינסטלער אײביק.

ווי דער ניעשעווער צדיק, איז מאָריס שוואַרץ דאָס גאַנצע לעבן זײַנס פול געווען מיט באַגערן צו לעבן און אויסלעבן זיך, און לעבן איז בײַ אים טאַקע געווען טעאַטער. זײַנע קינדער זענען געווען זײַנע... ראָלעס. אָבער זענען דען ראָלעס קינדער, אַפילו ווען זײ זענען געווען אַזוי מענטשלעך ווי די ראָלעס, וואָס שוואַרץ האָט געשפּילט. און פּלוצלינג — שוין אין האַרבסט פון לעבן, פאַר אײגענע קינדער שוין צו שפּעט — האָט מאָריס שוואַרץ דער־פילט אַ בענקשאַפט צו אמתע קינדער. איז ער געפאָרן קײן פּאַריז און האָט אַדאָפּטירט אויף אַ מאָל — אַלץ איז בײַ אים געווען מיט דער איבערפולער מאָס — צוויי קינדער, אַ ייִנגל און אַ מײדל, יתומים פון דריטן חורבן.

ער האָט מיר אַ מאָל דערציילט, אַז ווען דער קאָנסול פון אַמעריקע וואָלט אים נישט צוריקגעהאַלטן וואָלט ער דעמאָלט — אין דער כוואַליע פון ליבשאַפט און בענקשאַפט צו קינדער, וואָס האָט אים אַרומגעכאַפּט — אַדאָפּטירט צען קינדער. ערשט אין דער ליבשאַפט שוואַרצס צו זײַנע אַדאָפּטירטע קינדער האָט מען געזען, אַז נישט געשפּילט האָט ער די ליבשאַפט טוביהס צו די טעכטער, און רב מלכס פון „יאָשע קאַלב" צו זײַן טראַגישן איידעם, ווען ער קומט צוריק פון נע ונד — נאָר געלעבט און איבערגעלעבט האָט ער די אַלע סצענעס. יאָ, שפּילן און איבערלעבן איז געווען זײַן גרויסער כּוח, דאָס האָט געגעבן מענטשלעכע וואָרעמקייט זײַן צו הויכער און צו קינסטלערישער, צו אָנגעצויגענער שטים, וואָס איר בת־קול וועט לאַנג קלינגען אין די אויערן, וואָס האָבן שוואַרצן געהערט, און מסתּמאָ אויף אייביק אַרײַנקלינגען אין דער געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער.

וואָס איז די קונסט פון רעזשיסירן? צו קענען געדענקען יעדן פּרט, אָבער אין דער זעלבער צײַט קיין מאָל נישט פאַרגעסן דעם כּלל, דאָס גאַנצע, וועמען דער פּרט דינט. מאָריס שוואַרץ האָט אייביק רעזשיסירט, נישט נאָר די שטיק, וואָס ער האָט אויפגעפירט, נײַערט אויך די אויפפירונגען זײַנע אויף דער בינע פון דער ייִדישער וועלט.

עס דערמאָנט זיך: 1933. איך קום דאָס ערשטע מאָל קיין אַמעריקע. קום פון אַ וועלטרײַזע — אויסטראַליע. פּלוצלינג: מאָריס שוואַרץ זוכט מיך. מיך? צו וואָס? אַז מײַנע דראַמעס טויגן נישט פאַר טעאַטער און מײַנע לידער גרייט ער זיך דאָך נישט צו רעציטירן. אָבער ער זוכט מיך פאָרט. ער שנײַדט אַרויס צוויי שעה פון דעם גאָלד פון זײַן צײַט און קומט צו דער סעקונדע אויף אַ טרעפונג אין אַ רעסטאָראַן. באַלד איז קלאָר געוואָרן, וואָס דער וועלט־רעזשיסאָר האָט אין זינען געהאַט: איך קום פון אויסטראַליע — איז אפשר דאָרט פאַראַנען אַ באָדן פאַר זײַנע אויפטריטן. און איך פאָר קיין וואַרשע, און בין דאָרט סעקרעטאַר פון ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13. דאַרף מען דאָרט האָבן פרײַנד. און כּך־הוה! אין אַ צײַט אַרום איז טאַקע שוואַרץ געווען אין וואַרשע און דער ליטעראַטן־פאַראיין האָט אים אויפגענומען ווי ער האָט פאַרדינט. — — דערצייל איך דאָס חלילה לגנאי? ניין — איך דערצייל עס מיט פאַרערונג און באַוווּנדערונג. אם אין אני לי — מי לי, ווייסט אַלע מאָל דער גרויסער אויפטוער.

מיר האָבן זיך געטראָפן אין ניו־יאָרק, אין וואַרשע, אין מאָנטרעאָל, אין תּל־אָביב. און אומעטום גראַנדיעזע אויפפירונגען און נאָך גראַנדיעזערע פּלענער. און אומעטום אָן אידעע פיקס — צו שאַפן דעם וועלטצענטער פון ייִדישן קונסט־טעאַטער. אַפילו אין מאָנטרעאָל זענען מיר אַ מאָל געגאַנגען אָנקוקן אַלערליי קלענערע טעאַטער־זאַלן, ווו שוואַרץ וואָלט געקענט שאַפן

אַ מין עקספּערימענטיר־סטודיע פֿאַר שפּעטערדיקע אויפֿפֿירונגען איבער דער ייִדישער וועלט. טעאַטער איז געווען זײַן פֿאַנטאַזיע, זײַן ווירקלעכקייט, זײַן רעליגיע, זײַן געצנדינסט, זײַן לעבן און אויך זײַן טויט... ווער ווייסט וויפֿל יאָרן מער ער וואָלט געלעבט, ווען ער וואָלט נישט אויסגעגעבן זײַן ענערגיע מיט עמערס גאַנצע!

איין איינציק מאָל איז עס מיר אויסגעקומען מיטצואַרבעטן מיט מאָריס שוואַרצן אויף דעם דראַמאַטיש־טעאַטראַלן געביט. דאָס איז געווען אין יאָר 1945, בײַם אינסצעניזירן אַ שפּיל מיטן נאָמען „דרײַ מתּנות", באַזירט אויף עטלעכע זאַכן פֿון י. ל. פּרץ. שוואַרץ האָט יעדע סצענע, וואָס איך האָב אים צוגעשיקט, אויפֿגענומען מיט גרויס התפּעלות, און איך בין געווען אין זיבעטן הימל פֿאַר פֿרייד, אַז עס געלינגט מיר אַזוי גוט; אָבער אַז ער האָט מיר צום שלוס צוגעשיקט דעם סקריפּט פֿון זײַנע אייגענע ווייניק ליטעראַרישע ענדערונגען, און דאָס איז שוין געווען דער לעצט גילטיקער שפּילטעקסט, — בין איך אין איין מינוט אַראָפּגעפֿאַלן פֿון אַלע זיבן הימלען אויף אַ מאָל, צו דער ערד פֿון דער ווירקלעכקייט... צו דער פּרעמיערע בין איך נישט געפֿאָרן, דעם האָנאָראַר האָב איך פֿאַרטיילט צווישן חבֿרים מעבֿר־לים, וואָס האָבן זיך אין דעם מער גענייטיקט ווי איך — און מיט מאָריס שוואַרצן זענען מיר געבליבן די בעסטע גוטע ברידער. איך האָב אים עפּעס — נאָך דעם — איך קען עס מיר אַליין נישט דערקלערן פֿאַר וואָס — נאָך מער ליב געקראָגן.

ער האָט געהאַט אַ סך טעאַטער־קולטור און אויך וויסן און זייער אַ פֿלינקע פּען צום שרײַבן, אָבער קיין דראַמאַטורג איז ער נישט געווען — און אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ תּשוקה צו זײַן שוישפּילער, רעזשיסאָר, דירעקטאָר, מוזיקער און אויך דראַמאַטורג — האָט ער דאָך שוין געוואָלט זײַן מער ווי שעקספּיר, און דאָס איז מענטשיש־אוממעגלעך, אַפֿילו נישט פֿאַר דעם ייִד מיט דעם מאַקסימום ענערגיע אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

אויב מען וועט אויפֿן טעאַטער־געביט אויך אַ מאָל טיילן דעם ערן־טיטל קלאַסיקער, איז מאָריס שוואַרץ דער ערשטער קאַנדידאַט.

מאַרק שווייד

געבוירן אין וואַרשע אין יאָר 1891. געקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1911. געשטאָרבן דעם 3טן דעצעמבער 1969.

מאַרק שווייד, פּאָעט און טעאַטראַל, — און סײַ ווי פּאָעט, סײַ ווי טעאַטראַל — פון דער שענסטער קינסטלערישער מדרגה. און נאָך אַ טאָפּל־פּערזענלעכקייט — אַ קינד פון שענסטן און בעסטן פון יידישן וואַרשע, און דאָס געטלעכע פון יידישן ניו־יאָרק. נישט קיין הויכער, אָבער אייביק אינטענסיוו, יעדע רגע גרייט צו אַן ערנסטן שמועס מיט אַ חבר אָדער אַפילו סתם אַ ייִד פון דער גאַס — פון די נאַלעווקעס אין וואַרשע אָדער איסט־בראָדוועי אין ניו־יאָרק. ווײַל דאָס לעבן פון אַ קינסטלער, און אַ טאָפּל־קינסטלער דערצו, פּאָעט און אַקטיאָר — איז אייביק פּאַרטון אין לערנען, אָבסערווירן, מאַכן אויספירן, געבן אַ תיקון. און נאָך אַ פּערפעקטע טאָפּל־פּערזענלעכקייט איז מאַרק שווייד. ער איז, נאַטירלעך, ענטוזיאַסטיש פאַרליבט אין דער יידישער ליטעראַטור. ער פאַרגעטערט יצחק לייבוש פּרצן, וועמעס סעקרעטאַר ער איז עטלעכע יאָר געווען.

מאַרק שווייד האָט געשטאַמט פון אַ משפּחה פון הייסע חסידים, גערער חסידים. אַ קילער חסיד קען מען נישט זײַן. אָבער אַ קילער ענטוזיאַסט פון דעם גאַנצן ענין חסידות אין פּוילן קען מען יאָ זײַן. און דערצו, לויט דער ראַסע פון פּנים, נישט סעמיט און נישט אַריער. איז ער טאַקע דאָס — מאַרק שווייד. ער קען דאָס שיינע פּוילישע לשון דורך און דורך. שטודירט אין אַ פּוילישער טעאַטער־שול. ער קען אויך דורך און דורך די פּוילישע ליטעראַטור. און די גרויסע פּוילישע ליטעראַטור האָט אַ מיסטישן צוגאַנג צו די גורלות פון פּוילישע יידן בכלל. די גענינאַלע פּוילישע דיכטערס אַדאַם מיצקעוויטש און יוליוש סלאָוואַצקי שטאַמען טיילווײַז פון יידן. און ביידע דערמאָנען עס אַפילו אין זייערע ווערק. זאָגט מיצקעוויטשעס עיקר־העלד פון זײַן עיקר־ווערק „דזיאַדי״: פון אַ מוטער, אַ פרעמדער — — און זײַן נאָמען איז — 44... אַ רמז אויף „אָדם״ — 45 — אַ טעות מיט איין ציפער. און אין איינעם פון זײַנע עסייען: „נישט אָן אַ מישפּט פון גאָט לעבט דאָס פאָלק (יידן) זינט יאָרהונדערטער אין פּוילן און זײַנע גורלות געבונדן אַזוי שטאַרק מיט די גורלות פון פּוילישן פאָלק״.

דאָס אַלץ האָט געהאַט אַ שײַכות, אַ טיפן אינערלעכן נשמה־שײַכות. און דעריבער האָט מיך נישט געוואונדערט, אַז איך האָב געהערט מאַרק שווײדן, נאָך זײַנע פופציק יאָרן לעבן אין אַמעריקע — רעדן אין דער היים מיט זײַן איידעלער פרוי פּויליש. איז ער דערמיט געוואָרן ווייניקער ייִד?

חלילה — איך װאָלט אַפּילו געזאָגט — מער ייִד. מיצקעװיטשעס עסײ איז געשריבן געװאָרן אין יאָר 1843 אין פּאַריז און דער חורבן פֿון ייִדישן ייִשוב פֿון פּױלן געהערט צו דער צװײטער העלפֿט פֿון אונדזער ביטער־בלוטיקן יאָרהונדערט, אין װעלכן דאָס פּױלישע פֿאָלק שטרײַכט זיך אָליין אױס מיט בלוטיקע הענט פֿון דער משפּחה פֿון גרױסע קולטורפֿעלקער פֿון דער װעלט.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער פּענפּראָפּיל: מאַרק שװײד.

דאָס יאָר איז 1919 — די שטאָט איז װין.

דער באַרימטער דיכטער שמואל יעקב אימבער קערט זיך אום פֿון זײַן קורצן באַזוך אין ניו־יאָרק — קײן װין. װי מאַרק שװײד, איז אױך אימבער געװוען אַ גרױסער קענער און ענטוזיאַסט פֿון דער פּױלישער ליטעראַטור. אימבער האָט זיך בשעת זײַן באַזוך אין אַמעריקע באַקענט מיט נײַע, יונגע ייִדיש־דיכטערס. ער דערציילט אונדז װעגן זײ, ער לײענט אונדז זײערע לידער. און מיט גרױס התפּעלות דערציילט ער װעגן מאַרק שװײדן — און הימל הױך לױבט ער פֿון אַלע שװײדס לידער זײַן „ליד פֿון מײַן אומעטיק בלוט". און לאָמיר אױך דאָ ציטירן אַ פּאָר פֿראַגמענטן פֿון דעם ליד:

איך האָב דאָ אַלע מומעס אין אַמעריקע,
איך פֿאַרדין אױף ברױט און אױף טעאַטער אין אַמעריקע,
האָב שױן געזען די ניאַגאַראַ־װאַסערפֿאַלן
און שױן געזען דאָס העכסטע הױז אין דער װעלט.
האָב שױן שפּאַצירט אױף דער גרעסטער בריק פֿון דער װעלט.
שױן געפֿאָרן מיט דער שנעלסטער באַן פֿון דער װעלט,
װאָס רופֿט זיך „צװאַנציקסטער יאָרהונדערט".
און דאָך, און דאָך איז מיר דאָ אומעטיק אַזױ,
אַז מיט די ניאַגאַראַ־װאַסערפֿאַלן
װאָלט איך געװאָלט מיטפֿאַלן,
און פֿון דעם העכסטן הױז פֿון דער װעלט
זאָל מיך אַן אַלאַסקער װינט אַראָפּטראָגן,
און פֿון דער גרעסטער בריק פֿון דער װעלט
װאָלט איך מיט אַ שמײכל אַראָפּגעשפּרונגען.
ליבערשט װאָלט דער „צװאַנציקסטער יאָרהונדערט"
מיך איבערגעפֿאָרן
און צעשפּריצט מײַן אומעטיק בלוט אױף די רעלסן,
אײדער נישט קענען זיך באָדן אין דער װײַסל

און שפּאַצירן אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע.
און פון צײַט צו צײַט אַרויסזיפצן:
זעקס יאָר האָב איך פאַרבראַכט אין אַמעריקע...

און איצט: דאָס יאָר אַרום 1930 — און די שטאָט איז וואַרשע. און מאַרק שוויד אַ גאַסט אין וואַרשע. פּלוצלינג אַרײַנגעפאַלן אויף אַ פּאָר טעג. און פּונקט קומט פאָר אין גרויסן זאַל אַ ליטעראַרישער אָוונט. איך נעם שווידן אויף דעם אָוונט און מאַך אויפמערקזאַם דעם פאָרזיצער, אַז מיר האָבן דאָ צופעליק אַ גרויסן גאַסט. דער פאָרזיצער שטעלט פאָר דעם דיכטער־שוישפּילער און בעט אים זאָגן אַ וואָרט אָדער גאָר רעציטירן עפּעס. מאַרק שוויד זאָגט מיט אַ סך סענטימענט „אַ פּאָר ווערטער" — און הייבט אָן צו רעציטירן י. ל. פּרצעס „מיין נישט די וועלט איז אַ קרעטשמע". ער הייבט אויף זײַן קול העכער און העכער, ער רײַסט ממש מיט זײַן אייגענע נשמה און די נשמה פון גרויסן עולם. דאָס ליד איז געענדיקט. דער עולם אַפּלאָדירט — אַן עקספּלאָזיע ממש. מאַרק שוויד הייבט זיך אויף. דאָס טעאַטער ווערט שטיל — און שטיל זאָגט דער דיכטער־רעציטאַטאָר: דאָס אַלץ, וואָס איך קען אײַך געבן — וואַרשעווער ייִדן. גלייבט מיר, אַז דאָס איז דאָס בעסטע מײַנס. זאָל בלײַבן בײַ אײַך און בײַ מיר דער רושם. מען אַפּלאָדירט ווידער, אָבער שוין אָן פאָדערונגען. עולם און דיכטער־קינסטלער האָבן זיך פאַרשטאַנען.

צוויי־דרײַ טעג שפּעטער. זייגער 6 פאַר נאַכט דאַרף שוויד אָפּפאָרן קיין בערלין. איך בין בײַ אים אין האָטעל. עס איז נאָך אַ ביסל צו פרי צו פאָרן צום ווינער וואָקזאַל. מיר שמועסן. פּלוצלינג פאַלט מיר אײַן אַ געדאַנק:

שוויד, קומט, מיר וועלן זיך אַ ביסל דורכשפּאַצירן איידער איר פאָרט. ווו וועלן מיר שפּאַצירן? — אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע... ברענגען צו אַ תיקון אײַער „ליד פון מײַן אומעטיק בלוט".

שוויד הערט און באַנעמט און שווײַגט. אויך איך שווײַג. מיר באַנעמען ביידע דעם פּאַטאָס פון דער דאָזיקער מאָדנער שעה. די באַגעג־געניש פון דער פּאָעזיע מיט דעם לעבנס אמת. האַרבן אמת. שוויד וואַרפט אַרײַן אין דעם שווײַגן אַ פּאָר ווערטער: איך האָב מורא פאַר דער באַגעגעניש.

אַ האַלבע שעה שפּעטער. איך באַגלייט דעם חבר צו דער באַן. די מינוטן רוקן זיך צו זעקס. אָט, אָט וועט דער קאָנדוקטאָר הייסן אַלע פּאַסאַזשירן אַרײַנגיין אין די וואַגאָנען. פּלוצלינג גיט זיך אַ יונגע פרוי אַ רײַס דורך דורך דעם מנין באַגלייטערס. זי פאַלט צו צו שווידן, נעמט אים אַרום און וויינט. און אויך דער דיכטער וויינט.

דער קאָנדוקטאָר באַפֿעלט װידער: אַלע אַרײַן!
די פּרוי אַנטלויפֿט און נעמט מיט דעם סוד מיט זיך.
אָבער פֿאַר מיר איז איצט אַן אַנדער רעטעניש קלאָר געװאָרן — „דאָס ליד פֿון מײַן אומעטיק בלוט..."
שװײַד האָט יאָרן לאַנג געליטן פֿון אַ שרעקלעכער קרענק. זײַנע רמ"ח אבֿרים האָבן אים אױפֿגעהערט צו פֿאָלגן. ער פֿלעגט אַ לױף טון עטלעכע טריט און זיך אָפּשטעלן — ביז זײ האָבן זיך אין גאַנצן אָפּגעשטעלט.
מיר פֿלעגן זיך אין ניו־יאָרק באַגעגענען און אָפּשטעלן אױף אַ פּאָר מינוט — די באַגעגענישן זענען כּמעט אַלע פֿאָרגעקומען אױף איסט־בראָדװעי, דעם װינקל פֿון די ניו־יאָרקער ייִדישע רעדאַקציעס. און סוף פּסוק.
שװײַדס אַלע ביכער פּראָזע און פּאָעזיע װאָלטן געדאַרפֿט הײסן: דאָס אַמאָליקע ייִדישע װאַרשע.

אסתּר שומיאַטשער־הירשביין

געבוירן אין יאָר 1899 אין האָמעל. אין יאָר 1904 געקומען קיין קאַנאַדע, קאַלגאַרי. 1918 חתונה געהאַט מיט פּרץ הירשביין. זינט דאַן מיט איר מאַן געוואַנדערט איבער גאָר דער וועלט — אַלע פינף קאָנטינענטן, אַלע דרײַ אָקעאַנען. יאָרן לאַנג געוווינט אין ניו־יאָרק. זינט 1939 אין לאָס־אַנדזשעלעס. דאָרט איז הירשביין געשטאָרבן אין יאָר 1948.

אין יאָר 1922, אין די יאָרן פון שטורעם און דראַנג און כאַאָס, מער כאַאָס ווי אַלץ אַנדערע, זענען פּלוצלינג אָנגעקומען קיין וואַרשע, און געבליבן דאָרט לאַנגע חדשים, פּרץ הירשביין און זײַן פרוי, די דיכטערין אסתּר שומיאַטשער. זי איז דעמאָלט אַלט געווען טעלעכע און צוואַנציק, און מיר האָבן דעמאָלט אַלע געכאַליאַסטרעוועט און געווילדעוועט און זי האָט גערעדט זייער שטיל, אסתּר, אַזוי שטיל, אַז ווען מיר האָבן געוואָלט זי הערן, האָבן מיר געמוזט אָפּשטעלן דעם גאַנג פון דער געשיכטע אויף אַ ווײַל, אַט אַזוי ווי מען שטעלט אָפּ, להבדיל, אַ זייגער... און אסתּרס שטים איז געווען נישט נאָר שטיל, נאָר אויך מעלאָדיש, ווי די שטים פון אסתּר המלכה צום קעניג, ווען אויף די וואָגשאָלן האָבן זיך געוויגט די מזלות פון די ייִדן פון פּרס ומדי. אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָט זיך אסתּר שומיאַטשער נאָך דעמאָלט ווייניק אָריענטירט און גערעדט האָט זי מיט רמזים, אַ ביסל ווי הירשביין, וואָס איז פאַר איר געווען, און אייביק געבליבן, נישט נאָר די ייִדישע וועלט־ליטעראַטור, נאָר די גאַנצע וועלט. האָט זי אַ זאָג געטון:

— מאַרקיש, מאַרקיש, אַזוי פיל פרילינג פרילינגט הײַנט אין דרויסן, האָט איר שוין געטרונקען הײַנט פון פרילינג? — — אָדער:

— אורי צבי, אורי צבי גרינבערג, ווען וועט איר שוין הערן דאָס פלאַטערן פון די אַלבאַטראָסן? — — אָדער:

— ראַוויטש, ראַוויטש — הײַנט איז דער 12טער סעפּטעמבער, האָט איר שוין אָנגעשריבן אַ ליד וועגן דעם 12טן סעפּטעמבער?

געקליידט האָט זיך אסתּר שומיאַטשער ווי עס קליידן זיך די פרויען פון די ביבלישע בילדער פון אַבעל פּאַן, אָדער אפרים ליליען. און אין שאָטן פון איר וווּנדערלעכן פּרץ הירשביין האָט זי געשריבן שוין אירע ערשטע לידער. און די לידער זענען געהאַנגען אויף דינע זײַדענע פעדעם אָדער דירעקט פון הימל, אָדער פון צווײַגן פון פּאַלמעס און זיך געוויגט אין שלעפעריקן טראָפּישן ווינטל. אַז מיר אַליין פלעגן אירע לידער לייענען האָבן

מיר זיי יאָ פאַרשטאַנען, אפשר בלויז געפילט. וואָס איז פאַר אַ חילוק? עס איז סײַ ווי געווען פּאָעטיש און שיין. און דאָס איז דאָך פּאָעזיע.

וואָס ווײַטער אַ יאָר, אַלץ רעאַלער האָט אסתּר שומיאַטשער אָנגעהויבן צו שרײַבן אירע לידער, אַרויסגעשיילט איר וועלט פון די זיבן שלייערן. דאָ און דאָרט איז געקומען אַ ליד, וואָס האָט פּולסירט מיט אמתן זײַן און געשמעקט מיט רויעם לעבן אַפילו. און ערשט ווען זי האָט צו אירע עטלעכע און דרײַסיק געבוירן איר איינציקן זון עמוסן, זענען אויך אירע שענסטע און שטאַרקסטע און ייִדישסטע לידער מיטגעבוירן געוואָרן. ערשט דעמאָלט איז זי — אין די דאָזיקע לידער פון גורלדיקן ייִדישן געבוירן — געוואָרן איינע פון די רודערס פון אונדזער שקלאַפנשיף, וואָס שווימט פון ערגעץ קיין ערגעץ. נישט נאָר זאָגט מען נישט אויס די שקלאַפן דעם פּונוואַנען און דעם וווּהין, נאָר אויך די קאַפּיטאַנען ווייסן עס נישט אַלע מאָל גענוי.

מער ווי אַלע דיכטערס פון דער „כאַליאַסטרע” אין וואַרשע איז אורי צבי גרינבערג געווען פאַרכאַפּט פון די עקזאָטישע, ווײַט־מיזרחדיקע שיל־דערונגען פון אסתּר שומיאַטשער און פּרץ הירשביין. די צײַטשריפט, וואָס ער האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן, האָט ער פון אסתּרס כבוד וועגן אָנגערופן „אַלבאַטראָס”. צו זען אסתּר שומיאַטשער גיין מיט גרינבערגן אויף די נאַלעווקעס — אים מיט זײַן רויטן קאָפּ האָר און זי אַ קאָפּ מיט שוואַרצע כוואַליעס, אַ בלאַס פּנים, אַ גרין־זײַדענער טורבאַן — איז געווען טאַקע ווי צו זען אַן אַלבאַטראָס, פאַרבלאָנדזשעט מיט זײַנע לאַנגע אויסגעשפּאַנטע פליגל און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף ראָג מוראַנאָוו און נאַלעווקעס... האָט זיך טאַקע האַלב וואַרשע אומגעקוקט. די אינטעליגענטערע יונגע מיידלעך און יונגע־לײַט פלעגן שעפּטשען: עסקצענטריק מיט עקזאָטיק. — — אַלימפּיש־רויִק פלעגט אַלע מאָל בײַ זייער זײַט גיין פּרץ הירשביין. פּלוצלינג פלעגט ער פון זײַן שווײַגן אַרויסטרעטן מיט אַ וואָרט: — פּרוי הירשביין! — יאָ פּרצל? — עס איז שוין שפּעט אין אָוונט, די אַלבאַטראָסן זענען שוין אַלע אין זייערע נעסטן.

און די יאָרן זענען געגאַנגען און געגאַנגען, די כאַליאַסטרע איז זיך לאַנג שוין צעפאַלן און די הירשביינס האָבן אַלץ ווײַטער געוואַנדערט, אסתּרס לידער האָבן זיך קריסטאַליזירט און געוואָרן אייגנאַרטיק אירע, און זי האָט זיי אײַנגעזאַמלט און אַרויסגעגעבן אין ביכער, און צו דער באַשטימטער צײַט, ווי די פּלאַנעטן — ווײַל הירשביין האָט אַלץ גענוי פּלאַ־נירט — זענען זיי ווידער געווען אין וואַרשע, אָבער וואַרשע איז שוין נישט געווען דאָס זעלבע. גרינבערג אין ארץ־ישראל, מאַרקיש אין ראַטן־פאַרבאַנד.

געטריבן פון אַ דראַנג נאָך דײַטלעכן רעאַליזם — בין איך צײַטנווײַז

געווען אַ קעגנער פון אסתּר שומיאַטשערס צו צאַרטע און צו עפּעמערישע, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, לידער. געמיינט, אַז זי, וואָס איז דורכגעפּאָרן די וועלט, איז שולדיק דער ייִדישער ליטעראַטור אַ רעאַליסטיש וועלטבילד אין ליד, געזען מיט די אויגן פון אַ שפּאַרבער און נישט מיט די אויגן פון אַ זומער־פייגעלע. און אַז אסתּרס בוך „אין שעהען פון ליבשאַפט" איז דערשיגען, האָב איך מײַן רעצענזיע באַטיטלט: „אַ פאַרשלייערטע דיכטערין איז דורכגעפּאָרן די וועלט..." אָבער ווונדערלעך דיסציפּלינירט איז אַלע מאָל געווען אסתּר, ממש ווי איר פּרץ. ווי אָפט מיר האָבן זיך באַגעגנט — האָט זי קיין מאָל מײַן רעצענזיע מיר נישט פאָרגעוואָרפן.

עס דערמאָנט זיך: איין מאָל זענען מיר אין וואַרשע געגאַנגען מיט אסתּרן עפּעס קויפן אין אַ קליידער־געשעפט אויף דער עלעגאַנטער מאַרשאַל־קאָווסקע. כאָטש דאָס זענען ייִדישע געשעפטן געווען — האָבן די פאַרקויפערינס אין זיי קיין ייִדיש וואָרט נישט געטאָרט אַרויסזאָגן. אַזיסט וואָלטן די שלאַכטשיצן מער דאָרט נישט אַרײַנגעשמעקט. אָבער אסתּר איז אַזוי פרינציפּיש־באַצויבערנדיק דאָרט אַרײַנגעקומען און מיט אַזאַ זאַנפט־מילד קלינגענדיקן „גוטן־מאָרגן!" און מיט אַזאַ פראַנצייזיש־קלינגענדיקן „רעדט איר ייִדיש?" (זי זאָגט נישט „ייִדיש", נאָר „ייִדעש"), אַז אַלע פאַניענקעס האָבן זיך פאַרגעסן און אָנגעהויבן רעדן ייִדיש מיט דעם עקזאָטישן קונה.

און עס דערמאָנט זיך נאָך אַן אַנעקדאָט: איין מאָל האָב איך אין דער ליטעראַרישער בײַלאַגע פון דער וואַרשעווער „פאָלקסצײַטונג", וואָס איך האָב רעדאַגירט, אָפּגעדרוקט אסתּרס אַ ליד, אַ צאַרט, סאָציאַל ליד, וועגן אַ... קאַרטאָפל. קיין האָנאָראַר האָט מען נישט געקענט צאָלן, נאָר איך האָב אסתּרן פאַרבעטן צו אונדז אין דער בוידעם־דירה צוזאַמען מיט הירשביינען. אסתּר איז געבעטן געוואָרן דאָס ליד פירצולייענען און אַזוי גיך דאָס לייענען איז געווען פאַרענדיקט, איז אַרײַנגעטראָגן געוואָרן אין אַ גרויסער שיסל אַ געבאַקטע קאַרטאָפל, די גרעסטע, וואָס מען האָט אין יענעם טאָג געקענט קריגן אויף די וואַרשעווער האַלעס: — אײַער האָנאָראַר! — — און מיר האָבן אסתּרן געגעבן דעם כּבֿוד די קאַרטאָפל צו פאַרטיילן צווישן אַלע געסט.

מײַן זון יאָסל — זעקס אָדער אַכט יאָר אַלט דעמאָלט — האָט באַקומען דאָס ערשטע שטיק פון דער קאַרטאָפליע, אָבער דערפאַר האָט ער באַלד געדאַרפט גיין אין קינדערשטיבל שלאָפן. אָבער יאָסל איז געווען פאַרכּישופט פון אסתּרן און האָט לאַנג נישט געקענט אײַנשלאָפן. ער וויינט און רופט מיך אַרײַן און ער בעט מיך, אַז איך זאָל אים ברענגען אסתּרן און ער וועט איר עפּעס זאָגן און ער וועט שוין שפּעטער זײַן שטיל און אַנטשלאָפן ווערן. אַז אסתּר איז אַרײַנגעקומען, האָט ער זי געבעטן זיצן אַ רגע אויף זײַן בעט און ער האָט מיט ביידע הענט גענומען גלעטן די כוואַליעס פון אירע שוואַרצע

האָר און זײַן בענקשאַפט נאָך שיינקייט איז זאַט געוואָרן און ער איז באַלד אַנטחלומט געוואָרן... אַ חלום פון שיינקייט. מײַן זון איז אַ מאַלער געוואָרן.

און ווידער זענען יאָרן, יאָרן אַוועק. 1958, לאָס־אַנדזשעלעס. אָפט האָב איך באַזוכט די פּאַראײַנזאַמטע היים אויף אַ באַרג־שיפּוע אויף גראַציאַזאַ־דרייוו אין האָליווד. שוין צען יאָר ווי פּרץ הירשביין פעלט דאָרט. אַלץ איז דאָ ווי געווען ווען פּרץ איז אויף אייביק אַוועק. די בילדער, די סקולפּטורן, די ביבליאָטעק, דער גאָרטן, די קליינע פאָנטאַנע, און אין איין נאָכמיטאָג זענען מיר מיט אסתּרן אַוועק אויף דעם האָליוודער בית־עולם און דאָרט געלייענט אין אַ שטיין: „פּרץ הירשביין — 1880 — 1948“. „...עס האָבן די ווערבע־ביימער אויפגעהויבן די קעפּ פון סטאַוו און האָבן נאָכגעקוקט ווי ליפּע דער מילנער טראָגט זײַן פּרצן, אײַנגעוויקלט אין אַ טלית, צו משה מרדכי אין חדר אַרײַן...“ („קינדער־יאָרן“, קאַפּיטל ג.).

און נאָך זענען עטלעכע וואָכן אַוועק און אין איין נאָכמיטאָג האָבן עטלעכע צענדליק אונדזערע באַגלייט אויף דעם זעלבן בית־עולם אַ קינדער־לוויה. דאָס האָט מען געטראָגן צו דער זײַט פון פּרץ הירשביין זײַן אייניקל פּרצל הירש־ביין, פיר חדשים אַלט, וואָס איז פּלוצלינג פון דער וועלט אַוועק. דאָס ערשטע קינד פון הירשביינס בן־יחיד עמוס.

און לאָמיר דאָ פאַרענדיקן דעם וואָרטזיגזאַג איבער 36 יאָר באַקענטשאַפט מיט דער דיכטערין אסתּר שומיאַטשער.

א. ל. שוסהיים

געבוירן 1878 אין רעדים, גאַליציע. געוווינט אין סטאַניסלע, קראָקע, לעמבערג, ווין, געדינט אין עסטרײַכישן מיליטער אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. זינט 1926 אין בוענאָס־אײַרעס. געשטאָרבן דעם 13טן פעברואַר 1955.

דרײַ יידישע שרײַבערס זענען געבוירן געוואָרן אין אונדזער שטעטל רעדים, וואָס אויף פויליש האָט עס געהייסן ראַדימנאָ, און עס ליגט אין מיטל־גאַליציע, בײַם טײַכעלע ראַדאָ, און בײַם גרעסערן טײַך סאַן, צווישן צוויי גרעסערע שטעט: פּרעמיסלע און יערױסליוו. און זיי זענען: אַריה לייב שוסהיים און הערץ בערגנער, וואָס דאָס איז מײַן אייגענער ברודער — און מײַן ווייניקייט. שוסהיים האָט נאָר זײַן פרי קינדהייט אין אונדזער שטעטעלע פאַרבראַכט. אַ שרײַבער בײַ יידן איז ער געוואָרן ערשט אין יאָר 1905 און באַלד אַ מין אומאָפּהענגיקער פּועלי־ציון און אַזוי שוין ביז זײַן סוף. פון פאַך איז ער געווען אַ קוישן־פלעכטער. איך ווייס נישט צי איז עס אַ שווערע פּראָפעסיע. דאַכט זיך, אַז נישט. יעדנפאַלס איז עס אַן אָנגענעמע פּראָפעסיע. (פאַר דעם, וואָס קוקט זיך צו פון דער ווײַטן מיט די הענט אין די קעשענעס...) און זי איז אַ ביסל ביבליש אויך. איך ווייס אַליין נישט פאַר וואָס, אפשר דערפאַר ווײַל מאָלערס מאָלן ביבלישע פרויען־געשטאַלטן מיט קוישן אויף די קעפּ, פולע מיט שיינע פּירות. איך האָב אַ מאָל א. ל. שוסהיימען געזען אין אַזאַ מין קוישן־געשעפט אין סטאַניסלע און זײַן חברישקייט, זײַן ברידערלעכקייט, זײַן ענווות, זײַן פאָלקסטימלעכע הײַטער־קייט האָבן אויף מיר געמאַכט אַ רושם און דער רושם איז געבליבן שטענדיק. געווען איז עס, דאַכט זיך, אין יאָר 1909, ווען איך בין אַלט געווען פופצן יאָר און געלערנט אין סטאַניסלע און געשריבן די ערשטע שירים. צוליב עפּעס אַ צופאַל האָבן מיר אָפט געוווינט אין די זעלבע שטעט — שוסהיים און איך. שוסהיים האָט פון סטאַניסלע אויס, פלעכטנדיק קוישן, רעדאַגירט די זייער אײַנפלוסרײַכע קליינע וואָכנשריפט, וואָס איז אַרויס אין לעמבערג, „דער יידישער אַרבעטער". אָט דער דאָזיקער „יידישער אַרבעטער" איז געווען דאָס שפּרינגברעט פאַר אַ סך, אַ סך הײַנטיקע מפא"יישע פאָטענטאַטן, וואָס פירן אָן מיט מדינת־ישראל. אָבער דעמאָלט איז נאָך אַלץ געווען גרין און גלייביק ווי פרילינגס־בליטן... אין אָט דעם „יידישן אַרבעטער" האָבן, אונטער שוסהיימס ליבעפולער האַנט, שפּעטער באַרימטע יידישע שרײַבערס געשטעלט די ערשטע שריט. דעם באַרימטסטן פון די יידישע פאָלקסדיכטערס מרדכי געבירטיק האָט ער ממש בײַ דער האַנט אַרײַנגעפירט אין דער יידישער לידער־

װעלט, װען יענער האָט נאָך דעם אַלף־בית נישט געקענט. און עס איז כאַראַק־טעריסטיש. פּונקט װי געבירטיק, אַ פֿאָלקסדיכטער, איז אײגנטלעך שוסהײם דאָס גאַנצע לעבן זײַנס געװען אַ מין פֿאָלקס־זשורנאַליסט.

מילד װי די דרשה פֿון אַ מגיד — און דאָך שטראָפֿעריש־פּאָטערלעך — איז געװען אַלץ, װאָס שוסהײם האָט געשריבן. אַגב איז זײַן פֿאָטער טאַקע געװען אַ מגיד. אין פֿאַרלױף פֿון די פֿופֿציק יאָר פֿון זײַן שרײַבן פֿלעגט ער מיט סבלנות טראָגן די קערבל מיט די אַרטיקלען זײַנע צו זײַנע פֿאָלקס־טימלעכע לײענערס און מסביר זײַן אָן אַ סוף. זײַענדיק אַ פּאַרטײ־זשורנאַ־ליסט האָט ער, נאַטירלעך, אַ סך פּאָלעמיזירט. זעלטן גענוצט שאַרפֿע װער־טער. לרוב פֿלעגט ער צורעדן זײַן קעגנער, אַז ער זאָל קומען צום שׂכל און אַריבערגײן אױף זײַן — שוסהײמס — זײַט.

אין יאָר 1949 איז אין אַרגענטינע אַרױס אַ האַלבטױזנט־זײַטיקע זאַמ־לונג פֿון שוסהײמס אַרטיקלען „פֿון קלײנע און גרױסע זאַכן" — איז עס ממש אַ גרױסער הײמישער קױש מיט כּל־טוב פֿון הײמישן סאָד... און איבער יעדער פּרי, יעדן אַרטיקל, דער שמײכל פֿון דעם נישט צו הױכן און אַ ביסל פֿעטלײַביקן סאַדאָװניק אריה לײב שוסהײם: — נעמט און פֿאַרזוכט, עס איז צײַטיק מיט פּשוטער לעבנס־חכמה. יעדער קען פֿאַרשטײן, עס קען קײנעם נישט פֿאַרשאַטן... און לױט דער הקדמה פֿון מחבר זענען עס נאָר אַרטיקלען, אױסגעקליבענע פֿון זײַן אַרבעט אין פֿאַרלױף פֿון 16 יאָר — 1933—1949 — מחמת פֿון די פֿריִערדיקע אַרטיקלען האָט ער קײן אױסשניטן און קײן כּתבֿ־יד נישט אָפּגעהיטן... איז דען נאָך מעגלעך מער עניװת? און דאָך מוסרט ער אין זעלבן באַנד אַן אַרגענטינער שרײַבער יונה גאַראַדיסקי, װאָס האָט זײַנע אַ זאַמלונג אַנגערופֿן „אַרױסגעװאָרפֿענע רײד" (זײַט 425), אַז מען טאָר אַזױ נישט טראַכטן, װײַל: מיר װאַרפֿן גאָרנישט אַרױס, אױב דאָס, װאָס מיר שרײַבן און זאָגן דריקט אױס אונדזער ערלעכן, אומפֿאַרפֿעלשטן און נישט באַהאַלטענעם געדאַנק... און ערגעץ װוּ זענען אױך שוסהײמס געדאַנקען, װאָס זענען קײן מאָל, קײן מאָל נישט געװען פֿאַר־פֿעלשט, אַנגעקומען, אָבער װײניק עמעצערס פֿון דעם דאָזיקן ערגעץ װײסן דערפֿון אַלײן. זײַן אַרבעט אין אַ סך צײַטן און לענדער איז געבליבן אַזױ אומפּערזענלעך, װי אַ פֿאָלקסליד...

אײדער שוסהײם איז געפֿאָרן קײן אַרגענטינע האָט ער אַ מאָל פֿאַר־בלאָנדזשעט קײן װאַרשע אין „ליטעראַטן־פֿאַראײן". אַז מיר האָבן אים פֿאַר־געלײגט צו אַראַנזשירן לכּבֿוד אים אַן אָװנט, האָט ער געשמײכלט, װי ער װאָלט נישט פֿאַרשטאַנען, װאָס מען רעדט צו אים. אים מײנט מען? און קײן אָװנט איז טאַקע נישט פֿאָרגעקומען. מיר האָבן זיך געטראָפֿן אין אַר־גענטינע מיט יאָרן שפּעטער און אַ סך גערעדט װעגן דער ראָמאַנטישער

שײנער שטאָט סטאַניסלעװ, װוּ שוסהײם האָט אַ היפּש ביסל פֿון זײַנע יאָרן אַרײַנגעפֿלאָכטן אין די קױשן און אין זײַן פּאַרטײ־פּאָליטיק לטובת די פּועלי־ציון, װאָס איז געװען אַזױ טאָלעראַנט און דיאַלעקטיש, אַז ער האָט אַ מאָל, צוליב אױפֿריכטיקער נאַיװער חברישקײט, אָפּגעדרוקט אין זײַן צײַטונג אַן אַרטיקל פֿול מיט לױב װעגן דעם „שׂונא" אױף לעבן און טױט, דער בונדישער פּאַרטײ, בשעת אירן אַ יובל.

און אָט איז שוסהײמס חלום געװאָרן װירקלעכקײט, זײַן פּאַרטײ אין אַן אײגענער מלוכה, אין אַ פֿירנדיקער פּאָזיציע. און אָט איז דער 20סטער מאַרץ 1955. אַ געדענק־אָװנט נאָך דעם אומבאַקאַנט־באַקאַנטן זעלנער פֿון אַ האַלבן יאָרהונדערט; און אַלע פּופּציק יאָר מיט דער פֿאָלקסטימלעכער ייִדיש־פּען געקעמפֿט. דרײַ רעדנער פֿון די זעקס אַנאָנסירטע זענען געקומען רעדן. צװײ פֿון אַרגענטינע — אײנער (מענדל זינגער) פֿון די אַלטע, ראָמאַנטישע קראָקע־לעמבערג־סטאַניסלעװער צײַטן. אַלע רעדן נאָר העברעיִש. דרײַ זענען נישט גע־קומען, צװישן זײ — אײנער, װאָס האָט באַלד נאָך שוסהײמען איבערגענומען די רעדאַקציע פֿון שױן דערמאָנטן „ייִדישן אַרבעטער". אַנדערע צײַטן. צײַט איז גאָלד אױף דער װאָג פֿון גרױס־פּאָליטיק. נאָר סײַ װי האָט אױך איבער דעם געדענק־אָװנט מילד און פֿאַרגעבנדיק געשמײכלט דאָס גוטע פּנים פֿון אריה לײב שוסהײם.

1955

אַנשל שור

געבוירן 1871 אין זלאָטשעוו. 1900 אין אַמעריקע. רײַזעס אין אייראָפּע. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק 1טן יוני 1942.

זײַ באַלאַנגען צום האָרעפּאַשנעם עולם, סײַ דאָס יידישע טעאַטער און סײַ די יידישע ליטעראַטור. סײַ די פּראָדוצענטן זייערע און סײַ די קאָנסו־מענטן זענען אין גרונט גענומען האָרעפּאַשניקעס. אָבער סײַ די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור און סײַ דאָס טעאַטער — אין מיטן און אין סוף פון נײַנצנטן יאָרהונדערט — האָבן געהאַט צווישן זייערע פּיאָנערן מיוחסים און לומדים און שיינע יידן, וואָס האָבן זיך צום פאָלק „אַראָפּגעלאָזן”. דאָ אָבער דאַרפן מיר רעדן וועגן אַנשל שורן, טאָ לאָמיר רעדן נאָר וועגן טעאַטער־מענטשן. גאָלדפאַדען איז געווען אַ למדן און אַ שטיקל מיוחס און ער האָט דאָס געלאָזט וויסן דעם עולם מיט זײַן שטעקן, מיט אַ גאָלדענעם הענטל, און מיט זײַן צילינדערל. ווייניק באַקאַנט איז עס, אַז איינע פון די ערשטע פּיעסעס פאַרן לעמבערגער טעאַטער — און דאָס לעמבערגער ווינקל פון יידישן טעאַטער איז געווען אַ וואַזשנע ווינקל, אַ היסטאָריש ווינקל — האָט אויפגעשריבן דער שפּעטערדיקער רב הכּולל פון דרום־אַפריקע, אוני־ווערסיטעט־פּראָפעסאָר י. ל. לאַנדוי. אַ ברודער פון לעמבערגער ראַבינער גוטמאַן איז געווען דער שוישפּילער יוליוס גוטמאַן. שונד־טעאַטער, פאָלקס־טעאַטער און קונסט־טעאַטער האָט זיך דאָ געמישט אין איינעם. מען האָט געזוכט דערפאָלג, דער עיקר האָט מען געזוכט דערפאָלג. אי עס האָט געצויגן צו טעאַטער, אי עס האָט געצויגן צו באַרימטקייט און אי עס האָט געצויגן צו אַ לײַכטער פּרנסה — און אויב דערפאָלגרײַך, איז דאָך טעאַטער אַ לײַכטע פּרנסה.

אַנשל שור איז געווען נישט פון אַזאַ גרויסן יחוס, זײַן יחוס איז גרע־סער לויט זײַן געבורטשטאָט, זלאָטשעוו, ווי לויט זײַן משפּחה, ער איז אָבער אַליין געווען אַ ייד אַ קלוגער און אַן איבערגעשפּיצטער און פול מיט דער ספּעציעלער גאַליצישער אָנשטענדיקייט, וואָס אָט די אָרנטלעכקייט, אָט די בירגערלעכע אָרנטלעכקייט איז בײַ זײַ אַ גאַנצע לעבנס־פילאָסאָפיע, אַ לעבנס־עטיק. אַ שלאַנקער און אַן עלעגאַנטער איז ער געווען, מיט אַן איידל פּנים און קלוגע אויגן און האָט ליב געהאַט, אַז מען הערט זיך צו צו אַלץ, וואָס ער רעדט, ווײַל ער איז פול מיט פּראַקטיק און ער ווייסט וואָס ער רעדט. דער עיקר איז ער פול מיט פּראַקטיק, פּראַקטישקייט, וואָס האָט יענעם נישט געשעדיקט. דאָס איז בײַ די גאַליציאַנער יידן פון בעסערן שניט

געװען אַ תורה ממש. און אַנשל שור איז געװען אַ גאַליציאַנער דורך און דורך.

עס איז זײער כאַראַקטעריסטיש, װאָס זײַן סאַמע דערפאָלגרײַכסטע פּיעסע — שרײַבן פאָלקספּיעסעס פאַרן לײַכטן ײדישן טעאַטער איז געװען זײַן לעבנס־פּראָפעסיע — האָט געהײסן „אַ מענטש זאָל מען זײַן”. דאָס איז אַזױ גאַליציאַניש, דאָס װאָלטן גאַליציאַנער געקענט אָננעמען װי זײער סאַמע ערשטן מאָטאָ: אַ מענטש זאָל מען זײַן...

אַז אַנשל שורס פּרוי, די סוברעטין דאָראַ װײַסמאַן האָט שױן אָפּגעשױמט אַלע אירע קאָלאָסאַלע דערפאָלגן װי אַ סוברעטין און אױסגעשױמט איר גאַנצן טעמפּעראַמענט האָט אַנשל שור ערשט אַרױסגענומען צו דער ליכטי־קער שײַן דעם צװײטן טאַלאַנט אירן — די גרױסע טראַגיקערין. װי אַ קלוגער רעזשיסאָר האָט ער געװוּסט, אַז מישן די צװײ טאַלאַנטן דאַרף מען נישט און מיט טרערן װעט מען קײן מאָל נישט פאַרשפּעטיקן. ער האָט געװוּסט װעגן דעם דאָזיקן טאַלאַנט אירן, אָבער ער האָט אים פאַרשװיגן ביז די צײַט איז רײַף געװאָרן. דעמאָלט האָט ער נישט נאָר משנה־מזל געװען — פון סוברעטין אױף טראַגיקערין — נאָר ער האָט אױך דורכגעפירט אַ משנה־מקום אױף אַ צײַט, געקומען מיט זײַן פּרוי קײן װאַרשע.

דער קלוגער אַנשל שור האָט געװוּסט, אַז דער װעג צו די מאַסן גײט דורך דער אינטעליגענץ. ער האָט אָבער אױך געװוּסט, אַז דער װעג צום לײַכטן דערפאָלג אין מאַטעריעלן זינען גײט דורך לײַכטער קונסט. און דאָס ליטעראַרישע װאַרשע האָט אים איגנאָרירט. געװען איז עס אין 1928. איז ער דאָך אָבער ביסמאַרק, דער ביסמאַרק פון ײדישן טעאַטער... „ביסמאַרק” איז אין גאַליציע געװען דער העכסטער קאָמפּלימענט פאַר אַ חכם. האָט זיך אַנשל שור פאַװאָליע גענומען צו דער אַרבעט און אַזױ אומשולדיק און זײער אָנשטענדיק אַלע מאָל, אונטערשטרײַכנדיק, אַז ער פּרעטענדירט נישט אױף קונסט, נאָר אױף אָרנטלעכן, רײנעם, פאָלקסדערציִערישן שונד, האָט ער אײַנגענומען אַלע ײדישע שרײַבערס. ער האָט געשפּילט מיט אָפענע און אָנשטענדיקע קאָרטן און דאָראַ װײַסמאַן האָט באַקומען אַ „פּרעסע” װי אַ גרױסע טראַגישע שױשפּילערין, װאָס בעסער קען שױן נישט זײַן. אמת, אַז אַלע האָבן אַראָפּגעריסן דאָס שטיק, און דאָס שטיק האָט אױפגעשריבן טאַקע אַנשל שור, אָבער דאָס האָט אים נישט געאַרט, האָט ער דען פּרעטענדירט אױף קונסט? אַנשל שור האָט אונדז געזאָגט, אַז אין דער רגע װען ער האָט דאָס ערשטע מאָל אין טעאַטער דערזען (דורך אַ זײַטן־שפּאַרונג אין פאָרהאַנג) אַ סך נאָזטיכלעך און ער האָט דערהערט אַ העשען פון פרױען, האָט ער שױן געװוּסט, אַז דאָס שטיק װעט גײן און ער האָט זײַנס, װי שױן אָפּט מאָל אין זײַן דערפאָלגרײַכן טעאַטער־לעבן, דערגרײכט.

איך האָב אַ מאָל פאַר שורן איבערגעזעצט פון דײַטש אַ ליטעראַרישע פּיעסע „היימאַט", שור און דאָראַ ווײַסמאַן האָבן זיך געגרייט און געגרייט און דאָך מוראָ געהאַט צו מאַכן דעם שפּרונג מיט דער פּיעסע אויף דער ייִדישער בינע, עס איז צו גוט געווען. כאָטש עס איז ווײַט געווען פון אמתער געוואָגטער ליטעראַטור.

פאַרגעננגלעך איז פּערזענלעכער דערפּאָלג און ווי אַ קריץ אויפּן וואַסער לאָזט ער נישט קיין שפּורן. אָט אַזוי פאַרגעננגלעך זענען די ווערק פון די „ביסמאַרקן" אויף קונסטגעביטן און אויך אויפּן געביט פון ייִדישן טעאַטער.

אין 1939 האָב איך אָפּט מאָל אין ניו־יאָרקער קאַפּע „ראָיאַל", וווּ שרײַבערס און אַרטיסטן קומען זיך צוזאַמען, געזען פון ווײַטן אַנשל שורן. געווען זיכער, אַז ער געדענקט מיך נישט, דערקענט מיך נישט און נישט צוגעגאַנגען. ער איז אָבער צוגעקומען, און מיט טענות, ער האָט פון ווײַטן געלייענט מײַנע געדאַנקען, און כאָטש ער האָט שוין נישט געאַרבעט, שוין גערוט אויף די לאָורען פון די אָפּגעשפּאָרטע דאָלאַרן, האָט אָבער דער קאָפּ געאַרבעט, ווי בײַם פּענסיאָנירטן גענעראַל וואָס פירט שלאַכטן גראָבנדיק זײַן שטובגאָרטן... די וועלט איז אַ טעאַטער און דאָס טעאַטער איז געווען די וועלט פון אַנשל שור. און עס האָט אים גוט געפּאַסט דער טיטל „ביסמאַרק פון ייִדישן טעאַטער".

אַבאַ שטאָלצענבערג

געבוירן 1905 אין גלינע, גאַליציע. אין אַמעריקע פון 1923.
געשטאָרבן 26סטן פעברואַר 1941 אין ניו־יאָרק.

אַ פולער נאָמען, אַ פולער און אַ זאַטער, עס נעמט זיך אַן אַ פול מויל מיט דעם נאָמען, אַז מען זאָגט אים אַרויס: אַבאַ שטאָלצענבערג. און דער וואָס האָט דעם נאָמען געטראָגן איז אויך אַזאַ, אַ פולער, אַ מיטל־וווקסיקער, אַ טונקל־בלאָנדער, מיט קײַלעכדיקע, פעסטע, געפּאַקטע פּנים־שטריכן. אַ ביסל בולבעוואַטע אַפילו, אָבער חנעוודיק, אײדל, שײן. און אַזוי פלעגט אויך אַבאַ שטאָלצענבערג אַלײן רעדן: פול, מיטן גאַנצן מויל און מיט אַלע חושים און מיט דער גאַנצער נשמה. און כאָטש אָן שום פּרעטענסיעס, האָט ער אָבער גערעדט אַזוי, אַזוי ווי יעדעס וואָרט וואָס ער זאָגט איז שוין דאָס לעצטע, מער איז שוין נישטאָ וועגן דעם וואָס צו רעדן.

אַבאַ שטאָלצענבערג איז געווען לויטער אָפּטימיזם, און אָפּטימיסטן אַז זײ זאָגן דיר עפּעס, איז דאָס זעלבפאַרשטענדלעך פאַר זײ, אַז דו ביסט מיט זײ מסכּים און זײ זענען גרײט אויך דיך אויסצוהערן, כּדי אויך מיט דיר מסכּים צו זײַן. אַז איך וואָלט געוואָלט זײַן פּאַראַדאָקסאַל פּאַסט מאַרטעם, שוין נאָך שטאָלצענבערגס טויט, וואָלט איך געזאָגט, אַז אין אים איז געווען דער כאַראַקטעריסטישער סופּער־אָפּטימיזם פון די מענטשן, וואָס דאָס מזל האָט זײ פאַרשריבן אַ קורץ לעבן, כאָטש זײ זענען לפנים נישט קײן קראַנקע. אָבער דאָס רעד איך נאָר איצט אַזוי — אַז איך האָב שטאָלצענבערגן באַזוכט אין זײַן אָרעמלעכער קלײנער הײם אין ניו־יאָרק אַ צען חדשים פאַר זײַן טויט, האָבן מיר בײדע נישט געאַנט גאָרנישט, לחלוטין גאָרנישט.

מיט ליבשאַפט פלעגט אַבאַ שטאָלצענבערג דערצײלן זײַנע איבער־לעבונגען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער איז דעמאָלט אַ ייִנגל געווען אין סאַמע רעכטן ברען פון די שפּיליאַרן, איז טאָקע יענע מלחמה פאַר אים אַריבער ווי אַ שפּיל. ער האָט זי איבערגעלעבט אין מיזרח־גאַליציע. זײַן שטעטל האָט אָפט געביטן די מאַכט — רוסן — עסטרײַכער — עסטרײַכער — רוסן. אַלע מאָל געהאַלטן מיטן זיגער, וואָס האָט גראָד מיליטעריש אָקופּירט די שטאָט. און גענעראַל אַבאַ פון גלינע איז געווען אַ מאַכט, מיט וועלכער די מיליטערישע אינסטאַנצן האָבן זיך געמוזט רעכענען. אינפאַנטעריע — לרוב, קאַוואַלעריע אויך נישט ווײניק, צו אײן רײַטער פון אַבאַס מיליטער האָט מען אַפילו געמוזט פאַרווענדן אַזש דרײַ ייִנגלעך, אָבער עס איז געווען גענוג, און אַרטילעריע אויך — פון קאַסטנס און שווערע דרענגער. מעגלעך,

אַז פון יענער גענעראַלסקער קינדישער צײַט איז אַבא שטאָלצענבערגן געבליבן דער באַפּעלערישער, כאָטש אומשולדיקער טאָן פון רעדן. זײַנע שענסטע טעמעס פאַר זײַנע בעסטע לידער און די שענסטע געשטאַלטן פאַר זײַנע בעסטע באַלאַדעס האָט ער געשעפּט פון יענער צײַט. דאָס איז זיכער.

דאָס איז געווען אין מאַרץ 1934, אין ניו־יאָרק. שטאָלצענבערג איז צו מיר אַרויפגעקומען אין האָטעל אויף אַ פערטל שעה. אָבער ער האָט זיך אַזוי פאַררעדט ביז זייגער צוויי בײַ נאַכט, אַז עס האָט שוין מער נישט געלוינט צו פאָרן אַהיים קיין ברוקלין און אין דער פרי דאַרף מען אויפשטיין צו דער אַרבעט.

פּאָעזיע איז פאַר שטאָלצענבערגן געווען אַזאַ מין זעלבפאַרשטענד־לעכקייט, וואָס כאָטש קיינער דאַרף זי נישט, דער עיקר צווישן ייִדן, איז זי אָבער דאָס וויכטיקסטע פון אַלץ. און מער ווי וויכטיק. ממש אָטעמען קען מען נישט אָן דעם. אַ מאָל האָב איך שטאָלצענבערגן געזען און געהערט רעדן מיט עטלעכע יונגע גאַליציש־ייִדישע פּאָעטן — באַטירלעך, וועגן דער ייִדישער פּאָעזיע פון גאַליציע. זיי זענען אַלע געווען אַזוי פאַרטון אין שמועס, אַזוי צעלאַכט און צעשריגן און צעווילדעוועט, אַזוי ווי יונגע סאָלדאַטן, ווען זיי קומען זיך צונױפֿ צוזאַמען און רעדן וועגן זייערע קאַרפּאָראַלן און סערזשאַנטן.

אַ דורכויסיקער פּאָעט איז ער געווען, שטאָלצענבערג, און דורכויס נישט פאַראינטערעסירט אין קיין שום אידעען, אָדער גוזעלשאַפטלעכע אײַנשטע־לונגען. כאָטש אויסגעוואַקסן אין גאַליציע, איז ער אָבער אַ דירעקטער מיט־יורש פון דער אײַנשטעלונג פון די „יונגע" אין אַמעריקע. אַלץ איז אימ־פּרעסיע, אַלץ דאַרף גענומען ווערן אַזוי ווי עס איז, אַבי נאָר דורך דעם פילטער פון דער קונסט, פּאָעזיע. שטאָלצענבערג איז געווען אַ באַטירלעכער פּאָעט, אַזאַ וואָס דאַרף זיך נישט אָנשטרענגען צום שרײַבן. די חושים נעמען אויף און דער טאַלאַנט פון שרײַבן לאָזט עס אַדורך דורך אַ פילטער, אָנגעפּילט מיט ווערטער, און עס פאַרמישט זיך און עס ווערט אַ ליד:

דער טיש מיט קאַלטן טיי פאַרגאָסן,
אַש און אַש און שטיקלעך פּאַפּיראָסן,
אָנגעוואָרפענע זאַכן, אַלט און אָפּגעקראָכן,
דאָס הענטל פון דער טיר איז אָפּגעבראָכן,
און ס׳ציט דער ווינט ווי דורך אַ ליידיק הויז.
מײַן מאַנטל ווי אַ בעטלערס מאַנטל זעט איצט אויס.
וואָס שמידט מיך צו דעם נאַקעטן דיל? וואָס טו איך דאָ?
ווײַזערס גליווערן אויף אַ לאַנג פאַרגאַנגענער שעה...

וואָס פאַר אַ פּערפעקט אימפּרעסיאָניסטיש בילד פון אַזאַ זינלאָזן פריי־מאָרגן, פון אַזאַ זאָרגלאָזן דיכטער ווי אַבא שטאָלצענבערג. און וויפל שטימונג.

אַלע מאָל איז ער פול געווען מיט ליבע צו שיינע פרויען — שטאָלצענ־בערג. און אַז ער האָט ליב געהאַט איז ער נאָכגעגאַנגען די שיינע און געליבטע אין פרײַען, אָפענעם טאָג, אָט ווי אַ נאַכטוואַנדלער בײַ נאַכט, בײַ דער לבנה. אָפט פלעג איך אים טרעפן אַזוי נאָכגיין פרויען וואָס ער האָט נישט געקענט, וואָס ער האָט אַפילו נישט געוואָלט קענען — גלאַט פון הפקרדיקער שיינקייט־ליבע. שפּעטער האָט ער וועגן זיי געשריבן זומער־שמעקנדיקע פאַרליבטקייט־לידער. זענען צוליב דעם געווען אינצידענטן אין דער היים און אַבא האָט אַרויסגעטראָגן אָט די אינצידענטן פאַר פרײַנד, ער האָט זיך געפילט גערעכט און האָט זײַן היים אויך ליב געהאַט און זײַנע קינדער — ביז גאָר. צו פאָעטן באַלאַנגט דאָך די גאַנצע וועלט, אַזוי ווי זיי באַלאַנגען צו דער גאַנצער וועלט. — איין מאָל, אַ טאָג פאַר מײַן אָפּפאָרן פון ניו־יאָרק, און מער האָב איך שוין שטאָלצענבערגן נישט געטראָפן בײַם לעבן, טרעפן מיר זיך אויף דער סמבטיון־צעשטורעמטער פערצנטער גאַס. שטאָלצענבערג דעקלאַמירט פאַר מיר אין פויליש גאָר אַ גאַנצע אַנטאָלאָגיע פון דער פוילישער קלאַסישער ליריק. „אַ מחיה צו לעבן, פאָרט געזונט" — זײַנע לעצטע ווערטער.

ד"ר יצחק נחמן שטיינבערג

געבוירן אין דווינסק אין יאָר 1888. געוווינט אין אַלערליי שטעט אין רוסלאַנד. שטודירט אין דײַטשלאַנד און דאָרט געוווינט ביז 1923. אין יאָר 1923 באַקומען דעם געטהע־פּרײַז פאַר זײַן דראַמע „דער וועג פון פײַן". 1928 אין די פאַראייניקטע שטאַטן. 1930 — רײַזע איבער פּוילן. 1933 באַזעצט זיך אין לאָנדאָן. 1939 אין אויסטראַליע — אין שײַכות מיט דעם טעריטאָריאַליסטישן פּלאַן צו באַזעצן יידן אין אויסטראַליע. 1943 אין אַמעריקע. 1954 — געשטאָרבן זײַן פרוי. 1956 — געשטאָרבן די טאָכטער אַדאַ שטיינבערג־סיגעל. נפטר געוואָרן 1957 אין ניו־יאָרק.

עטיק און טעאַטראַליק, אינערלעכע איבערלעבונג און אויסערלעכע פּאָזע, דאָס זענען זיכער אַבסאָלוטע סתירות. קיין ספק נישט אין דעם. נאָר סתירות זענען אָפט אַזוי צוזאַמענגעוואַקסן איינס צום אַנדערן, אַזוי ווי אַ סיאַמער צווילינג, אַזוי ווי דער טאָג מיט דער נאַכט. עטיק איז געצוווּנגען אָנצוקומען אַ ביסל צו טעאַטראַליק, ווײַל אַזיסט וואָלט מען זי דאָך דורכויס נישט אַרויס־געזען און זי וואָלט פאַרפעלט איר ציל. דער עטישער מענטש צילט דאָך אויך צו ווירקן אויף אַנדערע, ער אַליין איז דאָך שוין פאַרטיק מיט זיך, ער איז דאָך שוין עטיש. און אויב ער וויל ווירקן אויף אַנדערע מוז ער אָנקו־מען צו אויסערלעכקייט, צו טעאַטראַליק. די צען געבאָט האָט מען דאָך אונדז געקענט דערלאַנגען שטיל, אײַנרוימענדיק זיי יעדן ייִד באַזונדער אין אויער אַרײַן, אָבער ווער וואָלט זיך דען צוגעהערט — — האָט מען אונדז געמוזט דערלאַנגען מיט דונערן און בליצן. — דאָס אַלץ איז געזאָגט געוואָרן אָנטקעגן דעם, וואָס איינער פון די וווּנדערלעך עטישסטע מענטשן אין אונדזער ייִדישער וועלט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט — ד"ר יצחק נחמן שטיינבערג — איז אָפט אַ ביסל טעאַטראַליש. שוין די דערשײַנונג אַליין. צו וואָס דאַרף אַן עטישער מענטש זײַן אַזוי שיין, אַזוי הויך, אַזוי אימפּאָזאַנט, טראָגן אַ באָרד, רעדן אַזוי שיין, האָבן אַזאַ עכטן ייִדישן הדרת־פּנים, זײַן אַ רעוואָלוציאָנער און דאָך אַזוי קאָרעקט מיט אַלע מענטשן? אָבער אַזוי איז די נאַטור פון די זאַכן, עטיק און עסטעטיק, אינערלעכקייט און פּאָזע באַגעגענען זיך, מעג זיך דער עטישער מענטש אַפילו בפירוש אויסהיטן — עס וועט נישט העלפן.

ד"ר שטיינבערג איז אַ פּאָליטיקער, אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער פון אַלטן שניט, אַ סאָציאַליסט־אידעאַליסט, געבוירן מיט פופציק יאָר צו פרי, און אפשר

מיט צוויי טויזנט יאָר צו שפּעט. די גראָטעסק פֿון דער געשיכטע האָט געוואָלט, אַז ער זאָל זײַן יוסטיץ־מיניסטער אין לענינס ערשטן סאָוועטישן קאַבינעט. פֿיר חדשים האָט עס געדויערט. אַ חידוש ווי אַזוי די פּראָבע צו פֿאַרבינדן דירעקט דעם גײַסט פֿון די נביאים מיט דער האַרבער סאָוועטישער רעאַליטעט האָט געקענט געדויערן אַפֿילו פֿיר טעג. מען זאָגט, אַז שטיינבערג האָט בשעת דער אויספֿירונג פֿון דעם אַמט זײַנעם, און אין דער הייליקער רעאַליזירונג פֿון דעם, שוין אַפֿילו שפּינאָזיסטישן פּרינציפּ, אַז רעליגיע איז פּריוואַטזאַך, און זײַענדיק אַליין אַ טראַדיציאָנעל פֿרומער ייִד — אַלע מאָל פּרײַטיק פֿאַר נאַכט אָפּגעשטעלט זײַן אַמט ביז עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע דרײַ שטערן שבת פֿאַר נאַכט. מען זאָגט אַפֿילו אַז ער האָט אין מיטן אַ מלוכה־רײַזע אָפּגעשטעלט דעם אַמטצוג אין מיטן די סטעפּעס — פֿון קבלת־שבת ביז צו דער הבדלה. כאָטש איך האָב אומצאָליקע מאָל ד״ר שטיינבערגן געטראָפֿן, האָב איך אָבער קיין מאָל נישט געוואַגט אים צו פֿרעגן צי דאָס איז טאַקע אמת. נישט געוואָלט צעשטערן אַ שיינע לעגענדע.

פֿאַרשידנאַרטיק איז שטיינבערגס ליטעראַרישע טעטיקייט, פֿאַרשידנ־שפּראַכיק אויך: רוסיש, דײַטש, ייִדיש. דאַכט זיך אַז אויך ענגליש. דאָ זענען דראַמעס און גרויספֿאַרמאָסטענע מעמואַרן־ווערק, און אַלערליי אַרטיקלען און אַפֿילו באַריכטן פֿון אַ גרויסער לאַנד־אויספֿאָרשונג (קימבערלי־געגנט אין צפֿון־מערב־אויסטראַליע). אין אויסטראַליע רופֿן די ייִדן דעם ד״ר שטיינבערג „דער אויסטראַלישער ד״ר הערצל“. ער האָט זיך מיט לײַב און לעבן און מיט אומפֿאַרגלײַכלעכן גלויבן אַרײַנגעוואָרפֿן אין דער אַרבעט — פֿאַרן פּראָיעקט צו באַזעצן ייִדן אין אויסטראַליעס צפֿון. פֿיל זאַכן געטון, אַזוי פֿיל ביכער געשריבן, און אין גרונט גענומען איז ער מער אַקטיוויסט ווי טרוימער, ד״ר שטיינבערג, און דאָך צערינט עפּעס אַלץ, בלײַבט טרוים און וואָרט, גייט פֿאַרבײַ, איבער, אונטער דעם גאַנג פֿון דער ייִדישער געשיכטע, אָבער נישט מיט איר. ווילט זיך איבערלאָזן עפּעס, וואָס זאָל בלײַבן. בלײַבן פֿאַר ייִדן. ווײַל ווי אוניווערסאַל ד״ר שטיינבערג זאָל נישט זײַן — אין דער ערשטער ריי איז ער אַ ייִד.

פֿון אַ סך באַגעגענישן — אַ פּאָר בלויז: אין אַ קאַפֿעהויז אין לאָנדאָן. עס איז 1934. איך האָב געבעטן נאָך אַ פּאָר פּרטים וועגן געוויסע סצענעס, וואָס זענען באַשריבן אין שטיינבערגס זכרונות. ער האָט זיך צערעדט. נישט אַלץ קען מען דאָך אויפֿשרײַבן, נישט אַלץ וויל מען, אויך נישט וועגן אַלץ קען מען רעדן. אָבער רעדן קען מען מער אונטער פֿיר אויגן ווי שרײַבן. איך האָב פֿאַרגעסן, אַז איך הער, איך האָב איבערגעלעבט, און שטיינבערג האָט פֿאַרגעסן, אַז ער רעדט. נאָך האַלבער נאַכט האָט אונדז דער קעלנער העפֿלעך אויפֿמערקזאַם געמאַכט, אַז מאָרגן וועט זיך דאָס קאַפֿעהויז ווידער

עפּענען — אויב מיר ווילן פּאַרזעצן דעם שמועס — הײַנט שליסט מען שוין.

אַרום 1930 אין וואַרשע. אין לינקע קרײַזן איז געווען אַ פּאַראָל צו שטערן שטײנבערגס פאָרלעזונגען. שטײנבערג האָט בשום־אופן נישט געוואָלט נישט־רעדן, ער שרעקט זיך נישט. דער לאָקאַל פון ליטעראַטן־פאַראײן איז טײלווײַז דעמאָלירט געוואָרן יענעם אָוונט, אָבער די פאָרלעזונג איז פאָר־געקומען. ער איז געווען בלאַס, נישט פון שרעק, נאָר פון טיפער איבערלעבונג. אָבער גערעדט האָט ער פעסט, די שטים האָט נישט קײן ציטער געטון. נישט אַנטשולדיקט האָט ער זיך, נאָר פעסט אונטערגעשטראָכן זײַן רײן עטישן שטאַנדפּונקט, נישט זײַן פּאַרטײַישע קעגנערשאַפט.

אין לאָנדאָן, אַ ייִדישער רעסטאָראַן אויפן ווײַטשעפּל. שטײנבערג גיט אַרויס אַ צײַטשריפט „דאָס פרײַע וואָרט". די צײַטשריפט קעמפט פאַר איר עקסיסטענץ. אַ קאָלעקטיווע פאָרלעזונג. שטײנבערג באַטײליקט זיך אויך. נאָך דער פאָרלעזונג קומט צו צו מיר אַ יונג מײדל, וואָס קאָלפּאָרטירט „דאָס פרײַע וואָרט". פאַרוווּנדערט פרעג איך אַ פרײַנד נעבן מיר, ווי קומט עס, וואָס אין לאָנדאָן געפינט זיך אַזאַ יונג און אַזאַ אויפפלאַנדיק שײן מײדל, וואָס זאָל זיך ווען פאַרנעמען מיט קאָלפּאָרטירן אַ ייִדישע צײַטשריפט. — עס איז שטײנבערגס טאָכטער אַדאַ, ענטפערט מען מיר. — אין אַ דורכגעגײַסטיקטער אַטמאָספער אויפגעצויגן, איז זי אידעאַליסטיש ווי איר פאָטער.

די רעדאַקציע פון „דאָס פרײַע וואָרט". פונקט ווי אין פּסוק שטײט. שויבן אויסגעבראָכן און פאַרלאַטעט מיט צײַטונגען. פודן שטויב, הויפנס אויסגערײכערטע ציגאַרעטן, דער רעדאַקטאָר אַלײן גרײט די פּעקלעך צו דער עקספּעדיציע — — און דאָס אַלץ שוין נאָך דעם גאַנצן באַרימט זײַן, ערשטן פרײַז פאַר אַ רעוואָלוציאָנערער דראַמע אין דײַטשלאַנד, זכרונות פון אַ יוסטיץ־מיניסטער פון אַ זעקסטן טײל פון דער וועלט... אַלע מאָל גלײביק — חוץ פרום — אַלע מאָל גרײט אָנהײבן פון ס׳נײַ.

1940

נח שטײנבערג

געבוירן געוואָרן אין שעננע, ראַדאָמער געגנט, פּוילן, אין יאָר 1889. קיין לאָנדאָן אויסגעוואַנדערט אין יאָר 1904, קיין אַמעריקע געקומען אין יאָר 1907. דאָ געוווינט אין אַלערלײ שטעט, אַ סך יאָרן אין ניו־יאָרק. געשטאָרבן אין לאָס־אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע, דעם 23סטן אָקטאָבער 1957.

יעדער שרײַבער, אַזוי דער קלענסטער און אַזוי דער גרעסטער, האָט איין ווערק, וואָס דאָס איז זײַן מאַגנום אָפּוס, זײַן גרויס ווערק. אַזוי האָט מסתמא יעדע מאַמע אַ קינד, וואָס דאָס איז איר בעסט קינד... און אַזוי גיך אַזאַ מאַמע האָט שוין אָט דאָס קינד — צי מען ווייסט דערפון אין דער משפּחה, אָדער נישט, און צי זי אַליין אַפילו ווייסט וועגן דעם — איז איר לעבנס־אויפגאַבע געטון און עס וועט שוין בלײַבן אַן אומרו אין איר און זי וועט נישט וויסן פאַר וואָס. און אַזוי ווי מיט מאַמעס — אַזוי איז עס מיט אַלע שעפערישע באַשעפענישן — און אַזוי איז עס מיט קינסטלערס פון דער פּלאַסטיק פון חומר און פון פּלאַסטישן וואָרט.

און דאָס מאַגנום אָפּוס פון נח שטײנבערג איז געווען זײַן בוך מיט צען עסייען, וואָס האָט זיך גערופן „יונג אַמעריקע" און וואָס איז דערשינען אין ניו־יאָרק אין יאָר 1917 — ווען ער, נח שטײנבערג, איז אַלט געווען 27 יאָר, און ווען די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור איז געווען אַזוי יונג, אַזוי יונג, און אַזוי פול מיט פרילינג. און דאָ קומט צו אַ פּסיכאָלאָגישער מאָמענט אויך — אויך נח שטײנבערג אַליין איז געווען מסתּמאָ דאָס מאַגנום אָפּוס פון זײַן אייגענער מאַמען, וואָרעם ער שטאַמט פון אַ משפּחה פון 20 קינדער, וואָס צען פון זיי זענען געבליבן לעבן. און דער מאָדנער צופאַל האָט געוואָלט, אַז דאָס ווערק „יונג אַמעריקע" זאָל אויך באַשטיין פון צען פּאָרטרעטן פון שרײַבערס פון אָט דער גרופּע, וואָס טראָגט דעם זעלבן נאָמען, און וואָס איר געשיכטע איז פאַרשריבן מיט גרין־זילבערנע אותיות אין דער כראָניק פון דער יידישער ליטעראַטור. און אַ גרויסער טייל פון די ווערק, וואָס די גרופּע האָט באַשאַפן, געהערן צום אײַזערנעם באַשטאַנד פון דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור. די צען ביאָגראַפיש־קריטישע עסייען זענען וועגן: דוד איגנאַטאָוו, זישאַ לאַנדוי, אַ. ראַבאַי, מאַני לייב, יוסף ראָלניק, י. אָפּאַטאָשו, משה נאַדיר, ראובן אײַזלאַנד, משה לייב האַלפּערן, ה. לײַוויק. — — נח שטײנבערג האָט שפּעטער כּסדר באַטאָנט, אַז צו די צען פּאָרטרעטן געהערט אויך אַ פּאָרטרעט פון י. י. שוואַרץ, און ער האָט אָט דעם פּאָרטרעט צוגעגעבן אין שפּעטערדיקע ווערק. בשעת די ווערטער

װערן געשריבן, אָנהײב נאָװעמבער 1957, זענען בלױז צװײ פֿון די עלף — און אױף לאַנגע יאָרן! — נאָך מיט אונדז.

שטײנבערגס אופֿן פֿון שרײַבן די פּאָרטרעטן איז אין דער װעלט־ליטעראַטור אַזױ אַלט װי זי אַלײן, אָבער אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז ער אין יאָר 1917 געװען כּמעט לחלוטין נײַ. לעבן און װערק פֿון דעם שרײַבער אינטעגרירט, װאָרעם זײ זענען דאָך נישט אָפּצוטײלן — און אין דער אמתן אַנדערש נישט צו באַנעמען.

עס דערמאָנט זיך: 1919 — װין — די ערשטע װעלט־מלחמה איז געענדיקט — און עס איז דאָך געװען „די מלחמה אױף צו פֿאַרענדיקן אַלע מלחמות"... און אין יענעם יאָר האָט מען נאָך, װי קלײנע קינדער אין די מעשׂיות פֿון דער באָבען, אין דעם געגלײבט. און עס קומען אָן די ערשטע ביכער פֿון די „יונגע" אין אַמעריקע — מאַני לײבס דרײַ בענד לידער און באַלאַדעס, אָפּאַטאָשוס „אין פּױלישע װעלדער", לײװיקס „גו־לם", ראַבאָיס „גאָלדענבאַרג" און ביכער נאָך און נאָך, און מען לײענט זײ נישט סתּם, נאָר מען געניסט זײ װי סעודות פֿון נײַעם ייִדישן װאָרט... און אָט איז אַ בוך, אַ בינטל פֿון צען כּישוף־שליסלען צו די בעסטע פֿון די אַלע שרײַבערס, אי צו זײערע װערק און אי זײערע נשמות און אי זײ אין גאַנצן. גיט מען אַ כאַפּ דאָס בוך און מען לײענט איבער די דריט־האַלב־הונדערט זײַטן אין אײן נאַכט. און אַזױ איז נח שטײנבערגס „יונג אַמעריקע" געגאַנגען פֿון האַנט צו האַנט. און אַזױ איז זײַן נאָמען אין האַרצן און אין געפֿיל אױף אײביק צונױפֿגעװאַקסן מיט דער גאַנצער הערלעכער גרופּע „יונג־אַמעריקע".

און געשען איז, װאָס עס געשעט אָפּט, אַז נאָך דעם אױפֿשרײַבן פֿון זײַן מאַגנום אָפּוס איז נח שטײנבערג שױן געבליבן אַן אײביק אומצופֿרי־דענער. ער האָט אָנגעהױבן באַקעמפֿן אײניקע פֿון די דיכטערס, װאָס ער אַלײן האָט זײ געהאָלפֿן דערהױבן און דערשאַצן און אַפֿילו איבערשאַצן. שטאָט צו קריטיקירן געװיסע פּירונגען אין דער ייִדישער ליטעראַטור מיט לאָגישע אַרגומענטן, באַװײַזן, ציטאַטן, האָט ער זיך גענומען באַנוצן מיט בײַסיקע רײד, בריִענדיקער סאַטירע, בריענדיק װי קראָפּעװע. דערצו האָט ער גענומען װידער שרײַבן לידער. ער האָט מיט לידער אין יאָר 1911 אין דער ליטעראַטור דעביוטירט. אָבער איצט זענען עס אײגנטלעך געװען מער סענטענצן אין װײַסן פֿערז. פּאַראַדאָקסן און אַפֿאָריזמען אין אַ ריט־מיש לשון, אין קורצע שורות. נח שטײנבערג איז געװאָרן אַלײן אַ „שטיקל נביא" — נאָך דעם װי ער האָט שאַרף קריטיקירט אַנדערע שרײַבערס, װאָס טוען זיך אָן, אָדער אַנדערע טוען זײ אָן די איצטלאַ דנבואה....

און דער קרײַז פֿון אײנזאַמקײט איז אַרום אים געוואַקסן און געוואַקסן ברײטער און ברײטער. און דערצו האָט ער יאָרן לאַנג געוווינט אין ווײַטע אַמעריקאַנישע שטעט, ווײַט פֿון ניו־יאָרק.

ווען האָב איך אים דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט? מסתמא אין יאָר 1933, בעת מײַן ערשטן באַזוך אין אַמעריקע. געווען איז עס אין קאַפֿע „ראָיאַל״. ווײַזט מען אָן: אָט דאָס איז נח שטײנבערג. לויף איך צו מיט חברישער פֿרײד. אַ הױכלעכער, אַ בלאָנדער נאָך דעמאָלט, אַ פֿויגליש־שפּיציק פּנים, וואָס קוקט מיט אַ ביסל חשד דורך זײַער דיקע גלעזער פֿון אַ מוראדיק קורצזיכטיקן. און ער רעדט זײער לאַנגזאַם און לויטער געצײלטע ווערטער. און ער קומט באַלד אַרויס מיט טענות און מיט מאַ־נונגען און מיט מוסר. קאַמפּלימענטן אויף זײַן גרויסווערק רוקט ער אַוועק אָן אַ זײַט. עס איז אים שוין נימאס, ער איז אַוועק אַ סך ווײַטער פֿון דעם. אָבער אָט דער ביטערלעכער ערשטער אײַנדרוק פֿון דער פּער־זענלעכער באַגעגעניש האָט אין מיר דאָך נישט פֿאַרווישט יענעם ערשטן רושם פֿון יאָר 1919, פֿון דער ערשטער באַגעגעניש מיט דעם בוך פֿון נח שטײנבערג.

און ווידער באַגעגענישן דאָ און דאָרט. און די לעצטע — אויב מיר האָבן קײן טעות נישט — אין יאָר 1952 אין מאָנטרעאָל. ער איז שוין געווען כמעט בלינד. אָבער ער האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן און זיך געשטאַרקט איבער זײַן צושטאַנד, געווען אומצופֿרידן, אַז מען האָט אים אויף דער גליטשיקער, ווינטערדיקער מאָנטרעאָלער גאַס גענומען אונטערן אָרעם און געוואָלט פֿירן; ער איז גאַנצע טעג געזעסן אין לײען־צימער פֿון דער ייִדישער ביבליאָטעק און געלײענט מיט דער הילף פֿון אַ גרויס, קײַלעכדיק ברענגלאָז צײַטונגען און ביכער, אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט. אַ יאָר שפּעטער איז דער צושטאַנד דורך אַן אָפּעראַציע פֿאַרבע־סערט געוואָרן, אָבער פֿון אַ נאָרמאַל לײענען האָט שוין קײן רייד נישט געקענט זײַן. איז נח שטײנבערג נאָך מער פֿאַרווינקלט געוואָרן אין זײַנע פּיקס־אידײען. לאָמיר ציטירן אײנס פֿון זײַנע לידער פֿון זײַן לעצטן בוך לידער „קריטיק און אַפֿאָריזמען״:

פ אָ ר ב ל ע נ ד ס

די וואָס רעדן צו דער וועלט,
גלײבן זעלטן אין זײערע אײגענע רייד —
זײ טוען אַנדערש ווי זײערע מײַלער דעקלאַמירן.
די וועלכע גלייבן אין דעם וואָס זײ זאָגן —

די לאָזט מען נישט רעדן... ווײַל זיי ווילן טאַקע טון אַזוי ווי זיי רעדן.
דער אמת ווערט אייביק געהאַלטן אין קייטן...
און נאַראָנים גלייבן, אַז דער אמת איז פֿרײַ...

וואָס פאַר אַ כּוחות עס האָבן אָפּגעריסן נח שטיינבערגן פון די וועגן, אויף וועלכע ער האָט אַזוי פריש־פריילעך־גלייביק־יוגנטלעך און קינסטלע־ריש שיין אָנגעהויבן גיין אין זײַן בוך „יונג אַמעריקע" און אים אַרײַנגע־פלאָנטערט אין די דאָרנדיקע סטעזשקעס פון די אַנדערע ביכער זײַנע — ווער ווייסט. כאָטש דער אמת איז, אַז די צווייטע העלפט פון זײַן לעבנסוועג איז נישט דערשאַצט געוואָרן מצד דער יידישער ליטעראַטור בכלל און קריטיק בפרט. ער האָט אויך דאָ געהאַט וואָס צו זאָגן און געזאָגט, כאָטש דער גרויסער אמת־זאָגער און מאָנער און שטראָפער אין דער יידישער ליטע־ראַטור — ווי ער האָט זיך אײַנגערעדט — איז ער נישט געווען. אָבער זיכער איינער פון די איינזאַמסטע אין איר. און דאָס אַליין איז שוין אַ מדרגה, וואָס טאָר נישט נישט־דערשאַצט ווערן.

אַ. נ. שטענצל

(אַברהם נחום) געבוירן אין אַ דערפל בײַ סאָסנאָוויץ אין יאָר 1897. געוואַנדערט און געוווינט אין אַלערליי לענדער און שטעט פון אייראָפּע. יאָרן אין בערלין. זינט 1940 אין לאָנדאָן.

אין זײַן וווּנדערלעכן בינטל זכרונות וועגן דעם דיכטער לייזער וואָלף דערציילט אַברהם סוצקעווער, ווי אַזוי וואָלף איז אַ מאָל אַ צעפּלאָמטער אַרײַנגעלאָפן אין דער רעדאַקציע פון „טאָג" אין ווילנע און געפאָדערט, אַז מען זאָל מיטטיילן טעלעגראַפיש דער גאַנצער וועלט, אַז עס איז געשלאָגן געוואָרן אַ וועלטרעקאָרד אין לידער שרײַבן און ער איז דער געווינער: ער האָט פאַרגאַנגענעם חודש אָנגעשריבן טויזנט לידער... אַ. נ. שטענצל שלאָגט דעם דאָזיקן רעקאָרד שוין יאָרן לאַנג אין זײַן לאָנדאָנער חודש־זשורנאַל „לשון און לעבן" און עס איז שאַ־שטיל... אין אַזאַ אומראָמאַנטישער וועלט און צײַט לעבן מיר. נאָר עס איז קיין מאָל נישט שאַ און שטיל בײַ אַ באַגעגעניש מיט אַ. נ. שטענצלען. און באַגעגנט האָבן מיר זיך אין לאָנדאָן אין די יאָרן 1950 און 1956. אָבער דער נאָמען איז מיר שוין שטאַרק באַקאַנט זינט די צוואַנציקער יאָרן.

פון וואָס פאַר אַ ראַסע איז שטענצל? אַ ייִד, אַוודאי. אַ מיטל־הויכער. ער איז זייער דינאַמיש. ער רוט נישט קיין רגע. אַ לײַדנשאַפטלעך מויל, דער עיקר צום רעדן. חוץ מיט רייד איז עס אַ מויל פול מיט פּסוקים און מאַמרים, ווײַל שטענצל איז אַ קענער אין די שוואַרצע פינטעלעך.

אַז שטענצל האָט זיך באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה באַוויזן אומלעגאַל אין בערלין, זענען די דײַטש־ייִדישע עקסטראַוואַגאַנטע שרײַבערס דאָרטן — און אין זייער שפּיץ די מלכה פון דײַטש־ייִדישן ליד עלזע לאַסקער־שילער — ממש פאַרכישופט געוואָרן פון אים. ער איז צו זיי ווי אַרויסגעפאַלן אַ לעבעדיקער פון אַן אַלטן „תלמוד־פאָלאַנט" ... און שטענצל איז מאָמענטאַל אַרײַנגעפאַלן אין זייער טאָן. אַרויס פון דער גמרא און אַרײַן אין עקספּרעסי־אָניסטישן ווירבל־שטראָם. זײַנע לידער האָבן אויך — פּאַראַדאָקסאַל — פאַר־כאַפּט בעיקר די ייִדישע פּראָזאַיקערס. יוסף אָפּאַטאָשו האָט מיר אַ מאָל אַן אָוונט לאַנג פּירגעלייענט אַ. נ. שטענצלס לידער — מיך צו איבערצײַגן, אַז ער, שטענצל, האָט געפונען דעם סינטעז פון זוהר מיט עקספּרעסיאָניזם. קיין צענטל פון טפח ווייניקער.

שוין יאָרן ווי שטענצל גיט אַרויס אין לאָנדאָן אַ קליינע חודש־שריפט „לשון און לעבן". נײַן צענטל פון מאַטעריאַל — לאָנדאָנער שרײַבערס. און

אַ העלפּט פון דעם "לאָנדאָנער מאַטעריאַל — שטענצלס לידער. און דאָס איז נאָר אַ ברוכטייל פון די טויזנט אַ חודש, וואָס וויברירן אַרויס פון זײַן לידער־סמבטיון. נישט שרײַבנדיק דאָ קיין ליטעראַרישע אָפּשאַצונג, און נאָר צייכע־נענדיק אַ פּענפּראָפּיל, לאָמיר דאָ ציטירן אַ סטראָף פון די אור־שטענצל־לידער — פון יאָר 1925:

סײַ ווי סײַ מוז מײַן טאָג מיר דאָך צערינען,
קום — וועלן ביידע מיר, הימל און ערד,
זיך האַרצן אין פלאַמען.
אין שקיעה און אין אויפגאַנג
פלעכטן פון שויסן
אַ בעכער פון פלאַמען.

אַ מאָל איז אין די שטענצל־לידער געווען מער שיר־השירים־לײַדנשאַפט, הײַנט איז דאָ מער איכה־לײַדן — און אויב לײַדנשאַפט — איז פאַלעמיק מיט אַלע גויִים פון דער וועלט. חוץ וואָס שטענצל איז אַ יידישיסט, איז ער אויך אַ ייִדיסט.

יעדן שבת נאָך מיטיק קומען זיך צונויף אין אַן אַלטן איסט־סעידער זאַל אין לאָנדאָן אַלטע איסט־סעידער ייִדן, וואָס געדענקען נאָך די קעניגין וויק־טאָריאַ און שטענצל פירט פאַר זיי אַן שבתדיקע שמועסן. דאָ ברענגט ער אויך געסט פון אויסלאַנד, און אויך איך האָב דאָ אָפט גענדרשנט אין שטענצלס ליטעראַרישן שולעכל, ווי אַ מאָל אַ פּיעשעכאָדנער מגיד. אָפט קומען צו די דאָזיקע עונג־שבתן, פון לאַנגוויַיל און איינזאַמקייט, ווי פּריבלודעס, לאָנדאָנער מיסיאָנערן, ייִדיש־רעדערס. פול מיט פּאַטאָס האָט מיר שטענצל אַזאַ איינעם אַ מאָל פאָרגעשטעלט: — און דאָס איז אונדזער משומד אַזוי און אַזוי. אין לאָנדאָן זענען אַפילו די משומדים ייִדישיסטן... אין טיפן תוך זענען זיי ביידע חברים... מיסיאָנערן. נאָר שטענצל איז אַ מיסיאָנער פון ייִדיש־לשון אין דעם דזשונגל פון אַסימילאַציע, וואָס זײַן נאָמען איז לאָנדאָן. און יענער איז אַ מיסיאָנער פון דער דרײַ־איינִיקייט. נשמות פאַנגען זיי ביידע נישט. אַנדערע צײַטן.

שטענצל האָט אַ ווילדע האַנטשריפט, ענלעך צום פלעקל־כתב פון אַברהם אַבינוס צײַטן. צווישן ייִדישע דיכטערס איז ער אַ דיכטער. צווישן די געשטאַלטן פון דער ייִדישער פאַרנאַס־משפּחה איז ער אַ העלד פאַר אַן איידעלן ייִדישיס־טישן דאָן־קיכאָט־ראָמאַן. אָבער ער איז אַ גוטער חבר מיט אַ גוט האַרץ. אַ מאָל שרײַט ער אַן אויף איינעם מיט כעס, אָבער אין פינף מינוט שפּעטער בעט ער איבער ממש מיט תחנונים. אַ טיף ייִדישער מענטש.

*

אַ פּאָסט־סקריפּטום צום פּענפּראָפּיל פֿון דעם פּענאָמענאַלן פּאָעט אַברהם נחום שטענצל. ער איז אַ מין לײַכט־טורעם אַװעקגעשטעלט אין מיטן אַ פּוסטן ים, װוּ שיפֿן קומען יאָ אָן, אָבער נישט די שיפֿן אויף װעלכע עס װאַרט דער דיכטער שטענצל — שיפֿן אָנגעלאָדן מיט ייִדישער פּאָעזיע.

און אַזוי װי די אויסגעחלומטע פּאָעזיע־שיפֿן קומען נישט אָן — פּילט זיי שטענצל אַליין אָן אין זײַן „לשון און לעבן" — דערשײַנט אין קלײנעם פֿאָרמאַט, אָבער אָנגעפּאַקט מיט לידער. שטענצל איז יאָ און איז נישט אײַנ־טעגרירט מיט דעם ייִדישן און אויך נישט־ייִדישן גאַנג פֿון דער געשיכטע. ער רעאַגירט אויף אַלץ מיט לידער. דאָס איז זײַן אײנציקער װאָפֿן — אַ מין שופֿליע, מיט װעלכער ער װיל איבעראַקערן דעם גאַנצן פּלאַנעט ערד.

איצט איז שטענצל אַלט געװאָרן 70 יאָר. דאָס איז אַ גוטע געלעגנ־הייט אים צו זאָגן, אַז נישט געקוקט אויף דער נישט־פֿאַרשטענדלעכקייט פֿון זײַן פּאָעזיע — פֿאַרשטייט אים גוט יעדער חבר־דיכטער זײַנער. און נישט נאָר פֿאַרשטייט ער אים, נאָר ער רעספּעקטירט אים אַפֿילו פֿאַר זײַן עקשנות.

ענגלאַנד איז אַן אינדזל — װער װייסט עס נישט.
שטענצל איז אַ ייִדישער אינדזל אין דעם ענגלישן אינדזל.
אייגנטלעך איז יעדער מענטש אַן אינדזל פֿאַר זיך.
און שטענצל אַוודאי.

און אָט בלעטער איך אין די בריוו פֿון שטענצלען צו מיר. 40 יאָר זענען זיי אַלט — און אָט אַזוי װי נעכטן געשריבן. פֿײַער מיט װאַסער געמישט. אַ — װען די װעלט װאָלט זיך צוגעהערט צו די פּאָעטישע עצות, װאָס שטענצל גיט איר אין זײַנע טויזנטער לידער, װאָלט זי הײַנט שוין געװען מער הימל װי ערד.

כאָטש אַ פּאָסט־סקריפּטום טאָר נישט זײַן צו לאַנג — בײַ שטענצלען מעג מען זיך אַלץ דערלויבן.

איך טונק אײַן מײַן רעכטע האַנט אין דעם באַרג פֿון שטענצלס לידער אין מײַן אַרכיװ און זאָג צו מיר: װאָס פֿאַר אַ ליד דו זאָלסט נישט אַרויסציִען מוזסטו עס דרוקן אין אָט דעם פּענפּראָפּיל. און איך האַלט מײַן אייגענעם צוזאָג. אָט איז דאָס ליד — עס איז אַלט אַרום אַ יאָר פֿערציק. ציפֿערן שפּילן אין שטענצלס לעבן קיין שום ראָלע נישט.

און װידער איז געװוינטער אין מײַן בלוט —
אַן אָנגעצויגענער רעגן־בויגן
הענג איך איבער מיר —

אָ זון —
אָ זון —
קוש דיך אײַן אין מיר —
זויג דיך אײַן אין מיר —
לאָז מיך שטאַרבן
אַן אָנגעצויגענער איבער דײַנע ליפּן!
אָ זון — זון —
אַ פּאַרבן־שפּע פּלייצט אין מיר —
ס׳איז געוויטער אין מײַן בלוט — —

וועט מיר עמעץ זאָגן, אַז דאָס ליד האָט נישט קיין פּאָעטישע קוואַליטעט? ניין!

און עס קען אַנדערש נישט זײַן, אויב מען וויל זײַן פּענאָמענאַל אָריגינעל, און שטענצל וויל עס משמעות.

און עס געלינגט אים.

און עס איז מיר געלונגען אין דעם פּענפּראָפּיל פון אַ דיכטער — שרײַבן די ערשטע העלפט מיט פּערציק יאָר צוריק, אַרום 1925, און די צווייטע העלפט צו זײַן יובל — אין יאָר 1967.

אַ װוּנדערלעכער גן־עדן־אינדזל אין אַ ים פון אַ וועלט־גיהנום.

1967

מרדכי שטריגלער

גערבוירן אין יאָר 1921 אין זאַמאָשטש. זינט 1937 — וואַרשע. אין די נאַצי־יאָרן — אין קאַצעטן. 1945—1952 — אין פּאַריז. זינט 1953 אין ניו־יאָרק.

ער האָט שוין, כּמעט פֿון זײַן קינדהייט אָן, געשריבן און געדרוקט, אָבער אין דער ייִדיש־ליטעראַרישער וועלט האָט זיך זײַן נאָמען ערשט אײַנגעקריצט אין יעדן שרײַבערס און לייענערס זכּרון — זינט דעם יאָר 1945: מרדכי שטריגלער. געווען איז עס אַ בריוו־אויסטויש צווישן ה. לייוויק, איינעם פֿון די, וועלכע זענען אין טרעבלינקע נאָר אין דמיון געווען — און איינעם פֿון די, וועלכע זענען דאָרט אין גוף געווען און אויפֿן גאַנצן לעבן אין דמיון געבליבן, מרדכי שטריגלער. שטריגלער באַלאַנגט צו יענע שרײַבערס, וועלכע האָבן אַ סך צו זאָגן און זאָגן עס מיט אַ סך ווערטער. ער באַלאַנגט צו יענע שרײַבערס וועלכע האָבן נישט אַזוי פֿיל צײַט אויף צו שרײַבן עס קורץ... אָבער ער זאָגט וואָס ער דאַרף. אין געזעלשאַפֿט וועט ער שווײַגן פֿערטל שעהען לאַנג, כאָטש מען קוקט אים אין מויל אַרײַן און מען וויל ער זאָל זאָגן. אָבער אַזוי גיך אַ רגע נאָר מיט זיך — אַזאַ אײַנדרוק געווינט זיך — ווערט זי אויסגענוצט אויף צו שרײַבן. עס זאָל בלײַבן, בלײַבן. מען איז דאָך אַ פּירזאָגער פֿאַר די אַלע ייִדן, וואָס וועלן שוין אייביק שווײַגן... אַט דאָס נישט־שווײַגן איז דאָך נישט נאָר אַ נאַציאָנאַלער חוב, עס איז אַן אוניווערסאַלער חוב.

איך האָב אים — מרדכי שטריגלערן — דאָס ערשטע מאָל געזען אין יאָר 1948, אין ניו־יאָרק, ער איז געקומען צום קולטור־קאָנגרעס. שעהען האָבן מיר אַן איין נאָכמיטיק אַרומגעוואַנדערט איבער קאַפֿעטעריעס. מיט אונדז אויך מאַני לייב. מאַני לייב האָט כּסדר געהאַלטן די הענט אויף שטריג־לערס אַקסלען און גערעדט מיט זײַן פּשטותדיק־מתּיקותדיק־חבֿריש־ליבפֿול קול: — דאָס ערשטע מאָל קוק איך אין פּנים פֿון אַ שרײַבער, וואָס האָט געזען דעם גיהנום מיט די אייגענע אויגן — לאָזט מיך אײַך אָנרירן, לאָזט מיך קוקן גלײַך אין אײַערע אויגן און זאָגט עפּעס, זאָגט דאָס וואָרט, זאָגט דאָס וואָרט.... אָבער שטריגלער האָט געשוויגן. ווער נאָך ווי ער האָט דעמאָלט געוווּסט, אַז ער וועט פֿון דעמאָלט אָן — ר'איז דאָן 27 אַלט געווען — און שוין ביזן סוף דאַרפֿן טאַקע זוכן דאָס וואָרט, און ווער ווייסט צי ער וועט עס געפֿינען.

אַ נאַרישקייט פֿון יענעם נאָכמיטיק אין אַ קאַפֿעטעריע מיט מאַני לייבן און שטריגלערן, זי האָט זיך פֿאַרגעדענקט און איך וועל זי דערציילן: אויפֿן טיש איז געשטאַנען אַזאַ מין צוגעפּעסטיקטער מעטאַל־טעלער מיט אַלערליי צוגאָבן צום עסן — צוקער, זאַלץ, געווירצן. נישט באַקאַנט מיט די ניו־יאָר־קער אופֿנים, האָט שטריגלער געמיינט, אַז מען קען דעם טעלער צורוקן

נענטער און ער האָט אים אַ שלעפּ געטון שטאַרקער און די גאַנצע פּאַסטרויקע האָט זיך צעשאָטן און צעבראָכן. אָבער אַלע דרײַ האָבן מיר עס עפּעס אויפגענומען מיט אַ זעלטענער רו; און פּאַרט זענען מיר אַלע דרײַ, מיט עפּעס אַ מאָדנער אָפּהענטיקייט געבליבן זיצן בײַם טיש וואָס האָט אויסגעזען ווי נאָך אַ פּאָגראָם... ענדלעך זענען מיר אַוועק צו אַן אַנדערן טיש און שטריגלער האָט ווײַטער געשוויגן, נאָך אײַנגעשפּאַרטער.

אין אָוונט איז פֿאָרגעקומען אַ מין הזכּרה נאָך די אומגעקומענע שרײַבערס. אַ צערעמאָניאַל פֿון אָנצינדן זעקס ליכט. די אָנצינדערס: זעקס שרײַבערס פֿון אייראָפּע. איינער — געדענק איך — דער פינפטער, איז געווען ז. סעגאַלאָוויטש, דער גרויסער מקונן. ער האָט שוין דאָס ליכט אָנגעצונדן און איצט איז די ריי אויף שטריגלערן. ער רירט זיך נישט פֿון אָרט, פֿאַררוקט נאָך טיפֿער דעם הוט אויף די אויגן. מען וואַרט. אַ פּײַנלעכע רגע. שטריגלער איז נישט צוגעגאַנגען. אַן אַנדערער האָט גיך פֿאַרענדיקט די פּײַנלעכע סיטואַציע. און אַלע האָבן פֿאַרשטאַנען די סיבה. נישט דאָס איז די פּאָרעם, נישט דאָס איז דער אופן פֿון געדענקען. טיפֿערע, העכערע, גרעסערע אופנים דאַרפֿן געזוכט ווערן.

נישט הויך אין וווּקס איז ער, שטריגלער, געדיכטע, טונקל־ברוינע האָר, טיף אין שטערן אַרײַנגעוואַקסן, און ער רעדט מיט אַ זייער דײַטלעכן קול און מיט אַ ביסל לערן־נגינה. ער איז כּסדר עפּעס מסביר. ער וויל זײַן זייער דײַטלעך און קלאָר פֿאַרשטאַנען. זײַן שליחות איז צו רעדן וועגן שטאַרק דעליקאַטע און נאָך טראַגישערע זאַכן. אַ וואָרט שפּילט אַ ראָלע און מען מוז אַלץ פּרעציז דעפֿינירן. אַ מאָל האָב איך בעת אַ ייִוואָ־קאָנפֿערענץ געהערט ווי דורך שטריגלערס ליפּן זענען דורך די ווערטער: דער דײַטש — ער האָט אָנגערופֿן דעם נאָמען — דער קדוש, וואָס האָט געראַטעוועט ייִדן, זכרונו־לברכה. שטריגלער האָט שטאַרק אַקצענטירט. אַלע אין זאַל האָבן אַ ציטער געטון בײַ דעם דאָזיקן זכרונו־לברכה...

דאָ אַנומלט האָב איך אין מאָנטרעאָל געהערט שטריגלערס אַ רעפֿעראַט. און אָט אַזוי ווי ער שרײַבט — באַרעדעוודיק און בצימצום גלײַכצײַטיק. זי סך גערעדט, כאָטש נישט לאַנג, אָבער אויך אַ סך געזאָגט. דאָ און דאָרט אַ מדרש, און דו פֿילסט, אַז ער שעפּט פֿון אַ פֿול פֿאַס מיט ייִדישן וויסן. קוקסט אויף אים און זעסט סאָלידקייט און טראַכטסט אַ ביסל מליצהדיק אַפֿילו, אָבער אין נוסח: אַ קוויש פֿול מיט זכרון און מיט אַ סך גמראַדיקער לאָגיק. אַ דרשה מיט אַן אָנהייב, אַ מיטן און אַ סוף, אי טיף טראַדיציאָנעל און אי שטאַרק מאָדערן און מוטיק; אַ ייִד, וואָס פֿילט שײַכותן פֿון ייִדישן שטח און ייִדישער צײַט. און אַ טרייסט דערמוטיקט דיך: עס זענען געבליבן יורשים.

מרדכי שטריגלער איז אין זייער מיזרח־וואַנט.

שלמה שמולעוויץ

געבוירן 1868 אין פּינסק, 1891 געקומען קיין אַמע־ריקע, געשטאָרבן אין ניו־יאָרק, 1טן יאַנואַר 1943.

גאָלד מיט זילבער ווי אַ יידישער פאָלקסדיכטער איז ער געווען אָט דער וווּנדערלעכער שלמה שמולעוויטש. ער האָט בפירוש געוואָלט, אַז מען זאָל אים רופן שמולעוויץ — מיט אַ לאַנגער ץ און נישט — — וויטש, מיט אַ טש. אין ענגליש פלעגט ער זיך רופן סעמיועל סמאָלל. סמאָל הייסט אין ענגליש קליין — און שמולעוויטש איז געווען אַ גרויסער און אַ הויכער און ער איז נישט מיד געווען צען טויזנט מאָל איבערצוחזרן דעם וויץ, וואָס איז קיין וויץ נישט געווען, אַז כאָטש סמאָל איז ער שוין דווקא נישט, הייסט ער אָבער סמאָל. ער איז געווען אַ הויכער און אַ פעסט־געבויטער, געהאַט אַ ברייט און קײַלעכדיק פּנים. נישט צו ברייט — מיט מאָס. און אַלץ מיט מאָס און קײַלעכדיק, די אויגן, דער שטערן, די ליסינע, די נאָז, דאָס מויל, די געדיכטע וואָנצעס.

איך האָב אים געקענט בלויז אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן. אַ מאָל איז ער אָבער געווען אַ „זשגוטשי ברונעט" — כאָטש מיט אַ ליסינע. און געהאַלטן האָט ער זיך שטאָלץ און געגאַנגען גלײַך און געקוקט אַלעמען גלײַך אין פּנים אַרײַן, כאָטש ער האָט שטאַרק ליב געהאַט צו חנפענען און צו באַ־וויינען זײַן מזל. אָבער באַווייענען מיט נאַציאָנאַלער ווערדע. נאָך אַלע זאַכן איז דאָך דאָס וויינען אַ נאַציאָנאַלע זאַך בײַ יידן, גייט צוריק העט ווײַט ביז די צײַטן פון על נהרות בבל. און געטראָגן האָט שמולעוויץ אַ פּײַנעם, האַרטן הוט און אַ פּראַק אין דער וואָכן, און אַלע מאָל זייער נעט אָנגעטון איז ער געווען, און אין קראַוואַט איז געווען אַרײַנגעשטעקט אַ גרויסע שפּילקע אין דער פאָרעם פון אַ גאָלדענער לירע — און אין קעשענע האָט ער אַלע מאָל געהאַט אַ פּאָר פון זײַנע ביכלעך, וואָס זענען קיין מאָל נישט אַזוי גרויס געווען, אַז זיי זאָלן נישט קענען אַרײַן אין אַ פּראַק־קעשענע. און אויפן פּנים אַלע מאָל די דורכדרינגענדיקע מינע פון אַ שטאָלצן דיכטער, און קוים האָט מען דערמאָנט דעם ענין ליד, איז דאָס פּנים באַלד געוואָרן מעלאַנכאָליש און פאַרחלומט און ער איז שוין גרייט געווען צו זינגען אייניס פון זײַנע לידער. און פאַרפאַסט האָט ער זיכער מער לידער און רעטענישן ווי שלמה המלך — און דער תּנך זאָגט, אַז דער האָט פאַרפאַסט טויזנטער פון יעדן פון די מינים. און געזונגען האָט שמולעוויץ זייער אָנגענעם, ווײַל ער איז געווען זייער מוזיקאַליש. אָט אַזוי שטעלט זיך דאָס פאָלק פאָר אַ דיכטער. דאָס פאָלק האָט נישט קיין באַגריף, אַז אַ דיכטער דאַרף זײַן אַ

באָהעמע. שמולעוויץ איז געווען אַ פֿאָלקסדיכטער אין גאָלד־רײַנסטן זינען פֿון דעם וואָרט און אַזוי האָט ער טאַקע אויסגעזען. ער האָט פֿאַרשטאַנען דאָס פֿאָלק, דאָס פֿאָלקסטימלעכע פֿאָלק — מיין איך, נאַטירלעך. שמולעוויץ איז אײגנטלעך געווען אַ ייִדישער מינע־זינגער, אַ שפּילמאַן פֿון 16טן יאָר־הונדערט, וואָס האָט פֿאַרבלאָנדזשעט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אַרײַן. אײַ וואָלט ער זיך גוט געפֿילט, ווען ער וואָלט געלעבט מיט אַ פּאָר הונדערט יאָר פֿריִער. און צענדליקער ביכער וואָלטן שוין וועגן אים געשריבן געווען און מען וואָלט אים געפּאָרשט און שטודירט, יעדעס ליד באַזונדער, יעדעס וואָרט.

„דאָס טליתל", „אַ בריוועלע דער מאַמען" און נאָך און נאָך — דאָס זענען אַלץ געווען זײַנע לידער, ער האָט אַזוי פֿיל לידער פֿאַרפֿאַסט, אַז אַ מאָל פֿלעגט זיך אים דאַכטן, אַז ער איז דער פֿאַרפֿאַסער פֿון אַלע פֿאָלקסטימלעכע ייִדישע זינגלידער, אַן אַנדערש מאָל האָט ער אָבער זײַנע אײגענע לידער נישט דערקענט, אַזוי פֿיל זענען זיי געווען אין צאָל. ער האָט כּסדר געשריבן, געגראַמט, קאָמפּאָנירט. ער האָט פֿון יעדער סיטואַציע גע־מאַכט אַ ליד. און מאַנכע לידער זענען גאַנץ ליטעראַריש געווען דווקא, אַנדערע האָבן אַנטהאַלטן אַפֿילו הײַנריך הײַנישע איראָניע.

און אַ משפּחה האָט ער געהאַט אַ גרויסע און אַ מוזיקאַלישע, אַ קאַפּעליע אַ גאַנצע, זיבן זין און אַ טאָכטער, שיִר נישט ווי יעקב אָבינו. און דאָס לעבן זײַנס איז געווען מעלאָדראַמאַטיש פֿון ערשטן מאָמענט אָן. און אַ יתום איז ער באַלד געבוירן געוואָרן, זײַן מוטער איז געשטאָרבן אין „זײַן" קימפּעט... און עס איז אַ שאָד, וואָס ער האָט זײַן לעבן נישט אויפֿגעשריבן. און אפֿשר האָט ער עס געטון. און אפֿשר וואָלט עס נישט געווען דאָס, וואָס מען שטעלט זיך פֿאָר, אַז עס וואָלט געדאַרפֿט זײַן. ווײַל ער וואָלט דאָס לעבן זײַנס באַ־שריבן מיט צו פֿיל פּאָמפּעזער ווערדע און ער וואָלט כּסדר דעם אמת פֿאַרדעקט.

דאָס איז געווען אין מאָנטרעאָל אין יאָר 1942. די דיכטערין איידע מאַזע האָט אײַנגעאָרדנט אַ יובל־אָוונט פֿאַר שמולעוויצן. געווען איז עס דער לעצ־טער אָוונט אין זײַן לעבן. אַ געזעגענונגס־אָוונט מיט דער וועלט... ער האָט עס נישט געוווּסט. און עס איז אים געווען ליהודים אַ פּאָר וואָכן צײַט. ער איז אַרומגעגאַנגען אין די „סאָסאַיעטיס" פֿאַרקויפֿן בילעטן. און ער האָט אומעטום מיט גרויס ווערדע און מיט דער גאָלדענער לירע אין לאַץ און אַ גאָלדענער האַרף אין קראַוואַט און שטײַענדיק שטאָלץ — אַ קלײניקײט, דער שפּילמאַן פֿון זײַן פֿאָלק — דערמאָנט, אַז ער און נישט קיין אַנדערער איז דער פֿאַרפֿאַסער פֿון „אַ בריוועלע דער מאַמען"... און אַז דער אָוונט איז געקומען איז דאָס געווען אַן אָוונט פֿון כּל־טוב און אַלץ פֿון שלמה שמו־

לעוויץ — מיט דער לאַנגער ץ, וואָס זעט אויך אַליין אויס ווי אַ טאָן־שליסל. און שמולעוויץ האָט אײַנגעשטודירט מיט אַ טוץ קינדער זײַנע לידער און רעטעניש און שפּילן און באַלאַדעס און די קינדער האָבן צו אים אַרויס־געקוקט ווי צו אַ מילדן גאָט. ער האָט זיי ממש פֿאַרכּישופֿט — די קינדער, און כאָטש געגעבן האָט מען אַ דרײַסיק זאַכן און אַלע אין זאַל האָבן געוווסט אַז אַלץ איז פֿון שלמה שמולעוויץ, האָט מען דאָס כּסדר געמוזט באַטאָנען, און אַז איין מיידעלע מיט צוויי פֿעלנדיקע צײנדלעך פֿון פֿאָרנט האָט דאָס פֿאַרגעסן צו זאָגן, האָט ער זי שטרענג צוריקגערופֿן אויף דער בינע. און מײַן ווייניקייט האָט בײַ אָט דעם אָוונט געפֿירט דעם פֿאָרזיץ. איך האָב מיך שטאַרק אָנגעשטרענגט אַרײַנצופּאַסן זיך אין טאָן, אָבער איך האָב וואַרשײַנ־לעך כּסדר געטראָפֿן מיטן פֿינגער אין הימל אַרײַן, ווײַל אין דער מיט פֿון אָוונט האָט דער פֿאָלקסדיכטער מיך גענומען איגנאָרירן און אַליין ווײַטער געפֿירט זײַן אָוונט... איך האָב מיך שטילערהייט אַראָפּגעשאַרט פֿון דער בינע און געשעפּט נחת, פֿון ווײַטן, פֿון דעם וווּנדערלעכן פֿאָלקס־ספּעקטאַקל. וועגן דעם אינצידענט האָבן מיר זיך ביידע נישט וויסנדיק געמאַכט, מיר האָבן זיך צו מאָרגנס דערלאַנגט ביכלעך צום אָנדענק און די צושריפֿטן זענען געווען אין באָמבאַסטישע גראַמען, מיר האָבן איינער דעם אַנדערן טיטולירט אַן ערך „קעניג פֿון ייִדישן ליד” און דערצו האָבן מיר זיך פֿאָטאָגראַפֿירט, זיך דער־לאַנגענדיק די הענט...

וווּנדערלעכער אַלטער, אייביק־יונגער; דעם גאַנצן פֿאָלקס גלויבן און האָפֿערדיקייט איז געווען אין אים ביזן לעצטן טאָג זײַנעם — אין... מושבֿ־זקנים.

1943

זלמן שניאור

געבוירן אין שקלאָוו אין יאָר 1887. געוווינט אין אָדעס, וואַרשע, בערלין, פּאַריז, ניו־יאָרק, ארץ־ישראל, מדינת־ישראל, ניו־יאָרק. געשטאָרבן 20סטן פעברואַר 1959.

זלמן שניאור שרייבט שוין אפשר הונדערט יאָר, ניין, צוויי הונדערט יאָר — ווייל ער שרייבט גלייכצייטיק אין צוויי לשונות. ער האָט אָנגעהויבן שרייבן, ווען ער האָט אָנגעהויבן חומש. און דרוקן — ווען ער האָט אָנגעהויבן לייגן תּפילין. צווישן יידן איז ער אַזוי פּאָפּולער, ווי... צווישן יידן און צווישן גוים. (חבר זעצער, זעצט אויס פינקטלעך די צאָל פינטעלעך!) אויס מורא פאַר שניאורן גיבן מיר אַפילו נישט די איניציאַלן פון דעם פּאָפּולערן נאָמען. אויס מורא? ניין, אויס „מורא". מחמת מיר שפּילן נאָר, אַז מיר האָבן מורא. מיר האָבן נישט.

שניאור איז אַן אויסגעצייכנטער און באמת טאַלאַנטירטער שוישפּילער. מיר זאָגן עס בפירוש אָן אַ שמץ פון סאַרקאַזם חלילה. אַדרבא — יעדער גרויסער פּראָזע־שרייבער, און שניאור איז אויך דאָס, חוץ דיכטער — מוז אין אַ געווויסן זינען זיין אַ שוישפּילער. אַנדערש איז פּשוט נישט מעגלעך צו שרייבן גוטע פּראָזע. אין בעסטן פאַל — קינסטלערישע עסייען. שניאור קען אויסשפּילן אַ גאַנצע שול מיט יידן, אַ גאַנצן הויף מיט קינדער, אַ גאַנצן מאַרק מיט ווייבער. אַ גאַנצן קאַפע מיט קינסטלערס און שרייבערס. פון יחידים אָפּשפּילן איז שוין אָפּגערעדט.

אָבער עס איז פאַראַנען איין ראָלע, וואָס עס גייט שניאורן אין לעבן, אָט די ראָלע צו שפּילן פּערפעקט; און דאָס איז די ראָלע פונעם רשע אין דער ליטעראַטור ביי יידן איןביידע לשונות. אָבער די דאָזיקע ראָלע שפּילט ער זייער נישט גוט. עס געלינגט אים נישט. מילא — וואָס שייך אויף אַן אמת זיין אַ רשע, פון דעם איז דאָך אָפּגערעדט. וואָלט ער עס געוועןָ — וואָלט ער עס דאָך נישט געדאַרפט שפּילן... ווען ער זאָל זיך אַפילו שטעלן אויפן קאָפּ — וועט ער אונדז נישט איינרעדן און אונדז נישט איינשפּילן, אַז ער איז אַ רשע. נישטאָ קיין שרייבער מיט אמתן טאַלאַנט — אַ רשע. נישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט. און וואָס שייך אַ יידישן שרייבער אַ רשע — און דערצו אין צוויי לשונות — אַ טאַטע־לשון און אַ מאַמע־לשון — איז דאָס גלאַט אַן אַבסורד צו וועלן שפּילן אַ רשע.

גייט עס אים טאַקע, שניאורן — ווי עס איז געגאַנגען לעאָניד אַנדרעיעוון מיט דעם גראַף לעוו ניקאָלאַיעוויטש טאָלסטאָי: ער שרעקט מיך, אָבער איך האָב נישט קיין מוראָ... און אַז שניאור האָט זיך אַ מאָל — דאַכט זיך

אין יאָר 1955 אין אַ יידישער וואָכן־צײַטונג אין תּל־אביב — דערדיכטעט אין אַ צײַטליד וועגן... ...אַז ער מעג שוין גיין שלאָפֿן... האָבן מיר אַלע מער געשמייכלט ווי געצאָרנט.

איז אַ פּיפּיקער זשורנאַליסט פּונקט דעמאָלט געגאַנגען צו דעם, צום שלאָפֿן געשיקטן שרײַבער, און האָט מיט אים געמאַכט אַן אינטערוויו וועגן דער ליטעראַטור בײַ יידן בכלל און שניאורן בפרט. האָט זיך דער צום שלאָפֿן געשיקטער, אָבער גאָרנישט שלעפֿעריקער שרייבער אַ כאַפּ געטון און ממש אויף אַ הויך קול אָנגעהויבן צו רעדן. און דער זשורנאַליסט האָט זיך שוין געריכט אויף אַ סענסאַציע — אָבער געזאָגט האָט דער שרײַבער אַזוי: ז. שניאור — ער איז אַן אויסגעצייכנטער דיכטער און אַן אויסגעצייכנטער פּראָזע־שרײַבער, און נישט סתּם אַזוי, ער איז אַ גרויסער קינסטלער! האָט דער זשורנאַליסט גענומען שטאַמלען: — אָבער... אפשר האָט איר נישט דערהערט דעם נאָמען? — וואָס הייסט נישט דערהערט — איך האָב דאָך דײַטלעך אָנגערופֿן שוין דעם נאָמען — זלמן שניאור! — — נו, אָט האָט איר רישעות צווישן שרײַבערס. אַז גאָט בעֶנטשט מיט טאַלאַנט — שעלט ער נישט מיט רישעות גלײַכצײַטיק.

זעלבסט־צווישנרוף: מ. ר., וואָס האָסטו זיך אַזוי צעשריבן אין אַ גרינגן טאָן? עס איז דאָך נישט דײַן טבע אין דער דאָזיקער סעריע פֿון פּענ־פּאָרטרעטן.

זעלבסטענטפֿער: עס איז טאַקע נישט מײַן טבע בכלל און באַזונדערס נישט אין דער סעריע. אָבער — ערשטנס האַלט איך מיך אין די ראַמען פֿון דרך־ארץ, וואָס איך האָב בפּירוש פֿאַר שניאורס טאַלאַנט, גרויסן טאַלאַנט, און איך האָב דעם דרך־ארץ די טעג באַשטעטיקט לייענענדיק זײַן נײַעם ראָמאַן „דער ממזר", און — צווייטנס מעג מען אַפֿילו וועגן די גרעסטע דערציילן עפּיזאָדן, אַנעקדאָטן. עס גיט זיי צו חן. עס נעמט אויך אָוועק די לאַנגווײַל בײַם שרײַבן און אויך... לייענען. ווי האָט געזאָגט אַ גרויסער ליטעראַטור־אַנעקדאָטיסט פֿון דער פּוילישער ליטעראַטור באָי־זשעלענסקי? — אַ ליטעראַטור אָן אַנעקדאָטן איז ווי אַ קיך אָן זאַלץ... און סוף־כּל־סוף, אַפֿילו אין תּנך דערציילן זיך אַנעקדאָטן וועגן די אייביקע געשטאַלטן אין דעם אייביקן ספֿר

זעלבסט־פּסק־דין: עס איז כּשר. און לאָמיר ווײַטער גיין.

שניאור איז אַ הויכער. האָט אַ סאָליד סעמיטיש פּנים און בלישטשענדיקע שוואַרצע אויגן. זינגט אַ באָרד וואָקסט אים — טראָגט ער זי. פֿראַנצייזיש געשוירן, די באַקן — ראַזירט. און דער עיקר — מעכטיקע וואָנצעס. צי איז ער אויך אַ שטאַרקער, אַ גיבור, אַ שמשון הגיבור — ווי ביאַליק האָט אים גערופֿן — ווייסן מיר נישט. ער האָט נאָך קיין מאָל קיינעם נישט געשלאָגן

און זיך מיט קײנעם נישט געראַנגלט בפועל־ממש. אפשר אַ מאָל — נאָך אין שקלאָוו, אָבער נישט אויף דער ברײטער װעלט. ער פילט נאָר אַלע מאָל אין זיך אַן איבערמאָס פון ענערגיע. און אָט האָט מיר אַ מאָל דער באַרימטער דיכטער א. ס. דערצײלט, און נישט סתּם דערצײלט, ער האָט מיך ממש אַרומגעשװוּכט איבער תּל־אביב, אַז ער זאָל עס מיר דערצײלן, װײַל דאָס װאָרט איז אים אַזוי געפעלן צוליב דער אָריגינאַליטעט: — נאָר װאָס האָב איך אַ שעה צײַט פאַרבראַכט מיט שניאורן — גערעדט װעגן אַלץ און אַלעמען. פּלוצלינג רופט זיך שניאור אָפּ: איר װײסט גאָרנישט װיפל איך לײַד, איך דרײ מיך דאָך אַרום צװישן אַלע איבעריקע ייִדישע שרײַבערס װי אַ זשיראַף צװישן ציגן... אַז א. ס. האָט מיר די מעשה דערצײלט, איז זי מיר אויך נישט װײניקער געפעלן װי אים, און מיר האָבן דעמאָלט געלאַכט, געלאַכט. און עס איז דאָך אַזוי זעלטן הײַנטיקע צײַטן אַ באמת האַרציק געלעכטער צװישן ייִדישע שרײַבערס. און נישט חלילה מיט בײזקײט האָבן מיר געלאַכט, נאָר די מעשה איז אונדז אויף אַן אמת געפעלן געװאָרן צוליב דער אָריגינאַליטעט.

נישט אײן מאָל איז עס דעם שרײַבער פון די שורות אויסגעקומען — װי אַ ביכער־רעצענזענט — צו שרײַבן גוטס װעגן שניאורס מײַסטערישע לידער און מײַסטערישער פּראָזע אין ייִדיש. אָבער אויך — אין געזעלשאַפט־לעך־ליטעראַרישע נאָטיצן — קריטישע באַמערקונגען װעגן זײַנע אַרויסטריטן. און שניאור בלײַבט נישט שולדיק אַן ענטפער. און דאָ אַנומלט — דאַכט זיך פרי־פרילינג 1956 אין תּל־אביב — װײל שלימזל, אָדער דװקא מזל, אַז איך דאַרף פירן דעם פאָרזיץ אויף אַן אָװנט לכבוד אַדאָלף העלדן אין שרײַבער־פאַראײן, און עס באַװײַזט זיך אין לאָקאַל — — זלמן שניאור. רוף איך אים צום פּרעזידיום־טיש און איך טראַכט מיר: װער װײסט ?... אָבער ער קומט צו, ער גריסט זיך, ער דערלאַנגט שלום־עליכם, ער ציטירט אַפילו חבריש מײַנע באַמערקונגען װעגן דעם גאַסט און איך קוק נאָענט אין זײַנע אויגן און זײ בלישטשען מיט די הומאַנע איבערלעבונגען פון זײַנע העלדן און גאָרנישט מיט דער נישט גוט געשפּילטער „רישעות" פון זײער מחבר.

איך האָב אַ סך מאָל געזען זשיראַפן — אַפילו אין תּל־אביבער גן־החיות איז דאָ אַ הערלעכער זשיראַף און ער איז ליידער אײנזאַם, װײַל זײַן חברטע האָט אַ מאָל אַן אומגליקלעכן שטופּ געטון איר שײנעם קאָפּ צװישן צװײַגן פון אַ בוים — איך האָב אויך אַ מיליאָן מאָל געזען ציגן. אָבער אַ זשיראַף צװישן ציגן האָב איך קײן מאָל נישט געזען. און אַפילו אויף דעם נאָר װאָס דערמאָנטן אָװנט האָב איך נישט געקענט אַפילו סימבאָליש זען אַזאַ זאָאָלאָ־גישע לאַנדשאַפט. סײַ װי, דאָס װאָרט איז שײן און אָריגינעל. און זאָל עס בלײַבן אין זכרון.

און לאָמיר שוין אײן װעגס דערמאָנען װאַרשע. די שפּעטע צװאַנציקער יאָרן. שניאור אַ גאַסט. דער ליטעראַטן־פֿאַראײן, טלאָמאַצקע 13, נעמט אים אויף און איך, װי סעקרעטאַר, דאַרף אָרגאַניזירן. שניאור שטעלט באַדינ־גונגען: 600 זלאָטעס. װאָס טוט מען? פֿאַלט מיר אײַן אַ סטראַטעגישער פּלאַן. מיר װעלן נישט מאַכן אַ גרויסן אָװנט אין אַ זאַל — נאָר דרײַ אָװנטן אין אײגענעם לאָקאַל — װעלן קאָסטן זײַן קלײנע, און מיר װעלן קענען גאַראַנטירן. שניאורן געפֿעלט דער פּלאַן. — אָבער — נעם איך אויס — װאָס מער, װעט זײַן דער ריװח פֿון פֿאַראײן. שניאור איז מסכּים. און... מיר האָבן געהאַט מזל. כּך־הװה. די דרײַ אָװנטן זענען געװען געפּאַקט. שניאור האָט זיי װוּנדערלעך אָפּגעשפּילט אין ייִדיש און אין עברית. קײן רעדעס זענען כּמעט נישט געװען און די שטימונג, אַ מחיה. — — אויף צו מאָרגנס ברענגט מיר שניאור אַ מתּנה — אַ זילבערנעם בלײַשטיפֿט... אין מײַן דאַזיקן אַמט פֿון סעקרעטאַר איז נישט געװען קײן מינהג־מתּנות. און איך בין אַ ביסל באַלײדיקט און איך זאָג שניאורן: — אַז איר האָט מיר געגעבן אַ זילבערנעם בלײַער, װעל איך אײַך מאָרגן געבן אַ גאָלדענעם... זאָגט שניאור מיט אַ בלישטש אין די אויגן: — אײַלט זיך נאָך נישט מיט אײַער מתּנה, װײַל מײַן מתּנה איז נישט פֿון זילבער און נאָר באַזילבערטע מעש. און כּך־הװה... סײַ װי האָב איך די מתּנה פּיעטעטפֿול אָפּגעהיט ביז הײַנט.

ז. שניאור איז, לײדער, לײדער, אַ ביסל אַ צוקער־קראַנקער און האָט דעריבער זײער פֿײַנט סאַכאַרין. און אַ מאָל, רעאַגירנדיק אויף מײַנער אַ האַנדלונג, האָט ער געזאָגט װעגן מיר: דער סאַכאַרין־דיכטער... אָבער גלײבט מיר, לײענערס, און איך האָף, אַז איר גלײבט; אַז אמתער, נאַטירלעכער האָניק פֿון אַכטונג און חברשאַפֿט זענען די גוטע רײד אין דעם פֿענפֿאַרטרעט װעגן שניאורן און זײ זענען צונויפֿגעקליבן טאַקע פֿון דעם אמתן קינסטלערישן האָניק, װאָס איז דאָ אין די שײנע, פֿאַרביקע, רײַכע בלומען פֿון די צענד־ליקער ביכער, די בײטן, די גערטנער און די פֿעלדער פֿון זײַנע װערק, װאָס ער האָט געפּאַקערט און געזײט שוין צװײ דורות לאַנג.

1951

לייב שפּיזמאַן

געבוירן אין וואַרשע אין יאָר 1903. 1939 דורך רוסלאַנד אַוועק קיין אַמעריקע. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 20סטן יוני 1963.

די גאַנצע אומרויִקע דינאַמיק, פון איין זייַט, און די גאַנצע אומדער־מידלעכע אויפטועריִשע התמדה פון דער אַנדערער זייַט — פון דעם וואַר־שעווער טיפּישנעם ייִד איז — ווי ליכט אין אַ ברענגלאָז — געווען קאָנ־צענטרירט אין אָט דעם נישט הויך געוואַקסענעם, דיקלעכן, קורצזיכטיקן, טונקל־ברוין־קרויזהאָריקן לייב שפּיזמאַן. און אַפילו דער נאָמען דינאַמיש.

דאָס גאַנצע, לצערנו, — לפי־ערך הייַנטיקע מאָסן — קורצע לעבן זייַנס איז ער געווען אַ פּאַרטייִשער פּועלי־ציוניסטישער און געזעלשאַפטלעכער ייִדי־שער פּראָפעסיאָנאַל און נישט פאַרלוירן דעם יוגנטלעכן אידעאַליזם און אַלע מאָל נישט נאָר אַליין התלהבותדיק געטאָן, נאָר אויך יענעם געקענט אָנוואַ־רעמען מיט זייַן אייגענעם התלהבות.

פאַראַנען אַזאַ טערמין „ענגע פּאַרטייִשקייט”. אונדז דאַכט זיך, אַז יעדע פּאַרטייִשקייט איז ענג, אָבער עס איז אַן ענגעניש אין וועלכער די גאַנצע וועלט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז אַרייַן — נישט אַרויסצודראַפּען זיך. און פּאַרט זענען פאַראַן פּאַרטיי־יחידים מיט האַרציקע הערצער — אויב מען קען אַזוי זאָגן — וואָס לעבן אַ לעבן לאַנג אין דער פּאַרטיי־ענגשאַפט און פּאָרט אויסער אירע גרענעצן, מויערן, קראַטעס. לייב שפּיזמאַן איז געווען אַזאַ איינער. פּאַרטיי איז פּאָרט נאָר לבוש. דער מענטש — דער עיקר.

די מייסטע ביכער און בראָשורן, וואָס שפּיזמאַן האָט געשריבן, זענען אויף פּועלי־ציוניסטישע טעמעס און באַלאַנגען זיכער צו דער פּאַרטיי־ליטע־ראַטור־געשיכטע. אָבער זייַן הויפּטווערק, דאָס ווערק אין וועלכן ער האָט מסתמא געפונען דעם תיקון פון זייַן גייַסטיקן לעבן און אויסלעבן זיך, זענען די דרייַ בענד: „חלוצים אין פּוילן” — אַן אַנטאָלאָגיע פון דער חלוצישער באַוועגונג.

דו בלעטערסט און דו לייענסט די נאָענט צוויי טויזנט זייַטן פון די דרייַ ביכער און קענסט דיר בשום־אופן נישט גלייבן, אַז איין מענטש האָט דאָס אַלץ צונויפגעטראָגן, געסדרט, קאָמענטירט. וואָס דאָרט איז אַלץ דאָ אין די ביכער! און מען קען אויך אַנדערש פאָרמולירן: וואָס איז דען דאָרט נישט דאָ?

אַוודאי ווייסן אַלע, אַז די חלוצישע באַוועגונג האָט נאָענט צו אַ האַלב יאָרהונדערט קאָנסטרויִרט מדינת־ישראל. איז געקומען לייב שפּיזמאַן און האָט

מיט זײַן אײגנאַרטיקער התלהבות, וואָס קען נישט קײן אוממעגלעכקײטן, און האָט רעקאָנסטרויִרט אין וואָרט פאַר דער געשיכטע די חלוצישע באַוועגונג. דאָ אין די ביכער האָסטו זי אין ליד, אין דערצײלונג, אין רעפּאָרטאַזש, אין פאָרשונג, אין באַריכטן, אין פּאָרטרעטן פון יחידים, אין אויפרופן, אין כראָניקעס. האָט עס טאַקע דאָס אַלץ איין מענטש געטאָן? יאָ — ווײַל דער מענטש איז געווען שפּיזמאַן.

פאַראַנען — זאָגט מען — געווען אַ טראַדיציע בײַ דער ענגלישער קאַוואַלעריע, אַז ווען זי איז אַרויס אין אָפענעם אַנגריף אויפן קריגספעלד, האָט דער קאָמענדאַנט פון דער בריגאַדע צוריקגעשיקט אײנעם אַ קאַוואַלעריסט, ער זאָל שטײן אויף אַ בערגל פון ווײַטן און צוזען דעם אַנגריף און — — עס זאָל אויף זיכער בלײַבן אײנער, וואָס וועט קענען דערצײלן די מעשׂה. נו, עס זענען ברוך־השם געבליבן אַ סך, אַ סך חלוצים אויף צו דערצײלן די מעשׂה פון חלוציזם, אָבער פאָרט איז טאַקע שפּיזמאַן דורך דער השגחה אַלײן באַשטימט געוואָרן צו אָט דער ראָלע, צוליב זײַנע באַזונדערע טאַלאַנטן פון התמדה און התלהבות.

פאַראַנען אין ניו־יאָרק אַ ייִדיש קולטורהויז, דאָס אַ״ג אַטראַן־הויז, וואָס איז אונטער דעם דאַך פון דעם הויז די היים פון דעם ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, וואָס איז אַ שטיקל נס אין ניו־יאָרק, אי מיט דעם וואָס ער איז בכלל דאָ און אי מיט דעם, וואָס דאָרט איז מקוים געוואָרן די קאָעקסיסטענץ אויפן נײטראַלן באָדן פון דער ייִדישער קולטור פון די פּועלי־ציוניסטישע און בונדיסטיש אָריענטירטע ייִדישע גרופּירונגען. איז אין דעם דאָזיקן נס בתוך נס פאַראַנען אַ פּרעסע־דעפּאַרטאַמענט, האָט אָט דאָס אַמט אָנגעפירט שפּיזמאַן. און זײַן התלהבותדיקע גלײביקײט האָט אים אָנדערטהאַלבן צענדליק יאָרן, ממש ווי די השגחה עליונה אַלײן, געפירט דורך דונערן און בליצן פון ווידעראַנאַנדן פון צעקריגטע געמיטער פון פּרינציפּיעלע קעגנערס און ער איז קײן מאָל נישט ניכשל געוואָרן, און אַלע מאָל געפונען די קלוגע פּשרה.

און ווי פּרעסעשעף פון קולטור־קאָנגרעס האָט שפּיזמאַן אָנגעפירט מיט דער ראַדיאָ־שעה פון קאָנגרעס. זונטיק־אײַן און זונטיק־אויס האָבן צענדליקער טויזנטער ניו־יאָרקער ייִדן אויפגעדרײט דעם אַפּאַראַט און געהערט שפּיזמאַנס וואַרעמע שטים מיט דעם כאַראַקטעריסטישן וואַרשעווער אַקצענט: עס רעדט צו אײַך דער ייִדישער קולטור־קאָנגרעס.

און עס איז אַלע מאָל געווען עפּעס גוטס וועגן אַ קולטור־יום־טוב, אָדער אַ יובל, אָדער אַ נײַ ייִדיש בוך. די יאָרן זענען געגאַנגען און די פּראָגראַמען האָבן זיך געצײלט און אָנגעצײלט ביז זיבן הונדערט. און בײַ 701 זיך אָפּגעשטעלט. די פּראָגראַמען גופא מסתמא נישט, אָבער שפּיזמאַנס חבריש קול אויף אײביק...

צבי שפּיצער

געבוירן 1887 אין לעמבערג. 1911 — דאָקטאָר יורי. קלײנע מערב־אײראָפּעישע רײַזעס. געשטאָרבן אין לעמבערג 2טן יאַנואַר 1917.

װען איך שרײַב די װערטער (1940) זענען עס נאָענט צו דרײַסיק יאָר זינט איך האָב דעם ד״ר צבי שפּיצער דאָס לעצטע מאָל געזען. אָבער איך געדענק אים נאָך װי הײַנט. איך זע דאָס אַ ביסל אײַנגעקװעטשטע בלאָנדע פּנים, די געדיכטע װאָנסעס, די זעלטן ראַזירטע באָרד, איך הער די שטים, אַ יידישע לעמבערגער שטים מיט אַלע לעמבערגער אַקצענטן. איך זע דעם װײכן, אַרטיסטיש צעדרײטן קאַפּעליוש, דעם אויפגעהויבענעם קאָלנער פון „אָבער־ראָק״ (אַזוי האָט געהײסן אַ מאַנטל אויף גאַליציש), איך זע — מיט אײן װאָרט — די פּאָר־ערשטער־מלחמה־גאַליציע, װאָס איז שוין ניט געװען קײן השׂכּלה און איז נאָך נישט געװאָרן יידישיסטיש־פאָלקסטימלעך, װי עס איז שוין אין יענער צײַט לאַנג געװען דער יישוב אויף יענער זײַט פון דער גרענעץ. צבי שפּיצער האָט געהאַט אַלערלײ פּרעטענסיעס און אַלערלײ טענות צו זיך און נישט מינער צו אַנדערע. ער האָט פון זיך געפאָדערט אוממעגלעכע זאַכן, געװאָלט זײַן אַן אַקטיאָר, אַ דראַמאַטורג, אַ רעזשיסאָר און אַ פירער פון דער יידישער ליטעראַטור אין גאַליציע, װאָס איז ערשט אַרויס פון אירע קינדערשיכלעך, אָבער לויט שפּיצערן האָט זי זיך באַלד געדאַרפט אָנגורטן אַ פּאָר פליגלען און אַװעקפליען נאָך העכער װי עס איז געפלויגן פּרץ אין יענער צײַט...

צבי שפּיצער האָט איבערגעלאָזן נאָך זיך אַ פּאָר צענדליק בעסערע און ערגערע שטודיעס װעגן אַלערלײ פּראָבלעמען פון דער יידישער קולטור און ליטעראַטור פון זײַן צײַט און אַ פּאָר בעלעטריסטישע פּרוּװן, און איז יונגערהײט אַװעק פון דער װעלט. װער װײסט, צי װעלן זײַנע װערק װען עס איז געזאַמלט װערן — נישטאָ בײַ אונדז קײן פּיעטעט צו גרעסערע װי שפּיצער איז געװען.

ער האָט געװױנט בײַ זײַן פאַמיליע אין דעם נידעריקן און אָרעמען טײל פון לעמבערג, אַרום דער זונגאַס. דאָרט האָבן זײַנע עלטערן געהאַט אַ געװעלבל. דאָרט האָב איך אים געטראָפן דאָס ערשטע מאָל. ער האָט מיר געגעבן סימנים, אָבער איך האָב מיך אין דעם פלאָנטער פון די געסלעך און קלײנע שטיבלעך נישט געקענט אָריענטירן. דערצו איז אויף דעם שילד פון זײַנע עלטערן געװען די אויפשריפט: ביקעלס — דאָס האָט מיך גאָר צעמישט. (ביקעלס איז געװען זײַן אמתער נאָמען, דעם נאָמען שפּיצער האָט ער גענוצט

נאָר אין שרײַבן). דאָס איז געווען אין יאָר 1910. זײַן נאָמען האָב איך שוין גוט געקענט פון זײַנע אַרטיקלען און פאַר מיר איז ער געווען געטלעכער אויטאָריטעט אין זאַכן פון ליטעראַטור און פּאָעזיע. דרײַ און צוואַנציק ער און זעכצן איך...

איך האָב אים מיט ציטערנדיקע הענט אַוועקגעלייגט מײַנע לידער אויפן טיש, אויף וועלכן מען האָט נאָר וואָס אָן אַ טישטעך עפּעס געגעסן און עס איז נאָך געווען פאַרגאָסן הערינג־לאַג און קרישעלעך זעגען געווען צעשאָטן, ציבעלע־שאָלעכץ האָט זיך געוואַלגערט. די לידער זענען געווען דינע און ווערטלאָזע ליבעסלידער, אָט יענע, וואָס מען ציטערט איבער זיי אַזוי ווי איבער יונגע געוויקסן, וואָס דער מינדסטער ווינט קען אומבלאָזן. ער האָט געלייענט ווי דער שפּיציקסטער קריטיקער, אָט דער צבֿי שפּיצער, וואָס איז נאָך דעמאָלט אַפילו קיין דאָקטאָר נישט געווען. ער האָט איבערגעלייענט און זיך געווישט די ברילן, און שפּעטער אַרײַנגעקוקט אין די לידער איבער די ברילן. שפּעטער האָט ער געשמייכלט אין די ברילן אַרײַן, שפּעטער האָט ער זיך אויסגעטאָן די ברילן און געזאָגט: קומט, לאָמיר גיין — און עס איז געווען פּונקט אַ זונטיק און פאַר נאַכט און ווינטער און פראָסט.

מיר זענען אַרויס אַ ביסל הינטערן שטאָט, מײַן הוט איז געווען נאָך גרעסער ווי זײַנער, ביידע האָבן מיר געטראָגן שטעקנס, ביידע די קאָלנערס אויפגעשטעלט און שפּיצער האָט פאַר מיר געהאַלטן אַ לעקציע, ווי אַזוי מען דאַרף שרײַבן לידער און ווי אַזוי איך שרײַב נישט. ער האָט געפּאָדערט פון מיר היינעס וויץ, געטעס טיפקייט, פּעטראַרקאַס קונסט, דאַנטעס טראַגיק, וויספּיאַנסקיס ווייכקייט, מיצקעוויטשעס קלאָרקייט, פּרצעס ייִדיש און וואָס מער — געדענק איך נישט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז נישט נאָר קען איך איצט נישט שרײַבן קיין לידער, נאָר איך וועל קיין מאָל נישט קענען. אַזוי ווי איך בין אַ באַנק־באַאַמטער, זאָל איך מיר נישט פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט לידער. איך בין אַזוי דערשראָקן געוואָרן פון די רייד, אַז מיר האָט זיך געדאַכט פון שרעק און פון צער, אַז די הענט זענען בײַ מיר איבערגעדרייט געוואָרן מיט די דלאָניעס אַרויס און איך קען זיי שוין מער נישט צוריק־דרייען. איך בין געוואָרן אַ קריפּל, האָב איך מיר געטראַכט, מיט אַזעלכע הענט קען מען סײַ ווי נישט שרײַבן מער, אַפילו אין די בוכהאַלטערסקע ביכער פון דער באַנק.

מיר זענען צוריקגעקומען אין שפּיצערס היים, געזעצט זיך אין אַ ווינקל שטוב. מען האָט אָנגעצונדן אַ נאַפטלאָמפּ, פון דער וואַרעמקייט זענען מײַנע הענט צוריק געוואָרן גלײַך, מיט די דלאָניעס אַרײַן. שפּיצער האָט פאַר מיר טריומפירנדיק געלייענט זיינעם אַן איינאַקטער. ער האָט טריומפירט מיט זײַן בליק דורך די ברילן, איבער די ברילן און אונטער די ברילן. ער האָט

מײַן מײנונג נישט געפרעגט און איך װאָלט אים אויך גאָר נישט געקענט זאָגן, װײַל איך האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען, איך האָב נאָר געװוּסט, אַז אַזױ װעל איך קײן מאָל אין לעבן נישט קענען שרײַבן. ער האָט מיר דערלאַנגט זײַן רעכטע, פעסטע האַנט מיט אַ מאָדנע פאַרבױגענעם מינדסטן פינגער און מיר האָבן זיך זעלטן זינט דאַן געזען.

אַז מײַנע לידער האָבן זיך שפּעטער געדרוקט אין קלײנינקע פּראָװינץ־בלעטעלעך, האָט שפּיצער מיך אױפגעזוכט און מיר געזאָגט, אַז זײ זענען גאַנץ פֿײַן. 24 ער — און שױן אַ דאָקטאָר, און זיבעצן איך... שפּיצער האָט זיך שפּעטער סיסטעמאַטיש געװידמעט דעם טעאַטער, און ער װאָלט דאָ זיכער פיל אױפגעטון אַלס קריטיקער און רעזשיסאָר, אָבער דאָס לעבן האָט געצװוּנגען צו זשורנאַליסטישער אַרבעט. אַ צײַט לאַנג האָט ער רעדאַגירט דעם לעמבערגער „טאָגבלאַט”. נאָך אין 1917 איז אין מײַנע הענט אַרײַנגעפאַלן אַ נומער פון „טאָגבלאַט” אויף גרינעם פּאַפּיר מיט שװאַרצע רעמלעך און מיט זײַן נאָמען. נאָך אײן מאָל האָב איך זײַן נאָמען געזען אויף דעם לעמבערגער בית־עולם, װוּ די דאָרטיקע קהילה האָט אים אַװעקגעלײגט אויף אײנעם פון די בכבודיקסטע ערטער.

משה שמואל שקלאַרסקי

געבוירן 1888 אין ראַטניצע בײַ קאָװנע. אין אַמעריקע זינט 1907. געשטאָרבן דעם 13טן יולי 1961 אין ניו־יאָרק.

ער איז געװען דאָס װאָס מען רופט אַן „עקסהיביציאָניסט״ — משה שמואל שקלאַרסקי. ער האָט ליב געהאַט, אַז מען זאָל אים באַמערקן, אפשר דערפֿאַר װײַל ער איז אין תּוך געװען אַ שעמעװדיקער און אַן עניו... אַזעלכע דערשײַנונגען זענען נישט קײן זעלטנקייט. גאָט און די נאַטור זענען אויך געװען גנעדיק צו אים אין דעם זינען פֿון באַמערקװערדיקייט: ער איז געװען אַן אָנזעעװדיקער מאַן, מיט לײַכטנדיקע, גרויסע, שװאַרצע אויגן. אין די יונגע יאָרן מיט אַ פּעך־שװאַרצער צעפּלויגענער טשופּרינע, װי אַ ברוגזער לייב, אַ ברונעט. און אין די עלטערע יאָרן — און ער איז שפּעט גרוי געװאָרן — מיט אַ שניי־װײַסער טשופּרינע פֿון אַ ברוגזן לייב אַ טיפֿן זקן. שקלאַרסקי האָט ליב געהאַט צו באַמערקן אַ באַקאַנטן פֿון װי װײַט און צו באַגריסן זיך הויך אויף אַ קול פֿון דער דיסטאַנץ. ער האָט אַלע מאָל יעדן באַקאַנטן געהאַט עפּעס צו זאָגן.

פֿאַר װאָס משה שמואל שקלאַרסקי האָט אַליין נישט געשריבן קײן אַרטיקלען און נישט קײן ביכער און נאָר זיך בעיקר פֿאַרנומען צו לייענען אַרטיקלען װאָס אַנדערע האָבן געשריבן און צו פֿאַרשפּרייטן און אַרויסגעבן ביכער פֿון אַנדערע מחברים — װעט שוין בלײַבן זײַן סוד. משה שמואל שקלאַרסקי איז אויפֿן אַמעריקאַנישן קאָנטינענט געװען דאָס, װאָס זעליק מלמד ז״ל איז געװען אויפֿן אייראָפּעישן קאָנטינענט צענדליקער יאָרן לאַנג, ביז ער איז געקומען קײן אַמעריקע און די ראָלע אויפֿגעגעבן — מסתּמא װײַל צװיי מלמדס, אָדער צװיי שקלאַרסקיס אין איין שטאָט קענען נישט געמאָלט זײַן. אויך ז. מלמד, װי שקלאַרסקי, האָט געקענט יעדן ייִדישן ביכער־לייענער — און אַ פּשיטא שוין ביכער־קויפֿער — פּערזענלעך. אין די מיליאָנען ציילן זיי נישט, אָבער אַ צען טויזנט זענען זיי — און דאָס איז נישט קײן גרינגע זאַך.

שקלאַרסקי האָט ליב געהאַט ייִדיש אויף אַ מוראדיק אַגרעסיװן אופֿן. בײַ אים איז רעכט געװען צו רעדן צו אַלע מענטשן אויף דער גאַס און אין טראַמװײַ און אין קראָמען — נאָר ייִדיש. „זיי זענען נישט קראַנק זיך אויס־לערנען ייִדיש״. אַ מאָל האָב איך אין אַ קאַפֿע אין מאָנטרעאָל אָבסערװירט װי שקלאַרסקי רעדט זיך צונויף מיט אַ פֿראַנצייזישן קעלנער אויף ייִדיש, מיט עקשנות און דװקאדיקייט, װאָס נאָר ער האָט פֿאַרמאָגט. ער האָט זיך בשום־אופֿן נישט געלאָזט אַרויסהעלפֿן דורך זײַטיקע פּערזאָנען. און ער האָט אויס־

געפירט. אַ מאָל האָט מיר שקלאַרסקי געדאַרפט געבן אַ טשעק. אַז איך האָב באַמערקט, אַז דער טשעק אויף אַ ניו־יאָרקער באַנק איז אונטערגעשריבן אויף ייִדיש און דערצו נאָך פאַרצוקט, ווי שלום־עליכמס באַרימטע אונטער־שריפט — האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז אַ טעות און געבעטן אַן אַנדערן טשעק. שקלאַרסקי האָט זיך אָנגעבייזערט אויף מיר און זיך געוווּנדערט פאַר וואָס איך וווּנדער מיך: — ווי קען גאָר אַ ייִדישער שרײַבער מיינען, אַז מען קען אַ טשעק אונטערשרײַבן אַנדערש ווי מיט ייִדישע אותיות... דער טשעק איז געווען גוט. אַזוי און נישט אַנדערש האָט ער געהאַט פאַררעגיס־טרירט זײַן אונטערשריפט אין באַנק. סיבה: ער איז אַן אַנאַלפאַבעט... די באַנק האָט זיך געמוזט אונטערגעבן.

אין די הונדערטער ציילן די בעסטע ייִדישע ביכער — און נאָר מיט די בעסטע האָט ער זיך פאַרנומען — וואָס שקלאַרסקי האָט געהאָלפן פאַרשפּרייטן, און אין די צענדליקער — די ביכער, וואָס ער האָט אַליין אַרויסגעגעבן. צווישן אַנדערע די גרויסע ליטעראַטור־געשיכטע פון צינבערג און אויך בי־כער פון שלום אַש. זײַן גרעסטער נחת און סאַטיספאַקציע איז געווען צו האָבן אַ מאָנאָפּאָל אויף געוויסע ביכער, דעמאָלט האָט ער געהויבן זייער פרײַז, נישט צוליב קאַרגשאַפט, אָדער געשעפטס־זין, און נאָר צו באַווײַזן באַשײַמפערלעך דעם גרויסן ווערט פון ייִדישע ביכער... גאָר באַזונדערס איז זײַן סאַטיספאַקציע געווען צו פאָרן קיין ארץ־ישראל און דווקא דאָרטן פאַר־שפּרייטן ייִדישע ביכער. אַ גאַנצן מנין אַזעלכע ים־רײַזעס האָט ער געמאַכט און — ווי דער דאָן־קיכאָט מיט ווינטמילן, האָט ער געקעמפט פאַר דעם טריומפאַלן אַרײַנמאַרש פון ביכער אין מאַמע־לשון אין ייִדישן לאַנד.

אין אונדזער ליטעראַטור, וואָס פאַרנאַכלעסיקט שטאַרק די אינפאָר־מירנדיקע און אומפּאַרטייִשע ליטעראַטור־כראָניק, האָט זיך שקלאַרסקי געפונען אַ ווינקל אין אַ זשורנאַל „קולטור און דערציִונג" און דאָרט מיט ליבשאַפט געפירט אַזאַ רובריק, און זי איז געווען די בעסטע פון דעם מין. אָבער זײַן נאָמען האָט ער פאַרשוויגן. האָט דער שרײַבער פון די שורות — וואָס האָלט שטאַרק פון דעם מין אינפאָרמאַציע — געשריבן אין דער רע־דאַקציע און געבעטן אַנטפּלעקן דעם מחבר פון דער כראָניק. און פון דעמאָלט אָן איז אַרויס דער סוד. שקלאַרסקי האָט מיר בײַ יעדער באַגעגעניש הויך, ווי זײַן שטייגער, געדאַנקט פאַר דער חברישער טובה. ער האָט אויך יאָרן לאַנג ביבליאָגראַפירט די ייִדישע ביכער־פּראָדוקציע אין אַמעריקע. — — מיט טיפן צער און ליבשאַפט פלעגט שקלאַרסקי פאַרצייכענען יעדע אַבידה פון דער ייִדישער ליטעראַטור — ווער וועט איצט זײַן אייגענע אַבידה מיט צער און ביטערער טרער פאַרצייכענען? ווער?

1961

יצחק שרײַער

געבוירן 20סטן אָקטאָבער 1890 אין וויזשניץ, בוקאָווינע. 1909 אין ווין. 1914 — בערלין. מיטגעמאַכט מלחמה ווי אַ סאָלדאַט. נאָך דער מלחמה צוריק אין ווין — ביז 1939, זינט דעמאָלט אין ענגלאַנד. 29סטן אָקטאָבער 1942 אָנגעקומען קיין אַמעריקע. געשטאָרבן 15טן יאַנואַר 1948 אין ניו־יאָרק.

נאָך די נאָענטסטע פרײַנד ווייסן וועגן אים, נאָר די נאָענטסטע פרײַנד האָבן באַטרויערט זײַן אַוועקגאַנג, ווײַל קיין ווײַטערע פרײַנד האָט ער נישט געהאַט, לייענערס אַוודאי נישט, ער האָט דאָך נאָר געשריבן, געדרוקט האָט ער כמעט נישט, און וואָלט ער עס יאָ געטון, וואָלט מען אין ייִדיש־ייִדישע קרײַזן אויך וועגן אים נישט געוווּסט, ווײַל ער האָט געשריבן אין דײַטש. זײַן לעבן לאַנג האָט ער זיך געחבֿרט מיט ייִדישע שרײַבערס, און אפשר זיך געטוליעט נאָר צו זיי, ווײַל אים איז כּסדר געווען אײנזאַם. זײַן נאָמען איז יצחק שרײַער, אָבער זײַן מהות איז געווען שטילקייט און כמעט שווײַגן, טאָמער האָט ער עפּעס אין דײַטש געדרוקט, האָט ער עס אונטערגעשריבן „איזאַאַק", כּדי עס זאָל קיין טעות נישט זײַן, אַז ער איז אַ ייִד. אין דער צײַט פון שווערסטן היטלערישן בליצקריג אין ענגלאַנד, אין 1941, איז שרײַער געווען דאָרט און דאָרט געשריבן אין דײַטש. ער האָט מיר אַ מאָל אַזאַ ליד צוגעשיקט און איך וועל עס דאָ איבערזעצן. עס הייסט: „אַ קאַפּיטל תּהילים פון אַ פּשוטן מענטש":

איך דאַנק דיר מײַן גאָט,
וואָס איך זיץ נישט אין סנהדרין פון די דערהויבענע
און אַז איך פאַרמאָג נישט
כּבֿוד און מאַכט און גלאַנץ
און אַלע די מכשולים פון דער וואַקלדיקער וועלט.

שוואַך איז דער מענטש און קיין כּוח האָט ער נישט
צו טראָגן די לאַסט פון זײַן אויסדערוויילטקייט,
און ווײַל דו האָסט אים ווילנס־בחירה געגעבן —
טוט ער קעגן דײַן ווילן צו מאָל.

ווײ איז מיר, איך האָב די מדריכים געזען, ווי זיי פירן זיך,
און די מענער פון אויפטו אין זייער טאָן,
און די מענער פון מעשה בשעת־מעשה.

און די פירערס האָבן פאַרפירט,
און די טוערס האָבן פאַרטון,
און די אויפטוערס האָבן נישט אויפגעטון גאָרנישט.

זייער אָפּט טרערט אַ טרער פון מײַן אויג,
דײַן טרער איז עס — גאָט,
נאָר עס וויינט זי מײַן אויג,
ווײַל דײַנער דער צער, וואָס פרעסט מײַן האַרץ.

גאָט, מײַן גאָט, אויב טרערן זענען מײַן חלק נאָר אויף אָט
דער וועלט,
איז טו זשע, גאָט, אַז איך זאָל באַלד אין פריידן וויינען,
אַז די מדריכים לאָזן זיך פירן פון דיר,
און די אויפטוערס טוען דײַן רצון טון,
און די בעלי־מעשׂה טוען אמת.
אָמן.

איך האָב דאָס ערשטע מאָל געטראָפן שרײַערן אין 1913 — אין ווין. עס איז געווען פונקט אין בלוטיקן שקיעת־החמה פון יענעם אייראָפּעיִשן הײַנט, וואָס האָט זיך געקליבן צו ווערן „די וועלט פון נעכטן", וואָס סטעפאַן צווײַג האָט אַזוי הערלעך באַטרויערט איידער זעלבסטמאָרד. ער איז געווען באַפרײַנדט מיט צווײַגן און אײַנגעטונקען און באַשטראַלט פון אַלע זײַטן פון ליכט פון דער דעמאָלטיקער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור און דער עיקר פון דער דײַטשער דיכטונג מיט רילקע און דעהמעל בראָש. פאַר אים איז שוין דעמאָלט געווען משיח־צײַטן, און אין משיח־צײַטן מעג אַ בוקאָווינער ישיבה־בחור שרײַבן דײַטש. וואָס איז דער חילוק. שעהען און שעהען פלעגט ער מיט מיר זיצן אויף די בענק פון דער עליזאַבעט־פּראָמענאַדע אין ווין בײַ דער דאָנאַו און שטראַלן מיט זײַן וויסן וועגן דיכטונג בכלל און דײַטשער דיכטונג בפרט. אין יענע שטראַלן האָבן געברײַטעט לידער און אידעען פון מײַנע קומענדיקע לידער־זאַמלונגען: „רואינענגראַז" און „ספּינאָזאַ", און טיילווײַז: „נאַקעטע לידער".

אַ בלאָנדער איז ער געווען, אַ לענגלעך פּנים, זייער רעגולער, גאָרנישט ייִדיש, סײַדן דער ייִדישער בליק אין די בלוי־גרויע אויגן. ווען ער האָט געפילט, אַז זײַן ענטוזיאַזם מיט רילקען האָט געטראָפן אין יענעמס נשמה; דעמאָלט פלעגט ער אַ וויש טון מיט דער פויסט די הויכע אייבערשטע ליפּ פון גלאַט־ראַזירטן פּנים, ווי אַ פויער נאָך אַ שאַרפן טרונק. און ער איז געווען איבער גליקלעך. וואָרעם דער עיקר אין דער וועלט איז דאָך פּאָעזיע. ער האָט אַזוי ליב געהאַט ליטעראַטור, אַז ער האָט אַזש מער איבערגעזעצט ווי אַליין

געשריבן, נאָר ער האָט זיך אַזוי געצאַצקעט מיטן לשון — סײַ ווען ער האָט איבערגעזעצט פון דײַטש אויף ייִדיש און סײַ פון ייִדיש און העברעיִש אין דײַטש, אַז די באַשטעלטע איבערזעצונגען זענען אַזוי שפּעט פֿאַרטיק געוואָרן, אַז זיי זענען לרוב שוין נישט דערשינען מער.

די ערלעכקייט אַליין, די פֿרידלעכקייט אַליין — האָט אָבער יצחק שרײַער אין דער ערשטער וועלט־מלחמה אַזוי ערנסט גענומען זײַן מיליטער־דינסט, אַז אין פֿעלד איז ער גאָר געווען אַ גאַנצער העלד, געוואָרן אַ צוגפֿירער און געהאַט זילבערנע מעדאַלן פֿאַר העלדישקייט און אויך אַ שווערע מאַלאַריע.

אָט איז ער שוין אין ניו־יאָרק, זײַן שײנע, האַרציקע פֿרוי אָרדנט אײַן אַ שטילע היים, מאַטעריעל גײט עס אַ ביסל בעסער, נאָך יאָרצענדליקער פון בויט, און יצחק שרײַער, ניין, איזאַאַק שרײַער, נעמט ווידער אויף דעם חלום פון אַרויסגעבן אַ באַנד לידער אין דײַטש, צונויפֿנעמען דאָס צעוואָרפֿענע איבער אַמאָליקע צײַטשריפֿטן פון סטעפּאַן צווײַגס גאָלדענעם בעכטן... מיר בײַטן איבער עטלעכע בריוו, מיר זעען זיך, שיר נישט פֿאַרבײַלויפֿנדיק, אין ניו־יאָרק, ער איז נאָך אַלץ דער זעלבער אינערלעך און אויסערלעך, שטיין געבליבן אײַנגעשפּאַרט. די וועלט איז פֿאַרבײַגעפֿלויגן...

תּלוש

תּלוש — פּסעוודאָנים פון איסר מוסעלעוויטש. געבוירן אין דווינסק 1887. יאָרן אין וואַנדער און וואָגל איבער אייראָפּע און אויף ארץ־ישראל. זינט 1919 אין אַמעריקע. געשטאָרבן 6טן יולי 1962 אין פלאָרידע.

אָן אים, אָן תּלושן, וואָלט די ייִדישע ליטעראַטור נישט גאַנץ געווען. עס וואָלט איר געפעלט אַ פּרינציפּיעלער נע ונדניק. אויסגעהאַלטן אין גוף און אין נשמה. וווּ גענעכטיקט — נישט געטאָגט. און פאָרט, אַז איר לייענט זײַן ביאָגראַפיע קומט גאָר אויס, אַז צוויי דריטל נישט צו קורץ לעבן איז ער געווען אַ תּושב. אמת, נישט אויף איין אָרט, אָבער פאָרט אַ תּושב. און נאָך מער ווי ער איז פאַקטיש געווען אַ תּושב, האָט ער בדחילו ורחימו געבענקט צו זײַן אַ תּושב. ער איז אַפילו כּל ימיו געווען אַ ציוניסט און ער שטרײַכט עס כּסדר אונטער אין זײַנע כּתבים. ער האָט דאָך אויך יאָרן לאַנג — אין די פּיאָנערישע יאָרן, די שומרישע, די חלוצישע, די ראָמאַנטישע — געהאַקט שטיינער אין הייליקן לאַנד ביז די מאַלאַריע האָט אים פון דאָרט פאַרטריבן.

אַ מיטל־הויכער, אַ מאָל אַ טונקל־בלאָנדער, מיט אַ קאָפּ האָר, וואָס די יאָרן האָבן דערויף נישט קיין שליטה. אַ רעגולער קײַלעכדיק פּנים, וואָס קוקט איינעם גלײַך אין די אויגן אַרײַן — ווי די פולע לבנה אויף דעם כּדור־הארץ, אַ פעסט־געבויטער, וואָס האָט ליב אַ צי צו טאָן די מוסקולן פון דער רעכטער האַנט און בעטן דעם מיטשמועסער אַ דריק צו טאָן און דערבײַ אַ זאָג צו טאָן: אַמאָליקע כּוחות... אַזאַ פּנים און אַזאַ מאַן קען זײַן אַ ייִד און אַ גוי. מיט אַזאַ פּנים האָט מען ליב אַוואַנטורעס, אָבער מיט אַ גרענעץ, ייִדיש־גזלניש, עס זאָל זײַן וואָס צו דערציילן און וועגן וואָס צו שרײַבן. תּלוש האָט מיר אַ מאָל דערציילט, ווי אַזוי ער — מיטן אמתן נאָמען איסר מוסעלעוויטש — איז געוואָרן אין דער ליטעראַטור „תּלוש”: עס איז געווען אין דער שווייץ, געחברט זיך דאָרט מיט זלמן שניאורן, געשריבן סקיצעס פון אייגענע וואַנדערונגען — שטאַרק־שטאַרק אונטער דער השפּעה פון דער יענערצײַטיקער רוסישער ליטעראַטור מיט מאַקסים גאָרקי בראש. שטעלט אים אַ מאָל שניאור פאָר פאַר עמעצן אויף לשון־קודש. זאָגט ער וועגן אים: „זה תּלוש שלנו” — כּלומר אונדזער היימישער נע ונדניק, בראָדיאַגע. געפעלט דער ענין מוסעלעוויטשן און ער שרײַבט אונטער די נאָענטסטע געדרוקטע געשיכטע זײַנע „תּלוש” און בלײַבט שוין דערבײַ.

ער האָט געשריבן פּראָזע, געשריבן פּשוטדיק, כאָטש נישט פאָלקסטימלעך און נײַערט אינטעליגענטיש. געשריבן מענטש־צו־מענטש, חבר־צו־

חבר, נאָר אָפּט אין דער ערשטער פּערזאָן. דערציילט — אַזוי דאַכט זיך בײַם לייענען — די סאַמע אומוויכטיקסטע פּרטים. אָבער אַז דו האָסט איבער־געלייענט און סומירט און געמאַכט סך־הכּל, האָסטו געזען, אַז עס איז דיר גאָר גוט באַשריבן געוואָרן אַ סביבה, געשילדערט געוואָרן יחידים־כאַראַק־טערן, דערציילט נאַראַטאָריש אַ מעשׂה און אַפילו אַרויסגעזאָגט גאַנץ קרי־טיש געזעלשאַפטלעכע אידעען.

פּאַר אַ דוגמאָ צו דער דאָזיקער טעזע אונדזערער וועגן תּלושן וואָלט איך געראַטן איבערצולייענען זײַן געשיכטע „פּרעזידענט און סעקרעטאַר" אין באַנד „ייִדישע שרײַבער, דערינערונגען און פֿאַרצייכענונגען". דאָרט דערציילט זיך עס וועגן דעם קוריאָז פון קוריאָזן, ווי אַזוי דער „בראָדיאַגע" איז אַכט יאָר לאַנג געווען דער סעקרעטאַר פון פּרץ־שרײַבער־פֿאַראיין אין ניו־יאָרק אונטער דער פּרעזידענטשאַפט פון דעם אָפּגעהיטענעם אייראָפּעער, אַן אַנטיפּאָד פון אַלע תּלושן פון גאָטס וועלט, דער באַרימטער עסייִסט ד״ר אַברהם קאָראַלניק. עס איז אַ מעשׂה, וואָס געדענקט זיך, דאָ זענען אַזוי כּלאחר־יד געשילדערט כאַראַקטערן, געמאָלן אַ סביבה און דאָ איז פֿאַראַנען וויפּולע קריטיק פון דער ייִדישער פּען־משפּחה, וואָס תּלוש האָט זי ליב געהאַט אַהבת־נפש. זי איז דאָך געווען זײַן משפּחה. ער האָט אַפילו געהאַט אַ משפּחה־לעבן אויך, אַ טאָכטער, וואָס ער פלעגט טאָג און נאַכט וועגן איר דערציילן מיט ליבשאַפט, אָבער ער איז פאָרט געווען אַן אייביקער וווינער בײַ יענעם, צו מאָל אַפילו בלויז אויף אַ בעט און נישט אין אַ גאַנצער שטוב.

אָט ווי אַ „גיבור" ער איז געווען, און ווי ער האָט ליב געהאַט צו זײַן אַ „העלד" אין זײַנע געשיכטעס, האָט ער כּסדר געקרענקט. צו די צרות איז ער געווען אַן ערשטקלאַסיקער „היי־פיבער"־פּאַציענט, אַן אַסטמאַטיקער. צוליב דעם טאַקע האָט ער לרוב געוווינט אין פלאָרידע. וועגן די אַזוי גערופענע „היי־פיבערניקעס" האָט ער אָנגעשריבן אַפילו אַ גאַנצן ראָמאַן, אפשר דעם איינציקן אַזעלכן אין דער וועלט־ליטעראַטור... תּלוש פלעגט זייער פאַר־כאַפּנדיק דערציילן מעשׂיות־איבערלעבונגען בײַ אַ גלעזל קאַווע, און נאָך ליבער בײַ אַ כּוס ווײַן. דערציילט ער מיר אַ מאָל ווי אַזוי אַ פּאַציענט, זײַנער אַ בעט־שכן, אַ האַרץ־קראַנקער, האָט פּלוצלינג דערפילט, אַז די לעצטע רגעס קומען, האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון בעט און גענומען לויפן צו דער טיר, אַנטלויפן פאַרן מלאך־המוות. אָבער בײַ דער טיר איז ער אומגעפאַלן, דער טויזנט־אויגיקער האָט אים געכאַפּט... אָבער „איך, — זאָגט תּלוש — לויף נישט, איך פאַרטרײַב אים בלויז"... דאָך ווי לאַנג קען מען טרײַבן אַזאַ מלאך? האָט ער צו די 75 אַ ווונק געטאָן צום נע ונדניק: קום, תּלוש! און ער איז אַוועק מיט אים.

פון זעלבן מחבר:

אויף דער שוועל... /יוגנט־פּאָעזיע/ — — — — — — — — — — — — לעמבערג 1912
רויזנגראָז /לידער/ — — — — — — — — — — — — — — — — — ווין 1917
שפּינאָזאַ /פּאָעזיע/ — — — — — — — — — — — — — — — — — ווין 1919
צווייטע, פאַרענדערטע אויסגאַבע — — — — — — — — — ווין 1921
נאַקעטע לידער — — — — — — — — — — — — — — — — — — — ווין 1921
דער קרן פון אַלע מײַנע לידער /אויטאָ־אַנטאָלאָגיע/ — — — — — — — וואַרשע 1922
פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטן /פּאָעמעס און באַלאַדן/ — — — — — — — וואַרשע 1924
צו דער יידישער יוגנט /עסיי/ — — — — — — — — — — — — — — וואַרשע 1924
בלוט אויף דער פּאַן /סאָציאַלע דראַמע/ — — — — — — — — — — ווילנע 1929
די פיר זײַטן פון מײַן וועלט /פיר גרזאַנגען/ — — — — — — — — — ווילנע 1929
ווײַב און מאַן /דרײַ דראַמעס/ — — — — — — — — — — — — — וואַרשע 1931
קאָנטינענטן און אָקעאַנען /לידער, באַלאַדן, פּאָעמעס/ — — — — — — — וואַרשע 1937
איבער אויסטראַליע /רײַזע־באַשרײַבונגען/ — — — — — — — — — וואַרשע 1937
לידער און באַלאַדן פון די לעצטע דרײַ־פיר יאָר — — — — — — — מעקסיקע 1940
מײַן לעקסיקאָן /יידישע בעלעטריסטן אין פּוילן/ — — — — — — — — מאָנטרעאָל 1945
67 לידער — — — — — — — — — — — — — — — — — — — בוענאָס־אײַרעס 1946
מײַן לעקסיקאָן /יידישע פּובליציסטן אין פּוילן/ — — — — — — — — מאָנטרעאָל 1947
איינעמס יידישע מחשבות /עסייען/ — — — — — — — — — — — — בוענאָס־אײַרעס 1949
די קרוינונג פון אַ יונגן יידישן דיכטער אין אַמעריקע /פּאָעמע/ — — ניו־יאָרק 1953
די לידער פון מײַנע לידער /אַ כינוס פון דרײַצן זאַמלונגען/,
אילוסטרירט: יאָסל בערגנער — — — — — — — — מאָנטרעאָל 1954
מ. ראַוויטש־ביבליאָגראַפיע — צונויפגעשטעלט פון יעפים ישורין,
דערגענצט פון וו. אָסטרעגער — — — — — — — — מאָנטרעאָל 1954
מײַן לעקסיקאָן /יידישע און העברעישע שרײַבערס אין ישראל/ — מאָנטרעאָל 1958
דאָס מעשה־בוך פון מײַן לעבן /פון די יאָרן 1893—1908/,
אילוסטרירט: אדרי בערגנער — — — — — בוענאָס־אײַרעס 1962
דאָס מעשה־בוך פון מײַן לעבן /פון די יאָרן 1908—1921/,
אילוסטרירט: אדרי בערגנער — — — — — בוענאָס־אײַרעס 1964
עיקר שכחתי /לידער און פּאָעמעס, 1954—1969/,
צייכענונגען: אדרי און יאָסל בערגנער — — מאָנטרעאָל 1969
דאָס מעשה־בוך פון מײַן לעבן /יאָרן אין וואַרשע, 1921—1934/,
אילוסטרירט מיט האָלצשניטן: אדרי בערגנער — תל־אביב 1975
חמישים שירים /אויסקלויב פון 1909—1954/, בחר ותרגם א"ד שפיר,
אילוסטירט: יאָסל בערגנער — — — — — — — — תל־אביב 1969
ספר המעשיות של חיי, מיידיש משה יונגמאַן, חיתוכי־עץ: אדרי ברגנר,
רישום דיוקן המחבר: יוסל ברגנר — — — — — תל־אביב תשל"ו

פון דעם מחברס מאַמען:

הינדע בערגנער — אין די לאַנגע ווינטערנעכט /משפחה־זכרונות/
אַרויסגעגעבן פון די דרײַ זין:
משה הררי — 1892־1921,
הערץ בערגנער,
מ. ראַוויטש — — — — — — — — — — — מאָנטרעאָל 1946